ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/fellawinnerthegr0000mart_a9i4

מאַרטין אַנדערסען-נעקסע

פעלע דער זיגער

(דער גרויסער קאמף)

ייִדיש: י. ראַפּאָפּאָרט

ספריה עממית בטורונטו * JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO *
ייִדישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא

פאַרלאַג „כּוחות"
וואַרשע
1930

Printed in Poland

MARTIN ANDERSEN - NEXÖ
PELLE ZWYCIĘZCA

Druk. „R E K O R D" Dzika 18

ספריה עממית בטורונטו
יידישע פאלקס ביבליאטעק טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

פעלע דער זיגער

ספריה עממית בטורונטו
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

I.

דער פּייכטער הויף פון הויז, וואָס איז אויסגעבויט אין דער פאָרם פון אַ ברונעם, איז אינגאַנצן באַשאָטן מיט שפּילנדיקע קינדער. זיי האָבן זיך געדראַפּעט אויף די הילצערנע אַרויסשפּרונגען פון הויז, זענען געגאַנגען איבער די בעלקעס, האַלטנדיק אין די הענט אַ שטיקל ברויט מיט חזיר־פעטס און אונטערזינגענדיק עפּעס דערביי, אָדער זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויפן גליטשיקן ברוק און זיך געגליטשט איבער אים, ווי אויף אייז.

די לופט איז געווען אַ שווערע און דורכגעפוילטע, ווי אין אַן אַלטן ברונעם; זי האָט פּרי אַרויפגעצויגן זשאַווער אויף די קינדישע קולכלעך און באַדעקט זייערע פּנימלעך מיט שקראָפּל, אָבער פון טויער, וואָס האָט געבילדעט עפּעס ענלעכס אויף אַ טונעל און איז אַרויסגעקומען אין אַ געסעלע, פלעגט זיך פון צייט צו צייט דערטראָגן אַ וואַרעם ווינטל, אָנגעזאַפּט מיטן דופט פון בליענדיקעביימער פון עק שטאָט.

דאָס לעצטע לידל איז געווען אָפּגעזונגען, דער לעצטער רייטער איז פאַרשוונדן אין שוואַרצן קעסל און הענזעל און גרעטעל זענען בשלום אַריינגעדרונגען אין טשאַסטע־שטיבל; צום גליק האָט די טיר פון דאָזיקן הייזל געהאַט גראַטעס, דורך וועלכע מ׳האָט געקענט דורכשטעקן אַ שטעקעלע, כּדי די מכשפה זאָל זיך אָנשטעכן אין אים, ווען איר זאָל איינפאַלן צו עפענען די טיר. שטעקעלעך האָבן זיך מאַסנווייז געוואַלגערט אין מיסט־קאַסטן זייט באַ זייט מיטן טשאַסטע־שטיבל. וואָס שייך דער מכשפה, טאָ האָבן זי אַלע גוט געקענט. פון צייט צו צייט פלעגט זי אַרויסשפּרינגען פון קעלער און צעטרייבן אַלע קינדער מיט אַ קוילן־צוואַנג; און פונדערהייך, פון דער דירה פון די גבירים אָלסען, פלעגט זיך דערטראָגן אפילו דער גערוך פון טשאַסטעס. אויב אַזוי האָט מען דאָך נישט געקענט אָט דאָס אַלץ האַלטן בלויז פאַר אַ קינדער־מעשהלע!

אַמאָל פלעגט דער האַלב-משוגענער ווינצלעוו אַרויסקריכן פון זיין קאָנורע און צום טויזנטסטן מאָל דערציילן וועגן קעניגס אוצרות; ער האָט זיי אַרויסגעפירט אויף אַ שיף און דערטרונקען, דאָס איז געשען אין יענע צייטן, ווען דער דייטש האָט פאַרכאַפּט אונזער לאַנד. אַ גאַנצע שיף איז אָנגעלאָדן געווען מיטן קעניגס אוצרות און קיינער, אַ חוץ ווינצלעוון, האָט נישט געוווּסט, ווו זיי זענען איינגעזונקען, אגב האָט ווינצלעוו אַליין שוין אויך דאָס נישט געוווּסט. ס'האָט דערין געשטעקט אַזאַ שרעקלעכער סוד, אַז ער האָט לייכט געקענט רירן פון זינען.

דער גאַנצער פּלאַן פון יענער ים-געגנט האָט זיך אויפגעהיטן באַ ווינצלעוון אויף צוויי שורות קנעפּלעך פון זיין וועסט. און אויב מ'זאָל אָט פון דעם קנעפּל אָפּשווימען צום שכנותדיקן, און דערנאָך זיך אַראָפּלאָזן אונטן, וועט מען פונקט צושווימען צום נייטיקן אָרט. די צרה איז בלויז אין דעם, וואָס עטלעכע קנעפּלעך האָבן זיך אָפּגעריסן און דער פּלאַן איז צעשטערט. די קינדער פלעגן אים יעדן טאָג העלפן זוכן די קנעפּלעך. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך אָנגעשטרענגטע און אייליקע אַרבעט — דער קעניג האָט מער נישט געוואָלט וואַרטן!

עס זענען געווען נאָך מער וווּנדערלעכע זאַכן, למשל, דער שפּיל, וועלכן גאַננאַ האָט צוגעטראַכט און האָט געטראָגן דעם נאָמען „שייןקייט“. מ'האָט זיך געדאַרפט אויסציען אויף דעם גליטשיקן ברוק און אַרויפקוקן פון האַלבן חושך צום בלענדנדיקן הימל, וואָס האָט געלויכטן ווייט, ווייט איבערן פינצטערן ברונעם. און דערנאָך ווידער שנעל אַ קוק טון אונטן. די געוויינלעכע טונקלקייט פון הויף פלעגט זיך דאַן פאַרוואַנדלען אין אַ נישט-דורכדרינגלעכן חושך, און אין אים זענען אַרומגעשווומען געלע און בלאָע קרייזן, אַקוראַט אויף דעם אָרט, ווו ס'איז געוויינלעך געשטאַנען דער מיסט-קאַסטן און ס'האָבן זיך געפונען די אָפּטריטן. די פאַרבן האָבן זיך שנעל געמיניעט פאַר די אויגן, — דאָס איז געווען אַ נסיעה אַהין, אין ווייטן לאַנד פון גליק, צו דעם אַלעם, וועגן וואָס עס לאָזט זיך נישט רעדן.

— איך זע און כ'ווייס זייער גוט, וואָס דאָס איז אַזוינס, אָבער זאָגן וועל איך נישט, — פלעגן די קינדער זאָגן און סודותדיק ווינקען מיט די קעפּלעך אין דער הימל-בלויקייט אַריין.

אַמאָל אָבער פלעגט אויך דאָס דערעסן. דערפאַר האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַן אומאויסשעפּלעכן אינטערעס דער קיילעכדיקער אָפּטריטגרוב, ווו גאַנגאַס פאָטער האָט זיך דערטרונקען. תמיד האָט דאָרט, אין

דער טיפעניש, געבוילקעט, און דאָס קליינוואַרג פלעגט אַרומכאַפּן אַן אימה. האַלב־דערוואַקסענע מיידלעך, דינינקע ווי צווייגלעך, פלעגן זיך שטעלן איבער דעם אָפּטריט־גרוב, צעשטעלנדיק די פיס, און פון אונטן פלעגט זיי אַרומכאַפּן אַ קעלט, און דאָס איז געווען זייער שרעקלעך! דער אָפּ־טריט־גרוב האָט געפירט אונטן, אין גיהנום גופא. ווען ס'האָט אַביסל שאַרפער אַריינגעקוקט, האָט מען באַמערקט, אַז גאָר אונטן האָט טריב געפלאָסן אַ שטראָם, שוואַרץ ווי טינט. ס'האָבן זיך אויפגעהויבן פון אים פוילע אויסדאַמפונגען, — דער טייוול אַליין איז געזעסן דאָרט אונטן און פון זיין אָטעם האָט זיך געטראָגן אַ פאַרפוילטער געשטאַנק. אַז מ'גיט דערנאָך אַ קוק אויפן הויף, ווערט זיין האַלב־חושך פאַרוואַנדלט אין אַ בלענדנדיקן טאָג. אַזוי אַרום האָט זיך געווענדט פון אייגענעם ווילן, צי מ'זאָל זען די אַרומיקע וועלט אַלס פינצטערע, אָדער ליכטיקע.

אַרום דעם אָפּטריט־גרוב האָט מען תמיד געקענט זען קינדער אויף אַלע פיר, אַריינקוקנדיק מיט אַ פאַרחלשט האַרץ אונטן, און איבער דעם אָפּטריט האָט אַ גאַנצן זומער געטאַנצט אַ מחנה פליגעלעך. די אויסדאַמפונגען, וואָס האָבן געשטיגן פון דער טיפעניש, האָבן זיי נישט געלאָזט אַראָפּלאָזן זיך. די מחנה האָט זיך דאָ אויפגעהויבן, דאָ פאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט, פונקט ווי די באַלעמס פון אַ קונצנמאַכער.

אַמאָל פלעגט דער אָפּטריט־גרוב אינגאַנצן אַריינציִען אין זיך די פליגן־מחנה, אָבער זי פלעגט זיך פונדעסטוועגן ווידער אויפהייבן אינ־דערהייך, און וויגנדיק זיך פון אַ ווינט־בלאָז, וואָס האָט זיך געטראָגן פון טויער, האָט זי אויסגעזען, ווי אַ טאַנצנדיקער גייסט. די קליינע מיידלעך האָבן געקוקט אויף אים און דערנאָך, אויפהייבנדיק די קליידלעך, גע־מאַכט גראַציעזע פאַ, דאָ האָט עלווירא אויסגעטאַנצט אירע ערשטע פאַ, און איצט — וויפל חשובע בירגער האָט זי מיטגעריסן מיט אירע טענץ... ביזן הקדש! און די טאָכטער פון דער הענדלערקע? יענע איז אַריינ־געפאַלן קיין פעטערבורג און איז איצט כמעט אַ גרויספירשטין.

דער הויף איז געווען נישט גרויס. די ביי־בנינים און די באַל־קאָנען, וואָס זענען געהאָנגען איבער אים פון אַלע זייטן, האָבן אים נאָך מער צוזאַמענגעקוועטשט, און דער קליינער רוים, וואָס איז געבליבן, איז אינגאַנצן באַהאָנגען געווען מיט נאַסע קינדישע וועש און פאַרשי־דענע שמאַטעס. אָנגעפוילטע הילצערנע טרעפּ האָבן זיך מיט זיגזאַגן גע־צויגן איבער די אויסערלעכע ווענט ביזן סאַמע בוידים, דאָ זיך אויס־באַהאַלטנדיק הינטער באַלקאָנען, דאָ ווידער זיך באַווייזנדיק.

פון די באַלקאָנען און גאַלעריעס האָבן געפירט טירן אין צימערן און אין לאַנגע קאָרידאָרן, וועלכע האָבן פאַרייניקט די אינערלעכע טיילן פון הויז. בלויז אויפן שוסטערס זייט איז נישט געווען נישט קיין באַלקאָן, נישט קיין פאָרענטש אויף די טרעפ; די צייט האָט זיי פאַרניכטעט. רעשטלעך פון בעלקעס האָבן נאָך אַרויסגעשטאַרטשעט פון די ווענט, ריכטיק ווי ברעקלעך פון צעפוילטע ציין; פונדערהייך איז אַראָפּגעהאַנגען אַ שטריק, פאַר וועלכן מ׳האָט זיך געקענט אָנהאַלטן. ער איז אינגאַנצן שוואַרץ געוואָרן און האָט פעט געגלאַנצט פון די סך הענט, וואָס האָבן זיך אָנגעהאַלטן אָן אים.

ס׳איז געווען אַ הייסער יוני-טאָג. יענץ קליין שטיקל בלענדנדיק הימל, וועלכעס מ׳האָט געזען פון אונטן, האָט געפלאַקערט ווי אין אַ שרפה. די האַלב-צעפוילטע הילצערנע ביי-בנינים האָבן ווידער אויפגעלעבט און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ וואַלד, וואָס צווישן זיינע צווייגן האָבן זיך געמיניעט עפּעס פאַרשוווּנדן; פלוידערנדיקע ברואים: שאָטנס האָבן זיך דאָ באַוויזן, דאָ — אומאויפהערלעכע שמעוסן און אַ טומל האָבן אָנגעפילט דעם בין-השמשות, פון איין באַלקאָן האָט אַראָפּגעקאַפּעט זייף-וואַסער פון קינדערישער וועש, און אונטן האָבן קינדער זיך געשפּילט אין טייכל, וואָס פליסט אַרויס פון דער אָפּגוס-רינע. די הילצערנע ביי-בנינים האָבן כסדר געקנאַקט, ווי אַלטע צווייגן, וועלכע רייבן זיך איינס אָן צווייטן; בײַ יעדן קרעכץ האָט זיך געשפּירט אַ שאַרפער פויל-גערוך, די האַנט וואָס האָט אָנגערירט עפּעס, האָט געשפּירט אַ גליטשיקייט.

דער בליק האָט אין צוויי טריט פון זיך אָנגעטראָפן אויף אַ ביי-בנין, אָבער ס׳האָט זיך געשפּירט, אַז אונטער אים געפינען זיך וועלטן.

פלעגט מען עפענען די טירן פון די לאַנגע קאָרידאָרן, האָבן זיך פון דער טיפעניש פון „נחת תיבה״ געטראָגן אַלערליי קלאַנגען: קינדערשער געוויין, אייגנאַרטיקע שעפּטשערייען פון משוגעים און „טיפּן״. סאַראַ סך לעבנס-דראַמעס עס זענען דאָ איבערגעלעבט געוואָרן, ווייט פון טאָגליכט!

אויפן שוסטערס זייט האָבן די אָפּגוס-רינעס אַרויסגעשטאַרצט גלייך פון דער וואַנט און אויסגעזען ווי וואַלד-שדים, וואָס קוקן אַרויס פון וואַלד מיט אַ צעעפנט מויל און אַ לאַנגער באָרד, וועלכע ס׳בילדן די ראָזן-רויטלעכע ווערים; שטיקלעך פון דערדאָזיקער באָרד פלעגן אַמאָל אַראָפּפאַלן אויף דער ערד מיט אַ הילכיק גערויש. אין די וואַנט-שפּאַלטן זענען אויסגעוואַקסן גרינע, אַראָפּהענגענדיקע קוסטעס. דאָס אויסגעגאָסענע וואַסער

פלעגט זיך דורכזיפן דורך זיי און אַראָפּרינען טראָפּנווייז, — זיי זענען געווען דעם וואַלדס האָר. אין שאָטן פון זייער פייכטן גרינס זענען געזעסן געמוסטערטע זשאַבעס, ווי קליינע גייסטער פון די טייכלעך, יעדע אין איר גראָז, און געבלישטשעט פון גיפטיקער פייכטקייט. און דאָרט אינ־דערהייך, אויפן דריטן שטאָק, איז געהאָנגען גאַנגאַס קאַנאַריק און באַ־שיידן געזונגען מיט אַן אויפגעהויבן שנאָבעלע צום פייערדיקן הימל־פּאַס.

אויפן הויף איז געווען אַ פּסדרדיקע באַוועגונג; פון אָפּענעם בויך פון „נחס־תיבה״ פלעגן זיך באַווייזן, דאָ ווידער פאַרשווינדן עפּעס מאָדנע ברואים, וואָס האָבן מורא געהאַט פאַרן שיין פון טאָג: ס׳רוב זענען דאָס געווען פרויען אין משונהדיקע קליידער, קרענקלעך בלייכע, מיט עפּעס אַ שוואַרצלעכן ניואַנס. ווי דער אַרומיקער חושך וואָלט זיך איינגעגעסן אין זייער הויט, מיט פאַרוועלקטע פּנימער, אָבער פאַנאַטיש ברענענדיקע אויגן.

אוראַלטע זקנים, וועלכע זענען על פּי רוב געלעגן ערגעץ אין אַ ווינקל און מיט אַ ציטער אָפּגעוואַרט דעם טויט, זענען אַרויסגעקראָכן אויף די גאַלעריעס, גיריק איינגעצויגן אין זיך די זון־ליכט און אַ דריי מאָל געניאָסן.

— דאָס קומט פון דער זון, — האָבן זיי איינער צום צווייטן גע־זאָגט. — אַ־אַפּטשיק!... נאָך דעם פאַרקילט מען זיך נישט אַזוי לייכט אין ווינטער.

II.

אַ יונגער מענטש איז אַרויס פון שוסטער, וועלכער האָט געוווינט אונטערן סאַמע דאַך און געבליבן שטיין אויף דער טרעפּ־פּלאַטפאָרם. מיט אַ פריידיק געלעכטער האָט ער אַריינגעקוקט אין קלאָרן הימל, דערנאָך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז שנעל אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ, נישט באַרירנדיק דעם שטריק. אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ בלאָ פּעקעלע.

— סאַראַ מאָדנער! קוקט אים נאָך אָן, — האָבן געזאָגט די פרויען,

אַרויסקוקנדיק איבער דעם פּאָרענטש. — ער האָט נישט קיין מורא צו קוקן גלייך אין דער זון אַריין! פּונקט ווי ער ווייסט נישט, אַז מ'קען בלינד ווערן. דאָס איז געוויס אַ דאָרפישער. זעט אויס, ער האָט דאָ גענומען אַרבעט; צי וועט ער אָבער לאַנג דאָרט זיצן אינדערהייך און אַרבעטן אויפן דאָזיקן בלוטזויגער? זיינע ראָזע באַקן וועלן געוויס שנעל פאַרוועלקן, אויב ער וועט נישט אַוועק פון דאַנען.

זיי האָבן אים פאַרוואָרגט נאָכגעקוקט.

די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אונטן אויפן הויף, האָבן אויפגעהויבן די קעפּ, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז פּעללע גייט דורך פאַרביי זיי.

— האָסט אונז אפשר היינט געבראַכט גוטע לעדער, פּעללע, — האָבן זיי אויסגעשריגן, צופּנדיק אים באַ די הויזן. און ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע קליינינקע שטיקלעך לאַקירטע לעדער און אימיטאַציע פון רויטן סאַפּיאַן.

— דאָס זענען רעשטלעך פון נייע קעניגלעכע לאַטשן, — האָט ער געזאָגט, פונאַנדערטיילנדיק די לעדער צווישן די קינדער.

דאָס קליינוואַרג האָט זיך פאַרכליניעט פון געלעכטער.

פּעללע האָט געהאַט אַ שלאַנקע עלאַסטישע פיגור; בלאָנדע וואָנסעלעך האָבן אים ערשט אָנגעהויבן אַרויסצוואַקסן. די אויערן, שטאַרק אָפּגעשטאַנען אין זיין קינדהייט, האָבן איצט ווינציקער אַרויסגעשטאַרצט, ווייל קיינער האָט זיי שוין נישט געריסן. אַ גליקלעכע קוטשמע איבערן שטערן האָט געגלאַנצט ווי גאָלד.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די שווערע לופט פון די שמאָלע גאַסן װערט קיינמאָל נישט אָפּגעפרישט. די האַלב-צעפאַלענע הייזער זענען געווען שמוציק. און דאָרט, ווי די זון האָט שוין אַביסל אַריינגעשיינט אין אַ פענצטערל, האָט זי באַלויכטן שמוציקע מאַטראַצן, אַרויסגעלייגטע צום טריקענען. אויפן פּרשת דרכים איז געשטאַנען אַ קעטשל פון גיכער-הילף; אַרום אים האָבן זיך געשטופּט פרויען און קינדער, אָפּוואַרטנדיק, ווען די טרעגערס וועלן אַרויסטראָגן זייער משא. פּעללע איז צוגעשטאַנען צו זיי; ער האָט געוואָלט אָנטיילנעמען אין אַלץ.

יאָ, זיין וועג איז נישט געווען קיין גלייכער און באַשטימטער. די גרויסע שטאָט איז פאַר אים געווען לחלוטין אַ נייע וועלט, נישט קיין ענלעכע אויף דעם, וואָס ער האָט פריער געזען. טאָג-טעגלעך פלעגן דאָ פאָרקומען אַ סך פאַרשידנאַרטיקסטע געשעענישן און פּעללי האָט געוואָלט אַלץ

באַגרייפן, ביזן סאַמע וואָרצל, און אַלץ אָנטיילנעמען, מיט אַלץ היימיש חע־ין.

אין איינס פון די שמאָלע געסלעך, אַראָפּ צום קאַנאַל, איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ דרייצן־יאָריק מיידעלע און אים געלאָקט צו זיך.

— מיין מוטער איז קראַנק, — האָט זי אים אָנגעוויזן אויף פינצ־טערע שטיגן. — אויב דו האָסט געלט, קום מיט מיר. — ער איז שוין גרייט געווען איר נאָכצוגיין, אָבער ער האָט פּלוצלינג באַמערקט, אַז עפּ־לעכע אַלטע ווייבער פון די שכנותדיקע הייזער האָבן אַריינגעשטעקט די נעזער אין די שויבן און אים נאָכגעקוקט.

— מ׳דאַרף דאָ האַלטן קאָפּ, — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין צום הונדערטסטן מאָל. די צרה איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער פלעגט אַזוי לייכט פאַרגעסן דעמדאָזיקן כלל.

ער איז אַוועק ווייטער, לענגאויס דעם קאַנאַל, די שיפלעך, די שפייכלערס מיט שורות שוואַרצע פענצטערלעך האָבן אויפגעוועקט אין פעללען דערינערונגען וועגן היימישע ערטער. אַמאָל פלעגן שיפערס פון זיין היימלאַנד ברענגען אַהער טעפּ אָדער פיש, און פעללע פלעגט זיך דערוויסן נייס. שרייבן איז ער נישט געווען קיין בעלן, בפרט, אַז ס׳האָט אים נישט געטראָפן קיין שום גרויס גליק, וועגן וועלכן עס זאָל לוינען מודיע צו זיין אינדערהיים.

פעללע האָט נישט געצווייפלט אין דער צוקונפט. די שטאָט איז געווען אַזוי אויסערגעוויינלעך גרויס, אַז אפילו דאָס אוממעגלעכע, האָט זיך געדאַכט, קען דאָ ווערן מעגלעך. טאָ וואָסער ספק האָט דאָ געקענט זיין, אַז אויך פעללע וועט זיך דערשלאָגן צו עפּעס?

אומעטום זענען געלעגן חמרים רייכטימער. און יעדער קבצן האָט זיי געקענט דעראָבערן, אויב ער זאָל זיך נאָר נעמען דערצו ענערגיש; גליק איז אַ גאָלדענע פּאַווע, וועלכע יעדער איינער קען כאַפּן, אויב ער האָט נאָר אַ האָרעלע גליק. אַזוי פיל מעגלעכקייטן זענען דאָ! און פעללע האָט באַ זיך פעסט באַשלאָסן צו כאַפּן די גאָלדענע פּאַווע, כאָטש ווי און ווען האָט ער אַליין נישט געוווסט: דאָס לאָזט ער איבער פאַרן צופאַל.

אין איינס פון די זייטיקע געסלעך, וואָס צווייגן זיך אָפּ פון דער הויפּט־האַנדלס־גאַס, איז עפּעס פאָרגעקומען אַ מהומה. אַ הייפל מענטשן האָט אָנגעפילט די גאַנצע גאַס פאַר אַן אייזן־גיסעריי און היציק זיך איבערגעשריגן מיט פאַרקאָפּטשעטע מעטאַל־אַרבעטער, וועלכע זע־

נען געשטאַנען אויפן הויף פאַרן טויער און אומאַנטשלאָסן געקוקט איינער אויפן צווייטן.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט פעללע געפרעגט.

— עס קומט פאָר, אַז זיי קענען נישט פאַרדינען גענוג אויף עסן, — האָט געענטפערט נישט קיין יונגער דורכגייער, — און דער פאַבריקאַנט וויל נישט העכערן דעם לוין. נו, האָבן זיי זיך געכאַפּט פאַר גאַ־יישע ניימאָדישע מיטלען, וועלכע זענען אַריינגעפירט געוואָרן צו אונז אַ סברה פון אויסלאַנד; דאָרט גיבן זיי זיך אפשר איין. דאָס קומט פאָר אַזוי: די אַרבעטער וואַרפן פלוצלינג די אַרבעט, לויפן אַרויס אָן היטלען אויף דער גאַס, טומלען, דערנאָך קומען זיי צולויפן צוריק, אַקוראַט ווי שילער אויף די פויזעס. זיי זענען שוין עטלעכע מאָל געלאָפן אַהין, און איצט אַרבעט אַ העלפט און דער טויער איז צוגעמאַכט. אַ שאָד צו רעדן, אַ שיין מיטל אויסצופועלן אַ העכערן לוין! ניין, אין מיינע צייטן האָבן מיר געבעטן און זייער העפלעך געבעטן. און מען פלעגט עפּעס אויספועלן, מיר זענען דאָך קליינינקע מענטשעלעך! און סוף־כל־סוף, פונוואַנען זאָל מען טאַקע נעמען. און איצט וועלן זיי נאָך אַלס צולאָג פאַרלירן דעם לוין פאַר אַ גאַנצע וואָך.

די אַרבעטער האָבן נישט געוווסט, וואָס זיי זאָלן טון, זיי זענען געשטאַנען און מעכאַניש אַריינגעקוקט אין די פענצטער פון קאַנטאָר, פונוואַנען ס'פלעגן געוויינלעך קומען אַלע פאַראָרדנונגען. צייטנווייז פלעגט זיך אין אַרבעטער־עולם הערן אַן אומגעדולדיק צאָרן־מורמלעריי; זיי האָבן געדראָט אין די פענצטער מיט די פויסטן און געפאָדערט זייער געלט מיט גראָבע ווערטער.

— ער גיט אונז נישט אָפּ דעם לוין פאַר דער וואָך, וועלכע מיר האָבן שוין אָפּגעאַרבעט. . . טיראַן! — האָבן זיי געשריגן.

— אַ שאָד צו רעדן, ס'איז אַ מחיה: אין שטוב — אַ ווייב, קינדער, דערצו איז מאָרגן זונטיק, און דערדאָזיקער פאַרשאָלטענער היי־פּיש רייסט אַרויס באַ אונז פון מויל דעם לעצטן ביסן. אפשר וויל אונזער זאָרגעוודיקער באַלעבאָס שיקן מיט אונז אַהיים בלויז אַ גרוס, מיט וועלכן די קינדער זאָלן זיך לייגן שלאָפן הונגעריקע.

זיי האָבן געלאַכט, אומצופרידן געשפּיגן אויפן ברוק און מיט אויפגערודערטע פּנימער אַריינגעקוקט אין די פענצטער פון קאַנטאָר.

פאַרשידענע פאָרשלאַגן האָבן זיך כסדר געשאָטן פון אַלע זייטן, האָבן זיך אָבער אויף קיין זאַך נישט געקענט באַשליסן.

— צום טייוול, וואָס טוט מען פאָרט, אַז ס'איז נישטאָ קיינער, ווער

עס זאָל אָנפירן מיט אונז, — האָבן זיי אומצופרידענע געוואָרטשעט און ווידער געגלאָצט אין די קאַנטאָר-פענצטער.

— קלויבט אויס אַ צוויי-דריי פון אייערע חברים און זאָלן זיי איבעררעדן מיטן פאַבריקאַנט, — האָט געזאָגט אַ זייטיקער, וואָס איז געשטאַנען אין דער נאָענט און צוגעזען די גאַנצע סצענע.

— ריכטיק, ריכטיק, — האָט מען אונטערגעכאַפּט אין עולם. — זאָל עריקסען גיין, ער ווייסט ווי צו רעדן מיטן פאַבריקאַנט. — דער זייטיקער האָט אַ צי געטון די באַרקעס און אָפּגעגאַנגען.

אַ גרויסער, שטאַרקער אַרבעטער האָט זיך דערנענטערט צום עולם.

— דיין געוועהר האָסטו באַ זיך, עריקסען? — האָט עמיץ אַ געשריי געטון. עריקסען האָט זיך אומגעדרייט און צונויפגעביילט אַ פויסט.

— היט זיך, — האָט מען אַ געשריי געטון אין עולם, דראָענדיק דעם פענצטער, — זע, מען זאָל דיך נישט צערייבן אויף קאַשע.

מיט איינמאָל איז אָנגעקומען אַ טיפע שטילקייט; די מאַסיווע טיר פון הויז איז געווען פאַרשלאָסן. פעללע האָט זיך צוגעהערט מיט אַ צעעפנט מויל. ער האָט נישט פאַרשטאַנען. וואָס אייגנטלעך ווילן זיי, און זיי אַליין מסתמא האָבן אויך גענוי נישט געוווסט, אָבער עפּעס נייס האָט זיך שוין געלאָזט שפּירן: נייע שטימונגען. אַ נייער טאָן. די דאָזיקע מענטשן האָבן נישט געבעטן, זיי זענען גרייט געווען זיך דערשלאָגן מיט געביילטע פויסטן צו דעם, אויף וואָס זיי האָבן געהאַט רעכט, און האָבן געפאָדערט ניכטערערהייט און נישט אין שכורן צושטאַנד, ווי דאָס פלעגט פאָרקומען באַ אים אינדערהיים מיטן גבר עריק און די אַנדערע.

— אָט, וואָס עס הייסט אַ גרויסע שטאָט, — האָט אין זיך געטראַכט פעללע און זיך געפילט גליקלעך, וואָס ער איז געקומען אַהער.

ס'איז צוגעקומען אַן אָפּטיילונג פּאָליציי.

— צעגיין זיך, — האָבן זיי באַפוילן, שפּאַרנדיק אויפן עולם, כדי אים צו צעטרייבן.

די אַרבעטער האָבן נישט געפאָלגט.

— מיר ווילן נישט אַוועק פונדאַנען, ביז מיר'ן נישט קריגן אונזער וואָכן-לוין, — האָבן זיי געענטפערט, זיך שטופּנדיק ווייטער באַם טויער.

— דאָ איז אונזער אַרבעטס-פּלאַץ און מיר ווילן מ'זאָל אונז באַצאָלן.

דאַן האָט זיך די פּאָליציי געוואָרפן אויף די צוקוקער; באַ יעדער אָנגריף פלעגן זיי אָפּטרעטן אויף אַ טריט, דערנאָך מיט אַ געלעכטער צוריקקערן אויפן זעלבן אָרט. פעללע האָט באַקומען אַ קלאַפּ אין פּלייצע, ער האָט זיך שנעל אומגעדרייט און אויף אַ מאָמענט אָנגעגלאָצט דאָס רויטע פּנים פון פּאָליציאַנט, דערנאָך איז ער אָפּגעטרעטן, רייבנדיק זיך די פּלייצע.

— ער האָט דיר אַ קלאַפּ געטון? — האָט אים געפרעגט עפּעס אַ פרוי.

— טפו, צום טייוול, סאַראַ נאַרישע בהמה! ער איז מיין שכנטעס אַ זון, זי וווינט אָט־אָ־דאָ, און איצט, נאַ דיר, הייבט ער גאָר אַ האַנט אויף די אייגענע, פאַרשאָלטענער שד.

— צעגיין זיך! — האָבן זיך געטראָגן די אויסרופן פון די פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן געשפּאַרט אויפן עולם. די פרוי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פּאָר טרעפּלעך, וואָס פירן צו איר קעלער, און אַזוי גענומען זידלען, אַז דאָס שפּייעכץ האָט איר געשפּריצט פון אָן־ציינערדיקן מויל.

— האָסטו נאָך אַ העזה זיך שטופּן און דראָען, — און וועמען? אַלטע לייט, וועלכע האָבן דיך געטראָגן אויף די הענט, ווען דו ביסט נאָך געווען אָט אַזאַ ברעקעלע. פרידריך, אפשר וועסטו אויך מיך שלאָגן מיטן שטעקן? דו פירסט אויס די באַפעלן פון די רייכע, און מיט אונז רעכנסטו זיך נישט; מיר זענען פאַר דיר צו ווינציק איידל! — זי האָט געציטערט פון כעס און אירע געלבלעכע האָר זענען אַראָפּגעהאַנגען איבער איר צעקנייטשטן שטערן.

דער פּאָליציי־פּאַטרול האָט אָפּמאַרשירט ווייטער; ס'האָט אים באַגלייט אַ מחנה יינגלעך מיט געשרייען און פייפעריי. פון צייט צו צייט האָבן זיך די פּאָליציאַנטן אומגעדרייט; דאַן פלעגט חברה אין איין אויגנבליק זיך צעוואַרפן אין פאַרשידענע זייטן, אָבער באַלד זיך ווידער צונויפנעמען אין אַ הויפן.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך נישט געפונען קיין אָרט; ס'האָט זיי געביסן אין די הענט אָנצולערנען די כוליגאַנעס. און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גייען נישט קיין פּאָליציאַנטן, נאָר פאַרברעכער, וועלכע די יינגלעך באַגלייטן צום געריכט. די דורכגייער האָבן געלאַכט קוקנדיק אויפן דאָזיקן בילד.

פעללע איז זיי נאָכגעגאַנגען אויפן מיטן ברוק. ער האָט זיך גע-

פונען אין אַ מאָדנער שטימונג. ערגעץ־ווו אין דער טיפעניש בּאַ אים האָט עפּעס געזידט; ס'איז געוואַקסן אַ ווילדער פאַרלאַנג זיך וואַרפן אינ־דערהייך, זיך שלאָגן מיטן קאָפּ אין ברוק; דאָס זענען געווען די רעשט־לעך פון זיין אַלטער קראַנקהייט. דערנאָך האָבּן פאַר אים גענומען אויס־שווימען בּילדער פון אומגעהייערער קראַפט. ער האָט זיך בּולט פאָרגע־שטעלט, ווי דער גבר עריקסען וואַרפט זיך אין ווילדן צאָרן אויפן פאַר־וואַלטער, יענער וואַרפט אים אויף דער ערד און עריקסען קייקלט זיך, ווי אַ צעמישטער. אָבער דאַן הייבט זיך מעכטיק אויף זיין דאָרפישער שכן „כּח". פלוצלינג ווערן זיי אַלע פאַרוואַנדלט אין הינט, כּדי צו פאַריאָגן־פאַרגרי־זשען „כּחן", דערנאָך דרייען זיי מיט די ווײדלען פאַר אַלץ, וואָס שמעקט מיט רעגירונגס־מאַכט; פעללען אַליין שמייסט מען אין געריכט, און דער־נאָך ווייזט מען אָן אויף אים מיט די פינגער. אַזוי ווי אויף „כּחן", און מ'זאָגט: „אָט גייט דער טויגעניכטס, דער אָפּפאַל פון מענטשלעכן מין".

יאָ, פעללע האָט דערזען, וואָס דאָס איז אַזוינס גערעכטיקייט און זיך דערוווסט, ווי זוי זי טוט. איצט איז ער געווען פריי פון פריערדיקן צויבער און אַריינגעטרעטן אין אַ נייער וועלט, וו מענטשן ווי ס'באַדאַרף צו זיין האָבן נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער פּאָליציי, איבּערלאָזנדיק דאָס פאַר אַלטע ווייבער און גאַסן־יונגען. אין דעם איז געלעגן אַ גרויסע בּאַפרידיקונג און אין דערדאָזיקער וועלט האָט פעללע געוואָלט אַריינקוי־מען. ס'איז געווען שבת פאַרנאַכט, אַ טייל געזעלן און נייטאָרינס האָבּן זיך געפונען אין סקלאַד, כּדי אָפּצוגעבן די אַרבּעט. דער אָנגעשטעלטער איז אַרומגעגאַנגען און זי באַטראַכט, געדריקט זי און געקנייטשט אַזוי, אַז די שיך האָבן פאַרלוירן דעם פאַסאָן און ער האָט געמאַכט דעם גרעסטן סקאַנדאַל, טענהנדיק, אַז די סחורה טויג אויפן פייער.

אַמאָל פלעגט ער אפילו אַרונטעררייסן פון לוין, פאַרזיכערנדיק, אַז דאָס מאַטעריאַל איז קאַליע געוואָרן. באַזונדערס עקלהאַפט האָט ער זיך באַצויגן צו פרויען; זיי האָבּן קיין פּיפּס נישט געטאָרט טון, מ'האָט גע־שמועסט, אַז באַזונדערס טשעפּעט ער זיך צו די, וועלכע באַפרידיקן נישט זיינע פאַרלאַנגען.

אויך פעללע איז דאָרט געווען; ער האָט אינגאַנצן געזאָטן פון אויפגעבראַכטקייט.

„אויב ער וועט זיך טשעפּען צו מיר, וועלן מיר זיך שוין אויס־טענהן; האָט ער אַ טראַכט געטון. אָבער בּאַ אים האָט ער צוגענומען די

אַרבעט, אפילו נישט אַ קוק טויטנדיק אויף איר. ער איז דאָך געקומען פון שוסטער פון „נחס תיבה“.

בעת ער האָט באַקומען אויסגעצאָלט דאָס געלט, איז פון די אינער־לעכע צימערן אַרויסגעקומען אַ פעטער מאַנספּע־שוין: דאָס איז געווען דער שוסטער מייער אַליין. אַמאָל האָט ער אַלס אָפּגעריסן יינגל גע־וואַנדערט איבער דער וועלט, געלאַטעט שיך, און פון דייטשלאַנד האָט ער פארבלאָנדזשעט אַהער. די מלאכה האָט ער קנאַפּ־וואָס געקענט, ער האָט אָבער געוווסט די קונסט פון צווינגען אַנדערע צו אַרבעטן אויף אים. די אַרבעטער האָבן זיך העפלעך פאַרנייגט, אָבער מייער האָט זיי נישט אָפּגעענטפערט, ער איז געבליבן שטיין פאַר פעללען. און אָנ־שפּאַרנדיק דעם בויך אין טובאַנק, שווער גענומען סאַפּען מיט דער נאָז און אַ קוק געטון אויף אים.

— אַ פרישער ? — האָט ער לסוף אַרויסגעזאָגט.

— דאָס איז דער געהילף פון בעל כּוסה, — האָט דער אָנגעשטעל־טער געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— יאָ, דער בעל־כּוסה פאַרשטייט אַן עסק. איר מאַכט דאָס שטיקל אַרבעט און ער באַקומט די פאָר גראָשן אוז מאַכט אַ כּוסה ? וואָס, ניין ?

אין דער הויף־שוסטער האָט זיך הילכיק צעלאַכט.

פעללע איז רויט געוואָרן.

— כ׳וואָלט טאַקע וואָס גיכער וועלן קריגן זעלבסטשטענדיקע אַר־בעט — האָט ער געזאָגט.

— הם ! רעדט זיך דורך מיט מיין מענטש, אָבער קיין שום פאַריי־נען ! נעמט עס אַריין אין זינען. אַזעלכע מענטשן טויגן נישט פאַר אונז.

פעללע האָט פארביסן די ליפּן און שוייגנדיק פאַרשטעקט דאָס געלט אין קעשענע.

פעללע האָט זיך מיט שנעלע טריט אַוועקגעלאָזט שטאָט־אַראָפּ. ווו ס׳האָט געוווינט דער פאָרזיצער פון פראָפּ. שוסטער־פאַריין. אין אַ האַלבּ־טונקעלן קעלער האָט געוווינט אַ שוסטער, אַ לאַטוטניק. ווייזט אויס, אַז דאָס איז געווען דער, וועמען ער האָט געזוכט. פעללע האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט איבער טרעפּ. ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז דער פאָר־זיצער פון פראָפּ. פאַריין זאָל וווינען אין אַזאַ שלעכטער דירה.

לעבן פענצטער, אַריבערגעבויגן איבערן טיש, איז געזעסן אַ מענטש

מיט איינגעפאַלענע באַקן און צוגענייט אַ זויל צו אַן אויסגעטרעטענעם שוך. די פיס פון די דורכגייער זענען אים פונקט אויסגעקומען איבערן קאָפּ. אין דער טיפעניש פון צימער האָט זיך אַ פרוי געפּאָרעט באַם אייוועלע. אויף די הענט האָט זי געהאַלטן אַ קינד. צוויי קינדער אַביסעלע עלטערע האָבן זיך געוואַלגערט אויפן דיל און געשפּילט זיך מיט שיך-פורעמס. אין צימער איז געשטאַנען אַ היץ און אַ געשטאַנק.

— שלום עליכם, חבר, — האָט פּעללע געזאָגט. — קען איך אַריינטרעטן אַלס מיטגליד אין פּראָפ. פאַריין?

דער שוסטער האָט פאַרווונדערט אַ קוק געטון אויף אים. ענלעכס אויף אַ שמייכל האָט דורכגעשווימט איבער זיין אָנגעכמורעט פּנים.

— צי קענסטו זיך אָבער דאָס דערלויבן? — האָט ער פּאַמעלעך געפרעגט. — דו קענסט טייער באַצאָלן פאַרן דאָזיקן פאַרגעניגן. פאַר וועמען אַרבעטסטו, אויב מ'קען פרעגן?

— פאַר מייערן.

—וועסט אַרויספליען אויפן ברוק, ווי נאָר ער וועט זיך דערוויסן וועגן דעם.

— יאָ, איך ווייס דאָס און פונדעסטוועגן וויל איך אַריינטרעטן אין פאַריין. נישט ער דאַרף באַשליסן, וואָס איך קען און וואָס איך קען נישט... מיט דער צייט וועלן מיר מיט אים אונטערפירן אַ סך-הכל.

— יאָ, אויך איך האָב אַזוי געטראַכט. אָבער מיר זענען צו קנאַפּ אין צאָל. די מורא פאַר הונגער טרייבט תיכף אַרויס פון פאַריין אַלע פריש-אַריינגעטרעטענע.

— מ'דאַרף זען, מיר זאָלן וואַקסן אין צאָל, — האָט פּעללע געזאָגט אַנטשלאָסן. — און דאַן וועלן מיר אים אין איין שיינעם טאָג צווינגען פאַרמאַכן דאָס קרעמעלע.

אין פאַרזיצערס אויסגעלאָשענע אויגן האָט אויפגעפלאַקערט אַ פונקט.

— צום טייוול, ווען מיר וואָלטן דאָס קענען פאַרמאַכן זיין קרעמעלע! — האָט פּעטערסען אויסגעשריגן, פאָכענדיק מיט די פויסטן.

ער שטיקט און דריקט די אַלע, וועלכע שמידן פאַר אים גאָלד; צוליב אים זיץ איך דאָ באַם לאַטען שיך, דעם גאַנצן פאַריין האָט ער אַריינגעוואָרפן אין דלות. אַן אמת אָנשיקעניש, חבר!

דאָס בלוט האָט אים אַ שפּאַר געטון צו די אָפּגעצערטע באַקן;

זיין פנים איז רויט געוואָרן; ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שטאַרקער הוסט־אַטאַק.

— פּעטערסען! — האָט מיט שרעק אַ רוף געטון זיין ווייב און אים אָוועקגעלייגט די האַנט אויף דער פּלייצע. — פּעטער סען!

מיט אַ זיפץ האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ, העלפנדיק אים בייצוקומען דעם הוסט־אַנפאַל.

— פּעטערסען גייט תמיד אַרויס פון די כּלים, ווי נאַר מ'הייבט אָן שמועסן וועגן הויף־שוסטער, — האָט זי געזאָגט, ווען דער אָנפאַל איז אַריבער. — ניין, ווען יעדער איינער וואָלט געווען אַזוי קלוג, ווי מייער, און זיך פאַרנומען מיט זיין אַרבעט, — וואָלט קיינער נישט פאַרלוירן דאָס געזונט און אַלע וואָלטן געווען פאַרזאָרגט.

— שווייג. — האָט לאַקאָניש געזאָגט פּעטערסען. — פאַרנעם זיך מיט דיין ווייבערישער באַלעבאַטישקייט. דו פאַרשטייסט זיך נישט אויף אַזעלכע זאַכן.

די פרוי איז ווידער אַוועק צו איר אייוועלע. ער האָט אויסגעפּילט אַ בלאַנק. פּעללע האָט זיך אונטערגעשריבן און באַצאָלט דעם מיטגליד־אָפּצאָל פאַר אַ וואָך.

— און איצט דאַרפסטו זע׳, וואָס שנעלער פּטור צו ווערן פון דאָזיקן בלוט־זויגער, — האָט פּעטערסען ערנסט געזאָגט. — אַן ערלעכער אַרבעטער דאַרף מיט אים קיין מגע ומשא נישט האָבן.

— כ'האָב זיך אַנדערש נישט געקענט איינאָרדנען, — האָט פּעללע געענטפערט, — איינדערהיים האָב איך זיך קיין שום זאַך נישט אויסגעלערנט, ווי ס'געהער צו זיין. אָבער איצט וועט שוין זיין אַנדערש.

— זייער גוט, חבר. אויב אַזוי, איז אָפּגעמאַכט! לאָמיר זיך נעמען מיט פרישע כּוחות. ווער ווייסט, אפשר וועט אונז אָפּגליקן . . . ווייסט, וואָס כ'וועל דיר זאָגן? האָסט מיר אומגעקערט די גוטע שטימונג. זע, צי צו וואָס מער מענטשן, לאָז נישט אַדורך קיין מיטינגען, מ'מעלדעט וועגן זיי אין „אַרבעטער" — ער האָט מיט היץ געדריקט פּעללעס האַנט.

פּעללע איז אַוועק שפּאַצירן צום צפון־בריק. ער האָט געהאַנדלט אַזוי, ווי ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק. און זיך איצט געפונען אין אַ געהויבענער שטימונג.

די אַרבעטער זענען דאַן געגאַנגען אַהיים גרופּנווייז און איינציקווייז, לאַנגזאַם, איינגעהויקערט, מיט באַשיינפּערלעכער מידקייט אין אַלע גלידער נאָך אַ טאָג פראַצע. דאָ איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע וועלט, אויף

קיין האָר נישט ענלעך צו דער, וועלכע ער האָט געזען אין „נחת תיבה“, גלייכע, נייע הייזער זענען אויסגעבויט געוואָרן זיך רעכענענדיק מיט דער לינייקע און ריכטשנור. די מענער זענען געגאַנגען גלייך מיט געשעפטלעכע מינעס, לויט דעם אויסזען האָט מען געקענט באַשטימען זיין געזעלשאַפטלעכע לאַגע.

אין דאָזיקן ראַיאָן האָבן געהערשט דער סאָציאַליזם און נייע גייסטיקע שטרעמונגען. פעללע פלעגט אָפט קומען נאָכן ענדיקן די אַרבעט, ער האָט שוואַך באַגריפן, וואָס דאָס איז אַזוינס, און ער האָט קיין מוט נישט געהאַט אינגאַנצן זיך טובל צו זיין אין דערדאָזיקער פרעמדער, כאָטש פאַר אים שטאַרק צוציענדיקער אַטמאָספער. היינט אָבער האָט ער פאַרגעסן, אַז ער איז דאָ אַ פרעמדער און זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דער ריטמישער באַוועגונג פון מענטשן-שטראָם, וואָס האָט זיך באַוועגט, איבערן בריק, צו דער צפון-גאַס. איצט איז ער אַליין שוין אויך געווען אַ מיטגליד פון פראָפ. פאַריין, ער איז געווען גלייך מיט די אַנדערע, ער האָט געקענט צוגיין צו יעדן פון זיי און אים דריקן די האַנט. אין גאַנג פון דידאָזיקע מענטשן האָט זיך געשפירט אַן אייגנאַרטיקער אָפקלאַנג פון עפעס אַ קראַפט, פונקט ווי זיי וואָלטן געווען זעלנער. אומווילנדיק איז פעללע אַריינגעפאַלן אין טאַקט פון זייערע טריט און ער האָט זיך דערשפירט שטאַרקער פון זיין צוזאַמענגוס מיטן קאָלעקטיוו. זיין נשמה האָט אַרומגעכאַפט אַ פייערלעכע פרייד, פונקט ווי אין זיין געבורטסטאָג און דערשפירט, אַז ער דאַרף זיך מאַכן אַ יום-טוב. די טראַקטירן זענען געווען אָפן; אַרבעטער זענען אַריין און אַרויס פון דאָרטן אין קליינע גרופּקעלעך, אָבער אים האָט נישט געצויגן דער געדאַנק צו זיצן אין טראַקטיר און אָנגיסן זיך מיט שפירט; אָנשיכורן קען מען זיך פון צרות, אָבער נישט פון פרייד.

פעללע איז געבליבן שטיין פאַר אַ קאָנדיטאָריי-פענצטער, באַטראַכטנדיק די אַרויסגעשטעלטע צוקערגעבעקסן, ס'האָט זיך אים זייער געוואָלט אַריינגיין און אויסגעבן אויף אַ סעודה 25 ער, אָבער דאָס האָט געמוזט געמאַכט ווערן מיט קאָפ, נישט געאײַלט, כדי נישט דורכצופאַלן. אמת, דאָ זענען געווען זייער אַ סך זאַכן, וועלכע ער האָט נאָך קיינמאָל נישט פאַרזוכט, אָבער אין דעם טאַקע האָט געלויערט די סכנה, אַ סך טשאַסטעס זענען אינעווייניק פוסט, און זיין יום-טוב סעודה האָט גלייכצייטיק געדאַרפט דינען אויך אַלס אָוונט-עסן.

ס'איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. אין אַקוראַט דאַן, ווען

פעללע האָט שוין ווי נישט איז אָנגענומען אַן אנטגילטיקן באַשלוס, האָט אים עמעץ אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע. הינטער אים איז געשטאַנען מאַר־טען און אים אָנגעקוקט מיט זיין גוטן שמייכל. פעללע איז צעמישט גע־וואָרן און נישט געקענט אויסרעדן קיין וואָרט. מאַרטען איז אַמאָל געווען זיין בעסטער חבר. דערנאָך איז צווישן זיי דורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ צוליב אַ נישטיקער סיבה. פעללע האָט זיך געפילט שולדיק לגבי מאַרטען און געקוקט אויף אים מיט אַ צעצווייטן געפיל פון פרייד און אומבאַ־קוועמקייט.

„זאָל זיין וואָס עס וויל זיך!“ — האָט פעללע אַ טראַכט געטון און אויסגערופן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל:

— אַט ווו ס'איז אונז באַשערט זיך צונויפצוטרעפן!

מאַרטען האָט געאַרבעט באַ אַ קאָנדיטער און איצט האָט ער געמוזט איילן אַהיים, כדי אויסצושלאָפן זיך פאַר דער נאַכט־אַרבעט.

— קום מיט מיר: מיר וועלן אַ האַלבע שעה פּלוידערן און כ'וועל דיך מכבד זיין מיט גוט צוקערגעבעקס; — מאַרטען איז געווען דער איי־נענער, ווי אין דער אַלטער, גוטער צייט.

זיי זענען אַריין אין טויער און זיך אויפגעהויבן איבער די הינ־טערשטע שטיגן. מאַרטען איז אַריין אין קראָם און אַרויסגעטראָגן פון דאָרט פינף שטיקלעך טאָרט.

— ווי דו זעסט, קען איך נאָך דיין געשמאַק — האָט ער זיך צעלאַכט.

מאַרטענס צימער האָט זיך געפונען אונטערן סאַמע דאַך און איז איינגעאָרדנט געווען ווי אין אַ טורעמל, מיט פענצטער פון ביידע זייטן. מ'האָט פון זיי געזען די אומענדלעכע שורות דעכער, וועלכע האָבן אויס־געזען ווי ספּעקטן אין עפּ״ס אַן אומענדלעכער גערטנעריי. פון אומצאָלי־קע קוימנס איז געגאַנגען אַ בלאָלעכער רויך און זיך צעשפּרייט איבער דער שטאָט. ווייטער צו דרום־צו האָט זיך געזען דער ים־ברעג און אויף מזרח־זייט האָט זיך אויסגעטיילט פון נעפּל אַ שלאָס אויפן שפּיץ פרידע־ריכסבערגען. אויף דער צווייטער זייט, הינטער די קוימענס פון די אויוונס אויף ברענען וואַפנע, האָט געלויכטן דער זונד מיט אַ וואַלד זעגלען.

— גיב נאָר אַ קוק — סאַראַ אויסזיכט, — האָט מאַרטען געזאָגט מיט שטאָלץ.

און פעללע האָט כסדר געקוקט און געקוקט, וואַנדערנדיק פון איין פענצטער צום צווייטן און נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. יאָ, דאָס איז

אַ שטאָט! אַ גרויסע שטאָט! יענע שטאָט, וועגן וועלכער עס טרוימען די קבצנים, פאַרוואָרפענע אין וויסטע ערטער פון פּראָווינץ. דאָס לאַנד פון גליק, וווּ זיי וועלן פאַרגעסן דאָס פריערדיקע קבצנישע לעבן. פּעללע האָט זי געהאַט דורכגעוואַנדערט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַריינגעפאַלן אין התפּעלות פון די פּרעכטיקע פּאַלאַצן, באַוווּנדערט אירע אומצאָליקע רייכטימער, געשטוינט איבער איר גרייס, וואָס האָט איבערגעשטיגן אַלע זיינע דערוואַרטונגען. דאָס, וואָס איז געבויט געוואָרן נעכטן, איז היינט צעשטערט געוואָרן, כּדי פריי מאַכן דעם פּלאַץ פאַר עפּעס נאָך מער הערלעכס. און דאָ מוז זיך געוויס געפינען גליק אויך פאַר אַן אָרימען מענטש: דאָ איז אַלץ דערגרייכבאַר!

און דאָך האָט ער נישט געהאַט קיין ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן דער שטאָט אַלס גאַנצעס. ערשט איצט האָט ער זי דערזען צום ערשטן מאָל, ווי איין גרויסעס גאַנצעס. די שטאָט איז געלעגן אויסגעשפּרייט צו זיינע פיס מיט אירע פּאַלאַצן, קירכעס און פאַבריק־קוימענס, וועלכע האָבן געהערשט איבער אַ מאַסע הייזער. איבער די גאַסן זענען געגאַנגען מענטשן, אַלץ נייע און נייע, מיט אַן אומדערשעפּלעכן, אומענדלעכן שטראָם, ווי דער ים אַליין. אַלע האָבן זיי געהאַט אַ באַשטימטן ציל, אַן אומבאַגרייפלעכע פאַרן זייטיקן צוקוקער, זיי האָבן געהאַוועט ווי מוראַשקעס, יעדער איינער האָט געטראָגן זיין קליינינקע משא און זי צוגעלייגט צום אַלגעמיינעם הויפן, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון אוצרות, אַהערגעבראַכטע פון אַלע וועלט־קאַנטן.

— וויפל מיליאָנען זענען דאָ דאָ! — האָט פּעללע ענדלעך געזאָגט און טיף אָפּגעזיפצט.

—יאָ, — האָט מאָרטען געענטפערט און זיך געשטעלט לעבן אים. — און דאָס אַלץ האָבן געשאַפן מענטשלעכע הענט, די הענט פון אַרבעטער.

פּעללע איז דערשיטערט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ ווונדערבאַרער געדאַנק און פונדעסטוועגן איז דאָס געווען ריכטיק — מ'האָט נאָר געדאַרפט אַ ביסל טראַכטן וועגן דעם.

— איצט אָבער איז דאָס אַריינגעפאַלן אין אַנדערע הענט, — האָט פּעללע געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— יאָ, זיי האָבן אונז אָפּגענאַרט, ווי מ'נאַרט אָפּ אַ קינד, האָט מאָרטען פינצטער באַמערקט, — און די אָרימע זענען תּמיד געווען ווי

די קינדער! ערשט איצט הייבן זיי אָן אויסצוּוואַקסן און, זיי זיכער, זיי וועלן נאָך אַמאָל אָפּפאָדערן צוריק זייער אייגנטום.

— כ'מיין, אַז מיר וואָלטן שלעכט אָפּגעשניטן, ווען מיר זאָלן קומען און וועלן אַלץ אָפּנעמען צוריק, — האָט פּעלַלע געזאָגט.

— ווער ווייסט! ווען מיר זאָלן אַלע זיין. ווי איינער... מיר זעינען דאָך אַזוי פיל.

פּעלַלע האָט שווייגנדיק זיך צוגעהערט. פריער איז אים קיינמאָל נישט געקומען דער געדאַנק צו באַטראַכטן די אַרבעטער-באַוועגונג אין אַזאַ ברייטן מאַסשטאַב. געוויינלעך האָבן די אָרגאַניזאַציעס געשטרעבט צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטער בלויז פון זייער פאַך.

— ביסט ענלעך צו דיין פאָטער, — האָט פּעלַלע זיך אָנגערופן. — אויך ער האָט געהאַט אַ ברייטן פאַרנעם, און נישט ליב געהאַט מוותר צו זיין אויף דעם, אויף וואָס ער האָט געהאַט רעכט. כ'האָב שוין פריער אויך געטראַכט וועגן אים. ער האָט נישט געוואָלט דולדן, מ'זאָל אים צעטרעטן מיט די פיס. דאַן פלעגסטו אָפּלאַכן פון אים, אָבער...

מאָרטען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— כ'פלעג נישט קענען פאַרטראָגן די פאַראַכטונג פון די אַרומיקע, — האָט ער קוים צום הערן אַרויסגערעדט, — כ'האָב דאַן פאַרשטאַנען בלויז איינס, אַז ער רויניִרט אונזער היים און שטעלט בחרפּה אונזער משפּחה, כ'פלעג שרעקלעך מורא האָבן, ווען ער פלעגט זיך כאַפּן שלאָגן, ביז אויף היינטיקן טאָג באַגיסט מיך אַ קאַלטער שווייס, ווען כ'דערמאָן זיך מיין קינדהייט. אָבער איצט שטאָלציר איך, וואָס כ'בין דער זון פון „כוח". איך אַליין האָב נישט אַזוי פיל כוחות, אָבער, ווער ווייסט, כ'וועל נאָך אַמאָל אפשר אַלעמען פאַרוווּנדערן!

נישטאָ קיין כוחות! ס'איז געווען אַזוי משונהדיק זיך פאָרצושטעלן, אַז דערדאָזיקער דינער און שווייגנדיקער מאָרטען איז אַ זון פון ריזיקן שטיינהאַקער, ער איז נאָך נישט צוריקגעקומען צו די כוחות, וועלכע זיין שווערע קינדהייט האָט אויסגעזויגן באַ אים; די דערשעפּונג האָט נאָך אַלץ שעדלעך געווירקט אויף זיין אָרגאַניזם. מאָרטען האָט נאָך נישט פאַרלוירן זיין כמעט ווייבערישע פינקטלעכקייט. זיין צימער איז געווען שיין צוגערוימט, אין אַ וואַזע פאַרן שפּיגל זענען געשטאַנען בלומען.

— פונוואַנען האָסטו דאָס? — האָט פּעלַלע געפרעגט.

— געקויפט, פאַרשטייט זיך!

פּעלַלע האָט נישט געקענט איינהאַלטן זיין געלעכטער, באמת ווע-

מען, אַ חוץ אים, וועט קומען אין קאָפּ אַריין אויסצוגעבן געלט אויף בלומען.

אָבער צו די ביכער האָט ער זיך באַצויגן ערנסט. צווישן זיי און מאַרטענס וואונדערבאַרע, כאָטש קרענקלעכע, מאַכט איז געווען אַ געהיימע פאַרבינדונג, אַ גאַנצע וואַנט איז פאַרשטעלט געווען מיט ביכער־פּאָליצעס, פעלפע האָט גענומען אַ בוך אין האַנט און אָנגעהויבן בלעטערן.

— וועגן וואָס רעדט זיך דאָ? — האָט ער אומאַנטשלאָסן געפרעגט, — ווי ס׳זעט אויס איז דאָס עפּעס געלערנטס!

— אין דידאַקטיקע ביכער איז די רייד וועגן אונז, וועגן דעם, אַז ס׳וועלן קומען נייע צייטן און ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך גרייטן צו זיי.

— יאָ, דיר איז גוט, אין אַ שווערן פאַל קענסטו זוכן הילף אין די ביכער: זיי וועלן דיר העלפן זיך פונאַנדערצוקלייבן, אָבער מיר, די איבעריקע, וועלן בלייבן אויפן זעלבן אָרט, וווּ מיר געפינען זיך.

מאַרטען האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט צו אים:

— אַ באַקאַנט לידל, — האָט ער אומגעדולדיק אויסגערופן, — אויסלאַכן דעם אייגענעם קלאַס און וועלן איבערגיין צום צווייטן! אָבער, צו אַלדי רוחות, נישט אין דעם גייט עס. מיר דאַרפן בלייבן דאָס, וואָס מיר זענען — שוסטערס, בעקערס א. אַ. וו. און איינאָרדנען אַזוי, אַז נישט געקוקט אויף דעם זאָל זיך אונז גוט לעבן. בלויז איינעם פון טויזנט גליקט דאָך אָפּ צו דערשלאָגן זיך צו אַ גרויסן דערפאָלג, ווען יעדער טראַכט פאַר זיך! איז וואָס? דאַרפן די איבעריקע זיצן אויף אַן אָרט און אים אַנגלאָצן? און דו מיינסט, אַז ס׳איז מעגלעך זיך דערשלאָגן צו אַזאַ גליק אָן דער הילף פון דער געזעלשאַפט? ניין, די געזעלשאַפט נוצט אויס אַזאַ מענטש, ווי אַ כלי־זין אויף צו דריקן זיינע געוועזענע חברים... און וואָסערע שיינע ווערטער מ׳זאָל דערביי נישט רעדן, — דו קענסט אַליין משפּטן, סאַראַ ראָל ס׳וועט שפּילן יענער קבצן, וועלכער וועט טראַכטן בלויז וועגן זיין פּערזענלעכן דערפאָלג. ניין, די מאַסן זענען אַליין שולדיק, וואָס נישט אַלע זענען גלייכבאַרעכטיקטע בירגער. איר אַליין שטרעבט דאָך נישט דערצו, נו, טאַ באַגייט מען זיך מיט אייך. ווי מיט שעפּסן, און איר גיט דערביי אַרויס אייער גוטמוטיקן מע־ע... איר דאַרפט שטרעבן דערצו, אַז אייער אַרבעט זאָל אייך אינדעראמתן קענען זיכערן אַ גוט לעבן. איך פאָדער, אַז אַן אַרבעטער זאָל באַקומען נישט ווייניקער, וויפל ס׳באַקומט אַ ריכטער, אָדער אַ דאָקטאָר, איך פאָדער,

אַז אַן אַרבעטער זאָל בּאַקומען די זעלבּע דערציונג, ווי זיי. אָט דאָס איז מיין לאָזונג.

— נו, זעסטו, כ׳האָב דיך שוין אַריינגעבּראַכט אין כּעס, — האָט פּעללע גוטמוטיק געזאָגט. — דו חזרסט אייגנטלעך איבּער די רייד פון דיין פאָטער בּעת ער איז געלעגן אין גסיסה־הי׳ץ. אים האָט זיך פאָרגע־שטעלט, אַז אין די דירות פון פּשוטע אַרבּעטער זענען דאָ פּיאַנעס און בּילדער אויף די ווענט... פּונקט ווי בּאַ נגידים!

— צי דען האָט ער דאָס טאַקע גערעדט? — האָט מאַרטען אויס־געשריגן און אויפגעהויבן דעם קאָפּ. ווי ער וואָלט זיך איינהערן צו עפּעס.

אויך פּעללע איז געזעסן פאַרזונקען אין מחשבות. צי דען בּאַ־שטייט אין דעם דאָס נייע? יאָ! אויב אַזוי לוינט זיך צו אָרגאַניזירן זיך און טאַקע וואָס שטאַרקער.

— נישט אַלעמאָל פאַרשטיי איך דיך אינגאַנצן — האָט ער לסוף געזאָגט — אָבּער ווי ס׳זאָל נישט זיין — היינט בּין איך אַריינגעטרעטן אין פאַריין. כ׳וויל נישט זיין קיין זייטיקער צוקוקער, ווען ס׳וועט געשען עפּעס גרויסעס.

מאַרטען האָט אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, שמייכלענדיק מיט אַ בּלאַסן שמייכל. ער איז געווען מיד און נישט געהערט מער וואָס מ׳רעדט צו אים.

— כ׳מוז גיין שלאָפן, איינס בּאַנאַכט מוז איך שוין אויפשטיין. וווּ וווינסטו? כ׳וועל זיך אַריינכאַפּן צו דיר די טעג. ווי גוט, וואָס כ׳האָבּ דיך געטראָפן!

— כ׳וווין אין „נחס תיבה”, האָסט אפשר געהערט וועגן איר.

— עפּעס אַ משונהדיק הויז... כ׳קען זייער גוט „נחס תיבה”, מ׳שרייבּט וועגן איר אָפט אין די צייטונגען. דאָרטן זענען דאָ אַ סך פינצטערע עלעמענטן.

— כ׳ווייס נישט — האָט פּעללע געענטפערט, אַבּיסל גע׳עקרענקט — כ׳האָבּ דאָרט געטראָפן גוטע מענטשן... אָבּער ווי וווּנדערבּאַר דאָס איז, וואָס מיר האָבּן זיך געטראָפן! איך האָבּ זיך אַזוי נאַריש אויפגעפירט לגבּי דיר. דאָס איז געווען אין דער צייט פון מיין ירידה, כ׳האָבּ דע־מאָלט אַלעמען פיינט געהאַט. איצט אָבּער קענסטו זיין רויק, צווישן אונז קען שוין קיין זאַך נישט פאָרקומען.

— דאָס איז זייער גוט, אָבּער פונדעסטוועגן דאַרפסטו שוין גיין —

האָט מאָרטען געזאָגט מיט אַ שמייכל, ער איז שוין כמעט איינגאַנצן גע־ ווען אויסגעטון.

– כ׳גיי שוין, כ׳גיי — האָט פעללע געענטפערט, אָבער נעמענדיק אין האַנט דעם הוט, האָט ער נאָך געוואַרט אַ מינוט, באַטראַכטנדיק די שטאָט.

— הער, ווי וווּנדערבאַר איז דאָס אַלץ, וואָס דו האָסט געזאָגט! — האָט ער פּלוצלינג אויסגערופן — ווען איך זאָל טראָגן אין זיך די קראַפט פון אַלע אָרימע, וואָלט איך קיין מינוט נישט געוואַרט און זיך געוואָרפן דעראָבערן אַלץ! סאַראַ סך ס׳איז דאָ צוצעטיילן צווישן אַלע. און דער־ עיקר, קיין איין אָרימאַן וואָלט נישט געבליבן!

פעללע איז געשטאַנען מיט ברייט צעשפּרייטע אָרעמס, ריכטיק, ווי ער וואָלט שוין מיט זיי פאַרכאַפּט דאָס אַלץ, און פריילעך געלאַכט. ער איז פול געווען מיט קראַפט. מאָרטען האָט נישט געענטפערט; איינשלאָפנ־ דיק שוין, האָט ער בלויז אַ קוק געטון אויף פעללען. פעללע איז אַוועק.

ווען ער האָט זיך ענדלעך אומגעקערט אַהיים, איז דער שוסטער אָנגעפאַלן אויף אים.

— צו אַלדי רוחות! וואָס מיינסטו זיך עפעס? שפּאַצירסט זיך אַרום און שפּילסט די ראָל פון גראַף. און מיר זיצן דאָ און נעמען זיך די אויגן אַרויס בּאַ דער אַרבעט. האָב נאָר די העזה מיר אָנקומען גראָב. איין וואָרט, און אַלץ איז געענדיקט.

ער האָט פּאַטעטיש אויסגעשטרעקט די האַנט, ווי ער זאָל אָפּ־ שטויסן דערמיט פעללעס רייד, וועלכער האָט אָבער נישט געטראַכט אפילו צו ענטפערן. ער האָט נישט גענומען ערנסט דעם שוסטערס זידלערייען.

— זאָל מיך דער רוח כאַפּן! איך זיץ דאָ און ווער אויסגעריסן בּאַ דער אַרבעט, און דערדאָזיקער פּראַנט גייט זיך דערווייל שפּאַצירן.

פעללע האָט גענומען אַרויסנעמען דאָס געלט, כדי עס אָפּצוגעבן דעם שוסטער, אָבער צופעליק, אַ קוק געבנדיק אויף אים, האָט ער זיך אויפן קול פונאַנדערגעלאַכט. בלאָלעכע נאַקעטע לידקעס האָבן נעבעכדיק אַרויסגעקוקט פון אונטערן שוסטערישן פאַרטוך און זענען געווען אומגלויבלעך קאָמיש אין פאַרבינדונג מיט זיין אָנגעטוענעם קערפּער און דער בכּבודיקער באָרד.

— יאָ, דיר איז גוט צו לאַכן —האָט דער שוסטער געזאָגט און זיך אויך פונאַנדערגעלאַכט —וואָס וואָלט אָבער געווען, דאָס זאָל טרעפן

מיט דיר, ווען די בגדים־הענדלערקע וואָלט פון דיר אַראָפּגעצויגן די הויזן און דו זאָלסט שטאַרבן ארויסצוזגיין פון שטוב? אַ? אַלע האַלטן מיך אין די מיילער: עך, דער „בעל־כוסה״! ער וועט זיך אָנטרינקען ביזן ווייסן פיבער! אונזער בעל־כוסה וועט זיך אָנטרינקען ביזן ווייסן פיבער! נישקשה, ביזן ווייסן פיבער וועל איך זיך נישט אָנטרינקען, אָבער אַז כ׳האָב מיך דערזעסן דערצו, אַז כ׳בין געבליבן אָן הויזן — דאָס איז אַ פאַקט. און צו אַלע צרות קומט נאָך צו אונזער דאָזיקע פאַרשאָלטענע הינער־שטייג! אַלסענס מויד פאַרלירט נישט קיין געלעגנ־ הייט. זי האָט שוין אויסגעקוקט אַלץ, וואָס ס׳איז מעגלעך געווען אויס־ צוקוקן. אגב, איצט קענסטו מיר געבן דיינע אַלטע הויזן.

פעללע האָט אויפגעעפנט אַ גרינעם קופערט און אַרויסגענומען פון דאָרטן זיינע וואָכעדיקע הויזן.

— וואָלסט געטון אַ חכמה, ווען דו פאַרשליסט דיין שפּינאַט־קעסטל אויף זיבן שלעסער, — האָט דער שוסטער געוואָרטשעט. — דאָ קענען זיך געפינען אויך גנבים, נישט אומזיסט זענען מיר אַזוי נאָענט צום הימל.

פעללע האָט שווייגנדיק פאַרשלאָסן דאָס קופערטל. ער האָט פאַר־ רייכערט אַ פּאַפּיראָס און אַרויס אויף די טרעפּ. פון זונד האָט זיך אָנ־ גערוקט דער בין־השמשות און גענומען פאַרדעקן די דעכער. פונדער־ ווייטנס זענען אַרומגעפלויגן טויבן און אויפגעכאַפּט אויף זייערע שניי־ווייסע פליגלען דעם לעצטן פורפור פון זון־פאַרגאַנג. אַביסל נידע־ ריקער איז די טונקלקייט געדיכטער געוואָרן און אַרומגענומען אַלץ מיט אַ הייסן לילאַ־שלייער. דער קאַטאַרינטשיק האָט זיך אומגעקערט אַהיים און געשפּילט, די קינדער האָבן געטאַנצט. אויף די שכנותדיקע באַלקאָנען האָט מען זיך דורכגעזידלט. פון צייט צו צייט האָבן זיך דערטראָגן עפּעס האַרמאָנישע קלאַנגען און — אויפגעהערט. דאָס איז געזעסן ערגעץ אין אַ ווינקל דער מאָגערער ווינצלעוו און געשפּילט אויף זיין פלייט. באַם שפּילן פלעגט ער זיך תמיד אויסבאַהאַלטן וואָס ווייטער, זיצן אַריינגערוקט אין אַ ווינקל, ווי אַ קראַנקע חיה. און ציטערן, דידאָזיקע צאַפּלענדיקע קלאַנגען זענען געווען ווונדער־שיין, זיי האָבן געקלונגען ווי געזאַנג, אָדער קרעכצן פון אַן אומבאַקאַנט לאַנד; די אומרויקע איינוווינער פון „נחס תיבה״ פלעגן שטיל ווערן און איינהערן זיך. איצט איז ווינצלעוו געווען אין אַ גוטער שטימונג און יעדער איינער, וואָס האָט געהערט זיין שפּילן, איז געוואָרן בעסער. אָבער אין פינצטערע פעריאָדן פלעגט אים

באַזוכן דער טייוול, און פון זיין פאַרנעפּלטן קאָפּ האָבן זיך דאַן געגאָסן ווילדע קלאַנגען, וואָס פלעגן אַרויפוואַרפן אויף אַלעמען אַ פּאַנישע שרעק, און די חרובע געביידע פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מוראדיקן געדיכטן וואַלד, און ס׳איז נייטיק געווען צו קעמפן אויף רעכטס און אויף לינקס, כדי נישט אומצוקומען. דער פּאַקל־טרעגער באַ לוויות, וועלכער האָט געוווינט אויפן פערטן שטאָק און איז געווייינלעך געווען אַ רויקער מענטש, אפילו בעת ער פלעגט זיך אָנשיכורן, פלעגט אָנהייבן מאַטערן זיין ווייב; אין קאָרידאָר פלעגט זיך אויפהייבן אַ געשלעג, ס׳פלעגן זיך הערן קללות. ווינצלעווס טייוולאָנישע פלייט האָט אויך געטראָגן די שולד דערפאַר, וואָס יאָנסען האָט פון דער העלער הויט גענומען ביטער באַווייגען זיין מזל און זיך דערטרונקען אין אָפּטריט־גרוב. אָבער וואָס געווען איז געווען. ווינצלעוו האָט אויך ווייטער געשפּילט, אָבער די טענער זענען געוואָרן גאַנץ אַנדערע: דער טייוול איז געכאַפּט געוואָרן פאַרן דינג אין זיין נאָז און ווינצלעווס שפּילן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין צאַרטע מוזיק, וועלכע האָט געצווינגען נשמות זיך עפענען ווי בלומען. דאָס איז געווען אַ גוטע צייט.

פעללע האָט געוווּסט וועגן אַלץ, כאָטש ער האָט דאָ געוווינט ערשט אַ קורצע צייט. קיין זאַך האָט אים נישט געבראַכט קיין שאָדן, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ העמדל, ווי פאָטער לאַססע האָט געטראַכט.

אין דער טיף פון בניין, אויפן דריטן שטאָק, האָט אַלץ געאָטעמט מיט עפּעס אַ באַזונדערן צויבער. קרויזלדיקע פּעלאַרגאָניע און בליושטש האָבן אַרומגעוויקלט דעם באַלקאָן, און אינדערהייך איז געהאָנגען אַ רויטע פּאַפּירענע לאַמטער און האָט צוגעגעבן אַלץ אַ יום־טובדיקן אויסזען. די זומער־נאַכט האָט דאָ געפונען אַ מקום־מקלט פאַר זיך, צווישן דער שטיינערנער מדבר. אונטערן לאָמפּ זענען געזעסן פרוי יאַנסען מיט איר טאָכטער און גענייט. גאַנגאַט פּנימל איז געווען פאַררויטלט, ווי אַ רויז באַנאַכט, זי האָט כסדר אומגעדרייט דאָס פּנים צו פעללען, געשמייכלט און אומגעדולדיק באַוועגט מיטן קאָפּ. פעללע האָט זיך געדרייט אויפן אָרט, אַן אומרויקער ווי אַ פערד, וועלכעס ווייסט נישט דעם וועג. הינטער אים האָט זיך געפּאָרעט אין איר קליינינקער קיך זייער שכנטע, די פרוי פראַנדסען. די טיר אין הויז אַריין איז געווען אָפן און זי האָט גערעדט — טיילווייז צו פעללען, טיילווייז צו זיך אַליין — וועגן איר רעוומאַטיזם, וועגן איר טויטן מאַן, וועגן אומגעהאָרכזאַמען זון.

— גאָטעניו, כ'פּאָרע זיך כּסדר מיטן עסן פאַר פערדי־נאַנדן, פֿון פרימאָרגן ביזן אָוונט און פון אָוונט ביזן באַגינען, און ער באַמיט זיך אפילו נישט אַריינצושמעקן אין שטוב. כ'קען אפילו נישט דערגיין, ווו ער שלייעט זיך אַרום. בלויז איינס ווייס איך, צו זיצן דאָ, זיך באַאומרויקן און גרייטן דאָס עסן פאַר אים. ווען ער וועט זיך גוט אויסהונגערן, וועט ער שוין זיכער אַראָפּקומען אַהיים, זאָג איך זיך. יאָ, גליקלעכע טעג לויפן שנעל פאַריבער, און דו שטייסט און קוקסט ווי אַ באַראַן אויף דעם מיידל, וועלכע שאָקלט צו דיר מיטן קאָפּ פון אונטן אַזוי שטאַרק, אַז ס'פעלט נישט קיין סך, זי זאָל זיך אָפּרייסן דעם קאָפּ. אַ מאָדנע פאָלק די מענער: זיי רעדן זיך איין, אַז זיי טאָרן קיין שום זאַך נישט וואַגן. אָבער ווער איז די סיבה פון אַלע אומגליקן?

— זי וויל פון מיר גאָרנישט, — האָט פעללע פינצטער געזאָגט — זי שפּילט זיך פּשוט מיט מיר.

— יאָ, דאָס מיידל האָט אַזוי לאַנג געשפּילט מיט איר ווייס מייזעלע, ביז די קאַץ האָט עס נישט אַ כאַפּ געטון, ווי אַזוי שעמסטו זיך נישט דאָ צו שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז? ביסט דאָך אַ יונג ווי אַ דעמב? רייס איר אָפּ דעם עק, וועסטו האָבן אַ גיט ווייב.

און זי האָט אים אַ שטופּ געטון אין דער זייט מיטן עלנבויגן. ערשט דאַן האָט פעללע געוואַגט אַראָפּצוגיין צו פּרוי יאַנסען.

— פאַרוואָס באַזוכסטו אונז אַזוי זעלטן אין די אָוונטן? — האָט זי געפרעגט אין זיך אַ רוק געטאָן, כּדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר פעללען — ווייסט דאָך, אַז דו ביסט תּמיד אַן אָנגעלייגטער גאַסט באַ אונז. צוואָס־זשע צערעמאָניעסטו זיך?

— פעללע איז דאָך קורצזיכטיק, זיין בליק דערגרייכט נישט צו אונז, — האָט געזאָגט גאַננאַ, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ אַהינטער. זי האָט אויף אים געקוקט מיט אַ שמייכל, אירע ווייסע ציין האָבן געבלישטשעט.

— וואָס, מאָרגן וועט זיין אַ גוט וועטער? — האָט די מוטער געפרעגט.

פעללע האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אינדערהייך אויפן קליינעם שטיקעלע הימל און געזאָגט, אַז יאָ. גאַננאַ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— פעללע, צי דען ביסטו אַ שטערנזעער? האָסט דאַך גאָרנישט קיין מאָזאָליעס!

— הער אים אויף צו ערגערן, — האָט די מוטער זיך אָנגערופן לייכט אַ קלאַפּ טוענדיק די טאָכטער אין פּלייצע, — מיר וועלן מאָרגן

אַרויספאָרן הינטער דער שטאָט, אויב ס'וועט זיין אַ גוט וועטער. אפשר וועט פעללע אויך מיטפאָרן מיט אונז.

פעללע האָט שטאַרק חשק געהאַט, ער האָט זיך אָבער געוואַקלט צו ענטפערן.

— פאָר מיט אונז, — האָט אים גאַננאַ איינגערעדט און כדי אים גיכער איבער־צוצייגן, אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין פּלייצע. — וועסט זיין מיין קאַוואַלער, ס'איז נישט שטאַרק אינטערעסאַנט צו שפּאַצירן אַליין מיט אַן אַלטער. אָבער מיטן תנאי, אַז אַזוי ווי איך בין — בין איך, מען זאָל מיר נישט שטערן, — האָט זי צוגעגעבן.

— לאָמיר אַרויספאָרן מיטן אָמניבוס פון צפון־בריק. כ'וויל נישט פאָרן מיט דער אייזנבאַן.

— ליבע מוטערל, אָמניבוסן קורסירן שוין היינט פון טריאַנ־געל.

— זאָל זיין פון טריאַנגעל. אַ גרויסע נפקא מינה. וואָס קען איך וויסן, אַז אין שטאָט האַלט מען אין איין ענדערן. אין מיינע יונגע יאָרן איז דאָרט געווען וואונדערבאַר. שוין פון דאָרט פלעגט מען זען דאָס אָרט, ווו כ'בין געבוירן געוואָרן, און די נעכט — סאַ אַ שיינע נעכט עס זענען דאַן געווען! מיר האָבן נישט געוווסט, וואָס אַזוינס איז קעלט, און אויב די בגדים זענען אפילו געווען לייכט, דערפאַר איז דאָס האַרץ געווען הייס!

גאַננאַ איז אַרויס אין קיך קאָכן קאַווע. די טיר איז געווען אָפן, זי האָט עפּעס אונטערגעזונגען און אַמאָל אַריינגעוואָרפן אין שמועס אירע באַמערקונגען. דערנאָך איז זי אַריינגעקומען מיט דער טאַץ און מיט אַ קניקס צוגעגאַנגען צו פעללען.

— סאַראַ אויסערגעוויינלעכן אויסזען דו האָסט היינט! — האָט זי אויסגערופן און אַנגערירט זיין שטערן.

— כ'האָב זיך היינט פאַרשריבן אַלס מיטגליד פון פראָפּ. פּאַריין, — האָט פעללע געענטפערט. דאָס געפיל פון עפּעס פייערלעכס, אויסער־געוויינלעכס האָט אים נאָך אַלץ נישט פאַרלאָזט און ער האָט געמיינט, אַז דאָס לאָזט זיך באַלד מערקן אין זיין אויסערלעכן אויסזען. גאַננאַ איז שיער נישט צעפּלאַצט געוואָרן פון געלעכטער.

— צי דען שטעלט מען באַ דער דאָזיקער געלעגנהייט אַ שוואַרצן שטעמפּל אויפן שטערן? זע נאָר, מאַמע, ער טראָגט אויפן שטערן דעם שטעמפּל פון פראָפּ. פּאַריין! — און זי האָט אים אומגעדרייט צו דער מוטער.

— וואָס מאַכסטו קאָמעדיאַנטישע שטיק, — האָט זיך די מוטער צעלאַכט. — זי האָט דיר אָפּגעדריקט אויפן שטערן אַ שוואַרצן פלעק.

די מוטער האָט אָנגעשפּיגן אויף איר פאַרטוך און גענומען רייבן פעללעס שטערן, און גאַננאַ האָט דערווייל פון הינטן צוגעהאַלטן זיין קאָפּ מיט ביידע הענט, כדי ער זאָל זיך נישט דרייען.

— דאַנק דיין באַשעפער, וואָס פעללע איז אַזוי מילד, אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט שטאַרק אין כעס געוואָרן, — האָט זי באַמערקט. פעללע האָט גוטמוטיק געלאַכט.

דער פּאַקל־טרעגער האָט זיך באַוויזן לעבן דער גאַלעריע, ער האָט זיך וואַקלענדיק אויפגעהויבן אויפן פערטן שטאָק.

— אַ גוטן אָוונט, — האָט ער געזאָגט מיט אַ באַס, פאַרבייגייענדיק, — און אַ גוטן אַפּעטיט. — אונטערן אָרעם האָט ער געטראָגן אַ שטיק גערויכערטע שינקע.

— דערבאַרעמדיקער גאָט, — האָט די מוטער אַרויסגעשעפּטשעט, — ער שלעפּט זיך שוין ווידער מיט דער שינקע! און דאָס גאַנצע געלט אוודאי פאַרטרונקען! זיי האָבן תמיד גענוג חזיר־פעטס און שינקע, אָבער קיינמאָל נישט קיין שטיקל ברויט.

אין „נחת תּיבה" איז ביסלעכווייז געוואָרן שטיל. די קינדישע געשרייען, וואָס פלעגן זיך טראָגן פון די צימערן, ווי נאָר מ׳פלעגט עפענען אַ טיר אין קאָרידאָר, זענען אַלץ זעלטענער געוואָרן. די מאַמעס זענען געקומען פון דער אַרבעט און געזייגט די קינדער. איצט האָט זיך געהערט בלויז איין שטימעלע. אַ קינד האָט זיך אָן אויפהער געריסן, אפילו נאָכדעם, ווי די מוטער איז געקומען — זי האָט נישט געהאַט קיין מילך...

פון קעלער האָט זיך דערטראָגן אַן איינטאָניק וויג-ליד. דאָס האָט געזונגען „קרעטע מיטן קינד", איינשלעפערנדיק איר שמאַטישע ליאַלקע.

די אמתע מאַמעס האָבן נישט געהאַט קיין לידער...

— זי זינגט כסדר — האָט גאַננאַ געזאָגט — פרויען, וואָס האָבן אמתע קינדער, ליגט נישט אין קאָפּ קיין געזאַנג. אָבער איר עופהלע דאַרף נישט קיין דערנערונג, דאָס איז אַ גרויסער חילוק, באַזונדערס, ווען אַ מענטש איז אָרים. היינט האָט זי אויסגעוואַשן און געפּלעט קינדישע וועש, כדי וואָס בעסער אָנצוטון דאָס קינד. מאָרגן וועט קומען זיין פאַטער, דער לייטענאַנט.

— וועט ער טאַקע מאָרגן קומען? — האָט פּעללע נאַיוו געפרעגט. גאַננאַ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט אויפן קול.

— זי וואַרט אים אָפּ יעדן זונטיק, אָבער ביז איצט האָט זי אים נאָך קיינמאָל נישט געזען.

— האָסט נישט וואָס צו לאַכן — האָט די מוטער באַמערקט — זי איז גליקלעך אין איר משוגעת און זי האָט נישט קיין שום זאָרגן וועגן דערנערונג.

III.

פּעללע האָט זיך אויפגעכאַפּט דערפון, וואָס גאַנגאַ איז געשטאַנען איבער אים און געצויגן פאַר זיין נאָז, נאָכמאַכנדיק זיינע מינעס. זי איז געקומען פונדערהייך, דורכן בוידעם.

— ווו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? מיר וואַרטן דאָך אויף דיר — האָט זי מיט היץ געזאָגט.

— כ׳קען נישט אויפשטיין, דער שוסטער איז נעכטן אינאַוונט אַוועק אין מיינע הויזן און ביז איצט נישט צוריקגעקומען — האָט פּעללע טרויעריק געענטפערט — האָב איך געמוזט צוריק אַריין אין בעט.

גאַנגאַ האָט אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיק געלעכטער.

— און אויב ער וועט זיך שוין מער בכלל נישט אומקערן? דעמאָלט וועסטו מוזן ליגן אין בעט דאָס גאַנצע לעבן, פּונקט ווי יאַנס באָבע.

פּעללע האָט אויך גענומען לאַכן.

— אסור, אויב כ׳ווייס וואָס מ׳טוט. פאָרט אַרויס אָן מיר.

— פאַר קיין פאַל נישט. מיר וועלן בעסער אַהערבריינגען אונזער שפּייז-קערבל און גרייטן אַ טיש דאָ אויף דיין דעקע, זי איז דאָך אויך גרין; דאָס וועט הייסן אַזוי גוט, ווי הינטער דער שטאָט. אָ, וואַרט נאָר! כ׳האָב עפּעס צוגעטראַכט! — און גאַנגאַ איז אַרויסגעלאָפן פון טיר, וואָס פירט אויפן בוידעם. אין אַ האַלבע שעה אַרום איז זי ווידער געקומען און אים צוגעוואָרפן אויף דער דעקע געשטרייפטע הויזן.

— נאַט אייך, גנעדיקער הער, אָבער איילט זיך צו. כ׳בין אַריבער-

געלאָפן צו מאַריאַן, דעם פּאַקל-טרעגערס טאָכטער, און זי האָט אַוועקגעלקחנט די וואָכעדיקע הויזן פון איר באַלעבאָס; אָבער מאָרגן גלייך אינדערפרי וועט מען זיי מוזן צוריק אָפּטראָגן, די באַלעבאַטים זאָלן גאָרנישט באַמערקן.

נאָך איר אַוועקגיין האָט זיך פּעללע שנעל געגומען אָנטון. ער איז שוין געווען כמעט אינגאַנצן פאַרטיק, ווען די הילצערנע ווענטלעך האָבן גענומען טרעשטשען — דאָס האָט זיך אומגעקערט דער שוסטער. ער האָט זיך געהאַלטן באַם שטעקן מיט איין האַנט און באַ יעדער טרעפּאויסבייג זיך אַריבערגעהאָגעגן איבער די שטיגן, די פרויען האָבן הויך געשריגן, דאָס איז אים געפעלן געוואָרן און דעריבער האָט ער פריידיק צוגעשאָקלט מיט זיין גרויסן בכבודיקן קאָפּ.

— זאָג נישט אויס קיין סודות, — האָט ער גוטמוטיק געזאָגט צו פּעללען, דערזעענדיק אים... — שוויג בעסער! — און איז שטיין געבליבן פאַר דער שוועל, אונטערשמייכלענדיק. פּעללע האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער.

— ווו זענען מיינע יום-טובדיקע הויזן, רעד ווערטער! — האָט פּעללע אויף אים הויך געשריגן. זיינע אַלטע הויזן האָט געטראָגן דער שוסטער, אָבער ווו זענען אַהינגעקומען די נייע? דער שוסטער האָט אָנגעשטעלט אַן אומשולדיק פּנים, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס דאָ גייט, אויף די פאַרוועלקטע שטריכן פון זיין פּנים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַן אָנשטרענגונג פון טראַכטן. פּלוצלינג האָט ער אויסגערופן:

— דו רעדסט וועגן די הויזן, מיין קינד? וועגן דעם האָסטו גערעדט? האָסט געפרעגט, ווו זענען זיי אַהינגעקומען? האָסט דאָך גלייך געקענט זאָגן — כ'האָב זיי פאַרזעצט!

— האָסט פאַרזעצט מיינע פּרעכטיקע הויזן! — האָט פּעללע אַ געשריי געטון און אַ פאַריאושטער אים אַרויסגעלאָזט פון זיינע הענט.

— יאָ, אויף מיינע נאמנות, דאָס האָב איך געטון, קענסט זיך איבערצייגן. האָסט זיך גאָרנישט געדאַרפט אַזוי אויפרעגן, סיי-ווי קענסטו מיך נישט אויפעסן. אַלץ וועט פון זיך אַליין קלאָר ווערן, מ'האָט גאָרנישט געדאַרפט אויפהייבן אַזאַ טאַראַראַם.

— ביסט אַ קינד, — האָט פּעללע געשריגן, — אָט וואָס דו ביסט!

— נו, נו, חבר, אַביסל שטילער, רייס זיך נישט איין די לונגען,

איך בין אַן ערלעכער מאַן, אדרבה, גיב אַ קוק, וואָס? וואָס וועסטו מיר דערפאָר געבן? — דער שוסטער האָט פונאַנדערגעוויקלט די פאַרזעץ־קווי־טונג און עס אויסגעשטרעקט צו פּעלל³ען; ער איז געקרענקט געווען ביזן ביין.

פעללע האָט אַן אויפגערעגטער פאַרריכט זיין קראַגעלע, ער איז געווען אויסער זיך. אָבער וואָס העלפט דאָס? אָט זענען שוין גאַנגאַ מיט דער מוטער אַוועק. גאַננאַ האָט געטראָגן אַ געל שטרויען היטעלע מיט אַ ברייטע לענטע, דאָס מיידל איז געווען פּרעכטיק!

די מוטער האָט געטראָגן אַ קערבל. זי האָט פאַרשלאָסן די טיר, באַהאַלטן דעם שליסל אונטערן טרעטערל און איז אַוועק.

פעללע האָט בשום אופן נישט געקענט זיך אָפּרעכענען מיטן שוס־טער, ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום פּעללען מיט אַן אומזיכערן שמייכל אויף די ליפּן, אים פאַרקוקט אין פּנים, אָבער צו נאָנט נישט צו־געגאַנגען צו אים.

— ביסט בייז? — האָט ער אים געטרייסט ווי אַ קליין קינד. — ביסט שטאַרק געקרענקט? אָבער צוואָס, צו אַלדי רוחות, דאַרפסטו האָבן צוויי פּאָר הויזן? — זיינע דאָזיקע ווערטער האָבן געקלונגען ווי אַ פאַר־וואורף. פּעללע האָט אַרויסגעשלעפּט פון אונטער דעם בעט ברייטע פּרויען־שיך און דורכגעגליטשט זיך צווישן דאַך און דער זייטיקער וואַנט פון צימער, דורכגעקראָכן אונטער די בעלקעס און, ענדלעך, אַרויסבאַקומען זיך אין אַ לאַנגן דורכגאַנג, וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער גאַנצער לענג פון הויז: פוןביידע זייטן האָבן זיך געפונען צימערן. דאָ איז געשטאַנען אַ כּסדרדיקער רעש. די טירן פון די קליינע צימערן זענען געווען אָפן און דערדאָזיקער קאָרידאָר האָט געדינט אַלס אַ מין אַלגע־מיין צימער. זידלערייען, קינדעריש געוויין, גערעדעריי — אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט אין אַ באַטויבנדיקן ליאַרם, דאָס לעבן האָט געקאָכט ווי אין אַ בינשטאָק.

— סאַראַ גערודער דאָ איז! — האָט פּעללע אַ טראַכט געטון, — מאָרגן נאָך קלויב איך זיך אַריבער אַהער — ער האָט שוין וועגן דעם פון לאַנג געטראַכט, אָבער איצט האָט ער אַנטגילטיק באַשלאָסן איבער־צורייסן מיטן שוסטער.

פּאָר איינער פון די טירן האָט אַן עלפיאָריק מיידל געפּוצט נישט קיין זגראַבנע קינדעריש שטיוועלעך, זי איז כּמעט ביז איבערן קאָפּ פאַרזונ־קען געווען אין אַ פאַרטוך פון זאַק־צייג, אונטערגעבונדן אונטער די אָרעמס

מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס האָבן צוויי קליינע ייִנגלעך, פֿון נײַן און פֿון עלף יאָר, געשפּרייזט אַהין און צוריק איבערן צימער — זיי האָבן געקוקט אַרויס — ס'איז געווען זונטיק. פֿון די וועסטעלעך האָבן אַרויסגעקוקט די אַרבל פֿון ריינע העמדלעך, יעדער פֿון זיי האָט אויסגעזען ווי אַ קליי־נינקער באַלעבעסל.

דידאָזיקע „פֿאַמיליע" האָט בשעתו געראַטעוועט פֿעללען.

— נאַדיר דיינע קאַמאַשן, מאַריאַ, כ'האָב בשום אופֿן נישט גע־קענט פֿאַ־ריכטן בעסער, — האָט פֿעללע געזאָגט צום מיידל. זי האָט מיט פֿרייד זיי גענומען אין האַנט און באַטראַכט די זוילן, פֿעללע האָט זיי פֿאַרריכט מיט אַלטן מאַטעריאַל, אָבער דערפֿאַר אויסגעפּוצט מיט וואַקס.

— ווי שיין זיי זענען,— האָט דאָס מיידעלע אַרויסגעמורמלט, אַ קוק טוענדיק אויף פֿעללען מיט אַ דאַנקבאַרן בליק.

די ייִנגלעך זענען צוגעקומען און זיך פֿאַרנייגט.

— וויפֿל קאָסט דאָס פֿאַרריכטן ? — האָט איינער פֿון זיי זייער ערנסט געפֿרעגט און זיך געכאַפּט צום בייטעלע.

— שפּעטער, פֿעטער. היינט אייל איך זיך שטאַרק, — האָט פֿעללע געזאָגט מיט אַ שמייכל. — מיר וועלן דעמדאָזיקן רעכנונג פֿאַרשרייבן אויפֿן נייעם יאָר.

מאַריאַ האָט געשיינט.

— היינט, הייסט עס, וועל איך קענען שפּאַצירן צוזאַמען מיט די ייִנגלעך. און דו וועסט אַרויספֿאָרן הינטער דער שטאָט מיט גאַנגאַן און איר מוטער. מיר ווייסן אַלץ ! — זי איז אים נאָכגעלאָפֿן אונטערטאַצנ־דיק איבער די טרעפּ און געבליבן שטיין אונטן, אַ שמייכלענדיקע.

— גיי מיט די הויפּט־שטיגן ! — האָט דאָס מיידעלע אַ געשריי־געטון.

די שמאָלע שטיגן, וואָס האָבן געפֿירט פֿון בוידעם, האָבן געפֿירט צו די אינערלעכע הויפּט־שטיגן, וואָס האָבן געדינט בלויז פֿאַר די שכנים פֿון דער גאַס־זייט. דאָס איז געווען די בעסערע טייל פֿון נחס תּיבה ! דאָ האָבן געוווינט די שיף־בוי־אַרבעטער, די טשעשלערס און בכלל מענטשן מיט אַ באַשטימט פֿאַרדינסט : דער קוילן־קרעמער, די הענדלער־קע מיט אַלטע בגדים, דער אייזן־קרעמער און אַנדערע סוחרים פֿון קעלער.

די דירות זענען באַשטאַנען פֿון צוויי צימערן, זיי באַ פֿאָרנעמע

לייט, אָבער אָן אַ קאָרידאָר אין קיך: דערפאַר האָט זיך פאַר דער טיר פון יעדער דירה געפונען אַ וואַסער־קראַן מיט אַן אָפּגוס־שיסל, וואָס מאַכט זיך צו; ווען דאָס דעקל איז געווען אַראָפּגעלאָזט, האָט עס געקענט דינען אויך אַלס אָפּרו־אָרט. דאָס איז געווען אַ מחיה! פעללע האָט דער־יאָגט די פרוי יאָנסען מיט איר טאָכטער שוין באַם בריק.

— ווי לאַנג דו האָסט זיך געקליבן — האָט גאַננאַ געזאָגט, נע־מענדיק אים אונטערן אָרעם — ווי גייען די געשעפטן באַ דער „פאַמי־ליע“? מאַריאַ האָט זיך, מסתמא, שטאַרק דערפרייט מיט די שיך. זי איז שוין, נעבעך, צוויי זונטיקן נאָכאַנאַנד נישט אַרויס פון שטוב, ווייל זי האָט נישט געהאַט וואָס אָנצוטון

— פאַרוואָס־זשע איז זי נישט געקומען צו מיר, כ׳בין דאָך זייער אַזאַ גרויסער בעל־חוב — האָט פעללע געענטפערט.

— זי וועט דאָס קיינמאָל נישט טון. דאָס איז זייער אַ שטאָלצע פאַמיליע. כ׳האָב פשוט געמוזט אַרויסגנבענען באַ איר די שיך, כדי זיי צו פאַרריכטן.

— אָרימע קינדער — האָט פ־וי יאָנסען אַרויסגעזיפצט — ס׳איז צו באַוואונדערן, ווי זיי נעמען זיך מיט געמיינזאַמע כוחות פאַר דער אַר־בעט און באַם ... יך דורכצוקומען מיט אייגענע מיטלען. דאָס איז באמת רירנדיק. אָבער, גאַננאַ, פאַרוואָס האַלטסטו פעללען אונטערן אָרעם? דו מיינסט דאָך גאָרנישט דערמיט צו זאָגן?

— צי דען מוז דאָס עפעס אומבאַדינגט באַדייטן, מאַמעשי? פעל־לע איז מיין קאַוואַלער און ער דאַרף מיך באַשיצן.

— זיי נאָר מוחל, פון וועמען דאַרף ער דיך דאָס באַשיצן? מיר דאַכט זיך, אַז נישט פון קיין אַנדערן, ווי פון דיר אַליין. און דאָס איז באמת נישט פון די לייכטע זאַכן.

— פון גזלנים. וועלכע וועלן מיך באַפאַלן אין וואַלד אין אַוועק־רויבן און דאַן, מאַמע, וועסטו מוזן באַצאָלן פאַר מיר אַ ריזיקע סומע אויס־קויף־געלט.

— פונקט פאַרקערט. ווען איך זאָל נאָר זיין באַ געלט, וואָלט איך עס מיט פאַרגעניגן אָפּגעגעבן, כדי פטור צו ווערן פון דיר! האָט איר שוין אַמאָל געזען אַזאַ בלאָען הימל? ווי גוט עס איז, ווען די זון ברענט אַזוי אין פלייצע, זי ברענט אין סאַמע האַרץ אַריין.

באַ טריאַנגעל זענען זיי אַריינגעשטיגן אין אָמניבוס און געפאָרן מיטן וועג לענגאויס דעם ברעג. דע־ וואָגן איז פול געווען מי־ אַ פריילעכן

עולם. אַלע האָבן געלאַכט פון איין גימוטיק פּאָרל, וועלכעס האָט געשוויצט און זיך קעגנזייטיק געזאָגט באַנאַלע שבחים. הינטערן וואָגן האָט זיך געהויבן אַ זייל שטויב אין מיט אַן אומבאַוועגלעכן וואָלקן איינגעהילט די שוואַרצע פּוּסלעך וואַסער, וועלכע זענען געשטאַנען אויף די קאַנטן פון וועג, אויפן ראַנד האָבן זיך געזען שיפלעך מיט אָראַנזשגעלאָזטע וועגלען. אַלע האָבן הנאה געהאַט פון זונטיק־רו.

אין זאָאָלאָגישן גאָרטן איז געווען פריש און קיל. די בלעטער פון די בוקן־ביימער האָבן נאָך איינגעהיט זייער יונגן גלאַנץ און יום־טובדיק זיך אויסגעטיילט אויפן פאָן פון די מעכטיקע הונדערטיאָריקע ביימער.

— סאַראַ שיינער וואַלד! — האָט פעללע אויסגערופן — פּונקט ווי אַ ריז מיט זיין כּלה.

ער איז נאָך ביז איצט קיינמאָל נישט געהאַט געווען אין אַן אמתן בוקן־וואַלד. דאָ האָט זיך געפונען אַ גרויסער עולם. אין דאָזיקן שיינעם זומער־טאָג איז גאַנץ קאָפּענהאַגען אַרויסגעפאָרן הינטער דער שטאָט. די שטאָט־לייט זענען ווי פאַרשיכּורט געוואָרן פון דער זון; די קלאַנגען פון זייערע שטימען זענען געבליבן שטעקן אין די ביימער־קרוינען. זוכנדיק פאַר זיך אַן אויסוועג, און דאָרט, אונטער די ביימער, זענען אַרומגעגאַנגען די שפּאַצירנדיקע, פאָכענדיק אין אַלע זייטן מיט גרינינקע צווייגעלעך און הויך געשריגן מיטן איינציקן ציל, כּדי צו הערן דאָס אייגענע קול. אויפן וואַלד־ראַנד האָבן אייניקע יונגע מענטשן אין ווייסע היטעלעך געזונגען אין אַ כאָר. איבער דער לאָנקע האָבן זיך צעשאָטן פּריילעכע גרופּעס שפּאַצירנדיקע, אַנדערע האָבן געשפּילט אין פאַרשידענע שפּילן און אַנדערע האָבן זיך געוואַלגערט אויפן גראָז.

די פּרוי יאַנסען איז געגאַנגען פאָרויס, די געגנט איז איר געווען גוט באַקאַנט; פעללע מיט גאַנגאַן זענען געגאַנגען שווייגנדיק זייט בּאַ זייט. גאַנגאַ האָט געהאַט זייער אַ צעטראָגענעם אויסזען. פעללע האָט זי גענומען פאַר דער האַנט, כּדי זיך אויפצוהייבן מיט איר אויף אַ בערגל, אָבער ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי באַמערקט עס גאָרנישט; איר פייכטע האַנט איז אָנמעכטיק געלעגן אין זיינער. זי איז געגאַנגען, ווי אין שלאָף, אַלץ איז אין איר אויסגעלאָשן געוואָרן און איז אָפּגעשטאָרבן.

— זי האָט זיך שוין ווידער פאַרטרוימט — האָט פעללע אַ טראַכט געטאָן מיט אומצופרידנקייט און אַרויסגעלאָזט איר האַנט: די האַנט איז

אַראָפּגעפּאַלן ווי אַ טויטע. די מוטער האָט זיך אומגעדרייט און אַ קוק געטון אויף זיי מיט שיינענדיקע אויגן.

— שוין לאַנג איז דער וואַלד אַזוי שיין נישט געווען, אפשר זינט דאַן, ווען איך בין נאָך געווען אַ מיידעלע, — האָט זי געזאָגט.

פון ערמיטאַזש זענען זיי אַוועק איבערן פּעלד צו אַ קליינינקן רעסטאָראַנטשיק אין וואַלד, וווּ זיי האָבן באַשטעלט קאַווע און אַרויסגעלייגט די מיטגעבראַכטע שפּייז. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען ווייטער. די פרוי יאָנסען איז אַרויסגעפאָרן פון שטאָט צום ערשטן מאָל פאַר אַ לאַנגער צייט און דעריבער האָט זי געוואָלט אַלץ גוט באַטראַכטן. פּעללע און גאַננאַ האָבן נישט געהאַט קיין גרויסן חשק צו גיין ווייטער, אָבער פרוי יאָנסען איז געווען האַרט ווי שטיין. דער גאַנצער אַרום־און־אַרום האָט איר דערמאַנט אירע מיידלישע יאָרן. זאָלן זיי זיך טון, ווי ס׳געפעלט זיי; אויב זיי איז דערעסן געוואָרן צו גיין צוזאַמען מיט איר, קענען זיי שפּאַצירן פאַר זיך, אָבער זיי זענען איר געוויסנהאַפט נאָכגעגאַנגען מ׳ט אַ מידן און אַביסל נאַרישעוואַטן אויסזען. אויפן שטעג האָט מען אָנגעטראָפן ווינציקער עולם.

— סאַראַ איינזאַמקייט דאָ איז! ווי אין די אַמאָליקע יאָרן. און ווי גוט דאָ איז! סאַראַ געדיכטע גרינס — אַ צוגעפּאַסט אָרט פאַר פאַרליבטע. איך וועל זיך צוזעצן און אויסטון די שיך, די פיס הייבן מיר אָן ווי צו טון, און איר קענט זיך דערווייל דורכשפּאַצירן.

אָבער די יונגע מענטשן האָבן זיך קעגנזייטיק אָנגעקוקט אַביסל פרעמד און זיך אַנידערגעזעצט לעבן איר. זי איז געזעסן און געפּלוידערט, אָפּגעקילט די פיס אין פרישן גראָז און פון עפּעס געשמייכלט.

— היינט איז זייער הייס. די שטיינער זענען אָנגעברענט ווי אין גיהנום. און אין אייך איז קיין פונק אויף אַ רפואה נישטאָ! וואָס זיצט איר און גלאָצט אָן איינער דעם צווייטן? צעקושט זיך כאָטש, צווישן גרינס. דערפון וועט אייך גאָרנישט זיין, ס׳וואָלט לכל הפחות שיין געווען צו קוקן אויף אייך.

פּעללע האָט זיך קיין ריר נישט געטון, אָבער גאַננאַ האָט זיך אויף די קני צוגערוקט צו אים, לאַנגזאַם אים אָנגענומען פאַרן קאָפּ און אים אַ קוש געטון, דערנאָך האָט זי מיט רירנדיקער צאַרטקייט אַ קוק געטון אויף אים — מיט אַזאַ אויסדרוק, מיט וועלכן אַ קינד קוקט אויף זיין ליאַלקע. דער הוט איז איר פאַרקראָכן אויפן נאַקן, אויף איר ווייסן

שטערן און אויף דער אייבערשטער ליפּ האָבן געבלישטשעט ווי פּערל טראָפּנס שווייס און פּלוצלינג האָט זי זיך פריילעך פונאַנדערגעלאַכט.

פּעללע מיט דער אַלטער האָבן אָנגעקליבן בלומען און בוקצווייגן, דערנאָך זענען זיי געזעסן און זיי סאָרטירט. גאַננאַ איז געלעגן אויף דער פּלייצע און געקוקט אין הימל אַריין.

— שוין גענוג צו קוק. וואָס איז דאָרט דאָ צו זען ?זווינס — האָט די מוטער געזאָגט.

— כ'שפּיל אין „שיינקייט”, כ'האָב שוין זייער לאַנג נישט געשפּילט, אָבער דאָ איז צו ליכטיק. אינדערהיים, אין „נחס תיבה”, קומט דאָס אַרויס אַ סך אינטערעסאַנטער.

— נישטאָ וואָס צו רעדן, שוין איינמאָל אינטערעסאַנטער! אַן אָפּטריט-גרוב מיט דריי בית-הכסאות. נאָך אַ נס, וואָס דאָרט איז אַזוי פינצטער. ניין, זומער דאַרף מען אַרויספאָרן הינטער דער שטאָט יעדן זונטיק. דעם, וואָס האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין פרייהייט, איז זייער שווער צו זיצן פאַרשפאַרט דאָס גאַנצע לעבן צווישן פיר ווענט און דערצו נאָך אין פייכטע און שמוציקע. אָבער קומט נאָר ווייטער, מיר פאַרלירן צייט.

— מיר איז דאָ אַזוי גוט — האָט גאַננאַ פויל אויסגעצויגן — פּעללע, נעם מיין שאַרף און לייג מיר אים אַוועק אונטערן קאָפּ — פון אַ בוים-שפּיץ הינטער זיי האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער פויגל.

— אָט דאָס איז אַ כלי! — האָט פּעללע אויסגערופן, אָנווייזנדיק אויף אים. ער איז פּאַמעלעך אָפּגעפלויגן אין אַ זייט, ברייט פּאָכענדיק מיט די מעכטיקע פליגל; איינציקע מאָל האָט ער מיט זיי שנעל אַ פּאָכגעטון און געשוועבט נידעריק איבער די ביימער-קרוינען, קוקנדיק פון דאָרט מיט אַ שאַרפן בליק.

— גאָט מיינער, דאָס איז דאָך אַ באָטשאַן! — האָט פרוי יאָנסען אויסגעשריגן, כאַפּנדיק מיט שרעק אירע שיך — מ'דאַרף וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פונדאַנען, ווער ווייסט, וואָס דאָ קען נאָך געשען!

זי האָט איילִיק גענומען פאַרשנורעווען אירע שיך און דערביי אָנגעשטעלט אַזאַ קאָמיש פּנים, אַז פּעללע האָט געלאַכט ביז טרערן, קוקנדיק אויף איר. גאַננאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— דאָס איז אַ פּשוטער באָטשאַן. ווי נאַריש ס'איז פון זיין זייט זיך איינצוקוקן אַזוי, ווי ער זאָל זיין קורצזיכטיק. ווען איך וואָלט געזוען אויף זיין אָרט, וואָלט איך זיך אויפגעהויבן גלייך אינדערהייך,

כ'וואָלט פאַרמאַכט די אויגן און זיך געלאָזט טראָגן אויף גאָטס באַראַט. און דאָרט, ווו כ'וואָלט אָנגעקומען, וואָלט זיכער געווען עפּעס אויסער־געוויינלעכס!

— נו, געוויס. און ווייסט וואָס? דו וואָלסט אַריינגעפאַלן אין ים און דערטרונקען געוואָרן — האָט זיך אָנגערופן די מוטער — גאַננאַ וואַרט תמיד אויף עפּעס אין דער צוקונפט און לאָזט אַרויספאַלן דורך די פינגער דאָס, וואָס זי האַלט אין די הענט.

— אַ שטייגער ווי כ'האָב עפּעס, אין די הענט — האָט זיך גאַננאַ פונאַנדערגעלאַכט, צעפירנדיק די הענט — פעללע, אפשר ווייסטו, ווי מ'האַלט עפּעס אין די הענט, ווען ס'איז אין זיי גאָרנישטאָ?

אַרום פיר אַ זייגער זענען זיי אַוועק צום „שלעזווינגער שטיין" דאָרט איז פאָרגעקומען אַ מיטינג פון סאָציאַליסטן. פעללע איז פריער נאָך קיינמאָל נישט בייגעווען אַזעלכע צאָלרייכע פאַרזאַמלונגען, ער האָט וועגן דערדאָזיקער גאַנצער באַוועגונג געהאַט בלויז זייער אַ פאַרנעפּלטע פאָרשטעלונג, זי האָט זיך אָבער געפונען אין הסכּם מיט עפּעס נישט גאַנץ באַגריפענע באַוועגונגען פון זיין נשמה; קיין שום שאַרפס, בולטס האָט ער נאָך ביז איצט נישט איבערגעלעבט: דאָס האָט אים גיכער דערמאַנט יענץ געפיל, וועלכעס ער האָט דורכגעלעבט, ווען ער פלעגט, אַלס יינגל, צולייגן צום אויער אַ מושל און זיך איינהערן צו זיין גלייכמעסיקן רויש.

— דאָ זענען אונזערע אַלע פאָרגעשריטענע. — האָט פרוי יאַנזען געזאָגט האַלב־שפּאָטיש. — דו קענסט דאָ זען אונזערע אַלע קאָפּענהאַגענער סאָציאַליסטן. ווי דו זעסט, זענען זיי נישט גאָר קיין גרויסע מחנה, אָבער זיי פאַרזיכערן, אַז אַלע שליסן זיך אָן אין זיי, אָבער דאָס רעדט זיך לייכטער, ווי דאָס טוט זיך.

פעללע האָט געקניטשט דעם שטערן, אָבער געשוויגן, ער האָט דאָס צו נעפּלדיק באַגריפן אַליין, כּדי צו קענען איבערצייגן אַנדערע. פאָלקס־מאַסן האָבן אויף אים געהאַט אַ דע־דריקנדיקע ווירקונג. דאָ זענען געווען טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַרום עפּעס געמיינזאַמעס, און פעללען האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז אויך ער איז צוזאַמען מיט זיי.

„אויך איך בין מיט זיי!" — האָט אין אים געזונגען און געיובלט. ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש צו פאַרפעסטיקן דאָס אין זיך אַליין און אויסדריקן זיין דאַנק דערפאַר, וואָס מיט אים איז נעכטן געשען. ווען די

ווערטער פון הויף־שוסטער וואָלטן אים נ שט א שטויס געטון אריינצוטרעטן אין פאַריין, וואָלט ער נאָך איצט געשטאַנען מחוץ פון דעם אַלעמען. ער האָט זיך געפילט נאָנט צו דידאַזיקע מענטשן און אַ ציטער האָט אים אַרומגענומען, ווען פון טויזנט שטימען האָט זיך דערהערט א געמיינזאַם ליד, אַ באַגייסטערטער הימן צו דעם נייעם, דעם צוקונפטיקן — ווי ס׳וואָלטן זיך אופגעפראַלט עפעס טירן, ווי דאָס, וואָס אין אים איז געווען באַהאַלטן און באַגראָבן, האָט דערזען די ליכטיקע שיין.

אויפן פּלאַץ פאַר די רעדנער איז געשטאַנען אַ ברונעטער מענטש און ענערגיש גערעדט אויף אַ הויך קויל. די צוהערער זענען געשטאַנען אין אַ געדיכטער קנויל און זיך איינגעהערט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און צעעפנטע מיילער, אַלע פנימער זענען געווענדט געווען צום רעדנער. איינציקע האָבן זיך אויף אַזאַ גראַד געפונען אונטערן איינדרוק פון דער רעדע, אַז זייערע פּנימער האָבן נישט ווילנדיק אָפּגעשפּיגלט די מימיק פון רעדנער. קיין איין באַזונדערער אויסרוף איז נישט געווען צו הערן, אָבער ווען דער רעדנער האָט אויפגעהויבן די שטים, איז איבער דער פאַרזאַמלונג דורכגעגאַנגען אַ צושטימונגס־רויש.

ער האָט גערעדט וועגן נויט, וועגן דעם אומענדלעך שווערן וועג, וואָס פירט צו דער אויסלייזונג. אַזוי ווי די בני־ישראל האָבן מיט גלויבן געטראָגן דורכן מדבר דעם ארון־הברית, אַזוי האָבן זיי אויך געטראָגן זייער האָפנונג דורך שווערע צייטן. אויב אַ טייל מענטשן איז געפאַלן פון אויסשעפּונג, פלעגן זיי פאַרבייטן אַנדערע, און ענדלעך האָט איצט געקומען טאָגן. זיי זענען געקומען צו די טויערן פון לאַנד מיט באַווייזן אין האַנט, אַז זיי זענען עס זיינע אמתע איינוווינער. דאָס אַלץ איז געווען פאַרשטענדלעך. אויך פעללע האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע וואַנדערונג איבער דער מדבר — זי איז דאָך געווען דער סימבאָל פון אָרימקייט.

די ווערטער, האָט זיך אים געדאַכט, קען ער שוין פון לאַנג, אָבער דערשיטערט האָט אים דאָס מאַיעסטעטישע קול, דער רעדנער האָט געווירקט אומבמיטלבאַר, אָן דער פאַרמיטלונג פון שכל. דאָס האָט דורכגענומען דעם מענטש דורך און דורך און זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיך. שוין די צאָרנדיקע אינטאָנאַציע אַליין איז אים אַריינגעדרונגען אין האַרץ און געשלאָגן איבער די קראַנקע ערטער, ווי איבער אָנגעריסענע געשווירן; זיי האָבן אויפגעריסן און ער האָט געפילט אַ דערליכטערונג דערפון. אויך פעללע האָט אמאָל פאַר־

מאָגט אַזאַ קול, וואָס האָט איבערגעשריגן אַלץ. — דאָס איז געווען דאַן, ווען ער האָט געפּאַשעט סטאַדעס אויף די היימישע לאָנקעס.

די געדיכטע מענטשן־מאַסע איז געווען ווי איין מענטש, ס׳האָט זיך געשפּירט אין איר אַ גרענעצלאָזע מאַכט. פּעללע איז שוין נישט געווען מער קיין אָרימער, איינזאַמער געזעלן. ער האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איינס מיטן דאָזיקן מעכטיקן וועזן, פּונקט ווי אַ פינגער פון האַנט איז אַ טייל פון אַ גאַנצן אָרגאַניזם.

די מאַכט פון דאָס גאַנצע האָט אים אָנגעפילט און אים גופא געמאַכט פאַר מעכטיק. פון דערדאָזיקער מעכטיקער פאַרזאַמלונג האָט זיך אויסגעשטראַלט עפּעס אַ קראַפט אַ זיכערקייט אין איר פעלזן־פעסטקייט, אַ פאַרלאַנג אַקעגנצוגיין שטורעמס. פּעללע האָט געפילט, ווי ס׳וואַקסט די קראַפט פון זיינע גלידער, ער ווערט אַ ריז, וועלכער קען מיט איין פוס אַלץ צעקוועטשן. זיין מאַרך האָט פאַרנעפּלט דער צופלוס פון אומענדלעכע, אומבאַזיגלעכע כוחות. פּעללען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַ שטורעם כאַפּט אים אונטער, און אומקערנדיק זיך אויף דער ערד, האָט ער טיף אָפּגעזיפצט, ווי ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן עפּעס אַ משא.

גאַנגאַס האַנט איז געלעגן אין זיינער. ער האָט זי לייכט אַ דריק געטון, זי האָט עס אָבער נישט באַמערקט. זי האָט זיך געפונען ערגעץ ווייט־ווייט. ער האָט געקוקט אויף איר שיינעם האַלז און זיך איינגעבויגן, כדי איר צו פאַרקוקן אין פנים. אויף אירע יונגע שטריכן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער לייכט־אויפברויזנדיקער שפּיל פון אירע געפילן. אירע אויגן האָבן שאַרף געקוקט אין איין פּונקט.

„אויף זי איז דאָרט! — האָט פּעללע מיט פרייד אַ טראַכט געטון. — זי איז אינגאַנצן פאַרכאַפּט. דער מאַן און די פרוי — איניינעם! ווי וווּנדערבאַר!"

ער האָט גענומען פאָרשן די ריכטונג פון איר בליק און זיין האַרץ איז אָפּגעשטאָרבן. אויף דער לאָנקע, אין אַ זייט פון די שפּאַצירער, איז געשטאַנען אַ שיינער, שלאַנקער יונגערמאַן. די זון האָט געשיינט אויף זיין אָפּגעבערענט פנים און אויף זיין ווייכער באָרד. אָט האָט ער זיך אומגעדרייט אין וייער זייט: זיינע ברייט־צעעפנטע אויגן זענען ענלעך געווען צום ים־קאָליר.

זי האָט אויפגעשוידערט, ווי זי וואָלט זיך אויפכאַפּן פון שלאָף און אַ קוק געטון אויף פּעללען.

— ר׳איז אַ מאַטראַס — האָט זי געזאָגט מיט אַזאַ קול, ווי זי וואָלט זיך געפונען זייער ווייט.

פעללע האָט זי וועגן גאָרנישט נישט געפרעגט.

„פינוואַנען קען זי איכ?״ — האָט ער זיך אַ פרעג געטון מיט אַן אומאָנגענעם געפיל און אַרויסגעריסן זיין האַנט. זי אָבער האָט זי באַלד ווידער גענומען און מיט אַן אומגעריכטער צערטלעכקייט צוגע־דריקט צו איר ברוסט, ווי זי וואָלט וועלן פאַרזיכערן עפּעס. איצט האָט זי שאַרף געקוקט אויפן רעדנער, נערוועז געוועזן און כסדר זיך פאַרריכט די האָר.

— סאַראַ אומרויִקע דו ביסט, — האָט איר געזאָגט די מוטער, וועלכע איז געזעסן פאַר זיי. — שטיי אַזוי, איך זאָל זיך קענען אָנשפּאַרן אין דיר. פריער איז מיר אַזוי באַקוועם געוועזן.

— גוט, — האָט גאַננאַ געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקט קול און זיך אויסגעגלייכט.

— פעללע, אויב ער וועט צוקומען אַהער, וועל איך אים נישט ענטפערן, — האָט זי פלוצלינג אַרויסגעשעפּטשעט, — פאַר קיין פאַל נישט!

— ביסט, הייסט עס, באַקאַנט מיט אים?

— ניין, אָבער מאַלע וואָס ס׳קען טרעפן! ס׳קומט דאָך פאָר, אַז אַ מאַנסביל קומט צו און פאַרפירט אַ שמועס. אָבער דאַן וועסטו זאָגן, אַז כ׳בין דיין כלה. גוט?

פעללע האָט געוואָלט זיך אַרויסדרייען פון ענטפער, אָבער ער האָט פלוצלינג דערפילט, ווי איבער גאַננאַס קערפּער איז דורכגעלאָפן אַ שוי־דער.

„זי האָט פיבער, — האָט ער אַ קלער געטון מיט מיטגעפיל. — און וואָס איז דאָס וווּנדער: אין „נחת תיבה״ איז אַזוי פייכט.

„און, אפשר, האָט זי מיך אָפּגענאַרט? — האָט ער אַ טראַכט געטון אין אַ מינוט אַרום. — אויף אַ פּרוּוו קען מען זיך אַלץ ריכטן״.

ער איז געוועזן צו שטאָלץ, כדי צו פרעגן וועגן דעם גאַננאַן; דע פאַר וועט עס שוין וויסן ווי צו דערגיין דעם אמת פון מאַטראַס.

פלוצלינג האָט זיך אין עולם דערהערט אַזאַ הויכער „הוררא״, אַז אַלץ האָט גענומען הילכן. אויך פעללע האָט גענומען שרייען.

ווען ס׳איז שטיל געוואָרן, איז שוין דער יונגערמאַן נישט גע־וועזן.

זיי זענען אוועק צום „בערגל“, די מוטער איז געגאַנגען אַביסל פּאָרויס. גאַננאַ האָט אונטערגעזונגען, פון צייט צו צייט אָפּגעהאַקט דאָס לידל און פאַרשנדיק באַטראַכט פעללען.

— מיר איז אַלץ איינס, — האָט ער פינצטער אַרויסגערעדט, — אָבער צוואָס האָסטו מיך אָפּגענאַרט ? דאָס איז זייער נישט שיין פון דיר.

— אָפּגענאַרט ? וואָס טוט זיך מיט דיר, פעללע ? — זי האָט אים פאַרוואונדערט אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— יאָ, דו זאָגסט ליגנט. צווישן אייך איז עפּעס דאָ.

גאַננאַ האָט זיך הויך פונאַנדערגעלאַכט, אָבער פלוצלינג אויפגעהערט.

— פעללע, פונוואַנען האָסטו גענומען, אַז ער אינטערעסירט מיך ? כ׳האָב אים פריער אפילו קיינמאָל נישט געזען. כ׳האָב נאָך קיינמאָל קיינעם נישט געקושט, אַחוץ דיר, אָבער דו ביסט מיר ווי אַ ברודער.

— ווייסט גאַנץ גוט, אַז כ׳וויל שוין מער נישט זיין דיינס קיין ברודער.

— ציַ דען האָב איך דיר מיט עפּעס שלעכטס געטון ? אויב אַזוי, זיי מיר מוחל.

זי האָט אים אָנגעכאַפּט באַ דער האַנט.

— כ׳וויל חתונה האָבן מיט דיר ! — האָט פעללע אויסגערופן.

גאַננאַ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— מאַמע, דו הערסט ? פעללע וויל, כ׳זאָל מיט אים חתונה האָבן, — האָט זי זיך געווענדט צו דער מוטער מיט שטאָלץ.

— כ׳הער און זע אַ סך מער, ווי דו מיינסט, — האָט קורץ געענטפערט די מוטער.

גאַננאַ האָט געקוקט דאָ אויף דער מוטער, דאָ אויף פעללען און איז געוואָרן ערנסט.

— ביסט זייער אַ ווילער, פעללע, — האָט זי געזאָגט, — אָבער דו קענסט מיר נישט געבן קיין שום נייעס ; כ׳קען דיך אייסגעבונדן. און באַנאַכט האָב איך דיך קיינמאָל נישט געזען אין חלום. פעללע, צי ווייסטו, וואָס אַזוינס איז גליק ?

— דאָס וועל איך דיר ווייזן, — האָט פעללע געזאָגט, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ — וואַרט נאָר אונטער אַביסל.

— שאַ, זי רעדט שוין ווידער וועגן גליק, — האָט די מוטער אויסגערופן מיט צאָרן און זיך אָפּגעקערט.

— שוין גענוג איבערצופירן מיט דיינע נאַרישקייטן דעם היינ־טיקן טאָג. כ׳בין געווען אַזוי גליקלעך; אַלץ איז אַזוי גוט געווען.

גאַננאַ האָט זיך הילפלאָז צעלאַכט.

— די מאַמע טענהט, אַז מיט מיר איז עפּעס געשען. דער פאָטער האָט מיר איינמאָל אַ קלאַפּ געטון איבערן קאָפּ, ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קליינינקע.

— יאָ, זינט דעמאָלט פאַלן אָן אויף איר אַזעלכע שטימונגען. פּלוצ־לינג ווילט זיך איר קיין זאַך נישט, זי טרוימט נאָר און פאַנטאַזירט. גאַנ־צע טעג קען זי זיצן און קוקן אין פענצטער. אפילו די קינדער פון הויף האָט זי אָנגעשטעקט מיט אירע נאַרישקייטן. ווען מיר זענען געבליבן אַליין, האָט זיך אונז זייער שלעכט געלעבט, אָבער זי פלעגט מיך תמיד אָפּרייסן פון דער אַרבעט און צווינגען צו פירן אַ קאַראַהאָד מיט איר און מיט איר ליאַלקע און זינגען אַ ליד וועגן גראַף. כ׳רעכן, אַז די קענסט דיר פאָרשטעלן, וויפל בלוטיקע טרערן כ׳האָב פאַרגאָסן איבער איר.

גאַננאַ האָט געהערט דער מוטערס באַקלאָגן זיך און אונטערגעזונ־גען איר ליד וועגן גראַף.

— אָט, נאָט אייך. און זי שעמט זיך גאָרנישט. ניין, נישטאָ מיט איר וואָס צו מאַכן, זעט אויס.

אויפן „בערגל״ איז געשטאַנען אַן אומגלויבלעכער רעש; די שפּאַ־צירער זענען אַרומגעקראָכן אין אַלע זייטן, געקלאַפּט אין קינדישע באַ־ראַבאַנען, געפייפט אויף פייפיאַלן און בכלל זיך אויפגעפירט ווי ווילדע. אינמיטן דערינען פלעגט עמיץ אַ טרובע טון אין סאַמע אויער אַריין, אַזוי, אַז מ׳האָט געמוזט אויפשפּרינגען פון אָרט, אָדער מ׳פלעגט עפּעס צושטע־פּען צום קלייד. גאַננאַ איז געווען צעדרייט, זי האָט זיך געטוליעט צו דער מוטער, צו בעללען און נישט געקענט רויק איינשטיין אויפן אָרט.

— קומט, לאָמיר אַוועקגיין פונדאַנען, — האָט זי זיך געבעטן מיט אַ היסטערישן געלעכטער.

פעללע האָט זיי געוואָלט מכבד זיין מיט קאַווע, זענען זיי אַוועק אויפזוכן אַ פּאַוויליאָן, וווּ ס׳זאָל זיך געפינען אַ פריי אָרט. לעבן דער קאַרוסעל איז געשטאַנען דער קאַטאַרינטשיק פון „נחס תיבה״. ער האָט

זיך העפלעך געבייגט פאַר זיי און נישט אויפהערנדיק צו דרייען מיט איין האַנט דאָס הענטל פון דער קאַטאַרינקע, האָט ער די אַנדערע צוגע־לייגט צום מויל און געשריגן מיט אַלע כוחות, כדי איבערצושרייען דעם עולם:

— איר וועט דאָ טרעפן די אַלסענס.

— כ׳הייב נישט אָן צו פאַרשטיין, וואָס ער שרייט — האָט גאַנ־נאַס מוטער געזאָגט; זי האָט גאָר קיין חשק נישט געהאַט צו טרעפן עמעצן פון דער „תיבה״.

באַצאָלט פאַר דער קאַווע, האָבן זיי אַ געוויסע צייט געבלאָנקעט צווישן די טישלעך, צוזאַמענגיסנדיק זיך מיטן באַלעבטן המון.

גאַננאַ האָט פאַרלאַנגט, מ׳זאָל איר וואַרזאָגן. אמת, דאָס האָט גע־קאָסט 25 ער, דערפאַר אָבער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פון יענער זייט ים דאַרף אומגעריכט קומען צופאָרן אַ רייכער חתן; גאַננאַס אויגן האָבן אויפגעלויכטן.

— איך וואָלט געקענט ריכטיקער וואָרזאָגן — האָט איר די מוטער באַמערקט.

— כ׳וויל נישט, מאַמע, דו זאָגסט מיר שטענדיק פאָרויס בלויז אומ־גליק.

פרוי יאַנסען האָט געטראָפן אַ באַקאַנטע, אַ פאַרקויפערקע פון לופט־באַלאָנען, האָט זי זיך צוגעזעצט צו איר.

— און איר גייט טאַנצן, ביז מיינע אַלטע פיס וועלן זיך אויסרוען אַביסל — האָט זי געזאָגט.

זיי זענען אַוועק צום טאַנץ־קרייז און געקוקט אויף די טענצער און אַמאָל אַליין אויך געטאַנצט פאַר 5 ער.

גאַננאַ האָט צפּגעזאָגט אַלע קאַוואַלערן און געטאַנצט בלויז מיט פּעללען. די אָפּגעשטויסענע זענען געשטאַנען מיט די היטלען אויף די נאַקנס און געוואָרטשעט.

— פאַרוואָס באַליידיקסטו זיי? — האָט איר פּעללע געזאָגט מיט פאָרוורף.

— ווו שטייט עס געשריבן, אַז כ׳מוז טאַנצן מיט אומבאַקאַנטע? כ׳וויל טאַנצן בלויז מיט דיר אַליין.

און זי האָט צאָרנדיק אַ בליץ געטון מיט די אויגן און געווען פאַר־ביטערניש־שיין אין איר פעסטקייט. „זיין איר איינציקער קאַוואַלער״ —

פעללע האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם; צוליב איר וואָלט ער זיי אַלע־מען מיט פאַרגעניגן אָנגעבראָכן די ביינער.

ווען זיי האָבן זיך געגרייט אַוועקצוגיין, האָט פעללע דערזען פונ־דערווייטנס דעם פרעמדן. ער האָט גענומען איילן גאַנגאַן, וועלכע האָט געקוקט אויף די טענצער מיט אַן אומבאַוועגלעכן, אומבאַוווסטזיניקן בליק; ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי לייגט אויף קיין זאַך נישט קיין אכט. דער פרעמדער איז געגאַנגען צו זיי, אָבער פעללע איז זיכער געווען, אַז זי האָט אים נישט געזען, פלוצלינג האָט זי ווי אויפגעוואַכט און אָנגעכאַפּט פעללען בײַ דער האַנט.

— פאַרוואָס גייען מיר נישט ווייטער. — האָט זי אַרויסגעבראַכט פון מויל.

בײַם אַריינגאַנג האָבן זיי זיך צונויפגעשטויסן מיטן פרעמדן און ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר גאַנגאַן; זי האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן, אָבער איר לינקע האַנט האָט אַ ציטער געטון, ווי זי וואָלט זי וועלן אַרויפ־לייגן דעם יונגנמאַן אויף דער פּלייצע.

— מיין כלה איז מיד און זי וועט מער נישט טאַנצן — האָט זיך פעללע געווענדט צו אים און אַוועקגעפירט גאַנגאַן.

— ווי גוט, וואָס מיר זענען אַרויס פון דאָרטן, — האָט גאַנגאַ לייכטער אָפּגעזיפצט, ווען זיי זענען צוריקגעקומען צו דער מוטער. — נישט געווען קיין אינטערעסאַנטע קאַוואַלערן.

פעללע איז געווען פאַרוווּנדערט. צי דען האָט זי נישט באַמערקט דעם פרעמדן און אים נישט אונטערשיידט פון די איבעריקע? אגב, ווי אַזוי האָט זי אים געקענט באַמערקן? און פונדעסטוועגן האָט זי געהאַט אַזאַ אויסזען, ווי זי וואָלט געקענט זען אפילו מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. און איר האַנט, וואָס האָט געציטערט? ער האָט לחלוטין גאָרנישט פאַרשטאַנען. „עך, ס׳איז אַלץ איינס“ — האָט ער אַ קלער געטון.

ביז דער אָמניבוס־סטאַציע האָט פעללע געפירט גאַנגאַן מיט איר מוטער אונטער די אָרעמס. די אַלטע איז געווען זייער אויפגעלעבט און געפּלוידערט מיט פעללען. גאַנגאַ איז געגאַנגען שווייגנדיק. פּלוצ־לינג האָט זי פעללען געבעטן, ער זאָל אַ רגעלע שטיל בלייבן. ער האָט מיט פאַרוווּנדערונג אַ קוק געטון אויף איר.

— אין די אויערן קלינגען מיר אַזעלכע שיינע טענער, און ווען דו רעדסט, ווערט אַלץ פאַרפאַלן.

— נאַרישקייטן, דאָס שלאָגט אין דיר דיין אומגעצוימטע בלוט — האָט די מוטער געזאָגט — און אַ חוץ דעם ווערט די לבנה פולער.

איצט האָט שוין פעללע דעם גאַנצן וועג געשוויגן. בלויז פון מאָל צו מאָל פלעגט ער דריקן גאַננאַס וואַרעמע און עטוואָס פייכטע האַנט, וועלכע איז געלעגן אויפן הענטל פון זיץ-פּלאַץ.

גאַננאַס מוטער איז געווען פריילעך ווי פריער. קוקנדיק אויף די מיניענדיקע שטאָטישע פייערן און אויף די טונקעלע וואַסערן פון ערע-ווגד, האָט זי פאַרגעסן וועגן איר וואָכעדיק לעבן. און פלוצלינג האָט זי גענומען זינגען מיט איר ציטערנדיק קול:

גלאָקן-קלאַנג איז שוין אַנטשוויגן,
ס'גלאַנצן שטערן אויפן הימל,
צוגעדעקט מיט נאַכטיקע פליגלען.
טרוימען מידע אין שווערן דרימל.
ווילסטו וואַנדערן — טאָ קום!
ס'וואַרט אויף אונז אַ שיף אַ שנעלע,
און מיר וועלן שווימען ווייט
צווישן נאַכט און שטערן העלע!

פון טריאַנגעל איז איר שווער געווען צו גיין צוזאַמען מיט די איבעריקע, זי איז מיד געווען.

— אַ דאַנק דיר פאַרן היינטיקן טאָג — האָט זי געזאָגט, זיך זע-געגענענדיק אויפן הויף מיט פעללען — מאָרגן באַגינען דאַרף מען זיך ווידער נעמען צום איבערניטשעווען אוניפאָרם-הויזן. היינטיקער טאָג איז אַדורך וווּנדערשיין.

אויף די שטיגן איז זי געגאַנגען פּאַמעלעך, צייטנווייז קרעכצנדיק און זיפצנדיק. זי האָט געזאָגט, אַז ס'וואָלט געווען גוט, ווען די שטיגן זאָלן נישט זיין אַזוי לאַנג.

גאַננאַ איז אויף אַ מינוט שטיין געבליבן.

— פאַרוואָס האָסטו געזאָגט, אַז כ'בין דיין כלה? — האָט זי אומ-געריכט געפרעגט פעללען, — ס'איז דאָך נישט ריכטיק.

— האָסט מיך אַליין געבעטן וועגן דעם, — האָט איר פעללע געענטפערט און געוואָלט ווייטער רעדן, אָבער זי האָט אים איבער-געהאַקט

— נו, גוט. זאָל זיין אַזוי! — און אַרויפגעלאָפן אויף די שטיגן. — אַ גוטע נאַכט! — האָט זי אים פריינדלעך צוגעוואָרפן.

IV.

פּעללעס לעבּן איז געווען ענג פֿאַרבּונדן מיט דער „פֿאַמיליע“. ווען פּעללע איז אויפֿן פֿערטן טאָג נאָך זיין קומען קיין קאָפּענהאַגען געבּליבּן אָן אַ דאַך איבּערן קאָפּ און אָן מיטלען צום לעבּן (ווייל זיין גאַנץ געלט איז פֿאַרלוירן געגאַנגען), זענען דידאָזיקע דריי קינדער געווען די ערשטע, וואָס האָבּן אים געהאָלפֿן.

ווען ער איז געפֿאָרן קיין קאָפּענהאַגען, האָט ער געהאָפֿט אויף עפּעס גאַנץ אַנדערש. ער האָט אַזוי שטאַרק געטרוימט וועגן זיין צוקונפֿט, אַז ער האָט נישט געקענט שלאָפֿן אין וועג. אַ גאַנצע נאַכט האָבּן זיך געוועבּט אין זיין מוח גרויסע פּלענער: ער פֿאַרמאָגט דאָך עפּעס פֿינף־און־צוואָנציק קראָן! ווי נאָר ס'האָט גענומען שפּראָצן אויף טאָג, האָט ער זיך איינגעגעסן מיט די בּליקן אין די ווייטקייטן, בּיסלעכווייז איז די שטאָט אַרויסגעשווומען פֿון פֿרימאָרגן־נעפּל מיט אירע טורעמס און פֿאַבּריק־קוימענס און זי האָט געוועקט אין אים די ליכטיקסטע האָפֿנונגען אויף דער צוקונפֿט. דער לייכטער נעפּל־שלייער, וואָס האָט איינגעהילט די בּנינים, האָט זיך געפֿורפֿורט אונטער די שטראַלן פֿון דער פֿרימאָרגן־זון. די בּאַפֿעסטיקונגען און דער מיליטערישער פֿאָרט האָבּן געמאַכט אַן איינדרוק פֿון מעכטיקייט. דער דאַמפֿער האָט נאָך נישט בּאַוויזן צוצושווימען און זיין קאָפּ האָט זיך שוין געדרייט פֿון געדראַנג אויף דער בּריק, פֿון די געשרייען פֿון די דראָזשקאַזשעס און טרעגערס. ער האָט נאָך פֿריער געהאַט אָפּגעמאַכט בּאַ זיך פֿון קיין זאַך נישט צעטומלט צו ווערן. און פֿונדעסטוועגן איז שווער געווען צו בּאַגרייפֿן, וואָס אייגנטלעך זאָל ער צוערשט נעמען טון, אָבּער דער צופֿאַל האָט פֿאַר אים אַנטשידן די פֿראַגע. אַ גוטמוטיקער דיקער מענטש, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן בּרעג, האָט אים צוגעשריגן, ווי אַ בּאַקאַנטן.

— שלום עליכם, לאַנדסמאַן! — און אים פֿאָרגעלייגט אַ נאַכטלעגער און פֿולע בּאַקעסטיקונג פֿאַר 2 קראָן אַ מעת־לעת. פּעללע האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט און אָן וואַקלענישן זיך אָפּגעגעבּן אין רשות פֿון דאָזיקן מענטש. דערדאָזיקער איז געווען אויסערגעוויינלעך ליבּנסוויר־

דיק: פעללע איז אפילו באַפרייט געוואָרן פון טראָגן אַ ייִן זיין גרינעם קופערט.

— כ׳וועל דערנאָך שיקן נאָך אים... כ׳וועל אייך איינאָרד-נען... — האָט כסדר פאַרזיכערט דער דיקער.

אין דריי טעג אַרום האָט ער פעללען דערלאַנגט אַ לאַנגן רעכ-נונג אויף אַ סומע פון 25 קראָן. ס׳איז מאָדנע, וואָס פעללע האָט טאַקע געהאַט בײַ זיך פונקט אַזאַ סומע! פעללע האָט קיין חשק נישט געהאַט צו אָפּצוגעבן, אָבער דער דיקער האָט גערופן פּאָליציי און פעללע איז געצוואונגען געווען צו באַצאָלן. אַזוי אַרום איז ער געבליבן שטיין אויף דער גאַס מיט זיין גרינעם קופערטל, אַ הילפלאָזע. אַ פאַריאושטער. ס׳איז פאַרבייגעגאַנגען אַ יונג יינגל און פאַ־געלייגט אָפּצוטראָגן זיין געפּעק:

— אויב איך וועל אַליין פירן דאָס קופערטל אויף אַ וועגעלע, וועט עס קאָסטן 25 ער און חוץ דעם נאָך 10 ער פאַרן וועגעלע; אויב כ׳וועל אָבער נאָר אונטערשטופּן פאַר איין הענטל, וועט עס קאָסטן נישט מער ווי 10 ער — האָט ער דערקלערט געשעפטמעסיק. ער האָט אויסגעזען נישט עלטער ווי פון אַ יאָר 9 — 10.

— כ ווייס נישט, וווהין צו גיין — האָט פעללע געענטפערט, כמעט גרייט צו וויינען — מ׳האָט מיך אַרויסגעטריבן און כ׳האָב נישט ווו זיך אַהינצוטון. כ׳קען דאָ קיינעם נישט, און דאָס גאַנצע געלט האָט מען בײַ מיר צוגע-נומען.

דאָס יינגל האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זיך גע-קליבן צו באָקסן.

— אַ פוילער עסק, האָסט, מסתמא, אָנגעטראָפן אויף אַ זשוליק, וואָס פאַנגט פויערים. אויב אַזוי, טאָ קום צו מיר, קענסט בלייבן בײַ אונז ווינען, אויב ביסט מסכּים צו שלאָפן אויפן דיל.

—און וואָס וועלן זאָגן דיינע עלטערן, ווען כ׳וועל אַראָפּקומען מיט דיר?

— כ׳בין אַ יתום. אין מאַריאַ מיט פעטערן וועלן קיין וואָרט נישט זאָגן. קום. ס׳קען זיין, מיר זאָלן דיר קענען פאַרשאַפן אַרבעט באַם „בעל-בוסה“. שאַ, און פונוואַנען ביסטו געקומען?

— פון באָרנהאָלם.

— אַזוי ווי מיר. ס׳איז שוין לאַנג אין דעם. מיר זענען נאָך דאַן בעווען קליין! קום מיט מיר, לאַנדסמאַן!

דאָס יינגל איז געווען שטאַרק צופרידן און אָנגענומען דעם דישל

פון האַנט־וועגעלע. אונטער דער שוץ פון דאָזיקן קינד איז פּעללע גע־
קומען אין „נחת תּיבה״.

די שוועסטער מיטן ברודער, אַביסל עלטער פון דאָזיקן קליינעם מענטשעלע, האָבן אים געגעבן רעכט פאַר זיין האַנדלונג. זיי האָבן זיך זייער שנעל צוגעבונדן צו פּעללען, כאָטש זיי זענען געווען שטאַרק שע־מעוודיק און פאַרשלאָסן אין זיך. זיי האָבן אים געפונען אויף דער גאַס און זיך באַטראַכט אַלס זיינע אַפּוטרופּסים: ער האָט דאָ קיינעם נישט געקענט און מ׳האָט אים געדאַרפט העלפן. זיי האָבן אים באַקאַנט געמאַכט מיט דער שטאָט און באַקומען פאַר אים אַרבעט באַם „בעל־כּוסה״.

צומאָרגנס נאָכן שפּאַציר הינטער דער שטאָט האָט פּעללע גאַנץ צו־פעליק געפונען אַ ליידיק צימער; עס האָט זיך געפונען אויפן בוידים פון דער פאָדערשטער טייל געביידע, און זייט־באַ־זייט מיט דער „פאַמיליע״. מאַריאַ האָט אים געהאָלפן באַם צורוימען און איבערטראָגן די זאַכן. און מיט אַן אָנגענעם געפיל האָט ער איבערגעריסן מיטן שוסטער, איצט איז פאַרענדיקט געווען די אַרבעט באַם בעל־כּוסה און אַלץ, וואָס איז פאַר־בונדן געווען מיט איר. איצט וועט ער האָבן צו טון אוממיטלבאַר מיטן אַרבעט־געבער און ער וועט קענען קוקן זיינע חברים גלייך אין די אויגן. דאָס לעבן באַם „בעל־כּוסה״ איז געווען אומאָנגענעם צוליב אַ סך פּרטים, פונדעסטוועגן האָט ער זיך צעשיידט מיט אים אין אַ שלעכט געפיל.

ער האָט זיך באַ אים אויסגעלערנט מער, ווי אין אַלע פריערדיקע יאָרן צוזאַמענגענומען. אין אייזנוואַרג־קרעמל האָט ער געקויפט געניצ־טע אַרבעט־מכשירים, ווי אויך אַ בעט און אַ טיש, פאַר וועלכע ער איז משווה געוואָרן אויסצוצאָלן ראַטעסווייז. דער הויף־שוסטער האָט אים צו זיין ערשטן אַרויספּאָר געגעבן אויף דער שטוב קינדער־שוכוואַרג, אָבער זיין הויפּט־פאַרדינסט האָט ער געהאַט פון מייסטער בעק פון דער האַנדלס־גאַס. בעק איז געווען אַ מענטש פון אַלטן שניט. זיין קליענטור איז מערסטנ־טייל באַשטאַנען פון שיפלעך־איבערפירער, סטרוזשעס און אַלטע מאַ־טראָזן, וועלכע האָבן געלעבט אין האַפן. ער האָט אויסגעזען, ווי אַ פּראָ־ווינציאַל, כאָטש ער איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן אין קאָפּענ־האַגען; ער איז אַרומגעגאַנגען אין לאַטשן, אויסגענייטע דורך זיינע טעכ־טער, און אין די זונטיקן געשטאַנען אין טיר און גערייכערט אַ לאַנגע פּייקע. אויף זיין מלאכה האָט ער געהאַט אַן אַלטפרענקישן קוק און צו־פרידן געווען, וואָס פּעללע האָט נישט מורא פאַר יוכט־שטיוול. בעק האָט נישט געהאַט קיין גרויס חשק אַרויסצוגעבן אַרבעט אויף דער שטוב,

פלעגט פעללע מיט פאַרגעניגן גיין צו אים אין וואַרשטאַט, ער האָט נישט מורא געהאַט פאַר קיין שום אַרבעט, אָבער לעבן לויטן אַלט-פרענקישן שטייגער באַם באַלעבאָס האָט ער נישט געוואָלט. זיין נייער לעבנס-שטייגער האָט אים גלייך אויפגעמונטערט. ער האָט געאַרבעט מיט פרייד און התמדה. ער האָט שוין געגומען אָפּשפּאָרן געלט, צו שיקן עס אַהיים אויף אָפּצאָלן דעם חוב. ער האָט שוין הנאה געהאַט פון געדאַנק, אַז אינגיכן וועט ער קענען אַראָפּבריינגען צו זיך דעם פאָטער.

פרימאָרגנס, נאָך פאַר זעקס אַ זייגער, פלעגן די איינוווינער פון בוידים אַראָפּלויפן אין די קאָרידאָרן, כדי צו גיין צו דער אַרבעט, אָבער פעללע איז שוין געזעסן און געקלאַפּט מיטן העמערל אין זיין צימער, ווען בעק האָט געהאַט פאַר אים עפּעס אַרבעט, פלעגט ער אַ זייגער זיבן אַוועקגיין אין וואַרשטאַט. מיט קליינע שטיקלעך אַרבעט האָבן אים אויך פאַרזאָרגט די איינוווינער פון „נחת תיבה”. פעללע האָט באַקומען דערפאַרונג אין פּראָדוקציע-פּראַגן, און דאָס איז געווען יענץ קליינע קערנדל, וועלכעס האָט געדאַרפט ברענגען פרוכט.

שוין דאָס אַליין, וואָס ער איז פּטור געוואָרן פון בלוטזייגער, האָט באַדייט אַ פאַרבעסערונג פון זיין לאַגע. ווען עס זאָל מעגלעך זיין אויך ווייטער גיין מיטן זעלבן וועג און אַליין באַקומען דעם גאַנצן ריווח: מיט גרויס אומגעדולד און עקשנות, וועגן וועלכע פעללע אַליין האָט זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין דין וחשבון, האָט ער אַ סך געטראַכט וועגן פאַרשידענע מעגלעכקייטן, וועלכע האָבן אים אין אַ קורצער צייט געדאַרפט מאַכן פאַר אַ שותּף צו די ווילטאָגן פון דער וועלט.

אַרום אים האָט אויך אַלץ געקאָכט. די מאַסן האָבן אויפגעציטערט, ווי פּלוצלינג דערוואַכטע, און זיי זענען שוין נישט געגאַנגען מיטן געווינטן וועג בלינד און געדולדיק, נאָר געבלאָנדזשעט אין אַלע ריכטונגען אין גרויס צערודערונג.

בייזע כוחות האָבן דערדריקט זייער גרויסע האָפנונג, איר געשטערט צו ווערן פרוכטבאַר, האָט מען אַליין, מיט אייגענע כוחות, געמוזט אַקטיוו צוהעלפן דעם גליק געבוירן צו ווערן אויף דער וועלט. דער פעלזן-פעסטער פאַטאַליזם, וועלכער האָט ביז איצט אָפּגעהאַלטן די באַוועגונג פאַרויס, איז דורכגעריסן געוואָרן, די מאַסן האָבן מער נישט געוואָלט בלייבן אין טעמפּער גלייכגילטיקייט. דידאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן דאָס גאַנצע לעבן געוווסט בלויז איין וועג — פון שטוב צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט אין שטוב — זענען פּלוצלינג געבליבן שטיין אינמיטן

זועג און גענומען שטעלן נאַיווע פראַגן וועגן ציל פון אַלץ, וואָס עקזיסטירט. ט׳האָבן זיך געפונען אפילו אַזעלכע פשוטע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט די העזה צו ספקן אין דער גערעכטיקייט פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג. עס דאַרף נישט הערשן קיין אָרימקייט; דעריבער דאַרף מען אויסגעפינען די סיבה פון איר עקזיסטענץ. און דאָס האָט געדינט אַלס שטויס צום פאַרלאַנג אַליין זיך נעמען פאַר בויען דאָס לעבן; ס׳האָט ממש געביסן די הענט דער פאַרלאַנג איבערצורייסן קייטן, וועלכע און ווו — האָבן זיי אַליין נישט געוווּסט. אַ שטורם האָט זיך אָנגעטראָגן. אַלע ליניעס האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָנטערט. ס׳האָבן זיך אויפגעהויבן אומבאַקאַנטע כוחות, וועלכע האָבן אָפט פאַרכאַפּט אפילו די רויקסטע מענטשן, וועלכע זענען געקראָכן ווי די הינט אין געיעג נאָך שפּייז, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פול מיט אומאָפּהענגיקייט און עקשנות; זיי האָבן נישט געבויגן די קעפּ אונטער דער סכנה פון די גרעסטע קלעפּ אפילו. די, וועלכע האָבן דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעאַרבעט אויף איין אָרט, האָבן פּלוצלינג זיך נישט געקענט פאַרטראָגן מיט די איינגעפירטע אָרדנונגען און פלעגן אַוועק צוליב די קלענסטע נאַרישקייטן. די געדולדיקסטע האָבן פאַרלוירן דאָס געדולד. די, וועלכע האָבן געטראָגן שטום אויף זייערע פּלייצעס די שווערסטע לאַסט, זענען געוואָרן אומצופרידן, עמפּינדלעך, צערייצבאַר און עזותדיק ווי אַ טראָגעדיקע פרוי; ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ליידן פון עפּעס אַן אומגעזעענער, אינערלעכער קראַפט און זיי באַמיען זיך דורכצורייסן די האַרטע הילע, אונטער וועלכער עס ליגט איינגעשלאָסן דאָס נייע, וואָס זיי האָבן אין זיך געשפּירט. אַ קרענקלעכע אָנגעשטרענגטקייט האָט אַרויסגעקוקט פון זייער צעטראָגענעם בליק, געפונען אַן אויסדרוק אין משונהדיקע קלעפּ אין דער פוסטער לופט.

אין דער אומזיכערקייט גופא, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די מאַסן, איז געווען עפּעס דראָענדיקס, ווי זיי וואָלטן זיך צוגעהערט צו נייע כוחות, וועלכע ווערן געבוירן פון חושך. מיט אַ בליצנאַרטיקער שנעלקייט האָבן גענומען פאַרשווינדן די אַלטע געוווינהייטן און מנהגים. אַלע האָבן גערעדט וועגן נייע צייטן; האַלב־באַוווּסטזיניק האָבן זיי געשטרעבט תיכף זיך דערנענטערן צו זיי, ווי ס׳וואָלט שוין דערפילט געוואָרן די צייט פון געטוענעם נדר: זיי האָבן געדורשט נאָך טעטיקייט, אָבער אַליין נישט געוווּסט נאָך וועלכער. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין קליינע גרופּעס, איינגעאָרדנט שטרייקן, וועלכע זענען דורכגעפאַלן; אַנדערע, מערסטנטייל יוגנט, האָבן געגרינדעט קלובן, ווו מ׳האָט ענערגיש אַגיטירט וועגן דער נוי־

טיקייט צו פירן אַ קאַמף פאַר די נייע יסודות, וועלכע זענען פאַר זיי גופא נאָך נישט געווען קלאָר.

אַ סך פון זיי זענען געקומען אין שטאָט, ווי פעללע אין געיעג נאָך גליק, מיט ענערגיע און אייפער געברענט, ווי אין פיבער.

אַזוי האָבן אויסגעזען די אַלגעמיינע שטימונגען, ווען פעללע איז געקומען אין שטאָט אריין — ס'האָט געהערשט אַ פולשטענדיקער כאַאָס. אָן עפעס באַשטימטס, זיכערס, די מענטשן — די מאַסן — האָבן איינער דעם צווייטן נישט געקענט אונטערשטיצן; אָפּגעריסענע איינער פון צווייטן, האָבן זיי פאַרלוירן געבלאָנדזשעט און אומזיסט געזוכט די לאָזונגען, וואָס זאָלן זיי פאַראייניקן. אין די העכערע קרייזן האָט זיך דערווייל באַמערקט בלויז אַן אומזיכערקייט אין דער באַציונג צו די אַרבעטער און מ'האָט זיך געקלאָגט אויף דער אומזיניקער מהומה, וואָס שטערט די פּראָדוקציע און פאַרשווערט די קאָנקורענץ מיט אויסלאַנד. פלינקערע ווידער באַמערקנדיק, אַז די מאַסן שטעלן פאַר מיט זיך אַ ריזיק אויער, האָבן זיך געאיילט דסאָ אויסנוצן פאַר זייערע פערזענלעכע צוועקן: ס'האָבן זיך באַוויזן נייע פרעדיקער און געוואָלט פירן דאָס פאָלק צו גאָט מיט נייע וועג-

אַ פאָר מאָל האָט זיך פעללע אָנגעשטויסן אויף די שפורן פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, דאָס האָט אים אָבער נישט באַפרידיקט: צו באַקאַנט זענען אים געווען דידאָזיקע טענער. קיינעם האָבן שוין נישט מיטגעריסן די צבווייזונגען אויפן הימל און די נייע פרעדיקער זענען פאַרשווּנדן מיט דערזעלבער שנעלקייט, ווי זיי האָבן זיך באַוויזן.

אָבער אין דאָזיקן גאַנצן כאַאָס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ פעסטער קערן, אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך אין משך פון אַ ריי יאָרן פאַרפעסטיקט און איז פעיק געווען מיט אַ פאַנאַטישן גלויבן איבערצוטראָגן די שפּאָטערייען פון אויבן און אונטן. איצט האָט זי געציילט העכער טויזנט מיטגלידער. זי האָט זיך פעסט געהאַלטן אין שטורם און עקשנותדיק דערקלערט, אַז די צוקונפט געהער איר לערע, און אָט איצט, האָט זיך געדאַכט, האָט גענומען בלאָזן אַ גינסטיקער ווינט, זי האָט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן זיך אָפּגערופן אויף די אומגעדולדיקע פאָדערונגען איבערצובויען די געזעלשאַפט און זיך דערשלאָגן צו גליק אויף דער ערד.

פעללע האָט דערהערט די נייע לערע אויף אַ מיטינג באַם שלעזיוויגשן שטיין און איר זיך אָפּגעגעבן מיט דער גאַנצער נשמה. ער האָט גענומען באַזוכן מיטינגען און דיסקוסיעס. זיין פּראַקטישער שכל האָט זיך באַמיט צו געפינען עפּעס ממשותדיקס, אויף וואָס ער זאָל קענען אָנשפּאַרן

זיינע געדאַנקען. און אין דער טיכעניש פון זיין וועזן איז גלייכצייטיק אָנגעגאַנגען אַן אַנדערע אַרבעט, וועלכע האָט געזידט, ווי אַ שטראָם אונטערן אייז, און אַמאָל זיך אַרויסגעריסן אויף דער אויבערפלאַך, וואַרפנדיק אַ פחד אויף אים אַליין. ער האָט דאָס נאָך אַלץ נישט געקענט פאַרבינדן אין איין גאַנצעס.

פעללע האָט אָפט מסכּים געווען מיט די יעניקע, וועלכע האָבן זיך געקלאָגט אויף דעם אַלץ וואַקסנדיקן תּוהו־ובוהו. דאָס האָט דאָך געשטעלט אין קאָן דעם ווילשטאַנד פון לאַנד. ער האָט נישט געקענט צונויפבינדן די אומאָרדנונג פון לעבן מיט זיינע געדאַנקען וועגן גליק.

— צוואָס וואַרפן די אַרבעט אָן שום סיבה? — האָט ער איינמאָל געזאָגט צו מאָרטענען, ווען דעם בעקערס פורמאַן האָט פאַרשטרייקט — זייערע פורמאַנעס האָבן זיך נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן.

— ס'קען זיין, אַז אים האָט פלוצלינג אָנגעהויבן וויי צו טון אַ פאַכווע דערפאַר, וואָס זיין עלטערזיידן איז אַמאָל אויסגעקומען צו פאָרן אויף אַ הילצערן פערד. אַלץ איז מעגלעך; ער קומט דאָך פון דאָרף — האָט מאָרטען ערנסט געזאָגט.

פעללע האָט שנעל אַ קוק געטון אויף אים, ער האָט נישט געקענט ליידן דידאָזיקע צוויידייטיקייט אין מאָרטענס רייד. דאָס פלעגט אים אַראָפּשלאָגן פון טראָפּ.

— צי דען קענסטו מיר נישט ענטפערן ווי ס'געהער צו זיין? כ'פאַרשטיי דיך נישט. — האָט ער געזאָגט.

— פאַרשטייסט נישט, אָבער פאַרוואָס? ס'עקזיסטירן דאָך אָן אַ צאָל סיבות, וואָס זייער אָנהייב איז ווייט־ווייט פון אונז; ס'איז לחלוטין נישט־בייטיק, אַז די סיבה פאַר דער אָדער יענער האַנדלונג זאָל אומבאַדינגט אויפקומען מיט אַ טאָג פריער. צי דען, למשל, קענסטו זיך נישט פאָרשטעלן קיין אַרבעטער, וועלכער דרייט דאָס מיל־ראָד און איז גלייכצייטיק איבערצייגט, אַז די אַרבעט פון די מילשטיינער איז פון אים נישט אָפּהענגיק; און פלוצלינג באַגרייפט ער, אַז ער אַליין איז די סיבה דערפון, וואָס די מיל אַרבעט. דאָסזעלבע קומט אויך פאָר דאָ. דער קבצן דרייט דאָס ראָד, ווי אַ לאַסט־בהמה, און דערפאַר באַקומט ער אַמאָל אַביסל מעל, כּדי נישט צו קרעפּירן פון הונגער. פלוצלינג באַמערקט ער, אַז נישט נאָר, וואָס ער דרייט דאָס ראָד, נאָר דערמיט גופא פירט ער אויס נאָך אַן אַנדערע, אַ מער פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. די סיבה פון דער באַוועגונג

ליגט אין אים אַליין. דו קענסט עס אָבער נישט באַמערקן, — האָט ער צוגעגעבן, איבערכאַפּנדיק פּעללעס אומצוטרויעלעכן בליק.

— געוויס נישט, ווייל כ'לייד נישט אויף קיין גרויסקייט-מאַניע — האָט פּעללע געזאָגט מיט אַ געלעכטער — דו אַליין ביסט דאָך אויך נישט קיין נביא. דו זאָלסט פּאָרויסזאָגן גרויסע געשעענישן און וואָס שייך מיר, האָב איך נאָך אויף אַזוי פיל שכל צו פאַרשטיין, אַז אויב מ'וויל אָנמאַכן אַ טומל, דאַרף מען האָבן געוויסע סיבות דערצו; אַנדערש קען דאָס גאָרנישט זיין. דיין ביישפּיל מיטן הילצערנעם פערד איבערצייגט מיך נישט.

— דאָס הענגט אָפּ דערפון, ווי גרויס איז די צאָל פון די, וואָס טומלען — האָט מאָרטען געזאָגט — דאָס, אין וואָס אַלע נעמען אַן אָנטייל, פאָדערט נישט קיין באַגרינדונג.

* *

בּאַ דער אַרבעט האָט פּעללע נישט אויפגעהערט צו טראַכטן. אַבּסטראַקטע מחשבות האָבן אים נישט באַפרידיקט. דאָס, וואָס ער האָט פאַר מאָגט אין זיך פעסטס און זיכערס, האָט זיך געשאַפן אין משך פון דורות און פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ פראַגע פון לעבן און טויט. ער האָט געזוכט אַ פּראַקטישן אויסוועג און ווידער זיך אומגעקערט צו זיין אייגענער דערפאַרונג.

דער בעל-כּוסה איז געוועזן איבעריק; אין דעם האָט זיך פּעללע איבערצייגט פון זיין אייגענער דערפאַרונג, ס'וואָלט אויך נישט געשאַדט צו באַזייטיקן דעם באַלעבאָס. די געזעלן האָבן געקענט אַליין אָננעמען באַשטעלונגען און צושניידן; און אין דעם איז באַשטאַנען די גאַנצע אַרבעט פון וואַרשטאַט-באַלעבאָס. ער איז אַן עקספּלואַטאַטאָר, און נישט געקוקט אויף דעם, באַזיצט ער איינער אַליין דעם וואַרשטאַט און באַקומט אַ נישקשהדיקן ריווח. הייסט דאָס, אַז מאָרטען איז פּאָרט גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז אַרבעט איז אי דער אָנהייב, אי דער סוף פון אַלץ.

פּעללע איז דערשטוינט געוועזן פון דאָזיקן רעזולטאַט. ער איז אָבער געקומען צום באַשלוס, אַז פאַר זיין פּאַריין, לכל הפּחות, איז דאָס ריכטיק. איז אויפגעקומען דער געדאַנק וועגן דעראָבערן דאָס אייגענע פאַרמעגן, אָבער ווי אַזוי ? זיין געזונטער פאַרשטאַנד האָט אים אונטער-

נעזאָגט, אַז אָנשטאָט מייערן און אַנדערע עקספּלואַטאַטאָרן דאַרף קומען עמעץ אַ צווייטער. ס'איז דאָך אַן אומזין. אַז יעדער געזעלן זאָל אַרבעטן לויט זיין אייגענעם איינזען. אין זיין פּראָווינציעל שטעטעלע האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו זען, סאַראַ טרויעריקע רעזולטאַטן דאָס ברענגט. פּעללע האָט גענומען באַאַרבעטן אַ פּלאַן פון אַ פּראָדוציר-פאַריין. ס'האָבן זיך געדאַרפט פאַרייניקן אַ געוויסע צאָל אַרבעטער: יעדער וועט אַריינ־טראָגן זיין חלק, כּדי צו דינגען אַ געשעפטס־לאָקאַל. די אַרבעט האָט גע־דאַרפט פאַרטיילט ווערן צווישן די מיטגלידער לויט זייערע פעיקייטן, און ענדלעך האָבן זיי אַליין געדאַרפט אויסקלייבן פון צווישן זיך עמעצן, ווער ס'זאָל קענען אָנפירן מיטן גאַנצן עסק. אַזוי אַרום ווערט געלייזט די פראַגע, — יעדער באַקומט דעם פולן ווערט פון זיין אַרבעט.

פּעללע האָט נאָכאַמאָל גרינטלעך דורכגעטראַכט זיין פּלאַן און אַוועק צו מאָרטענען.

— אַזאַ פּלאַן איז שוין אָנגעווענדט געוואָרן, — האָט מאָרטען אויסגערופן און אַרויסגעשלעפּט אַ בוך, — ס'איז אָבער מאָדנע, וואָס ער איז נישט פאַרשפּרייט געוואָרן. פונוואַנען האָסטו גענומען דיין אידעע?

— כ'בין אַליין דערגאַנגען צו איר, — האָט פּעללע שטאָלץ דער־קלערט.

מאָרטענס געזיכט האָט אויסגעדריקט אַ צווייפל. ער האָט אויפגעעפנט אַ בוך און אָנגעוויזן פּעללען אויף אַ שטעלע, וווּ ס'איז כמעט וואָרט אין וואָרט באַשריבן געווען זיין אייגענער געדאַנק. דאָס איז געווען אַ בוך וועגן סאָציאַליזם.

אָבער פּעללע האָט נישט אָנגעוווירן דעם מוט. ער האָט שטאָלצירט דערמיט, וואָס ער האָט זיך דערטראַכט צו דעם, וועגן וואָס געלערנטע האָבן געשריבן. ער האָט זיך מיט מער צוטרוי גענומען באַציען צו די אייגענע געדאַנקען און נאָך מיט מער התמדה באַזוכט מיטינגען און לעק־ציעס. ער האָט געוווּסט, אַז ער פאַרמאָגט גענוג קראַפט און מוט. נאָך אַ געוויסער צוגרייטונג האָט ער ענדלעך געוואָלט געפינען יענע מענטשן, וועלכע זענען געגאַנגען פאָרויס און גערייניקט דעם וועג. זיי האָט ער געוואָלט פאָרלייגן זיין הילף.

ביז איצט איז באַ אים דער באַגריף פון גליק פאַרבונדן געווען מיט עפּעס טרויעריקס. ווי אין אַ צויבער־מעשהלע, ווען דאָס גוטע מזל כאַפּט פּלוצלינג אונטער זיין ליבלינג און פאַרטראָגט אים אין די עולמות העליונים און די איבעריקע בלייבט מער נישט איבער, ווי נאָכקוקן דעם

ליקלעכן, בלייבנדיק אויף די פריערדיקע ערטער. דאָס איז געווען ווייַ־טיקדיק, איצט אָבער האָבן זיך געעפנט פאַר אים נייע וועגן, די מעגלעכקייט פון גליק פאַר יעדן, ווער ס'וויל נישט זיצן מיט קיין פאַרלייגטע הענט, ווי דאָס האָט נאָך גערעדט „כוח“ אין זיין גסיסה־שעה. פאַרוואָס דאָס דאַרף אַזוי זיין, האָט פעללע נישט אַזוי קלאָר פאַרשטאַנען, אָבער דאָס איז שוין אַן עסק פאַר די, וועלכע דאַרפן אַלץ אויפקלערן.

פעללע האָט געשפירט אַ שטאַרקע גייסטיקע אָנשטרענגונג, ווייל ער איז נישט געוווינט געווען זעלבסשטענדיק צו דענקן, און ביז איצט האָט ער זיך געהאַלטן באַ דעם, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך די פריערדיקע דורות און אָפּט געדריקט ווי אַ שווערע משא. איצט האָט ער זיך באַמיט אָפּצוּמרייסלען פון אַלדאָס פריערדיקע, אָבער דאָס איז ווידער און ווידער אויפגעשוווּמען פאַר אים.

ווען ער האָט געהאַלטן באַם פאַרלירן די כוחות, האָט גאַננאַ ווידער באַהערשט זיינע אַלע חושים. ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וועט נישט פירן צו קיין גוטס. ס'איז אים אוממעגלעך געווען זיך פאָרצושטעלן זיין צוקונפט זייט־באַ־זייט מיט גאַננאַן; מיט איר צוזאַמען האָט עקזיסטירט בלויז דער מאָמענט. אָבער איר אייגנאַרטיקע נאַטור האָט געהאַט איבער אים אַ גרויסע מאַכט. ער האָט זיך אָפּט פאַרגענומען נישט צו גיין צו פרוי יאַנסען — און איז ווייטער געגאַנגען. ס'האָט זיך אים געוואָלט דעראָבערן גאַננאַן און דאַן ערשט זיך רעכענען מיט די באַדינגונגען.

איינמאָל אין אָוונט איז ער ווידער אַוועק צו פרוי יאַנסען. אין הויז איז קיינער נישט געווען, איז ער אַוועק גלייך אין קיך אַריין.

— דאָס ביסטו, פעללע? — האָט זיך דערהערט אַ קול פון אינעווייניק — אַריין, זיי מוחל.

זי האָט זיך וואַרשיינלעך געהאַט געוואַשן, ווייל זי איז געזעסן אין דעם אונטערקליידל און אין לופּטשיקל און געקעמט אירע הערלעכע האָר. ווי אַ פרינצעסין איז זי געווען! זי האָט אַזוי געקענט כאַליען איר קערפּער. פאַר איר אויפן פענצטער־ביישטידל איז געשטאַנען אַ שפּיגעלע. אין פענצטער האָט מען געזען די בריק, לעבן איר — די תּפיסה, דעם קאַנאַל און ווייטער האָט זיך געהויבן אַ גאַנצער וואַלד מאַסטביימער.

פעללע האָט זיך צוגעזעצט אויפן בענקל לעבן אייוועלע און אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אָן די קני. ער האָט זיך געפילט מאָדנע. אויב די מוטער וועט באַלד קומען, — האָט ער געטראַכט, — וועל איך מאַכן

אָן אָנשטעל, ווי כ'בין אריין ספּעציעל צו איר און כ'וועל גלייך אַוועקגיין, און פונדעסטוועגן איז ער ווייטער געזעסן.

לעבן איין וואַנט איז געשטאַנען אַ ברייט בעט, באַדעקט מיט אַ דעקע אין רויטע בלומען, און לעבן דער צווייטער — אַ טיש מיט טולן.

„זי דאַרף מיך נישט צופיל צוציען צו זיך. — האָט ער אַ טראַכט געטון, — אַנישט וועל איך דאָך, סוף כל סוף, אויפפלאַקערן און זי — זיך אָפּריען".

— פאַרוואָס שווייגסטו? — האָט גאַננאַ געפרעגט.

ער האָט אײפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטון אויף איר אין שפּיגל. זי האָט געהאַלטן צווישן די ציין דעם שפּיץ פון איר צאָפּ און געהאַט אַן אויסזען פון אַ קעצעלע, וואָס בייסט זיך פאַרן וויינדל.

— וועגן וואָס זאָל איך רעדן? — האָט ער נישט גערן געענטפערט.

— ביסט געוויס אין כעס אויף מיר, אָבער ס'איז נישט פיין פון דיין זייט. וואָס זאָל איך טון, אַז כ'האָב אַזוי שטאַרק מורא פאַר אָרימקייט; כ'האָב אַזוי מורא, אַז מיר איז עס אפילו שווער דיר צו דערקלערן. דאָס איז תמיד געווען אַזוי, פון זינט כ'געדענק זיך; און דו, פעללע, ביסט אויך אָרים, פונקט אַזוי אָרים, ווי איך. וואָס־זשע וועט דאַן זיין פון אונז ביידע?

— וואָס־זשע וועט זיין מיט אונז? — האָט פעללע געפרעגט פון זיין זייט.

— כ'ווייס נישט, און אגב איז דאָס אַלץ איינס: יעדנפאַלס עפּעס לחלוטין אומאינטערעסאַנטס. טפו, ווען אַ מענטש איז אָרים, באַקומט אַלץ אַזאַ וואָכעדיקן אויסזען; ווייסט אויף אויסנווייניק יעדע לאַטע, יעדן פאָדים. ווען דו זאָלסט זיין אַ מאַטראָז, פעללע!

— און דו האָסט אים ווידער געטראָפן? — האָט פעללע געפרעגט.

גאַננאַ האָט מיט אַ שמייכל געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— ניין, כ'בין אָבער איבערצייגט, אַז ס'וועט געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס. יאָ, פעללע, זיכער. אָט גיב אַ קוק — אַ גרויסע שיף, כ'זע זי פון פענצטער, זי איז אינגאַנצן באַלאָדן מיט אוצרות.

— ביסט פון זינען אַראָפּ — האָט פעללע געזאָגט מיט פאַראַכטונג — דאָס איז אַ פּשוטע באַרקע, באַלאָדן מיט קוילן, וועלכע זי האָט געבראַכט פון ענגלאַנד.

— ס'קען זיין, ביסט גערעכט — האָט גאַננאַ געענטפערט — אָבער וואָס גייט דאָס מיך אָן. אָט שטייט אַ שיף, וואָס האָט געבראַכט פאַר מיר אוצרות פון ווייטע לענדער; עמעץ מורמלט מיר דאָס צו. צי דען ווילסטו צורויבן באַ מיר דידאָזיקע פרייד?

אין דערדאָזיקער רגע איז אַריינגעקומען די מוטער און זי איבערגעקרומט:

— אוודאי, וואָס דען, עס שטייט אַ שיף, וואָס האָט דיר געבראַכט אוצרות. ווי דען! צי דען איז דיר אַליין שוין נישט מיאוס געוואָרן צו הערן די אייגענע זינלאָזע פּלוידעריי? דיין גאַנצע קינדהייט ביסטו דאָ אָפּגעזעסן און געגלאָצט מיט די אויגן, זוכנדיק די שיף. שוין צייט אויפצוהערן. צווינגסט נאָך אויך פּעלעלן זיצן און צוקוקן, ווי זינלאָז דו פאַרברענגסט דיין יוגנט. ווי שעמסטו זיך נישט?

— פּעלעלע איז זייער אַ פיינער, מאַמע; ער איז מיין ברודער, ער מיינט נישט...

— ער מיינט נישט! שוין גראַד פאַרקערט, ער גייט פּשוט פון זינען אַראָפּ, וואָס ער קען נישט אַוועקלייגן זיין קאָפּ אויף דיין ברוסט. אין מיין יוגנט האָב איך זייער גוט געוווּסט, ווי צו שענקען אַנדערע פרייד.

גאַננאַ איז רויט געוואָרן איבער די אויערן. זי האָט זיך פאַרשטעלט מיט אַ טיכל און איז אַרויסגעלאָפן פון קיך. די מוטער האָט איר נאָכגעקוקט.

— זי האָט אַזאַ איידעלע הויט, ווי באַ אַ קעניגלעך קינד. וואָס זאָגט איר צו איר! ווי אַן עפּעלע נישט פון מיין בוים. דער פאָטער האָט זי נישט געקענט ליידן. „האָסט מיך, מסתמא, פאַרראַטן מיט עפּעס אַן אויסוווּרף — פלעגט ער אָפּט זאָגן — ווי אַזוי וואָלטן צוויי קבצנים געקענט שאַפן אַזאַ ליאַלקעלע" — „וואָס רעדסטו, יאָנסען, פלעג איך זאָגן, נישט קיין אַנדערער ווי דו, ביסט דער פאָטער פון דאָזיקן מיידל". ער אָבער פלעגט אונז שלאָגן און מיר נישט גלייבן. ער פלעגט פּשוט ווילד ווערן, קוקנדיק אויף איר שיין פּנימל און זיך בייזערן אויף אונז ביידע. און קיין ווונדער נישט, וואָס זי איז אויסגעוואַקסן אַזאַ ווונדערבאַרע. איצט קענסטו שוין גלייבן, אַז זי האָט מיך געקאָסט בלוטיקע טרערן, אָבער לאָז זי צורו, פּעלעלע! צוליב איר אַליין וואָלט איך, פאַרשטייט זיך, וועלן, זאָלסט התונה האָבן מיט איר, אָבער פאַר דיר, מסתמא,

װעט עס נישט זיין גוט. פרויען מיט קאַפּריזן מוזגן זיך נישט פּאַר א פּאַ-מיליען-לעבן.

טיף אין האַרצן האָט פּעללע מסכים געווען דערמיט. ער האָט דערלויבט, מ'זאָל אים צוציען און איצט פאַרלירט ער צייט אויף דעם. כאָטש ער הייסט, אַז ס'וועט גאָרנישט זיין דערפון. מ'וואָלט געדאַרפט תיכף מאַכן אַ סוף דערצו.

דערווייל איז אַריין גאַננאַ, ליכטיק און פאַרטרוימט איז אַריין־געקוקט אין פּנים.

— פּעללע, ווילסט זיך דורכגיין מיט מיר?

— יאָ — האָט פּעללע געענטפערט מיט פרייד, זיין עכל ה־ער איז מאָמענטאַל פאַרזונקען אין דרערד.

V.

— פּעללע און זיין קליינע שכנטע האָבן זיך באַמיט אויפשטיין וואָס פריער. איז איר אַמאָל אויסגעקומען אויפצוועקן פּעללען, האָט זי אינגאַנצן געשטראַלט פון שטאָלץ. אַמאָל פלעגט ער אפילו איננטערליגן אין בעט אַביסל לענגער, כדי צו פאַרשאַפן איר די פרייד אים אויפצוועקן, און ענטפערן מיט אַ פאַרשלאָפן קול אויף איר קלאַפּ אין וואַנט, אָבער אַמאָל פלעגן די קינדישע יאָרן נעמען דאָס ייערע און פּעללע פלעגט זיך באַמיען נישט טומלען, און האַלב זעקס איר אָנקלאַפּן אין וואַנט; אין אַזעלכע פאַלן פלעגט זי זיין פאַרשעמט ביזן מיטאָג.

די ברידער פלעגן אויפשטיין פרי, זיי האָבן געדאַרפט גיין צו דער אַרבעט זעקס אַ זייגער. דער עלטערער בעטער האָט געאַרבעט אויף אַ בלעך־פאַבריק און קאַרל האָט אַרומגעטראָגן צייטונגען און פאַרדינט באַ אַלק, באַ וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, ער פלעגט אַליין אויסזוכן אַרבעט און זיין גאַנץ קליין ווען איז געווען דורכגעדרונגען מיט הונגער נאָך טעטיקייט. זיינע געדאַנקען זענען אָן אויפהער באַשעפטיקט געווען מיט זוכן אַרבעט.

אין דערדאָזיקער פריער שעה איז „נחת תיבה" געווען באַלעבט. אין הויף האָבן זיך כסדר געהערט טריט פון די

איינוווינער פון דער „תיבה", וועלכע זענען אַרויסגעקומען אויף דער ליכטיקער שיין, נאָך איידער זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם שלאָף. זיי האָבן באַלעקט מיט דער צונג די ליפן, ווי זיי וואָלטן אויף אַזאַ אופן געוואָלט דערגיין דעם אונטערשיד צווישן נאַכט און טאָג. אין די לאַנגע קאָרידאָרן זענען געלאָפן האַלב-אָנגעטוענע פאַבריק-אַרבעטער און צייטונגס-פאַרקויפער. זיי פלעגן תמיד פאַרשפּעטיקן און האָבן זיך געזירלט, וואַרטנדיק אויף זייער ריי באַם קראַן. אין סוף פון יעדן קאָרידאָר איז געווען בלויז איין קראַן און צייט האָט בלויז געקלעקט אויף לייכט פייכט מאַכן די אויגן, כדי אַראָפּצוטרייבן דעם שלאָף. די טירן פון די צימערן זענען געווען אָפן און די נאַכט-אויסדאַמפונגען האָבן אָנגעפילט דעם קאָרידאָר מיט אַ שווערן געשטאַנק.

אין יענע טעג, ווען פעלע פלעגט אַרבעטן אינדערהיים, איז די קליינינקע מאַריאַ געווען אין אַ גוטער שטימונג, זיך געפרייט און געזונגען מיט איר מאָדנעם קולעכל פון אַ ליליפּוטעלע, פלעגט אָן אויפהער קומען צו לויפן צו אים אין צימער און אין אַלץ אים ווען צוהעלפן. צייטנווייז פלעגט זי לאַנג שטיין הינטער זיין פּלייצע און צוקוקן, ווי ער אַרבעט. באַם אָטעמען פלעגט זיך אין איר ברוסט הערן עפּעס אַ מין לייכטער פייף. איר קליין, אומאַנטוויקלט קערפּערל האָט אים דערמאַנט מאָרטענס אומגליקלעך שוועסטערל: דיזעלבע אומאַנטוויקלטקייט און אומבאַוועגלעכקייט: ריכטיק, ווי פּרוכטן אויף אַ צו יונג ביימל. מאַריאַ האָט זיבער געהאַט אַ מער לעבנסלוסטיקן אויסזען; די צו שווערע אַרבעט האָט נישט אָנגעגאָסן מיט שלעכטע זאַפטן דאָס אינערלעכע לעבן פון איר וועזן, זי האָט געלייגט איר שטעמפּל בלויז אויף דער אויסערלעכקייט. אַמאָל פלעגט ווי אָטעמען פון איר מיט עפּעס אַן אויסטערליש טרויעריק גליק, ווי איר וואָלט זיך לעבן אויף דער וועלט בעסער, ווי זי אַליין האָט זיך געקענט ריכטן.

ס'קען זיין, אַז דאָס איז געקומען דערפון, וואָס זי האָט געזען די רעזולטאַטן פון איר שווערער קינדישער פּראַצע און קיינער האָט דאָס באַ איר נישט געקענט אַוועקנעמען. זי איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך געוויסנהאַפטע באַלעבאָסטע און די ברידער האָבן זי אמתדיק געאַכטעט און געשעצט, זיי פלעגן פּינקטלעך ברענגען אין שטוב אַלץ, וואָס זיי פלעגט געלונגען צו פאַרדינען.

מאַריאַ פלעגט נעמען דאָס נייטיקע געלט אויף עסן און קליידונג, דאָס איבעריקע פלעגט זי אַריינלייגן אין אַ קליין פּושקעלע, וואָס איז באַ-

האַלטן געווען אין קאָמאָד; דערביי פלעגט זי תּמיד געבן די ברידער אַבי־סל געלט אויף זייטיקע הוצאות.

— זיי מוזן האָבן עפּעס געלט אין קעשענע, — האָט זי אויפגעקלערט פעללען. — מענער קענען נישט אַנדערש. דאָס איז דאָך זייער אייגן פאַרדינסט און זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט פאַרשיכּורט קיין גראָשן. שבת קומען זיי אַהיים, גייען אין ערגעץ נישט. אָבער, וואָס טו איך, מ'דאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט. ס'איז מאָדנע, ווי שנעל עס לויפט די צייט.

זי האָט גערעדט אַקוראַט ווי אַ דערוואַקסענע, חתונה־געהאַטע פרוי, אין זיך האָט פעללע שטאַרק געקוואָלן פון איר.

אין אַ מינוט אַרום פלעגט זי שוין ווידער קומען; אָדער פעללע פלעגט עפּעס מוזן פאַרזוכן, אָדער זי פלעגט עפּעס מיטברענגען צו פאַרריכטן און זיך אַוועקזעצן מיט דער אַרבעט אויפן שפּיץ שטול. זי איז יעדע מינוט געווען גרייט זיך אַ ריס צו טון פון שטול. פּונקט ווי זי זאָל דאַרפן אַכטונג געבן אויף אַ פענדל, פון וועלכן ס'קען אַ ליאַדע רגע אויסלויפן די מילך.

רעדן פלעגן זיי צווישן זיך זייער ערנסט. מאַריאַ האָט נישט ליב געהאַט קיין פּוסטע דבורים. אין קיין ערנסטע טעמעס פאַר די שמועסן האָבן נישט געפעלט: וועגן די שווערע צייטן, וועגן מאַריאַס עלטערן און וועגן זייער ערשטער קאַנטשאַפּט; דאָס אַלץ איז געווען אַן אומאויסגעשעפּטער קוואַל פאַר שמועסן.

מאַריאַ אַליין האָט וועגן דעם גאָרנישט געדענקט. פעללע אָבער האָט נאָך גוט געדענקט און ער פלעגט איר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל מוזן דערציילן, ווי אַזוי ער איז דאָרט, אין זיין היימלאַנד, אַוועק צום האַפן, כּדי צו ווייזן דעם אַלטן דאַך־דעקער האָלם אַ דאַמפער; מאַריאַ פלעגט יעדעס מאָל לאַכן, ווען ער פלעגט דערציילן, ווי אַזוי דער אַלטער האָלם איז אַנטלאָפן פאַר שרעק, דערזעענדיק דאַמף.

— יאָ, און אויפן דאַמפער האָט מען זיך געגרייט אָנצולאָדן מעבלוואַרג, אַלטע בעטן און ענלעכס.

— דאָס איז געווען אונזער מעבל, — האָט מאַריאַ געשריגן, פליעסקענדיק אין די הענט, — דאַן האָבן מיר נאָך געהאַט מעבל. מיר האָבן עס פאַרזעצט, ווען דער פאָטער איז קראַנק געוואָרן, נאָכדעם ווי ער איז אַראָפּגעפאַלן. און וואָס איז ווייטער?

זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פראַגע אין די אויגן.

צווישן מעבל איז געשטאַנען אַן עלטערער מענטש און געהאַלטן אַ שפּיגל. דער דאַך־דעקער האָט אים געקענט און זיך פונאַנדער־געשמועסט מיט אים.

— ער האָט שטאַרק געוויינט ? — האָט מאַריאַ געפרעגט — דער פאָטער האָט אַזוי געדאגהט, וואָס אונז לעבט זיך שווער...

און זי פלעגט דערציילן וועגן האָטעל, וואָס האָט זיך געפונען אויפן מזרחדיקן ברעג צווישן פעלזן, וועגן חשובע הערן, וועלכע פלעגן דאָרט אַראָפּקומען אויף זומער־צייט. דאָרט האָבן זיי געלעבט דריי יאָר.

און פעללע האָט געמוזט אָנרופן די סומע, אויף וועלכער מ׳האָט איר פאָטער אָפּגענאַרט. זי איז שטאָלץ געווען, סאַראַ סך געלט זיי האָבן געהאַט — 10,000 קראָן ! דערנאָך האָט דער פאָטער באַקומען אַ שטעלע פון אַ מויערער. איינמאָל האָט ער זיך געשטעלט צו ווייט אויף דעם שפּיץ ברעט ; עס האָט זיך אַ וואַקל געטון און ער איז אַראָפּגעפאַלן. עטלעכע חדשים האָט ער געקרענקט און ווען זיי האָבן פאַרזעצט זייער לעצט ביסל גוטס, איז ער געשטאָרבן. דאַן זענען זיי אַריינגעפאַלן אין „נחס תיבה״. די מוטער האָט גענומען גיין וואַשן וועש, זי איז אָבער געוואָרן עפּעס אזאַ מאָדנע. זי האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיט די אומגליקן, גענומען פאַרנאַכלעסיקן די ווירטשאַפט און זוכן טרייסט אין פאַרשידענע רעליגיעזע סעקטעס. ענדלעך איז זי לגמרי אַראָפּ פון זינען, און אין איינעם אַ טאָג פאַרשוווּנדן געוואָרן פון שטוב. מ׳האָט גערעכנט, אַז זי האָט זיך דערטרונקען אין קאַנאַל.

— און איצט איז אונז גוט, — פלעגט מאַריאַ תמיד פאַרענדיקן איר דערציילונג, — איצט ווערט אונז כסדר בעסער.

— צי דען ביסטו נישט צו שטאַרק פאַרמאַטערט ? האָסט דאָך אַזויפיל אַרבעט, — פלעגט פעללע פרעגן.

און זי פלעגט פאַרוווּנדערט אויפהייבן אויף אים אירע אויגן.

— פאַרוואָס עפּעס זאָל איך זיין פאַרמאַטערט ? כ׳טו דאָך נישט מער ווי כ׳באַוויין, מ׳דאַרף זיך נאָר קענען צופאַסן, די יינגלעך זענען צופרידן מיט אַלץ, וואָס כ׳טו און מאַכן מיר נישט קיין שום שוועריקייטן.

די דריי יתומים האָבן געאַרבעט מיט אַלע כוחות און זענען שטאָלץ געווען אויף זייער קליינינקער ווירטשאַפט. האָבן זיי זיך געפונען אין קלעם, פלעגן זיי הונגערן, מאַכן לאַנגע פאַמיליע־באַראַטונגען וועגן דעם, וואָס זיי זאָלן טון, אָבער זיך אָפּזאָגן פון יעדער זייטיקער הילף. זיי האָבן

געלעבט אונטער דער כסדרדיקער מורא פאַר פּאָליציי, וועלכע וואָלט זיי געקענט שלעפּן אין שול אַריין, ווען זי זאָל זיך דערוויסן וועגן זייער עקזיסטענץ. זיי וואָלטן זיך דאַן אומפאַרמיידלעך געמוזט צעשיידן, מ'וואָלט יעדן פון זיי אַריינגעגעבן אין איינעם פון די קינדער־הייזער פאַר היימ־לאָזע קינדער. דעריבער האָבן זיי זיך באַמיט צו לעבן אינגאַנצן זעלבסט־שטענדיק. אַלע איינוווינער פון דער „תיבה" האָבן שטאַרק ליב געהאַט דידאָזיקע יתומים און מיט אַלעם מעגלעכן זיי געשטיצט. אין אַנדערע פאַמיליעס פלעגן פאָרקומען כסדרדיקע סיכסוכים און קריגערייען, אָבער דידאָזיקע מוסטערהאַפטע „פאַמיליע" האָט געבילדעט עפּעס אַ מין ליכטיק אינזעלע. און אַלע איינוווינער האָבן זי, לויט זייער מעגלעכקייט, געשיצט און אָפּגעהיט ווי אַ הייליקטום.

די יתומים האָבן זיך באַצויגן צו פעללען מיט פולן צוטרוי; זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר זייערס אַן אַדאָפּטירט קינד, וועלכעס נייטיקט זיך אין שוץ. מאַריאַ פלעגט אינדערפרי אָנטרינקען אירע ברידער מיט קאַווע און תמיד מכבד זיין אויך פעללען; ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין שום פּראָטעסטן פון זיין זייט; נאָך מיטאָג, ווען זי פלעגט אויפראַמען איר צימער, פלעגט זי אויסקערן אויך בײַ פעללען. דעריבער פלעגט איר אַלט פּנימל שיינען, זי האָט וועגן קיין זאַך נישט געפרעגט, נאָר געטון אַלץ, וואָס נייטיק.

ווען פעללע פלעגט זיך אומקערן אינאָוונט פון וואַרשטאַט, פלעגט ער געפינען זיין צימער ריין צוגערוימט. האָט ער געאַרבעט אינדערהיים, פלעגט זי קומען צו אים און טרינקען צוזאַמען מיט אים איר נאָכמיטאָג־דיקע קאַווע. ער האָט זיך נישט דערוועגט אָפּצוזאָגן, ווייל זי האָט זיך געקענט באַליידיקן אויף אַ גאַנצן טאָג; דערפאַר פלעגט ער אָנשטאָט אָפּ־צוזאָגן זיך לויפן נאָך פוטער־געבעקס. מאַריאַ פלעגט אָפּט באַהאַלטן איר חלק געבעקס פאַר די ברידער, דאָס פלעגט איר פאַרשאַפן אַ גרעסער פאַרגעניגן.

פעללע האָט געפילט, אַז ער גייט פאָרויס און הנאה געהאַט פון זיין יוגנט, ער איז תמיד פריילעך געווען און אפילו גאַנגאַ האָט נישט געקענט באַטריבן זיין עקזיסטענץ. אין זיינע באַציונגען צו איר האָט זיך געשפּירט אַ וווּנדערבאַרע דורכזיכטיקייט, וועלכע האָט נישט געקענט פאַרוווּנדן זיין האַרץ. און אין אָנוועזנהייט פון מאַריאַן, פון דאָזיקן קינד, וואָס האָט אַזוי פיל אַריבערגעטראָגן, איז אים פּשוט אַ חרפּה געווען נער־וועז צו זיין. ער האָט באַטראַכט פאַר זיין חוב צו פאַרשענערן מיט פריי־

לעכקייט און גליק איר אָרים לעבן, ער האָט געפלוידערט מיט איר, געטריבן קאַטאָוועס. זי געררייצט, אַבי צו פאַרטרייבן איר אומנאַטירלעכע ערנסטקייט. און זי האָט געשמייכלט צו אים אויף איר אייגענעם שטייגער, מיט איר אייגנאַרטיקן מוטערלעכן שמייכל, ווי מ׳שמייכלט צו אַ קינד, וואָס וויל טרייסטן אַ דערוואַקסענעם און אים פאָרגעלייגט איר הילף.

— אפשר זאָל איך אויסוואַשן דיין בלוזע? אָדער זאָל איך אפשר פאַרריכטן דיינע העמדער?

איר דאַנקבאַרקייט פלעגט זיך תמיד אויסדריקן אין עפּעס אַן ארבעט.

— ניין, אַ דאַנק דיר, מאַריאַ. דאָס וועלן טון גאַננאַ מיט איר מוטער.

— דאָס פּאַסט אָבער נישט פאַר דער פּרינצעסין. לאָז, איך וועל דאָס בעסער טון.

— דער פּרינצעסין? רופט מען זי דען אַזוי?

— אַזוי רופן זי בלויז מיר, די קינדער, דאָס איז נישט קיין זידלוואָרט. ווען מיר פלעגן זיך שפּילן מיט איר, פלעגט זי תמיד זיין אַ פּרינצעסין. און ווייסט וואָס? עמיץ וועט קומען נאָך איר און זי אַוועקפירן, עפּעס אַ חשובער הער. זי איז פאַרקנסט שוין פון קינדער־וויג אָן.

— סאַראַ נאַרישקייטן! — האָט פעללע געזאָגט מיט כּעס.

— ניין, ניין. דאָס איז ריכטיק! איינמאָל, ווען ס׳האָט גערעגנט, זענען מיר געזעסן דאָרט, אין ווינקל, אונטער דער גאַלעריע אויפן מיסט־קאַסטן און זי אַליין האָט אונדז וועגן דעם דערציילט. צי דען זעסטו נישט, אַז זי איז שיין? זי איז אַן אמתע פּרינצעסין... — מאַריאַ האָט צעשפּרייט די פינגער, — און זי האָט ליב אַלץ וואָס שיין. איינמאָל איז זי אַראָפּגעלאָפן צו אונדז אונטן אין איר לאַנגן קלייד, און די מוטער האָט זיך געזידלט אינדערהייך. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קראַטע, ווי אויף אַ טראָן און געווען אַ מלכה, און מיר — אירע הויף־דאַמעס. זי האָט אונדז פאַרפלאָכטן די צעפּ און אַריינגעפלאָכטן פאַרביקע סטענגעס. ווען די מוטער האָט מיך דערזען, האָט זי מיר צעשויבערט די האָר און אַראָפּגעריסן די סטענגעס: „ס׳איז אַ זינד זיך אַזוי צו פאַרפּוצן!“ — האָט זי געזאָגט. דערנאָך, ווען די מוטער איז אַוועק, האָב איך שוין פאַרלוירן דעם חשק צו שפּילן זיך...

— אָרים פייגעלע, — האָט פּעללע געזאָגט און איר אַ גלעט געטון איבערן קעפּל.

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי? — האָט זי געזאָגט און אַ קוק געטון אויף אים מיט פאַרוואונדערונג.

זי האָט געהאַט צו אים דעם פולסטן צוטרוי און ער האָט געוווסט אפילו דאָס, וואָס זי פלעגט אויסבאַהאַלטן פון אירע ברידער. זי האָט געקומען לייגן מער אַכט אויף איר אויסערלעכקייט, די שיטערע בלאָנדע האָר זענען איצט תמיד געווען גלאַט פאַרקעמט איבערן שטערן. ווען זיי פלעגט ביידן אויסקומען צו גיין צוזאַמען וועגן עפּעס אַן ענין, פלעגט זי פשוט שיינען, זי פלעגט זיך אָנטון וואָס בעסער און גיין לעבן אים איבער דער גאַס מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויפן פנימל.

— די דורכגייער מיינען אפשר, אַז מיר זענען חתן-כלה — האָט זי אַמאָל געזאָגט — דאָס איז אָבער קיין אומגליק נישט, זאָלן זיי מיינען, וואָס זיי ווילן.

פּעללע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, מאַריאַ איז אַלט געווען עלף יאָר, אָבער אויסגעזען האָט זי נישט מער ווי פון ניין, אַזוי שטאַרק האָט זיך פאַרהאַלטן איר וווקס.

די „פאַמיליע" פלעגט אָפּט האָבן שווערע צייטן. די קינדער פלעגן נישט גערן רעדן וועגן דעם, אָבער זייער דערשלאָגענער אויסזען פלעגט דערציילן דעם סוד. פּעללע פלעגט זיי פאַרזיכערן, אַז אינגיכן וועט אָנקו-מען אַ גוטע צייט פאַר אַלע אָרימע. אים איז שוין געווען אויסצודריקן קלאָר זיינע געדאַנקען, ווייל פאַר אים אַליין זענען זיי נאָך געווען נייַ. אָבער די קינדער האָבן נישט באַמערקט דעם פּלאָנטער פון זיינע ווערטער: זיי האָבן געגלייבט אין אָנקום פון אַ נייער צייט נאָך גיכער ווי פּעללע.

VI.

פאַר דערדאָזיקער צייט איז בײַ פּעללען פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. ס'איז אים אויסגעקומען צו זיין אַן עדות פון נישט ווינציק אומגליק און פיין; און די שטאָט האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, ווי אַ

שלאַכט־פעלד, ווו עס קומט אום איין אַרמיי נאָך דער צווייטער און אַלץ נייע אַרמייען בייטן אָפּ די אומגעקומענע — און אַזוי אָן אַ סוף.

אומעטום זעט מען טויטע; די שטאָט איז געגרינדעט ווי אויף אַ קאָלאָסאַלן בית־עולם, און כדי צו דערגרייכן אַ דערפאָלג, מוז מען זיך רוקן פאָרויס, אָנגרייפן, שטשירען די ציין: אַזוי איז דאָס לעבן. ווען מ'שטייט רויק מיט פאַרזשמורעטע אויגן און מ'וואַרט אָפּ די אייגענע ריי, ווי שעפסן אין שעכט־הויז, קען מען זיך צו גאָרנישט ניט דער־שלאָגן.

איצט אָבער האָט זיך אין אים געוועקט דאָס מיטלייד־געפיל: ער איז אַליין געפּייניקט געוואָרן, ווען ער פלעגט צוזען עמעצנס ליידן. ווי גרויס עס זאָל ניט זיין דאָס אומגליק, תמיד פלעגט עס אַרויסרופן בײַ פעללען אַ געפיל פון אויפגעבראַכטקייט.

איינמאָל איז ער געזעסן בײַ דער אַרבעט. אויף דער קעגניבער־דיקער זייט פון קאָרידאָר האָט זיך די טעג געהאַט אַריינגעצויגן אַ פּאַפּ־ריק־אַרבעטערין מיט אַ קינד. ביז דער אַרבעטערינס צוריקקומען אָוונט־צייט, פלעגט די טיר אין איר צימער זיין צוגעמאַכט. בײַם קומען אַהיים, פלעגט פעללע אָפּט הערן דעם קינדס געוויין. ער האָט געאַרבעט, בײַ־שעפּטיקט מיט זיינע געדאַנקען און אין זיינעאויערן האָט די גאַנצע צייט געקלונגען עפּעס אַ נאָגנדיקער קלאַנג, ווי די אָרימקייט אַליין, די הער־שערין פון דאָזיקן הויז, וואָלט געזונגען איר טרויעריק ליד. מאַריאַ איז אייליק אַרויסגעשוווּמען פון הינטער דער טיר.

— אַך, פעללע, ס'הערט זיך שוין ווידער דאָס געוויין, — האָט זי געזאָגט און דערשראָקן צוגעלייגט די הענט צו איר איינגעפאַלענער ברוסט. — זינט זיי זענען אַריבערגעפאָרן אַהער, הערט זיך דאָס געוויין טאָג־טעגלעך; דאָס איז שרעקלעך!

— קום, מיר וועלן אַ קוק טון, וואָס הערט זיך דאָרט, — האָט פעללע געזאָגט, אַוועקוואַרפנדיק זיין האַמער.

די טיר איז געווען פאַרשלאָסן, זיי האָבן זיך בײַמיט אַריינקוקן אין שליסל־לאָך, אָבער מ'האָט גאָרנישט געזען. ווען דאָס קינד האָט זיי דערהערט, איז עס אויף אַ מינוט שטיל געוואָרן, אָבער דערנאָך גענומען וויינען מיט בײַנייטע כוחות, ווי עס וואָלט בײַשלאָסן ניט אויפצוהערן ביז נאַכט. זיי האָבן פאַרלוירן געקוקט איינער אויפן צווייטן, — דאָס איז געווען אומדערטרעגלעך.

— די שליסלען פון אַלע טירן זענען גלייך, — האָט שטיל אַרויסגערעדט מאַריאַ.

פעללע איז געלאָפן נאָך זיין שליסל און אויפגעעפנט די טיר. פאַר דער טיר איז געזעסן אַ פּיריעריק קינד מיט אַ פאַרזשאַווערט בלעכן זייערל אין האַנט און געקוקט אויף זיי. דאָס יינגל איז געווען צוגעבונדן צום אייוועלע, לעבן אים איז אויף אַן אַלטער שטול געשטאַנען אַ בלעכערנער טעלער מיט אָפּגעגריזשעטע ברויט־קרוסטע. דאָס קינד האָט געהאַט אַ שרעקלעכן אויסזען. אַנגעטון אין אַן אָרעם העמדל איז עס געזעסן אין די אייגענע אומריינקייטן. זיין פּנים, געשוואָלן פון טרערן, איז איינגאַנצן פאַרשמירט געווען מיט צואה: ער האָט צו זיי אויסגעשטרעקט זיינע קליינינקע, פון אומריינקייט קלעביקע הענטלעך. פעללע האָט זיך פונאַנדערגעכליפּעט און גלייך געוואָלט נעמען דאָס קינד אויף די הענט.

— אַך, ניין, לאָז אָפּ, וועסט זיך איינריכטן — האָט אים מאַריאַ אָפּגעהאַלטן מיט שרעק — כ׳וועל אים גלייך נעמען.

— אַלץ איינס — האָט פעללע געזאָגט פאַרשטיקט און גענומען אָפּבינדן דאָס קינד, זיינע הענט האָבן געציטערט.

זיי האָבן אויסגעבאָדן דאָס קינד, עס אָנגעקאָרמעט און דערנאָך אַרויסגעלאָזט אין קאָרידאָר. צוערשט איז עס געשטאַנען אומבאַוועגלעך און געקוקט אויפן אושאַק פון דער טיר; עס האָט נאָך אַלץ געמיינט, אַז עס איז צוגעבונדן. ווען עס האָט ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז עס איז פריי, האָט עס גענומען אַרומלויפן אַהין און צוריק. נישט אַרויסלאָזנדיק פון דער האַנט דאָס אַלטע בלעכענע זייערל, וועלכעס ס׳האָט געהאַלטן אין דער האַנט, ווען זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אין צימער. עס האָט דאָס זייערל געהאַלטן אַזוי פעסט, אַז מאַריאַ האָט געמוזט אַראָפּלאָזן אין וואַסער זיין הענטל, כדי אויסצווואַשן דאָס זייערל.

פון צייט צו צייט פלעגט ער צוגיין צו פעללעס אָפענער טיר און פעללע פלעגט אים צושאָקלען מיטן קאָפּ. דערנאָך פלעגט דאָס קינד זיך האַסטיק נעמען לויפן פאָרויס און ווידער צוריק, מיט איין וואָרט — זיך געפרייט אויף וואָס די וועלט שטייט.

פלוצלינג האָט דאָס קינד געוואַגט אַריינצוגיין אין פעללעס צימער, צוגעגאַנגען צו אים, אַוועקגעלייגט אויף זיינע קני דאָס זייערל און אים אָנגעקוקט.

— דאָס איז פאַר מיר? — האָט פעללע געפרעגט — זע נאָר, מאַריאַ, עס גיט מיר אָפּ דאָס איינציקע, וואָס עס פאַרמאָגט.

— אָרים קינד — האָט מאַריאַ געזאָגט אַ געריהרטע — עס וויל דיר אָפּדאַנקען.

אין אָוונט איז די אַרבעטערין געקומען אַהיים און אַריינגעפאַלן אין גרויס צאָרן דערפון, וואָס מ׳האָט זיך אַריינגעריסן צו איר אין צימער אין איר אָפּוועזנהייט. אָבער פעללע האָט גערעדט מיט איר גאַנץ געלאַסן; ער האָט זיך אפילו אַליין געוווּנדערט אויף זיין רויקייט, ער האָט אָבער געפילט, אַז זי שעמט זיך פאַר איר אָרימקייט און וויל נישט, אַז עמעץ זאָל זי זען.

— דו באַגייסט זיך נישט גוט מיטן קינד, — האָט ער קורץ דער־קלערט. — דו האָסט איבּ דאָך אָבער ליב?

זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט.

— כ׳בין געצוווּנגען געווען עס צוצובינדן, עס זאָל נישט אַרויספאַלן פון פענצטער. איינמאָל האָט עס שוין אויפגעעפנט די האַטשקעס. כ׳קען עס נישט אַוועקטראָגן אין די יאַסלעס*), ווייל כ׳האָב נישט אין וואָס עס אָנצוטון.

— טאָ לאָז אָפן די טיר אין קאָרידאָר. מיר וועלן אכטונג געבן אויף אים, איך און מאַריאַ.

פון דאַן אָן האָט דאָס קינד זיך געשפּילט אין קאָרידאָר. מאַריאַ האָט אַכטונג געגעבן אויף אים, ווי אַ גוטע מוטער. פעללע האָט אים געקויפט פּאַרטיקע קליידלעך, און דאָס מיידל האָט זיי איבערגעגעבן לויט זיין מאָס. דאָס קינד האָט זיך תּמיד געפרייט און אויסגעזען ווי אַ קליין גנאָמל, עס האָט נישט געקענט רעדן, ווייל עס איז תּמיד געווען אַליין; דערפאַר האָט עס איצט זייער שנעל גענומען לעפּעטשען.

דידאָזיקע געשעעניש האָט אַריינגעבראַכט עפּעס נייעס אין פעללעס נשמה. ער האָט תּמיד גאַנץ גוט געוווּסט, וואָס אַזוינס אָרימקייט איז. איצט אָבער האָט ער נאָך דערזען די עקלהאַפטע אומגערעכטיקייט: אפילו באַ דער אַרבעט פלעגט ער אַמאָל צוזאַמענדריקן די פויסטן פון צאָרן. ס׳האָט עקזיסטירט עפּעס אַזוינס, וואָס וועקט אויף די ברענענדיקע שנאה, וועגן וועלכער מ׳קען נישט פאַרגעסן נישט באַטאָג, נישט באַנאַכט,

*) אַ זשלאָבעק פאַר קינדער.

וועלבן פֿאַרלאָזט נישט דעם מענטש ביז סאַמע טויט. מאָרטען איז גערעכט געווען אין דאָזיקן פּרט.

דער פֿאָטער פֿון קינד איז געווען דער פֿאַבריקאַנט אַליין, און וואָס? די מוטער האָט זיך אַפֿילו נישט געווענדט צום געריכט, ער זאָל איר צושפּקענען געלט אויף אויסצוהאַלטן דאָס קינד, ווייל זי האָט מורא געהאַט צו פֿאַרלירן דעם אַרבעטס-פּלאַץ.

די לאַגע איז געווען זייער אַ טרויעריקע. און פֿונדעסטוועגן האָט פּעללע באַשלאָסן נישט אָפּצוטרעטן. פֿאַרשטייט זיך, בלויז מיט אַ פּאָר פּויסטן ווערטער מען גאָרנישט אויפֿטון, אָבער מיט געמיינזאַמע כּוחות וואָלט מען זיך עפּעס געקענט דערשלאָגן. אין די אָוונטן פֿלעגט פּעללע גיין מיט מאָרטענען אויף מיטינגען, אויף וועלכע מ׳האָט מיט היץ באַהאַנדלט די איצטיקע לאַגע. די פֿאַרזאַמלטע זענען דאָס רוב יונגע מענטשן; זיי פֿלעגן זיך פֿאַרזאַמלען אין קאַפֿע-הויז בײַ דער צפֿון-בריק. פּעללע אָבער האָט וואָס גיכער געוואָלט זען קאָנקרעטע רעזולטאַטן פֿון אויפֿברויז און זיך ענערגיש גענומען צו אָרגאַניזירן זיין אייגן פֿאַך. ער האָט אונטערגעגעבן פֿייער די אָפּגעלאָזענע דעלעגאַטן און צוזאַמען מיט זיי אויסגעאַרבעט כּללים פֿאַר אַלע פֿאַראיינס-מיטגלידער, וואָס דאָס האָט געדאַרפֿט ווערן אַ באַזיס פֿאַר דער ווייטערדיקער אַגיטאַציע. וועגן די מיטינגען פֿלעגט שטענדיק אינפֿאָרמירט זיין אין די צייטונגען, די אַרבעטער האָבן זיך שוואַך אָפּגערופֿן אויף דיזאָזיקע אַנאָנסן; מ׳האָט געמוזט אָנקומען צו מער ענערגישע מיטלען: פּעללע איז געפֿאַלן אויפֿן געדאַנק פֿון הויז-אַגיטאַציע. דאָס האָט געהאָלפֿן. נאָך פֿערזענלעכע אונטערהאַנדלונגען איז געווען אומבאַקוועם זיך אויסצודרייען פֿון מיטינגען. דער פֿאַריין האָט אַריינגעצויגן אין זיינע רייען אַ סך נייע מיטגלידער, נישט געקוקט אויפֿן ענערגישן ווידערשטאַנד פֿון די באַלעבאַטים.

מאָרטען האָט דערפֿילט אַן אַכטונג צו פּעללען און פֿאַרלאַנגט, אַז פּעללע זאָל איבערלייענען עטלעכע ביכער וועגן דער אַרבעטער-באַוועגונג, אָבער פּעללע האָט אויף דעם קיין צייט נישט געהאַט. צוזאַמען מיט פּעטערן און קאַרלען האָט ער אַבאָנירט די „אַרבעטער-צייטונג״ און דאָס איז געווען גענוג.

— כ׳ווייס וועגן אָרימקייט מער, ווי זיי שרייבן וועגן דעם — האָט ער געזאָגט.

פּעללע האָט נישט געפֿילט קיין מאַנגל אין ברען-מאַטעריאַל פֿאַר זיין שייטערהויפֿן. ער האָט דורכגעמאַכט דעם טרויעריקן וועג פֿון די

הונגעריקע: פון דאָרף אין אַ פּראָווינץ שטאָט, און דערנאָך אין דער הויפּט־שטאָט, ווו ער האָט געפונען אַ סך אַזעלכע ווי ער, און זיי האָבן זיך אין קיין אָרט נישט געקענט קיין ריר טון מיט זייערע אַלע האָפענונגען. פאַרמישפּטע דאָ אומטערצוגיין, ווי אויף אַ וויסטן ברעג. ער האָט געהאַט פאַר זיך דעם גורל פון אַ סך איינצלנע איינוואוינער פון „נחס תיבה", און זיי האָבן דאָך רעפּרעזענטירט דעם גורל פון דער מערהייט; דאָ האָט קיינער נישט געדאַרפט איסבאַהאַלטן זיין לאַגע; איינעמס נויט האָט געפונען אַן אויסדרוק אין צווייטנס קלאָגן זיך.

פעללע האָט זיך געענדערט, זיין זאָרגלאָזיקייט איז פאַרשוואונדן, ער האָט זעלטענער געלאַכט און אָפט ביז לעכערלעכקייט זיך געקאָכט וועגן קליינייקייטן. ס'איז אין אים אויפגעקומען אַ געפיל פון זעלבסטווירדע, אַ שוואַך באַגריינדעטע דורך זיין אָרימקייט און אומבאַשטימטער לאַגע.

איינמאָל, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון בעקס וואַר־שטאַט, האָט ער דערהערט, ווי די קינדער זינגען אויפן הויף פון דער „תיבה" נאַננאַס ליד. ער איז געבליבן שטיין אין טויער, אינמיטן קאַראַהאָד איז גע־שטאַנען גאַננאַ. און די קינדער האָבן זיך געדרייט אַרום איר און געזונגען:

כ'קלעטער ארויף ביז צו די העכסטע שפּיצן,
און כ'זע פון דער ווייט, ווי די כוואַליעס שפּריצן,
איבערן שטורמישן ים אַ שיף טוט זיך טראָגן,
דריי שיינע גראַפן ברענגט זי צו טראָגן.

גאַננאַ האָט געשמייכלט מיט אַ שטילן, זומבאַוועגלעכן שמייכל, איר דע אויגן זענען געווען כמעט געשלאָסן. פּאַמעלעך האָט זי זיך באַוועגט אין טאַקט פון ליד און שטיל אונטערגעזונגען:

פון אַלע דריי וואָס די שיף טוט פירן
שטייט אויף דער שענסטער פון די קאַוואַלירן...

פּלוצלינג האָט זי באַמערקט פעללען און זי איז אַרויס פון קרייז, אַרויף מיט אים אינדערהיים. די קינדער, אַנטוישטע, האָבן איר נאָכ־געשריגן.

— קום אַראָפּ צו אונז היינט אינאָוונט — האָט זי געזאָגט — מיר האָבן זיך שוין אַזוי לאַנג נישט געזען.

— כ'האָב היינט קיין צייט נישט — האָט פעללע קורץ אָפּגע־ענטפערט.

— פונדעסטוועגן... כ'בעט דיך זייער — זי האָט אויף אים גע־

קוקט מיט תחנונים, אירע אויגן האָבן געברענט. בא פעללען איז דאָס האַרץ אָפּגעשטאַרבן.

— וואָס ווילסטו האָבן פון מיר? — האָט ער שאַרף געפרעגט.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— דו מוזט מיר העלפן, — האָט זי שטיל געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף אים. — כ'האָב געטראָפן... ער איז דאָ נעכטן געווען, ווען כ'בין געגאַנגען פון פאַבריק, און איצט ווייסט ער, וווּ איך וווין! כ'בין אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס, ווי כ'זאָל אים נישט האָבן באַמערקט, ער איז מיר אָבער נאָכגעגאַנגען. ער האָט מיך געבעטן, כ'זאָל היינט אין אָוונט קומען אויפן נייעם פּלאַץ...

— וואָס־זשע האָסטו אים געענטפערט? — האָט פעללע פינצטער געפרעגט.

— כ'האָב אים גאָרנישט געענטפערט, כ'בין פשוט אַנטלאָפן.

— און דאָס איז אַלץ, וואָס דו האָסט מיר געהאַט צו זאָגן? — האָט ער האַרט אַרויסגערעדט. — ווער הייסט דיך אונטערהאַלטן מיט אים די קאַנטשאַפט? דאָס הענגט אָפּ פון דיר אַליין.

זי האָט גענומען ציטערן.

— גיב נאָר אַ טראַכט, טאָמער וועט ער קומען אַהער? זע, וואָס דו ביסט! כ'האָב דאָך קיינעם אויף דער וועלט נישט ליב, חוץ דיך און דער מאַמען! — האָט זי צוגעגעבן מיט היץ.

— אויב אַזוי, וועל איך קומען צו אייך, — האָט פעללע געזאָגט מיט אַ פּלוצלינגערפרייד.

ער האָט זיך אין אייליעניש איבערגעטון און געקומען צו פּרויאַנסען. גאַנגאַ האָט ברויזיק אַרויסגעוויזן איר פרייד און זיך געריצט מיט אים. ענדלעך האָט פעללע נישט אויסגעהאַלטן זיין שטרענגן טאָן און אַרונטערגעפאַלן אונטער איר צויבער. זיי זענען געזעסן אויפן באַלקאָנטשיק אונטערן גרינס. דער הויט־קאָליר פון גאַנגאַס פּנים האָט קאָנקורירט מיט דער בליענדיקער פעלאַרגאָניע; זי האָט געוויגט די פיס הין און צוריק און יעדע מינוט באַרירט פעללען מיטן שפּיץ לאַטש. זי איז געווען זייער נערוועז געשטימט און כסדר זיך נאָכגעפרעגט, ווי שפּעט עס איז. ווען די מוטער איז אַוועק אין קיך קאָכן קאַווע, האָט זי אָנגענומען פעללעס האַנט און זי אַ גלעט געטון.

— קום מיט מיר, — האָט זי געזאָגט, — כ'וויל זען, צי איז ער

אינדעראמתן אויף אַזוי פיל נאַריש צו מיינען, אַז איך וועל קומען אויפן ראַנדעוווּ. מיר קענען זיך צוקוקן פונדערווייטנס.

פעללע האָט געשוויגן.

— מאַמע — האָט גאַננאַ געזאָגט, ווען די מוטער האָט אַריינגעבראַכט קאַווע — כ׳גיי זיך קויפן שטאָף אויף אַ ליפטשיק. פעללע באַגלייט מיך.

די מוטער האָט קלאָר געוווּסט, אַז דאָס איז נאָר אַן אויסרייד, זי האָט זיך אָבער נישט געמאַכט וויסנדיק. זי האָט באַמערקט, אַז גאַננאַ איז היינט גינסטיק געשטימט צו פעללען, אַז עפּעס קומט פאָר אין איר. און ווען פעללע זאָל וועלן, וואָלט ער זי איצט געקענט באַצווינגען. זי האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם. ס׳קען זיין, זיי וואָלטן זיך ביידע באַרויקט.

— נעם מיט זיך דעם שאַל, ס׳וועט אפשר זיין קאַלט.

גאַננאַ איז געגאַנגען אַזוי שנעל, אַז פעללע האָט זי קוים אָנגעיאָגט.

— ער וועט זיכער זיין שטאַרק אַנטוישט, ווען קיינער וועט נישט קומען. ס׳וועט זיין פון וואָס צו לאַכן! — און זיי האָבן זיך ביידע פונאַנדערגעלאַכט.

זיי האָבן זיך ביידע אויסבאַהאַלטן אין אַ פאַרבאָרגן ווינקל און אַרויסגעקוקט פון דאָרטן אויפן פּלאַץ. גאַננאַ האָט געסאַפּעט פון גיכן גאַנג. אָבער וואָס מער צייט ס׳איז פאַרשוווּנדן און קיינער האָט זיך נישט געוויזן, איז איר באַלעבאַטקייט פאַרשוווּנדן, זי איז געוואָרן שווייגעדיק און אומעטיק.

— קיינער וועט גאָרנישט קומען — האָט גאַננאַ פּלוצלינג געזאָגט און זיך פונאַנדערגעלאַכט — כ׳האָב דאָס אַלץ אויסגעטראַכט, כּדי צו זען, ווי אַזוי דו וועסט דאָס אויפנעמען.

— אויב אַזוי, טאָ קום — האָט פעללע רויק געזאָגט און זי גענומען פאַר אַ האַנט.

אָבער ווי נאָר זיי האָבן פאַרלאָזט די לויערונג, האָט גאַננאַ אַ ציטער געטאָן און איר האַנט האָט זיך אָנמעכטיק אַרויסגעגליטשט פון זיינער. דער פרעמדער איז געגאַנגען גלייך אויף זיי. ער האָט פּשוט און זיכער איר דערלאַנגט די האַנט, ווי אַן אַלטער באַקאַנטער. אויף פעללען האָט ער נישט געלייגט די מינדסטע אַכט.

— קום ערגעץ-ווו, אפשר הערן מוזיק ? — האָט ער געזאָגט, קוקנ־דיק איר אין די אויגן און נישט אַרויסלאָזנדיק די האַנט.

גאַננאַ האָט זיך אומגעדרייט צו פעללען; ווייזט אויס, זי האָט זיך געוואַקלט. פעללען האָט אַרומגענומען אַן אומבאַזיגבאַרער פאַרלאַנג זיך אַרויפצוּוואַרפן אויפן יונגנמאַן און אים אַ וואָרף טון אין דרערד, אָבער דערנאָך האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז גאַננאַ וויל פּטור ווערן גאָר פון אים.

„ווייזט אויס, אַז כ'בין דאָ איבעריק, — האָט פעללע אַ טראַכט געטון. — און וואָס אייגנטלעך איז מיין עסק ?" און ער איז פאַרשוואונדן פון זיי אין אַ שכנותדיק געסל.

פעללע האָט געבלאָנקעט אַרום גאַז-פאַבריק אין האַפן און געקוקט אויפן וואַסער, וואָס איז פאַרצויגן געווען מיט אַ שיכט בוימל. ער האָט נישט געליטן, אָבער דאָס אַלץ איז געווען אויסערגעוויינלעך נאַריש. ווי אַזוי איז דאָס געשען, וואָס יענץ פייגעלע, וועלכעס פעללע האָט נישט געקענט פאַרלאָזן, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע באַמיונגען, איז אַזוי לייכט אַרויפגעפלויגן אויף דעם פרעמדנס האַנט, וועלכע ער האָט קוים אויסגעשטרעקט אין דער פינצטער.

די כוואַליעס האָבן זיך פאַרשלאָפן געפלעסקעט אָן הילצערנעם ברעג, אויפן וואַסער זענען אַרומגעשווומען שטיקלעך האָלץ און נאָך עפּעס אַנ־דערע זאַכן. דאָס האָט פעללען דערמאָנט זיין היימלאַנד. לעבן דער קוילן-סטאַציע אין האַפן איז געשטאַנען אַ דריי-מאַסטיקע שיף. די מאַנ־שאַפט האָט גערוט; אַנדערע זענען געזעסן אין די קאַיוטעס, אַנדערע ווידער האָבן זיך געוואַשן אויפן דעק פון אַ העמער. אַ ברייטפּלייציקער יונג, אין אַ בלאָען אַנצוג און אַ ווייסן שניפּס, איז אַרויס אויפן דעק, גע־שעפּטמעסיק אַ קוק געטון אויף דעם טאַקעלאַזש און אַ געניץ געטון; דערנאָך איז ער פאַמעלעך אַראָפּ אויף דער ערד, מיט דעם היטל אויפן נאַקן און אַ פייקע אין מויל; ער איז געגאַנגען, וואַקלענדיק זיך אויף אַלע זייטן, אויף זיין פּנים איז קענטיק געווען אַ גרייטקייט צו יע־דער אַרט סקאַנדאַל. פאַרבייגייענדיק פעללען, האָט ער אים אַ שטויס געטון.

— אַך, אַנטשולדיקט! — האָט ער געזאָגט — כ'האָב געמיינט, — ס'איז אַ סלופּ, איר זענט געשטאַנען אַזוי גלייך און אומבאַוועגלעך. נעמט דאָס נישט צו ערנסט. — און שטאַרק איינגעבויגן אויף פאָרנט, האָט ער גענומען גיין אַרום פעללען, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט אויף אים,

זיך געגלעט הינטער די אויערן, ווי אַ בער, און זיך געקרייסלט פון געלעכטער.

ער איז פשוט דערשטיקט געוואָרן פון פרייד. פעללע איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך און נישט געוווּסט, צי זאָל ער לאַכן, אָדער בייז זיין. ער האָט פאָרזיכטיק זיך געדרייט אַרום זיך אַליין, נישט אַרויסלאָזנדיק פון אויג דעם מאַטראָז, כּדי יענער זאָל אים נישט אַ כאַפּ טון פאַר די פיס. ער האָט געקענט דאָסדאָזיקע שפּיצל, געוווּסט ווי עס אָפּצושלאָגן און געשטאַנען אַ גרייטער. פלוצלינג האָט ער באַמערקט עפּעס באַקאַנטס אין דעם איינגעבויגענעם קערפּער פון מאַטראָז און דערקענט אין אים זיין שול-חבר, פּער קאָפּאָד. אין שול האָט ער געציטערט און געוויינט פון יעדער קלייניקייט. ס'איז קיין ספק נישט, דאָס איז ער.

— שלום עליכם! — האָט ער מיט פרייד באַגריסט דעם חבר און אים דערלאַנגט אַ געזונטן טאַראַבענץ אין פּלייצע.

דער מאַטראָז האָט זיך אויסגעגלייכט און פאַרוווּנדערט אַ קוק געטון אויף אים:

— צו אַלדי רוחות, ווי מאָדנע דאָס איז, וואָס מיר האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. זיי מיר מוחל מיינע שטיק — און ער האָט פעסט געדריקט פעללעס האַנט.

זיי זענען ביידע געגאַנגען און זיך דערמאַנט דאָס פאַרגאַנגענע. זינט דער שול-צייט האָט זיך אַלץ אַזוי געענדערט און ס'איז געווען, וואָס צו דערמאַנען: דעם אַלטן פּריס, מיט זיין שטעקעלע, די קינדישע שפּילן אויפן שטראַנד. פּער קאָפּאָד האָט דערביי לגמרי פאַרגעסן, אַז ער האָט אין זיי נישט אָנטיילגענומען, נאָר געשטאַנען[1] אין אַ זייט, תּמיד באַליידיקט צוליב עפּעס און געריטשעט, בעת די איבעריקע האָבן געשטיפט אַרום.

— ניילסן האָב איך פאַר קורצן געטראָפן אין ניי-אָרלעאַן, ער איז דער צווייטער שטורמאַן אויף אַ ריזיקער אַמעריקאַנער פּאַנצער-שיף און פאַרדינט געשמאַק. אַ פּעיקער יונג, אָבער, צום טייוול, ווי פאַרגראָבט ער איז געוואָרן: גייט כּסדר אַרום מיטן רעוואָלווער אין האַנט! אמת, מיט די נעגערס קען מען נישט אַנדערש, אָבער נאַדיר מיין ערנוואָרט. אַז אין איין שיינעם טאָג וועלן זיי אים אַרויסלאָזן די קישקעס... וואָס איז דאָרט אַזוינס?

פון הינטער אַ הויפן אָנגעוואָרפענע ברעטער האָבן זיך געטראָגן

קרעכצן און געשרייען; ווי ס'ווייזט אויס, איז דאָרט פּאָרגעקומען אַ געשלעג. פּעלליע האָט געוואָלט זיך פאַרנעמען אין אַ זייט, אָבער פּער האָט אים אָנגעכאַפּט און אַוועקגעשלעפּט נאָך זיך.

דריי קײלן־אַרבעטער האָבן „באַאַרבעט" זייער הבר; ער האָט נישט געשריגן, נאָר געקרעכצט בײַ יעדן קלאַפּ; דאָס בלוט האָט טײַכנווײַז גערינען פון זײַן פּנים.

— דערלאַנג! — האָט פּער קאָפּאָד אויסגעשריגן. מיט אַ געשריי האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף די שלעגער און גענומען טיילן קלעפּ אויף רעכטס און אויף לינקס. דאָס איז געווען ווי אַן אויפרייס, וואָס ברענגט נאָך זיך אַ רעגן פון שטיינער. די „פלאַקסע" האָט זיך אויפן ים נישט שלעכט אויסגעלערנט צו באַנוצן זײַנע פויסטן, בלויז אַ מאַטראָז האָט געקענט אָנווענדן אַזעלכע קונצן אין קאַמף. ס'איז שווער געווען צו באַמערקן, ווהין זײַנע קלעפּ האָבן געצילט, אָבער זיי זענען נישט געגאַנגען לאיבוד. אויף איין אויגנבליק איז פּעלליע פאַרגליווערט געוואָרן פאַרן דאָזיקן קאָפּשווינדלענדיקן וויכער, דערנאָך אָבער האָט ער זיך אויך געוואָרפן אין סאַמע מיטן פון די שלעגערס און די דריי אַרבעטער האָבן זיך אינגיכן אָפּגעטראָגן.

— וואָס האָסטו זיך, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, אַרײַנגעמישט אין דאָזיקן געשלעג? — האָט פּעלליע געזאָגט מיט כעס, ווען ס'איז שוין געווען נאָך אַלעמען, און ער איז געשטאַנען און צורעכטגעמאַכט זײַן קאָלנערל.

— כ'ווייס נישט — האָט געענטפערט פּער־„פלאַקסע" — אָבער ס'שאַדט נישט... אַביסל אויסקנאַקן די ביינער.

נאָך אַזאַ הייס געשלעג האָבן זיי שיער נישט פאַרגעסן אַן געליטענעם. ער איז געלעגן לעבן די ברעטער און זיך קיין ריר נישט געטון. זיי האָבן אים אויפגעהויבן, אָבער געמוזט אונטערהאַלטן, ער זאָל ווידער נישט אומפאַלן. ער האָט אויסגעזען שטאַרק אָפּגעלאָזן, ווי ער זאָל שלאָפן; אין די אויגן האָט ער קיין שום אויסדרוק נישט געהאַט. ער האָט הויך געאָטעמט, מיט אַ פייף, און בײַ יעדער אָטעם איז אים פון דער נאָז גערונען בלוט. פון צייט צו צייט האָט ער געקריצט מיט די ציין און געדרייט די אויגן אַזוי שטאַרק, אַז אויפן שוואַרצן פּנים האָבן געגלאַנצט די ווייסלען. דער מאַטראָז האָט כּדבעי אויסגעזידלט דעם צעשלאָגענעם; דאָס האָט אים צוגעגעבן אַביסל מונטערקייט, אַזוי, אַז ער איז בכוח געווען צו שטיין אָן הילף פון דער זייט. זיי האָבן אַרויסגעצויגן פון זײַן קעשענע

עפּעס אַ רויטע שמאַטקע און געפּרוּווט כאָטש אַביסל אָפּווישן פון אים דאָס בלוט.

— זאָג אַליין, וואָס דו ביסט! — האָט פער קאָפּאָד געזאָגט — אויף וואָס טויגסטו, אויב דו קענסט נישט איבערטראָגן עטלעכע קלעפּ.

— כ'האָב נישט געשריגן — האָט יענער אַדורכגעזייט דורך די געשוואָלענע ליפּן.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו נישט געגעבן קיין רעשט, זעסט נישט אויס צו זיין פון די שוואַכינקע. אָדער מ'דאַרף זיך אַליין פאַרטיידיקן, אָדער שרייען אויף וואָס די וועלט שטייט, מ'זאָל זיך צונויפלויפן צו הילף. הערי, חבר, הערסט, וואָס כ'רעד צו דיר?

— כ'האָב זיך נישט געוואָלט אַריינמישן די פּאָליציי אין אונזער ענין, כ'האָב דאָך דאָס כשר פאַרדינט. מער נישט, זיי האָבן מיר שוין צו שטאַרק אָנגעבראָכן די ביינער, און ווען איך בין אומגעפאַלן, האָבן זיי מיך גענומען בריקען מיט די הילצערנע שיך.

זיי האָבן אים גענומען אונטער די הענט און אים אָפּגעפירט אַהיים.

— זאָל איך כאָטש נישט אָפּקרענקען — האָט דער אַרבעטער גע־קרעכצט — כ'פיל זיך אַזוי שלעכט.

זיי האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן, ער זאָל קענען אָפּכראַקען.

זיינע חברים האָבן באַשלאָסן צו פאַרשטרייקן, ווייל די אונטערנע־מער האָבן אַראָפּגעדריקט דעם לוין. אָבער בלויז זיי זאַלבעפערט זענען פעסט באַשטאַנען אויף זייערע פאָדערונגען. טאָ וואָס פאַר אַ זין האָט עס געהאַט, ווען אַלע אַנדערע זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט? מ'האָט גאַנץ גוט געקענט אויסקומען אָן זיי, קיינער וועט זיך אויף זיי נישט נאָכפרעגן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט געפילט באַרעכטיקט צו ענטפערן אויף די קלעפּ. דידאָזיקע דריי חברים האָבן באַקומען אַרבעט אויף אַן אַנדער אָרט, און ער איז געגאַנגען צום אַלטן באַלעבאָס. צי דען קען ער אַרומ־גיין ליידיק, ווען אין שטוב איז קיין קרישל ברויט נישטאָ? אמת, ער האָט נישט געהאַלטן קיין וואָרט, אָבער זיי האָבן אים שוין צו שטאַרק אָנגעבראַכן די ביינער און געשלאָגן מיט הילצערנע שיך איבערן בויך.

דעם גאַנצן וועג האָט ער דאָס געהאַלטן אין איין חזרן, ווי פון היץ. אויפן וועג האָבן זיי אָנגעטראָפן אַ פּאָליציסט און פער האָט אויסגעטראַכט אַ גאַנצע מעשה וועגן דעם, אַז דער אַרבעטער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין קאָפּ דורך אַ פייערלעשער־אַפּאַראַט.

דער קוילן־אַרבעטער האָט געלעבט אונטערן סאַמע דאַך. ווען זיי

האָבן געעפנט די טיר אין זיין צימער, האָבן זיי אין בעט דערזען אַ פּרוי וואָס איז, וואַרשיינלעך, פאַר קורצן געלעגן געוואָרן. זיי זענען דערשטוינט געוואָרן: אַזוי איז זי געווען דאַר און בלוט-אָרים.

ווי נאָר זי האָט דערזען, אין וואָסער צושטאַנד מ'האָט געבראַכט איר מאַן, האָט זי אָנגעהויבן ביטער צו וויינען.

— ער איז נישט שיכּור. — האָט פעללע געזאָגט, כּדי זי צו טרייסטן. — מ'האָט אים נאָר אַביסל צעשלאָגן.

זיי האָבן אים אַריינגעפירט אין קיך און אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער פון קראַן. אָבער פון בער קאָפּאָדן האָט מען געהאַט קנאַפּ וואָס נוצן: יעדעס מאָל, ווען ס'האָט זיך דערטראָגן צו זיי דאָס געוויין פון דער פרוי, האָט ער הילפלאָז געקוקט אויף דער אַרויסגאַנג-טיר. פלוצלינג האָט ער אַלץ אַוועקגעוואָרפן און אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ.

— וואָס איז געשען מיט דיר? — האָט אים פעללע צערייצט געפרעגט, ווען ער האָט געענדיקט זיך פּאָרען מיטן קוילן-אַרבעטער און אַראָפּ אונטן. קאָפּאָד איז געשטאַנען אין טויער און געוואַרט אויף אים.

— צי דען האָסטו נישט געהערט, אַז זי האָט געזונגען קאַפּיטלעך תּהלים? ליימענער גולם דו! און דו האָסט נישט געזען, אַז זי איז געלעגן אין בעט — ווי אַ וואַקסענע? דאָס איז שוין נידערטרעכטיק, שרעקלעך נידערטרעכטיק! ווי אַזוי האָט ער געוואַגט זי דערפירן צו טרערן? כ'האָב געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג אים צוצערייסן אויף שטיקלעך: כ'שפּיי אויף זיינע ווונדן! וואָס האָט אים געשטופּט נישט האַלטן קיין וואָרט?

— ווייל ער איז הונגעריק, פעטער — האָט פעללע ערנסט געענטפערט — דו מיינסט, אַז אין דערדאָזיקער פאַרשאָלטענער שטאָט טרעפט עס זעלטן?

קאָפּאָד האָט אים אָנגעקוקט און אַ פייף געטאָן.

— טפו, צום טייוול! אַ פרוי מיט אַ קינד און נישטאָ וואָס צו עסן זיי פיין! און אַ קינפּעט... מ'זעט גלייך פון ערשטן קוק, אַז דאָס איז אַ יונגע פּאָר. אַ שאָד צו רעדן, אַ גליקלעכער האָניק-חודש!

ער האָט גענומען שאַרן אין די קעשענעס, אויסגעסקראָבעט פון דאָרט קיי-טאַבאַק, הויפנס שטויב, צעבראָכענע שוועבעלעך און צווישן דעם אַלעם איז געלעגן אַ צונויפגעקניידשטער באַנקנאָט פון צען קרוין.

— הערסט אַ מעשה, אוז איך האָב געמיינט, אַז היינטיקע נאַכט

האָבן מיך די מיידלעך אַרומגענומען ביז אַ גראָשן. הער נאָר, פעללע, גיי אַרויף צו זיי אינדערהיים און קלער עפעס אויס אַ בבא-מעשה. באַ מיר וועט גאָרנישט אַרויסקומען... פאַרשטייסטו מיך: ווען אַ פרוי הייבט אָן צו וויינען, וועט זי נישט אויפהערן פריער, ווי אין אַ מעת-לעת אַרום. [...]. דאָס איז מיין לעצט געלט... אָבער, נאַרישקייטן, מאָרגן לאָזן מיר זיך אַוועק אין ים אַריין.

— ווען כ'האָב איר אָפּגעגעבן דאָס געלט, האָט זי גלייך אויפגעהערט צו וויינען — האָט פעללע געזאָגט, ווען ער איז צוריקגעקומען.

— אויסגעצייכנט. מיר, מאַטראָזן, זענען נישקשהדיקע חזירים, ווייסט דאָך, אַז מיר זענען גרייט צו טון אונזערע צרכים אויף פאַרפאָר און עסן פון אַ דזשעגעכץ-עמער. אָבער ווי נישט ווי... ווען כ'זאָל זיך נישט אַריינמישן אין פרעמדע געשעפטן, וואָלט איך פאַרן דאָזיקן געלט פאַרבראַכט היינט אַ מחיהדיקע נאַכט.

פער קאָפּאָד איז פלוצלינג שטיל געוואָרן. ער האָט זיך גענומען קייען טאַבאַק מיט אַזאַ אויסזען, ווי ער וואָלט שווייגנדיק אַנטוויקלט פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען.

— גוט, מאָרגן גייען מיר אַוועק אין ים, — האָט ער פלוצלינג געזאָגט.

זיי זענען אַוועק צו אָללענבערג צו, אין גאָרטן האָבן זיי זיך צוגעזעצט. פעללע האָט באַשטעלט ביר.

— דאָס קען איך זיך נאָך דערלויבן פאַר אַ גוטן ברודער — האָט ער געזאָגט — אָבער אין אַלגעמיין קאַרג איך אויסערגעוויינלעך. כ'וויל אַריבערנעמען צו זיך מיין פאָטער, ער ליידט נויט אינדערהיים.

— דיין פאָטער לעבט נאָך? כ'געדענק אים זייער גוט, ער האָט שטאַרק אַרומגעטאַנצט אַרום דער אָלסען, אָבער פלוצלינג איז צוריקגעקומען דער באָצמאַן...

פעללע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. זייט דאַן איז שוין אַ סך וואַסער אָפּגעפלאָסן, ער האָט זיך שוין איצט מער נישט געשעמט פאַר די נאַרישע שטיפערייען פון זיין פאָטער.

דער גאָרטן איז געווען באַלויכטן. פאַרליבטע פּאָרלעך האָבן שפּאַצירט, זיך געלאָזט פאָרזאָגן די צוקונפט, געשפּילט אויפן „ראָד פון גליק", באַשטעלט אויסשניטן פון זייערע סילועטן. אַרום די קאַרוסעלעס האָט געוואָרן שטימען מוזיק, האָבן זיך געהערט קוויטשערייען, האָבן דורכגעמיניעט קליידער. פון צייט צו צייט פלעגט אַלץ פאַרטויבן אַ הויכע שטים, וואָס האָט גע-

רופן זען מוראדיקע זאַכן. פון די פּאַוויליאָנען האָט זיך געטראָגן דאָס צעבראָכענע קול פון זינגערינס, געוועזענע „שטערנס".

אויסגעמאָגערטע, אָפּגעלעבטע, פּאַ־סאַפּעטע דאָן־זשואַנען האָבן זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם און פאַרשווונדן אין די פּאַוויליאָנען, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ צום קאַסיר, וועלכער פאַרקויפט בילעטן, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן.

— ווי שיין דאָ איז! — האָט געזאָגט פּער קאָפּאָד, שטאַרק צופרידן — ס'איז מוראדיק גוט אויפן ברעג באַ אייך.

איבער די ברייטע אַלעען האָבן שפּאַצירט זעלנער, יונגע אַרבעטער, שילער, אַמאָל אפילו סטודענטן; זיי האָבן באַטראַכט די מיידלעך, וועלכע זענען געשטאַנען אין קליינע גרופּקעלעך אויף ביידע זייטן פון דער אַלעע, זיך האַלטנדיק באַ די הענט. צווערשט האָט מען זיך איבערגעקוקט און ע־שט דערנאָך פאַרפירט אַ שמועס. פלעגט דאָס מיידל זיך אָפּקערן, איז דעם בחור אויסגעקומען אָנצוהייבן אַלץ פון אָנהייב. פלעגט אָנגעקניפּט ווערן אַ קאַנטשאַפט, איז מען געגאַנגען טרינקען קאַווע, אָדער זיך הוידען אויף דער קאַרוזעלע. אַ סך, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, זענען לאַנדסלייט. און יעדעס מאָל, ווען פּעללע פלעגט הערן די זיכערע אינטאָנאַציע פון אַ באָרנהאָלמער מיידל, פלעגט זיין האַרץ אָפּשטאַרבן, ווי באַ אַ פויגל, וואָס קלויבט זיך פליען.

פלוצלינג האָט ער זיך דערמאַנט זיינע ערגערנישן.

— אַך, ווי ס'ווילט זיך מיר היינטיקן אָוונט פאַרגעסן אַלע ערגערנישן! פּער, גיב נאַר אַ קוק אָט אויף די צוויי מיידלעך.

לעבן זייער טיש זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים צוויי מיידלעך, האַלטנדיק איינע די צווייטע באַ די הענט. זיי האָבן זיך לאַנגזאַם געשאָקלט און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון ביידע יונגע מענטשן.

— מוחל, דאָס איז נישט פאַר מיר, דאָס איז אפשר אַן עסק פאַר יבשה־לייט — האָט פּער קאָפּאָד געזאָגט. — זיי זענען, פאַרשטייסטו מיך, ווי קליינע שעפּסעלעך, וועלכע מ'דאַרף אונטערקיצלען הינטערן אויער. מיט זיי דאַרפסטו לאַנג איינדברען, ביז זיי וועלן ענדלעך מסכים זיין זיך דיר אָפּצוגעבן, וועסט זיי אָנזאָגן אַ שאָק ליגנס, צוזאָגן, זיך אומצוקערן און כדומה אַזעלכע זאַכן און לסוף וועט נאָך קומען אַ קינד. פאַר אַ מאַטראָז איז דאָס קיין עסק נישט.

— ס'טרעפט דאָך אָבער, אַז אויך פרויען נאַרן אָפּ — האָט פּעללע געזאָגט.

— דעם אמת געזאָגט, האָב איך נישט דערוואַרט פון דיר אַזאַ שטרענגקייט צו די נאַיווע מיידלעך. אפשר וועסטו באַ אַ געלעגנהייט אויך איינגעפינען, אַז מ׳קען אפילו אַ קינד פאַרמשפטן אויף טויט־שטראָף? ס׳איז גענוג צוצורופן אַ מיידל מיטן פינגער, זאָגן אַ פּאָר צאַר־טע ווערטער און דו קענסט שוין טון מיט איר אַלץ, וואָס דיר ווילט זיך נאָר... געדענקסטו נאָך פעטערן „די פלאַקסע“?

— געוויס געדענק איך... אויב דו רעדסט שוין אַליין וועגן דעם.

— זיין פאָטער איז געווען אַ מאַטראָז און טאַקע אַזוי געהאַנדלט, און זי איז געווען פון יענע מיידלעך, וואָס קענען נישט אָפּזאָגן קיין מאַנסביל אין קיין זאַך און גלייבן און יעדן אומזין, וועלכן ער מורמלט זיי אַריין אין אויער... פאַרשטייט זיך, ער האָט איר צוגעזאָגט זיך אומ־צוקערן: „ווי נאָר דאָס פענצטערל אויפן בוידים וועט אַ טראַסק טון, בין איך שוין דאָ“, — האָט ער איר געזאָגט. אָבער דאָס פענצטערל האָט נישט איינמאָל געטראַסקעט, און ער איז אַלץ נישט צוריקגעקומען. דעמאָלט האָט זי צוגעבונדן אַ שטריק צום דאָזיקן זעלבן פענצטער און זיך אויפ־געהאָנגען. „די פלאַקסע“ האָט גענומען פאַלן צו לאַסט דער געזעלשאַפט. אַלע האָבן פון אים געחוזקט, אפילו מיידלעך האָבן אויף אים געשפּיגן. און ער האָט געטון איינס — געפלאַנכעט. זיין מוטער האָט דאָך אויך געוויינט די גאַנצע צייט, וואָס זי האָט אים דערוואַרט. און אויך ער האָט זיך אויפגעהאָנגען, ד. ה. צוויי מאָל געמאַכט אַ פּרוּוו זיך אויפצו־הענגען. ווי דו זעסט, איז דאָס אַ ירושה פון דער מוטער. פון דעמאָלט אָן האָט זיך אים געלעבט נאָך ערגער. יעדער איינער האָט עס באַטראַכט פאַר זיין חוב אים צו באַליידיקן און פרעגן, וואָס איז דאָס פאַר אַ רויטער פּאַס אויף זיין האַלז. בלויז דו איינער האָסט זיך גוט באַגאַנגען מיט אים. דעריבער האָב איך וועגן דיר אַ סך געטראַכט. פון אים איז מסתּמא עפּעס אויסגעוואַקסן, האָב איך געטראַכט. אָבער ווו איז ער?... — און ער האָט אַ קוק געטון אויף פעללען מיט געטרייע אויגן.

— דאָס איז אַלץ דער פאָטער, — האָט פעללע געענטפערט מיט אַ קינדישן אויסדרוק אין קול. — ער פלעגט תּמיד זאָגן, אַז מ׳דאַרף זיך גוט באַציען צו באַעוולטע פון לעבן

— אַזוי גאָר — האָט פער געזאָגט פאַרטראַכטערהייט — ווי מאָד־

נע און איך האָב דאָס אפילו נישט חושד געווען. בכלל איז דאַן קיינער נישט געווען, ווער ס׳זאָל מיך אונטערשטיצן. כ׳קען נישט באַגרייפן, ווי אַזוי איז דאָס געשען, וואָס כ׳זיץ דאָ און רעד מיט דיר. ווי אַזוי האָבן זיי מיך נישט אומגעבראַכט אינגאַנצן.

— יאָ, דו האָסט זיך זייער געענדערט. ווי אַזוי איז דאָס געשען, וואָס דו ביסט געוואָרן אַזאַ אַנטשלאָסענער?

— אַזאַ ווי איך בין... דאָס, אייגנטלעך, איז מיין אמתע טבע. מער נישט, זי האָט זיך באַפרייט, מיין איך. אָבער איך פאַרשטיי נישט, וואָס אַזוינס איז געווען מיט מיר פריער, כ׳האָב געוווּסט זיכער, אַז כ׳קען זיך פאַרמעסטן מיט אייך, ווען כ׳זאָל זיך נאָר באַשליסן, כ׳האָב זיך אָבער קיינמאָל נישט באַשלאָסן. כ׳בין פול געווען מיט פיין, כ׳האָב געזען אַ סך זאַכן, וועגן וועלכע איר האָט אפילו קיין אַנונג נישט געהאַט. יאָ, ס׳איז נישט געווען באַקוועם צו זיין אַזעלכער! נישט אַנדערש, נאָר מיין מוטערס אומגליקלעכער גורל איז טיף איינגעדרונגען אין מיר. אָפטמאָל פלעגן אָנפאַלן אויף מיר אומזיניקע שרעקן, אָבער אַזעלכע, אַז כ׳פלעג פשוט שרייען און די פויערים פלעגן מיך ממיתן. צוויי מאָל האָב איך זיך געוואָלט אויפהענגען. דערפאַר האָט מען באַשלאָסן מיך גוט אָנצולערנען מיט ריטער... אָט פאַרוואָס איך האַלט, אַז אַ מאַטראָז דאַרף האָבן צו טון בלויז מיט פרויען פון לייכטער אויפפירונג, וועלכע ער קען צאָלן פאַר דער צערטלעכקייט; אויב, פאַרשטייט זיך, ער קען נישט חתונה האָבן.

— האָסט אַ סך געליטן — האָט פעללע געזאָגט און אים גענומען פאַר אַ האַנט — האָסט זיך אינגאַנצן געענדערט.

— יאָ, ביסט גערעכט. פריער אַ פלאַקסע, איצט דער שטאַרקסטער אויף דער שיף. באַרעכן נאָר! אויף דער שיף איז געווען דאָסזעלבע, וואָס אויף דער יבשה, די שיף־יינגלעך האָבן דווקא מיר געוואָלט דערלאַנגען אַ קלאַפ פאַרבייגייענדיק. יעדער איינער, וואָס פלעגט באַקומען אַ פאַרוואורף, פלעגט אים באַלד אויסלאָזן צו מיין קאָפּ. און אָט בין איך אַרויפגעפאַלן אויף אַן אַמעריקאַנער באַרקע. דאָרט איז געווען אַ נעגער. מען איז זיך מיט אים באַגאַנגען אַזוי ווי מיט אַ הונט. ער האָט געלעקט זייערע שטיוול, אָבער, צו אַלדי רוחות, האָט ער זיי פיינט געהאַט! איך האָב זיך באַצויגן צו אים מענטשלעך, און ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט דעם. וואָס כ׳בין אַ ווייסער און חוזק געמאַכט פון מיר.

איינמאָל אָבער האָט מיין געדולד געפּלאַצט, אָדער דאָס, וואָס האָט

געדרעמלט אין מיר, האָט זיך ענדלעך אויפגעכאַפּט. מיט איין האַנט האָב איך לייכט אָפּגעשטויסן דעם נעגער, אַבער אַזוי, אַז ער איז געפלויגן! חייסט, דאָס איז געווען קאָמיש, ווי אין דעם מעשהלע, ווען די זשאַבע ווערט פלוצלינג פאַרוואַנדלט אין אַ מענטש. כ׳האָב אים צעקלאַפּט, ווי אַ ביטערן עפּל, און כּל זמן כ׳האָב זיך נאָך געפונען אין ברען, האָב איך באַשלאָסן, אַז ס׳וואָלט נישט געשאַדט איינפירן אָרדנונג אומעטום. בקצורה, כ׳האָב גענומען ברעכן די ביינער דער גאַנצער חבֿרה, פון ערשטן ביזן לעצטן. יאָ, ס׳איז געווען אַן ערנסט שטיקל אַרבעט. באַרעכן נאָר, וויפל כּעס האָט זיך דאָס געמוזט אַרויסרייסן פון מיינע אינגעווייִדן!

פעללע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט:

— נאָך גוט, וואָס כ׳קען דיך פון לאַנג, אַנישט וואָלסטו, אַ סברה, אויך מיך צעהאַקט אויף קרעפּל־פלייש.

— לאַז אָפּ, דאָס איז בלויז געווען אַ שפּאַס. ווען מ׳פאַלט אַראָפּ אויף דער יבשה, ווילט זיך אַביסל אַ שטיף טון, אָבער דאָרט, אויפן ים, אויב דו שלאָגסט נישט, שלאָגט מען דיך. „אָל רייט״, פלעג איך זאָגן, אָבער פרויען דאַרף מען באַהאַנדלען גוט. דאָס פלעג איך אָפט זאָגן אויך דעם „אַלטן״ אויף אונזער שיף. ער איז אַ גוטער יאַט, אָבער אַן אמתער חזיר, ווי נאָר עס דערגייט צו פרויען. נישטאָ קיין איין האַפן, וווּ ער זאָל נישט האָבן־קיין אינטריגע. אויפן דרום, און אין אַמעריקע. אַמאָל קומט אַרויס אַ מוראדיק געשלעג און כ׳מוז גוט אַכטונג געבן, מ׳זאָל אים נישט אַריינרוקן אַ מעסער אין פּלייצע. „פער, — זאָגט ער צו מיר — היינט אינאָוונט פאָרן מיר אַרויס“. „אָלרייט״ קאַפּיטאַן! — ענטפער איך דאַן: אָבער פונדעסטוועגן איז אַ רחמנות אויף דידאָזיקע אַלע פרויען...״ „פאַרשטאָפּ דאָס מויל, פער! — זאָגט ער. — מערסטנטייל האָבן זיי אַלע חתונה״, ער שטאַמט פון אינזער קאַנט, פון דעם קליינינקן שטיבעלע, דאָרט אויפן וויסטן פּלאַץ.

— ווי רופט מען אים? — האָט פעללע געפרעגט אַ פאַראינטערעסירטער.

— אַלבערט קאַרלסען.

— אַ סברה, אַז ער איז מיינס אַ ווייטער קרוב! — האָט פעללע אויסגערופן.

פעללע האָט באַצאָלט. זיי האָבן זיך אויפגעהויבן און זענען אַוועקגעגאַנגען. ביידע מיידלעך זענען נאָך אַלץ געשטאַנען לעבן ביימל. פערקאָפּאָד איז צוגעגאַנגען צו איינער פון זיי. זי איז געשטאַנען, איינגעבויגן

אַרויס, ווי אַ פויגל, וועלכער קלויבט זיך אַוועק צו פליען. ער האָט זי געכאַפּט. זי האָט זיך לאַנג׳אַם באַפרייט פון זיינע אָרעמס און מיט אַ געלעכטער געקוקט אויף זיין גרויסע, לעבנספולע פיגור, ער האָט זי נאָכאַמאָל אַרומגענומען און איצט איז זי שוין געשטאַנען שטיל, בלויז אָפּדרייענדיק אַביסל דעם קאָפּ און מיטן דאָזיקן איינציקן זשעסט אויסדריקנדיק איר פאַרלאַנג אַוועקצולויפן. ער האָט א״ר טיף אַריינגעקוקט אין די אויגן, דערנאָך אַרויסגעלאָזט און נאָכגעגאַנגען פעלען.

— נישטאָ קיין זין אין דעם, פעלע, כ׳העד שוין איצט אירע קלאָג־רייד. הייכט עס, אַז כ׳האָב שוין באַקומען אַ וואָרנונג, — האָט ער געזאָגט מיט יאוש אין קול. — צוואָס, צו אַלדי רוחות, האָב איך אַזויפיל מיטלייד אין האַרצן! אַנדערע האָבן גאָר קיין שום רחמנות נישט. האָסט געזען, ווי צאַרט עס זענען געווען אירע אויגן. ווען כ׳זאָל האָבן געלט, וואָלט איך תיכף חתונה געהאַט מיט איר.

— און אפשר וועט זי גאָרנישט וועלן, — האָט פעלע אָפּגעענטפערט. — מיידלעך איז נישט אַזוי לייכט צו פאַרשטיין.

איבער דער אַלע זענען אַדורך עטלעכע מענטשן. זיי האָבן עמעצן געזוכט, גערופן. איינער פון זיי, אין אַ סטודענטיש היטל, איז צוגעגאַנגען צו זיי;

— האָט איר נישט אָנגעטראָפן אַמאָל, מיינע הערן, אונזערע דאַמען? מיר האָבן זיך אַרומגעשלעפּט מיט זיי אַ גאַנצן אָוונט און דערנאָך האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי דאַרפן אין אַ געוויס אָרט און פלוצלינג פאַרשווינדן געוואָרן.

זיי זענען אַוועק אונטן צום האַפן.

— אפשר וועסטו אַרויפגיין אויפן שיף זיך באַגריסן מיטן „אַלטן״? אָבער שאַ, ער איז היינט סיי ווי אויף דער יבשה. כ׳האָב געזען, ווי ער איז אַרויס נאָך מיטאָג אויפן געיעג נאָך פרויען.

— איס פערזענלעך קען איך נישט, — האָט פעלע געזאָגט. — ווען איך בין נאָך געווען אַ פּעמפּיק, איז ער שוין אַרומגעפאָרן איבער ימים. און בכלל וויל איך אַהיימגיין שלאָפן. כ׳מוז פרי אויפשטיין.

זיי זענען געשטאַנען אויפן ברעג און זיך געזעגנט. פער האָט צוגעזאָגט צו באַזוכן פעלען דאָס צווייטע מאָל, ווען ער וועט צופאָרן אין דעם היימלאַנד. ווי זיי רעדן אַזוי צווישן זיך, האָט אַ סקריפּ געטון די טיר פון קאַיוטע. ס׳איז אַרויסגעקומען אַ הויכער בערדיקער מאַן, האַלטנדיק באַ דער האַנט אַ מיידל. זי איז געגאַנגען מיט גרויס אָנשטרענגונג,

ווי זי וואָלט שטעלען אַ ווידערשטאַנד, ער האָט גאַנץ פּשוט זי אַראָפּגע־שלעפּט אויף דער יבשה, אַריין אין קאַיוטע און פאַרמאַכט די טיר. דאָס יונגע מיידל איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, אירע ליפּן האָבן עפּעס טרויעריק געשעפּטשעט. דערנאָך איז זי מיט וואַקלדיקע טריט אַוועק לענגאויס דעם ברעג.

— דאָס איז ער, — האָט פּער געמורמלט, — אָט אזוי באַגייט ער זיך מיט אַלע און פונדעסטוועגן טרעטן זיי נישט אָפּ פון אים.

פּעללע האָט נישט געקענט אויסרעדן קיין איינציק וואָרט. זיין האַרץ איז אָפּגעשטאָרבן. ער האָט אייליק געדריקט דעם חברס האַנט און — פאַרשוואונדן. אָפּגייענדיק עטלעכע טריט האָט ער זיך אומגעקערט צוריק און נאָכגעגאַנגען דעם מיידל. ווי אַ לונאַטיק האָט זי זיך באַוועגט אי־בערן ברעג. ער האָט מורא געהאַט, זי זאָל זיך נישט וואַרפן אין וואַסער אַזוי מאָדנע זענען געווען אירע באַוועגונגען. אויפן בריק איז זי שטיין־געבליבן און אָנגעשטעלט איר פאַרגליווערטן בליק אויף דער שיף. פּעללע איז געשטאַנען אין איין מורא, זי זאָל אים נישט באַמערקן. אין דאָזיקן מאָמענט וואָלט ער נישט פעיק געווען צו רעדן מיט איר, בפרט נאָך טרעפן זיך מיט איר בליק. זי איז אָבער געגאַנגען אַלץ ווייטער, אַלץ מיט דעמזעלבן טויטן גאַנג. פון הינטן האָט זי דערמאַנט אָן די נישט יונגע פרויען פון „נחת תיבה", וואָס האָבן זיך אויסגעגליטשט, און וועלכע גנבע־נען זיך לענגאויס די ווענט פון די הייזער אין אויסגעטרעטענע מענער־לאַטשן, וואָס וועגן זייער פאַרגאַנגענהייט דערציילט מען וואונדערבאַרע געשיכטעס.

„מיין גאָט, — האָט פּעללע אַ טראַכט געטון, — וואָס איז איצט געוואָרן פון איר טרוים?"

ער איז אַריין נאָך איר אין טויער, און ערשט ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זי איז אַרויף צו זיך אינדערהייך, איז ער אַוועק איבערן הויף.

VII.

אין פּעללעס האַרץ איז טיף פאַרבאָרגן געווען אַן אומקלאָר גע־

פֿיל, אַז ער איז באַשטימט פֿאַר עפּעס גרויסעס. דאָס איז געווען זיין גאָלטער חלום וועגן גליק, וואָס האָט זיך אינגאַנצן נישט געקענט אַריינפּאַסן אין די ראַמען פֿון יענעם ווילטאָג, וועלכן ער האָט געוואָלט שאַפֿן פֿאַר אַנדערע. זיין גורל איז נישט באַשטימט געווען דורך דעם דריקנדיקן דלות, וועלכן בלויז אַ נס איז בכוח געווען צו אונטערדריקן. ער אַליין איז געווען דער שעפֿער פֿון זיין ציקונפֿט, איבער וועלכער ער האָט אָן אָפּרו געאַרבעט צוזאַמען מיט אַנדערע.

ס'איז אָבער געווען אַן עפּעס, וואָס איז געשטאַנען מחוץ דידאַזיקע אַלגעמיינע ראַמען, אַן עפּעס, וואָס האָט געהערט בלויז אים אַליין, וואָס קיין שום פֿרעמדער האָט נישט געטאָרט אָנרירן. וואָס אַזוינס דאָס איז געווען, האָט ער אַליין קלאָר נישט באַגריפֿן. דאָסדאָזיקע געפֿיל האָט אים אויף אַ סודותדיקן אופֿן דערהויבן איבער אַנדערע, אָבער בלויז ער איינער האָט עס געפֿילט. דאָס איז געווען אַן אומקלאָר געפֿיל פֿון אַ מין געהייליקט זיין צו עפּעס: דאָסדאָזיקע געפֿיל האָט אים כּסדר געשטויסן פֿאָרויס. און אויב דאָס האָט אַמאָל אָנגענומען די פֿאָרם פֿון אַ באַשטימטער פֿראַגע, פֿלעגט ער זיך אַליין ענטפֿערן מיט קינדישן צוטרוי: דאָס וועט נאָך מיט דער צייט קלאָר ווערן, אַ שטייגער ווי דאָס, וואָס האָט אים דערוואַרט, איז געווען אַזוי גרויס און וווּנדערבאַר, אַז וועגן דעם האָט מען נישט געקענט נישט נאָר רעדן, נאָר אפֿילו נישט טראַכטן. ער האָט געזען פֿאַר זיך זיין וועג און געגאַנגען פֿאָרויס — גלייך און פֿריידיק. די בייזע כּוחות, וואָס זענען אין דער יוגנט שווער געהאָנגען איבער זיין קאָפּ, זענען געווען די שאָטנס פֿון נויט. קיין אַנדער שלעכטס האָט נישט עקזיסטירט. אָבער אויך דאָסדאָזיקע איז געווען גענוג שווער. איצט האָט ער געוווּסט, אַז דידאָזיקע שאָטנס זענען אויסערגעוויינלעך לאַנג. מאַרטען איז גערעכט געווען. ווען ער איז געווען אַ קינד, געשפּילט און געשפּרונגען באַם זונען־שיין, האָבן פֿונדעסטוועגן זיינע געפֿילן געקענט באַטריבט ווערן פֿון יענער נויט, פֿון וועלכער מ'איז געשטאָרבן און מיט וועלכער מ'האָט געקעמפֿט אין די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקעלעך פֿון דער ערד; דאָס איז געווען דאָס, אויף וואָס עס דאַרף זיך באַזירן דאָס געפֿיל פֿון סאָלידאַריטעט. קיין איבערנאַטירלעכס עקזיסטירט נישט, און דאָס איז גוט פֿאַר די, וועלכע מוזן קעמפֿן מיט דער הילף פֿון זייערע פֿיזישע כּוחות, ס'האָט נישט עקזיסטירט קיין אומגעזעענער, וועלכער צייכנט כּלומרשט אָן די האַנדלונגען פֿון די מענטשן. מ'קען זיך צו אַלץ דערשלאָגן, וואָס מ'וויל נאָר, אויב מ'זאָל אָפּגעבן אויף דעם גענוג כּוחות;

קראַפט — דאָס איז אַלץ. און כּוחות זענען דאָ. מ'דאַרף זיי נאָר פאַרריי-
ניקן, כּדי צו האַנדלען מיט אַ גרויסער מאַכט.

אַ סך האָבן זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס פעללע, אַזאַ וואָלידיקער און
ענערגישער, בלייבט ווייטער וווינען אין „נחת תּיבה“ און קלויבט זיך
נישט אַרויס אין צפון-טייל פון שטאָט. אין רעכטן צענטער פון דער באַ-
וועגונג. פעללע אַליין האָט זיך אויך פאַרוווּנדערט, ווען ער האָט צופעליק
אַ טראַכט געטון וועגן דעם, אָבער אַוועקגיין פונדאַנען האָט ער נישט
געוואָלט. סוף-כּל-סוף איז ער גראָד דאָ געקומען צו די גרעסטע צרות.
ער איז געווען צו ערלעך, ער זאָל זיך קענען אָפּקערן פון די איינוווי-
נער פון „נחת תּיבה, ווען אים איז געוואָרן גוט. ער האָט געוווּסט, אַז
דאָס וואָלט באַטראַכט ווערן ווי אַ בגידה. די אַלגעמיינע איבערגעגעבנקייט
צו די יתומים האָט זיך איבערגעטראָגן אויף אים. ער איז געווען
אַ געפונען קינד, אַ פערטער מיטגליד פון זייער „פאַמיליע“; חוץ דעם
האָבן זיי איצט אַזוי שטאָלצירט מיט אים.

די איינוווינער פון „נחת תּיבה“ האָבן נישט געקוקט ווייטער פון
זייער נאָז. יעדער טאָג האָט געהאַט גענוג אייגענע זאָרגן. קיין צוקונפט
האָט נישט עקזיסטירט. זיי האָבן אויסגעזען ווי זאַרגלאָזע פייגל; מיט אַ
צייט צוריק האָבן זיי געליטן אַ שיף-בּרוך, זיי האָבן שוין אָבער פאַר-
געסן דערפון; אַ סך פון זיי האָבן געגומען שפּייז, ווו נאָר זיי האָבן זי
געקענט געפינען. ס'איז גענוג געווען דער קלענסטער זונען-שטראַל
זאָל אַריינדרינגען צו זיי, זיי זאָלן גלייך נעמען זינגען און פאַרגעסן
זייערע צרות. זיי האָבן לייכטזיניק געפּלוידערט וועגן דער אַרבעטער-
באַוועגונג און וועגן אַלדאָס נייע, ווי שטיגליצן, וועלכע האָבן בעתן פליען
דערהערט עפּעס נייע קלאַנגען.

אָבער פעללע פלעגט פעסט און זיכער אַוועקגיין און דערנאָך ווידער
צוריקקערן אַהער. ער האָט נישט מורא צו קוקן גלייך אין די אויגן דעם
לעבן און דער צוקונפט, פאַר וועלכע זיי פלעגן אין איין שרעק פאַרמאַכן
די אויגן. זיין נאָמען האָט צוליב דעם באַקומען אַ באַזונדערן צויבער:
פעללע איז געווען אַ פרינץ; ס'איז בלויז אַ שאָד, וואָס ער האָט, ווייזט
אויס, נישט געוואָלט חתונה האָבן מיט דער פרינצעסין.

ער איז געווען הויך און שלאַנק. אין זייערע אויגן האָט ער אויס-
געזען נאָך העכער. זיי זענען געגאַנגען צו אים מיט זייערע ליידן און
ער האָט זיי גענומען אויף זיינע שטאַרקע אַקסלען. און פעללע, וואָס האָט
דאָס אַלץ איבערגעלעבט, האָט געטראַכט מיט אַלץ אַ שטאַרקער געפיל,

אַז ער האָט אפשר נישט געלעבט אומזיסט דאָ „אויפן דעק" — אויפן דעק פון אַלץ.

* * *

די לעצטע צייט האָט זיך דאָ געטומלט בלויז מיט דער אלמנה פראַנדסען און איר זון פערדינאַנד; אין „נחת תיבה" איז קיינמאָל נישט געווען אינגאַנצן רויק; באַ וועמען־נישט־איז איז תמיד געווען אַ צרה.

פערדינאַנד איז געווען אַ פעסטער אַביגיעריקער בחור, מיט זייער אַ גרויסן קאָפּ; מ'האָט געקענט מיינען, אַז ער איז באַשטימט צו באַהערשן אַלע וויסנשאַפטן פון דער וועלט, אָבער אינדערראַמתן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אויף זיין גורל איז אויסגעפאַלן זייער ווייניק גייסטיקע אַרבעט.

פערדינאַנד איז אין תוך גענומען נישט געווען קיין נאַר, מ'האָט אים אפילו געקענט האַלטן פאַר אַ פעיקן. אָבער זיינע פעיקייטן האָבן מיט דער צייט אָנגענומען אַ מאָדנעם כאַראַקטער. פון דער פריער קינדהייט איז אים אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף מיט זיין פאָטער דעם שיכּור צוליב זיין מוטער; קיין אַנדערן באַשיצער האָט זיין מוטער נישט געהאַט. אין אַזאַ אומגלייכן קאַמף האָט ער אומבאַדינגט געמוזט ליידן אַ מפּלה, און צוליב דעם האָבן אומפאַרמיידלעך אויך געמוזט אָפּגעטעמפּט ווערן דאָס געפיל פון ווייטיק און דאָס באַוווסטזיין פון סכּנה.

ווען דער פאָטער פלעגט אָנגרייפן די מוטער, פלעגט ער תיכּף זיך וואַרפן אויף אים, כאָטש ער האָט אויסגעצייכנט געוווסט, אויף וואָס ער קען האָפן. ווי אַ הונט, וואָס קוקט נישט אויף דער סכּנה און וואַרפט זיך אויף אַ גרויסער ווילדער חיה, אַזוי פלעגט אויך דאָס יינגל אויסערגעוויינלעך שטאַרק זיך איינעמען מיט אַ קוויטש אין פאָטערס אייזערנע פויסטן. פון שנאה צום פאָטער האָט ער געוואָלט ווערן אַ פּאָליציסט, ווען ער וועט אויסוואַקסן, און מיט זיין אינסטינקטיווער ראַשקייט איז ער אפשר ווי אָנגעמאָסטן געווען צו דערדאָזיקער ראָל. וואָס מער דאָס יינגל איז געוואַקסן, אַלץ מער האָבן זיך די כּוחות אויסגעגלייכט. דער פאָטער האָט שוין מורא געהאַט פאַר אים און אויסגעוואַרט אַ פּאַסיקן מאָמענט נקמה צו נעמען; איינמאָל, ווען פערדינאַנד האָט אים אָנגעבראָכן די ביינער מער ווי געוויינלעך, האָט ער געמסרט אויף אים און מ'האָט דעם זון צו־

געמשפּט אַ שטראָף. דאָס קינד האָט עס אָנגענומען, ווי אַ הימל-שרייענדיקע עוולה; ער האָט דאָך צעשלאָגן דעם פאָטער באַם פאַרטייזיקן די מוטער, וועלכע ער האָט נישט געוואָלט לאָזן צורו.

פון דאַן אָן האָט ער פיינט געקריגן פּאָליציי און באַ יעדער געלעגנהייט אַרויסגעוויזן זיין שנאה. בלויז צו דער מוטער אַליין האָט ער זיך באַצויגן גוט. ווען דער פאָטער איז געשטאָרבן, איז אין זייער לעבן אַריינגעקומען אַביסל ליכט, אָבער שוין צו שפּעט, כדי צו פאַרטיליקן די ירושה פון עבר. פערדינאַנד האָט שוין פון לאַנג גענומען צוהעלפן דער מוטער אויף זיין אייגענעם שטייגער, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג.

ער איז אויסגעוואַקסן אויפן גאַס און שוין פון קינדווייז אָן האָט מען אויף אים געוואָרפן אַן אויג. די פּאָליציי האָט אים גוט געקענט און בלויז אָפּגעוואַרט אַ געלעגנהייט, כדי צו שליסן מיט אים אַ נענטערע קאָנטשאַפט. פערדינאַנד האָט געקענט איבערלייענען אין די אויגן פון די פּאָליציסטן, אַז זיי רעכענען אויס אויף זיין וויזיט צו זיי, און אַז אין געהעריקן אָרט האָבן זיי שוין פון לאַנג צוגעגרייט אַ בעט פאַר אים.

פערדינאַנד אָבער איז נישט געווען פון די פאַרשלאָפענע. אויב ער פלעגט אפילו זיין אַמאָל פאַרמישט אין אַ טונקל געשעפט, האָט ער אָבער געקענט אויסנוצן אַלע מעגלעכקייטן, כדי אַרויסצוגיין טרוקן. ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך פלינקער און שטאַרקער בחור. גרייט זיך נעמען פאַר יעדער צופעליקער אַרבעט, און ער האָט אַלץ אויסגעפירט ווי אַמבעסטן. אָבער יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך איינאָרדנען באַ אַ שטענדיקער אַרבעט, וואָס האָט אים געקענט געבן פרנסה אויך אין דער צוקונפט, אָדער ווען ס'האָט זיך געפאָדערט ערנסט אויסלערנען זיך עפּעס נייס — האָט זיך באַ אים נישט געקלעבט.

— רעד דו מיט אים, פעללע — פלעגט אַמאָל זיין מוטער זאָגן — ביסט דאָך אַזוי מיושבדיק, און ער אַכפּערט דיך זייער.

פעללע האָט מיט אים געשמועסט, אויסגעזוכט פאַר אים אַ פּאַסיקע אַרבעט און פערדינאַנד פלעגט זיך נעמען צו איר מיט היץ, אָבער בלויז אויף אַ קורצע צייט; צוליב דער אָדער אַן אַנדערער סיבה איז ער נישט געווען בכוח זי ממשיך צו זיין.

דער מוטער האָט גאָרנישט געפעלט, אָבער מערסטנטייל פלעגט ער איר צושטעלן אַלעס נייטיקע אין דער סאַמער לעצטער מינוט, און די אי-

בעריקע צייט איז ער אָפּגעשטאַנען ערגעץ־ווו הינטער די טויערן באַם מאַרק, מיט די הענט אין די הויזן־קעשענעס אָנגעשפּאַרט מיט זיינע מוס־קולעזע פּלייצעס אין וואַנט. ער האָט שטענדיק געטראָגן הילצערנע שיך, רעגלמעסיק פּלעגט ער שפּייען אויפן ברוק און זיינע בלאָע אויגן— ווי וואַסער — האָבן מיט אַ געהיימניש־שפּילן אויסדרוק נאָכגעקוקט די דורכ־גייער. דער פּאָליציסט, וואָס שפּאַצירט אַרום אויף זיין פּאָסטן, פּלעגט יע־דעס מאָל פאַרגנבעטערהייט אַ קוק טון אויף אים, ווי איינער זאָגט: ווען וועלן מיר אים שוין פּאַקן; ווי אַזוי האָט ער נאָך עפּעס גאָרנישט אָפּגע־טון!

סוף־כל־סוף האָבן זיי זיך אויף דעם דערוואַרט; דערביי איז אַלץ געשען גאַנץ צופעליק און להלוטין אָן שום שולד מצד פערדינאַנדן. די איינוווינער פון „נחס תיבה" האָבן דאָס באַזונדערס שטאַרק אונטערגע־שטראָכן. נישט נאָר, וואָס פערדינאַנד איז אין קיין שום זאַך נישט שול־דיק געווען, נאָר ער האָט נאָך געליטן צוליב זיין גוט האַרץ. ווען נישט זיין דאָזיקער פעלער. וואָלט זיך דאָס נישט פאַרלאָפן. פערדינאַנד איז עפּעס אַמאָל אַריין אין קרעמעלע אויפן ראָג מאַרק, כדי צו קויפן פאַר פינף ער קיי־טאַבאַק. גראָד דאַן איז באַם טובאַנק פאַר דער וואָג געשטאַ־נען אַן אַכטיאָריק יינגל פון „נחס תיבה" און געבעטן אויף באָרג אַביסל מעל. דער קרעמער האָט זיך פונאַנדערגעבייזערט:

— פאַרשרייבן? פאַרשטייט זיך! כ'האָב זיך דאָ איינגעאָרדנט אויפן ראָג נאָר דערפאַר, כדי צו שפּייזן די קבצנים פון גאַנצן קוואַרטאַל? דאָס געלט מאָרגן? ווי מאָדנע, אין דאָזיקן קבצנישן קוואַרטאַל איז דאָ געלט בלויז „מאָרגן". די צרה איז אָבער. וואָס דערדאָזיקער „מאָרגן" קומט קיינמאָל נישט אָן.

— הער פּעטערסען קען זיין גאַנץ רויק — האָט דאָס יינגל שטיל געזאָגט.

נישט אויפהערנדיק צו וואָרטשען האָט דער קרעמער פונדעסטוועגן גענומען אָפּוועגן דאָס ביסל מעל. באַם טובאַנק פאַר דער וואָג זענען געשטאַ־נען באַרשטן און אַ סך אַנדערע סחורות, וואָס האָבן פאַרשטעלט די וואָג, אָבער פונדעסטוועגן האָט פערדינאַנד באַמערקט, ווי דער קרעמער האָט אַ דריק געטון מיטן פינגער די שאָל. אונז, קבצנים, גיט ער אַ פאַלשע וואָג, האָט ער אַ טראַכט געטון, און ס'האָט זיך אויפגעהויבן אין אים אַ שלעכט געפיל קעגן קרעמער.

דאָס יינגל האָט עפּעס געדרייט צווישן די פינגער; פּלוצלינג האָט

זיך פון זיין האַנט אַרויסגעגליטשט אַ מטבע און זיך גענומען קייקלען איבערן דיל. דער קרעמער האָט שנעל אַ קוק געטון אויפן קעסטל מיטן געלט, אַריבערגעשפּרונגען איבערן טובאַנק און אָנגעכאַפּט דאָס ייִנגל פאַרן קאָלנער.

— אַך, דו, פּאַסקודנער זשוליק!

— כ׳האָב נישט געגנבעט — האָט דאָס ייִנגל געשריגן, רייסנדיק זיך פון קרעמערס הענט, כּדי אויפצוהייבן די מטבע פון דיל — דאָס איז דער מאַמעס געלט.

— טשעפּעט נישט דאָס ייִנגל — האָט פערדינאַנד געזאָגט — ער איז נישט שולדיק.

דער קרעמער האָט נישט אויפגעהערט אָפּצונעמען בײַם קינד דאָס געלט.

— ער האָט גאָרנישט געטון? — האָט ער אַ געשריי געטון מיט אַ הייזעריק קול, — פאַרוואָס־זשע שרייט ער אַליין וועגן גנבה, כאָטש קיינער האָט נישט דערמאַנט וועגן דעם? און פונוואַנען נעמט זיך צו אים געלט? ער האָט דאָך געבעטן מעל אויף באָרג, ווייל ער האָט נישט קיין געלט, ניין, דאָ איז נישט אַזוי פּשוט!

— דאָס איז דער מאַמעס געלט, — האָט דאָס ייִנגל געשריגן, — די מוטער איז קראַנק. דאָס איז געלט אויף אַ רעצעפּט.

— זיין מוטער איז קראַנק, דאָס איז אמת, — האָט פערדינאַנד געזאָגט מיט היץ, — דער אַפּטייקער גיט נישט אויף באָרג, איר ווייסט דאָס גאַנץ גוט. לאָזט אים צורו, פּעטערסען. — און ער האָט געמאַכט אַ טריט פאָראויס.

— אָט באַלד גלייב איך דאָס, — האָט דער קרעמער זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט חוזק און געעפנט די טיר.

— העי, פּאָליציי, אַהער!

דער פּאָליציסט, וואָס איז געשטאַנען אין ראָג אויף זיין פּאָסטן, האָט געאיילט אויפן רוף.

— נאַט אייך אַ ייִנגל, וואָס מאַכט פּאָקוסן מיט פרעמד געלט, — האָט דער קרעמער געזאָגט אַן אויפגערעגטער. — גיט אַכטונג אויף אים, אי־ווערסן.

דאָס קליינע, אָפּגעריסענע, אויסגעהונגערטע ייִנגל האָט זיך נאָך אַלץ אָפּגעשלאָגן. דער פּאָליציסט האָט גלייך דערקענט, מיט וועמען ער

האָט צו טון און באַשלאָסן, אַז ניטאָ זיך וואָס צו צערעמאָניען מיט אַזאַ איינעם און אים געשלעפּט נאָך זיך.

פערדינאַנד איז זיי נאָכגעגאַנגען און גרויפּגעלייגט אַ האַנט אויפן פּאָליציסטס באַרקע.

— הער פּאָליציסט, ער האָט זיך מיט גאָרנישט פאַרזינדיקט, — האָט ער געזאָגט — כ'בין געשטאַנען לעבן אים און אַלץ געזען; ער האָט קיין שום שלעכטס נישט געטון, זיין מוטער קען איך.

דער פּאָליציסט האָט זיך אָפּגעשטעלט, מיט אַ דראָענדיקן בליק אָפּגעמאָסטן פערדינאַנדן פון קאָפּ ביז די פיס, און דערנאָך ווי דער געוומען שלעפּן דאָס יינגל, וועלכער האָט זיך כסדר געריסן און געמורמלט

— מיין מוטער איז קראַנק, זי וואַרט אויף מיר מיט דעם רעצעפּט.

פערדינאַנד איז זיי נאָכגעגאַנגען אין זיינע דינע, פרימאָרגנלאַטשן.

— אויב איר וועט אים שלעפּן אין געריכט, וועל איך זיין אַן עדות — האָט ער ווייטער גערעדט, ווייל ער האָט לחלוטין גאָרנישט געטון, און זיין קראַנקע מוטער ליגט אין שטוב און וואַרט אויפן רעצעפּט.

דער פּאָליציסט האָט זיך אומגעדרייט צו אים אַן אויפגערעגטער:

— ביסט אַ מבין, אַ באַגלייבטער עדות! איין האַנט רייבט די צווייטע. מיש זיך נישט אין קיין פרעמדע געשעפטן, גיי אַוועק מיט גוטן געזונטערהייט.

פערדינאַנד איז שטיין-געבליבן.

— וועמען דוצסטו, דו אויסוווּרף! — ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אויפן פּאָליציסט און אים אַ קלאַפּ געטון אין קאָפּ מיט אַזאַ קראַפט, אַז יענער איז אומגעפאַלן מיטן פּנים אויפן ברוק און זיין העלם האָט זיך אַוועקגעקייקלט איבער דער גאַס. פערדינאַנד מיטן יינגל האָבן אויסגענוצט דעם מאָמענט און אַנטלאָפן אין פאַרשידענע זייטן.

און אָט יאָגט זיך די פּאָליציי נאָך פערדינאַנדן שוין די דריטע וואָך. ער האָט נישט געוואַגט צו קומען אַהיים, און ער האָט דאָך אַזוי ליב געהאַט זיין מוטער. „נחת תּיבה" האָט מען די גאַנצע צייט געהאַט אויפן אויג. „ער ווייסט, ווי ער האָט אַלץ אַרומגעבלאָנקעט אין דידאָזיקע פייכטע, קאַלטע, האַרבסטיקע וועטערן. פרוי פראַנדסען האָט איינזאַם געלעבט אין איר בוידעם-שטיבל: איר איז נישט געווען פריילעך אויפן האַרץ. יעדן טאָג איז זי געקומען צו פּעללען און געבעטן אים אַ קוק

טון אין „אַרבעטער", צי מ'האָט אים נישט געכאַפּט. אַז ער האָט זיך געפּונען אין שטאָט, אין דעם איז קיין ספק נישט געווען, אויך די פּאָליציי איז זיכער געווען אין דעם און אפילו אים צוגעשריבן אַ גאַנצע ריי נאַכט-רויבערייען.

די איינוווינער פון „נחת תיבה" האָבן מיט מיטגעפיל נאָכגעפאָלגט זיין גורל. דער בחור איז אויסגעוואַקסן אויף זייערע אויגן, קיינעם פון זיי קיין שלעכטס נישט געטון און תמיד געווען אַ גוטער זון. ער האָט געהאַט דאָס פולע רעכט אָנצונעמען זיך פאַרן קינד; דאָס קינד האָט דאָס פאַרדינט. די מוטער איז באמת געווען שטאַרק קראַנק. זיי האָבן געוווינט אין איינעם פון די פאַרוואָרפנסטע קאָרידאָרן און דאָס יינגל איז געווען איר איינציקע שטיצע, אָבער, פאַרשטייט זיך, אַז פון זיין זייט איז געווען אַ משוגעת צו פאַרטשעפען די פּאָליציי; דאָס איז דאָס שווערסטע פאַרברעכן. די שטראָף דערפאַר וועט זיכער זיין שטרענגער, ווי פאַר דערמאָרדן אַ פאָטער מיט אַ מוטער צוזאַמענגענומען, אויב מ'וועט אים כאַפּן, וועט מען איב זיכער איינזעצן אין תפיסה, ווייל דער פּאָליציסט האָט באַם פאַלן אויפן ברוק פאַרוואונדעט זיין טייער פנים. די צייטונגען האָבן געשריבן, אַז באַ אַן אַנדערן אויפן אָרט פון פּאָליציסט וואָלט דאָס אומבאַדינגט אַרויסגערופן אַ מוח-דערשיטערונג.

ווען די אַלטע פראַנדסען פלעגט גיין צו פעללען אַביסל שמועסן וועגן זון, פלעגט זי קומען דורכן בוידעם.

— זיין פאַרזיכטיק שאַדט קיינמאָל נישט.

אַמאָל פלעגט זי פעסט פאַרבייסן די ליפּן און נישט קענען רויק איינשטיין אויף אַן אָרט. פעללע האָט געוווסט, אַז דאָס באַדייט עפּעס אויסערגעוויינלעכס.

— זאָגן דיר? — פלעגט זי פרעגן, קוקנדיק אויף איב מ'ט אומרו.

— בעסער נישט, — פלעגט פעללע אָפּענטפערן, — מ'דאַרף נישט רעדן וועגן דעם, וואָס מ'ווייסט נישט.

— ניין, פעללע, לאָז מיך זיך בעסער אויסרעדן, אַנישט וועט זיין נאָך ערגער: כ'וועל אויספּלוידערן פאַר וועמען מ'דאַרף נישט. כ'האָב דאָך קיינעם נישט, פאַר וועמען כ'זאָל קענען עפענען דאָס האַרץ; און רעדן צו זיך אַליין האָב איך מורא: טאָמער וועט דער בעל-כוסה דערהערן, עס טיילס דאָך אונז אָפּ בלויז אַ הילצערן ווענטל. אָבער ווייטער שווייגן קען איך שוין נישט און כ'האַלט אין איין ציטערן, טאָמער וועט

די אומגליקלעכע אַלטיטשקע מיט איר פּלוידערן אָנגעמאַכן איר זון נאָך גרעסערע צרות.

— אויב אַזוי — טאָ רעדט — האָט פּעלּלע מסכּים געווען מיט אַ שמייכל — אָבער, כ׳בעט אייך, אַביסל שטילער.

— ער איז דאָ ווידער געווען — האָט זי אָנגעהויבן מיט באַגייס־טערונג — נעכטן, ווען כ׳בין אַריין אין קיך, הז׳ב איך געפונען געלט. ווי מיינסטו, ווו האָט ער עס אַוועקגעלייגט? אויפן קראַן. אַ קלוג ייִנגל, וואָס, ניין? ער איז מסתמא געקומען איבערן דאַך; אַנדערש איז אוממעג־לעך, אונטן היט מען פון אַלע זייטן. ביסט דאָך אויך אין דערזעלבער מיינונג, אַז ער איז אַ טייער קינד?

— ווען איר זאָלט קענען מער נישט רעדן וועגן דעם — האָט פּעלּלע געזאָגט מיט אומרו; זי איז אַזוי שטאָלץ געווען מיט איר זון.

— המ... — האָט זי אַרויסגעמורמלט און פאַרמאַכט איר איינגע־פאַלן מויל — נאַרישקייטן, וואָס פאַר אַ סכּנה שטעקט דאָ אין דעם? שאַ, דו ווייסט, וואָס כ׳האָב צוגעטראַכט, כּדי די פּאָליציי זאָל זיך נישט וווּנ־דערן, פונוואַנען כ׳האָב געלט? כ׳ניי לאַטשן פון שמאַטקעס.

ס׳איז אַריינגעקומען די קליינינקע מאַריאַ מיט אַן עמער און אַ שמאַטע. פרוי פראַנדסען איז אַוועק. אין בעקס וואַרשטאַט האָט דאַן גע־הערשט אַ שטילשטאַנד און פּעלּלע האָט דאָס רוב געאַרבעט אינדער־היים. איצט ווען ער האָט אַליין געהאַט צו זאָגן איבער זיין צייט, איז אים לייכטער געווען צו געפינען אינדערהיים זיינע חברים לויטן פּאַך, כּדי זיי אַריינצוציען אין דער אָרגאַניזאַציע. אַמאָל פלעגט אויסקומען צו פירן לאַנגע שמועסן און פּעלּלע האָט שטאַרק שטאָלצירט מיט יעדן נייעם פאַריינס־מיטגליד, וועלכן ס׳איז אים געלונגען צו ווערבירן. ער האָט זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין פאַרשידענע כאַראַקטערן און זיך רעכענען מיט זיי; אַנדערע האָט מען געדאַרפט דראָען, אַנדערע ווידער פאַרלאָקן מיט דער נייער אָרדנונג. דאָס איז פאַר אים געווען אַ גוטע פּראַקטיק: זיינע געדאַנקען זענען געוואָרן בויגעוודיק. ער האָט זיך צו־געוווינט נישט קריכן אין קעשענע נאָך אַ וואָרט. פּעלּלע האָט געשפּירט, אַז ער קען באַהערשן די באַדינגונגען. דאָס האָט אים צוגעגעבן זיכער־קייט.

צוריקקערנדיק אַהיים, פלעגט ער אָניאָגן די פאַרלוירענע צייט און אַרבעטן מיט אַ פאַרטאָפּלטער התמדה. פּעלּלע האָט זיך געהאַלטן אין אַ זייט פון די שכנים פון דריטן שטאָק; בלויז ווען ער פלעגט הערן גאַנ־

נאַס לייכטע טריט, פֿלעגט ער וואַרפֿן אויף איר פֿאַרגנבעטע בליקן. זי פֿלעגט גיין צו דער אַרבעט און אַהיים, ווי אַ מנישקע, די אויגן איינגעגראָבן אין דער ערד; זי פֿלעגט קיינמאָל נישט קוקן אין זיינע פֿענצטער און זיך נישט אומקוקן אַרום. איר פֿריערדיק פֿריידיק וועזן, האָט ווי אַ זומער-פֿייגעלע אָפּגעלעבט איר לייכט, זאָרגלאָז לעבן און איצט איז געוואַקסן אין איר עפּעס נייס און רייפֿס. פֿעלע האָט זיך אַליין געוווּנדערט אויף זיך. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ פֿרעמדן, כמעט גלייכגילטיקן בליק, ריכטיק, ווי זי וואָלט אים קיינמאָל נישט אינטערעסירט. מיט גרויס נייגיר האָט ער זיך אַליין אויסגעפֿאָרשט: ניין, אַלץ איז געווען אין אָרדנונג, דער אַפּעטיט — גוט, דאָס האַרץ באַאומרויקט נישט. אויב אַזוי, טאָ וואָס-זשע איז דאָס געווען? צי דען איז זיין פֿריערדיק געפֿיל געווען בלויז אַ זעלבסט-נאַרעריי, אַ שיינער מיראַזש, וואָס פֿירט אַראָפּ דעם רייזנדן פֿון וועג. געוויס, זי איז געווען שיין, אָבער זי האָט נישט געהאַט אין זיך קיין שום צוציענדיקס. ווי אַזוי האָט ער איר געקענט אַזוי נאָכלויפֿן? גוט, וואָס דאָס אַלץ האָט זיך געענדיקט — מיט גאַנגאַן האָט נישט געקענט זיין קיין צוקונפֿט.

פֿרוי יענסען האָט זיך באַצויגן צו פֿעלען ווי פֿריער און אָפֿט פֿלעגט זי אַריינקומען אַביסל פֿלוידערן מיט איר; זי האָט נישט פֿאַרגעסן די שיינע טעג, וועלכע זיי האָבן פֿאַרבראַכט צוזאַמען. דער שמועס פֿלעגט זיך תּמיד ענדיקן מיט קלאָגן זיך אויף גאַנגאַן; די מוטער האָט זיך געפֿילט פֿאַרלאָזן פֿון איר.

— אפֿשר פֿאַרשטייסטו, וואָס טוט זיך מיט איר? זי איז ווי אין אַ חלום. וואָס כ'זאָל נישט רעדן צו איר, ענטפֿערט זי אויף אַלץ „יאָ, יאָ“ און זי ענטפֿערט אַזוי אָן לעבן, אַזוי גלייכגילטיק, דאָס קול קומט אַרויס ווי פֿון קבֿר, אַז כ'בין פּשוט גרייט צו וויינען. וועגן גליק רעדט זי שוין נישט מער; פּוצט זיך נישט אויס, ווי פֿריער, כּדי אים צו טרעפֿן! ווען זי זאָל זיך ווידער נעמען פֿאַר אירע משוגעתן און ווי פֿריער נעמען וואַרטן אויפֿן געהיימנישפֿולן אומבאַקאַנטן, דאַן וואָלט איך געפֿילט, אַז מיין טאָכטער האָט זיך צו מיר אומגעקערט. זי גייט אָבער אַרום די גאַנצע צייט פֿאַרטראַכט, ווי אין דרימל; זי האָט לחלוטין אָנגעווירן אירע קאַפּריזן. זי האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשלאָסן אין זיך און מער ענלעך אויף אַ בר-מינן, ווי אויף אַ לעבעדיקן מענטש. אפֿשר ווייסטו, וואָס מיט איר איז געשען?

— ניין, כ'ווייס גאָרנישט, — פֿלעגט פֿעלע ענטפֿערן.

— און מיר דאַכט זיך, אַז דו ווייסט יאָ עפּעס און ווילסט נישט זאָגן. און איך, אומגליקלעכע, קען זיך קיין עצה נישט געבן, וואָס צו טון.

די אומגליקלעכע פּ־ווי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט.

— פאַרוואָס קומסטו נישט מער צו אונז?

— אַזוי, ס'קומט נישט אויס, כ'האָב אַ סך פאַרשידענע ענינים, — פלעגט פעללע געבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפער.

— פעללע, אפשר האָט איר עמעץ געגעבן אַן עין־הרע? זי איז אַזאַ מידנע, זי הערט אפילו נישט, וואָס כ'רעד צו איר. קום פונדעסט־וועגן אַריין צו אונז, אפשר וועט עס זי אַביסל צעשטרייען, זי האָט דאָך דיך ליב געהאַט אויף איר שטייגער, און פאַר מיר ביסטו געווען ווי אַן אייגענער זון. וועסט זיך אפשר אַריינכאַפן היינט אינאָוונט?

— כ'ווייס נישט, צי ס'וועט זיך איינגעבן, — האָט ער געזאָגט אומאַנטשלאָסן.

די אַלטע איז אַוועק, שווער שלעפנדיק די פיס, ווי אונטער דער משא פון אירע פופציק יאָר. פעללע האָט זי באַדויערט, אָבער נישט גע־קענט זיך גובר זיין און אַראָפגיין צו זיי.

— ביסט אַן עקלהאַפטער! — האָט מאַריאַ אויסגעשריגן און פון צאָרן אַ טופּ געטון מיטן פוס, — ס'איז מיאוס פון דיין זייט.

— דו פאַרשטייסט דאָס נישט, מאַריאַ — האָט פעללע געענטפערט, קנייטשנדיק דעם שטערן.

— מיינסט, אַז כ'קען דיך נישט. ווייסטו אָבער, וואָס אונזערע פרויען רעדן וועגן דיר? אַז דו ביסט נישט קיין מאַנסביל, אַנישט וואַל־סטו שוין פון לאַנג אָפּגעשניטן גאַנצאַן די פליגל.

פעללע האָט שאַרף אַ קוק געטון אויפן מיידל. ער האָט גאָרנישט גערעדט און בלויז שווייגנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— וואָס גלאָצטו אויף מיר מיט די אויגן? — האָט זי געזאָגט און זיך געשטעלט פאַר אים אין אַן אַרויספאָדערנדיקער פּאָזע.

— מיינסט אפשר, אַז כ'וועל זיך שעמען דיר זאָגן דאָס, וואָס כ'וויל? גלאָץ נישט אויף מיר די אויגן, הערסט, אַנישט וועל איך דיר דערלאַנגען איבערן פּיסק!

זי איז אינגאַנצן געווען רויט פון אויפגעבראַכטקייט.

— כ'וועל דיר נאָך זאָגן ערגערע זאַכן, אויב דו וועסט נישט אויפ־הערן צו גלאָצן אויף מיר מיט די אויגן, הערסט?

איר קול איז געווען האַרט און הייזעריק, זי איז אינגאַנצן געווען אויסער זיך פון צאָרן.

פעללע האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'רעדט אין איר די אויפגעבראַכט-קייט. זי האָט זיך געמוזט אויסרעדן. ער האָט געשוויגן, אָבער נישט אויפ-געהערט צו קוקן אויף איר מיט אויגן פול מיט פאָרוואורף — פלוצלינג האָט זי אים אַ שפּיי געטון אין פנים און מיט אַ בייז געלעכטער אַנטלאָפן צו זיך אין צימער.

באַ זיך האָט זי אַ געוויסע צייט געטראַסקעט מיט עפּעס. דערנאָך איז אַלץ שטיל געוואָרן. אין דער אַנטשטאַנענער שטילקייט האָט זיך דער-הערט איר שלוכצן. ער איז נישט אַריין צו איר. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל האָבן זיי זיך געקריגט אַזוי, און ער האָט געוווּסט אויף פריער, אַז מאָרגן וועט זי זיך שעמען צו קוקן אים אין די אויגן. ער האָט נישט גע-וואָלט באַליידיקן אירע געפילן.

ער האָט זיך אָנגעטון און איז אַוועק פון שטוב.

VIII.

„נחס תיבה" איז געשטאַנען, ווי אַ שווערע, שוואַרצע מאַסע; ס'איז געווען פינצטער; די האַרבסטיקע שיין איז דאָ נישט צוגעקומען. אינע-ווייניק האָט געהערשט אַ פולשטענדיקער חושך און די איינוווינער האָבן זיך געמוזט באַוועגן, ווי די מוילווורפן, באַנוצנדיק דאָס געהער. די פינ-צטערניש האָט געבוירן אייגנאַרטיקע קלאַנגען, וועלכע ווערן נישט גע-הערט באַם זונען-שיין. אינדערלופטן איז כסדר געשטאַנען אַן אומאויפהער-לעכער אומקלאָרער גערויש, אַרויסגערופן דורך באַשעפענישן, וואָס באַ-וועגן זיך אין חושך. אויף דער קורצער צייט פון שלאָף פלעגט אַלץ שטיל ווערן, אָבער אין דער נאַכט-שטילקייט האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט: אונטער די טאַפּעטן האָבן געשורשעט וואַנצן און טשורעס. מייז און האָלץ-זשוקעס האָבן געאַרבעט ווי אויף אַ פאַרמעסטונג, וועד ס'וועט בעסער צעגריזשן די אַלטע ברעטער. דער חושך איז אָנגעפילט געווען מיטן שאַרפן גערוך פון פוילנדיק האָלץ. טויזנטער קליינע ברואים זענען פאַרנומען געווען מיט דער צעשטערונגס-אַרבעט. אַ שטאַרקער טראַסק

פון אַ דורכגעפוילטן בעלעק פלעגט אַמאָל אויפוועקן פעללען, זעלכער פלעגט זיך איבערדרייען אויף דער צווייטער זייט און ווידער איינ-שלאָפן.

אַוונטצײַט האָט ער ליב געהאַט צו גיין איבער די גרויסע גאַסן. כדי זיך אָנצוזעטיקן מיט דער העלער באַלויכטונג; די פראַכט פון די קראָמען פלעגט אים שטאַרקן — זי האָט אים געצווונגען נאָך מער צו שטוינען איבערן קאָנטראַסט צווישן דעם, וואָס איז דאָ און — דאָרט. ווען ער פלעגט פון דידאָזיקע באַלויכטענע קוואַרטאַלן קומען אין זיין שטאָט-טייל, פלעגן אים די געסלעך אויסדאַכטן, ווי עקלהאַפטע רינעס פאַר פינ-צטערניש, און „נחס תיבה" האָט זיך געהויבן צום הימל, ווי אַ שווע-רער באַרג. די פינצטערע קעלער-פענצטערלעך האָבן געפירט צו די וואָרצ-לען פון דאָזיקן באַרג, און דאָרט אונטן, אין דער פינצטער, האָבן זיך באַוועגט פאַרוועלקטע, שמוציקע ברואים, באַלויכטן דורך טשאַדיקע לאָמפּן. דאָ זענען זיי אַלע געווען — זיי אַלע, וואָס האָבן געלעבט מיט דער אָרימקייט פון „נחס תיבה" — הענדלערקעס מיט אַלטע בגדים, אייזנוואַרג-הענדלער, פראַצענטניקעס, וואָס פלעגן נעמען אַלס משכנות פאַרשידענע שטוב-זאַכן. אַלע האָבן זיי זיך געראָיעט צווישן מאָדנע הויפנס. דער חושך האָט זיך צוזאַמענגעלעבט מיט זייער וועזן. זיי האָבן פעללען דער-מאַנט די אונטערערדישע „איינוווינער" פון זיינע קינדישע דערינערונגען. דאַן, אין דער קינדהייט, פלעגן זיך עפענען פאַר אים די טיפענישן פון באַרג, און ער פלעגט מיט שרעק זען ליליפוטן, אַרומגערינגלטע מיט פאַרשאָלטענע אוצרות. זיי זענען דאָ אַרומגעגאַנגען, ווי גיריקע גנאָמען, אונטעררייסנדיק דעם לעבנס-פונדאַמענט פון די זאָרגלאָזע איינוווינער פון „נחס תיבה", אַזוי, אַז דידאָזיקע פאַלן מיט דער צייט אַראָפּ אונטן און די גנאָמען פרעסן זיי אויף ביזן לעצטן העלעלע אויפן קאָפּ. דאָס פינצטערע לאַנד פון דעם קינדער-מעשהלע איז יעדנפאַלס נישט געווען קיין ליגנט

איינמאָל, בין-השמשות-צייט, האָט פעללע פריער ווי געוויינלעך גע-וואָרפן די אַרבעט, איילנדיק אויף פראָפּאַגאַנדע. מיט עטלעכע טעג צו-ריק איז דער בעל כּוסה אַראָפּ-געפאַלן פון די שטיגן און איצט איז לעבן אָרט, וווּ ער איז געפאַלן. געשטאַנען יונגוואַרג. אויף דער ערד איז געווען קענטיק אַן אומקלאָרער אָפּדרוק פון זיין קערפּער, וואָס דאָס האָט

ארויסגערופן גרויס אינטערעס בא די צוקוקער. זיי האָבן אָנגעריבן שוועבעלעך, כדי בעסער צו זען.

צוקומענדיק צום טויער, איז ער שטיין־געבליבן פאַרן פענצטער פון דער קליידער־הענדלערקע, דאָס געצייג פון צעמזיקטן שוסטער איז געשטאַנען בא איר אויפן פענצטער. אהאַ, אויך דאָ האָט זי שוין אַריינגעשטעקט אירע נעגל! מ׳האָט געזען, ווי זי האָט זיך געראַטעוועט דאָרט אונטן, געקייט עפּעס נישט קיין אַפּעטיטלעכס און אויפגעשווידערט בא יעדן קלאַנג, וואָס קומט פון אויבן, ציטערנדיק פאַר איר שמוציק געלט. פעללע גענדאַרפּט האָבן נייע קלאַמערס צו אָפּצאַסן און ער האָט זיי געקויפט בא איר; פאַרשטייט זיך, מ׳האָט זיך געמוזט שטאַרק דינגען.

— האָט איר באַטראַכט מיין פאָרשלאָג — האָט זי געפרעגט, ווען זיי זענען פאַרטיק געוואָרן מיט דער קניה.

— וועלכער פאָרשלאָג? — האָט פעללע פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— איר זאָלט אַוועקוואַרפן דאָס לאַטען אַלטע שיך און ווערן אַ געהילף אין מיין געשעפט?

— אַ, וועגן דעם רעדט זי! ניין, פעללע האָט נאָך צו ווייניק באַטראַכט דעמדאָזיקן פאָרשלאָג.

— מיר דאַכט זיך, אַז דאָ איז גאָרנישטאָ וואָס צו טראַכטן. כ׳לייג אייך פאָר מער, וויפל איר וואָלט געקענט פאַרדינען אויף אַן אַנדערן אופן, און אַרבעט איז דאָ אויך נישטאָ קיין סך. כ׳האָב אַ מענטש, וועלכער קלויבט צונויף די זאַכן און ברענגט זיי מיר. דער עיקר דאַרף איר האָבן אַלס געהילף אַ מאַנסביל. כ׳בין אַן אַלטע פרוי, עלנט ווי אַ שטיין און איר זענט אַ מענטש אַ זיכערער, כ׳ווייס דאָס.

זי האָט זיך געניייטיקט אין אַ מענטש, וועלכער זאָל קענען אָפּהיטן דאָס געלט, וואָס איז באַהאַלטן דאָ אין קעלער. פעללע האָט דאָס זייער גוט געוווּסט — זי האָט שוין פון לאַנג זיך באַמיט אים אַריבערצוציען אין איר דינסט.

— כ׳בין שטאַרק אין ספק, צו מיר וועט שמעקן דאָס רייך ווערן אויפן פרעמדן חשבון — האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער — און וואָס וועט איר טון, אַז כ׳וועל אייך הרגענען און אייער גאַנץ געלט אָפּגעבן אָרימעלייט?

די הענדלערקע האָט מיט שרעק אַ קוק געטון אויף אים.

— פו, ווי שרעקלעך דאָס איז צו הערן, — האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטער — ווי קען מען אַזוי שפּאַסן! דאָס פּאַסט גאָרנישט צו אייער

גוט הארץ. ווי אַזוי וועל איך איצט דאָ בלייבן איינע אַליין אין קעלער, ווען איר וועט אַוועקגיין! ניין, ווי אַזוי קענט איר גאָר אַזוי לייכט טרייבן קאַטאָוועס מיט ענלעכע זאַכן. טאָג ווי נאַכט ציטער איך פאַר מיין לעבן, כאָטש כ'האָב קיין גראָשן באַ דער נשמה. אַנישט, זאָל איך איינגעזוונקען ווערן דאָ אויפן אָרט! דאָס זענען נישט מער ווי פליאָטקעס. אַלע גלאָצן אויף מיר די אויגן, ווי זיי וואָלטן וועלן זאָגן: „ב'וואָלט דיך מיט פאַר־געניגן דערהרגעט, כדי צו באַקומען דיין געלט!" דעריבער נייטיק איך זיך אין אַ זיכערן מענטש. וואָס איז די פעולה, אַז כ'האָב גאָרנישט, אויב קיינער גלייבט נישט אין דעם. און דאָ אַרום זענען דאָ אַזויפיל אויס־וואורפן, וועלכע זענען יעדע מינוט גרייט אָנצופאַלן אויף מיר

— אויב איר פאַרמאָגט גאָרנישט, קענט איר זיין גאַנץ רויק — האָט פעללע געזאָגט, רייצנדיק זי — אויף אַ ליידיקן מאָגן זעט מען נישט קיין שווערע חלומות.

— גאָרנישט, גאָרנישט, — פאַרשטייט זיך, אַז עפּעס געפינט זיך שוין תמיד! הער נאָר, פעללע — זי האָט זיך צוגעבויגן צו אים מיט צוטרוי, מיט אַ חניפהדיקן אויסדרוק אויפן פנים — איינגיכן וועט זיך אומ־קערן אַהיים מאַריאַ, קען זיין, אַז צום זומער. זי האָט דאַרט אַזוי גוט פאַרדינט, אַז זי קען אויסגעצייכנט לעבן. זי איז נאָך זייער יונג. וואָס זאָגסטו וועגן דעם? אין לעצטן בריוו האָט זי מיך געבעטן אויסזוכן אַ מאַן פאַר איר. ער מוז אומבאַדינגט זיין שיין, און וואָס שייך געלט, וועט באַ איר קלעקן פאַר צוויי, זי וויל דינגען אַ גרויסע דירה אין גרעסטן טייל פון שטאָט, האָבן אַן אייגענע קאָטש און לעבן בלויז פאַר איר מאַן. וואָס ווּעסטו זאָגן צו דעם, פעללע?

— יאָ, מ'דאַרף אַ טראַכט טון וועגן דעם. — האָט פעללע געזאָגט. ער איז געווען אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג.

— אַ טראַכט טון? וואָס איז דאָ דאָ צו טראַכטן? נישט איין גראַף וואָלט אַ קוש געטון אין האַנט פאַ־ אַזאַ פאָרשלאַג, ווען ער זאָל זיך נאָר דאָ געפינען.

— אָבער איך בין גראָד נישט קיין גראַף און ס'איז שוין צייט פאַר מיר אַוועקצוגיין.

— אפשר ווילסטו זען איר פאָטאָגראַפיע.

די אַלטע האָט זיך גענומען ראַיען אין שופלאָד.

— ניין, -- פעללע האָט זיך געאיילט אַוועקצוגיין.

ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעקוקט אויף דידאָזיקע פאָטאָגראַפיעס,

פאַרפּאַטשקעטע דורך די עקלהאַפּטע הענט פון דער קרעמערקע און געשעדיקטע דורך דער פייכטקייט פון קעלער. אויף איינער פון זיי איז מאַריאַ פאָטאָגראַפירט געווען אין אַ געשטרייפטן טריקאָ, ווי אַ טיגערין, אויף דער סצענע פון איינעם פון די שיקאַרנע וואַריעטעס אין פּעטערבורג, וווּ זי האָט געזונגען; אויף אַ צווייטער — אַ האַלב־נאַקעטע, אין אַ שאַל פון ווייסן פוטער, צווישן אַ גאַנצע קאָמפּאַניע רוסישע אָפיצירן, „פירשטן", ווי די אַלטע האָט געזאָגט. ס'איז נאָך געווען אַ דריטע פאָטאָגראַפיע, וווּ מאַריאַ איז געשווומען אין „אַקוואַריום" אינגאַנצן אַ נאַקעטע; זי האָט אויף זיך בלויז ערטערווייז געטראָגן גאָלדענע פליטערלעך מיט צירונג; זי איז געשווומען אין אַ באַסיין, צווישן אויסטערלישע פלאַנצן. מאַריאַ איז געווען פּרעכטיק געבויט; פּעללע האָט דאָס געזען. ער האָט אָבער לחלוטין נישט באַגריפן, פאַרוואָס די פירשטן פאַרלירן די קעפּ און וואַרפן איר צו טויזנטער בלויז דערפאַר, וואָס זי טוט זיך אויס נאַקעט. ער האָט דאָס בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין... און אַ־צט האָט ער געקענט חתונה האָבן מיט איר און באַקומען דערפאַר דאָס געלט, וועלכעס זי האָט צונויפגעקליבן. דאָס איז געווען זייער קאַמ־ש.

מיט שנעלע טריט איז ער געגאַנגען איבער די הויפּט־גאַסן; ס'האָט געטריפט אַ רעגנדל; אויף די נאַסע טראָטואַרן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס ליכט פון די גאַסן־לאַמטערנס און פון די קראָם לאָמפּן. די גאַסן האָבן געבלישטשעט יום־טובדיק. פּעללע האָט זיך געשפּירט דערהויבן איבער דעם טאָג־טעגלעכן: ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דידאָזיקע עקלהאַפטע פּרוי, וועלכע האָט זיך גענערט, ווי אַ פּאַראַזיט, מיט דער אָרימקייט פון „נחס ת־בה", איר שיינע טאָכטער, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט גלאַנץ און לוקסוס, און ענדלעך, אַ מין „אַלפאַנס" — ער, פּעללע, מיט זיין גליקלעכער טשופּרינע, אָט איז עס דאָס לאַנג־דערוואַרטע צויבער־מעשהלע! פּעללע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך פּו־אַנדערגעלאַכט, ער, וואָס האָט פאַראַכט יעדע שאַנדע, האָט זיך פּלוצלינג פונאַנדער־געטרוימט וועגן אַזאַ רייכקייט און אַזאַ לוקסוס.

אינאָוונט איז ער אַוועק לויט דער אַדרעסן־רשימה, וועלכע ער האָט זיך צונויפגעשטעלט, כדי אויסצומיידן אומזיסטע אַרומלויפעניש. פ־יער פאַר אַלץ איז ער אַוועק אויף דער שמידן־גאַס צו איינעם פון מייערס שטענדיקע אַרבעטער. גרייט אויף אַ הייסן געראַנגל. ער האָט אים נישט געטראָפן אין שטוב.

— איר קענט אָבער רעכענען אויף אים — האָט געזאָגט זיין

פרוי — מיר האָבן די לעצטע צייט אַ סך גערעדט וועגן דעם און באַשלאָסן, אַז אַזוי וועט זיין צום ריכטיקסטן.

דידאָזיקע פרוי איז פעללען געפעלן געוואָרן. אָבער אַנדערע, דערוויסנדיק זיך וועגן ציל פון זיין וויזיט, האָבן פאַרזיכערט, אַז דער מאַן איז נישטאָ אינדערהיים, אָדער פשוט פאַרקלאַפט די טיר אונטער זיין נאָז; זיינע וויזיטן האָבן זיי שוין דערעסן.

ער איז דורכגעגאַנגען עטלעכע גאַסן. האָט געוואַנדערט איבער חושכדיקע הויפן, געקראָכן איבער בוידימס, איבער טונקעלע און שמאָלע שטיגן, זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלערס.

אומעטום דיזעלבע אָרימקייט. אַלע שוסטערס, אָן אויסנאַם, האָבן געלעבט אין עקלהאַפטע וווינונגען. קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן זענען דערפון נישט אַרויסגעקומען: אַנדערע האָבן געביטן די וווינונגען, בײַ אַנדערע זענען די אַדרעסן געווען איבערגעדרייט, גאָר אַנדערע האָבן געוואָלט זיך באַקלערן, אייניקע האָבן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. צו די אומאַנטשלאָסענע האָט ער גערעכנט אַריינגיין נאָכאַמאָל, אַנדערע האָט ער אָפּגעלייגט אויף אַ בעסערע צייט; אויך פאַר זיי וועט נאָך שלאָגן די שעה! די אומבאַדייטנדיקע רעזולטאַטן פון זיין אַרבעט האָבן אים נישט אַראָפּגעשלאָגן פון מוט.

ער האָט זיך געפרייט אפילו מיט איין נייעם מיטגליד. דאָס איז געווען אַן איבונג אין געדולד, און געדולד איז געווען זיין איינציקע רייכקייט.

די טיר פון איין בוידים, וועלכע ער האָט זיך פאָרגענומען צו באַזוכן, האָט געעפנט אַ הויכער, דאַרער מענטש מיט אַ שיטער בערדל. דאָס איז געווען פעטער, וועלכער האָט טערמינירט צוזאַמען מיט אים אינדערהיים. זיי האָבן זיך, פאַרשטייט זיך, צערעדט וועגן די לער-יאָרן און וועגן זייערע פריערדיקע מאָדנע חברים לויטן וואַרשטאַט. וועגן הויפּט-מייסטער האָט מען קיין סך גוטס נישט געקענט זאָגן, אָבער זיין געהילף האָבן זיי דערמאַנט מיט אַ סך וואַרימקייט.

— נישט איינמאָל האָב איך געטראַכט וועגן אים אין די לעצטע יאָרן — האָט פעלע געזאָגט — ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש, דעריבער איז אים אפשר באַשערט געווען צו שטאַרבן.

פון פעטערן האָט געווייעט מיט עפּעס באַרויקנדיקס, און זיין נאַרע האָט געטראָגן דעם שטעמפּל פון עפּעס אַ וועלט-פרעמדקייט. קיין זאַך אין אים האָט נישט דערמאַנט דאָס אַמאָל פריילעכע, גרויזאַמע ייִנגל.

װעלכעס טראָגט זיך תמיד ערגעץ־װוהין; אין זײַנע האַלבֿ־אָפֿענע אויגן האָט זיך געשפּירט עפּעס אַ דראַנג, װאָס זײַן זין האָט פּעללע אומזיסט געװאָלט דערגרינדן. זײַן פּאַרװעלקט אויסזען האָט דערמאָנט אַ שאָטן, אָבער משפּטנדיק לױט זײַן שמועס, האָט ער גישט געהערט צו די הײַליקע.

— װי לעבט זיך דיר, פּעטער? געהערסטו צו די אונזעריקע? — האָט ער פּלוצלינג אַ פֿרעג געטון.

איבער פּעטערס פּנים האָט דורכגעשװעבט אַ שפּאָטיש שמייכעלע.

— צו די אונזעריקע? דאָס קלינגט אַזױ, װי דו זאָלסט פֿרעגן: קענסטו קריסטוסן? און דו ביסט געװאָרן אַ מיסיאָנער פֿון דער אַרבעטער־באַװעגונג?

— רוף דאָס אַזױ — האָט פּעללע געענטפֿערט — אָבער אויב אַזױ, װעל איך פֿרעגן, װען װעסטו אַרײַנטרעטן אין אונזער אָרגאַניזאַציע? װאָלסט אונדז געקענט ברענגען אַ סך נוצן.

— איר בײַטיקט זיך נישט אין מיר, און כ׳מײן, אַז איר בײַטיקט זיך נישט אין קײן אײן מענטש נישט, אויב ער טראַכט נאָר װעגן זײַן אַרבעט. כ׳האָב אויסגעפֿאָרשט די גאַנצע געשיכטע פֿון דער קירך און פֿאַרשידענע סעקטעס, און אין קײן אָרט איז דער צענטער פֿון אויפֿמערקזאַמקײט נישט געװען דער יחיד. זײ װילן, אַז יעדער מענטש זאָל זײַן זײער אָנהענגער בלױז צוליבֿ דעם, כּדי צו האָבן דאָס רעכט אים צוצורעכענען צו די זײַעריקע. אומעטום איז אײנס און דאָסזעלבע.

ער האָט זיך צוגעזעצט, צעשטרײט געקוקט פֿאַר זיך און פּלוצלינג געמאַכט אַ באַװעגונג מיט דער האַנט, װי ער זאָל עפּעס װעלן אָפּשטױסן פֿון זיך.

— כ׳גלײבֿ נישט מער אין קײן זאַך נישט, פּעללע. נישטאָ קײן אײן זאַך, אין װאָס עס זאָל לױנען צו גלײבן.

— דו גלײבסט נישט אין זיג פֿון די אָרימע? צי דען האָסטו נישט פּרובירט זיך אָנשליסן אין דער באַװעגונג?

— װאָס גײען זײ מיך אָן. זײ װילן בלױז באַקומען אַביסל מער שפּײַז, און פֿאַר מיר איז גענוג דאָס, װאָס איך פֿאַרמאָג. זעסטו, װען זײ זאָלן מיר קענען געבן צו פֿילן, אַז איך בין אַ מענטש און נישט קײן מאַשין. װעלכע רײַסט זיך צו באַקומען אַביסל מער פּוטער אויף שמירעכץ... מיר איז אַלץ אײנס, צי כ׳בין אַ מאָגערער, אָדער אַ פֿעטער הונט.

— נו, דאָס איז דאָך אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקײט. — האָט פּעללע געזאָגט מיט איבערצײַגונג. — אויב מיר װעלן אַלע האַנדלען סאָלידאַר,

װעט מען אויף יעדן איינעם לייגן אַכט און מ׳װעט זיך צוהערן צו זיינע באַדערפעניש. די אָרימע דאַרפן זאָגן זייער וואָרט.

פעטער האָט אומגעדולדיק געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— וואָס וועט מיר דאָס געבן, אויב כ׳וועל דורך ריטער צווינגען די מענטשן צו ווערן אויפמערקזאַם צו מיר. ס׳איז באַ מיר ווערט אַ גרויסן שפּיי. ניין! — לייגט אויף מיר אַכט לחלוטין פרייוויליק און זאָגט מיר לויט אייער אייגענעם ווילן: אָט גייט אַ מענטש. ער טראַכט און פילט, ווי איך! אָט וואָס איך וויל!

— דעם אמת געזאָגט, פאַרשטיי איך נישט, וואָס דו ווילסט מיט דיין „מענטש״ — האָט פּעללע געזאָגט, אין כעס ווערנדיק. — וואָס פאַר אַ זין האָט עס זיך צו שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, ווען עס שטייען פאַר אונז ערנסטע, בלוטיקע פראַגן. מיר ווילן זיך אָרגאַניזירן און באַפרייען זיך פון קנעכטשאַפט. נאָכדעם, זאָל זיך יעדער פאַרנעמען מיט וואָס אים אין ליב.

— אַזוי גאָר! נו, מילא, אויב ס׳איז אַזוי לייכט באַפרייען זיך פון קנעכטשאַפט — מהיכי תיתי! פאַרשרייב מיך אויך — האָט פעטער גע-זאָגט נישט אָן לייכטער איראָניע.

— אַ דאַנק, חבר! - האָט פּעללע אויסגעשריגן און פריידיק אים נעדריקט די האַנט — אויב אַזוי, דאַרפסטו אַליין אויך עפּעס טון פאַר דער זאַך.

פעטער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ פאַריאושטן אויסדרוק אויפן פּנים און צולייכטנדיק פּעללען באַם אַרויסגאַנג, האָט ער בלויז גע-זאָגט:

— נאָך אַלעמען גייסטו אַרום אין אַ הינטיש וועטער!

פּעללע האָט זיך אָוועקגעלאָזט צו דער צפון-טייל פון דער שטאָט ער האָט געוואָלט באַזוכן מאַרטענען. לענגויס דעם בית-עולם האָט דער ווינט געיאָגט טרוקענע בלעטער און געשמיסן אין פּנים מיט אַ קאַלטן רעגן: פּעללע האָט זיך געהאַלטן הארט באַ דער בית-עולם-וואַנט, זוכנ-דיק שוץ פון שלעכטן וועטער און איז געגאַנגען מיט אַ הויך-געהויבענעם קאָפּ. ער האָט זיך געפילט אין אַ גוטער שטימונג. ער האָט שוין אַריינ-געצויגן אין די רייען צוויי נייע מיטגלידער; ביסלעכווייז ווערט דער ענין אַוועקגעשטעלט אויף פעסטע פיס! סאַראַ מאָדנער ער איז, דערדאָ-זיקער פעטער! דאָס וואָרט „מענטש״, „מענטש״ האָט זינלאָז אָפּגעקלינגען

אין פעללעס אויערן, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער פּעטערן פאַרשריבן פאַר אַ מיטגליד.

פלוצלינג האָט ער הינטער זיך דערהערט לייכטע טריט, ווי עמעצן זאָל אים נאָכלויפן.

עפּעס אַ בחור איז פאַרבייגעלאָפן, אין לויפן אים צוגעוואָרפן אַ פּעקעלע אין לויפנדיק אַלץ ווייטער אינגיכן פאַרשוווּנדן געוואָרן — פעללען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער איז פאַרשוווּנדן הינטער דער וואַנט פון בית־עולם.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער לאַמטער און מיט גרויס פאַר־ווּנדערונג גענומען באַטראַכטן דאָס פּעקעלע, וועלכעס איז געווען אי־בערגעבונדן מיט בענדלעך. „מיין מוטער" — איז געווען אָנגעשריבן אויף דעם מיט אַ שלעכטן כּתב. אין וואָרט „מיין מוטער" האָט פעללע דער־הערט פערדינאַנדס הייזעריק קול. ווי שטאַרק וועט זיך די אַלטע פראַנד־סען דערפרייען, האָט פעללע אַ טראַכט געטון, פאַררוקנדיק דעם בריוו אין קעשענע. שוין אַ גאַנצע וואָך, ווי זי האָט נישט באַקומען פון פערדינאַנדן די מינדסטע ידיעה. ער האָט מער נישט געוואַנט זיך דערנענטערן צו „נחס תיבה". פעללע האָט נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי פערדינאַנד האָט אים אויסגעשפּירט. אפשר האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין דאָזיקן קוואַרטאַל?

מאַרטען איז געווען אינדערהיים און עפּעס אַריינגעשריבן אין אַ גראָבן העפט. ווען פעללע איז אַריינגעקומען, האָט ער עס שנעל צוגע־מאַכט.

— וואָס איז דאָס? — האָט פעללע געפרעגט און געוואָלט עפענען דעם העפט — דו שרייבסט נאָך אַלץ אין דיין טייער העפטל?

מאַ־טען האָט פאַרשעמט אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן העפט.

— נו, מילא, כ'וועל דיר אויסזאָגן — האָט ער פלוצלינג געזאָגט — כ'האָב אָנגעשריבן אַ ליד, אָבער זאָג וועגן דעם קיינעם נישט.

— לייען דורך, כ'בעט דיך — האָט פעללע געזאָגט.

— גוט, אָבער זאָג מיר צו, אַז דו וועסט עס קיינעם מיט קיין וואָרט נישט דערציילן, אַנישט וועט מען נאָך מיינען, אַז כ'בין פון זינען אַראָפּ.

ער האָט זיך שרעקלעך געשעמט און געלייענט מיט אַן אָפּגעהאַקט קול. דאָס איז געווען אַ פּאָעמע וועגן די אַרבעטער, וועלכע טראָגן אַלץ אויס אויף זייערע פּלייצעס און קוקן רויק צו, ווי אַנדערע איז גוט —

דאָרט אויבן. דאָס קעפּל האָט געהייסן: „זאָלן זיי פאַלן!", און דידאָזיקע ווערטער האָבן פאַרענדיקט יעדן קופּלעט. דערנאָך האָט זיך מאַרטען אַנט־שלאָסן דורכצולייענען איך אַ פּשוטע דערציילונג וועגן קאַמף פון די אָרימע פאַר אַ טרוקן שטיקל ברויט.

— דאָס איז מוראדיק גוט! — האָט פעלליע באַגייסטערט אויסגע־רופן. — וווּנדערבאַר גוט, מאַרטען. כ׳פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי קומט דאָס בײַ דיר אַזוי אַרויס! באַזונדערס דאָס ליד. ביסט דאָך אַן אמתער דיכטער! אַגב, האָב איך תּמיד געטראַכט, אַז דו האָסט עפּעס באַזונדערס. אויף אַלץ האָסטו דײַן אייגענעם קוק, אָבער פאַרוואָס זאָלסטו נישט אָנשרײַבן עפּעס דערהויבנדיקס און ברייטס, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל לוינען צום לייענען. אין אונז איז דאָך נישטאָ קיין שום אינטערעסאַנטס.

— און לויט מײַן מיינונג, איז ריכטיק פאַרקערט.

— אָט דאָס פאַרשטיי איך שוין גאָרנישט. באמת, וואָס קען מען זאָגן עפּעס אינטערעסאַנטס וועגן אונזער איינעם?

— הייסט עס, אַז דו גלייבסט נישט אין גרויסעס.

ניין, אין דעם האָט פעלליע גראָד יאָ געגלייבט.

— אָבער מיר וועלן דאָך אין איין אויגנבליק נישט ווערן קיין ווונ־דערבאַרע מענטשן...

— דו ווילסט לייענען וועגן גראַפן און באַראָנען, — האָט געזאָגט מאַרטען. — אַלע זענט איר דיזעלבע. אָבער אויב שוין רעדן אָפן, האַלט איר זיך אַליין פאַר נישטיקע ברואים. יאָ, אַזוי איז עס! מער נישט, דאָס קומט אייך נישט צום באַוווּסטזיין! אַזוי איז שוין אייער שקלאַפישער כאַ־ראַקטער; אַזוי קוקן אויף אייך די העכערע קלאַסן און איר טוט זיי נאָך אומווילנדיק. יאָ, יאָ, פאַרשפּאָרסט קנייטשן דעם שטערן; דאָס איז פאַרט אמת! איר ווילט נישט הערן און געדענקען וועגן אייערע ברידער, ווײַל איר גלייבט נאָך נישט, אַז פון דאָרט זאָל קענען אַרויסקומען עפּעס ה̇עכטס. יאָ, מ׳דאַרף זײַן אַן „אַדעליקער", די גאַנצע זאַך באַשטייט אין „אדלקייט". וואָס שייך דער פאַרגאַנגענהייט, די עלטערן, איז דאָס בעסטע אַ שפּיי טון אויף דעם און אַליין ווערן אַן „אַדעליקער", און אַזוי ווי אין לעבן קומט אַ־ויס אַנדערש, זוכט מען דאָס אין די ביכער.

מאַרטען איז אַרײַנגעפאַלן אין כּעס.

— נו, גוט, גוט, — האָט פעלליע אים פּרובירט באַרויקן, — ס׳איז נאָך נישט אַזוי שלעכט ווי דו מיינסט.

— איז טאַקע יאָ שלעכט! — האָט מאַרטען אויסגערופן מיט היץ —

און ווייסט פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס איר האָט נאָך נישט באַגריפן, אַז יעדער מענטש איז הייליק, און ס'איז לחלוטין גלייכגילטיק צווישן וועלכע קרייזן ער געפינט זיך.

— דער מענטש איז הייליק? — האָט פעללע איבערגעחזרט מיט אַ געלעכטער — כ'בין ווייט נישט קיין הייליקער; כ'ספק אפילו, צי אין דיר איז דאָ הייליקייט.

— כ'וואָלט וועלן, אַז אויך אין דיר זאָל זיין הייליקייט — האָט מאַרטען ערנסט געזאָגט — אַנישט ביסטו נישט בעסער פאַר אַ פערד אָדער אַ מאַשין, וועלכע פירט אויס איר אַרבעט — און ער איז אַנטשוויגן געוואָ־ן מיט אַזאַ אויסדרוק אויפן פנים, ווי ער זאָל מער נישט וועלן רעדן אויף דערדאָזיקער טעמע.

מאָרטענס לעצטע ווערטער האָבן געצווונגען זיך באַציען ערנסט צום אַרויסגעזאָגטן. ער איז גרייט געווען דאָס אַלץ אָנצונעמען פאַר אַ שפּאַס, אָבער מאָרטען האָט געהערט צו די, וועלכע קוקן טיף; אויך אין דעם האָט געקענט שטעקן עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען.

— כ'פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז אין פאַרגלייך מיט דיר בין איך אַן עם־הארץ, — האָט פעללע גוטמוטיק געזאָגט. — פונדעסטוועגן דאַרפסטו נישט תיכף ומיד אַרויסגיין פון די כלים... געדענקסט פעטערן, ער האָט זיך געלערנט שוסטעריי צוזאַמען מיט דיין ברודער נילס און מיט מיר. ער איז אויך דאָ הי; כ'האָב אים נאָר וואָס געזען. אַזוי ווי דו, וויל ער אויך זיך דערגרונטעווען ביזן סוף אין פאַרשידענע פראַגן. אָבער דער עיקר פעלט אים: ער גלייבט נישט אין קיין שום זאַך אין דער וועלט. אים איז מסתמא שווער צו לעבן, ס'וואָלט נישט געשאַדט, זאָלסט איבעררעדן מיט אים.

— כ'בין נישט קיין נביא, דאָס ליגט גיכער אין דיין קאָמפּעטענץ — האָט מאָרטען איראָניש אָפּגעענטפערט.

— און פונדעסטוועגן וואָלסטו אים געקענט העלפן מיט אַ גוט וואָרט. וואָס שייך מיר, בין איך נישט מער, ווי אַ מיטגליד פון פראָפ. פאַריין, און דאָס איז צו ווייניק.

אויפן וועג אַהיים האָט פעללע געוויסנהאַפט זיך באַמיט אדורכצוטראַכטן מאָרטענס ווערטער, ער האָט אָבער נישט געקענט באַגרייפן זייער זין ניין, ער האָט בשום אופן נישט געפילט די קלענסטע נויטווענדיקייט זיך אַרומצורינגלען מיט אַן אָרעאָל פון הייליקייט, אָדער רום. ער האָט גע-

שפּירט זיין געזונטן קערפּער און געהאַט אַ נויטווענדיקייט צו זיין אַק־
טיוו.

IX.

פּעללע איז פון בעקס וואַרשטאַט געלאָפן אַהיים אין איין אָטעם,
אַראָפּגעוואָרפן דאָס רעקל און דאָס וועסטל און זיך גוט איינגעוואַשן אין
אַ שיסל וואַסער. זיך אָפּווישנדיק מיט אַלע פּוחות, איז ער געלאָפן צו
דער „פאַמיליע“.

— ווילט איר גיין מיט מיר? כ׳האָב עטלעכע בילעטן אויף אַן
אָוונט־שמועס, מ׳דאַרף זיך אָבער שטאַרק צואיילן.

פון דער „פאַמיליע“ האָט קיינער נישט געפעלט; זיי זענען גע־
זעסן אַרום טיש מיט קאָרטן און זיך פאַרנומען מיט פּאָקער. אין איי־
נעלע האָט געקנאַקט אַ פייער, ס׳האָט זיך געהערט אַן אָנגענעמער ריח
פון קאַווע. זיי זענען פאַרמאַטערט געווען נאָך דעם טאָג פּראַצע: ס׳האָט
זיך זיי נישט געוואָלט איבערטון, כדי צו גיין ערגעץ־ווו. ס׳איז קענטיק גע־
ווען, אַז אינדערהיים איז זיי זייער גוט.

— גיב אָפּ די בילעטן גאַננען און איר מוטער, — האָט מאַריאַ
געזאָגט, — זיי גייען אין ערגעץ נישט.

אָנטויענדיק זיך, האָט פּעללע אַ טראַכט געטון:

— אינדעראמתן, פאַרוואָס נישט? ס׳איז נאַריש צו געדענקען אַל־
טע מעשיות.

גאַננאַ האָט נישט געוואָלט גיין. זי איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע
אויגן, ווי אַן אַדעליקע פריילין אין מיידל־צימער, און נישט געקוקט
אויף אים. פרוי יאַנסען האָט זיך גלייך גענומען קלויבן. די אָרימע אַלטיטש־
קע איז געווען זייער באַוועגלעך פאַר איר עלטער.

— שוין לאַנג, פּעללע, זענען מיר נישט געגאַנגען צוזאַמען, — האָט
זי באַלעבט געזאָגט, ווען זיי זענען געגאַנגען איבער דער גאַס, — די
לעצטע צייט, ביסטו שרעקלעך אַ סך פאַרנומען. מ׳שמועסט, אַז דו לויפסט
כסדר אַרום אויף פאַרזאַמלונגען, דאָס איז גוט פאַר אַ יונגן מענטש,
אָבער צי דען קען מען קומען צו אַ תכלית אויף אַזאַ אופן?

— יאָ, פאַרשטייט זיך, מ׳קען זיך צו עפּעס דערשלאָגן, מ׳דאַרן-
אָבער צולייגן אַ סך כּוחות.

— אָבער וואָס ווילט איר אייגנטלעך? איר ווילט ווידער צעקלאַפּן
דעם דייטש, ווי אַמאָל אין מיין יוגנט? אָדער עפּעס אַנדערש?

— מיר ווילן אַביסל גליקלעכער מאַכן דאָס לעבן — האָט פּעלע-
דויק געענטפערט.

— אַזוי, דאָס גאָר! ווילסט זיך בלויז דערשלאָגן צו גליק? נו, דער-
צו וועסטו זיך זיכער דערשלאָגן! — האָט פרוי יאַנסען געזאָגט און הויך
זיך פונאַנדערגעלאַכט — יאָ, אין די שיינע יאָרן פון מיין יוגנט האָבן
זיך יונגע מענטשן אויך געריסן אין דער הויפּטשטאָט אַריין, כּדי צו דע-
דאָבערן גליק. כ׳בין דאַן אַלט געווען זעכצן יאָר, כ׳בין אויך געקומען
צו פאָרן אַהער, פול מיט די פאַרביקסטע האָפנונגען, וואָרים, ווו זאָל אַ
יונג, שיין מיידל זוכן גליק, אויב נישט דאָ? פריינט האָב איך געהאַט אַ
סך. ווער וויל דאָס נישט שפּאַצירן מיט אַ באַחנט מיידל אין לאַקירטע
לעטשלעך און ווער וועט זיך אָפּזאָגן איר אונטערצוטראָגן אַ שיינע מתּנה?
יעדער טאָג פלעגט מיר ברענגען גליק. און אָט האָב איך דעמאָלט גע-
טראָפן אַ יונגן מענטש, וועלכער האָט, אַזוי ווי איך, געשטרעבט צו בע-
סערס און געגלייבט אין זיך. כ׳האָב אים געגלייבט, אַז אונז וועט זיך
איינגעבן צו שאַפן פאַר זיך דידאָזיקע צוקונפט. ער איז געווען הויל, ווי
אַ ניי-געבוירן קינד, איך האָב אויך נישט געהאַט קיין גראָשן באַ דער
נשמה, ער האָט זיך אָבער ענערגיש גענומען צו דער אַרבעט. ער איז
געווען אַ פלינקער אַרבעטער און איז זיכער געווען, אַז זאַלבעצווייט וועלן
מיר קענען גענוג פאַרדינען, כּדי צו לעבן גליקלעך און אָן נויט. יאָ,
גליק. ער האָט אומבאַדינגט געוואָלט האָבן אַן אייגן געשעפט. וואָס קען
פאַרדינען אַ געזעלן? קוים זענען אונז אָבער אָנגעוואַקסן די ערשטע
פעדערן, האָבן מיר שוין אַלץ געהאַט פאַרלוירן באַם ערשטן דורכפאַל.
דאָס אומגליק שוועבט תּמיד איבער דער היים פון די אָרימע, ווי אַ גרוי-
סער פויגל, און אויב דו ווילסט אים פאַרטרייבן, מוזסטו זיך באַוואָפענען
מיט אַ לאַנגן שטעקן. ווען מיר זענען געקומען צו זיך, האָט אונז ווי-
דער געטראָפן אַן אומגליק. ער האָט געקרענקט אַ גאַנצן ווינטער. מיר
האָבן געלעבט דערפון, וואָס מיר האָבן פאַרזעצט איין חפץ נאָכן צווייטן.
ווען אַלץ איז שוין געווען דורכגעברענט, האָבן מיר עפּעס באַקומען צו
לייען אויף די משכּון-קוויטאַנציעס.

די אַלטיטשקע האָט געמוזט שטיל ווערן און זיך אויסהוסטן.

— וווהין איילן מיר זיך אַזוי? — האָט זי געזאָגט, שווער סאַפּענ־דיק. — מ'קען מיינען, אַז וועלף יאָגן זיך נאָך אונדז. און אַזוי אַרום זענען מיר געבליבן מיט ליידיקע הענט, — האָט זי ווידער אָנגעהויבן. — און אָנהייבן ווידער פונסניי האָט ער שוין מער נישט געקענט: צו שטאַרק פאַר־מאַטערט געווען. דאַן זענען מיר אַריינגעפאַלן אין „נחת תיבה”. ווען ער פלעגט באַקומען אַ קליין פאַרדינסטל, האָט ער זיך געפּרוּווט טרייסטן, אָבער פאַר מיר איז דאָס געווען אַ קנאַפּע טרייסט. פאַרשטייסט? כ'האָב אָפּגעוואַרט גאַננאַן. נאָך דידאָזיקע אַלע צרות איז דאָס געווען אַ פריידיקע געשעעניש, אָבער ער האָט דאָס קינד נישט געקענט ליידן, ווייל אין איר זענען פאַרקערפּערט געווען אונזערע אַלע טרוימען וועגן אַ גוט לעבן; דעמדאָזיקן דראַנג צו לוקסוס האָבן מיר איר איבערגעגעבן בירושה צו־זאַמען מיט טראַנטעס און שמוץ. ווען דו זאָלסט זען, ווי אַזוי זי פלעגט אַלס פּיצל קינד שאַפן אַ רייכן אַרום פון אַלערליי שמאַטעס און אָפּפאַל, וועלכע זי פלעגט געפינען אין מיסט־קעסטל. „וואָס איז דאָס אַזוינס?” — האָט יאָנסען געפרעגט, ווי תמיד, אַביסל שיכּורלעך. — „דאָס איז אַ פּרעכ־טיקער זאַל, מיט אַ דיוואַן אויפן דיל, און אָט דאָרט, באַם אייוועלע. אין דיין צימער, טאַטע. אָבער כ'בעט דיך, שפּיי נישט אויפן דיל, מיר זענען דאָך „אַדעליקע”...

פרוי יאָנסען האָט זיך פונאַנדערגעוויינט.

— און דאַן האָט ער איר אַ קלאַפּ געטון מיטן גאַנצן כּוח איבערן קעפּל: „פאַרשטאָפּ דיין מויל”, — און זי אויסגעזידלט מיט די געמיינ־סטע ווערטער. „כ'וויל נישט הערן דיין פאַרשאָלטענע פּלוידערייַ!” — אָט סאַראַ ער איז געווען. ווען ער האָט זיך דערטרונקען אין אָפּטריט־גרוב, איז אונדז לייכטער געוואָרן דאָס לעבן. מיין גאַנצע יוגנט האָב איך פאַר־לוירן אויף הערן זיינע טרוימערייען וועגן דער צוקונפט, און איצט זיץ איך און ניטשעווע־איבער אַלטע זעלנערישע הויזן, פון וועלכע דאָס גאַנ־צע צימער שטינקט; און כּדי צו האָבן מיט וואָס צו גיין אויפן מאַרק, דאַרף מען איבערניטשעווען צוויי פּאָר הויזן אַ טאָג. און גאַננאַ גייט זיך אַרום ווי אַ לונאַטיק. גליק? לאָזט צורו די נאַרישקייטן! געפינט זיך כאָטש אין גאַנץ „נחת תיבה” כאָטש איין מענטש, וואָס זאָל אַנדערש טראַכטן וועגן דעם? יעדער האָט געהאָפט אויף בעסערע טעג. מיטן גוטן ווילן פאַלט קיינער נישט אַריין אין דאָזיקן פאַרשאָלטענעם אָרט, און צי דען געפיי אײנער מיט אַ געזיכערט שטיקל ברויט? אפשר די־

אָלס פּנס, אָבער זיי האָבן פאַר דעם באַצאָלט מיט דער ערע פון זייערע טעכטער.

— איז טאַקע אַלץ אַ גרעסערער גרונט זיך נעמען ענערגיש צו דער אַרבעט.

— יאָ, דיר איז גוט צו רעדן. גלייב מיר אָבער, אַז יעדער, וואָס קעמפט מיטן אומבאַזיגבאַרן, ווערט שנעל מיד. בעסער וואַרף אַוועק דידאַקטיקע גאַנצע מוזיק און לעב אַ טאָג, כּל זמן ביסט יונג. הער זיך נישט איין; צו די קלאָגערייען פון אַן אַלטער; אומזיסט־אומנישט וואַרפט זי אָן אויף דיר אַ מרה־שחורה. קום, לאָמיר זיך בעסער פרייען.

פרוי יאָנסען האָט טאַקע אינדערראַמתן אַ געהאַט פריילעכן אויסזען.

— טאָ נעמט מיך אונטערן אָרעם, ווי ס'פּירט זיך בײַ פאַרליבטע — האָט פעללע געזאָגט אין שפּאַס.

די אַלטיטשקע האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און גענומען שטעלן שנעלע טריט. ווי אַ יונגע פרוי.

— יאָ, ווען איך זאָל זיין יונג, וואָלט איך דיך שוין אָפּגעוווינט פון דיינע נאַרישקייטן — האָט זי פריילעך דערקלערט — כ'וואָלט מיט דיר אַוועק טאַנצן.

— האָט איר דאָך נישט געקענט אָפּגעווינען אפילו יאָנסענען — האָט פעללע באַמערקט.

— יאָ, ווייל דאַן בין איך נאָך געווען פול צוטרוי, איצט אָבער וואָלט זיך קיינעם נישט איינגעגעבן צוצורויבן מיין יוגנט.

די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין אייגער פון די זייטיקע גאַסן אין נפון־טייל פון דער שטאָט; זי האָט געטראָגן אַן אַגיטאַציע־כאַראַקטער און איז דער עיקר געווען אויסגערעכנט אויף יוגנטלעכע. ס'איז אויך גע־ווען אַ גרויסע צאָל פרויען און מיידלעך. צווישן אַנדערע איז אויך דורכגעלייענט געוואָרן אַ ליד וועגן איינעם אַן אַלטן שמיד, וועלכער איז אומגעקומען ווי אַ העלד בעת אַ שטרייק.

יאָנסען איז געווען גערירט און כּסדר זיך געשנייצט די נאָז.

— ווי רירנד דאָס איז און באַצויבערנדיק — האָט זי אַרויסגע־מורמלט — אָבער דעם אמת געזאָגט, וואָלט אַ סך בעסער געווען צו הערן עפּעס קאָמישס. נויט זען מיר יעדן טאָג אויך אָן דעם.

דערנאָך האָט אַן אַרבעטער־כאָר דורכגעזונגען עטלעכע לידער און אייגער פון די עלטסטע פירער האָט דערציילט וועגן דעם, ווי ס'איז צו־ערשט אויפגעקומען דידאַקטיקע נייע באַוועגונג. נאָכן ענדיקן די רעדע,

האָט ער געפרעגט, צי ווײל נישט עמעץ נעמען אַ וואָרט, ווײזט אױס, אַ ס'איז שווער געווען אויסצופילן דעם פּראָגראַם פון אָוונט.

אויף דער פאַרזאַמלונג האָט זיך נישט געשפּירט קיין אמתע געהויבענע שטימונג. די פרויען האָבן זיך געלאַנגווײליקט און די מענער האָבן דער־וואַרט עפּעס אויסערגעוויינלעכס. די מערהייט פאַרזאַמלטע האָט פעללע געקענט.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די אָנגעכמורעטע פּנימער פון די יונגע מענטשן דריקן אויס עפּעס אַן עקשנותדיקע פראַגע. דידאָזיקע פּשוטע, אומשולדיקע פאַרזאַמלונג האָט נישט געשטילט די ברענענדיקע אומגע־דולד, וועלכע האָט אַרומגעכאַפּט די געמיטער און וועלכע האָט גיריק איינגעזאַפּט די צוזאָגן אויף בעסערס.

פעללע איז געזעסן און האָט זיך געמאַטערט; ס'האָט אים אַרומגע־כאַפּט אַ ברענענדיקע דורשט נאָך טעטיקייט. אַדורכלאָזן אַזאַ גינסטיקע געלעגנהייט אָן נוצן. מ'דאַרף גוט אויפטרייסלען די פרויען, סיי די פאַב־ריק־אַרבעטערינס, סיי די שטוביקע באַלעבאָסטעס, וועלכע האַלטן איין בײַ זיך די מענער. און זיי פאַרלירן אומזיסט די צײַט אויף פּלוידערייען וועגן לידער און געדיכטן! מיט איין שפּרונג איז ער געווען אויף דער טריבונע.

— אײַערע רייד זענען זיכער שיין, — האָט פעללע אויסגערופן מיט היץ, — אָבער ווי ווייניק באַדייטן זיי פאַר די, ווער עס לעבט נישט בלויז מיט ווערטער. מיטן צונג אַרבעטן אויס חיונה בלויז די פּאָ־פּעס און הינט, און מיר, אַלע איבעריקע, מוזן לאָזן אין גאַנג די פויסטן, אויב מיר ווילן עפּעס דערגרייכן. צוואָס דאַרפן מיר די זיסע ריידעלעך? צוואָס זיך אַרומדרייען ווי אַ קאַץ אַרום קאָכעדיקע מילך? צי דען ווייסן מיר נאָך אַלץ נישט, וואָס מיר ווילן? מ'זאָגט אונז, אַז טויזנטער יאָרן זענען מיר געווען קנעכט — אויב אַזוי, איז געווען גענוג צײַט, כּדי צו קו־מען צום שׂכל, פאַרוואָס ווערט גאָרנישט געטון, כאָטש אַלע וואַרטן אויף עפּעס, זענען גרייט אויף עפּעס?

פון עולם האָט מען הויך איפּן קול צוגעשטימט צו זיינע ווערטער, באַזונדערס מצד דער יוגנט. אין אירע רייען האָט מען געהערט גע־שרייען און פּיס־טופּעריי.

דער אַלטער פירער איז ווידער אַרויף אויף דער טריבונע און גע־דאַנקט די סימפּאַטיזירנדיקע פאַרן אָנגענעמען שמועס. ער האָט זיך גע־ווענדט אויך צו פעללען און אים געדאַנקט מיט אַ שמייכל. ווי גוט עס

איז. וואָס יוגנט פאַרמאָגט נאָך אַזוי פיל פייער, כאָטש די סיבה צום אויס־ברוך איז נישט מער ווי אַ מיספאַרשטייעניש. די אַלטע האָבן פאַרשטאַענען אויפצוהאַלטן די באַוועגונג אין די שווערע צייטן און זיי האָבן גאָרנישט קעגן דעם, די יוגנט זאָל איצט צולייגן אירע כוחות.

פעללע האָט געוואָלט אויפשטיין און אָפּענטפערן. פרוי יאָנסען אָבער האָט אים אָפּגעהאַלטן פאַרן רעקל.

— מ׳דאַרף נישט, פעללע — האָט זי שרעקעוודיק געמורמלט — ביסט צו דרייסט.

זי האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און ער האָט זיך געמוזט צוריקזעצן, כדי נישט צוציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. זיינע באַקן האָבן גע־ברענט, ער האָט שווער געאָטעמט, ווי ער וואָלט נאָר וואָס געהאַט אַרויפגע־לאָפן אויף אַ באַרג. דאָס איז געווען זיין ערשטער עפנטלעכער אַרויסטריט; ער האָט נישט געקענט גובר זיין די צערודערונג.

אַלע זענען אויפגעשטאַנען און זיך צעשאָטן איבערן זאַל.

— שוין נאָך אַלעמען? — האָט יאָנסען געפרעגט.

ער האָט געזען, אַז זי איז אַנטוישט.

— ניין, ניין, איצט וועלן מיר הוליען — האָט ער געזאָגט און זי אַוועקגעפירט צו אַ טישעלע אין טיפעניש פון זאַל.

— וואָס וועט איר דערלויבן צו דערלאַנגען?

— מיר, זייט אַזוי גוט, קאַווע און דו טרינק אויס אַ גלאָז ביר, ביסט אַזוי צעהיצט.

אָבער פעללע האָט אויך אויסגעקליבן קאַווע.

— סאַראַ מאָדנער דו ביסט — האָט זי געזאָגט מיט אַ געלעכ־טער — פריער וואַרפסטו זיך אין איין אימפעט צווישן עולם מענער און דערנאָך זיצסטו ווי אַ באַבע און טרינקסט קאַווע! סאַראַ עולם דאָ איז, ווי אין אַ יום־טוב!

זי האָט זיך אַרומגעקוקט מיט גלאַנצנדיקע אויגן, מיט ברענענדיקע באַקן, ווי בא אַ יונג מיידל, ווען מ׳לאַדט זי איין צום טאַנץ.

— נעם נאָך קרעם, פעללע. האָסט דאָך גאָרנישט געהאַט. דאָס איז אמתער קרעם!

דער פירער איז צוגעגאַנגען צו זיי; ער האָט זיך געוואָלט באַקע־נען מיט פעללען.

— כ׳האָב געהערט וועגן אייך פון פאָרזיצער פון אייער פאַריין — האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים די האַנט — כ׳ביז שטאַרק צופרידן,

דאָס כ'האָב זיך באַקענט מיט אייך. איר האָט דורכגעמאַכט אַ גרויסע אַרבעט.

— דאָס איז נישט געווען ווער ווייסט ווי שווער, אָבער ס'וואָלט זיין געווען, ווען די אַרבעט וואָלט ענדלעך זיך געריירט פון אָרט...

— כ'פאַרשטיי גאַנץ גוט אייער אומגעדולד — האָט דער אַלטער לערער געענטפערט, אונטערשמייכלענדיק — די יוגנט איז תמיד אַזאַ. אָבער ווער עס וויל איינדערמאָנען זיך דערשלאָגן צו עפּעס, דער מוז זען דעם סוף פון וועג.

ער האָט פעללען אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע און איז אַוועק. פעללע האָט געשפּירט, אַז די אַרומיקע אינטערעסירן זיך מיט אים און רעדן וועגן אים.

— ווער ווייסט, אפשר בין איך אַרויסגעשפּרונגען ווי דער נאַר פון באָד אַרויס — האָט פעללע געטראַכט.

לעבן אים זענען געשטאַנען צוויי יונגע מענטשן און געוואָרפן אויף זיי פאַרגנבעטע בליקן. מיטאַמאָל זענען זיי צוגעגאַנגען צו אים.

— מיר ווילן זייער דריקן אייער האַנט, — האָט איינער פון זיי געזאָגט. — מיין פאַמיליע איז שטאָלפּע אָטטאָ, און דאָס איז מיין ברודער פרעדעריק. איר האָט גוט גערעדט, אַ דאַנק אייך.

זיי זענען אַ ווײַלע אונטערגעשטאַנען שווייגנדיק.

— מיין אַלטער וואָלט שטאַרק הנאה געהאַט, ווען איר זאָלט אונדז באַזוכן, — האָט אָטטאָ שטאָלפּע געזאָגט. — אפשר ווילט איר מיטגיין צו אונדז אַהיים?

— היינט אינאָווענט איז מיר אוממעגלעך, כ'בין נישט אַליין — האָט פעללע געענטפערט.

— גיי, גיי, — האָט זיך פרוי יאַנסען אָפּגערופן, — כ'זע דאָ עטלעכע מענטשן פון אונזער געגנט, כ'קען זיך אומקערן מיט זיי.

— מיר קענען נאָך אָבער אַביסל פאַרציען אונזער יום-טוב, אַז מיר זענען שוין דאָ.

— ניין, זאָל זיין גענוג; מיר האָבן שוין היינט גענוג געהוליעט, מיין אַלטער קאָפּ דרייט זיך שוין, ווי אַ ווינט-מיל. גיי זיך געזונטערהייט; מיט דרייסיק יאָר פריער וואָלט איך גערעדט גאַנץ אַנדערע ווערטער. און אַ גרויסן דאַנק דיר, פאַרוואָס דו האָסט מיך גענומען מיט זיך. זי האָט זיך האַסטיק פונאַנדערגעלאַכט.

די פאַמיליע שטאָלפּע האָט געוווינט אויפן צווייטן שטאָק, און איי-

נעם פון די נייע אַרבעטער־הייזער, דער אַריינגאַנג איז געווען רחבות־דיק, אויף דער טיר איז געווען אָנגעקלאַפּט אַ פּאָרצעלייען בלעטעלע. אַ באַיאָרטע פיין־געקליידטע פרוי האָט זיי אויפגעעפנט די טיר.

— דאָס איז מיין חבר. — האָט אָטטאָ געזאָגט.

די פרוי האָט פעללען וואַרים באַגריסט, דערביי האָט זי אויף איין אויגנבליק פאַרהאַלטן זיין האַנט אין איר'ע און אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק.

אין צימער איז געזעסן דער מויערער שטאָלפּע, אין אַ וועסט אָן אַ מאַרינאַרקע. ער האָט געלייענט דעם „אַרבעטער“ און שווער זיך אָנגע־שפּאַרט אין טיש מיט די עלנבויגנס. ער האָט מיט אַ שטילער שטים איבערגעחזרט דאָס געלייענטע און נישט באַמערקט דעם גאַסט.

— פּאָטער, צו אונז איז געקומען אַ מענטש, מיט וועלכן דיר וועט אָנגענעם זיין צו שליסן קאַנטשאַפט. — האָט אָטטאָ געזאָגט, לייכט אַנ־רירנדיק דעם פאָטער. דער אַלטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטון אויף פעללען.

— איר ווילט אפשר אַריינטרעטן אין פאַריין? — האָט ער געפרעגט שווער זיך אויפהייבנדיק און קלאַפּנדיק מיט דער האַנט איבערן טיש.

דאָס איז געווען אַ הויכער מאַן, מיט גראָלעכע האָר.

— ביסט שוין ווידער דאָ מיט דיין פאַריין — האָט פרוי שטאָל־פּע געזאָגט — דו מיינסט אוודאי. אַז אַ חוץ דיר איז נישטאָ קיין איין מיטגליד פון פאַריין.

— פאַרשטייט זיך, מוטערל, אין פאַריין זענען דאָ אַ סך מיטגלי־דער, אָבער דער ערשטער בין איך געווען.

— אויך איך געהער צום פאַריין, אָבער צו אַ צווייטן; כ'בין אַ שוסטער.

— אַ שוסטער; נו, דאָס איז אַ שלעכטע באַשעפטיקונג פאַר אַ בעל־מלאכה, דערפאַר קען מען אָבער מיט דער צייט עפענען אַן אייגענעם וואַרשטאַט. אַ מויערער אָבער בלייבט תמיד אויפן זעלבן אָרט. דאָס איז אַ געוואַלטיקער חילוק; אויב מ'מוז אַ גאַנץ לאַנג לעבן זיין אָפּהענגיק פון אַנדערע, איז אַ סך צוציענדיקער דער געדאַנק צו ענדערן די איצטיקע לאַגע, איר פאַרשטייט מיך דאָך מסתמא גאַנץ גוט. דעריבער איז דער צוזאַמענשלוס פון די שוסטער תמיד צוגעגאַנגען אַזוי שוואַך. די צווייטע סיבה איז — וואָס זיי אַרבעטן אינדערהיים. ס'איז זיי שווער צו פאַריי־

ציקן, איצט אָבער האָט זיך צווישן זיי דערנומען אַ נייער מענטש, וועלכער ווײס, דאַכט זיך, איינאָרדנען די זאַך ווי אַמבעסטן.

— ער טאַקע געפינט זיך דאָ איצט, — האָט אָטאָ געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

— צו אַלדי רוחות! און איך שטיי און פּלוידער ווי אַ שוטה! אויב אזוי, טאָ דערלויבט מיר נאָכאַמאָל צו דריקן אייער האַנט. איך ווינטש אייך גרויס דערפאָלג אין אייער אַרבעט, יונגער חבר, — און ער האָט פּעללען געדריקט די האַנט.

— אפשר וועסטו אונז דערלאַנגען אַביסל ביר, מוטערל?

שטאָלפּע און פּעללע האָבן פּאַרפירט אַ באַלעבטן שמועס. פּעללע האָט זיך געפילט אין זיין ספּערע. ביז איצט איז אים נאָך קיין איינמאָל נישט אויסגעקומען אַריינצופאַלן אין רעכטן צענטער פון דער באַוועגונג. פּעללע איז פול געווען מיט אָן אַ שיעור פראַגן און דער אַלטער מויערער האָט אים דערציילט וועגן וווקס פון דער אָרגאַניזאַציע פון יאָר צו יאָר, זינט דעם סאַמע אָנהייב, ד. ה., ווען אין דאַניע איז געווען בלויז איין מיטגליד פון פאַריין, ער אַליין, — און ביז די לעצטע טעג. ער איז גוט באַקאַנט געווען מיט אַלע סטאַטיסטישע ציפערן פון פאַרשידענע פּראָדוקציע־צווייגן און אויסגעצייכנט אינפאָרמירט געווען אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון יעדער באַזונדערן פאַריין. די זין זענען שטיל געזעסן און אויסגעהערט מיט יראת־הכבוד. זיי האָבן זיך נישט דערוועגט צו זאָגן אליין קיין איין־איינציק וואָרט, ביז דער פאָטער האָט זיי מיט אַ קאָפּשאָקל געגעבן אַ צייכן, אַז ער האָט געענדיקט רעדן. דער ייִנגערער, פרעדעריק, וועלכער האָט זיך געלערנט דעם פאָטערס פאַך, האָט אפילו דעם פאָטער נישט גערופן אויף „דו", ער האָט גערעדט צו אים אין דער דריטער פּערזאָן און דער אומאויפהערלעכער „פאַטער, פאָטער", האָט עפּעס מאָדנע געקלונגען אין פּעללעס אויערן. אינמיטן פון זייער שמועס האָט פרוי שטאָלפּע געעפנט אַ טיר אין אַ צווייטן, נאָך שענערן צימער און אַלעמען אַריינגעבעטן אַהין צו טרינקען קאַווע. שוין דאָס ערשטע צימער האָט אויף פּעללען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זיין מעבל פון דעמבי־קאָליר און מיטן דיוואַן, וואָס איז אָנגעשטאָפּט מיט פערדישע האָר, אָבער דאָ איז דאָס מעבל געווען באַשלאָגן מיט רויטן פּליוש, ס'איז געשטאַנען אַ טיש פון נוס־האָלץ מיט אַ שוואַרץ רייפעלע און אַ שרויפּאַרטיק פיסל, און אַן עטאַזשערקע מיט פּאַרצעליי! מערסטענטיילס זענען דאָס געווען קליינע, שיינע קלייניקייטן. איין וואַנט איז באַצירט געווען

מיט פאָטאָגראַפישע גרופּעס פון פאַריינס־מיטגלידער און פאַרשידענע פאַר־זאַמלונגען, ס׳זענען אויך געווען גרויסע פאָטאָגראַפיעס פון געבויטע הייזער, פון מויערער אויף די רושטאָוואַניעס, צווישן זייערע עמערס מיט וואַפּנע, מיט אינסטרומענטן, אָדער קופּלעס ביר אין די הענט. איבערן דיוואַן איז געהאָנגען אַ בילד פון אַ שיינעם ברונעט. אַביסל איז ער ענלעך געווען אויף אַ טרוימערישן אַוואַנטוריסט און אַביסל אויף אַ מיליטער־מאַן. ער האָט געטראָגן אַ מאַנטל.

— דאָס איז אונזער גרויסמייסטער — האָט שטאָלפּע געזאָגט פייערלעך און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן פּעללען.

— דאָס איז אונזער ווינקלשטיין — ער איז לאַנג געשטאַנען פאַרן פּאָרטרעט, שווער געאָטעמט און געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן.

— יאָ, דאָס איז געווען אַ שטאָלצער מאַן — האָט שטאָלפּע ווידער געזאָגט — אַ גאַנצע מהנה פרויען זענען אים נאָכגעלאָפן. האָט ער אָבער גענומען רעדן, פלעגן זיי באַשיידן אָפּגיין אין אַ זייט, ווייל דאַן איז ער אינגאַנצן געווען ווי אַ פלאַם פייער, איר פאַרשטייט? דאַן, דאַכט זיך, פלעגט קלינגען אַ רוף: „מענער פאָרויס!“ און די געפערלעכסטע פּעפּערס אפילו פלעגן נישט דורכלאָזן קיין איינציק וואָרט.

— ער איז שוין מסתּמא געשטאָרבן? — האָט פּעללע געפרעגט אַ פּאַראינטערעסירטער.

שטאָלפּע האָט נישט געענטפערט.

— זייט מוחל צו דער קאווע — האָט ער קורץ אַרויסגערעדט.

אָטטאָ האָט אַ ווונק געטון פּעללען. ווייזט אויס, אַז דאָ איז עפּעס געלעגן אַזוינס, וואָס מ׳טאָר נישט באַרירן.

באַם טיש האָט שטאָלפּע פאַרטראַכט געקוקט אויף זיין טעפּעלע. אָבער פּלוצלינג האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— עס קומען פאָר אומפאַרשטענדלעכע זאַכן — האָט ער ערנסט אויסגעשריגן — איינס איז אָבער זיכער: איך און אַ סך אַנדערע וואָלטן אָן אים נישט געזעסן אין קרייז פון די אייגענע פאַמיליעס. צווישן אונז, דער יוגנט, זענען געווען אַ סך קלוגע קעפּ. אָבער גראָד זיי איז תּמיד אַמשווערסטן, אויב זיי האָבן נישט קיין געלעגנהייט אויסצונוצן זייערע פעיקייטן. ס׳איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַ מענטש פרווט פאַרטרינקען זיינע צרות אין דער כוסה. איך אַליין האָב אויך געהאַט דאָסדאָזיקע פאַרשאָלטענע געפיל, אַז עפּעס פעלט מיר, און כ׳האָב אויך גענומען שיכּורן. אָבער כ׳האָב געשפּילט מיט גליק. ווי אַ הונט האָב איך דערשנאָפּט אינ־

דערליפּטן די אָנזאַקסנדיקע אַרבעטער־באַוועגונג, אין דאָס האָט מיך אונטערגעהאַלטן. זי האָט זיך נאָכניסט אויסגעוויזן אָפן, אָבער אַזוי... דאָ אין דאָרטן האָבן אויפגעבליצט פינקען. אין ביסטו צוגעגאַנגען נעענטער אין זיך צוגעקוקט שאַרפער, האָסטו גלייך געהאַט פאַר דיר אַ הייפל הונגעריקע אַרבעטער, וועלכע שרייען און זענען זיך וועגן עפּעס כאַאָטיש מתווכח. אָט גראָד דעמאָלט האָט זיך באַוויזן דער גרויסמייסטער און ווי אַ בליץ אַלץ באַלויכטן. ער האָט נישט געהערט צו אונזער קרייז, אָבער ער האָט אונז קלאָר געקענט אָנווייזן די סיבות פון אונזער פאַרשקלאַפונג און זינט דעמאָלט האָט מען שוין נישט געדאַרפט זוכן קיין מיסטיקע מענטשן; די באַוועגונג האָט זיי שוין אַרויסגערוקט אין גאַנג פון איר אַנטוויקלונג. אמת, זיי זענען געווען קנאַפּ אין דער צאָל, אָבער די בעסערע זענען תמיד געווען מיט אונז.

— איצט — האָט פעללע געזאָגט — שיינט צו בלאָזן אַ גינסטיקער ווינט.

— יאָ, אומעטום איז אומרויק. און וואָס איז די סיבה דערפון? מיר — די אַלטע וועטעראַנען. און ער!...

שטאָלפּע האָט גענומען שמועסן וועגן גלייכגילטיקע זאַכן, אָבער אינגיכן איז דער שמיעס אומבאַמערקט ווידער אַריבער אויף פּאָליטיק, ווייל זי האָט פאַרשלונגען דאָס גאַנצע לעבן פון דעם פּאָרפאָלק שטאָלפּע. דאָס זענען געווען פשוטע, גראָדליניקע מענטשן, וועלכע האָבן אויפן פרימיטיווסטן אופן איינגעטיילט אַלע מענטשן אויף צוויי לאַגערן: אויף אַזעלכע, וואָס זענען פאַר און אַזעלכע, וואָס — קעגן. פעללע האָט זיך געפילט באַזונדערס שטאַרק אין דער אַטמאָספער פון דערדאָזיקער פאַמיליע, ווו אַלץ איז געווען אָנגעזאַפּט מיט סאָציאַליזם.

בײַ דער וואַנט האָט פעללע באַמערקט אַ מאַסיוו קעסטל, אינגאַנצן באַשלאָגן מיט טשוועקעס.

— יאָ, דאָס איז די פאָן — האָט פרוי שטאָלפּע געזאָגט און דערשראָקן אַנטשוויגן געוואָרן. דער אַלטער מויערער האָט געקנייטשט דעם שטערן.

— ע, נאַרישקייטן, איר זענט אַ ווילער יונג — האָט ער געזאָגט — נישטאָ זיך וואָס צו קרעמפּירן פאַר אייך.

ער האָט אַרויסגענומען אַ שליסל פון געהיימען שופלאָד פון זיין שרייב־טיש.

די סכנה איז אַריבער, פונדעסטוועגן מוז מען זיך היטן. מיר זע-

נען צוגעוווינט געוואָרן זיך שרעקן. די פּאָליציי האָט אונז נאָכשפּיאָנירט. דער גרויסמייסטער אַליין איז איינמאָל געקומען צו מיר און מיטגעבראַכט רידאָזיקע פּאָן אונטערן מאַנטל: „נעמט זי און היט זי אָפּ, שטאָלפּע, איר ווענט דער זיכערסטער פון אַלע".

און צוזאַמען מיט זיין ווייב האָט ער פונאַנדערגעוויקלט פאַר פּעללען א גרויסע לייווַנט.

— קוקט, אָט איז די פּאָן פון אינטערנאַציאָנאַל. זי איז אַביסל באַשעדיקט, ווייל מ'האָט זי שוין אַ סך מאָל איבערגעמאַכט. זי האָט געווייעט איבער דער רעדנער-טריבונע, בעת מ'האָט אונזער פאַרזאַמלונג גענומען פונאַנדערטרייבן מיט באַוואָפנטער קראַפט און ס'האָט זיך אַ שאָט געטון אויף אונז אַ האָגל פון קוילן. די פּאָליציי האָט אומבאַדינגט געוואָלט פאַרכאַפּן די פּאָן, זי האָט אַמאָל געזען, ווי מיר האָבן איר געשווירן טריישאַפט, בעת זי האָט געווייעט איבער אונזערע קעפּ. פון דאַן אָן האָט די פּאָליציי זי נישט געלאָזט צורו און זי איז איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. בא מיר איז זי געלעגן נישט איינמאָל.

— יאָ, און איינמאָל איז פּאָליציי געקומען צו אונז — גראָד דאַן, ווען מיר זענען געזעסן באַם אָוונט-ברויט, און אַרעסטירט דעם פאָטער. זיי האָבן מיר איבערגעקערט די שטוב מיט די פיס אַראָפּ און אים פאַרנומען, נישט זאָגנדיק קיין איינציק וואָרט. די קינדער זענען נאָך געווען קליין. איר קענט זיך פאָרשטעלן, ווי שווער דאָס איז געווען, ר'האָט קיין אנונג נישט געהאַט, ווען מ'וועט אים אַרויסלאָזן.

— יאָ, און די פּאָן איז פאָרט נישט אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט — האָט שטאָלפּע געזאָגט מיט אַ פריילעך געלעכטער — זי איז שוין דאַן געלעגן אין אַנדערע הענט; מיר האָבן זי קיינמאָל נישט געלאָזן לאַנג אויף איין אָרט. איצט לעבט זיך איר לפי-ערך רויק, אַזוי ווי בכלל אונז אַלעמען.

די זין זענען געשטאַנען שווייגנדיק און געקוקט אויף דער פּאָן, וועלכע איז אַזוי פיל אויסגעשטאַנען און גלייכצייטיק פאַרגעשטעלט מיט זיך דאָס הייסע רויטע בלוט פון דער באַוועגונג. אין דאָזיקן הויז האָט זיך פאַר פּעללען געעפנט אַ נייע וועלט. דאָס געפיל, וואָס האָט געברענט מיט אַ העלן פלאַם אין דער טיפעניש פון זיין וועזן האָט באַקומען באַשטימטערע פאָרמען, איז געוואָרן קלערער. דעמאָלט נאָך, ווען פּעללע איז פאַרנומען געווען מיט זיינע קינדישע שפּילערייען, ווען ער האָט געפּאַשעט די סטאַדעס אויף די היימישע פעלדער, שוין דעמאָלט האָבן

מענטש; געקעמפּט אין געשאַפן אַ נייע באַוועגונג. עפּעס אַ מאָדנע הי־געפיל האָט אַ־ומגענומען פּעללען און אים צוגעשלאָגן צום קאָפּ. וואָס וואָלט געווען, ווען ער זאָל דאָס זיין! — ער, וועלכער האָט אויפגעהויבן די רויטע פאָן קעגן די אונטערדריקער!

— אין איצט ליגט זי דאָ, פאַרגעסן פון אַלעמען — האָט ער גע־זאָגט אַנטוישט.

— זי רײַט בלויז אָפּ — האָט שטאָלפּע געענטפערט — איר זאָגט: פאַרגעסן? יאָ, די פּאָליציי מיינט, אַז זי עקזיסטירט שוין נישט מער, אָבער הייבט זי אויף אויף אַ שטאַנג, וועט איר זען, ווי די חברים וועלן זי אַרומרינגלען פון אַלע זייטן: אַלט און יונג! אין דאָזיקן שטיקל צייג איז — פייער! אַ פלאַם! און דערדאָזיקער פלאַם וועט קיינמאָל זיך נישט אויסלעשן!

ער האָט פּאָרזיכטיק איינגעוויקלט די פאָן און זי אַוועקגעלייגט אויפן פריערדיקן אָרט.

— איר פאַרשטייט דאָך מסתמא, אַז וועגן דער פאָן טאָר מען נישט רעדן? — האָט שטאָלפּע געזאָגט.

פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קלונג; שטאָלפּע האָט איילִיק פאַר־שלאָסן די פאָן און באַהאַלטן דעם שליסל. פרעדעריק איז אַרויס עפע־נען. אַלע האָבן זיך צוגעהערט, קוקנדיק אומרויִק איינער אויפן צווייטן.

— ס'איז פּשוט עללען, — האָט פרעדעריק געזאָגט, צוריקקומענ־דיק; הינטער אים איז אַריינגעקומען אַ מיידל פון הויכן וווקס, מיט טונקעלע האָר און אַן ערנסטן אויסזען. דער וואַל, וועלכער האָט פאַר־דעקט איר פּנים, האָט זיך געזילבערט מיט קליינע פּערעלעך אַרום אירע ליפּן.

— דאָס ביסטו, טאָכטערשי, — האָט שטאָלפּע אויסגערופן מיט אַ שמייכל. — זע נאָר, סאַראַ טראַף! מיר האָבן זיך איבערגעשראָקן, ווי אין די אַמאָליקע צייטן. און דו גייסט אַרום אַזוי שפּעט און אין אַזאַ וועטער?

ער האָט אַ קוק געטון אויף איר מיט ליבע; ס'איז קענטיק געווען, אַז זי איז זיין ליבלינג. זי איז לגמרי נישט ענלעך געווען צו די ברי־דער. עללען האָט אַ לייכטן שאָקל געטון צו פעללען און ערנסט אַ קוק געטון אויף אים. ס'איז געווען אין איר עפּעס שטילס און שיינס, וואָס האָט פעללען באַצויבערט מיטן ערשטן בליק. איר טונקעלע קליידונג, אָן שום באַפּוצונגען, האָט אויסגעזען זייער שטרענג.

— ווערסט זיך גאָ־נישט אויסטון ? — האָט געפרעגט די מוטער, אָפּשפּילענדיק איר מאַנטל. — ביסט אינגאַנצן דורכגעווייקט, מיין קינד.

— ניין, כ׳מוז באַלד אַוועקגיין. כ׳האָב אָבער געוואָלט אַריינלויפן צו אייך אויף אַ מינוטקעלע.

— ס׳איז שוין גוט שפּעט, — האָט שטאָלפּע געוואָרטשעט. — האָסט זיך נאָר־וואָס באַפרייט ?

— יאָ, היינט איז דאָך נישט מיין טאָג.

— פאַרשאָלטענע קנעכטשאַפט, דינען ביז עלף אַ זייגער !

— וואָס קען מען מאַכן, דערפון. וואָס דו שטראָפסט מיך, וועט בעסער נישט ווערן, — האָט עללען מוטיק דערקלערט.

— געוויס, אָבער דו וואָלסט נישט געדאַרפט דינען. צי דען האָט עס אַ זין, אונזערע קינדער זאָלן אַרבעטן אין די הייזער פון די אַרבעט־געבער ! וואָס, בין איך נישט גערעכט ? — האָט זיך דער אַלטער געווענדט צו פעללען.

עללען האָט זיך הילכיק פונאַנדערגעלאַכט.

— אָבער וואָס איז דער אונטערשייד ? דער פאָטער אַרבעט דאָך אויך פאַר די אַרבעט־געבער ?

— ריכטיק, אָבער ס׳איז פאָרט נישט דאָס. פון אַזויפיל אַ זייגער ביז דער און דער שעה, און דערנאָך — באַסטאַ ! כ׳בין פריי, אינדער־היים. . . און מיט דיין אַרבעט איז עפּעס אַנדערש, די אַרבעט אַרום דער באַלעבאַטישקייט באַ זיך אינדערהיים אויסבייטן אויף דערזעלבער אַרבעט באַ פרעמדע !

— אָבער דער פאָטער איז דאָך נישט בכוח מיך האַלטן אין שטוב ?

— יאָ, כ׳ווייס ; אָבער פונדעסטוועגן איז דאָס מיר זייער אומאָנגענעם. דו וואָלסט, אָן ספק, געקענט אויסגעפינען פאַר זיך אַן אַנדערע באַשעפטיקונג.

— כ׳וויל דאָס אָבער גאָרנישט. כ׳מיין, אַז כ׳האָב אַ דעה איבער זיך אין אַלעם, — האָט עללען פעסט געענטפערט.

אַלע איבעריקע האָבן געשוויגן און מיט שרעק זיך איבערגעקוקט. אויף שטאָלפּעס שטערן האָבן זיך אָנגעבלאָזן די אָדערן ; זיין פּנים איז רויט געוואָרן · ער איז געווען שטאַרק אין כעס, אָבער עללען האָט אויף אים געקוקט מיט אַ לייכטן שמייכל. ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און וואָרטשענדיק אַוועק אין אַ צווייט צימער.

די מוטער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי איז ווייס געוואָרן, ווי לייוונט.

— אַך, קינד, קינד, — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז שטאָלפּע צוריקגעקומען מיט אַלטע צייטונגען; ער האָט זיי געוואָלט ווייזן פעללען. עללען איז געשטאַנען הינטערן פּעטערס שטול, אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אין זיין פּלייצע און אומבאַוווסטזיניק צע־וואָרפן זיינע האָר, לייענענדיק גלייכצייטיק די צייטונגען. די מוטער האָט איר אַ צי געטון באַם קלייד, דאָס זענען געווען אילוסטרירטע צייטונגען פון דער ערשטער צייט פון דער באַוועגונג.

דער זייגער האָט געשלאָגן האַלב־צוועלף. פּעללע האָט זיך אַ כאַפּ געטון, ס'איז שוין געווען זייער שפּעט.

— גייט צוזאַמען, איר האָט איין וועג. וואָס נישט אַזוי, עללען? אָט האָסטו דיר אַ באַגלייטער, האָט נישט קיין מורא צו גיין מיט איר! זי איז בײַ אונז אַ הייליקע.

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט שטאָלפּע ווי געוואָלט נקמה נעמען פאַר זיין מפּלה.

— באַזוכט אונז אָפטער; איר וועט תמיד זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

איבערן וועג האָבן די יונגע מענטשן ווינציק גערעדט צווישן זיך. פּעללע האָט זיך געפילט אומבאַקוועם, אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז עללען שטודירט אים. ווען ער פלעגט זיך שוין דערוועגן עפּעס צו זאָגן, פלעגט זי ענטפערן קורץ און שאַרף אים אָנקוקן דערביי. פונדעסט־וועגן איז אים דערדאָזיקער שפּאַציר אויסגעקומען זייער אינטערעסאַנט. ער וואָלט אים מיט פאַרגעניגן פאַרלענגערט.

— אַ דאַנק אייך פאַר געזעלשאַפט, — האָט ער געזאָגט, ווען זיי זענען געבליבן שטיין פאַר איר טיר. — כ'וואָלט זייער געוואָלט אייך טרעפן נאָכאַמאָל.

— אויב ס'איז אונז באַשערט זיך צו טרעפן, וועט עס געשען, — האָט זי געזאָגט איינגעהאַלטן, אָבער אויף איין אויגנבליק איבערגעלאָזט איר האַנט אין זיינער.

— מיר וועלן זיך זיכער טרעפן, זייט רויק! — האָט פּעללע פריי־לעך אויסגערופן.

— דו האָסט אָבער פאַרגעסן מיר צו דאַנקען פאַר דער טרחה?... — און ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער איר.

זי האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן אויף אים; איר בליק האָט אים צונעשמידט צום אָרט... ער האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעדרייט און אַוועק צו זיך.

X.

איינמאָל באַטאָג איז פעללע אַוועק אָפּטראָגן דעם הויף־שוסטער זייע אַרבעט. דער אָנגעשטעלטער האָט זי צוגענומען, באַצאָלט, דערנאָך זיך פאַרנומען מיט אַנדערע. פעללע האָט געדולדיק געוואַרט, בלויז פון צייט צו צייט אונטערהוסטנדיק. אַזוי איז שוין געווען איינגעפירט: אויב דו ווילסט באַקומען אַרבעט, וועט מען דיך אומבאַדינגט לאָזן וואַרטן. שווייג און וואַרט, און פאַרטיק.

— איר האָט, דאַכט זיך, פאַרגעסן אָן מיר — האָט ער זיך ענדלעך געווענדט צום אָנגעשטעלטן מיט אַ לייכטן טאָן פון אומגעדולד אין קול.

— איר קענט זיך גיין — האָט ער באַקומען אַן ענטפער — כ׳האָב אייך שוין דערליידיקט.

— וואָס הייסט — האָט פעללע דערשטוינט אויסגערופן.

— דאָס, וואָס איר הערט. מ׳האָט אייך אָפּגעזאָגט, אויב איר ווילט וויסן גענויער.

פעללע האָט גאַנץ גוט געוווּסט, וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, אים איז אָבער וויכטיק געווען קלאָר צו מאַכן די באַציונג צו אים אין קעגנוואָרט פון די חברים.

— צי דען געפעלט אייך נישט מיין אַרבעט? — האָט ער געפרעגט.

— איר פאַרנעמט זיך צופיל מיט זאַכן, וואָס האָבן צו אייך קיין שייכות נישט; און דערביי קען מען נישט אַרבעטן, ווי געהעריק...

— כ׳וואָלט געוואָלט וויסן, מיט וואָס איז דאָס מיין אַרבעט שלעכט? — איז פעללע צוגעשטאַנען.

— כ׳האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, צו אַלדי רוחות! — האָט דער אָנגעשטעלטער אַרויסגעמורמלט.

פון דער טיר, וואָס פירט אין די אינערלעכע צימערן, איז אַרויס־געקומען דער באַלעבאָס און באַטראַכט די פאַרזאַמלטע. דערזעענדיק פעל־לען, האָט ער זיך תּיכּף אַרויפגעוואָרפן אויף אים:

— איר זאָלט די רגע זיך אָפּטראָגן פונדאַנען, -- האָט ער מיט כּעס אויסגעשריגן. — איר מיינט, אַז מיר וועלן קאָרמענען די יעניקע, ווער ס'איז קעגן אונז? אַרויס פון מיין געשעפט, הער פּאַריינשטשיק!

פעללע האָט זיך פון אָרט נישט גערירט און געקוקט מייערן גלייך אין די אויגן אריין, ער איז גיכער גרייט געווען אַריינליאַפּען דעם הויף־שוסטער אַ פּאַטש, איידער זיך פּאָלגן און אַוועקגיין.

— רויק, רויק, — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין. ער האָט אונ־טערגעשמייכלט, אָבער זיין פּנים האָט זיך געקרימט. דער באַלעבאָס איז געגאַנגען אַרום אים אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ און געשריגן:

— טראָגט זיך אָפּ! פאַרוואָס רופט מען נישט קיין פּאָליציי...

— זעט, חברים, ווי מ'באַהאַנדלט אונז דאָ, — האָט פעללע גע־זאָגט, אומדרייענדיק זיך מיט זיין ברייטער פּלייצע צו מייערן. — מ'באַ־גייט זיך מיט אונז אַקוראַט ווי מיט הינט...

אָבער זיינע חברים האָבן שטום געקוקט אויפן טובאַנק, ווי זיי וואָלטן געווען טויב־שטומע: זיי האָבן מורא געהאַט אַרויסצווייזן פעללען מיטגעפיל.

פעללע איז אַרויס. ער איז אַוועק אין דער צפון־טייל פון שטאָט. דער כּעס האָט אין אים געזידט ווי אַ קעסל. ער איז געווען אויסער זיך. פון זיינע ליפּן האָבן זיך פון צייט צו צייט אַרויסגעריסן שאַרפע אויס־דריקן. פאַר זיך אַליין האָט די אַרבעט באַ מייערן נישט געהאַט פאַר אים קיין שום באַדייטונג; ער האָט געהאַט פון איר ווינציק און ער האָט זיך פאַרנומען מיט איר בלויז דורך אגב. אָבער דווקא דערפאַר איז נאָך גע־ווען אויפרעגנדיקער דער געדאַנק, אַז אפילו צוליב אַזאַ אומבאַדייטנדיקער אַרבעט דאַרף ער מקריב זיין זיינע איבערצייגונגען. און אַלע איבעריקע האָבן געשוויגן און לויט זייער אויסזען איז שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס אייגנטלעך זיי האָבן געטראַכט, כאָטש ס'וואָלט געווען זייער נאַ־טירלעך פון זייער זייט אונטערצוהאַלטן אַ חבר. מייער האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ מין דיקע וואַנט, וואָס האָט געשטערט יעדער באַוועגונג פאָרויס.

קודם כּל איז פעללע אַוועק זיך אַן עצה האַלטן מיטן מויערער־

שטאָלפּע; אַלס לאַנגיאָריקער פּאָרזיצער פון פּראָפ. פּאַריין האָט ער געהאַט אַ גרויסע דערפאַרונג אין אַזעלכע פראַגן.

— יאָ, פון מייערס זייט איז דאָס גאַנץ נאַטירלעך. אגב, שוין נישט דאָס ערשטע מאָל האָבן מיר צו טון מיט אַזעלכע הענדלער פון לעבעדיקער סחורה. מיר קענען זיי: „איר האָט דאָ נישט וואָס צו טון; מיר דאַרפן נישט האָבן קיין אויפהעצער!" אויך איך בין בשעתו געווען אַזאַ געיאָגטער הונט. כ'פלעג קומען אין שטוב און געפינען די מוטער אַ פאַרווײנטע. כ'האָב דאָס זייער גוט באַמערקט, אָבער ווען כ'פלעג רעדן מיט איר, פלעגט זי מיך אונטערהאַלטן: „בלייב פעסט, שטאָלפּע, גיב זיך נישט אונטער". „דו פאַרגעסט אָבער וועגן טרוקענעם שטיקל ברויט" — פלעג איך פּראָטעסטירן. „אַ וויכטיקע מעשה. כ'קען קיין וועש וואַשן!" אָט אַזוי האָט אויסגעזען דעמאָלט. איצט בלאָזט דער ווינט פון דער פאַר־קערטער זייט. די באַלעבאַטימלעך גריסן העפלעך דעם אַלטן שטאָלפּע, ניין, מייערן דאַרף מען איינבייסן, מ'דאַרף אים דערקלערן אַ באַיקאָט.

פּעלע האָט גאָרנישט געהאַט דערקעגן.

— זאָל זיך עס נאָר איינגעבן — האָט ער געזאָגט — אונזער אָרגאַ־ניזאַציע איז נאָך זייער שוואַך.

— יעדנפאַלס דאַרף מען זיך פּרובירן. דאָס קען אים ברענגען אַביסל שאָדן. ער וויל בײַ דיר אָפּנעמען דאָס שטיקל ברויט דערפאַר, וואָס דו ביסט נישט מסכים מקריב צו זיין דיין געוויסן. טאָ דראָ אים, אַז דו וועסט אָפּנעמען בײַ אים דעם טייסטער; ווייל אין אים געפינט זיך טאַקע זיין געוויסן. אויב דאָס וועט אפילו נישט געלינגען, וועט איר דערפאַר אַן איבעריק מאָל זיך אַליין איבערצייגן, אַז איר האָט נישט קיין קנעכטישע נשמות.

פּעלע איז נאָך אונטערגעזעסן אַביסל בײַ שטאָלפּען. אין געהיים האָט ער געהאָפט צו טרעפן עלענען. אָבער ער האָט זיך נישט דער־וועגט צו פרעגן, צי זי וועט היינט קומען אַ היים. פרוי שטאָלפּע האָט אים איינגעהאַלטן צום אָוונט־ברויט. זאָגנדיק, אַז אינגיכן וועלן קומען די זין. פּעלע אָבער האָט קיין צייט נישט געהאַט, ער האָט געמוזט צוגרייטן דעם באָדן פאַרן באָיקאָט.

— טאָ קומט זינטיק; דאָס איז עלענס געבוירנטאָג.

פּעלע איז מיט פעסטע טריט אַוועק צום פּראָפ. פּאַריין. די איינ־לאַדונג אויף זונטיק האָט אָפּגעווישט די לעצטע שפּורן פון זיין אויפרע־

גונג. ער איז געווען אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג: דער פאַרשטייענ־דיקער קאַמף מיט מייערן האָט אים אויפגערודערט. ער איז זיכער געווען, אַז דער פּאַרזיצער פּעטערסען וועט זיך שטעלן אויף זיין זייט. ער זאָל נאָר זיין געזונט. אויך ער האָט אַמאָל געאַרבעט באַ מייערן און געטראָגן אויף אים אַ שרעקלעכע שנאה. מ׳האָט דערציילט, אַז פּעטערסען האָט געמאַכט אַ קליינינקע, אָבער זייער שאַרפזיניקע דערפינדונג צו פאַרשפּילען דאַמען־שיך. אַליין האָט ער נישט געקענט אויסנוצן זיין דערפינדונג און ער האָט זיך געווענדט צו מייערן. און יענער האָט די דערפינדונג גע־האַלטן פאַר זיין אייגנטום, ווייל זי איז דאָך געמאַכט געוואָרן פון זיינעם אַן אַרבעטער. ער האָט אויף דערדאָזיקער קלייניקייט אַרויסגענומען אַ פּאַטענט און געמאַכט אויף דעם אַ נישקשהדיקן קאַפּיטאַל. און ווען פּע־טערסען האָט גענומען פאָדערן זיין חלק, האָט ער אים אָפּגעזאָגט. פּע־טערסען אליין האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן דעם; ער איז געזעסן באַ זיך אין קעלער און פאַרביטערט געטראַכט וועגן דער אומגערעכטי־קייט; ער האָט זיך שוין קיינמאָל נישט געקענט גוט איינאָרדענען. כמעט זיין גאַנצע צייט האָט ער אָפּגעגעבן דעם פאַריין, כדי מיט זיין הילף זיך נוקם צו זיין אין מייערן, אָבער דער ענין האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. אים האָט געפעלט אויסגעהאַלטנקייט און חוץ דעם האָט די שווינד־זוכט אונטערגעריסן זיין ענערגיע.

ווען פעללע האָט אים דערציילט וועגן זיין פּלאַן, האָט ער זיך אינגאַנצן גענומען טרייסלען פון אויפרעגונג.

— ווען מיר זאָלן זיך נאָר קענען דערקלויבן צו אים, — האָט ער הייזעריק געשעפּטשעט, צוגויפדריקנדיק די פויסטן פון זיינע דאַרע הענט, אויף וועלכע דער טויט האָט שוין אַרויפגעלייגט פינצטערע שאָטנס. — כ׳בין גרייט אָפּצוגעבן מיין נעבעכדיק לעבן, אַבי צו רוינירן דעמדאָ־זיקן זשוליק. זעסט! — האָט ער געזאָגט. ווייזנדיק פעללען דעם בלאַנק־אָנגעשלייפטן מעסער־שאַרף, וואָס איז געווען פעסט איינגעפּאַסט אין אַ הילצערן הענטל. — ווען נישט די קינדער, וואָלט איך אים אַט דאָס שוין לאַנג אַריינגעזעצט צווישן די ריפּן.

זיינע גראָע, אומרויקע אויגן האָבן געפונקלט, ווי שאַרף שטאָל.

— נו, פאַרשטייט זיך, פאַרשטייט זיך... — האָט פעללע געזאָגט און אים געגלעט די האַנט, כדי אים אַביסל צו באַרויקן. — דאָס זענען נאַרישקייטן, אַזוי וועט מען נישט דערגרייכן דעם ציל. בלויז מיט גע־מיינזאַמע כוחות קענען מיר זיך דערשלאָגן צום דערפאָלג.

— ווילסט פירן מיט אים אַ לעגנערן קאַמף? איך טויג זיך שוין מער נישט דערצו. כ׳האָב נישט קיין כּוח, — האָט פּעטערסען געזאָגט, — דערפאַר וועל איך געבן אַ סיגנאַל און זיי זיכער, אַז אַלע וועלן זיך אויפכאַפּן. דאָס וועט שוין זיין דיין זאַך צו זאָרגן דערפאַר, דאָס פייער זאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן.

פעללע האָט גוט אויסגענוצט דעם טאָג און דעם צווייטן אָוונט איז שוין פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון פראָפ. פאַריין. פּעטערסען האָט געהאַלטן אַ פלאַם-פייערדיקע רעדע, זיינע אויגן האָבן געברענט און די שוואַרצע אויגן-לעכער און זיין אויסגעמאַטערטער אויסזען איז געווען אַ לעבעדיקער באַווייז פאַר דער נויטווענדיקייט צו פירן אַ בלוטיקן קאַמף. דער באָיקאָט איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַ מערהייט שטימען.

דערנאָך איז אַרויסגעטרעטן פעללע. עס פאָדערט זיך אַ סך צו אָרגאַניזירן. אין קאַסע איז נישטאָ קיין געלט; יעדער מוז צולייגן כּוחות, אַז מייער זאָל נישט באַקומען קיין אַרבעטס-הענט. אָבער דאָס אַלץ מוז מען גוט באַטראַכטן, אָפּוועגן אַלע שוועריקייטן, ערנסט באַגרייפן דאָס, אויף וואָס מ׳גייט, כּדי דאָס זאָל נישט זיין קיין פּוסטע שיכּרות, אויף וועלכע מ׳וועט שוין גלייך מאָרגן חרטה האָבן — און ערשט דעמאָלט אַ דריי פאַכיקער הוררא און אַ גליקלעכער סוף!

צוליב דעם אַלעם האָט פעללע געמוזט פאַ־לירן אַ סך צייט אויף אַ־ומלויפענישן. אָבער ווער קוקט אויף דעם. פעללע האָט זיך אַ סך אָנגעזעסן און ס׳איז פאַר אים זייער נוצלעך צו זיין אַביסל אויף פרישער לופט. דערפאַר האָט ער געאַרבעט דורך די נעכט, כּדי אָנצויאָגן באַנאַכט דאָס, וואָס ער פלעגט פאַרנאַכלעסיקן באַטאָג. אָנשטאָט מייערן האָבן אים פאַרזען מיט אַרבעט די קליינע באַלעבאַטימלעך, בא וועלכע ס׳האָט זיך ערב יום-טוב אָנגעקליבן אַ סך אַרבעט. גלייך אויפן צווייטן טאָג, ווי מייער האָט אים אַרויסגעטריבן, האָט זיך אין „אַרבעטער“ באַוויזן אַ ידיעה וועגן דערקלערטן באָיקאָט. ער האָט אויסגעשניטן די נאָטיץ און בעת דער אַרבעט זי אָפט אַרויסגענומען און איבערגעלייענט. יאָ, דאָס איז געווען ער, פעללע, כאָטש אין קיין אָרט איז וועגן דעם נישט גערעדט געוואָרן: פעללע און דער באַלעבאָס פון גרעסטן וואַרשטאַט אין שטאָט — צוויי קעגנער, ווער וועט זיך אַרויסווייזן פאַרן שטאַרקערן?

פעללע האָט אָפט באַזוכט שטאָלפּען, דערביי זענען זיינע באַזוכן אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן צונויפגעפאַלן מיט עללענס פרייע טעג. ער פלעגט זי באַגלייטן אַהיים און גייענדיק צוזאַמען, געשמועסט וועגן פאַר־

שידענע אײנסטע פראַגן. אין ביידע איז נישט געווען צו מערקן קיין שום שטורמישס; זיי זענען געגאַנגען רויק, ריכטיק, ווי זיי האָבן נאָך געהאַט פאַר זיך דאָס גאַנצע לעבן. דער קאַמף מיט מייערן האָט אָפּגעקילט פעללעס היציקן כאַראַקטער. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס עללען איז געווען זייער איינגעשלאָסן אין זיך. איז ער פונדעסטוועגן געווען זיכער מיט איר. ער האָט אוממיטלבאַר געשפירט. וואָס זי שטעלט פאָר מיט זיך אין איר טיפסטן וועזן און ווי אַזוי זי מוז אויסזען אין דער צוקונפט. זי האָט געהערט צו יענע נאַטורן, וואָס זיי איז שווער דורכצורייסן זייער הייטל, כדי אַרויסצושטעלן אויף דער ליכטיקער שיין דעם קערן, וואָס געפינט זיך אין זיי, ס׳האָט זיך אים אָבער געדאַכט, אַז הינטער איר פאַרשלאָסנקייט רייפט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ שייכות צו אים פּערזענלעך און ער האָט געדולדיק געוואַרט.

איינמאָל אינאָוונט האָט ער זי, ווי געוויינלעך, צוגעפירט אַהיים: זיי זענען שטיין געבליבן בײַ דער טיר און זיך געזאָגט אַ גוטע נאַכט. זי האָט אים דערלאַנגט איר האַנט מיט אַן אומגעשיקטער, איינגעהאַלטענער באַוועגונג, וועלכע מ׳האָט אויך געקענט אָננעמען פאַר אַ שטילן פאָרווורף און גענומען אַרויפגיין אויף די שטיגן.

— צי דען וועט דאָס שוין גיין אַזוי דאָס גאַנצע לעבן? — האָט פעללע געפרעגט מיט אַ געלעכטער, נישט אַרויסלאָזנדיק אירע פינגער — דו האָסט מיך דאָך פונדעסטוועגן ליב?...

זי איז געשטאַנען אַ שווייגנדיקע; איר פּנים האָט אויסגעדריקט אַ שטרענגע האַרטקייט; דערנאָך האָט זי אויסגעצויגן צו אים די ליפּן און מעכאַניש אים אַ קוש געטון, ווי עס קושט אַ קינד, מיט שטייף צוגעמאַכטע ליפּן. ווען זי האָט זיך שוין געפונען אינמיטן די שטיגן, איז זי פלוצלינג אַראָפּגעלאָפן צו אים, אים צוגעצויגן צו זיך און גענומען קושן. זי האָט פאַרמאָגט אַזוי פיל קראַפט, אַזוי פיל עפּעס פאַנאַטישס, אַז פעללע איז אינגאַנצן צעמישט געוואָרן. ער האָט זי נישט דערקענט און ווען ער איז געקומען צו זיך, איז זי שוין געלאָפן אינדערהייך איבער די שטיגן. פעללע איז געווען פאַרבליפט; ווי אַ פייערדיקער שטורם וואָלט זיך דורכגעטראָגן פאַרביי אים; ער האָט געהערט, ווי זי איז געלאָפן, פונקט ווי עמעץ וואָלט זי פאַרפאָלגט.

פון דעם טאָג אָן איז זי געוואָרן ווי אַ פאַרביטענע, איר ליבע, ווי אַ פרילינגס־בלימל. האָט זיך צעעפנט אין איין נאַכט. זי האָט נישט געקענט אויסקומען אָן פעללען קיין איין טאָג. איז עללען אַרויסגעגאַנגען אין גאַס

איינקויפן, פלעגט זי אומבאַדינגט אַריינלויפן אין „נחת תיבה״. איר פרי־ערדיקע צעקראָכנקייט איז פאַרשווונדן און פאַרביטן געוואָרן מיט אַ גע־שפּאַנטקייט, וואָס איז געקומען פון אירע טיפענישן און אַדורכגעדרונגען אַלץ אירע באַוועגונגען. עלען האָט גערעדט ווינציק, ווען זיי פלעגן זיך טרעפן, זי האָט זיך שטאַרק געטוליעט צו אים, ווי זי זאָל חעלן פאַר־שטיקן אין זיך עפּעס אַ ווייטיק, און האָט באַהאַלטן איר פּנים. האָט ער אויפגעהויבן איר קאָפּ, פלעגט זי צומאַכן די אויגן, שווער אָפּזיפּצן און הערן אים אַ שמייכלענדיקע, עפּעס אונטערזינגענדיק.

ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי באַמיט זיך אַריינצודרינגען אין דער טיפסטער טיפעניש פון זיין וועזן. פעללע האָט געפילט אַ באַדערפעניש אויסצוגעפינען זיין אייגן וועזן און ער האָט זיך געפילט זיכערער פון קומען אין באַרירונג מיט איר; אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום אים, האָט ער זיך באַמיט צו געבן אַ זין מיט דער הילף פון אייגענעם באַ־וווסטזיין, און ער האָט מיט אַזוי פיל שרעק זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס איז דערגאַנגען צו אים פון דער טיפעניש פון זיין באַוווסטזיין, און ער האָט אַזוי אָפּט געספּקט און זיך געוווּנדערט, נישט ווייסנדיק אַליין חעגן דעם! און אָט האָט עללען עס באַשטעטיקט מיט דער זעלבער זיכערקייט, מיט וועלכער זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין האַנט; זי האָט געשוויגן און בלויז געקוקט אויף אים, אָבער תמיד פלעגט דערדאָזיקער קוק נע־מען אַריינדרינגען אין זיין טיפעניש און ס׳איז געווען אין אים עפּעס אַ שטאָלצער רוף; אין דידאָזיקע מינוטן האָט זיך פעללע געפילט אומגע־הייער רייך.

און ווען עללען פלעגט אַזוי קוקן אויף אים, פלעגט זי רעדן מיט עפּעס, וואָס באַ אים אינעווייניק. אָבער וואָס זי האָט אַזוינס גערעדט, האָט ער נישט געוווּסט, אַזוי ווי ער האָט נישט געוווּסט, וועלכן ענטפער ס׳האָט באַקומען עללען, ווען ער פלעגט מיט עפּעס אַ פראַגע איבעררייסן דידאָזיקע פאַרצויבערנדיקע דורכדרינגונג, פלעגט זי זיך ווי אויפכאַפּן, טיף אָפּזיפּצן און אים קושן.

אויף עללען האָט מען זיך געקאָנט רויק פאַרלאָזן, זי האָט קיין שום עגאָיסטישס נישט פאַרמאָגט; אירע באַלעבאַטים האָבן זי זייער גע־שעצט און זי האָט געטרוימט בלויז וועגן דעם, צו געהערן פעללען — מער נישט. און איר דאָזיקער טרוימערישער בליק האָט פעללען באַגייס־טערט. די זיניקע טרוימען וועגן דער צוקונפט, וואָס זענען געבוירן גע־וואָרן באַ אים אַליין, פלעגט ער איר צושרייבן, און זי פלעגט זיך צו־

הערן מיט אַ צעשטרייטן שמייכל צו זיינע שיינע ווערטער, נישט צוגעבנדיק גאָרנישט צו זיינע געדאַנקען. איר טיפע, איבערגעגעבענע ליבע האָט פעללען געוואָרעמט און אים געשטויסן נאָך שטאַרקער זיך רייסן צו ליכט.

עללען איז געווען אַזאַ אומדערשיטערלעך-שטרענגע אין איר טיפן געפיל, אַז די יתומים האָבן זי אין שפּאַס גערופן „הייליקע". פעללע האָט זיך זייער גוט געפילט בײַ דער פאַמיליע שטאַלפּע. ווי הינטער דער געשעפטסמעסיקער קרוינשטאַטישער אַטמאָספער האָט זיך געפילט אַ ריין-פּאַטריאַרכאַלער טאָן. אין אַלץ איז געווען צו מערקן אַ שטרענגער סדר און אַכטונג צו די עלטערן, באַזונדערס צום פאָטער, וואָס זיין אויטאָריטעט איז געווען אומבאַגרענעצט; קיינער האָט אפילו נישט געטאָרט זיך זעצן אויף זיין אָרט; ווען ער פלעגט קומען פון דער אַרבעט, האָבן זיך זיינע דערוואַקסענע זין געאיילט אים דערלאַנגען די לאַטשן, און דאָס ווייב פלעגט באַהאַלטן פאַר אים דעם געשמאַקסטן ביסן. דער ייִנגסטער זון, פרעדעריק, וואָס האָט שוין איינגיכן געוואָרפן ענדיקן זיין לערע, האָט זיך געפרייט ווי אַ קינד, וואָס ס'איז שוין נאָענט דער טאָג, ווען ער וועט ווערן אַ געזעלן און טרינקען מיטן פאָטער ברודערשאַפט. זיי האָבן געהאַט אַ נייע, רחבותדיקע דירה פון דריי צימערן מיט אַ בוידעם-שטיבעלע, פאַר פעללען, וואָס איז געווינט געווען צו זעען בײַ זיינע חברים בלויז איין צימער, איז שטאַלפּעס דירה געווען אַ גאַנצע אַנטפּלעקונג. די קינדער האָבן געלעבט און זיך דערנערט אינדערהיים, געשלאָפן אין בוידעם-שטיבעלע. די שטוב-ווירטשאַפט האָט זיך אויסגעהאַלטן מיט געמיינזאַמע כוחות. אויב די גאַנצע פאַמיליע האָט פאַרגעטערט דעם הויפּט פון דער פאַמיליע, — איז דאָס געשעען נישט פון קריכעריי, — זיי האָבן בלויז נאָכגעטון דעם אַלגעמיינעם ביישפּיל. שטאַלפּע איז אין זיין פאַך געווען זייער אַ בכבודער מענטש, אַ וועטעראַן פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. זיין וואָרט איז געווען אייזן-פעסט. בלויז איין עללען האָט זיך אים נישט אונטערגעוואָרפן און גאַנץ אָפט זיך געשפּאַרט מיט אים, אַמאָל אפילו נישט צוליב עפּעס, נאָר בלויז צוליבן פאַרלאַנג זיך אים אַנטקעגנצושטעלן. זי איז געווען אַ בת-יחידה אין דער פאַמיליע, אַלע האָבן זי ליב געהאַט און זי האָט געוווּסט ווי דאָס אויסצונוצן. אַמאָל האָט זיך געדאַכט, אַז דער פאָטער, אַרויסגעפירט דורך איר פון די כלים, איז זי גרייט צו צערייסן, אָבער אָנשטאָט דעם פלעגט ער זיך נאָר אָפּט איר-

אונטערגעבן. דער פּאַטער האָט זיך זייער גוט באַצויגן צו פּעלּלען און אין געהיים נאָך מער זיך גענומען גרויסן מיט דער טאָכטער.

— זעסט, מוטער, וואָס עס טוט זיך מיט אונזער מיידעלע? ! זי ווייסט וועמען אויסצוקלויבן פאַר אַ מאַן!...

— יאָ, אויך איך האָב קענען אים גאַרנישט, — פּלעגט זאָגן פרוי שטאַלפּע. — ער איז נאָך אַ ביסל אומגעהאָבלט, אָבער מיט דער צייט וועט ער זיך אויסרייבן.

— ער — אומגעהאָבלט? ניין, ער ווייסט, וואָס ער וויל, גלויב מיר, זי האָט אויסגעזוכט פאַר זיך דעם ריכטיקן באַלעבאָס, — האָט שטאַלפּע געזאָגט מיט אַ נצחון־טאָן.

איןביידע ברידער האָט פּעלּלע געפונען טרייע פריינט, וועלכע האָבן טיילווייז געקוקט אויף אים פון אונטן אַרויף.

XI.

מיטן באַיקאָט איז דערווייל פאָרגעקומען פאָלגנדעס: דער הויף־שוסטער האָט צונויפגערופן אויף אַ פאַרזאַמלונג אַלע באַלעבאַטים; אויף דערדאָזיקער פאַרזאַמלונג איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ פאַריין פון מייסטערס, וועלכער וועט אָפּזאָגן פון דער אַרבעט אַלע מיטגלידער פון פראָפעסיאָנעלן פאַריין. אַזוי אַרום וואָלט מען געקאָנט מיט איין קלאַפּ ליקווידירן דעם גאַנצן אינצידענט, אָבער דערצו איז נישט דערגאַנגען. די קליינע מייסטערס האָבן זיך דערשראָקן דערפאַר, אַז זייערע געזעלנס וועלן דאַן אַרבעטן זעלבשטענדיק און קאָנקורירן מיט זיי. פון דער צווייטער זייט האָבן זיי אינסטינקטיוו מער מורא געהאַט פאַר די גרויסע אונטערנעמער, ווי פאַר זייערע געזעלנס, און האָבן זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן אַריינצוטרעטן אין פאַריין פון די מייסטערס. זיי האָבן חושד געווען אין אים דעם ערשטן טריט צו קאָנצענטרירן די פּראָדוקציע אין ווייניקער הענט און צו פאַרניכטן די קליינע אונטערנעמונגען. באַזונדערס חשודיק האָבן זיך די קליינע מייסטערס באַצויגן צו מייערן, וועלכער האָט פאַרבעסערט זיין געשעפט אויף זייער חשבון.

דורכן מייסטער בעק האָט זיך פּעלּלע דערוויסט וועגן אַלץ, וואָס

עס קומט פאַר צווישן די מייסטערס. מייער האָט געפאָדערט, אַז בעק זאָל קינדיקן פעללען, אָבער בעק האָט נישט געהאַט קיין חשק זיך אונ־טערצוואַרפן דערדאָזיקער פאָדערונג.

— איך האָב זיך נישט וואָס צו קלאָגן אויף אייך, — האָט ער געזאָגט צו פעללען. — אייער פראָפאַריינאַרבעט איז מיר, פאַרשטייט זיך, נישט צום האַרץ, בעסער לאָזט דאָס אַלץ צורו. אָבער מיט אייער אַרבעט בין איך זייער צופרידן. איך האָב זיך תמיד באַמיט צו האַנדלען גערעכט. אויב אייך וועט געלינגען אונטערצושטעלן אַ פיסל מייערן, דאַן וועלן מיר אַלע, די קליינע מייסטערס, אייך זיין דאַנקבאַר. ער פרעסט אונז ממש אויף.

אָבער נישט אַזוי לייכט איז אָנגעקומען אונטערצושטעלן מייערן אַ פיסל. פאַרקערט, ער האָט אָפּגעזאָגט די מיטגלידער פון פאַריין, און אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט אַרבעטן האָבן נישט געפעלט. ער האָט אויסגעשריבן שוועדן, צוזאָגנדיק זיי אַ הויכן פרייז. די אַרבעט, וועלכע מייער פלעגט אַרויסגעבן אויפן שטיק, האָט געטריבט די מעגלעכקייט ווי געהעריק זיך אונטערצוגראָבן אונטער אים. פעללע און די איבעריקע האָבן לויט דער ריי נאָך געהאַלטן וואַך פאַר זיין וואַרשטאַט אין יענע שעהן, ווען מען פאַרטיילט די אַרבעט, כדי אויסצוגעפינען, ווער עס אַרבעט ווייטער פאַר אים. זיי איז געלונגען צו כאַפּן עטלעכע מענטשן און טיילווייז זיי ברענגען צום שכל, טיילווייז אָפּצודרוקן זייערע נעמען אין „אַרבעטער". אָבער דעמאָלט האָבן זיי אָנגעהויבן צו שיקן נאָך אַר־בעט זייערע ווייבער און קינדער, — און קעגן דעם האָט מען גאַרנישט געקאָנט מאַכן. מייערן האָט געקאָסט אַ סך געלט דאָס אויפהאַלטן די אָרדנונג אין דער אונטערנעמונג, אָבער דער פאַריין האָט פאַרלוירן נאָך מער. ער איז נאָך געווען שוואַך: די גרויסע אונטערנעמער האָבן זיך גרופירט אַרום מייערן און האָבן נישט געוואָלט האָבן צו טון מיט די מיטגלידער פון פאַריין, כל זמן מען וועט נישט אַראָפּנעמען דעם באָיקאָט פון מייערן.

דאָס איז געווען אַ מפלה; אָבער פעללע האָט זיך דערביי עפּעס־וואָס אויסגעלערנט. עס האָט געזיגט דער שטאַרקערער. דער צוזאַמענ־שלוס איז נישט געווען קיין געניגנדיקער. הייסט עס, אַז מען דאַרף פירן נאָך אַ גרעסערע אַגיטאַציע, אָרגאַניזירן שמועסן, איינאָרדנען מיטינגען. זייער דראַנג צום נייעם האָט זיי געטריבן צו פאַרייניקונג, אָבער דאָס

נעפיל פון כבוד איז נאָך בא זיי נישט געווען גענוג אַנטוויקלט. די נישטיקסטע מפּלה פלעגט זיי ווידער צעשטויבן.

פעללע האָט נישט פאַרלוירן דעם מוט. הייסט עס, אַז מען דאַרף אָנהייבן פונסניי, און גאָר. אויף צומאָרגנס, נאָכדעם ווי די מפּלה איז געוואָרן אינגאַנצן קלאָר, איז שוין פעללע געווען פאַרטאַראַראַמט. דער באַשלוס צו אַרבעטן מיט אַ פאַרטאָפּלטער קראַפט האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, איינגעוואָרצלט אין זיין גאַנצן וועזן און האָט זיך געפילט אין יעדן קלאַפּ פון זיין המערל. די אַרבעט האָט געבריענט אונטער זיינע הענט; ער האָט אונטערגעפייפט, דאָס פענצטער איז געווען אָפן, כדי די נאַכט-אויסדאַמפּונגען זאָלן זיך אויסלופטערן; אויף די דעכער איז געלעגן פראָסט, אין קאַלטן הימל האָבן געפינטלט שטערנס. אָבער פעללען איז נישט געווען קאַלט. ער האָט נאָר-וואָס געהאַט אויפגעוועקט די יתומים: ער האָט געהערט ווי זיי האָבן זיך געפּאַרעט בא זיך אין צימער. אין קאָרידאָר האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פון די נאָך גאַנץ פאַרשלאָפענע איינוווינער פון „נחס תיבה". פעללע האָט אונטערגעפייפט אַ מאַרש; נעכטן האָט ער אָפּגעשיקט אַהיים די לעצטע טייל פון זיין חוב און ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צום פאָטער, ער זאָל תּיכּף קומען צו פאָרן צו אים. עס האָט געטאָגט. מאַריאַ האָט אים געבראַכט קאַווע און איבערגעגעבן דורך דער טיר.

— גוט מאָרגן, — האָט זי פריילעך אַ געשריי געטאָן אין דער שפּאַרע פון דער טיר. — היינט איז אַ פּרעכטיק וועטער, פעללע!

זי האָט זיך נישט באַוויזן, ווייל זי איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן אָנגעטון. — די יינגלעך האָבן אים געגריסט, פאַרביילויפנדיק. קאַרל האָט געהאַלטן אין די הענט דאָס וועסטל און די מאַרינאַרקע; ער פלעגט זיי תמיד אָנטון אין גאַנג, אַרונטערלויפנדיק פון די שטיגן.

ווען עס איז געוואָרן אינגאַנצן ליכטיק, איז מאַריאַ געקומען צו-רוימען זיין צימער. בעתן רוימען האָבן זיי געפירט אַ שמועס.

— הער נאָר, מאַריאַ, — האָט פלוצלינג פעללע אויסגעשריגן, — נעכטן איז דאָ געווען עללען און זי האָט דיך געבעטן איבערגעבן וועגן דעם, ווען איך וועל צוריקקומען. און דו האָסט מיר קיין וואָרט וועגן דעם נישט געזאָגט.

איר פּנים האָט אָנגענומען אַ האַרטן אויסדרוק, זי האָט אָבער גאָר נישט געענטפערט.

— גוט, וואָס כ׳האָב זיך געטראָפן מיט איר, דאָס איז אָבער גע־שעען גאַנץ צופעליק, אַנישט וואָלטן מיר זיך אויסגעמיטן.

— הייסט עס, אַז כ׳האָב פאַרגעסן, — האָט אומצופרידן געזאָגט מאַריאַ.

— יאָ, אין דעם גייט עס טאַקע, וואָס דו האָסט פאַרגעסן. דאָס טרעפט שוין מיט דיר דאָס צווייטע מאָל היינטיקע וואָך. וואָסי — דו ביסט פאַרליבט? — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ געלעכטער.

מאַריאַ האָט אים געוויזן די פּלייצע.

— וואָס גייט זי מיך אָן! איך בין לחלוטין גאָרנישט מחויב עפּעס צו טון פאַר איר! — האָט זי פּלוצלינג פאַרריסן אויסגעשריגן. — און כ׳וועל מער נישט צורוימען דיין צימער. זאָל זי אַליין צורוימען פאַר דיר.

זי האָט געכאַפּט דעם עמער און די וואַש־שמאַטע און איז אַנט־לאָפן אין איר צימער. אינגיכן האָט ער דערהערט איר קול; צוערשט האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי זינגט אונטער עפּעס אַ לידל, אָבער פּלוצ־לינג האָט זיך דערהערט אַ כליפּען, ער איז געלאָפן צו איר; זי איז געלעגן אויפן בעט און געיאָמערט, געביסן דאָס קישן און מיט די גאַנצע כוחות געפּאַכעט מיט די הענט, באַמיענדיק זיך אַ קלאַפּ צו טון פּעללען. איר גאַנץ דאַרינקע קערפּערל האָט געברענט, ווי אין פייער.

— דו ביסט קראַנק, מיין פייגעלע, — האָט ער געזאָגט, אַ טאַפּ טוענדיק איר שטערן. — לייג זיך אין בעט און טרינק עפּעס וואַרעמס, כדי גוט זיך דורכצושוויצן. כ׳וועל דיך אָנוואַרעמען.

זי איז באמת געווען קראַנק. אירע אויגן האָבן געברענט, און די הענט זענען געווען פייכט און קאַלט. זי האָט אָבער וועגן קיין זאַך נישט געוואָלט הערן.

— גיי פונוואַנעט דו ביסט געקומען, — האָט זי מיט כעס גע־שריגן, — פאַרנעם זיך מיט דיין אַרבעט און לאָז מיך צורו!

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און העזהדיק אַ דריי געטון מיטן אַקסל.

— גיי בעסער דאַרטן און באַרויק פּעללען! — האָט זי פּלוצלינג אויסגעשריגן און בייז זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— פאַרוואָס ביסטו אַזאַ, מאַריאַ? — האָט פּעללע געזאָגט מיט פאַרדראָס. — ביסט זייער נישט קיין גוטע.

זי האָט פאַרגראָבן דאָס פּנים אין קישן און נישט געוואָלט נישט

קוקן אויף אים, נישט אים ענטפערן. דאַן האָט ער זיך אומגעקערט צו זיין אַרבעט.

אינגיכן איז זי געקומען און זיך גענומען צורוימען, זי האָט גע־וואָרפן די זאַכן, נישט קוקנדיק וווהין. פעללע האָט אָנגעשטעלט אַ פאַרריכטע פאַר קאַמאַשן באַם אויוון טריקענען; זי האָט זי אַראָפגע־וואָרפן און פון אונטער די אויגן מיט שאַדנפרייד געקוקט אויף אים. דערנאָך איז געפלויגן אויף דער ערד אַ טעפּעלע מיט קליי און זיך צעבראָכן אויף פיץ־פּיצלעך.

— זי טוט דאָס אַלץ אומישנע, — האָט פעללע אַ טראַכט געטון, מיט פאַרדראָס, צונויפגענומען דעם קליי און אים אַריינגעלייגט אין אַן אַנדער געפעס. זי האָט אים נאָכגעקוקט מיט שלעכטע אויגן, שאַרפע, ווי אַ נאָדל.

ער האָט זיך ווידער געזעצט צו דער אַרבעט, מאַכנדיק זיך, ווי ס'וואָלט קיין שום באַזונדערס נישט געשען. פּלוצלינג האָט ער דער־פילט אַרום זיין האַלז אירע דינינקע הענטעלעך.

— זיי מיר מוחל, — האָט זי גערעדט מיט טרערן אין קול און פאַרגראָבן דאָס פּנים אין זיין אַקסל.

— נו, נו, נאַרישקייטן, קיין שום באַזונדערס איז נישט פאָרגע־קומען; ס'איז צעבראָכן געוואָרן אַן אַלט טעפּעלע; ביסט נישט שולדיק.

זי האָט זיך אָבער אינגאַנצן געקאָרטשעט פון געוויין און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָסדאָזיקע געוויין וועט אינגאַנצן צעשטערן איר די־נינקע קערפּערל.

— ניין, איך האָב דאָס בכיוון געטון, און כ'האָב אומישנע אַראָפּ־געוואָרפן די קאַמאַשן, און בכיוון האָב איך דיר גאָרנישט איבערגעגעבן. איך וואָלט געקאָנט דיר אָנטון נאָך מער נגישות. איך בין אַזאַ עקלהאַפטע! אַן עקלהאַפטע! אַן עקלהאַפטע! פאַרוואָס שלאָגסטו מיך נישט אָן ווי געהעריק! ווען דו וואָלסט כאָטש איין מאָל אין כעס געוואָרן אויף מיר נישט אויף קאַטאָוועס!

זי איז געווען אויסער זיך און זי האָט גערעדט אַליין נישט וויסנ־דיק וואָס.

— הער צו, זיי אַ קלוג מיידל, — האָט פעללע געזאָגט פעסט. — דאָס איז לגמרי נישט אינטערעסאַנט. איך האָב זיך הייַנט אַזוי געפרייט,

וואָס כ'וועל אַרבעטן אין שטוב מיט דיר, און דאָ פאַלן אָן אויף דיר אַנפאַלן, אַקוראַט ווי בײַ באַלעבאַטישע טעכטער.

זי האָט מיט מי איינגעהאַלטן איר געוויין און איז אַוועק אין איר צימער, שטיל כליפּענדיק. אָבער גאָר אינגיכן איז זי צוריקגעקומען; זי האָט געטראָגן אין די הענט אַ טעפּעלע אויף קליי און אַ קליינינקע בלייערן קעסטעלע מיט אַ שפּעטל אינדערמיט. דאָס איז געווען איר קאַסעלע.

— נעם, — האָט זי געזאָגט און אַוועקגעלייגט דאָס קעסטעלע אויף זיינע קני. — דו קאָנסט זיך דערפאַר קויפן קאַפּיטעס, און דו וועסט נישט דאַרפן בעטן קיין אַרבעט בײַ די קליינע מייסטערס. דאָ אין „נחת תיבה“ איז דאָ גענוג אַרבעט.

— אָבער, מאַריאַ, דאָס איז דאָך דיין געלט פאַר דער דירה, — האָט געזאָגט פּעללע, — און מאָדנע...

— טאָ איז וואָס? ביז צום ערשטן וועל איך ווידער צונויפ־קלויבן.

„זי וועט ווידער צונויפקלויבן!“ — פּעלע האָט פאַרצחייפלט זיך פונאַנדערגעלאַכט. ווי לייכטזיניק זי וואַרפט זיך מיט געלט, דאָס זעלבע געלט, וועלכעס זי האָט אין משך פון אַ חודש געקליבן מיט אַזאַ מי.

— און ווי מיינסטו, וואָס וועלן אויף דעם זאָגן פּעטער און קאַרל? באַהאַלט אויף אַן אָרט דאָס קעסטעלע, אָבער גיך!

— אַך, ניין, פּעללע, — האָט זי נישט נאָכגעלאָזט און אים אונ־טערגערוקט דאָס קאַסעלע. — אַנישט וועל איך עס אַרויסוואַרפן הינטערן פענצטער! — און זי וואָלט גענומען עפענען דאָס פענצטער.

פּעללע האָט זיך אויפגעהויבן.

— אַך, יאָ, איך בין דיר דאָך שולדיק אַ קראַנע פאַרן וועש־וואַשן! גוט וואָס דו האָסט מיך דערמאָנט, — און ער האָט געוואָלט אַדורכשטופּן די קראָנע אין שפּעלטל. זי האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אומבאַ־וועגלעכע אויגן און דערנאָך איז זי אַנטלאָפן צו זיך.

אין אַ מינוט אַרום האָט זיך דערהערט איר שאַרפע שטימע, מאַריאַ האָט עפּעס אונטערגעזונגען. אינגיכן איז זי אַוועק איינקויפן; זי האָט זיך איינגעוויקלט אין איר גרוי טיכל און גענומען דאָס קיישל, מיט וועלכן מען גייט געווייגלעך נאָך שפּייז. ער האָט זיך צוגעהערט צו אירע טריט, — די צאַרטע און גלייכצייטיק אַלטינקע, — ווי זיי זענען ביס־

דעכווייז שטיל געוואָרן אין טויער, דאַן איז ער אַוועק אין די קינדערס צימער, האָט אַרויסגערוקט די דריטע שופלאָד פון קאָמאָדע, אין וועלכער מאַריאַ האָט אויסבאַהאַלטן אין דער וועש איר קאַסעלע; פעללע האָט נאָך געהאַט צוויי קראָגנען; ער האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין קאַסעלע. אויף אַזאַ אופן פלעגט ער איר צאָלן. ווען זי פלעגט איבערציילן דאָס געלט און אויסגעפונען, אַז עס איז דאָ מער, ווי ס'וואָלט באַדאַרפט זיין, פלעגט זי זיין איבערציַיגט, אַז גאָט אַליין האָט איר אַריינגעוואָרפן דאָס געלט אין קאַסעלע; זי פלעגט פריידיק לויפן צו פעללען און אים דערציילן וועגן געשעענעם. דאָס מיידעלע האָט בליינד געגלייבט אין גליק. אויפן דאָזיקן געלט האָט זי געקוקט גאַנץ אַנדערש, ווי אויף דעם צונויפגעקליבענעם.

מיטאָג-צייט איז זי געקומען צו פעללען און אים איינגעלאַדן צו זיך.

— היינט וועט זיין געבראָטענער הערינג, פעללע. דו טאָרסט זיך נישט אָפזאָגן, — האָט זי אים איינגערעדט. — קיין איין באַרנהאָלמער וועט נישט בייַשטיין דעם נסיון פון הערינג. און דו וועסט נישט דאַרפן אַרויסוואַרפן קיין פינף-און-צוואָנציקער אויף אַ שלעכט מיטאָג.

זי האָט געקויפט צען שטיק; פינף שטיק האָט זי געלאָזט פאַר די ברידער.

— און חוצדעם איז דאָ קאַווע, — האָט זי געזאָגט.

די קאַווע איז געווען פיין סערווירט, — אויף איין עק טיש איז געווען פאַרשפּרייט אַ ריינינקע סערוועטקעלע.

דער קליינער פאַוועל, דער זון פון דער אַרבעטערין, איז אויך געקומען און זיך אָנגעשטאָפּט אַ פול מויל. דערנאָך איז ער ווידער אַנטלאָפן אין קאָרידאָר און זיך דאָרט גענומען אַרומטראָגן: דער קליינער איז קיין מינוט נישט געזעסן רויק פון דעם מאָמענט, ווען די מוטער פלעגט אים פאַרלאָזן, ריכטיק ווי ער זאָל וועלן אָניאָגן די גאַנצע צייט, וועלכע ער איז געזעסן פאַרשלאָסן. דער קליינינקער אידיאָט, וועלכן מען האָט געדאַרפט צובינדן, ער זאָל זיך נישט אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבנסלוסטיק קינד, ער האָט יעדע מינוט אַריינגעשטעקט דאָס קעפל צו פעללען אין טיר; אַמאָל פלעגט ער אַריינגיין אויך אין צימער, פלעגט צוגיין צו פעללען און, אַוועקלייגנדיק די הענטלעך אויף זיינע קני, זאָגן:

— דו ביסט מיין פאַפּאַ! — און תיכף אַרויסלויפן.

מאַריאַ פלעגט פאַר אים אַלץ טון, וואָס נייטיק, און ער פלעגט תמיד קומען צו לויפן צו איר נאָך הילף.

נאָכדעם ווי מאַריאַ האָט געענדיקט צורוימען, האָט זי זיך צוגע־זעצט צו פעלען מיט איר ניי־אַרבעט און פול מיט מוטערלעכע זאָרגן, גענומען פלוידערן:

— אינגיכן וועל איך דאַרפן מאַכן פאַר די יינגלעך וואַרעמע רעק־לעך, אין דאָזיקן עלטער וואַקסן זיי אַלץ פאַרברענט. איך קוק זיך יעדן טאָג צו באַ דער הענדלערקע מיט אַלטע בגדים. אויך דו דאַרפסט קויפן אַ נייע בלוזע, יענע איז פול מיט לעכער, און דו וועסט אינגיכן נישט האָבן וואָס איבערצובייטן. אויב דו וועסט קויפן צייג, וועל איך עס דיר אויפנייען. כ׳וועל קאָנען. איך האָב זיך דאָך אַליין אויפגענייט מיין שיינינקע קאָפטעלע. גאַננאַ האָט מיר צוגעהאָלפן. פאַרוואָס גייסטו נישט מער צו גאַננאַן?

— אַזוי, כ׳ווייס נישט.

— גאַננאַ איז געוואָרן אַזאַ מאָדנע. זי קומט מער קיינמאָל נישט אַראָפ צו אונדז אויפן הויף און טאַנצט נישט מיט אונדז, ווי פריער. כ׳פלעג אָפט אַרויסקוקן דורכן פענצטער, צי איז זי נישט געקומען און ווי נאָר כ׳פלעג זי דערזען, פלעג איך אַראָפלויפן; מיט איר פלעגט זיין אַזוי פריילעך! מיר פלעגן אַרום איר פירן אַ קאַראַהאָד און זינגען:

„גאַננען ווילן מיר גריסן,
„פאַר גאַננען ווילן מיר זיך בוקן,
„פאַר גאַננען דרייען מיר זיך אַרום און אַרום“.

דערנאָך פלעגן מיר זיך בוקן און זי גריסן און, צום סוף, זיך דרייען. דו קאָנסט זיך נישט פאָרשטעלן, ווי דאָס איז פריילעך. דו וואָלסט געדאַרפט חתונה האָבן מיט גאַננען.

— דיר געפעלט לגמרי נישט, וואָס איך האָב אויסגעקליבן עללען? צו וואָס דאַרף איך נאָך גאַננען?

— אָך, איך ווייס נישט... גאַנגאַ דאָס איז...

מאַריאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן, זיך איינהערנדיק, און געעפנט אַ פענצטער. אונטן, אין „נחס תיבה“ האָט אַ קלאַפּ געטון אַ טיר; עס האָט זיך דערהערט עפעס אַ דויערנדיק שיפּען, וואָס האָט דערמאַנט דעם היי־זעריקן קלאַנג פון ווינצלעווס משוגענער פלייט אָדער פון ווינט, וואָס

וואָיעט אין די לאַנגע דורכגענג פון הויז. ווי אַן אָפּגעריסן שטיקל טון אַ קאַמישער מעלאָדיע האָט דער קלאַנג זיך געוויגט דאָרט אונטן, זיך פאַרקליבן הסכּער, זיך הערנדיק אויף די באַלקאָנען און, צולעצט, דערגרייכנדיק די טאָג-ליכט, האָט ער זיך אויסגעגאָסן אין שאַרפע קלאַנגען, פּונקט ווי אין עקסטאַז.

— גאַננאַ! גאַננאַ האָט אַ קינד! די לעגענדאַרישע פּרינצעסין קלויבט זין' האָבן אַ קינד!

מאַריאַ איז ווי אַ פייל אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן. יונגע מיידלעך זענען אַרומגעלאָפן איבערן הויף, אויף די באַלקאָנען האָבן זיך פרויען איבערגעוואָרפן מיט ווערטער — דאָ אינדערהייך, דאָ אונטן-צו.

אין תּוך גענומען איז אין דאָזיקן געשעעניש נישט געווען קיין שום אויסערגעוויינלעכס, די גאַנצע זאַך איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס דאָס האָט געהאַט אַ שייכות צו גאַננען, דערדאָזיקער אומבאַפלעקטער גאַננע, וועגן וועלכער קיינער וואָלט נישט געהאַט די העזה צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט. און אפילו איצט האָט מען זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן קלאָר צו פאָרמולירן דאָס געשעענע, אַזוי דערשטוינלעך איז דאָס געווען. אַלע שכנים האָבן געוווּסט וועגן אירע פרוימען און ביז אַ געוויסן גראַד אָנטיילגענומען אין זיי, זיך צונויפגעלעבט מיט דעם מעשהלע, וועלכעס זי האָט באַשאַפן.

פון קינדוויז אויף איז זי באַשטימט געווען צו עפּעס אויסערגעוויינלעכס און אומפאַרשטענדלעכס... און מיטאַמאָל דאַרף זי האָבן אַ קינד! אויפן ערשטן קוק איז דאָס פאָרגעקומען ממש ווי עפּעס אַ וווּנדער, אַזוי האָט דאָס אַלעמען איבערראַשט.

מאַריאַ האָט זיך אומגעקערט; זי איז געגאַנגען אַ נידערגעשלאָגענע, מיט אַן אויסדרוק פון שטוינונג און שרעק אין די אויגן. אונטן אויפן הויף, זיך נעמענדיק פאַר די הענט און אונטערזינגענדיק אַ לידל, האָבן קליינוואַרג געפירט אַ קאַראַהאָד אַרום דעם בית-הכּסא; אַרום אים איז אַזוי פריילעך געווען זיך צו דרייען.

— טראַ-ליאַ-ליאַ... ליאַ-ליאַ...
גאַננאַ האָט געבוירן אַ קינד...

זיי האָבן נאָך נישט געקאָנט גוט רעדן.

און „גרעטאַ מיטן קינד“, דידאָזיקע משוגענע פרוי, וועלכע האָט געלעבט אין קעלער, האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן פענצטער און ביזן פּאַס

זיך אַרויסגעבויגן דורך איִם. אין די הענט האָט זי געהאַלטן איר ליאַלקע און געשריגן איבערן גאַנצן הויף אַזוי, אַז אומעטום האָט עס אָפּגע-קלונגען:

— די לעגענדאַרע פּרינצעסין האַלט באַם געבוירן אַ קינד, און פּעללע איז זיין טאַטע!

פּעללע האָט זיך שווייגנדיק אַריבערגעבויגן איבער זיין אַרבעט. צום גליק איז ער נישט געווען קיין איבערגעטוּענער פּרינץ. ער האָט אָבער נישט ליב געהאַט צו קריגן זיך מיט פרויען.

באַנגאַס מוטער איז געקומען צו לויפן אויף דער גאַלעריע:

— דאָס איז אַ פרעכער ליגנט! — האָט זי געשריגן. — זאָל קיינער זיך נישט דערוועגן צוצושעפּען דאָ פּעללעס נאָמען. און וואָס שייך דאָס איבעריקע, זאָל זיין וואָס עס וויל זיך!...

איבער זייער קאָפּ האָט זיך דערהערט דער גוטמוטיקער באַס פון טאַקעל-פּרעגער:

— אַ שאַד וואָס איך בין נישט קיין הייבאַם... — האָט ער גוט-מוטיק געוואָרטשעט.

— זיץ אין דיין קאַנורע און פאַרמאַך ס'מויל, דו, בית-עולם-גנב! — איז פרוי יאַנסען ווילד געוואָרן. — אומעטום מוזסטו אַריינרוקן דיין שכורע מאָרדע!

ער איז געזעסן בגילופין, אָנגעשפּאַרט אויף דעם פּאַרענטש און נישט ליינגדיק קיין שום אַכט אויף פרוי יאַנסעס זידלערייען, האָט ער זי געריצט מיט זיין פּלוידעריי. דאַן איז איר געקומען צו הילף די קליינינקע מאַריאַ. זי האָט געעפנט דאָס פענצטער, און פונדערהייך אויף דער שטיגן-פּלאַטפאָרם האָט זיך באַוויזן פערדינאַנדס מוטער.

— וויפיל חזיר-פלייש האָסטו געקויפט דעם פאַרגאַנגענעם חודש? שלעפּ נאָר אַהער דיינע בערישע פּאָלקעס. יעדעס מאָל ווען עס איז דאָ אַ בר-מינן טויט ער אַ בער!

פון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען שיטן בייסיקע רייד. ער האָט גאָרנישט געקאָנט מאַכן און זיך באַנוגנט מיט דעם. וואָס ער האָט צע-עפנט דאָס מויל, אויסגעגלאָצט די אויגן און געוואָמען ציען:

— בע—ע...ע...

דאָ איז צוגעקומען זיין בעל-האַריקע פרוי און אים אַריינגעשלעפּט אין צימער.

פּעללע איז געזעסן איבער זיין אַרבעט און מיט איין אויער אונ-

זערגעהערט. זיין באַווייזן זיך פלעגט שטענדיק מילדערן די צעברענטע
ליידנשאַפטן פון „נחס תיבה”. אָבער היינטיקס מאָל האָט ער זיך נישט
געוואָלט אַריינמישן. ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז גאַני־
באַס מוטער זאָל קאָנען אַזוי ווילד ווערן. זי איז געווען ווי אַ פוריע;
זי האָט מיט אַן אומבאַשרייבלעכע שנעלקייט געדרייט דעם קאָפּ דאָ אין
איין זייט, דאָ אין דער צווייטער, זיך צוהערנדיק צו דעם וואָס קומט
פאָר, און גרייט זיך וואַרפן אויף יעדן איינעם. אַך, זי האָט פאַרטיידיקט
איר קינד, אָבער איצט איז שוין געווען צו שפּעט. זי איז ענלעך געווען
אויף אַ פאָרסקענדיקע קאַץ.

....„אַ יונגער און שענסטער גראַף”... — האָבן די קינדער אויפן
הויף געזונגען אַ ליד, וועלכעס גאַננאַ האָט פאַרפאַסט. פרוי יאָנסען,
האָט זיך געדאַכט, וויל זיך וואַרפן אויף זיי אַלע פון אויבן אויף
אונטן.

מיטאַמאָל האָט זי פאַרמאַכט דאָס פּנים מיטן פאַרטוך און, זיך
פונאַנדערוויינענדיק, אַוועק צו זיך.

XII.

פון סאַמע באַגינען האָבן זיך אין „נחס תיבה” געהערט עפּעס
גאָר באַזונדערע קלאַנגען, עפּעס אַזאַ מין שטרענגער פּלייס האָט איני־
גאַנצן פאַרניכטעט די געוויינלעכע לייכטזיניקייט. אין די לאַנגע פינצטע־
רע קאָרידאָרן האָט מען געהערט ווי מען האָט געהאַוועט. געסקראָבעט
און געוואַשן די שטיגן און די גאַלערייעס. „אַוועק פון וועג”, — האָט
מען כסדר געהערט און מען האָט וואָס גיכער זיך געדאַרפט ראַטעווען
פון די שטראָמען וואַסער. די גאַנצע צייט נאָך מיטאָג האָט זיך דאָס וואַ־
סער געגאָסן און גערוישט, ווי אויף אַ מיל. און איצט האָט די אַרומגע־
שווענקטע „תיבה” זיך געטרייסלט פון קעלט און געהאַט אַן אויסערגעוויינ־
לעכן אויסזען. ערגעץ-ווו זענען פאַרשווונדן די פאָרהאַנגען פון די
פענצטער, ערגעץ-ווו איז עפּעס אַ מעבל-שטיק אַוועקגעפאָרן אין לאָמ־
באַרד. דערפאַר האָט יעדע פעלנדיקע זאַך געגעבן די מעגלעכקייט צו
דערוואַרטן עפּעס פריידיקס צום אָנקומענדיקן יום-טוב. אין די קעלערלעך

האָט מען געזעען קליינע יעגלינקעס אין דאָרט, אויפן מאַרק, לענגאויס דער תּפיסה-וואַנט, איז אויסגעבויט געווען אַ גאַנצער וואַלד יעגלינעס. אין די פענצטער פון די קעלער-קראָמען האָט מען געזעען קאַרטאָנאַזשן און פאַרשידנפאַרביקע ליכט, און באַם הענדלער אויפן ראָג אין פענצטערל איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַ פּרעכטיקער וויינאַכטן-זיידע. ער איז געווען געמאַכט פון רויט-גרויען וואַלענעם צייג, און די באָרד איז געווען פון קעצישן פוטער. אויפן הויף האָבן די קינדער געשייערט מיט זאַמד מעסער און גאָפּלען.

— אָך, — פלעגן זיי אַ געשריי טון יעדעס מאָל, ווען דער גערוך פון געבראָטנס פלעגט זיך פאַרטראָגן אויפן הויף. יעזיע מינוט פלעגט מען זיי שיקן אין קרעמל קויפן פאַר פינף אָדער צען ער. צום יום-טוב זענען געמאַכט געוואָרן אומענדלעכע צוגרייטונגען.

— מיר וועלן האָבן אמתע בוראַקעס, — האָט אויסגעזונגען איינער פונם קליינוואַרג. — מיר וועלן האָבן אמתע בוראַקע-ע-ע-עס... — און דאָס קינד האָט זיך געוויגט, נישט אָפּשטעלנדיק דאָס רייניקן.

— פרעדעריק! — האָט זיך געהערט אַ שאַרפע שטימע פון איינעם פון די קאַרידאָרן. — גיב אַ לויף, קויף אַ ביגטל האָלץ און ברויט פאַר צען ער. אָבער זע, דער קרעמער זאָל דיך נישט אָפּנאַרן מיטן האָלץ, און קנייפּ נישט אָפּ אויפן וועג פונם ברויט.

פרוי אָלסען, וועלכע האָט געהאַט אַן אייגענע פּליטע, האָט געפּרעגלט אַ חזירל. דאָס געבראָטנס האָט באַ איר אַזוי צוגעברענט, אַז דער גאַנצער הויף איז פול געוואָרן מיט בלווילעכן טשאַד.

— פרוי אָלסען, אייער חזירל ברענט צו, — האָבן צוזאַמען אַ געשריי געטון שיער נישט אַ כּוץ פרויען.

— דאָס איז דערפאַר, וואָס איך האָב זייער אַ קליינינקן בראָטשפּיז, — האָט פרוי אָלסען געענטפערט, אַדורכשטופנדיק איר רויט פּנים דורך די באַלקאָן-שטאַכעטן, — וואָס קאָן איך, אומגליקלעכע, מאַכן, אויב מיין בראָט-שפּיז איז צו קליין?

אָבער אין גאַנץ „נחת תּיבה” איז אַזאַ אויך נישט געווען.

אַרום בין-השמשות האָט זיך פּלוצעם אומגעקערט אַהיים פון וואַרשטאַט. מענטשן און גאַסן זענען אים פאַרגעקומען אין עפּעס אַ יום-טובדיקן גלאַנץ.

„פאַרוואָס, אייגנטלעך?” — האָט ער אומווילנדיק געפרעגט זיך אַליין. ער האָט נישט דערוואַרט קיין שום אויסערגעוויינלעכס. דער-

יום-טוב חעס אים נישט ברענגען קיין שום באַזונדערע פאַרגעניגנס. היינט איז אים אפילו אויסגעקומען צו אַרבעטן מער ווי געוויינלעך, אַזוי אַז אים וועט שוין נישט אויסקומען צו זעען זיך מיט עללען; אויך זי האָט געהאַט אַ סך ערב-יומטובדיקע קאָך-אַרבעט. טאָ פאַרוואָס-זשע האָט ער אַזאַ שטימונג? נישט דערפאַר, ווייל ער דערמאַנט זיך עפּעס אַ פריילעכן ווייַנאַכטס-אָוונט. אויף וויפיל ער געדענקט זיך איז אים קיין איין מאָל אפילו נישט אויסגעקומען זיך באַזונדערס צו פרייען מיטן יום-טוב. אָבער אויך אַלע אַנדערע אָרימעלייט, מיט וועלכע אים איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן, האָבן זיך היינט געפונען אין דער זעלבער שטימונג.

אויף זייערע פנימער האָט מען מער נישט געזען קיין דריקנדיקע פראַגעס, זיי האָבן געשמייכלט. היינט האָט זיך נישט געשפירט יענע שווערקייט, וועלכע דריקט די נידעריקערע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, ווי אַ זיך אַנרוקנדיקער שטורעם. ווען עס זאָלן פלוצלינג פאַרווירקלעכט ווערן זייערע אַלע טרוימען, וואָלטן זיי אויך דאַן, דאַכט זיך, נישט געהאַט קיין גליקלעכערן אויסזען. פאַרביי פעללען איז דורכגעגאַנגען אַ פרוי מיט אַ פערינע אין די הענט און פאַרשוווּנדן געוואָרן אין די טירן פון פּראָצענטניק. פונדעסטוועגן האָט זי זיך געפונען אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג. האָבן זיי זיך געפרייט מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך דערלויבט אַ קליינעם לוקסוס, און דורכדעם זענען די הונגעריקע טעג געוואָרן נאָך מער הונגעריק? זיי האָבן זיך אָבער געפרייט מיטן יום-טוב, וואָסער פרייז זיי זאָלן נישט האָבן באַצאָלט פאַר אים.

אין דערדאָזיקער נאַכט איז געבוירן געוואָרן קריסטוס. צי נישט דערפאַר אַמאָל האָט אויף אַלעמען אַראָפּגענידערט אַזאַ פריידיקע, פרידלעכע שטימונג? פעללע האָט נאָך געדענקט פון דער קינדהייט פראַגמענטן פון דער ביבל. זיי זענען געלעגן ערגעץ אין דער טיף, און צייטנווייז פלעגט עפּעס-וואָס דערפון אַרויפשווימען אויף דער אויבערפלאַך. אָבער דאָס געשטאַלט פון קריסטוסן גופא איז בײַ פעללען געווען זייער סוביעקטיוו — אים האָט געפעלט קריסטוסעס געבאָט אָוועקצוגעבן פאַר אָרימע אַלץ, וואָס מען פאַרמאָגט. און ווי שלעכט זיי האָבן געהאַנדלט לגבי דעם גרעסטן פריינט פון דער אָרימער מענטשהייט — זיי האָבן אים גענומען און אומגעבראַכט! ער האָט דערגרייכט בלויז דאָס, וואָס ער האָט געגעבן אַ געבאָט פאַר אָרימע; און ס'קאָן זיין, אַז די דערפילונג פון דאָזיקן געבאָט דערנענטערט זיך אַזוי פריידיק איצט, אין צוויי טויזנט יאָר אַרום!

דידאָזיקע אַלע יאָרן האָבן זיי געשוויגן און זיך צוגעגרייט, ווי די ביבלישע מיידלעך, און אַט איז עס ענדלעך געקומען. איצט הייבט זיך אָן צו הערן די גרויסע עוואַנגעליע פון די אָרימע. נישט דערפאַר אַמאָל פילן זיך די אָרימע גליקלעך? טאָ פאַרוואָס-זשע קלויבט מען זיי נישט צונויף אַלעמען אין דערדאָזיקער נאַכט, כדי זיי צו פּרעדיקן די עוואַנגעליע? דאַן וואָלטן אַלע ביז איינער באַגריפן דעם זינען פון דער באַוועגונג און וואָלטן צוגעשטאַנען צו איר! אין פּעלעס קאָפּ האָבן זיך אַרומגעטראָגן נייע, גרויסע געדאַנקען. ער האָט ביז איצט נישט פאַרשטאַנען, אַז דאָס, אין וואָס ער נעמט אָן אָנטייל, איז אַזוי גרויס; איצט האָט ער זיך געפילט אויף דער דינסט בא עפּעס העכערס.

פּעלע איז געבליבן שטיין אויף דעם האַנדלס-פּלאַץ. ער האָט באַטראַכט די יעגלינעס, זיי האָבן אים דערמאַנט יענס פּאַשע-לאַנקע, ווו ער האָט אַמאָל געפּאַשעט די בהמות און ווו עס זענען געוואַקסן קלײנינקע יעגלינקעס. אים האָט זיך פאַרוואָלט דערפרייען די יתומים און קויפן זיי אַ ביימל. די לעצטע אָוונטן זענען זיי געזעסן און אויסגעשניטן יעגלינע-באַפּוצונגען, און קאַרל האָט צונויפגעבונדן צוזאַמען פיר יעגלינע-צווייגן, מאַכנדיק פון זיי עפּעס ענלעכס צו אַ ביימל.

פּעלע האָט געקויפט אין קרעמל נאַשוואַרג און פאַרשידנפאַרביקע ליכטלעך. היינט, אַ דאַנק דעם פייערלעכן טאָג, איז דער קרעמער אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער און האָט באַגעגנט די קליינע קונים מיט העפלעכע קאָפּ-שאָקלען. ער האָט לגמרי פאַרגעסן זיין געוויינלעכן: „עי דו, פאַרגעס נישט, אַז דו ביסט מיר נאָך שולדיק פאַר צוויי לויט טיי און אַ פערטל פונט קאַווע", אָבער ער האָט אָפּגענאַרט אין דער וואָג, ווי תמיד.

מאַריאַ איז אַרומגעגאַנגען מיט פאַרקאַשערטע אַרבל; זי איז געווען זייער פאַרנומען, אָבער דערזעענדיק די יעגלינע, האָט זי אַלץ אַוועקגעוואָרפן און געקומען צו לויפן.

— זי וועט זיך דאָ גאַרנישט קאָנען שטעלן, פּעלע! וואָס זאָגסטו דערצו! מען דאַרף אפילו אָפּזעגן! אַך, סאַראַ שיינקייט! אָבער פון אונטן, פון אונטן! אינדערהיים בא אונז איז אויך געווען אַ יעגלינע. דער פאָטער פלעגט אַליין גיין אין די בערג, כדי זי אויסצוהאַקן. מיר פלעגן אויך גיין צוזאַמען מיט אים. אָבער די איז נישט דער ערך בעסער! — און זי האָט גענומען לויפן איבערן קאָרידאָר דערציילן וועגן דער געשעעניש.

אָבער פלוצלינג האָט זיך מַאריאַ דערמאָנט, אַז אירע ברידער האָבן זיך נאָך נישט צוריקגעקערט, און זי איז ווידער געגאַנגען צו פעללען.

פעללע האָט זיך געזעצט צו דער אַרבעט. פון צייט־צו־צייט האָט ער אַרויסגעקוקט אין פענצטער. די שניידערין האָט זיך אַריבערגעקליבן אין דער אַלטער נעסט פונם בעל־כּוסה און אָן אויפהער געזשוושעט מיט איר מאַשין, זי פלעגט אַמאָל כאַפּן אַ קוק אויף פעללען מיט אַ בענקנדיקן בליק. זי איז אָן ספק געווען איינזאַם, און זי האָט נישט געהאַט מיט וועמען צו פאַרברענגען דעם היינטיקן אָוונט.

די אַלטיטשקע פראַנדסען איז אַרויס אויף דער שטיגן־פּלאַטפאָרם און זיך גענומען טשאַפּען אין איר׳ע אייגנהענטיק־געמאַכטע פּאַנטאָפל אַראָפּצו, איבער די שטיגן. דער שטריק האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אירע ציטערדיקע הענט. זי האָט געהאַט אַ קליינינקע קערבעלע און אַ בייטעלע. „ווי איינזאַם זי איז, דאָס אומגליקלעכע באַשעפעניש! שוין דריי חדשים, ווי זי האָט נישט געהאַט קיין שום ידיעות וועגן זון!“ פרוי אָלסען האָט זי צוגערופן און זי איינגעלאַדן אויף אינאָוונט צו זיך, אָבער די אַלטיטשקע האָט אַ שאָקל געטון מיט דעם קאָפּ אויף ניין, אויף צוריקוועגס איז זי אַריין צו פעללען.

— ער וועט קומען היינט אינאָוונט, — האָט זי באַגייסטערט אַרויס־געשעפּטשעט. — כ׳האָב געקויפט בראָנפן און פלייש; ער וועט קומען היינט אינאָוונט!

— וואָלט איר כאָטש נישט געוואַרט אומזיסט, פרוי פראַנדסען, — האָט פעללע געזאָגט. — ער וועט זיך דאָך נישט דערוועגן צו קומען אַהער. קומט בעסער צו אונז און מיר וועלן באַגעגענען צוזאַמען דעם אָוונט.

זי האָט מיט זיכערקייט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— ער וועט קומען היינט אינאָוונט. זינט ער האָט זיך אויסגע־לערנט קריכן, פלעגט ער יעדע ווייניאַכט שלאָפן אין בעט פון זיין מו־טער. ער קאָן אַנדערש נישט טון. איך קען אים. — און זי האָט זיך אויסגעבעט אויף שטולן, אַזוי זיכער איז זי געווען אין איר זון.

די פּאָליציי האָט, ווייזט אויס, אויסגערעכנט פונקט ווי די מוטער; אונטן אויפן הויף האָבן זיך דערהערט עמעצנס אומבאַקאַנטע טריט. דאָס איז געווען בין־השמשות־צייט, ווען די איינוווינער פון דער „תּיבה“ זענען געגאַנגען אַהין און צוריק, און קיינער האָט אויף דעם נישט געלייגט

קיין באַזונדער אַכט. אָבער דערהערנדיק דידאָזיקע טריט האָט זיך איינגע פון די פרויען אַרויסגעבויגן פון באַלקאָן, עס האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער קלאַנג, און פרויען מיט קינדער האָבן מיטאמאָל באַשאָטן די גאַלעריע. זיי האָבן זיך אַראָפּגעהאָנגען פון די פּאָרענטשעס און אָנגעמאַכט אַ שרעקלעכן טומל, אויפן גאַנצן הויף איז געשטאַנען אַן אומגעהייערער רעש, ווי עס וואָלט אָנגעקאָפּן אַ הוראַגאַן מיט אַ רעגן פון שטיינער, וואָס זענען געפלויגן פון דאַך אונטן-צו, אין הויף אַריין.

דער פּאָליציאַנט, אינגאַנצן אַ געפּלעפטער, האָט זיך געוואָרפן צום טויער, דאָרט איז ער אונטערגעשטאַנען אַ ווײַלע. עפּעס באַרעכענענדיק, דערנאָך איז ער פאַרשוווּנדן. דאָרט, אינדערהייך, האָט מען פריי אָפּגעאָטעמט, אַלע זענען געווען אויסגעמאַטערט פון דאָזיקן ענערגישן ווידערשטאַנד און האָבן געשטשעבעטשעט, ווי אַ מחנה קליינע פייגעלעך, וועלכע עס איז געלונגען צו פאַרטרייבן אַ קאַרשון.

— אַ גליקלעכן יום-טוב, — האָבן איינער דעם צווייטן באַגריסט די איינוווינער פון דער „תיבה“, זיך דורכרעדנדיק פון איין גאַלעריע צו דער צווייטער.

— אַ דאַנק, דאָס זעלבע אויך אייך!

די קינדער האָבן געשריגן:

— אַ פריילעכער יום-טוב, פאַר אַלעמען אַ נחת!

און מען האָט זיי געענטפערט:

— אַ פריילעכע סעודה אויף גאָר דער וועלט!

ס'איז געקומען ווײַנאַכטן. די מענער האָבן זיך מיט פאַמעלעכע טריט אומגעקערט פון דער אַרבעט; די פאַבריק-אַרבעטערינס זענען אײַליק געלאָפן אַהיים. פון די לאַנגע קאָרידאָרן פלעגט זיך אַמאָל דערטראָגן צו זיי אַ שוואַך געוויין, און זייערע, מיט מילך אָנגעפילטע ברוסטן האָבן ווי געטאָן. די קינדער זענען אָן אויפהער אַרומגעלאָפן אַהין און צוריק, ברענגענדיק די לעצטע קניות. אונטן, אויף דער גאַס, איז זיי אויסגעקומען פאַרבייצולויפן צוויי האָלאָדריגעס, וועלכע זענען געשטאַנען און געפרווירן. דער אויסזען זייערער איז געווען שטאַרק חשוב.

— דאָרט, אונטן, שטייען עפּעס צוויי מענטשן, — האָט מודיע געווען קאַרל, — זיי האָבן אָבער אַ מאָדנעם אויסזען, ריכטיק ווי זיי וואָלטן געווען איבערגעטוענע אַקטיאָרן פון טעאַטער-קאַזינאָ.

— לויף אַריבער צו פרוי פראַנדסען און זאָג איר וועגן דעם, — האָט אים פּעללע געבעטן.

אָבער די אַלטיטשקע האָט נאָר געענטפערט:

— אַ לויב צו גאָט, הייסט עס, אַז ער איז נאָך גאַנץ.

צו די אָלסענס איז געקומען צו פאָרן זייער טאָכטער עלווירע
שטאָרן זענען נישט געווען אַראָפּגעלאָזט, און זי איז געשטאַנען
פענצטער אין איר ריזיקן הוט מיט בלומען און זי האָט געלאָז
בעלנים זיך קוויקן מיט זיך וויפיל זיי האָבן נאָר געוואָלט.
געקומען צו לויפן מאַריאַ.

— פעלע, האָסט געזעען סאַראַ אויסגעפּוצטע זי איז? — האָ
געזאָגט אַ פּאַרסאָפּעטע. — און דאָס אַלץ גיבן איר אומזיסט פאַרשי
מענער נאָר דערפאַר, וואָס זיי קוויקן זיך מיט איר שיינקייט. או
פאַרבט זיך יעדן אָוונט, און ווייטער גאָרנישט.

די קינדער האָבן זיך געדרייט איבערן קאָרידאָר, אָפּוואַרט
ווען פעלע וועט ענדיקן זיין אַרבעט. זיי האָבן נישט געוואָלט יום
דעם קריסטוס-אָוונט אָן אים. אָבער ענדלעך איז פאַר אים אויך
קומען ווייַנאַכטן; ער האָט אַראָפּגעוואָרפן זיין רעקל, אַוועקגעלייג
אַרבעט און זיך אַוועקגעטראָגן. אויף דער שטיגן-פּלאַטפאָרם אי
געבליבן שטיין. אויפן הימל, וואָס איז באַזייעט געווען מיט שטערן,
זיך געזעען דער אָפּשיין פון די שטאָטישע פייערן. די נאַכט איז ג
פייערלעך שיין. די הילצערנע ביי-בנינים האָבן זיך איינזאַם געשוו
און אָפּגעזיפצט אין דער קאַלטער לופט; אַלע טירן זענען געווען צ
מאַכט, כדי נישט אַריינצולאָזן די קעלט פון דרויסן און נישט אַרויס
די פרייד, וואָס האָט געהערשט אינעווייניק. „פון שפּיץ פון גר
בוים" האָט זיך פון ערגעץ געלאָזט הערן אַ לידעלע. אַ פּאַס ליכט
זיך אַרויסגעשלאָגן דורכן פענצטער און זיך געלייגט אויף די אויסע
כע בנינים. פּלוצלינג האָבן זיך איבער די שטיגן געלאָזט הערן שוו
טריט, דער פּאַקעל-טרעגער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, טראָגנדיק
די הענט צו חזיר-שענקל. דערנאָך איז אַנטשטאַנען אַ שטילקייט.
טיפע שטילקייט, וועלכע הערשט קיינמאָל נישט אין דער „תיבה"
טאָג ווי נאַכט הערן זיך אָפּקלאַנגען פון מענטשלעכן ליידן. עפּע
קינד איז אַרויסגעלאָפן און מיט פרעגנדיקע אייגעלעך געגלאַנצט
הימל אַריין — עס האָט געזוכט דעם ווייַנאַכטן-שטערן!

באַ פרוי פראַנדסען האָט זיך געזעען ליכט. זי האָט פאַרהאַ
דאָס פענצטער מיט אַ ווייס האַנטוך, וועלכעס זי האָט שטייף אָנגעצ
דעם לאָמפּ האָט זי אַוועקגעשטעלט האַרט לעבן דער פאָרהאַנג, כדי

זנדיקע אין צימער זאָלן נישט קאָנען וואַרפן קיין שאָטנס אויפן טער.

„אַן אומגליקלעך, אַלט באַשעפעניש, — האָט פעללע אַ טראַכט ן, לויפנדיק איבער דער גאַס. — אומזיסט האָט זי אַזוי געזאָרגט דעם“.

ווי נאָר ער האָט אָפּגעגעבן זיין אַרבעט, האָט ער געאיילט אויף האַלבערג-גאַס, כדי צו ווינטשן עללענען אַ גליקלעכן יום-טוב. ווען האָט זיך אומגעקערט האָט ער געטראָפן זיין צימער פיין צוגערוימט: ן טיש איז געשטאַנען געבראָטן חזיר-פלייש, רייז און ביר. מאַריאַ געשיינט פון גליק, וואָס איר האָט זיך איינגעגעבן אַלץ אַזוי גוט צואָרדנען. זי האָט אַלעמען מכבד געווען, אָבער אַליין זיך נישט רירט צו דעם שפּייז.

— אָט, ווען דו וואָלסט אונז יעדן טאָג געגעבן אַזוי צו עסן! — קאַרל געזאָגט און אויסגעטרונקען. — דו וואָלכט געמעגט קאָכן דער קייזערלעכער קיך!

— פאַרוואָס-זשע עסטו אַליין נישט אַזעלכע טייערע זאַכן? — ו פעללע געפרעגט.

— כ'וויל נישט, כ'בין זאַט, — האָט זי געענטפערט, צולייגנדיק הענט צו די באַקן; די אויגן אירע האָבן געגלאַנצט, קוקנדיק אויף לען.

זיי האָבן געפּלוידערט, געלאַכט און געטרונקען ביר. קאַרל האָט ציילט די נייעסטע אַנעקדאָטן און די טאָג-נייעסן, וועלכע ער האָט אָנגעהערט בעת זיינע וואַנדערונגען איבער די גאַסן פון דער שטאָט. ער איז געזעסן געלאַסן און האָט בלויז געקוקט דאָ אויף איינעם, אויפן צווייטן. ער האָט קיינמאָל נישט געלאַכט און בלויז פון מאָל מאָל פלעגט ער עפּעס באַמערקן מיט אַ טרוקענעם טאָן. בלויז דאָס ן עדות געזאָגט, אַז אויך ער נעמט אָנטייל אין דער אַלגעמיינער חה. זיי האָבן כסדר געוואָרפן בליקן אויפן פענצטער פון דער יטשקער פראַנדסען, — סאַראַ שאַד, וואָס זי קאָן נישט זיין מיט זיי אַמען!

אין צימער בא איר האָבן, ווייזט אויס, געברענט פינף ליכטלעך, ף אַ יעגלינקע, מסתמא, וואָס איז אַריינגעשטעקט אין אַ בלומען- ל. זיי האָבן געבלישטשעט דורך דעם ווייסן פאָרהאַנגל, ווי ווייטע

שטערנס. און דאָס דינינקע, זונטערגעבראָכענע קול פון פרוי פראַ...
האָט געזונגען אַ יום-טובדיק לידל.

פעללע האָט זיך צוגעהערט באַ אַן אויפגעעפנט פענצטער; ...
האָט זיך געוווּנדערט, וואָס די די אומגליקלעכע האָט זיך ...
געפרייט.

פלוצלינג האָט זיך פון הויז דערהערט אַ וואָרנענדיק קול:

— פרוי פראַנדסען, עס גייען צו אייך עפּעס זייטיקע מענטש...

די טירן און פענצטער האָבן זיך אין איין מינוט צעעפנט. די...
ווינער פון דער „תיבה״ זענען ארויסגעלאָפן ווי זיי שטייען און ...
מיט שטיקלעך עסנוואַרג אין די הענט, און זיך אריבערגעבויגן ...
די פּאָרענטשעס.

— ווער דערוועגט זיך צו שטערן דעם פרידן פון דער יו...
נאַכט? — האָט זיך דערהערט אַ פינצטער קול.

— די דינער פון געזעץ, — האָט זיך דערהערט אַן ענטפּע...
רויק! אין נאָמען פון געזעץ!

מ'האָט געקאָנט באַמערקן, ווי צוויי שאָטנס פאַרגנבענען זיך ...
אַלע פיר צום צימער פון פרוי פראַנדסען. און דאָרט, אינדערהייך...
מען גאָרנישט געהערט, ווי ס'ווייזט אויס, האָבן זיי אינגאַנצן פאַ...
דעם קאָפּ.

— פערדינאַנד, פערדינאַנד! — האָט ווילד אַ קלונג געטון...
מיידעלעס קול, — זיי קומען אָן!

מאָמענטאַל האָט זיך די טיר געעפנט, און פערדינאַנד אי...
איין שפּרונג געווען אויף דער שטיגן-פּלאַטפאָרם. ער האָט אַ של...
געטון אַ שטול אין זיינע פאַרפאָלגער און ווילד געטרייסלט מיטן ש...
כדי אַראָפּצוּוואַרפן זיי פון די שטיגן. דערנאָך האָט ער אָנגעכאַ...
ריינע און זיך אַ לאָז געטון אינדערהייך.

— זיי געזונט, מוטער! — האָט ער איר אַ געשריי געטון...
דערהייך און אַ שפּרונג געטון ערגעץ אין דער פינצטערניש. — זיי ג...
און אַ גליקלעכן יום-טוב!

זיין געשריי האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן אין דער נאַכט, ווי אַ ...
פון אַ פאַרוווּנדעטער חיה; אויפן דאַך האָט זין' געהערט, ווי עס ר...
זיך די פּאָליציי-לייט. דערנאָך איז אַלץ שטיל געוואָרן. זיי האָב...
צוריקגעקערט מיט ליידיקע הענט.

— אייך האָט זיך דאָרט נישט איינגעגעבן צו כאַפּן אים, — האָט
לסען אַ געשריי געטון מיט חוזק פון זיין פענצטער ארויס.

— עס שפּאַרט אונז צו ברעכן דעם קאַרק צוליב אים, — האָבן
י פּאָליציי-לייט געענטפערט און גענומען אראָפּקריכן.

— וועט אונז אפשר עמעצער מכבד זיין מיט אַ גלעזל ביר, לכבוד
ם-טוב ?

קיין ענטפער האָבן זיי נישט באַקומען און די פּאָליציאַנטן זענען
וועקגעגאַנגען.

די אַלטיטשקע פּראַנדסען איז אַוועק אין איר צימער און זי האָט
ך דאָרט איינגעשלאָסן, זי איז געווען זייער מיד, צערודערט און זי האָט
ך געוואָלט צולייגן. אָבער אין עטלעכע מינוט ארום איז זי שוין גע-
אַנגען איבערן לאַנגן קאָרידאָר.

— פּעללע. — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט. — ער ליגט אין מיין
ימער. אין דער צייט, וואָס זיי זענען געקראָכן איבערן דאַך, האָט ער
ך שטילינקערהייט געגנבעט איבערן בוידעם און זיך געלייגט אין מיין
עט. מיין גאָט, שוין גאַנצע פּיר הדשים ווי ער איז נישט געשלאָפן
ויף אַן אָנשטענדיק בעט. ער כראָפּעט שוין !

זי איז ווידער אַרויס פון צימער. יאָ, די יום-טוב-סעודה איז אי-
ערגעריסן געוואָרן אויף זייער אַן אומאָנגענעמען אופן, און קיינער האָט
יין חשק נישט געהאַט זי ווידער אָנצוהייבן, אַ חוץ אפשר קאַרלען ;
בער ער איז נישט גענומען געוואָרן אין חשבון, ווייל ער איז געווען
ייביק הונגעריק.

מאַריאַ האָט אָנגעהויבן אַראָפּצורוימען פון טיש, נישט אויפהערנ-
יק צו פּלוידערן ; איר איז פאַרגעקומען, אַז פּעללע האָט אַ צו ערנסטן
ויסזעען.

— און דער סוד ! — האָט זי אויסגעשריגן אויפגערעגט.

די יינגלעך האָבן זיך געוואָרפן צו איר. דערנאָך האָבן זיך אַלט
ריי צוריקגעקערט ; די יינגלעך זענען זאַלבעצווייט געגאַנגען פאָרויס,
אַריאַ פון הינטן, טראָגנדיק עפּעס הינטערן פאַרטוך. ביידע יינגלעך האָבן
ך געוואָרפן צו פּעללען, אים צוגעמאַכט די אויגן, און מאַריאַ האָט איר
פּעס אריינגערוקט אין מויל אַריין.

— טרעף. — האָבן זיי געשריגן, — טרעף !

דאָס איז געווען אַ פּאָרצעלייענע פּיפּקע מיט אַן אויסגעמאָלטן

צין·קראַנצן בילעט און מיט אַ גרין פּראַנזועלע, דאָס איז געווען עלענס -ווייגאַכטן·מתּנה.

די קינדער האָבן פון זייער זייט צוגעגעבן אַ פּערטל טאַבאַק.

— איצט קאָנסטו לכּל הפּחות רייכערן, ווי ס׳געהער צו זיין.

די קינדער האָבן איינגעלאַדן צו דער יעגלינקע געסט: די שניי-דערקע, דעם נאַכט·שומר, די פאַבריק-אַרבעטערין מיט איר קליינינקן זון, מיט איין וואָרט, די-יעניקע, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין קרובים, די קינדער אַליין האָבן נישט געוווּסט געווי, וויפיל מענטשן עס זענען גע-ווען. גאַנגען מיט איר מוטער האָט מען אויך איינגעלאַדן. זיי זענען גע-ווען אין אַ שלעכטער שטימונג און זיך פרי געלייגט שלאָפן. די געסט זענען געקומען איינער נאָכן צווייטן מיט אַ פריידיק אויסזעען; מאַריאַ האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און זי איז אַיועק אָנצינדן דאָס ווייגאַכט-ביימל.

אַלע זענען געזעסן שטיל, אין דערוואַרטונג. דאָס פייער אין אויוון פלעגט צייטנווייז אויפפלאַקערן און באַלייכטן עמעצנס קאָנצענטרירטע פּנים מיט צוגעמאַכטע אויגן, בלויז דער אַרבעטערינס זון האָט געפלוידערט פאַר אַלעמען: ער האָט זיך איינגעאָרדנט באַ פעללען, מיט צוטרוי זיך אַוועקגעזעצט אויף די קני באַ אים און זיין קינדיש קעלעכל האָט הילכיק און קלאָר געקלונגען באַ דער אומזיכערער באַלייכטונג.

— זיי אַ פיינינקער, זיץ רויק, — האָט אים די מוטער גע-בעטן.

— צי דען טאָל פּאַווליק גאָלנישט ליידן? — האָט דאָס קינד גע-פרעגט, אָנטאַפּנדיק מיט זיינע הענטלעך אין דער פינצטער פעללעס פּנים.

— ניין, היינט מעג פּאַווליק רעדן וויפיל אים גלוסט זיך נאָר, — האָט פעללע געענטפערט. און דאָס יינגל האָט אין דער פינצטער גע-באָמבלט מיט די פיסלעך און אָן אויפהער געפלוידערט.

— פּאַרטיק, קומט! — האָט מאַריאַ אויסגערופן און געעפנט די טיר. אין צימער איז אַלץ געווען צוגערוימט און אינמיטן איז געשטאַנען אַ באַצירט ווייגאַכטן·ביימל.

— אַך, סאַראַ שיינקייט! וואָס פאַר אַ שיינקייט!...

ענדלעך האָט מען געקאָנט עפענען די אויגן; אומצייליקע פייער-לעך האָבן געבלישטשעט און זיך אָפּגעשפּיגלט אין די פענצטערס, אין

אַלטן שפּיגל און אויף די גלעזער פון די גראָשעדיקע בילדער. אין דאָזיקן ים שטערנס האָט יעדער תיכּף פאַרגעסן אַלע זיינע צרות.

פון דידאָזיקע אַלע ברענענדיקע פייערלעך איז אין צימער אַנטשטאַנען אַן אומגעווײנלעכע היץ, און מען האָט געמוזט עפענען אַ טיר אין קאָרידאָר אַריין, אין דאָרט זענען געשטאַנען די איינוווינער פון אייבערשטן שטאָק; אויך זיי האָבן געוואָלט זעען דעם ווײנאַכטבוים.

— קומט אַהער! — האָבן גענומען שרייען די קינדער. — דאָ וועט פאַר אַלעמען זיין פּלאַץ, אויב מיר וועלן זיך אויסשטעלן אין צוויי רייעס אַרום דעם ווײנאַכט־בוים.

די טענץ און דאָס געזאַנג האָבן ווײטער געדויערט. די טירן פון די קעגנאיבערדיקע צימערן זענען אויך געווען אָפן. דער אַלטער אַלטוואַרג־הענדלער איז געזעסן באַם טיש און האָט געזונגען מיט אַלע כּוחות. פאַר אים איז געלעגן אַ ראַזעווע ברויט און אַ שיסל מיט שפּעק. צווישן די איינצלנע קופּלעטן פלעגט ער מאַכן אַ פּויזע און זיך אָנשטאָפּן אַ פול מויל. אין דער אָפענער טיר האָט מען געזעען דריי קוילן־גרעבערס, וועלכע האָבן געשפּילט אין אַ זעקס־און־זעכציק אויף בראָנפן און ביר. זיי זענען געזעסן מיטן פּנים צום ווײנאַכט־בוים און האָבן אונטערגעזונגען, נישט אויפהערנדיק צו שפּילן; סוף־כּל־סוף האָבן זיי אוועקגעוואָרפן די קאָרטן און זענען אויך צוגעגאַנגען צו די קינדער.

— מיר ווילן נישט זיצן אָן אַרבעט און צוקוקן, ווי אַנדערע אַרבעטן, — האָבן זיי געזאָגט און האָבן זיך פאַרייניקט צום כאָר.

מען האָט זיך שוין געהאַט גענוג אָנגעטאַנצט; די געסט האָבן געבראַכט פון די שכנותדיקע צימערן שטולן, האָבן פאַרשטעלט דאָס גאַנצע צימער, מען האָט זיי אפילו פאַררוקט אונטערן שפּיץ פון דאַך, אַזוי גרויס איז געווען דער עולם, מען איז אפילו געזעסן אויף די ביישטידלעך; אַרום ווײנאַכט־בוים איז געוואָרן אַ פרייער פּלאַץ; אַלע האָבן באַלעבט געשמועסט, אַ סך זיצנדיק אין די אומבאַקוועמסטע פּאָזעס, מיטן קאָפּ אונטערן סאַמע דאַך, זיי האָבן דאָס אָבער נישט באַמערקט, און פאַרקערט, זיי האָט זיך געדאַכט, אַז נאָר איצט רוען זיי זיך אָפּ.

פּעללע האָט באַאָבאַכטעט די אָרימקע. זיין האַרץ האָט זיך אָפּגעגאָסן מיט בלוט.

„אָרימע, וואָרגלאָזע פייגעלעך, — האָט ער געטראַכט. — וואָס

האָט זיי באַוויגן צו פאַרגעסן אַלע זייערע ליידן און פּלאָגענישן? אַ ביסל ליכט!"

עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט וועלן זיי זיך וואַרפן אין איר און וועלן אומקומען אין זיינע שטראַלן, ריכטיק, ווי באַנאַכטיקע דערפרוירענע פייגעלעך.

— אין תוך גענומען איז דאָס אַ פּרעכטיקע דערפינדונג, — האָט געזאָגט איינער פון די קוילנגרעבער, אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ אין דער זייט פון ווייַנאַכט-בוים. — ווי שיין! אָבער אינטערעסאַנט, וואָס, אייגנטלעך, דאַרף דאָס באַדייטן?

— דאָס באַדייט, אַז פון דאָזיקן טאָג אָן קוקט די זון אויפן זומער, און דער ווינטער אויפן פראָסט, — האָט געזאָגט דער אַלטער נאַכט-שומר.

— ניין, דאָס דערציילט וועגן דער פרייד פון די פאַסטוכער, וועלכע האָבן זיך דערוווּסט וועגן קריסטוסעס געבורט, — האָט געזאָגט דער אַלטוואַרג-הענדלער, צוגייענדיק צו דער טיר. — די פאַסטוכער זענען געווען פּונקט אַזעלכע אביונים, ווי מיר, פּונקט אַזעלכע דערנידעריקטע מענטשן, וועלכע לעבן אין שאָטן, דעריבער האָבן זיי זיך אַזוי געפרייט מיט דעם, ווער עס האָט געבראַכט ליכט.

— נו, מיר געניסן נישט צו פיל פונם העלן ליכט. אָט איז דאָס ביימעלע אינגאַנצן אין פייערן, אָבער דאָס איז דאָך אַ לוקסוס, און נעמען דאַרף דערפאַר דאַנקען די קינדער. נישט יעדן טאָג וועסטו זען אַזאַ ביימעלע. און די זון... די זון האָט אויך ליב מער צו באַלייכטן די הייזער פון די רייכע.

— יאָ, ביסט גערעכט, יאַקאָוו, — האָט געזאָגט פעללע, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען אַרום דעם ווייַנאַכט-בוים, האָט אַראָפּגענומען פון זיינע צווייגעלעך הערצעלעך און קערבעלעך און עס פאַרטיילט צווישן די קינדער, וועלכע זענען פאַרנומען געווען מיט פונאַנדערטיילן די נאַשוואַרגן. — ס'איז מאָדנע, אָבער אַלע דריי זענט איר גערעכט, קריסטוס איז געבוירן געוואָרן, כּדי דערמאַנען די אָרימע וועגן זייערע רעכט, די זון מאַכט דורך איר קרייז-וועג, און יעדער דאַרף שוין אַליין זאָרגן דערפאַר, ער זאָל זיך וואַרעמען אין אירע שטראַלן... דאָס איז פּונקט אַזוי, ווי ס'פלעגט זיין בּאַ מיר אין היימלאַנד מיטן ווייב פון אונזער שענקער. זי פלעגט זאָגן צו די צוגעפאָרענע: „וואָס ווילט איר עסן? איר קאָנט

עסן אי קאַטשקעס, אי חזיר-פלייש, אי פלאָדן, אלץ, וואָס איר האָט מיט-געבראַכט מיט זיך".

— נישטאָ וואָס צו רעדן, אַ גוטע דערקלערונג, — האָבן די צוהע-רער געזאָגט מיט געלעכטער.

— יאָ, אויב אַזוי קאָן יעדער איינער אַלעמען איינלאַדן אויף אַ קייזערלעכע סעודה. דו וואָלסט געדאַרפט ווערן אַ גייסטלעכער.

— ניין, שוין גיכער אַן אַדוואָקאַט פונם טייוול אַליין, — האָט גע-זאָגט דער אַלטוואַרג-הענדלער, — אין דעם וואָס ער האָט געזאָגט איז נישט קיין סך פאַרבליבן פון קריסטנטום.

— יעדנפאַלס, — האָט פעללע אָפגעענטפערט, — גלייב איך נישט, אַז קריסטוס זאָל האָבן געהאַט אין זינען איינצלנע קראַנקע און אומ-גליקלעכע. ער האָט גערעדט וועגן אונז אַלע.

די פרויען זענען געזעסן, קוים אָטעמענדיק, און האָבן צוגעהערט מיט צעעפנטע מיילער. פאַוועל איז אייגגעשלאָפן אויף דער מו-טערס קני.

— אַך, ווען ער וואָלט באמת געטראַכט וועגן אונז, אומגליקלע-כע! — האָבן אויסגערופן די מענער, קוקנדיק איינער אויפן צווייטן.

— פאַרוואָס-זשע איז אונזער לעבן ביז איצט נישט געוואָרן אויף קיין האָר גרינגער?

— יאָ, אויך איך פאַרשטיי דאָס נישט גאַנץ גוט, — האָט פעללע אומאַנטשלאָסן געזאָגט. — ווייזט אויס, אַז מיר אַליין דאַרפן זיך באַמיען צו דערגרייכן עפעס בעסערס. אונזער צייט פאָדערט דאָס.

— יאָ, אָבער... אויב ער אַליין וויל נישט פאַרבעסערן אונזער לעבן, אויב מיר אַליין דאַרפן קעמפן פאַר זיין אויסבעסערונג, דאַרפן מיר נישט האָבן קיין שום קריסטוסן.

אויף דעם האָט פעללע נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

ער האָט בלויז געוווסט, אַז מען דאַרף אַליין דערגאַבערן דאָס גליק, דאָס איז געווען קלאָר ווי דער טאָג. און ער האָט נישט געקאָנט פאַר-שטיין, פאַרוואָס זיי זענען דאָס נישט איין. אָבער פאַרוואָס דאַרף מען דאָס אַזוי, דאָס האָט ער זיי נישט געקאָנט דערקלערן, ווי ער האָט זיך נישט געבראָכן דעם קאָפּ.

— איך קאָן אייך אָבער דערציילן אַ מעשה, — האָט ער גע-זאָגט.

— אָבער אַן אמתע, אַן אינטערעסאַנטע, — האָט אויסגערופן קאַרל, ווען מען ס'איז געווען אומדערטרעגלעך לאַנגווייליק.

— יאָ, ווען דאָ זאָל זיין ווינצלעוו; ער האָט אַזעלכע קאָמישע איינפאַלן!

— שווייג, דו פומפעריק, — פעללע קאָן האַלטן אמתע רעדעס פאַר גאַנצע פאַרזאַמלונגען, — האָט מאַריאַ פייערלעך געזאָגט, ווינקנדיק צו די איבעריקע.

— וועגן וואָס וועסטו דערציילן?

— וועגן פעטער „פלאַקסע!"

— אָבער וואָס פונדעסטוועגן?

— דו וועסט עס וויסן, ווען דו וועסט אויסהערן די מעשה, מיין קינד, — האָט באַמערקט דער נאַכט-שומר.

— אַזוי קאָן מען זיך נישט פרייען, ווען עס קומט אָן דאָס פאַמע אינטערעסאַנטסטע. וועט זיך אפשר דערציילן אין איר, אַז עמעצער האָט זיך געלאָזט וואַנדערן איבער דער ברייטער וועלט?...

— עס וועט זיך רעדן אין איר וועגן... — פעללע האָט זיך אויף אַ מינוט פאַרטראַכט. — עס וועט זיך רעדן אין איר וועגן קריסטוסעס געבורט, — האָט ער שנעל אַרויסגעמורמלט און איז געוואָרן פורפור-רויט פון זיין אייגענער וואַגעניש.

די איבעריקע האָבן געהאַט אַן אַנטוישטן אויסזעען. זיי האָבן זיך געזעצט גלייכער, גרייט אַראָפּצולאָזן די אויגן צו דער ערד צו, ווי זיי וואָלטן זיין אין דער קירכע.

פעללע האָט דערציילט, ווי פעטער „פלאַקסע" איז געבוירן גע-וואָרן אין אָרימקייט און עלנט, און מיט דער צייט איז ער געוואָרן גרויס און שטאַרק. ס'איז שווער געווען צו הערן וועגן דאָזיקן אומגעלומ-פערטן בחור, וועלכער האָט אַזוי מורא געהאַט פאַר אַלץ, אַז ווען אַ מיידל פלעגט צוגיין צו אים פלעגט ער זיך באַהעטן. ער האָט נישט גע-זעען קיין אַנדערן אויסוועג פאַר זיך, אַ חוץ דעם שטריק. וואָסערע דערנידערונגען האָט ער דען נישט דורכגעליטן! ער האָט געצוג געאַר-בעט, כדי צו באַצאָלן זיין דערנערונג, און פונדעסטוועגן האָט ער זיך געפונען אונטער דער געזעלשאַפטלעכער אַפּוטרופּסות, און מען פלעגט אים ווי טון אַ חסד דערמיט, וואָס מען פלעגט אים געבן חיונה, וועלכע ער האָט אומעטום געקאָנט באַקומען פאַר זיין אַרבעט. ווען ער איז אויס-געוואַקסן, איז זיין לעבן געוואָרן נאָך אומדערטרעגלעכער. אַלע האָבן

אים אונטערדריקט און זיך באַגאַנגען מיט אים, ווי מיט אַ הונט. אָבער מיטאַמאָל האָט ער צעריסן די צויבערייען, וואָס האָבן אים געפּײַניקט, ער האָט אָנגעבראָכן די ביינער פון זיינע פּייניקער און ער האָט זיך מוטיק געוואָרפן אויף דער ברייטער וועלט, ווי דער מוטיקסטער פון אַלע. ווען פעללע האָט געענדיקט, האָבן אַלע פריי אָפּגעאָטעמט. מאַריאַ האָט געפּאַטשט בראַוואָ.

— דאָס איז דאָך געווען נישט מער ווי אַ מעשהלע! — האָט זי אויסגעשריגן.

קאַרל האָט זיך געוואָרפן אויף בעטערן און אים גענומען קיילן. הגם יענער איז נישט געווען קיין טיראַן, נישט געקוקט אויף זיין גאַנצן ערנסט. אַלע האָבן רוישיק גענומען באַהאַנדלען די מעשה. יעדער האָט געהאַט וואָס צו באַמערקן וועגן פּעטערן.

— ווי קונציק ער האָט דאָס איינגעאָרדנט, — האָבן אָנגעקוואָלן די מענער, ער האָט אָנגעבויקערט די ביינער דער גאַנצער קאָמפּאַניע פון ערשטן ביזן לעצטן, אַ בחור אַ כוואַט! נו, האָט ער דאָס געהאַט אַ כּוח אַ ביסל! צוואָס-זשע האָט ער אַזוי לאַנג געליטן און געלאָזט אָפּחוזקן פון זיך?

— נ-יאָ, דאָס איז נישט אַזוי לייכט צו פאַרשטיין פאַר אונז, וועלכע פאַרטיידיקן אַזוי פעסט אונזערע רעכט, — האָט פעללע געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

— יאָ! ביסט, בנאמנות, אַ כוואַט! איצט האָסטו אונז ווי געהעריק דערקלערט, — האָט אויסגערופן דער פריילעכער יאַקאָוו, — אויב דו וועסט זיך בייטיקן אין אַ פּויסט, — אָט איז זי, נעם זי — און ער האָט פעללען דערלאַנגט די האַנט.

די ליכט האָבן שוין פון לאַנג אויסגעברענט, אָבער קיינער האָט דאָס נישט באַמערקט. אַלעמענס אויגן זענען געווענדט געווען אויף פעללען; פון זיי האָט אַרויסגעשטראַלט אַן אייגענע ליכט, וועלכע האָט געלויכטן אויך אין אַלע זייערע פּראַגעס, וועלכע זיי האָבן געשטעלט פעללען. זיי האָבן געוואָלט זיך פונאַנדערקלויבן אין זייער אַ סך. ער האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע וועלט שיינקייט געהער צו זיי, און זיי האָבן זיך געאיילט וואָס גיכער זי דעראָבערן. פעללע האָט מיטגעריסן אפילו דעם אַלטן אַלטוואַרג-הענדלער, עס איז געווען אַ צו גרויסער נסיון דאָס איבערגעבן זיך דער פאַרשיכּורטקייט, ווען נאָך איר זאָלן אפילו אָנקומען וואָכעדיקע טעג. זיי האָבן געפילט צו פעללען אַ גרויסן צוטרוי, און ער

האָט געענטפערט אויף זייערע פראַגעס מיט אַ זיכערן שמייכל; ער איז געווען איבערצייגט, אַז אַלץ וועט זיך געפינען אין זייער מאַכט, ווען די דאָזיקע צייט זאָל אפילו נישט קומען תּיכּף. כּדי דאָס צו פאַרווירקלעכן זענען נייטיק געווען אויסהאַלטעוודיקייט און געדולד, אָבער איצט זענען זיי נאָך נישט ביכולת דאָס צו פאַרשטיין. ווען זיי וועלן דעראָבערן די שיינע צוקונפט, וועלן זיי זי קאָנען אויך אויפהיטן. ער האָט נישט געהאַט קיין שאָטן פון אַ ספק. ער איז געשטאַנען צווישן זיי, ווי זייער פאַרקנרפערטע קראַפט, אַ גליקלעכער, פילנדיק אונטער זיך אַ פעסטן באָדן.

XIII.

איינמאָל האָט פעללע דערהערט ערגעץ דאָרט אין דער טיפעניש קלאַנגען פון מאָדנע שליאַפּענדיקע טריט, ריכטיק ווי עמעצער זאָל גיין איבער די שטיינער אין דאָרפישע, צו שווערע שיך. באַ פעללען איז אָפּגעשטאָרבן דאָס האַרץ. ער האָט צוועקגעוואָרפן די אַרבעט און מיט איין שפרונג איז ער שוין געווען אויף דער גאַלעריע, פעסט איבערצייגט, אַז דאָס האָט זיך אים נאָר אויסגעדאַכט. אָבער דאָרט אונטן, אויפן הויף, איז געשטאַנען זיין פאָטער און געקוקט אינדערהייך, אויף די ביי־בנינים, ווי נישט גלייבנדיק זיינע אַלטע אויגן. אויף דער פלייצע האָט ער געטראָגן אַ זאַק מיט כּל־טוב.

— האָפּ! האָפּ! — האָט געשריגן פעללע און איז מיט עטלעכע שפרונגען אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן. — האָפּ, האָפּ!

— גאָט העלף, מיין יינגל, — האָט לאַססע געזאָגט מיט אַ ציטעריק קול פון איבערעגונג און ער האָט שאַרף אַ קוק געטון אויפן זון, אויף די אויגן־לעדלעך זענען שוין אויסגעקראָכן באַ אים די וויעס.

— יאָ, אָט איז דיין פאָטער, אויב דו האָסט חשק אים צו זען. אָבער פונוואַנעט האָסטו זיך דערנומען? מיר דאַכט זיך, אַז דו ביסט אַראָפּגעפאַלן גלייך פון הימל.

פעללע האָט צוגענומען באַם פאָטער דעם זאַק.

— קום מיט מיר אינדערהייך, — האָט ער געזאָגט. — האָב נישט

קיין מורא, וועסט נישט אַראָפּפאַלן. די שטיגן זענען אינדעראמכתן גאַנץ פעסט, כאָטש דער אויסזעען זייערער איז אַזאַ נישט זיכערער.

— אויב אַזוי זענען זיי ענלעך אויף מיר, — האָט געענטפערט דער אַלטער און זיך גענומען עלעפן נאָכן זון; די בענדלעך פון זיינע האַלב-שטיוול האָבן אַרויסגעשטאַרצט נונדערזייט, ער איז געווען דער אַמאָליקער. אויף יעדער שטיגן-פּלאַנקאָרב פלעגט ער בלייבן שטיין און מאַכן זיינע באַמערקונגען. פעללע האָט אים געבעטן ער זאָל דערווייל שווייגן:

— דאָ איז נישט באַקוועם צו רעדן אַזוי הויך וועגן אַרומיקן. מען וועט זאָגן, אַז דו פּאַראורטיילסט אַלעמען, — האָט אים פעללע געזאָגט.

— אויף אַן אמת? וואָס מער מען לעבט, אַלץ קלוגער ווערט מען, זע-נאָר, זע-נאָר, דאָ אינדערהייך וואַשט מען! מאַמעלעך, און דאָס איז דער גאַנצער הויף? אַך, יאָ, איך וועל שווייגן. איך האָב אויך פריער געוווסט, אַז זיי לעבן איינער איבערן צווייטן. אָבער אַז דאָ איז אַזוי ווייניק אָרט — ניין, אָט דאָס האָב איך זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט. און ווו איז דאָס געזעען געוואָרן, אַז מען זאָל צומאַכן אַ שטיקל הויף צו אַ קיך-טיר און מען זאָל הענגען איינער איבערן צווייטן? ווי פייגל, וואָס האָבן זייער גאַנצע באַלעבאַט-שקייט אויף איין צווייג. אַך, טייבעלעך מיינע, און וואָס, אויב דאָס וועט אַלץ ווען-נישט-איז איינפאַלן?

— און אָט דאָ לעבסטו? — האָט ער אַנטוישט אַ געשריי געטון, באַטראַכטנדיק פעללעס צימער. — איך האָב טאַקע אָפט געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי דו האָסט זיך דאָ איינגעאָרדנט. נישט לאַנג צוריק האָב איך געזעען אינדערהיים איינעם אַ מענטש, וועלכער האָט מיר דערציילט, אַז דו צייכנסט זיך דאָ אויס: אָבער משפּטנדיק לויט דיין צימער איז דאָס עפּעס נישט ריכטיק. דערפאַר האָסטו זיך פאַרקליבן גאָר נאָענט צום הימל — ממש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

פעללע האָט געשוויגן, אים איז איצט געפעלן געווען אַ זיין דירה, אַ זיין גאַנץ לעבן. און דער פאָטער, ווייזט אויס, האָט געטרוימט וועגן אַ בורזשואַזן-ווילשטאַנד פון ער איז איצט געווען אַנטוישט.

— פונוואַנען האָסטו גענומען, אַז איך לעב אין אַ קעניגלעכן שלאָס? — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון פאַרביטערונג.

דער פאָטער האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט זיינע גוטע אויגן און האָט צוועקגעלייגט זיינע הענט אויף די אַקסלען בא אים.

— ווי גרויס און שטאַרק דו ביסט געוואָרן, מיין טייערער! — האָט ער געזאָגט מיט אַנטציקונג. — איז אַט בין איך דאָ. אָבער איך וויל דיר נישט פאַלן צו לאַסט. אָבער אין שטוב איז אַזוי שלעכט, באַזונדערס נאָך דער געשיכטע מיט דוע, אַז כ'האָב באַשלאָסן זיך לאָזן אין וועג אַריין, אפילו דיר נישט מודיע זייענדיק; חוצדעם האָט מיך אַ מאַטראָס צוגעפירט אומזיסט.

— וואָס אַזוינס איז מיט דוע? איז דען וואָס געשעען מיט אים?

— צי דען ווייסטו גאָרנישט? ווען ער האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן זיין פרוי און דעם קאָנסול, האָט ער זי דערהרגעט צוזאַמען מיט אַלע קינדער, אַ חוץ דעם יינגסטן, וועלכעס איז געווען ענלעך צום קאָנסול; אים האָט ער נישט אָנגערירט. און דערנאָך איז ער אַוועק און אַליין זיך אויסגעגעבן. יאָ, דאָס איז אַ שרעקלעך אומגליק! און איידער ער איז אַוועק אין פּאָליציע, איז ער אַריין צו מיר; ער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט אויסרעדן זיך פאַר אַ מענטש, וועלכער האָט זיך באַצויגן צו אים ווי אַ פריינט. „איך האָב געהרגעט אַנגען", האָט ער געזאָגט, ווי נאָר ער האָט זיך אוועקגעזעצט. — „אַזוי האָט געמוזט געשעען. וועגן מיינע אייגענע קינדער האָב איך ערלעך געזאָרגט". (יאָ, יאָ, יאָ, ער האָט ערלעך געזאָרגט פאַר די אומגליקלעכע קינדער!) איך בין געקומען זיך זעגענען מיט דיר, לאַססע; מיין לעבן איז שוין פאַרשפּילט, הגם איך האָב געקאָנט זיין זייער גליקלעך, איך שטעל דאָך נישט קיין גרויסע פאָדערונגען. אָבער אַנגע האָט געוואָלט גרעסערס און מיין לאַגע האָט זיך געבעסערט פאַרן פרייז פון איר שאַנדע, — איך האָב דאָס נישט געוווּסט. איך האָב זיך דאָך צופרידנגעשטעלט מיטן נישט-אָנזעבאַרן גליק פון אָרימאַן, — מיט אַ גוטער פרוי און מיט מיינע צוויי קינדערלעך — און אַט דאַרף איך גיין אין תפיסה! גאָט צו דאַנקען, וואָס אַנגען איז נישט אויסגעקומען איבערצולעבן אויך דאָס. זי האָט פאַרמאָגט איידעלערע געפילן, ווי די אַנדערע, און זי האָט געמוזט אָפּנאַרן, כדי צו דערגרייכן אַ בעסערע לאַגע". און ער איז געזעסן און גערעדט וועגן דער טויטער, נישט אַרויסווייזנדיק קיין ברעקל געפיל. כ'האָב נישט געוואָלט ער זאָל זעען, ווי מיר איז שווער געווען אויף דער נשמה. זאָל ער זיך נישט מאַטערן, ביז זיין אייגן געוויסן וועט אים נישט אויפוועקן. „עס טרערן באַ מיר די אויגן" — האָט ער שטיל געזאָגט. — „דו דאַרפסט זיי היילן, מען זאָגט, אַז השתנה העלפט גוט". אויך אין מיינע אויגן זענען געווען טרערן, דאָס איז ריכ-

ט״ק. יאָ, יאָ! דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען. „אויך אין דיין לעבן איז געבליבן ווינציק גוטס, לאַססע״, האָט ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק מיר די האַנט, — „ביסט שוין אַלט. גריס פון מיר פעללען, ווען דו וועסט אים זעען, ער וועט, זיכער, אַ סך דערגרייכן״.

פעללע האָט מיט טרויער געהערט די אומעטיקע דערציילונג. אָבער די לעצטע ווערטער האָבן אים געצווונגען אויפצוציטערן. ער האָט שוין אַזוי פיל געהערט וועגן דידאָזיקע דערוואַרטונגען, אַלע האָבן תמיד גע־רעדט וועגן זיין גליק און שוין באַצייטנס זיך געפרייט מיט דעם. דידאָ־זיקע דערוואַרטונגען זענען געווען אַ ווידערקול פון זיינע אייגענע האָפ־נונגען. אָבער איצט האָבן זיי זיך געלייגט אויף אים ווי אַ שווערע משא. זיך־טרינקענדיקע האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר זיין גליק; זיי האָבן געלייגט אויף אים זייערע האָפנונגען. און אַזאַ טרויעריקע נביאות וועגן גליק איז אים געווען שווער. אַ פאַרמשפּטער צו טויט האָט אים געגעבן אַן אומ־געהייער שווערע ברכה אויף זיין וועג צום גליק. פעללע האָט אומבאַ־וועגלעך געקוקט צו דער ערד, ער האָט זיך טיף פאַרטראַכט. ער האָט געציטערט אין פאַרגעפיל פון יענער איבערמענטשלעכער משא, וועלכע וועט זיך לייגן אויף אים, און מיטאַמאָל האָט אים באַלויכטן אַן אומגע־ריכט ליכט: דאָס מעשהלע וועגן זיין גליק איז געשטאָרבן! איינער אַליין וועט ער נישט זיין גליקלעך! ער איז פאַרבונדן געווען מיט אַלע איבעריקע סיי אין אומגליק סיי אין גליק. דעריבער האָבן אים אַלע זיך־טרינקענדיקע געבענטשט... ער האָט דורכגעלעבט יענעם גאַנצן שוידער, וועלכן עס האָט געשפּירט דוע, און יענע געפילן, וואָס האָבן באַוועגט די שיינע אננע, וועלכע האָט אומגעבראַכט איר פאַמיליע. פעללע וועט שוין מער קיינמאָל נישט קאָנען זיך אָפּטיילן פון די איבעריקע, ער וועט שוין מער קיינמאָל נישט קאָנען זיין זאָרגלאָז און פריידיק, ווי פריער. אין זיין לעבן האָט ער זיך תמיד געטראָפן מיט אָרימקייט, און פון לאַנג שוין האָט ער פיינט געהאַט די סיבות, וועלכע האָבן זי אַרויסגערופן. אָבער דאָס, וואָס האָט אים איצט באַהערשט, איז שוין נישט געווען קיין שנאה. דאָס איז געווען דער גרויסער טרויער בכבודו ובעצמו!

— אַך, יאָ! — האָט לאַססע אָפּגעזיפצט. — סאַראַ גליק, וואָס דעם ברודער קאַללע איז נישט אויסגעקומען דאָס אַלץ איבערצולעבן. ער האָט געאַרבעט פאַר זיינע קינדער מיט אַלע כוחות און נישט אויס־געהאַלטן; אַלס דאַנק דערפאַר ליגט ער איצט אויפן בית־עולם פאַר קבצנים. בלויז איין אַלבין, וועלכער איז געווען אַ וואַנדערנדיקער פאַקוס.

ניק, האָט נישט פאַרגעסן אין אים; דאָס געלט איז אָנגעקומען צו שפּעט, הגם ער האָט עס אַרויסגעשיקט טעלעגראַפיש. האָסטו ווען־נישט־איז שוין געהערט וועגן אַזעלכע וואונדער? שיקן געלט פון ענגלאַנד אין באַרנהאָלם דורך טעלעג־אַפּן־דראָט.

— דער ברודער קאַללע. — האָט דער אַלטער ווייטער גערעדט, — האָט אויך געקענט פאַרשידענע פּאָקוסן. וואָס שייך אַלפּרעדן האָט מען וועגן אים גאָרנישט געהערט אויף דער לוויה. ער איז דאָך איצט געוואָרן אַן „איידעלער" און ער האָט איבערגעריסן אַלע באַציונגען מיט די אָרימע קרובים. ער פאַרנעמט אַלערליי חשובע אַמטן, און מיט די אָרימע באַגייט ער זיך ווי אַ הונט אויף דער קייט — אַ מענטש באַציט זיך תּמיד צום ערגסטן צו זיינס גלייכן. און פאַר די „פּני" איז ער אַ שטאַרקע שטיצע...

דעם אַלטנס רייד האָבן געקלונגען אין פּעללעס אויערן, ווי דאָס איינטאָניקע פּלעסקען פון אַ טייכל.

— דוע, דוע! — דער איידלסטער, בעסטער מענטש, וועלכן ער האָט ווען־נישט־איז געקענט, וועלכער האָט פאַרטיידיקט דאָס אומגעזעצ־לעכע קינד פון זיין ווייב קעגן דער אייגענער מוטער און האָט עס ליב געהאַט ווי זיין אייגן קינד, ווייל עס איז הילפלאָז און נייטיקט זיך אין זיין ליבע — דעמדאָזיקן מענטש האָט דערוואַרט טויט־שטראָף!

פאַר אַזאַ טייערן פּרייז האָט ער באַקומען די מעגלעכקייט צו פאַר־ווירקלעכן זיין פאַרלאַנג און ווערן אַ פורמאַן. די פערד און דעם וואָגן האָט מען אים פאַרקויפט אויף באָרג, און ער האָט געדאַרפט אויסצאָלן פּראָצענטער — דער קאָנסול האָט נאָר ער׳ב געוועזן פאַר אים. און פאַרן דאָזיקן נישטיקן גליק איז ער איצט געגאַנגען מיטן וועג פון שאַנד! זיינע טריט האָבן ווייטיקלעך אָפּגעהילכט אין פּעללעס נשמה, און ער האָט נישט געוווסט, ווי יזעט ער דאָס אַלץ קאָנען פאַרטראָגן, און מיטן גאַנצן האַרץ האָט ער געוואָלט זיך אומקערן צון זיין פריערדיקער גלייכ־גילטיקייט.

לאַססע האָט נישט אויפגעהערט צו פּלוידערן וועגן פאַרשידענע זאַכן.

דער גורל פון אַ מענטש, ווי שווער און טרויעריק ער זאָל נישט זיין — איז פאַר אים תּמיד געוועזן עפּעס אומפאַרמייז־לעכס. די זעונג מיט זיין זון האָט אויך בא אים אַרויסגערופן אַ סך דערינערונגען. לאַססע איז געוועזן אויפגערעגט. אַלץ וואָס אַרום האָט אים זייער געווילט. ווי

איז דאָס פּלוצלינג איינגעפאַלן אַזוי אַנצוואַרפן די מענטשן איינעם אי־בערן צווייטן — ווי הערינג אין אַ פעסל! און דאָרט, אינדערהיים אין באַרנהאָלם, האָבן זיך געפונען ערטער, וווּ עס איז נישט געווען קיין ישוב אויף אַ רפואה. ער האָט זיך נישט דערוועגט צוצוגיין נאָענט פון פענצ־טער און איז געשטאַנען פון א״ם אויף אַ גוטן מהלך אינמיטן צימער און האָט געקוקט אויף די דעכער. סאַראַ סך זיי זענען געווען! זיי איז אומ־מעגלעך איבערצוציילן, ווי די זאַנגען אין פעלד! פעללע האָט צוגע־רופן מאַריען, וועלכע איז באַשיידן נישט אַרויסגעגאַנגען פון איר צימער.

— דאָס איז מיין טויף־מוטער, — האָט ער געזאָגט, אָנרירנדיק זיך צו איר אַקסל. — און דאָס איז מיין פאָטער, לאַססע, דו האָסט אים שוין ליב, ווי דו זאָגסט דאָס שטענדיק אַליין. וועסט אונז אפשר צו־גרייטן אַ פרישטיק? — און ער האָט איר געגעבן געלט.

— זי איז זייער אַ גוטע, יאָ, יאָ. — מען דאַרף איר עפּעס שענ־קען. — האָט לאַססע געזאָגט און זיך גענומען פאָרען אין זיין זאַק. — אָט האָסטו אַ רויט עפּלע, — האָט ער זיך געווענדט צו איר, ווען זי האָט זיך אומגעקערט. — עס עס אויף, וועסטו זיין מיין כּלה.

מאַריאַ האָט ערנסט אַ שמייכל געטון און אַ קוק געטון אויף פעללען.

זיי האָבן גענומען אַ האַנט־וועגעלע בײַ דער אַלטוואַרג־הענדלע־רין און זיי זענען געפאָרן נאָך לאַססעס זאַכן. ער האָט פאַרקויפט די גרעסטע טייל פון זיינע זאַכן, כּדי נישט שלעפּן זיי מיט זיך אין שטאָט אַריין. ער האָט פונדעסטוועגן נאָך געהאַט אַ בעט, בעטגעוואַנט און נאָך קלייניקייטן.

— כ׳האָב דיר נאָך געבראַכט אַ גרוס פון סאָרטן און מאַריאַ ניל־סען, — האָט ער געזאָגט.

פעללע איז רויט געוואָרן:

— כ׳וואָלט איר געדאַרפט אָנשרייבן, כ׳האָב אָבער אינגאַנצן פאַר־געסן וועגן דעם אויף מיין טורעם. כ׳האָב איר צוגעזאָגט מיין פאָטאָ־גראַפיע. כ׳וועל זיך באַמיען אויסצופירן דאָס אַלץ.

— יאָ, טו דאָס, — האָט לאַססע געזאָגט. — כ׳ווייס נישט אויף ווי ווייט עס זענען בײַ אייך געווען נאָענטע באַציונגען, זי איז אָבער אַ גוטע פרוי. און די, וועלכע בלייבן, איז תּמיד אומעטיק, ווען מען פאַר־געסט אין זיי. גיב אַ טראַכט וועגן דעם, פעללע.

נאָך מיטאָג האָט זיך לאַססע אַ ביסל אָנגעטון און אָפּגעפּוצט זיין הוט.

— וווּ גייסטו? — האָט פּעללע געפרעגט. — צי דען ווילסטו גיין ערגעץ־ווּ איינער אַליין?

— כ'וויל אַ ביסל באַקוקן די שטאָט, — האָט לאַססע געענטפערט, ריכטיק, ווי דאָס וואָלט געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. — כ'וועל זוכן אַרבעט און, ס'קאָן זיין, אַז מיר וועט געלינגען אַ קוק צו טון אויפן קעניג. דו דערקלער מיר נאָר, וואָסער ריכטונג איך זאָל זיך האַלטן.

— וואַרט בעסער אונטער, ווען איך וועל פריי ווערן. וועסט זיך פאַרבלאָנדזשען.

— פאַרוואָס עפּעס? — האָט לאַססע באַליידיקט געענטפערט. — כ'בין דאָך געקומען אַהער אינגאַנצן אַליין.

— כ'קאָן דאָך גיין מיט אים, — האָט פאָרגעלייגט מאַריאַ.

— נו, אדרבה, גיי מיטן אַלטן, וועט כאָטש קיינער, לכל הפחות, נישט זאָגן, אַז ער האָט פאַרלוירן די יוגנט, — האָט לאַססע אויסגערופן אין שפּאַס און זי אַנגענומען באַ דער האַנט. — איך מיין, אַז מיר וועלן זיין גוטע פריינט.

אָוונט־צייט האָבן זיי זיך צוריקגעקערט.

— אַן עולם איז דאָ דאָ אַ נישקשהדיקער, אָבער קיין איבערפלוס אין אַרבעט זעט זיך נישט. כ'האָב אייניקע פערזאָן פאָרגעלייגט מיין דינסט, אָבער קיינער האָט מיר נישט געוואָלט איינאָרדנען. נו, דאָס וועט מען נאָך זען. אַנישט וועל איך אַרויפזעצן אַ נאָדל אויפן שטעקן און כ'וועל, ווי אַנדערע אַלטע, צונויפקלויבן פּאַפּיר אויף די גאַסן; דאָס וועל איך נאָך קאָנען.

— איך וועל אָבער נישט דערלאָזן דערצו, — האָט פּעללע אויסגערופן מיט היץ. — מיין פאָטער דאַרף נישט זיין קיין שמאַטניק!

— גוט, אָבער איך דאַרף דאָך עפּעס טון. נאָכדעם וועל איך ווידער אָוועקפאָרן אַהיים. כ'וויל נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און צוקוקן, ווי דו אַרבעטסט מיט אַלע כּוחות.

— וואָלסט באַדאַרפט פּשוט זיך אויסרוען און לעבן אין רו אויף דער עלטער, און מיט דער צייט וועט זיך מאַכן אויך אַרבעט.

— איך רוען? איך זאָל ליגן אויפן רוקן און דערלויבן מיך אָנקאָרמענען ווי אַ בייגעבוירענעם? כ'כפק, מיין רוקן זאָל דאָס אויסהאַלטן!

זיי האָבן אַוועקגעשטעלט לאַססעס בעט מיטן צופוסנס צו יענעם ערט, ווו דער דאַך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און געבילדעט אַ קרומען וואַנקל; דאָרט איז געווען גענוג אָרט.

פעלליע האָט זיך געפילט ווי אַ קינד; שוין אַ סך יאָרן איז ער נישט געשלאָפן מיטן פאָטער אין איין צימער. אָבער פעלליען האָבן זיך געחלומט שלעכטע חלומות. דיזעס אומגליקלעכער גורל האָט אים אויך אין שלאָף נישט געגעבן קיין רו. זיין פעסטע איינגעבויגענע פיגור, מיט הענט פאַרבונדענע אויף דער פלייצע, האָט זיך באַוועגט אין אומענדלעכן גרויען חושך; אויפן האַלז האָט געבראַזגעט אַ שווערע, אייזערנע קייט, און די אויגן האָבן געקוקט צו דער ערד, אין תהום אַריין.

פעלליע האָט זיך אויפגעכאַפּט דערפון, וואָס זיין פאָטער איז געשטאַנען איינגעבויגן איבער זיין בעט און געטאַפּט זיין פנים, ווי דעמאָלט, ווען ער איז געווען אַ קינד.

— וואָס איז מיט דיר, קינד מיינס? — האָט ער געפרעגט מיט גאָרג. — ביסט אפשר קראַנק?

XIV.

לאַססע האָט נישט געוואָלט זיצן אָן אַרבעט און ער האָט מיט גרויס התמדה געזוכט אַרבעט. ווען ער האָט גערעדט מיט פעלליען, האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז אַלץ איז אויסגעצייכנט, אָבער אויף דער אמתן האָט ער געטראַכט אַנדערש: די שטאָט האָט אים שטאַרק אַנטוישט. אים איז נישט געפעלן געוואָרן דערדאָזיקער הו-האַ. ער האָט געשפירט, אַז ער איז צו אַלט, כדי זיך צוגעוויינען און אויסגעפינען אין דעם אַלעם עפּעס אַ זינען, אויב עס איז באמת געווען אין דעם עפּעס אַ זינען. דערדאָזיקער גאַנצער הו-האַ האָט געמאַכט אַזאַ איינדרוק, ריכטיק ווי יעדער זאָל לויפן, ווו עס האָט אים געוויזן זיין אייגענע נאָז, נישט טראַכטנדיק לחלוטין וועגן אַנדערע. די מענטשן פלעגן זיך אפילו נישט באַגריסן בײַם טרעפן זיך. לאַססע האָט דאָס בשום אופן נישט געקאָנט באַגרייפן. „בעסער וואָלט איך שוין געבליבן אינדערהיים", — פלעגט ער אָפט טראַכטן בײַ זיך.

און וואָס שייך פעללען, איז... יאָ, ער איז אינגאַנצן פאַרזונקען געווען אין די אייגענע ענינים! אַזוי האָט זיך טאַקע געדאַרפט פירן אַ מאַנסביל. ער איז געלאָפן אויף מיטינגען, האָט אַגיטירט, ער האָט געהאַט אַ סך געשעפטן. אַלע זיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען דערמיט; ס'האָט קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגן פלוידערן אַ ביסל, ווי אין די אַלטע צייטן. חוצדעם האָט ער געהאַט אַ כלה, אין די צייט, וועלכע ער האָט נישט אָפגעגעבן דער אַרבעטער־באַוועגונג, פלעגט ער אָפגעבן זיין כלה. ווי ער איז אויסגעוואַקסן און זיך געענדערט סיי קערפערלעך, סיי גייסטיק! לאַססע האָט געהאַט אַ געפיל, אַז ער גרייכט פעללען נישט מער ווי ביז די קני, פעללע איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך ערנסט און זייער מענלעך, ריכטיק ווי ער וואָלט געהאַלטן אין די הענט עפעס לייטשעס. זאָל זיין, אַז ער איז אַ פשוטער געזעלן. נישט אין דעם גייט דאָ. דער בחור האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרק־אַנטוויקלט אחריות־געפיל, ס'קאָן זיין, אַז שוין אַ צו שטאַרקס.

דעם אַלטן האָט מערסטנטיילס באַגלייט מאַריאַ, זיי זענען געווען גוטע פריינט און האָבן געפונען וועגן וואָס צו פלוידערן צווישן זיך. זי איז געגאַנגען מיט אים דאָרט, וווּ עס זענען געווען צייטונגס־אַנאָנסן. אַרום זיי האָט זיך געזאַמלט אַ גרויסער עולם, וואָס האָט געזוכט אַרבעט. עס איז געשטאַנען אַ געדיכטער המון אין טויער און אויף דער גאַס.

— מיר וועלן זיך דאָ גאָרנישט דערשלאָגן, — האָט לאַססע גערעדט אומצופרידן, אָבער מאַריאַ פלעגט זיך דערשטופן פאָראויס. פלעגט מען זי זידלען, פלעגט זי ענטפערן מיט דעם זעלבן; לאַססע פלעגט ווערן אויסער זיך, הערנדיק פון קינדערשן מויל אַזאַ זידלעריי, דאָס פלעגט אָבער אויסגעצייכנט העלפן.

מאַריאַ האָט געלייענט אויפן קול די אַנאָנסן, און לאַססע פלעגט מאַכן זיינע באַמערקונגען. די אַרומיקע פלעגן אָפט לאַכן פון אים, און לאַססע פלעגט געפלעפט קוקן אויף זיי און צום סוף אַליין אָנהייבן לאַכן, פריילעך צושאָקלענדיק מיטן קאָפ. ער איז אויף אַלץ געווען מסכים.

— וואָס זאָגסטו דאָרטן: אַ פורמאַן פאַר חשובע לייט? נו, מיט אַ פאָר פערד וועל איך זיך קאָנען אַן עצה געבן, אָבער פאַר די חשובע לייט וועל איך, מסתמא, זיין צו פראָסט: כ'האָב מורא, עס זאָל מיר נישט אָנהייבן צו רינען פון דער נאָז. — ער האָט מיט ווירדע געקוקט אַרונ

זיך, ווי אַ קינד, מיט וועלכן מען קוויקט זיך. — אָט זעכטו, אַ שיקייינגל, דאָס וואָלט געווען גאָרנישט שלעכט. דאָס דאַרף מען אין זינען האָבן. מען דאַרף נישט קיין גרויסע קונסט אויף צו זיין פּאַר אַלעמען אַ הונט! אַ הויז־שומר, צו אַלדי רוחות! מען דאַרף בלויז זיצן און ווילד אַרויסקוקן דורכן פענצטערל. נו, אָט דאָרט אַהין וועלן מיר אַריבערגיין פּרובירן גליק.

זיי האָבן געלייענט די אַדרעסן אַזוי לאַנג, ביז זיי האָבן זיי נישט אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. אין דערנאָך האָבן זיי זיך גענומען אַדורכשטופּן צוריק דורכן עולם.

— זאָל דיך דער רוח כאַפּן, דו אַלטער, — האָט מען געפּעדעט אַרום און מיט געלעכטער געקוקט אויף אים.

לאַססע האָט נישט געוווּסט פון מידקייט. זיי זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, אָבער אָן שום רעזולטאַט. אומעטום האָט מען נאָר געלאַכט פון זיין אַלטער אָנמעכטיקער פיגור אין שטיוול מיט ברייטע שפּיצן.

— זיי לאַכן פון מיר, — האָט לאַססע געזאָגט אַ נידערגעשלאָגענער. — ס׳קאָן זיין דערפאַר, ווייל איך האָב אַ ביסל אַ פויערישן אויסזען. אָבער דידאָזיקע צרה לאָזט זיך פאַרריכטן.

— און איך מיין, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס דו ביסט זייער אַלט און פונדעסטוועגן ווילסטו נאָך אַרבעטן, — האָט מאַריאַ געזאָגט.

— דו מיינסט, אַז דאָס איז דערפאַר? איך בין אַלט נישט מער ווי זיבעציק, און פון דעם פאָטערס ווי פון דער מוטערס צד האָבן אַלע דערלעבט ביז ניינציק. דו מיינסט באמת אַזוי? זאָלן זיי מיר נאָר געבן אַרבעט, וואָלט איך זיי באַווייזן, סאַראַ קראַפט פאַרמאָגט נאָך דער אַלטער לאַססע. נישט איין בחור וועט אויפרייסן דאָס מויל פון שטוינונג. און וואָס פאַר אַ מענטשן זענען דאָס געשטאַנען אָט־דאָרטן, מיט אַזאַ טרויעריקן אויסזען, מיט הענט פאַרשטעקטע אין די קעשענעס?

— דאָס זענען אַרבעטסלאָזע. איצט איז זייער שווער צו פאַרדינען, און מ׳זאָגט, אַז ס׳וועט זיין נאָך ערגער.

— און די אַלע, וועלכע האָבן זיך געזאַמלט אַרום די אַנאָנסן, זענען אויך אַרבעטסלאָזע?

מאַריאַ האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— אויב אַזוי איז דאָ נאָך ערגער ווי אינדערהיים. ווען מיר פלעגן

שוין נישט האָבן קיין שום אַנדערע זאַך, פּלעגט מען תּמיד קאָנען גיין אין דער שטיינהאַקעריי, און אַבי איך האָב געמיינט, אַז דאָ זענען שוין אָנגעקומען גוטע צייטן.

— פעללע זאָגט, אַז דאָס וועט נאָך זיין, — האָט מאַריאַ געזאָגט.

— יאָ, פעללע. אים איז גוט צו רעדן; ער איז יונג, געזונט, דאָס לעבן האָט ער נאָך פאַר זיך.

לאַססע איז געווען שלעכט געשטימט. קיין זאַך איז אים נישט געפעלן געוואָרן. כּדי אים אַ ביסל פרייליכער צו מאַכן, האָט אים מאַריאַ מיטגענומען אויף אַ פּאַראַד. דאָס האָט אים טאַקע אַ ביסל אָפּגעפרישט.

— סאַראַ פלינקע חברה זיי זענען אַלע! סאַראַ פיגורן זיי האָבן! ווי גוט זיי זענען אָנגעטון! זיי וויסן דאָס אַליין גאַנץ גוט. איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין זעלנער. ס'איז געווען אַ צייט, ווען כ'האָב זיך געקליבן גיין אין זעלנעריי. כ'בין געווען אַ פלינקער יונגער בחור, זיי האָבן מיך אָבער נישט צוגענומען; מיין קערפּערבוי איז נישט געווען גוט, האָט מען מיר געזאָגט. פון קינדווייז אָן האָב איך צופיל געאַרבעט. זיי האָבן זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז מ'דאַרף האָבן אַזעלכע און אַזעלכע מאָסן, איך מיין, אַז דאָס איז דערפאַר, כּדי געפעלן צו ווערן חשובע פרויען. ווען נישט דאָס, וואָלט איך אויך באַשיצט מיין פאָטערלאַנד.

זיי זענען געגאַנגען ווייטער, דער טראָטואַר איז געווען צעבראָכן. עטלעכע ערדגרעבער האָבן זיך געקליבן גראָבן די ערד, כּדי דורכצולייגן רערן. לאַססע איז געווען אויפגערעגט און איז געלאָפן אַהין.

— אָט דאָס וואָלט געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר מיר. — ער איז געשטאַנען איבער זיי, פאַרזונקען אין טרוימען און צוקוקנדיק זיך צו זייער אַרבעט. יעדעס מאָל ווען זיי פלעגן אויפהייבן דעם רידעל, פלעגט זיך זיין אַלטער קאָפּ באַוועגן אין טאַקט צו זיין באַוועגונג. ער האָט זיך גערוקט אַלץ נענטער און נענטער.

— הער נאָר, — האָט ער געזאָגט צו איינעם פון די אַרבעטער, — קאָן מען זיך דאָ נישט איינאָרדנען בײַ דער אַרבעט?

יענער האָט אים שאַרף אָנגעקוקט.

— דאָ זיך איינאָרדנען? — האָט ער אַ געשריי געטון, ווענדנדיק זיך מער צו זיינע חברים, ווי צו לאַססען. — אָט וואָס עס ווילט זיך

דיר! איר קומט דאָ צו פאָרן פון דער פרעמד און איר ווילט אָפּנעמען בא אונז, בא די אייגענע, דאָס שטיקל ברויט. נעם גיכער דעם דרך, דו שד פליכעוואַטער! — און לאַכנדיק האָט ער אַ פּאַכע געטון מיטן רידעל איבער זיין קאָפּ.

לאַססע איז לאַנגזאַם אָפּגעגאַנגען.

— סאַראַ ווילדער, — האָט ער לאַנגזאַם געזאָגט צו מאַריען.

אינאַווונט האָט פּעללע געדאַרפט לויפן אויף זיינע אומענדלעכע פאַרזאַמלונגען. ער האָט געהאַט אַ ים אַרבעט. אָבער די לאַגע איז גע-בליבן שלעכט ווי פריער. עס איז נישט לייכט געווען צו מאַכן אַזוי, אַז דער שטרנ̈ם פון אָרימקייט זאָל אויסגעטריקנט ווערן.

— טראַכט וועגן דיינע אייגענע ענינים, — האָט לאַססע גע-זאָגט, — און איך וועל דאָ אונטערזיצן און אַ ביסל פלוידערן מיט די קינדער, און דערנאָך וועל איך גיין שלאָפן. מיין קערפּער טרוימט אַלץ מער און מער וועגן דעם בעט. הגם איך בין קיינמאָל נישט געווען פ׳יל. דאָס רופט מיך דער קבר. כ׳קאָן נישט אַרומגיין אָן אַרבעט. כ׳פיל זיך קראַנק דערפון.

לאַססע פלעגט פריער קיינמאָל נישט רעדן וועגן קבר, איצט אָבער האָט ער, ווייזט אויס, געזעען אין אים זיין טרייסט.

— די שטאָט איז אַזוי גרויס, און אַלץ איז אין איר אַזוי אומגע-לומפּערט, — פלעגט ער זאָגן צו די קינדער. — אויב עמעצן פאַלט שוין אַריין עפּעס אין האַנט, רינט דאָס באַלד דורך צווישן די פינגער.

גאָר גערן פלעגט לאַססע אָנטרויען זיינע פאַרדרוסן די קינדער. פּעללע איז געוואָרן אַזוי ערנסט און ער פלעגט פיל טראַכטן, אַז לאַססע פלעגט פילן צו אים אַן אמתע אַכטונג, און ער האָט אים נישט געוואָלט אָפּרייסן דורך די קליינלעכקייטן פון לעבן.

דער כאַראַקטער פון קינדישן לעבן איז לאַססען געווען נאָענט. זיי האָבן געקעמפט צוליב די זעלבע אומגעגנעמלעכקייטן, ווי ער, און זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען אַלע זיינע צרות. די קינדער פלעגן אים אָפט געבן גוטע פּראַקטישע עצות, און דער אַלטער פלעגט זיי לערנען לעבנס-חכמה.

— כ׳ווייס נישט גענוי פאַרוואָס דאָס איז אַזוי, — פלעגט ער זאָגן, — אָבער איך ווער עפּעס נאַרישער אין דער גרויסער שטאָט. עס ברענגט מיך שוין אַריין אין פאַרלעגנהייט דאָס אַליין, וואָס קיינער קען

זיך נישט און קיינער קוקט נישט אויף מיר, ווען איך גיי פאַרביי, איך פאַרליר דעם מוט. ווי אַנדערש עס איז דאָרט, אינדערהיים. גייסט, און יעדער דורכגייער קערט דעם קאָפּ צו דיר און זאָגט: „אָט גייט דער אַלטער לאַססע. ער איז זיכער געגאַנגען צום פּאָרט האַקן שטיינער, נו, אַ כוואַט, דער רוח זאָל אים נעמען!“ אָדער מען גריסט דיך. און אַליין קען מען אויך יעדן אָנגעטראָפּענעם. און דאָ לויפן אַלע, ווי מטורפים. כ'פאַרשטיי נישט, קאַרל, ווי אַזוי געפינסטו דאָ אַרבעט?

— זייער פּשוט, — האָט געענטפערט דאָס יינגל. — זעקס אַ זייגער אינדערפרי גיי איך אַוועק אויפן גרינסן-מאַרק; דאָרט קומט אָפּט אויס אָפּפירן אָדער ברענגען צו פירן סחורה פאַר די קליינהענדלער, ווייל זיי האָבן נישט קיין מיטלען אויף צו האַלטן געהילפן. ווען דער האַנדל מיט גרינסן ווערט פאַרענדיקט, העלף איך די גערטנער אַרויסטראָגן די בלומען. אמת, דאָס איז זייער נישט קיין זיכער פאַרדינסט, ווייל איך באַקום בלויז „טרינק-געלט“. און חוצדעם באַמי איך זיך צוצוטראַכטן וווהין זאָל איך נאָך גיין, כדי צו קאָנען צופאַרדינען. איך האָב שוין איצט אַזעלכע באַשטימטע ערטער, וווּ איך געפין זיך אין געוויסע שעהן, כדי אַרויסצוטראָגן סחורות. אויב מען זאָל גוט אַ זוך טון, רוקט זיך תמיד עפּעס אונטער אונטער דער האַנט.

— און דאָס קאָן געבן אַ נישקשהדיק פאַרדינסט? — האָט לאַססע געפרעגט מיט שטוינונג, — מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז זייער אומזיכער. אינדערפרי ווייסטו דאָך נישט, צי דיר וועט געלינגען צו פאַרדינען עפּעס ביזן אָוונט.

— אָך, קאַרל איז אַזאַ פלינקער! — האָט מאַריאַ געזאָגט מיט אַ זיכער קול. — אויב אַלץ גייט כשורה, ברענגט ער יעדן טאָג אַ קראָן.

לאַססע האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַזאַ באַשעפטיקונג קאָן געבן אַ רעגולער פאַרדינסט.

— אַמאָל קומט שוין אָן דער אָוונט, און איך האָב נאָך נישט פאַרדינט קיין גראָשן. אָבער מען דאַרף נישט אַראָפּפאַלן בײַ זיך, עס וועט זיך שוין עפּעס מאַכן; מען דאַרף בלויז קענען זיך נעמען פאַר אַ זאַך.

— אפשר זאָל איך אויך מיטגיין מיט דיר? — האָט לאַססע געזאָגט פאַרטראַכט.

— ניין, דאָס וועט פאַר דיר נישט זיין פּאַסיק, ווייל איך באַ-

וואַרג דאַך אַלץ לויפנדיק. פאַר דיר איז אַ סך בעסער באַהאַלטן איין האַנט.

— באַהאַלטן איין האַנט ? — האָט לאַססע איבערגעחזרט אַ געפּלעפּטער.

— יאָ, איין האַנט באַהאַלטן אונטערן רעקל, און די צווייטע זאָל זיין ווי שטענדיק. דאָ איז גאַנץ לייכט דורכצולעבן זיך פון נדבות. דיר וועט מען געבן, ווייל דו ביסט זייער ענלעך אויף אַן אינוואַליד.

— באמת ? — האָט לאַססע געזאָגט און זיינע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטון. — איך האָב דאָס נישט געוווּסט. אָבער אויב דאָס איז אפילו אַזוי, וויל איך נישט זיין קיין בעטלער. איך מיין, אַז קיינער קאָן דערצו נישט צווינגען דעם אַלטן לאַססע.

— אויב אַזוי, גיי צו דער קאַלך־פאַבריק, דאָרט זוכט מען גראָד שטיינהאַקערס, — האָט געזאָגט דאָס אַלוויסנדיקע יינגל.

— אָט דאָס איז אַן ענין, — האָט באַמערקט לאַססע. — הייסט עס, אַז דאָרט זענען דאָ אַ סך שטיינער ? כ׳האָב מיטגענומען מיט זין מיינע אינסטרומענטן. און אויב עס איז דאָ אויף דער וועלט כאָטש איין זאַך, וועגן וועלכער איך טרוים, איז צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו האַקן שטיינער.

XV.

פעללע איז איצט געוואָרן אַן אמתער מענטש ; ער האָט זיך געקענט פונאַנדערקלייבן נישט נאָר אין זיינע אייגענע ענינים, נאָר אויך עצהגעבן אַ צווייטן אָפּצוּוועגן די נייטיקע באַדינגונגען. ער האָט אויפגעהערט צו טרויערן נאָך דועס טויט און ער האָט ווידער מוטיק געקוקט אין דער צוקונפט. אָבער דאָרט, אין דער טיף, האָט זיך פאַרבאָרגן דער טרויער, און נאָך אַ סך אַנדערס, וואָס האָט אים געצווונגען צו זעען די וועלט אין פינצטערע און פאַרוועלקטע פאַרבן. אַ פינצטער וואָלקנדל האָט פאַרצויגן זיין שטערן, הגם ער אַליין האָט וועגן דעם געגוי נישט געוווסט, אָבער עללען האָט עס גוט געזעען און זי האָט זיך באַמיט עס צו פאַרטרייבן מיט איר צאַרטער האַנט. דער וואָלקן האָט אַזוי מאָדנע

בּוּלט־ער געמאַכט דאָס געזונטע, בליענדיקע פּנים, ווי אַ פינצטערער וואָלקן אין אַ קלאָרן פרילינג־טאָג.

פעללען האָט מען אומעטום באַגעגנט מיט פרייד און צוטרוי; מען האָט אים פאַרגעטערט נישט נאָר אין דער „תּיבה״; די חברים האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ העכער וועזן; אַלעמענס אויגן פלעגן זיך נישט ווילנדיק ווענדן אויף פעללען, ווען מען האָט געדאַרפט אונטערנע־מען עפּעס וויכטיקס.

זינט דעמאָלט, ווען ער האָט, אַ ביסל לייכטזיניק, אַריינגעצויגן די אָרגאַניזאַציע אין אומגעלונגענעם קאַמף קעגן מייערן, איז אַפּגעפאַלן אַ סך וואַסער. דער פאַריין איז איצט געוואָרן פעסטער, ווי ווען נישט איז, און דאָס איז געוואָרן פעללעס פאַרדינסט. און ס׳איז קיין וווּנדער נישט געווען, וואָס ער האָט זיך אַ ביסל באַזייטיקט פון געזעלשאַפטלעכע ענינים, כדי צו פאַרנעמען זיך מיט זיין אייגענער פאַמיליע.

פעללע מיט עללען האָבן לײדנשאַפטלעך געטרוימט וועגן איינ־אָרדנען זייער היים. אוודאי, מען האָט דאָ געקאָנט אַ סך דערווידערן, און פעללע האָט דאָס גאַנץ גוט פאַרשטאַנען. ער איז געווען אַן אויס־געצייכנטער אַרבעטער, אָבער דאָס פאַרדינסט איז פונדעסטוועגן געווען צו קליין, כדי אויסצוהאַלטן אַ פאַמיליע; ס׳איז קלאָר, אפילו אַן אויס־סערגעוויינלעכער אַרבעטער האָט נישט געקאָנט ווי געהעריק איינאָרד־נען זיין ווירטשאַפט. ער האָט נישט געספּקט, אַז ס׳וועלן קומען קינדער, דאָס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, ער האָט אויך געוווּסט, אַז דער פאָטער וועט זיך אינגיכן שוין נישט קאָנען דערנערן אליין. אָבער דאָס אַלץ איז נאָך נישט געווען אַזוי נאָענט. און פון דער צווייטער זייט, דאָס לעבן זאַלבעצווייט, בפרט נאָך מיט אַ שפּאַרזאַמער פרוי, וועט נישט זיין אויף קיין סך טייערער, ווי זיין איצטיקע בהוריש לעבן. אויב מען וויל זיך אַנטשליסן צו נעמען פון לעבן אייניקע פריידיקע טעג, דאַרף מען צומאַכן די אויגן און נישט לייגן קיין אַכט אויף פאַרשיי־דענע „אָבערס״, מיט איין וואָרט, מען דאַרף נאָך אַמאָל זיך פאַרלאָזן אויפן גליק.

— אינגיכן וועלן אָנקומען בעסערע צייטן, — האָט געזאָגט דער מויערער שטאָלפּע; — איצט האַלט נאָך מיט די אַרבעטער נישט אַזוי גוט, אָבער דו זעסט דאָך אַליין, אַז אַלץ גרייט זיך צו אַ גרויסער איבערקערעניש. מיר וועלן מיטאַמאָל אַ שפּרייז טון פאָרויס און מיר וועלן בעטן די באַדערשטע אונדז צדורכצולאָזן. דאַן וועט יעדער אייגער

לעבן פֿאַרמעגלעך. חתונה האָבן דאַרף מען כּל זמן מען איז נאָך יונג. צו וואָס זיך דרייען אַרום און אַרום? — פֿרוי שטאָלפּע איז מסכּים געווען מיט אים, ווי תּמיד.

— אויך מיר האָבן חתונה געהאַט, ווען מיר זענען נאָך געווען יונג. אַזוי איז בעסער. סאַראַ פּרעכטיקע צייט דאָס איז געווען! דעם יבער האָבן מיר זיך אַזוי איינגעלעבט איינער מיטן צווייטן! — און זי האָט פֿריינטלעך אַ קוק געטון אויף פּעללען.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די חתונה וועט פֿאָרקומען נאָך אין פֿרילינג. אין מערץ האָט דער יינגסטער זון, פֿרעדעריק, געדאַרפֿט ענדיקן זיין לערע, און דאַן וועט מען קאָנען גלייכצייטיק פֿייערן די דאָזיקע ביידע געשעענישן.

לעבן קאַנאַל, אַקוראַט קעגנאיבער דער תּפֿיסה, האָט געפֿוסטעוועט אַ דירה פֿון צוויי צימערן, און זיי האָבן זי געדונגען. דער מייערער שטאָלפּע האָט געוואָלט, אַז דאָס יונגע פּאָר זאָל דינגען אַ דירה אין דער צפֿון-טייל, צווישן „אָרנטלעכע מענטשן", אָבער פּעללע האָט זיך איינגעלעבט מיטן דאָזיקן קוואַרטאַל און ער האָט אים נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן. ער האָט דאָ געהאַט אַ סך קונדן, און אויך דאָס איז געווען וויכטיק, און חוצדעם האָבן זיך דאָ געפֿונען די קאַנאַלן. דער אויסזיכט, וואָס האָט זיך אויף זיי געעפֿנט, האָט גוט געווירקט אויף פּעללען, די הויכע שטיינערנע ווענט פֿון צפֿון-טייל האָבן אים געשטיקט. עללען האָט אים געלאָזט טון ווי ער וויל, איר איז לחלוטין געווען אַלציינס, וווּ צו וווינען. זי וואָלט געגאַנגען מיט אים אַפֿילו אויף עק וועלט.

זי האָט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט. פּעללען האָט זיך אויך איינגעגעבן עפּעס אָפּצולייגן; ער האָט זיך באַמיט וואָס ווינציקער אויסצוגעבן; ווען עללען פֿלעגט זיין פֿריי, פֿלעגן זיי אַרומגיין און איינקויפֿן די נייטיקע זאַכן.

אַ סך זאַכן האָבן זיי געקויפֿט אָפּגענוצטע, ווייל זיי זענען געווען אַ סך ביליקער, אָבער נישט פֿאַרן שלאָפֿצימער. דאָרט האָט אַלץ געדאַרפֿט זיין פֿון דער נאָדל אַרויס. דאָס איז געווען אַ גליקלעכע צייט, יעדע שעה איז פֿול געווען מיט איר באַזונדערן אינהאַלט; זאָרג און צרות האָבן דאָ קיין אָרט נישט געהאַט.

אָפֿט פֿלעגט קומען צו לויפֿן עללען און אים אַוועקשלעפּן גלייך פֿון דער אַרבעט; צופֿעליק פֿלעגט זיך עפּעס פֿאַרקויפֿן זייער ביליק און מען האָט זיך געדאַרפֿט צואיילן מיטן קויפֿן, כּל זמן מען האָט דאָס נאָך-

טיבט פאַרקויפט. אין די זונטיקן, ווען זיי זענען געווען פריי, פלעגן זיי צורוימען אין זייער דירהלע און דערנאָך גיין געאָרעמט דורך דער גאַנצער שטאָט צו די אַלטע.

פעללע פלעגט געוויינלעך אַזוי פיל צייט אָפּגעבן דער זאָרג פאַר אַנדערע און ער פלעגט אַזוי ווייניק טראַכטן וועגן זיך, אַז איצט איז אים אפילו אָנגענעם געווען זיך צו פאַרנעמען מיט די אייגענע ענינים.

דער המון האָט געדרשט דאָ ערגעץ נאָענט, אָבער ער האָט אים נישט געהערט און ער האָט נישט געטראַכט וועגן סאָציאַלע פּראַגעס, ווי עס טראַכטן נישט וועגן זיי פייגל, וועלכע פלעכטן אין פרילינג זייער נעסטעלע אויף די צווייגן.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג, ווען פעללע האָט איבערגעטראָגן זיין גאַנץ פאַרמעגן אויף דער נייער דירה און צום לעצטן מאָל זיך געלייגט שלאָפן אין דער „תיבה".

אין דאָזיקן הויז האָט קיינער נישט געשאַפן פאַר זיך קיין צו־קונפט; דאָ פלעגן באַקומען דעם לעצטן מקום־מקלט די, וואָס האָבן גע־ליטן אין לעבן אַ שיף־ברוך, אָבער פעללע האָט זיך געריסן ווייטער. אָבער דידאָזיקע אַלע האָלאָדריגעס, דידאָזיקע אַלע „טיפּן" האָבן גערעדט מיט אַזאַ קול, וועלכעס מען קאָן מער אין ערגעץ נישט הערן, דאָס איז געווען דאָס זאָרגלאָזע שעפּטשען פון אָרימע פייגעלעך, וועלכע זיצן און מאַכן זיך אין אָרדנונג, ווי נאָר זיי דערזעען ערגעץ־ווו סימנים פון דער זון. פעללע האָט מיט צאַרטן טרויער זיך אומגעקוקט אויף דער צייט, וועלכע ער האָט דאָ פאַרבראַכט.

די נאַכט ערב דער חתונה האָט ער פאַרבראַכט אומרויק.

עפּעס האָט אים פאַרפאָלגט אין שלאָף. לסוף האָט ער זיך אויפ־געכאַפּט; ער האָט געהערט עפּעס אַ פאַרשטיקטן טראַסק, וועלכער פלעגט זיך איבערחזרן מיט גרויסע הפסקות, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די „תיבה" גופא קרעכצט אין שלאָף. לסוף איז פעללע אויפגעשטאַנען, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און גענומען פוצן די חתונה־שטיוול, וועלכע ער האָט נאָך נישט געהאַט אַראָפּגענומען פון די קאָפּיטעס, כדי זיי זאָלן נישט פאַר־לירן זייער פּרעכטיקע פאָרם. לאַססע איז נאָך געשלאָפן; אין לאַנגן קאָ־רידאָר איז אויך געווען שטיל. דער קלאַנג האָט זיך ווידער דערהערט, שטאַרקער און דויערנדיקער, און עפּעס אין קלאַנג האָט אים דערמאַנט די אַמאָליקע צייטן און האָט אויפגעוועקט אין אים אַן אימהדיק געפיל,

וועלכעס ער פלעגט איבערלעבן קינדהייז. פעללע האָט גערייניקט די שטיוול, און דער שווייס איז גערונען פון אים טייכנווייז. פלוצלינג האָט ער דערהערט פון קאָרידאָר עמעצנס זיך-גנבענדיקע טריט, זיי זענען שטיין געבליבן פאַר זיין טיר; מיט איין שפרונג איז ער געווען באַ דער טיר און זי אויפגעעפנט; פון איבערעגונג איז איבער זיין קערפער דורכגעלאָפן אַ פרעסטל. דאָרט איז געשטאַנען גאַננאַס מוטער און געציטערט פון פרימאָרגן-קעלט.

— פעללע, — האָט זי שרעקעוודיק אַרויסגעמורמלט, — עס הייבט זיך שוין אָן! ווערסט אפשר צריבערלויפן נאָך פרוי בלום אויף דער האַנדלס-גאַס? איך קאָן נישט אָפּטרעטן פון גאַננען. און חוצדעם האָב איך דיר געוואָלט איבערגעבן פון איר די בעסטע ווונטשן.

דערדאָזיקער אויפטראַג איז געווען פאַר אים נישט אַזוי אָנגענעם, פונדעסטוועגן איז ער אַוועקגעלאָפן. און דערנאָך האָט ער זיך געזעצט צו דער אַרבעט און זיך באַמיט נישט טומלען, כדי נישט אויפצוּוועקן דעם סאָטער. אינגיכן איז אָנגעקומען די צייט אויפצוּוועקן די קינדער. דאָס לעצטע מאָל האָט ער אָנגעקלאַפט אין מאַריאַס ווענטל. „גוט", — האָט ער דערהערט איר פאַרשלאָפן קול. די נאַכט-שטילקייט איז פול געוואָרן מיט קלאַנגען. די איינוווינער פון דער „תיבה" האָבן זיך געאיילט אויפצושטיין, זיי זענען געלאָפן באָרוויסע צום וואַש-צימער און געטראַסקעט מיט די טירן.

— די פּרינצעסין וויינט, — האָבן זיי איינער דעם צווייטן געזאָגט. — זי קלאָגט צוליב דעם, וואָס זי וועט קיינמאָל נישט געפינען.

די קרעכצן זענען ביסלעכווייז איבערגעגאַנגען אין אַ הויכן געשריי, און מיטאַמאָל איז געוואָרן אינגאַנצן שטיל. אָרימע גאַננאַ! זי דאַרף איצט זאָרגן פאַרן קינד, אָבער ווו איז זיין פאָטער? שווערע צייטן זענען אָנגעקומען פאַר איר.

היינט איז לאַססע נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט, הגם די חתונה איז באַשטימט געווען אויף נאָכמיטאָג. פונם סאַמע פרימאָרגן האָט זיך דער אַלטער געפונען אין אַ יום-טובדיקער שטימונג און אַכטונג געגעבן, אַז פעללע זאָל נישט אַװעקלייגן עפּעס ווי אַ קרייץ. פעללע האָט בלויז געלאַכט.

— יאָ, דו לאַכסט, אָבער היינט איז זייער אַ וויכטיקער טאָג, ס'קאָן זיין, אַז דער וויכטיקסטער אין דיין גאַנץ לעבן. און מען דאַרף

זיך היטן נישט איבערפירן דעם גאַנצן ענין דורך עפּעס אַ קלײ־ניקייט.

ער האָט אין אַלץ געזעען װאַרזאָגערישע צייכנס פון דער צו־קונפט. די זון איז, לויט זיין מיינונג, אויפגעגאַנגען זייער גוט, זי האָט זיך אויפגעהויבן, בהדרגהדיק באַפרייענדיק זיך פון אונטער די װאָלקנס, און נישט געברענט גלייך מיט אַ העלן גלאַנץ.

מאַריאַ האָט געקוקט אויף פעללען מיט אַן אויסדרוק פון באַהאַל־טענעם אומגליק. „װי אַ מוטער, װאָס שיקט אַװעק איר קינד אין אַ פרעמדן קאַנט! און זי באַמיט זיך אַזוי צו זיין פריילעך!“ — האָט פעל־לע געטראַכט.

יאָ, אין אַ סך הינזיכטן האָט זי אים פאַרביטן אַ מוטער, הגם זי אַליין איז געװען נישט מער װי אַ קינד; זיי האָבן אים אויפגענומען אין זייער נעסט, װי אַן איינזאַם, קליין פייגעלע, און מיט פאַרװוּנדערונג צוגעזען, װי עס װאַקסט זיי אַריבער. ער האָט זיי אין געהיים צוגע־האָלפן מיט װאָס ער האָט נאָר געקאָנט. אָבער װאָס פאַר אַ װערט האָט עס געהאַט לגבי יענעם געזאַנג, װעלכעס האָט זיס געמאַכט זיין אַרבעט און זי לייכטער געמאַכט.

און סאַראַ סך דידאָזיקע יתומים האָבן אים געגעבן דורכן ביישפּיל פון זייער גאַנץ לעבן! װי זיי האָבן זיך געקאָנט איינאָרדנען, נישט פאַר־מאָגנדיק גאָרנישט. װער װעט זיי איצט געבן הילף, װעלכע זיי זאָלן נישט באַמערקן? ער האָט געדאַרפט אויפמערקזאַם אַכטונג געבן אויף זייער לעבן.

װען פעללע האָט אָנגענומען מאַריאַס גראָבע האַנט און איר גע־דאַנקט פאַר גוטער שכנותשאַפט, האָבן אויף אירע באַקן זיך געװיזט שװינדזיכטיקע פלעקן, די אויגן האָבן העל געלויכטן. איר שמאָלינקע ברוסט איז אויפגערעגט געװען, אויף איר פנים איז געלעגן אַן אָפּשפּיג־לונג פון אַ פאַרבאָרגענער שיינקייט. פעללע איז געװען די סיבה פון דעם, װאָס דאָס בלוט איז צוגעפלאָסן צו איר פנים, און פון גרוי איז עס געװאָרן רויז; זי האָט זיך תמיד געפרייט מיט זיין דערפאָלג; דאַן פלעגן אירע באַקן נעמען ברענען, און די פאַרב פלעגט לאַנג נישט אראָפּ־גיין פון זיי. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אירע לעבנס־זאַפטן רייסן זיך צו זיין געזונטן אָרגאַניזם, און זי האָט זיך באַמיט צו צערייסן איר העסלעכע הילע און אָפּגעבן אים די שיינע אייגנשאַפטן, װעלכע זי פאַרמאָגט; זי האָט זיך באַמיט מיט אַלע כּוחות — און נישט געקאָנט!

— פעללע, פעללע! — האָט דאָס מיידל פלוצלינג אויסגעשריגן און זיך געוואָרפן צו אים, באַהאַלטנדיק דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל. דערנאָך איז זי גלייך אַנטלאָפן אין איר צימער.

לאַססע מיט פעללען האָבן אַריבערגעטראָגן אויף דער נייער דירה די לעצטע זאַכן. דערנאָך האָבן זיי אָנגעטון די שענסטע קליידער, וועלכע זיי האָבן נאָר פאַרמאָגט, און זענען אַוועק צו שטאַלפען. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט פעללע אָנגעטון אַ צילינדער, וועלכער האָט אים צוגעגעבן זייער אַ גלענצנדיקן אויסזען.

— האָסט אַן אויסזען פון אַן אמתן הער, — האָט לאַססע געזאָגט און נישט געקאָנט זיך אָנזעטיקן מיטן זונס אויסזען. וואָס וועלן זיי אָבער זאָגן וועגן אַלטן לאַססע? לאַססע וועט זיך, מסתמא, גאַרנישט קאָנען האַלטן צווישן דידאָזיקע „בכבודע לייט". זאָל ער זיך אפשר בעסער אומקערן אַהיים?

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, — האָט פעללע געזאָגט. לאַססע איז געווען אויסערגעוויינלעך גליקלעך, וואָס ער קאָן בייזיין אויף דער חתונה, אָבער עס זענען אים באַפאַלן פאַרשידענע ספקות. די לעצטע יאָרן האָבן אים געלערנט צו שרעקן זיך פאַר זייטיקע מענטשן און ער האָט ליבער געהאַט נישט וואַרפן זיך אין די אויגן. זיינע גוטע קליידער האָבן זיך אָפּגעטראָגן און זיין יום־טובדיק אָנצוג איז געווען זייער פאַרשידנפאַרביק, אַ פראַק האָט ער געליען, אַ קראַגעלע האָט אים געגעבן פעללע. ער האָט זיך געפילט אומבאַקוועם אין פרעמדע זאַכן און ער האָט זיך געפילט ווי אַ בחורל, וואָס גייט דאָס ערשטע מאָל צו קאָנפירמאַציע.

באַ שטאַלפען איז אַלץ געווען מיט די פיס אַרויף. די געסט, וועלכע האָבן געדאַרפט מיטגיין אין דער קירכע, זענען שוין געהאַט געקומען; זיי זענען אַרומגעגאַנגען איבערן צימער אונטערפייפנדיק; געקוקט דורך די פענצטער און זיך געלאַנגווייַלט. שטאַלפעס שרייבטיש איז פאַרוואַנדלט געווען אין אַ בופעט. די ברידער האָבן אויסגעקאָרקעוועט די פלעשלעך ביר און מיט התמדה מכבד געווען.

— אָך, נעמט עפּעס, כ'בעט אייך! איר האָט אַזוי לאַנג געדאַרפט וואַרטן; אייך איז געוויס טרוקן געוואָרן אין האַלז.

שטאַלפע איז אַרומגעגאַנגען איבער זיין צימער אַהין און צוריק און געוואָרטשעט. ער איז געגאַנגען אין די שלייקעס און געוואַרט אויף זיין ריי, כדי אַריינצוגיין אין שלאָפצימער זיך אָנטון. און אין שלאָפצי־

מער האָבן זיך פאַרשלאָסן עללען מיט דער מוטער. פון צייט-צו-צייט פלעגט זיך די טיר אַ ביסל עפענען, און עללענס ווייסע נאַקעטע האַנט פלעגט צוואַרפן דעם פּאָטער די טואַלעט-זאַכן.

אויפן ביישטידל איז געשטאַנען פרוי שטאַלפּעס מירטן-צווייגל, אינ-גאַנצן אָן אָפּגעפּליקטס.

לסוף איז שטאַלפּע דערשינען אָן אָנגעטועענער; פעללע האָט אים בלויז געדאַרפט צושפּיליען דאָס קראַגעלע. ער האָט לאָססען דערלאַנגט די האַנט און דערנאָך געבראַכט צו טראָגן דעם „אַרבעטער".

— אָט, הערט, וואָס מען שרייבט וועגן אייער זון, — האָט ער געזאָגט און גענומען לייענען.

— „אונזער יונגער פּאַרטיי-חבר פעללע פייערט היינט זיין חתונה מיט דער טאָכטער פון איינעם פון די עלטסטע און פאַרדינסטפולסטע פּאַרטיי-מיטגלידער, דעם מויערער שטאָלפּע. דער יונגער מענטש, וועל-כער האָט שוין אויסגעפירט באַדייטנדיקע פּאַרטיי-אַרבעטן, איז נעכטן פאָרגעלייגט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון זיין אָרגאַניזאַציע. מיר שיקן אונזער חברישן גרוס דעם יונגן פּאָר". — נישט שלעכט, וואָס ? — שטאָלפּע האָט איבערגעגעבן די צייטונג צו די געסט.

— באמנות, גוט ! — האָבן יענע געזאָגט און איבערגעגעבן דאָס בלעטל איינער דעם צווייטן.

לאָססע האָט באַוועגט מיט די ליפּן, ריכטיק ווי אויך ער האָט גע-לייענט די נאָטיץ.

— ווי אַזוי האָבן זיי דאָס געקאָנט אַזוי אָפּגעטאָקט אָנשרייבן, צו אַלדי רוחות ! — האָט לאָססע געזאָגט, אַן אַנטציקטער.

— און וואָס איז מיט פּעטערסענען ; צי דען וויל ער אַוועקגיין ?— האָט שטאָלפּע געפרעגט.

— ער איז דאָך קראַנק, — האָט פעללע געענטפערט, — אגב בין איך דאָרט נעכטן אינאָוונט נישט געווען ; דעריבער ווייס איך טאַקע גאָרנישט.

שטאָלפּע האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט פאַרוואונדערונג.

פרוי שטאָלפּע איז אַריינגעקומען און אַריינגערופן פעללען צו זיך אין שלאָפצימער. דאָרט איז געשטאַנען עללען, ווי אַ ווייסע וויזיע, אין אַ לאַנגן וואַל און מיט אַ מירטן-קראַנץ אין די האָר.

— אינדערעמתן טאָרט איר איינער דעם אַנדערן נישט זען, אָבער איך געפין איין, אַז דאָס איז נישט ריכטיק, — האָט זי געזאָגט, און מיט

אַ בליק, פֿול מיט ליבע, האָט זי אַ שטויס געטון איינער דעם צווייטן אין די אָרעמס.

פרעדעריק, וועלכער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, צי׳ עס פאָרט נישט די קאַטש, האָט אַרויסגעברילט:

— די קאַטש איז געקומען, קינדער! — און ער האָט עס אַרויסגעשריגן וואָס העכער, נישט וויסנדיק צוליב וואָס.

— די קאַטש איז געקומען צו פאָרן?

און אָט זענען זיי שוין אָפּגעפאָרן. אינגאַנצן האָט מען געדאַרפט פאָרן ביז דער קירכע עטלעכע טריט. פעללע האָט כמעט נישט באַגריפן וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען ביזן מאָמענט, ווען ער האָט זיך ווידער אַריינגעזעצט אין קאַטש. ווען ער האָט עפּעס געדאַרפט טון, פלעגט מען אים מוזן אונטערטורקען. ער האָט בלויז געקוקט אויף עללען. זי איז געווען זיין זון. ווייטער איז אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען. פאַרן אַלטאַר האָט ער זי אָנגענומען פאַר דער האַנט און אַזוי זי געהאַלטן די גאַנצע צייט פון דער צערעמאָניע.

פרעדעריק איז געבליבן אינדערהיים, כדי אויפצונעמען די געסט, וועלכע וועלן קומען באַגריסן דאָס יונגע פאָר. ווען דאָס יונגע פאָר איז צוגעפאָרן האָט ער געוואָרפן אונטער די פערדישע פיס פיסטאָנעס און קלאַפּערלעך, אַלס באַגריסונג פאַר דעם יונגן פאָר.

מען האָט אויסגעטרונקען צו גלאָז ווייַן, מען האָט אָנגעווינטשן דעם יונגן פאָר און מען איז צוגעטרעטן צו באַטראַכטן די חתונה־געשענקען. שטאַלפּע האָט אַ קוק געטון אויפן זייגער, עס איז נאָך געווען זייער פרי.

— איר קאָנט דערווייל זיך דורכשפּאַצירן, פאָטער, — האָט געזאָגט פרוי שטאַלפּע, — מיר וועלן צובייסן אין אַ שעה צוויי אַרום.

די מענער זענען אַוועק אין עפנטלעכן גאָרטן שפּילן אין קעגלעס, און די פרויען האָבן דערווייל צוגעגרייט דעם כיבוד.

פעללע וואָלט ליבער געבליבן אין שטוב מיט עללען, אָבער ער האָט אויך געמוזט גיין. ער איז געגאַנגען צוזאַמען מיטן פאָטער. לאַססע האָט אים נאָך ביז איצט נישט צוגעווונטשן, ווי געהעריק. ער האָט דאָס געוואָלט טון אונטער פיר אויגן.

— זיי גליקלעך, מיין זון, — האָט ער געזאָגט מיט אַ געריירטער שטימע און געדריקט פעללען די האַנט. — איצט האָסטו אַ פאַמיליע, פאַר וועלכער דו טראָגסט די אחריות. פאַרגעס נישט, אַז פרויען זענען פונקט

זי קינדער. באַ ערנסטע זאַכן דאַרף מען נישט רעדן מיט זיי צופיל. מען דאַרף זאָגן קורץ און שאַרף: אַזוי וועט עס זיין! דאָס איז פאַר זיי צום בעסטן. וועסטו אָנהייבן זיך צופיל שואל-עצה זיין, וועלן זיי, סוף-כל-סוף, נישט וויסן, ווי צו האַנדלען. בכלל זענען זיי גוטע באַשעפענישן און מ'קאָן מיט זיי לייכט אויסקומען, ווען מען באַגייט זיך גוט מיט זיי. מיר איז תמיד געווען לייכט. זיי האָבן ליב אַ פעסטע האַנט. אירע עלטערן זענען ווילדע מענטשן. דו דאַרפסט זיין צופרידן, הגם זיי האָבן זיך זייער פּראָפעסיאָנעלע גאווה. עללען וועט זיין פאַר דיר אַ גוט ווייב, אויב איך פאַרשטיי גוט פרויען. זי קאָן היטן זאַכן, זי איז פעסט געבויט, ווי דאָס דאַרף זיין אַ פּראָכפּערדיקע נקבה. קינדער וועלן אייך נישט פעלן.

דאָרט, אין גאָרטן, האָט מען דערלאַנגט אַ שוועדישן פּונש; לאַסטעס גוטע שטימונג האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. ער האָט פּרובירט שפּילן אַ פּאַרטיע אין קעגל, הגם ער האָט ביז דאַן קיינמאָל נישט געשפּילט. ער האָט באַקומען מוט אפילו צו מאַכן וויצן.

— נו, פאָטער, ביסט צעקלאַפּט אויפן גאַנצן פראָנט, — האָט פעללע געזאָגט, ווען מען האָט נאָכן שפּיל אונטערגעפירט אַ סך הכל אין חשבון. — עס זענען געבליבן פון דיר בלויז פּיצלעך.

— יאָ, קיין מאַנגל אין פּיצלעך איז נישטאָ, — האָט לאַססע פריילעך געענטפערט, — איך האָב צעקלאַפּט אויף פּיצלעך נישט איין וואָגן שטיינער.

— אַלע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט, און לאססע איז מונטער געוואָרן און האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט.

— טייערע מענטשן די קאָפּענהאַגענער, — האָט ער אַ מורמל געטון צו פעללען, — זיי קאַרגן נישט אויף כיבוד און דאַרפן נישט זוכן אין קעשענע אַ גוט ווערטל.

די געסט האָבן זיך נישט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי ס'איז געוואָרן פינצטער, און ס'איז שוין צייט געווען צו גיין צו שטאַלפּען.

דאָרט זענען שוין געגרייט געווען די טישן, עס זענען שוין אָנגעקומען די איבעריקע געסט. פרוי שטאַלפּע איז געווען צערודערט, פאַרוואָס זיי קומען נישט צוריק אַזוי לאַנג.

— לאָמיר אַ ביסל פאַלן פון די פיס, — האָט שטאָלפּע שטיל אַ זאָג געטון צו די געסט באַם אַריינגאַנג. — וועט מיין פרוי אין כעס ווערן אויף אונז. נו, מוטער, האָסטו צוגעגרייט פאַר אונז עפּעס הייסנקעס? — האָט ער געזאָגט, און זיך אַריינגעקייקלט אין צימער.

— אַך, דו לץ, דו מיינסט אַז כ'קען דיך נישט, — האָט פרוי שטאַלפּע געזאָגט מיט אַ געלעכטער. — ניין, מיין מאַן איז צום גליק נישט אַזאַ, מען זאָל אים דאַרפן זוכן איבער די שענקען.

פּעללע איז גלייך אַוועק צו עללען אין קיך אַריין. אָנגענומען פאַר די הענט, זענען זיי אַוועק אָנקוקן די לעצטע געשענקען. צווישן זיי איז געווען אַן עס־שטוב־לאָמפּ, אַ טעצל פון נייעם זילבער און פאַרשידענע עמאַלירטע קיך־מכשירים. עמעץ האָט געבראַכט אַ קליינעם געוויקלטן פּופּסיק פון פּאָרצעליי, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט אָנרופן בײַם נאָמען.

עללען איז מיט פּעללען אַוועק אין קאָרידאָר, כּדי אים דאָרט אַרומצונעמען, זיי האָבן זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף מאָרטען. דאַן האָבן זיי זיך ווידער אויסבאַהאַלטן אין קיך, אָבער דאָרט האָט געהערשט די קעכין. בלויז אין שלאָפצימער האָבן זיי געפונען אַ רויק ווינקל. עללען האָט אַרומגענומען מיט די הענט פּעללעס האַלז און שווייגנדיק געקוקט אויף אים, אינגאַנצן פאַרזונקען אין איר גליק און ליידנשאַפט. און פּעללע האָט געדריקט צו זיך איר בחנטן, שלאַנקן מיידלשן קערפּער און איר פאַרקוקט טיף אין די אויגן. זיי זענען געווען טונקל ווי סאַמעט און אין זיי האָט אָפּגעשיינט זיין ליידנשאַפט, זיין האַרץ איז פול געוואָרן. ער האָט זיך געפילט אומגעהייער גליקלעך, ער איז רייכער געווען פאַר אַלע מענטשן אויף דער וועלט, באַזיצנדיק דעם אוצר, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין די אָרעמס. אין דער טיפעניש פון זיין נשמה האָט ער זיך געגעבן אַ וואָרט תּמיד זי אָפּצוהיטן און זאָרגן וועגן איר און נישט האָבן קיין שום געדאַנקען, אַ חוץ די, וועגן מאַכן זי גליקלעך.

פון צימער האָבן זיך געהערט אומגעדולדיקע שטימען:

— דאָס יונגע פּאָר! דאָס יונגע פּאָר!

האָבן זיי געאיילט צו די געסט, פון פאַרשידענע טירן. אַלע זענען געשטאַנען בײַם טיש, וואַרטנדיק מיטן זעצן זיך.

— ס'איז נישט שווער צו טרעפן, מיט וואָס איר זענט געווען פאַרנומען, — האָט געזאָגט שטאָלפּע, רייצנדיק זיי, מען דאַרף נאָר אַ קוק טון אויף דעם מיידלס אויגן: ווי צוויי צעברענטע קוילן.

אָטאָ שטאָלפּע, דער דאַך־דעקער, איז געווען דער שר המשקים און ער האָט אָנגעהויבן די סעודה.

— אַ גלעזעלע בראָנפן, — האָט ער צו יעדן געזאָגט, — מען

דאַרף זעען, צי איז נישט פאַרשטויבט געוואָרן די רינג און זי אויס־רייניקן.

— נו, וואָס הערט זיך דאָרט בײַ אײַך, פריינט? — האָט שטאָל־פע געפרעגט.

ער איז געזעסן בײַ איין עק טיש און געשניטן געבראָטנס. רעכטס פון אים איז געזעסן דאָס יונגע פּאָר, און לינקס — דער ניי־געבאַקענער געזעלן. אויפן טיש איז געשטאַנען פאַר אים אַ ניי נאַכט־טעפּל, צוגע־דעקט מיט אַ ווייס הילצערן דעקל; די געסט האָבן געקוקט דערויף און געלאַכט צווישן זיך.

— וואָס קוקט איר דאָ? — האָט ער ערנסט געזאָגט. — אפשר דאַרפט איר עפּעס האָבן?

— אָך, אָט איז זי, די כּלה, — האָט געענטפערט זיין ברודער, דער טשעסלער, מיט אַן ערנסט פּנים, — מיין ווייב זאָגט, אַז זי דאַרף זי נייטיק האָבן, בלויז אויף איין מינוט!

זיין ווייב איז אויפגעשפּרונגען אין צאָרן און אָנגעהויבן שלאָגן דעם מאַן איבער דער פּלייצע.

— פאַרזעעניש! — האָט זי געשריגן, לאַכנדיק און רויט־ווערנדיק פון חרפּה; די מענער מוזן פון עמעצן חוזק מאַכן.

דערנאָך האָט מען זיך גענומען צום עסן און ס'האָט געהערשט אַ פולשטענדיקע שטילקייט, בלויז פון צייט־צו־צייט האָט מען געהערט עמעצנס אַ פּאַסיקע באַמערקונג.

— אָט זיצן מיר דאָ און אונז איז גוט, בעת אַנדערע מאַטערן זיך איצט, — האָט געזאָגט חבר אָטטאָ. דאָס האָט באַדייט, אַז ער האָט אויס־געגעסן זיין געבראָטנס.

— מוטער, גיב אים נאָך אַ שטיקל געבראָטנס, — האָט געזאָגט שטאָלפע.

ווען אַלע האָבן זיך שוין געהאַט גוט אָנגעגעסן, האָט זיך בײַ אַלעמען פונאַנדערגעבונדן די צונג ווי ס'געהער צו זיין, און איין וויץ האָט געיאָגט דעם צווייטן.

מאַרטען האָט געבראַכט אַלס געשאַנק אַ גרויסן בינשטאָק; ער איז געמאַכט געוואָרן אין דער פאָרם פון אַ פּיראַמידע און אינדערהייך איז געשטאַנען ענג אַרומגענומען אַ יונגע צוקערנע פּאָר, און הינטער איר איז געווען אַ בילדל, ווו ס'איז אויסגעמאָלט געווען אַן אויפגייענדיקע זון. אויף די טרעפּלעך האָבן זיך געפונען פאַרשידענע פיגורן, וועלכע

האָבן זיך באַמיט אַרויפצוקלעטערן און האָבן געהויבן די הענט צום שפּין
צום טאָרט האָט מען דערלאַנגט וויין און מאַרטען האָט געהאַלטן פאַר־פעללען אַ קליינע דרשה, אין וועלכער עס האָט זיך גערעדט וועגן דער טרייקייט פונם נייעם חבר, וועלכן פעללע האָט „אויסגעקליבן". מאַרטען האָט כלומרשט געהאַט אין זינען בלויז עללען, אָבער פעללע האָט פאַר־שטאַנען די ברייטערע באַדייטונג פון זיינע רייד; די גאַנצע רעדע האָט מען די גאַנצע צייט געקאָנט אויסטייטשן צווייַדייטיק.

דערנאָך האָט שטאָלפּע געזאָגט עטלעכע ווערטער דעם יונגן פּאָר. די רעדע האָט געבליצט מיט שאַרפזין און אַלע האָבן זי אויפגענומען מיט אַנטציקונג.

— יאָ, אָט ווי ער קאָן רעדן, — האָט געזאָגט פרוי שטאָל־פּע. — דאַן, ווען עס האָט נישט קיין גרויסע פּראַקטישע באַדייטונג, רעדט ער זייער שיין!

— וואָס פּלוידערסטו, מוטער? — האָט שטאָלפּע אויסגערופן מיט פאַרוווּנדערונג, ער איז נישט געווען געוווינט, אַז דאָס ווייב זאָל אים קריטיקירן.

— ווי געפעלט עס אייך, דאָס אייגענע ווייב הייבט שוין אָן צו צעשטערן אונטער אייך די רושטאָוואַניעס!...

— יאָ, אַזוי איז דאָס, — האָט פרוי שטאָלפּע ווייטער גערעדט, קוקנדיק דרייסט אויפן מאַן. זי איז אינגאַנצן רויט געוואָרן פונם וויין.

— און באמת, צי דען איז ער נישט געבליבן פון הינטן? ער איז געווען דער ערשטער און דער טעטיקסטער; ער איינער האָט אויפגעטאָן מער, ווי אַלע איבעריקע צוזאַמען. ער דאַרף, פאַרשטייט זיך, זיין אַ פּי־רער און זיין דער טאָן־געבער אין אַלץ... און דאָס איז נישט אַזוי... און אין אַלץ איז שולדיק די פאַרשאָלטענע שטאַמלעניש. ער איז קלוג און די חברים אַכטן אים, אָבער וואָס איז די פעולה, אַז ער שטאַמלט? יע־דעס מאָל, ווען ער געפינט זיך אויף דער בימה, — פאַלט אָן אויף אים די שטאַמלעניש.

— דאָס איז דאָך אָבער נישט פון וויין? — האָט געפרעגט דער קליינינקער בויק, אַלבערט אָלסען.

— אַך, ניין! דער פאָטער האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט וויין־אַגיטאַציע, — האָט געענטפערט פרוי שטאָלפּע.

— סאַראַ פיינע רעדע ס'האָט געהאַלטן פאַר מיר די מוטער, —

האָט שטאָלפּע געלאַכט. — און זי האָט להכעיס נישט געשטאַמלט. און איצט איז דיין ריי, פרעדעריק. איצט ביסטו געוואָרן אַ געזעלן און דו דאַרפסט אַליין טראָגן די אחריות פאַר דער ריכטיקייט פון דיינע מעשים. מיר האָבן דאָך צוזאַמען געאַרבעט אויף די רושטאַוואַניעס און מיר קענען איינעם דעם צווייטן זייער גוט. ס'האָט געטראָפן, אַז דו האָסט זיך געפירט ווי אַ לץ; און אַמאָל ווי אַ נאַריש לעמל, און נישט ווייניק פעטש האָסטו באַקומען פון דיין פאָטער. נאָר דו ביסט נאָך דאַן געווען אַ ייִנגל. און וואָלסטו געוואָלט עפּעס דערגרייכן, האָסטו געקאָנט! דו קענסט דיין מלאכה. דעמדאָזיקן שבת קאָן איך דיר געבן און דו דאַרפסט זיך פאַר קיינעם נישט שעמען! ווייז וואָס דו קענסט, מיין ליבער! שטיי נישט אָפּ פון די אַנדערע, די חברים זאָלן דיך נישט דאַרפן שלעפּן אויפן בוקסיר, און מאַך זיך נישט אַרויס, ווען עס וועט קומען דיין ריי!

— און מאַך נישט קיין מחק אין שענקערס חשבון! — האָט געזאָגט אַלבערט אַלסען, אָטאָ האָט אים אַ שטויס געטון.

— יאָ, אפילו דאָס אויך, — האָט שטאָלפּע געזאָגט מיט געלעכטער. — נאָך וועגן צוויי זאַכן דאַרף איך דיך דערמאָנען, — האָט ער ערנסט צוגעגעבן.

— זע, אַז בעת דער אַרבעטס-צייט זאָלן מיידלעך נישט אַרומלויפן לעבן די רושטאָוואַניעס, דאָס מאַכט אַ שלעכטן איינדרוק, און זיי אַ טרייער חבר! שטרייקברעכער איז דאָס שענדלעכסטע וואָרט!

— ריכטיק, ריכטיק, — האָט מען געשריגן בײַם טיש.

פרעדעריק איז געזעסן און זיך צוגעהערט מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל. ער האָט געטראָגן נייע, ווייסע בגדים, אַזעלכע, וועלכע עס טראָגן די מויערער; ער האָט כסדר זיך צוגערירט צום שיטערן פוך פון געלער פאַרב, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט אויף דער קיילעכדיקער גאָמבע. מיט אָנשטרענגונג האָט ער אָפּגעוואַרט דעם סוף פון דער רעדע, ווען דער פאָטער וועט טרינקען מיט אים ברודערשאַפט.

— און איצט, זון מיינער, — האָט שטאָלפּע געזאָגט און אויפגעהויבן פון טעפּל דעם צודעק. — איצט וועסטו פאַררעכנט צווישן די געזעלנס, מיר באַגריסן דיך! כ'באַגריס דיך, זון מיינער! — און כיטרע אונטערווינקענדיק האָט ער צוגעטראָגן דאָס טעפּל צו די ליפּן און גענומען טרינקען.

— כ'באַגריס, פאָטער! — האָט פרעדעריק געענטפערט.

אַע׳ דער פֿאָטער האָט אים איבערגעגעבן די כּלי, האָבן פּרעדעריקס אויגן געפֿלישטשעט. די כּלי איז אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצן טיש. די ברויען האָבן פֿאַרן טרינקען אָפּגעשפּיגן. זי איז ביז די ברעגעס פֿול געווען מיט ביטערישן ביר, אין דער ברוינער פֿליסיקייט זענען אַרומגעשווומען ביטערישע וורשטלעך. בעת די כּלי איז אַרומגעגאַנגען אַרום טיש, האָט שטאַלפּע גענומען זינגען דאָס ליד פֿון מויערער, און אַלע אַנדערע האָבן אונטערגעכאַפּט דעם רעפֿריין :

ווער איז דאָרט אין פּאַרטוך אין חייסן?
אַ מויערער איז דאָס, דאָס זעט דאָך אַ קינד!
גיב אים שטיינער און וואַפּנע און אייזן
און אַ הייזל אַ צאַצקע בויט ער אויס געשווינד.
דער עולם גלאָצט אין הימל די אויגן. האַלט זיך פֿעסטער
די רושטן זענען פֿעסט : זאָלן זיי זיך בייגן !...

*   *
*

שלעפּט זיך דער מויערער איבערן ברוק,
יעדער שענק אויפֿן וועג ציט אים צו זיך,
די לופֿטיקע הויך איז געוואָרן זיין היים,
דאָרט אויבן גייט די אַרבעט גיך.
בלויז פֿייגל פֿליען דאָ פֿריי אַרום...
האַלט זיך פֿעסטער, —
די רושטן בייגן זיך, — אַלץ העכער, און פֿאַל נישט אום

*   *
*

דער מויערער איז מונטער, עס דרייט זיך נישט דער קאָפּ.
אַלץ העכער און העכער לייגט ער די שטיינער,
און פּלוצלינג א רוף: דו נאַרישער טראָפּ,
קריך נישט אין הימל, דאָס הייסט דיך נישט קיינער!
דאָרט איז אַ גאָט צו שטראָפן גרייט, האַלט זיך פעסטער!
צוואָס דאַרף איך גאָט? איך דאַרף ברויט.
דער מויערער טראַכט, — שוין פאַרענדיקט די וואָך,
געענדיקט די אַרבעט. טאָ באַצאָלט מיר אָפּ!
צו טון וואָס האָב איך נאָך?
און פון די רושטן גייט ער שנעל אַראָפּ...
אין קעשענע קלינגען די מטבעות. האַלט זיך פעסטער!
שוין צייט אַהיים לכל הדעות.

*　　*
*

דער קליינינקער דיקער דאַך-דעקער איז געזעסן, אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט אָן טיש און געקוקט פאַר זיך מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק. ווען דאָס ליד איז שטיל געוואָרן, האָט ער אַ ביסל אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— יאָ, דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, איז ריכטיק. אָבער דער דאַך-דעקער הייבט זיך אויף נאָך העכער פאַרן מויערער. — זיין פּנים איז געוואָרן טונקל-רויט.

— זאָל זיין אַזוי, חבר, — האָט שטאָלפּע גוטמוטיק גע-זאָגט. — היינטיקן אָוונט גייט נישט אין דעם, צו לייזן די פראַגע, ווער עס הייבט זיך אויף העכער, — היינט ווילן מיר זיך פּשוט פרייען.

— גוט, — האָט אַלבערט אַלסען געענטפערט און ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — אָבער דער דאַך־דעקער הייבט זיך פּאָרט אויף העכער פאַר אַלעמען. — און ער איז ווייטער געזעסן און עפּעס געבורטשעט.

— לאַזט אים צורו, — האָט אָטאָ אַרויסגעשעפּטשעט, — אַנישט וועט ער אַרויס פון די כּלים. — בורטשע נישט, ברודער, — האָט ער געזאָגט און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף אָלסענס אַקסל. — קיינער קאָן זיך נישט פאַרגלייכן מיט דיר אין דער קונסט אַראָפּצופאַלן אויף דר׳ערד!

מען האָט אים אָנגערופן „שפּרינגער״ דערפאַר, ווייל ליגנדיק אינגאַנצן רויק אויפן דאַך און פאַרנומען מיט דער אַרבעט, פלעגט ער זיך פּלוצלינג אַראָפּקייקלען אונטן ווי אַ פּעקל און פלעגט פאַרשווינדן אין דער טיפקייט פון גאַס.

נישט איינמאָל איז ער שוין אַראָפּגעפאַלן פון דער הייך פון אַ גאַנץ הויז און דאָס פלעגט נישט האָבן קיין שום רעזולטאַטן; איינמאָל אָבער איז ער אַזוי אַראָפּגעפאַלן, אַז ער האָט זיך אויסגעלענקטביידע פיס, און זיי זענען געבליבן קרום. כדי אים אַ ביסל צו פאַרגיטיקן, האָט אָטאָ, אָלסענס פריינט, דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי ער איז אַראָפּגעפאַלן דאָס לעצטע מאָל.

— איינמאָל ליגן מיר ביידע אויפן דאַך און מיר אַרבעטן; ס׳איז געווען מוראַדיק קאַלט. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אָפּגערוקט דעם שטריק און מיר ליגן זיך זייער געמיטלעך און שמועסן... כ׳קוק זיך אום, ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן! „צו אַלדי רוחות, — שריי איך צו די איבעריקע, — אונזער „שפּרינגער״ איז ווידער „אַוועקגעשפּרונגען“! מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ וואַרפן מיר זיך צו די שטיגן. מיר זענען גאָרנישט געווען געניגט צו קיין שום נאַרישקייטן, ווי איר קאָנט זיך פאָרשטעלן. אָבער אויפן ברוק האָבן מיר אַלבערט אָלסענען נישט געפונען. „צו אַלדי רוחות. וווּ־זשע איז ער אַהינגעקומען?“ — האָבן מיר געזאָגט, קוקנדיק איינער אויפן צווייטן מיט אַ נאַרישן אויסזען. צופעליק האָב איך אַ קוק געטון אין קעלער, וואָס געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט גאַס, — זיצט ער גאָר דאָרט בײַם פענצטער, ווינקט צו אונז און וויזט מיט די פינגער, מיר זאָלן צראָפּגיין צו אים און זיך אונטערלענען מיט ביר.

— מיר האָט זיך אַזוי מוראַדיק געוואָלט טרינקען, אַז פאָלג מיך

אַ גאַנג אַראָפּצוגיין דורך די שטיגן, — האָט זיך אָלסען קורץ אָפּ־גערופן.

— דאָס אַלגעמיינע געלעכטער האָט אים אומגעקערט די גוטע שטימונג.

— ווער וועט מיר אָנגיסן אַ גלעזל ביר? — האָט ער געזאָגט, שווער זיך אויפהייבנדיק. מען האָט אים געגעבן ביר און ער האָט זיך דערמיט אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. שטאָלפּער האָט זיך געשפּילט מיטן קאַנאַריק, וועלכער האָט אויך געדאַרפט נעמען אַן אָנטייל אין דער שמחה. ער איז געזעסן אויף זיין רויטן אויער און געפּיקט זיינע האָר, דערנאָך האָט ער גענומען שפּרינגען לענגאויס דער האַנט צום טיש.

— וואָס ווילסטו רייכערן, האַנסכען?

— פּיפּ! — פּלעגט דער קאַנאַריק יעדעס מאָל אַרויסצווויטשערן אַלס ענטפער. אַלע האָבן געלאַכט.

— האַנסכען, ווילסט פּאַררויכערן אַ פּיפּקע? סאַראַ קלוגער ער איז, ווי גוט ער ענטפערט! — האָבן גערעדט די פרויען.

— האַנסכען איז אויסערגעוויינלעך קלוג! איינמאָל האָבן מיר גע־קויפט פאַר אים אַ זי. מיין פרוי האָט געהאַלטן פאַר נישט רעכט, אַז אונזער קאַנאַריקל זאָל נישט וויסן, וואָס אַזוינס ליבע איז. זיי האָבן זייער פיין התונה־געהאַט און די זי האָט געלייגט צוויי אייעלעך. אָבער ווען זי האָט זיי גענומען אויסזיצן, איז דאָס האַנסכענען נישט געפעלן געוואָרן; ער האָט זי איינגעלאַדן אַרויפצופליען צו אים אויפן שטעלע. זי איז נישט מסכים געווען, און אָט אין איינעם אַ שיינעם טאָג, ווען זי איז אַרויסגעפלויגן פון נעסט, כדי אַ ביסל צו פּיקן קערנער, איז ער צוגעפלויגן און אַרויסגעוואָרפן די אייער דורך די שטאַכעטלעך פון שטייג. ער איז געווען אייפערזיכטיק, דער אויסוואורף! יאָ, די חיות זענען אויס־טערליש קלוג, אומגעהייער קלוג! וועגן וואָס אַלץ עס טראַכט נישט דאָסדאָזיקע קליינינקע באַשעפעניש! גיט נאָר אַ קוק, גיט נאָר אַ קוק!

האַנסכען איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש און גענומען פּיקן די רעשטלעך פון טאָרט. ער איז געזעסן אויפן עק פון טעצל און פריי־דיק געפּאַטשעט מיטן ווידעלע. פּלוצלינג האָט מען דערזעען אויפן טיש־טוך זייער נישט קיין פּאַסיקע זאַך.

— מאַמעלעך מיינע, — האָט שטאָלפּע אויסגערופן מיט שרעק. —

איך האָב דאָס געדאַרפט דערוואַרטן. ווען איר זאָלט זיך קאָנען פאָר־שטעלן, ווי די מוטער וועט אין כעס ווערן!

דער אַלטער לאַססאַ איז גרייט געווען צו פּלאַצן פון געלעכ־טער; ער האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געפונען אין אַזאַ פריילעכער געזעלשאַפט.

— דאָ איז פונקט אַזוי ריכטיק ווי דאָ זאָלן זיך האָבן צונויפ־געקליבן אַ טוץ ברידער קאַללע, — האָט ער אַ שעפּטש געטון צו פּעללען.

פּעללע האָט צעטראָגן אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ. עללען האָט געהאַלטן זיין האַנט בײַ זיך אויף די קני און זיך געשפּילט מיט זיינע פינגער. פון פאַריין איז אָנגעקומען אַ באַגריסונגס־טעלעגראַם, און דאָס האָט אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף ערנסטע טעמעס. מאָרטען מיט שטאָלפּען האָבן זיך גענומען אַמפּערן וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג, מאָרטען האָט איינגעפונען, אַז מען לייגט צו ווינציק אַכט אויף יעדן איינעם באַזונדער און מען גיט צו אַ צו גרויסע באַדייטונג דער מאַסע. לויט זיין מיינונג דאַרף די רעוואָלוציע קומען פון אינעווייניק.

— ניין, — האָט שטאָלפּע געזאָגט, — דאָס פירט צו גאָרנישט; ווען מיר זאָלן קאָנען אַדורכפירן אונזערע חברים אין פּאַרלאַמענט און באַקומען אַ מערהייט, דאַן וועט מען אונזער פּראָגראַם קאָנען דורכפירן אויף אַ געזעצגעבערישן וועג. מיר וועלן אַלץ דער־ברייכן.

— יאָ, אָבער דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ טרוקן שטיקל ברויט, — האָט מאָרטען געזאָגט מיט באַטאָנונג. — הונגעריקע ליגט נישט אין זינען שטרעבן צו אַ מערהייט. ביז דאָס גראָז וועט אויסוואַקסן, וועט פאַלן די־טשערעדע. די אָרימע דאַרפן אַליין נעמען דאָס, אין וואָס זיי נייטיקן זיך; אויב זיי טוען דאָס נאָך נישט, הייסט עס, אַז זיי זענען נאָך נישט גענוג רייף; מען דאַרף וועקן אין זיי דאָס געפיל פון מענטשלעכער ווערדע. ווי מיינט איר, ווען עס זאָל אַרויס אַ געזעץ, וואָס פאַרווערט דעם פּראָלעטאַריער צו אָטעמען מיט דער לופט, וואָלט ער אים געהערט? ער וואָלט פּשוט נישט געווען ביכולת צו פאָלגן אים. אָבער קוקן ווי די־אַנדערע עסן, ווען מען האָט אַליין נישט וואָס צו עסן, איז אויך אַ שלעכטער ענין! און די געזעלשאַפט נוצט עס אויס לרעה פון אָרימאַן. וואָס גיט דאָס געזעץ דעם אָרימאַן? גאָרנישט! דער מענטש האָט נישט קיין רעכט צו מאָרען מיט הונגער זיין פּערד אָדער הונט, אָבער די־

מלוכה, וואָס פאַרווערט איר דאָס, מאַרעט אַליין מיט הונגער אירע אַרבע-טער! איך מיין, אַז כּל זמן מיר וועלן אַריינטענהן אין די אָרימע וועגן דער נייטיקייט זיך אינטערצוהאַרפן דעם געזעץ, וועלן מיר האָבן אַ שלעכטן מאַטעריעל אויף אויסצובויען אַ נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג.

— מיר רופן אָבער צו פאָלגעדיקייט נישט פון אַכטונג צו די געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, — האָט שטאָלפּע געזאָגט אַ ביסל אומזיכער, — נאָר צוליב זיך אַליין. מען דאַרף האָפן, אַז די אָרימע וועלן שאַפן זייער אייגן רעכט.

— אָבער די וווּנד בלייבט אָפן! די אַלע, וואָס הונגערן אינדער-שטיל, וואָס טוען זיי? אַקטיווע זענען, צום באַדויערן, דאָ ווייניק, אַזוי אַז אין די תּפיסות איז דאָ גענוג אָרט פאַר זיי. ווען יעדער הונגעריקער וואָלט אָבער אַליין גענומען דאָס, וואָס ער דאַרף האָבן, וואָלט דאַן די פראַגע וועגן דערנערונג געלייזט געוואָרן פון זיך אַליין. מען קאָן נישט אַריינזעצן אין תּפיסה אַ העלפט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. איצט אָבער איז הונגערן אַ געזעלשאַפטלעכע טוגנט, און וועלכער מען איבט זיך אַזוי אָפט, אַז נישט זעלטן שטאַרבט מען צום נוצן פון די, וועלכע קלויבן צונויף רייכטימער. אַ גרויסן אָרימאַן קלאַפּט מען איבער דער פלייצע דערפאַר, וואָס ער פאָלגט דאָס געזעץ, — טאָ וואָס-זשע דאַרף ער מער נאָך!

— נו, געוויס, דאָס אַלץ איז נישט אַזוי גלאַט, — האָט שטאָלפּע אויסגערופן. — אָבער פונדעסטוועגן וועט איר מיך דערמיט נישט אי-בערציינג! איר זענט פאַר מיר צו רויט. דאָס טויג נישט. איך נעם אָנ-טייל אין דער באַוועגונג פון ערשטן טאָג אָן, און נישטאָ קיינער, ווער עס זאָל זיך דערוועגן צו זאָגן, אַז שטאָלפּע האָט מורא געהאַט איינצו-שטעלן זיין הויט. אָבער דאָס איז נישט לויט מיין גוסט. מיר האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן אין איין ריכטונג און אַלע אונזערע דערפאָלגן דאַרפן מיר צושרייבן אויף איר חשבון.

— יאָ, דאָס איז ריכטיק! — האָט פרוי שטאָלפּע אויסגערופן. — זען איך דערמאַן זיך די פריערדיקע צייט און כ'פאַרגלייך זי מיט דער איצטיקער, גלייב איך זיך נישט אַליין. דאָך האָבן מיר נישט געקאָנט לעבן רויק אפילו צווישן מענטשן פון אייגענעם שטאַנד. זיי האָבן חוזק געמאַכט פון אונז אויף אַלערליי אופנים און האָבן פיינט געהאַט דעם

פּאָטער דערפֿאַר, וואָס ער איז נישט געווען אזאַ נאַר, ווי זיי, און האָט נעזאָרגט פֿאַר פֿאַרבעסערן זייער לאַגע. יעדעס מאָל, ווען איך פֿלעג עפֿענען די קיך-טיר, פֿלעגט הענגען אויף איר עפּעס אַ שמוציקע שמאַטע, און ס'פֿלעגט טרעפֿן נאָך ערגערס, די טיר פֿלעגט זיין אויסגעשמירט דער טייוול ווייסט מיט וואָס. און ווער האָט דאָס געטון? כ'פֿלעג דאָס נישט דערציילן דעם פֿאָטער, ווייל ער וואָלט אַריין אין גרימצאָרן און וואָלט איבערגעקערט די גאַנצע שטוב. אַבי צו געפֿינען דעם שולדיקן. און ער האָט געהאַט גענוג צו קעמפֿן אויך אָן דעם. אָבער איצט: „אָט גייט שטאָלפּע! — זאָל לעבן שטאָלפּע! מען דאַרף זיך צו אים באַציען מיט אכטונג, ווייל ער איז אַ וועטעראַן פֿון דער באַוועגונג“.

— ס'קאָן זיין, אַז דאָס אַלץ איז זייער ריכטיק, — האָט אַלבערט אָלסען געבורטשעט, — אָבער דער דאַך-דעקער הייבט זיך פֿאָרט אויף העכער פֿאַר אַלע, — ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט בייז געקוקט פֿאַר זיך.

— נו, געוויס, העכער פֿאַר אַלע, — האָבן געזאָגט די פֿרויען. — קיינער לייקנט דאָס דאָך נישט אָפּ.

— לאָזט אים צורו, — האָט אָטטאָ געזאָגט.

— ער דאַרף זיך דורכשפּאַצירן אויף דער פֿרישער לופֿט און נישט זיצן דאָ, — האָט פֿרוי שטאָלפּע געזאָגט.

אָלסען האָט זיך מיט מי אויפֿגעהויבן.

— איר האָט געזאָגט, פֿרוי שטאָלפּע, אַז איך דאַרף זיך דורכגיין אויף דער פֿרישער לופֿט. יאָ, אויב עמעצער קאָן גיין אין דער לופֿט, איז דאָס געוויס אַלבערט אָלסען. אָבער וואָס קענען די גראָב-מאָרדיקע מויערער?

ער איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און עפּעס בייז געוואָרטשעט:

— יאָ, יאָ. אויב אַזוי וועלן מיר זיך דורכשפּאַצירן דורך דער לופֿט. גענוג צו שפּאַסן איבער מיר!

און ער איז, אַ וואַקלדיקער, אַוועק צו דער קיך-טיר.

— וואָס דאַרף ער דאָרט האָבן? — האָט מיט שרעק אויסגעשריגן פֿרוי שטאָלפּע.

— ער וויל פּשוט אויפֿן הויף; דאָס איז דער בעסטער מענטש, אָבער ער פֿאַרטראָגט לחלוטין נישט קיין ווײַן.

בעת דער אַמפּעריי האָט פּעללע עפּעס געצייכנט אויף אַ בלעטל פּאַפּיר. עללען האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין אַקסל און געקוקט אויף זיין צייכנונג. ער האָט געשפּירט איר הייסן אָטעם און איז געווען אומ־געהייער גליקלעך. פּעללע האָט ווייטער געצייכנט.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט עללען גענומען די צייכנונג און זי איבערגעגעבן איבערן טיש. אויפן פּאַפּיר איז אָנגעצייכנט געווען אַ פּעס־טער מאָנסביל, דער שווייס איז גערונען פון אים אין טייכן, ער האָט גע־פּירט פּאַר זיך אויף אַ טאַטשקע זיין אייגענעם בויך. אונטער דער צייכ־נונג איז געווען אָן אונטערשריפט: „דער קאַפּיטאַליזם אין דער צוקונפט, אויב מיר וועלן זיך אָפּזאָגן אים צו דינען". די צייכנונג איז אַלעמען זייער געפעלן געוואָרן.

— סאַראַ בריה דו ביסט! — האָט געזאָגט שטאָלפּע.

— כ'וועל אַוועקשיקן דיין קאַריקאַטור אין אַ הומאָריסטישן זשור־נאַל. איך בין באַקאַנט מיטן אַרויסגעבער...

— יאָ, — האָט לאַססע געזאָגט מיט שטאָלץ, — נישטאָ לחלוטין קיין שום זאַך, וואָס פּעללע זאָל נישט קענען מאַכן. דער טייוול ווייסט אים, פונוואַנען האָט זיך דאָס דערנומען צו אים, יעדנפאַלס נישט פון מיר. — און אַלע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט.

די פרוי פון שטאָלפּע דעם טשעסלער האָט מיט שטויגונג באַקוקט די צייכנונג, דערנאָך באַטראַכט פּעללעס פינגער, דערנאָך ווידער די צייכנונג.

— אַז מ'קען גלאַטיק רעדן. דאָס, פאַרשטיי איך, אָבער מיט די פינגער, — ניין, דאָס קאָן איך שוין נישט פאַרשטיין...

— דער אומגליקלעכער, מיט וואָסער מי ער שלעפּט זיין בויך. דאָס איז נאָך אפשר ערגער ווי דאָס, ווען איך האָב געטראָגן וויקטאָרן.

— דער קוזין וויקטאָר, איר יינגערער זון, איז זייער אַ קלוג קינד, — האָט דערקלערט אָטטאָ און פילבאַדייטנדיק אַ קוק געטון אויף פּעללען.

— יאָ, ער איז אויסערגעוויינלעך קלוג, הגם ער איז ערשט אַלט אַ האַלב יאָר. דאָ נישט לאַנג, ווען איך בין געגאַנגען נאָך מילך, האָב איך אים מיטגענומען מיט זיך. און איצט וויל ער נישט זויגן פון מיין לינקער ברוסט. דאָס קינד האָט איינמאָל באַמערקט, אַז דער פורמאַן

האָט אָראָפּגענומען די מאָגערע מילך פון דער לינקער זייט פּור, און די פּעטע — פון דער רעכטער. און אַ צווייט מאָל...

— גוט, מוטער, גענוג, — האָט געזאָגט דער טשעסלער שטאָלפּע, — צי דען זעסטו נישט, אַז זיי לאַכן פון דיר. אָבער ס'איז שוין צייט זיך קלויבן אַהיים. — ער האָט אויסגעזעען אַ ביסל באַליידיקט.

— וואָס, איר גייט שוין אַוועק ? — האָט שטאָלפּע געזאָגט. — בנאמנות, ס'איז דאָך שוין גאַנץ שפּעט, צו אַלדי רוחות. לאָמיר אָבער אָפּזינגען נאָך אַ ליד.

— ס'וועט שוין באַלד טאָגן, — האָט פרוי שטאָלפּע געזאָגט; זי איז געווען שטאַרק פאַרמאַטערט.

נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעזונגען דעם סאָציאַליסטישן מאַרש, האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן פון די ערטער. לאַססעס קעשענעס האָט מען אָנגע־שטאָפּט מיט נאַשוואַרג פאַר די דריי יתומים.

— ווו־זשע איז אונזער שפּרינגער ? — האָט פּלוצלינג געפרעגט אָטטאָ.

— אפשר איז ער דאָרט קראַנק געוואָרן אויפן הויף, — האָט שטאָלפּע געזאָגט. — לויף אַראָפּ אונטן, פרעדעריק, און גיב אַ קוק, וואָס הערט זיך מיט אים. זיי האָבן וועגן אים אינגאַנצן פאַר־געסן.

פרעדריק האָט זיך אומגעקערט און דערקלערט, אַז אַלבערט אַלסען איז אויפן הויף נישטאָ און דאָס טויער איז פאַרמאַכט.

— ער איז דאָך נישט אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך, — האָט עמעץ געזאָגט.

זיי זענען אַרויף אינדערהייך דורך די הינטערשטע שטיגן. די טיר צום בוידעם איז געווען אָפן, אויך דאָס דאַך־פענצטערל, און דאָרט. גאַנץ וויים, האָט מען געזען אויפן דאַך דעם „שפּרינגער", וועלכער האָט געשמאַק געכראָפּעט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויפן ברעג פון דער הויפּט־וואַנט, וועלכע איז אַ ביסל אַרויסגערוקט געווען פאָרויס, און גלייך נאָך אים האָט געגענעצט דער תהום.

— ווי גאָט איז דיר ליב, רוף אים נישט, — האָט פרוי שטאָלפּע געזאָגט מיט אַ שטיל קול, — און האַלט אים גאָר פעסט, ווען דו וועסט אים וועקן.

אָטטאָ אָבער האָט זיך גלייך דערנענטערט צו זיין חבר.

— עי, חבר, די אַרבעט איז פאַרענדיקט! — האָט ער אויס־געדופן.

— גוט, — האָט דער שפּרינגער געענטפערט און זיך געשטעלט אויף די פיס.

איין מאָמענט איז ער געשטאַנען, וואַקלענדיק זיך, לעבן סאַמע אַפּריס. דערנאָך האָט ער גענומען שפּרייזן איבערן דאַך, גלייך נאָך אַטמאָן און אַדורכגעקראָכן דורכן פענצטער.

— ווו ביסטו דאָ, צו אַלע שוואַרצע יאָר פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט שטאָלפע געפרעגט מיט געלעכטער. — האָסט געאַרבעט, וואָס?

כ׳בין אַ ביסל געגאַנגען איינדערהייך, כדי צו אָטעמען אַ ביסל מיט פרישער לופט; אפשר האָט איר אַ ביסל ביר? איר גייט שוין אַלע אַהיים?

— יאָ, גאַנצע צוויי שעה האָסטו דאָרט געציילט די שטערנס, — האָט אַטמאָ געענטפערט.

לאַססע מיטן יונגן פאָר זענען געשטאַנען און געוואַרט אויפן צע־ועגענען זיך. פרוי שטאָלפע האָט געהאַט טרערן אין די אויגן. זי האָט אַרומגעוויקלט עלען.

— פאַרקיל זיך נישט, ס׳איז זייער קאַלט, — האָט זי געזאָגט מיט אַ פאַרשטיקט קול. זי האָט געשאָקלט צו זיי מיטן קאָפּ מיט טרערן אין די אויגן.

— אָט האָסטו דיר! וואָס איז דאָ צו וויינען? — האָט געזאָגט דער מויערער שטאָלפע און זי אַריינגעפירט אין שטוב. — לייג זיך גיכער אין בעט. איך מוז נאָך איינשלעפערן דעם „שפּרינגער“. מוטער, אַ דאַנק דיר פאַרן היינטיקן טאָג!

XVI.

פּעללע האָט אַוועקגעשטעלט זיין אַרבּעטס־טיש צווישן צוויי פענצטער; און צווישן אים און דעם קיילעכדיקן טיש, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן צימער, איז געבּליבּן אַקוראַט אַזויפיל אָרט, אַז מען האָט זיך געקאָנט אַדורכשטופּן. לענגאויס דער וואַנט איז געשטאַנען אַ בּופעט, געפאַרבּט אין ניס־פאַרבּ; דאָס איז געווען עללענס שטאָלץ, און בּאַ דער קעגנאיבּערדיקער וואַנט האָבּן זיי אַוועקגעשטעלט איר מיידלשן קאָמאָד, בּאַדעקט מיט אַ ווייסער, געשטריקטער סערוועטקע; אויף אים איז געשטאַנען אַ שפּיגל, אַ פּאָלירט אַרבּעטס־קעסטל, פאָטאָגראַפישע בּילדער און פאַרשידענע שיינע קלייניקייטן; מיט זיין ווייס טישטוך איז ער ענלעך געווען אויף אַן אַלטאַר. אַ טאָג איבּער אַ טאָג פלעגט פּעללע גיין צום מייסטער בּעק, די איבּעריקע טעג פלעגט ער זיין אינדערהיים און פלעגט שפּילן די ראָלע פון אַ קליינעם מייסטער. ער האָט געהאַט אַ סך בּאַקאַנטע, אַלץ אָרימעלייט, וועלכע פלעגן אויסטראָגן זייער שוכוואַרג בּיז די פינגער פלעגן אָרויסקריכן אינדרויסן, ערשט דאַן פלעגן זיי זיך קויפן אַנדערע.

פּעללע פלעגט פונדעסטוועגן האָבּן אַ טאָג־טעגלעך פאַרדינסט. עללענס פאַמיליע און זייערע בּאַקאַנטע פלעגן אים אויך צושאַרן נישט ווינציק אַרבּעט. דאָס זענען געווען מענטשן פון אַ גאַנץ אַנדערן שניט; ווען זיי פלעגט אפילו גיין שלעכט, פלעגן זיי דאָס נישט לאָזן מערקן.

פּעללע האָט, פאַרשטייט זיך, לייכט געקאָנט געפינען אַן אָרט פון אַ געזעלן, ער האָט אָבּער געוואָלט זיך אַנדערש איינאָרדנען; ער האָט געקאָנט זיין זעלבּשטענדיקער און האָפן אויף אַ בּעסערער צוקונפט. חוצדעם איז אין אַזאַ לעבּנס־אַרט געלעגן אַ בּאַזונדערער חן, דער חן פון הויזלעכער געמיטלעכקייט. פון צייט־צו־צייט האָט ער געקוקט אויף די אַרומיקע שטובּ־זאַכן, זיי זענען אַלע געווען אַזוי בּאַקאַנט, אַזוי נאָענט, די נשמה פלעגט אַרומנעמען אַזאַ וואַרעמע היימישע געמיטלעכקייט,

דיפטיק ווי ער וואָלט זיך צוזאַמענגעוואַקסן מיט דאָס אַרומיקע מיט זיין גאַנץ וועזן.

ווען די פּרימאָרגן־זון פלעגט אַריינקוקן אין צימער, פלעגט אַלץ ווי לאַכן, און עללען פלעגט פריילעך און האַווערדיק זיך פאַרנעמען מיט דער ווירטשאַפט, עפּעס אומטערזינגענדיק. זי פלעגט זיך באַמיען וואָס שנעלער פאַרענדיקן איר אַרבעט אין קיך, כדי אַריינצוקומען צו פעללען אין צימער. אויף איר פאַרלאַנג האָט ער זי געלערנט לייגן לאַטעס און אומטערנייען זוילן, און זי פלעגט אים העלפן אַרבעטן.

— דו ביסט אַ מייסטער, און איך דיין געזעלן, — פלעגט זי פריי־לעך זאָגן. זי פלעגט אויך אויסזוכן פאַר אים קונדן. איר האָט זיך גע־וואָלט, ער זאָל וואָס מער זיצן אינדערהיים.

— איך וועל דיר העלפן מיט אַלע כוחות, און אין איין שיינעם טאָג וועסטו האָבן אַזויפיל אַרבעט, אַז דו וועסט דאַרפן צונעמען אַ יינגל אויף דער לער און דערנאָך אפילו אויך אַ געזעלן. — פעללע פלעגט זי אַרומנעמען און זיי פלעגן אַרבעטן, זועלנדיק אַריבעריאָגן איינער דעם אַגדערן, און פריילעך זינגען.

פעללע איז געווען גליקלעך. ער האָט אָפּגעוואָרפן פון זיך אַלע זאָרגן און מאַטערנישן. דאָס איז געווען זיין נעסט, און יעדעס צווייגעלע, יעדעס שטרויעלע איז געווען וויכטיקער, ווי אַלדאָס איבעריקע אויף דער וועלט. זיי האָבן געהאַט אַ סך זאָרג, כדי איינצואָרדנען זייער נעסטעלע וואָס שענער און וויכער, און פעללען האָט דאָס אַזוי שטאַרק פאַרכאַפּט, אַז אים האָט זיך געדאַכט, אַז ערשט איצט האָט ער זיך פאַרנומען מיט דער וויכטיקסטער אַרבעט און ער האָט געפונען דאָס, וואָס ער האָט גע־דאַרפט האָבן. פון צייט־צו־צייט פלעגן זיך דערקייקלען צו אים שווערע כוואַליעס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פאַרכאַפּן זיין נשמה. ער פלעגט האַלטן פלאַם־פייערדיקע, צאָרנדיקע רעדעס אָדער זיין גליק פלעגט אים צייכנען ליכטיקע בילדער פון דער צוקונפט. וועלכע ער פלעגט אָנטרויען עללען. זי פלעגט אים אויסהערן מיט שטאָלץ, און אירע פאַר־ליבטע אויגן פלעגן פעללען באַגייסטערן נאָך צו העלערע בילדער און געשטאַלטן, ווי דאָס איז אייגן געווען זיין נאַטור. ווען ער פלעגט אַנט־שוויגן ווערן, פלעגט זי קוקן אויף אים מיט אירע טונקעלע אויגן, וועל־כע פלעגן תמיד אַנטדעקן אין אים עפּעס נייעס, וואָס ער האָט וועגן דעם בישט געוווסט.

— וועגן וואָס טראַכטסטו איצט? — פלעגט זי פרעגן פעללען,

וועלכער האָט ליב געהאַט צו כאַפּן אַ שמועס וועגן זיינע אינערלעכע איבערלעבונגען. אַ חוץ עללען האָט פאַר אים קיינער און קיין שום זאַך נישט עקזיסטירט. ער האָט געפילט אַ באַדערפעניש זיך פונאַנדערצוקלויבן צוזאַמען מיט איר אין זיינע נייע געפילן און צוזאַמען, זאַלבעצוויייט, דורכפילן דאָס גרויסע גליק, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט.

— איך טראַכט וועגן דעם, ווי רויט עס זענען דיינע ליפּן, ווען דו רעדסט! זיי וואַרטן געוויס אויף קושן, — פלעגט זי ענטפערן און זיך וואַרפן אים האַלזן.

די אַרומיקע געשעענישן האָבן זי נישט אינטערעסירט. זי האָט געקאָנט רעדן נאָר וועגן איר ליבע און וועגן דעם, וואָס האָט געהאַט צו איר אַן אוממיטלבאַרע שייכות. אָבער דער שאַרפער און פלאַמיקער בליק האָט צוגעגעבן דעם לעבן אַ טיפן זינען. ער פלעגט האָבן אויף פעללען עפּעס אַ געהיימנישפולע ווירקונג, ווי אַ רוף צו די אומבאַקאַנטע זייטן פון זיין וועזן. „יענער פעללע, וועלכן זי זעט, איז לחלוטין נישט ענלעך אויף דעם, וועלכן איך קען", — האָט ער געטראַכט, שפּירנדיק אַ גליקלעך געפיל. עס האָט זי צוגעשמידט צו אים עפּעס אַזאַ שייגס און שטאַרקס, אַז זי פלעגט ליידן, ווען זיי פלעגן זיך שיידן אפילו אויף אַ רגע. זי פלעגט לאַנג קוקן אויף אים, דערנאָך פלעגט זי זיך וואַרפן צו אים און פאַרלעגן זיך צוטוליען, באַהאַלטנדיק איר פּנים. ער האָט נישט באַמערקט, אַז זי שטויסט זיינע כּוחות אין זייער אייגענער קאַריטע. ווען עללען פלעגט אים העלפן, זיצנדיק לעבן אים און שמועסנדיק מיט אים, פלעגן זיינע כּוחות פאַרטאָפּלט ווערן. פעללע האָט איינגעפונען, אַז זייער נעסט איז זייער געמיטלעך און באַקוועם, אָבער עללען האָט געהאַט אַ סך נייע פלענער וועגן אַלערליי פאַרבעסערונגען. זי האָט איינגעפונען, אַז לויט זייער לאַגע דאַרפן זיי איינקויפן אָנשטענדיק ווייך מעבל און פאַרשידענע שיינע קלייניקייטן. פאַר פעללען איז זייער היימיש ווינקל געווען ווי דאָס פּנים פון אַ געליבטן מענטש, וועלכן עס איז גאָר שווער זיך פאַרצושטעלן מיט אַנדערע שטריכן, און עללען האָט עס באַטראַכט, ווי עפּעס צייטווייליקס, וואָס דאַרף ביסלעכווייז פאַרבעסערט ווערן און אפילו אינגאַנצן זיך ענדערן.

הינטער דעם אָנגענעמען שמועס וועגן די טאָג־טעגלעכע קלייניקייטן פלעגן זיך אויפעפענען ברייטע מעגלעכקייטן. ער האָט געדאַרפט אָנשטרענגען אַלע זיינע כּוחות, כּדי צו דערפילן דאָס אַלץ, וואָס זי דערוואַרט פון אים. עללען האָט זיך זייער אויפמערקזאַם באַצויגן צו

אירע היימישע ענינים, זי פלעגט גאַרנישט אַדורכלאָזן. ווען פעללע פלעגט זיין אין וואַרשטאַט, פלעגט זי צורוימען די שטוב, און אַלץ איבערקערן מיט די פיס אַרויף, זי פלעגט וואַשן און סקראָבען און צוגרייטן צו זיין קומען אַ גוטן ביסן. אינאָווענט פלעגט זי גיין אים טרעפן. דערנאָך פלעגן זיי שפּאַצירן לענגאויס דעם קאַנאַל, — איבערן גרינעם וואַל, ווו עס האָבן זיך געשפּילט די קינדער. עללען פלעגט אים פעסט האַלטן באַ דער האַנט.

— אַך, פעללע, ווי שטאַרק איך האָב דיך היינט געוואָלט זעען, — פלעגט זי נישט אַנטשלאָסן אָנהייבן. -- איצט ביסטו מיט מיר, אָבער מיין האַרץ טוט נאָך אַלץ וויי: עס ווייסט נישט, אַז דו ביסט דאָ.

— אפשר זאָלן מיר אַרבעטן אַ ביסעלע? זאָל זיין אַ פּערטל שעה? — פלעגט זי זאָגן נאָכן אָוונטברויט. — ווערסטו וואָס גיכער ווערן אַ מייסטער, און מיר וועלן זיך איינאָרדנען אַ ביסל בעסער...

פעללע האָט אפשר בעסער געוואָלט זיך דורכגיין מיט איר ערגעץ-ווו און הנאה האָבן פון זון-אונטערגאַנג, אָבער אירע טונקעלע אויגן האָבן אים געצוווּנגען צו עפּעס אַנדערש. זי האָט פאַרמאָגט אַן אומגעוויינלעך-טעטיקע ליבע, און אַלע אירע געדאַנקען האָבן זיך תמיד געדרייט אַרום פעללען. אין איר וועזן איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויסגעשלאָסן יעדן געדאַנק וועגן איר אַליין. ד״אָס, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות דירעקט צו איר, איז איר געווען לחלוטין אַלציינס, זי האָט געוואָלט בלויז דורך אים אין פאַר אים. דאָס איז געווען אַן אומבאַרירטע און ווייכע נאַטור, וואָס גיט אָפּ אירע בעסטע זאַפטן, ווי אַ נאַר-וואָס צעאַקערט ניי-פעלד. פעללע האָט אויפגעוועקט אין איר די ליבע — אַלס אַן אומאויפהערלעכן דראַנג צו געבן... ער האָט הכנעהדיק געשפּירט, אַז זי שענקט אים אַוועק אַלץ, און ער האָט זיך באַמיט זי צו באַלוינען, ווי ער האָט געקאָנט.

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער ערשטער, אָנפירנדיקער ראָל אין דער אָרגאַניזאַציע. דאָס געמיינזאַמע לעבן מיט עללען, די זאָרג וועגן זיין שטוב האָבן אים בישט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו ווידמען אַ סך צייט דער אָנגעשטרענגטער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. עללען האָט זיך מיט דערדראָזיקער אַרבעט נישט אינטערעסירט; ווען ער פלעגט זיך אומקערן אַהיים פון די פאַרזאַמלונגען פלעגט זי אים באַגעגענען מיט פאַר-וויינטע אויגן. געוויס, פון זיין זייט איז דאָס געווען אַ שוואַכקייט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט מאַכן אַנדערש, אָבער ער פלעגט בלייבן איינדער-

היים. און ער פלעגט נישט פילן קיין פארלוסט, עללען פלעגט אים באַ־לוינען כפל־כפלים. זי האָט געוווּסט ווי איינצושליסן אים אין זייער קליי־נינקער געמיטלעכקייט און דידאָזיקע געמיטלעכקייט גופא צו פאַרוואַנד־לען אין אַ וועלט פון אַ רייך, קוועלנדיק לעבן. זי פלעגט זיך שטעלן אַ ציל, — למשל, קויפן אַ פּאַרצעלייענעם בלומען־טאָפּ מיט אַ בליענדיק געוויקס און אים אַוועקגעשטעלט אויפן פענצטער, — און איר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס וויכטיקערס און אָנגענעמערס פאַר דעם איז אויף דער וועלט נישטאָ. זיי האָבן געדאַרפט עקאָנאָמירן אַ גאַנצע וואָך, אָבער דער־פאַר, ווען זיי האָבן שוין געקויפט דאָס געוויקס, פלעגן זיי אומישנע אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט קאַנאַל, כדי פונדערווייטנס אָנצו־קוועלן פון זייער פענצטער. נאָך דעם פלעגט מען נעמען טרוימען וועגן נאָך עפּעס: וועגן אַ מאָדערנעם טייג־קנעטער, וועגן אַ טעוועלע מיט זייער פאַמיליע אויף דער טיר. יעדן שבת פלעגן זיי מאַכן עפּעס אַ נייע קניה.

די אַרבעטער־צייטונג איז געלעגן פאַרוואָרפן, מען האָט אויף איר קיין אַכט נישט געלייגט. פעללע פלעגט זי אַמאָל נעמען דורכקוקן בעת אַ הפסקה אין דער אַרבעט, אָבער עללען פלעגט תּמיד אויסוואַקסן ווי פון אונטער דער ערד און אין שפּאַס בייסן אים אין אויער: די פרייע צייט געהער איר, איז דען נישט בעסער צו שטיפן צווישן זיך, ווי די יונגע הינטלעך, איידער זיך מאַטערן צוליב דער אונטערדריקטער לאַגע פון די מאַסן...

און די צייטונג פלעגט אָפּגעלייגט ווערן אין אַ זייט. יעדע וואָך פלעגט עללען אָפּלייגן געלט אין איר קאַסעלע. זיי האָבן אָפּגעקוקט אַן אָרט אויפן ראָג פון דער האַנדלס־גאַס; דאָרט האָבן זיי געוואָלט איינ־אָרדנען אַ וואַרשטאַט און נעמען אַ דריי—פיר לער־יינגלעך. אַט אויף אויף דעם האָט זי טאַקע געקליבן דאָס געלט. פעללע האָט געשטוינט פון איר פּראַקטישקייט: דאָס איז געווען זייער אַ פּאַסיק אָרט.

נאָך דער חתונה פלעגן זיי גיין צו אירע עלטערן נישט גאָר אָפט. שטאָלפע האָט געזען, אַז פעללע איז צו אַלץ אָפּגעקילט געוואָרן און ער פלעגט זיך אַ ביסל רייצן מיט אים, כדי אים ווידער צו באַגייסטערן. עללען איז אין כעס געוואָרן און זיך צעקריגט מיטן פאָטער, זי האָט נישט געקאָנט ליידן, אַז עמעץ זאָל קריטיקירן פעללען. איצט פלעגט זי גיין צו די עלטערן נאָר דאַן, ווען פעללע פלעגט זי רופן; איר אַליין

האָט זיך נישט געוואָלט באַזוכן די קרובים, זי פלעגט בעסער בלייבן אינדערהיים.

אַמאָל, ווען די קרובים פלעגן קלינגען, פלעגן זיי מאַכן אַן אָני־שטעל, אַז זיי זענען אינדערהיים נישטאָ, זיי האָבן געוואָלט זיין אַליין. אין די זונטיקן פלעגן זיי מערסטנטיילס גיין אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אָדער הינטער דער שטאָט.

לאַססע פלעגט זיי זעען זעלטן. עללען האָט אים איינמאָל פאַר אַלע מאָל איינגעלאַדן צו עסן אָוונטברויט באַ זיי. ווען ער פלעגט זיך אָבער אומקערן פון דער אַרבעט, פלעגט אים זיין שוועך זיך איבערצו־טון און זיך ברענגען אין אָרדנונג, כדי צו קאָנען גיין צום יונגן פּאָר; ער האָט זיך געפילט צו מיד, און עללען איז תמיד פאַרנומען געווען מיט איר שטוב. ער האָט געפילט צו איר גרויס אכטונג, ער האָט זיך אָבער נישט גוט געפילט אין איר דירהלע.

לאַססע איז געבליבן אין פעללעס פריערדיקן צימער; די קינדער האָבן גענומען אויף זיך צו זאָרגן פאַר לאַססען. זיי האָבן אים געשעצט און האָבן איבערגעטראָגן זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייטספון געפונענעם אויפן אַלטן. און דאָ האָבן זיי געפונען אַ מער דאַנקבאַרן באָדן. לאַססע אַליין איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קינד און האָט געפילט אַ באַ־דערפעניש אין צערטלעכקייט. ער פלעגט מיט יראת־הכבוד אויסהערן די קינדער; מאַריאַ פלעגט אים אַנטרויען אירע קליינע זאָרגן, און די ייִנגלעך פלעגן דערציילן וועגן אַלץ, וואָס מיט זיי פלעגט זיך פאַרלויפן. לאַססע פון זיין זייט פלעגט זיך דערמאָנען פאַר זיי דאָס, וואָס מיט אים איז געשעען אין די קינדערשע יאָרן, און ער פלעגט זיך שטאַרק באַ־רימען, כדי נישט אָפּצושטיין פון די קינדער. ווען פעללע פלעגט קומען נאָכן פאָטער, פלעגט ער זיי תמיד געפינען זאַלבעפערט באַ עפּעס אַ קינדערשער שפּיל. זיי האָבן זיך געאַמפּערט, געקריגט, ווייל לאַססע פלעגט אומבאַדינגט וועלן זיין דער ערשטער. דער אַלטער פלעגט זין אַנטשולדיקן:

— זיי נישט אין כעס, מיין זון, וואָס איך קום אַזוי זעלטן צו אייך, אָבער אָוונטצייט ווער איך מיד און כ'לייג זיך פרי שלאָפן.

— קום אין די זונטיקן, צום פרישטיק; דערנאָך גייען מיר געווייג־לעך אַוועק.

— ניין, אין די זונטיקן האָב איך ראַנדקעס, פעללע, — פלעגט לאַססע זאָגן אין שפּאַס, כדי אויסצומיידן ווייטערדיקע פראַגעס. — גע־

ניסט פון אייער יונג גליק. עס איז נישט אייביק. לאַססע האָט קיינמאָל נישט אָנגענומען קיין הילף.

— איך פאַרדין גענוג אויף דערנערונג און טיילווייז אויף קליידונג. כ'בין זייער צופרידן. און דו האָסט אַ סך ענינים, — פלעגט ער תּמיד ענטפערן.

לאַססע איז תּמיד געווען ווייך, האַרציק און האָט געהאַט זייער אַ צופרידענעם אויסזעען. אָבער אין זיינע אויגן האָט זיך פונדעסטוועגן געזען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דערציילט וועגן עפּעס אַן אַנטוישונג.

פעללע האָט דאָס זייער גוט פאַרשטאַנען. ס'וואָלט געווען נאַטירלעך, ווען לאַססע זאָל פאַרברענגען זיין עלטער באַם זון אין שטוב. אין פעללעס קינדערישע טרוימען וועגן זיין יוגנט איז דער פאָטער תּמיד געווען מיט אים, געניסנדיק אויף דער עלטער פון זאָרגלאָזער רויקייט, אַלס דאַנק פאַר אַלץ, וואָס ער האָט געטון פאַר אים. דאָרט, אינדערהיים, איז אין יעדער אָרימאַנס שטוב געזעסן אַן אַלטער באַם אויוון — קינדער זענען דעם אָרימאַנס איינציקע טרייסט.

איצט האָט מען דאָס נישט געקאָנט אויספירן. אין זייערע צוויי קליינינקע צימערלעך איז קיין אָרט נישט געווען. עללען, פאַרשטייט זיך, האָט נישט געהאַט קיין שטיינערן האַרץ. זי פלעגט באַ אַ געלעגנהייט זיך דערמאַנען אָן אַלטן, אָבער איר ליידנשאַפטלעכע ליבע האָט נישט דערלאָזט, אַז צווישן זיי זאָל זיך געפינען אַ דריטער. איר איז דאָס אפילו אויפן געדאַנק נישט געקומען. און פעללע האָט געפילט, אַז ווען אים זאָל געלינגען איבערצורעדן זי צו נעמען דעם פאָטער אין שטוב אַריין, וואָלט פאַרשווונדן געוואָרן דער צויבער פון זייער געמיינזאַם לעבן. יעדע שעה איז פאַר זיי געווען אַ נישט אויסשעפּנדיק גליק. דאָס איז דאָס גליק אַליין, וועלכעס מען האָט נישט געטאָרט ברענגען אַלס קרבן, אָבער פאַר וועלכן מען דאַרף אַלץ מקריב זיין. זייערע באַציונגען זענען נישט געווען קיין געוויינלעכע צוגעבינדנקייט איינער צום צווייטן. דאָס איז געווען די גרויסע ליבע בכבודה ובעצמה, וועגן וועלכער עס ווערט בלויז געזונגען אין די שיינע טראַגישע לידער, און וועגן אומגליקלעכע געליבטע: דאָס איז אַזוי הויך אין פאַרגלייך מיטן לעבן פון די אָרימע מענטשן. און צו זיי איז זי געקומען צו פליען, זי — דידאָזיקע ווונדערבאַרע, ליכטיקע ליבע. עללען האָט אָפּגעוואָרט אַ קינד. איר פיגור איז געוואָרן פולער און פרויהאַפטער, לגבי אַלע אַנדערע איז זי געווען פרעמד און קאַלט, בלויז פעללען איז זי געווען איבערגעגעבן אינ-

גאַנצן. פריער איז אין איר געווען עפּעס אַזוינס, וואָס איז געלעגן פאַרבאָרגן אין דער טיפעניש פון איר וועזן און וואָס ער האָט נישט געקאָנט דעראָבערן, — איצט איז דאָס אַלץ פאַרשוווּנדן. איר בליק איז שוין איצט נישט געווענדט אויף אים פאַרשנדיק, ווי פריער, ער איז געווען רויק. זי האָט באַקומען אַ וווּנדערבאַרע ווייכקייט און גלייכגילטיקייט, זי האָט איצט פאַרמאָגט אַלץ, און דאָס האָט זי געמאַכט שענער פון טאָג־צו־טאָג...

פּעללע איז שטאָלץ געווען דערמיט, וואָס זי צעבליט זיך אונטער זיינע צערטלעכקייטן. ער האָט געהאַט אַ געפיל פון נישט־אויסשעפּנדיקער שאַפונגס־קראַפט, עפּעס ענלעכס האָט ער געשפּירט אין דער קינדהייט, צווישן דער נאַטור. ער האָט געשפּירט אַן אומענדלעכע צאַרטקייט. אין עללענס פיל־צוזאָגנדיקער הילפסלאָזיקייט איז געווען אַ צויבערנדיקע קראַפט. מיט פרייד האָט ער אָפּגעגעבן אַלץ, אַבי צו דינען איר און יענץ, וואָס זי האָט אַזוי וווּנדערלעך געטראָגן אונטערן האַרצן.

ער פלעגט שטענדיק אויפשטיין אינדערפרי דער ערשטער, פלעגט צורוימען דאָס צימער און אָפּקאָכן קאַווע, איידער ער פלעגט זיך זעצן צו דער אַרבעט. אויב ער פלעגט, באַם צוריקקומען, זעען, אַז עללען האָט אָן אים צוגערוימט, פלעגט ער זיין אין כעס. ער פלעגט אַרבעטן פאַר צוויי, כדי זי זאָל זיך שוינען, ער פלעגט קירצן די צייט פון זיין שלאָף, און איז געווען אויסערגעוויינלעך טעטיק. פון זיין פּנים פלעגט נישט אַראָפּגיין דער שטעמפּל פון גליק, און דאָס פלעגט אים צוגעבן אַ נאַרישן אויסזעען. זיינע געדאַנקען פלעגן נישט פאַרלאָזן די פיר ווענט פון שטוב. עללענס טייערע געשטאַלט האָט אינגאַנצן פאַרשלונגען פּעללען. זיי האָבן לגמרי אויפגעהערט צוצוקויפן נייע זאַכן. אָנשטאָט דעם האָט עללען גענומען איינקויפן עפּעס מאָדנע שטאָפן: לייוונט, פלאַנעלע, מאַטעריאַל אויף ווינדעלעך. צווישן איר און דער מוטער האָבן זיך אָנגעהויבן עפּעס געהיימע שמועסן, וועלכע פלעגן פאַר פּעללען בלייבן אַ סוד. ווען זיי פלעגן גיין צו די עלטערן, פלעגט פרוי שטאָלפּע פאַרזאָרגט נישטערן אין די קופערטן און מיטגעבן עללענען עפּעס אַזעלכע קליינע פּעקלעך, וועלכע עללען פלעגט אַוועקטראָגן אַהיים. די צייט איז געלאָפן זייער שנעל; הגם זיי זענען פאַרנומען געווען אויסשליסלעך מיט זייערע אייגענע ענינים, האָבן זיי פונדעסטוועגן נישט באַוויזן אינגאַנצן זיך צוצוגרייטן. עס איז געקומען דער טאָג, ווען זי האָט דערפילט, אַז אַלץ אַרום פאַלט איין. עללען איז געלעגן אין בעט, געקרעכצט און גע־

שריגן, ריכטיק ווי אַ בייזער גייסט זאָל האָבן אריין אין איר. פּעללע האָט זיך מיט אַן אויסדרוק פון פולער אומבאַהאָלפנקייט אַריבערגעבויגן איבער דעם בעט, און צופיסנס איז געווען פרוי בלום. זי האָט געשריקט, געלייענט צייטונגען, ריכטיק ווי עס וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען.

— שרייט, שרייט, מיין טייבעלע, — פלעגט זי זאָגן פון צייט-צו-צייט, ווען עס פלעגט ווערן שטיל, — אַזוי באַדאַרף צו זיין...

עללען האָט געקוקט אויף איר מיט שנאה און שטייף פאַרשטשימעט די ליפּן, אָבער זי פלעגט גלייך ווידער ברייט צעעפענען דאָס מויל און ווילד רעווען.

צופוסנס פון בעט איז געווען אָנגעבונדן אַ שטריק, און עללען האָט באַדאַרפט ציען פאַר אים, ווען זי האָט געשריגן. דערנאָך פלעגט זי ליגן לגמרי אויסגעשעפּט.

— אַך, דו שלעכטער! — פלעגט זי שעפּטשען מיט אַ שוואַכן שמייכל.

פּעללע פלעגט פריידיק זיך אַריבערבייגן איבער איר, אָבער זי פלעגט אים פּלוצלינג אָפּשטויסן; איר וווּנדערבאַרער קערפּער האָט געליטן; דער שרעקלעכסטער קאַמף פלעגט זיך ווידער אָנהייבן.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שוואַך געשריי, וועלכעס האָט אָנגעפילט די שטוב מיט בייזע קלאַנגען.

— אָט האָט איר שוין אַ ניי מויל! — האָט געזאָגט פרוי בלום, אויפהייבנדיק אינדערהייך פאַר אַ פוס דעם ניי-געבוירענעם: דאָס איז געווען אַ יינגל.

פּעללע איז אַרומגעגאַנגען אַ רויטער און אינגאַנצן אַ צערודערטער. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז קיינער אין דער וועלט האָט נישט איבערגעלעבט עפּעס ענלעכס.

די ערשטע צייט האָט ער גענומען באַם מייסטער בעק אַרבעט אינדערהיים און באַנאַכט פלעגט ער אַליין אַרומגיין אַרום קינד. יעדע מינוט פלעגט ער וואַרפן די אַרבעט און לויפן צו זיי ביידע.

— סאַראַ אויסערגעוויינלעכע פרוי דו ביסט. פאַר אַ קוש געבן אַזאַ קינד, — פלעגט ער זאָגן אַ שיינענדיקער; — דערצו נאָך אַ יינגל; וואָסער מענטש וועט אַרויסקומען פון אים.

— אָט דאָס איז אַ קינד! איר זאָגט זיך אין קיין זאַך נישט אָפּ!

— נאָך דאָס האָט געפּעלט, — פּלעגט פּעללע וואָגן אַנט-
שלאָסן.

די פּרויען פּלעגן לאַכן פון אים, וואָס ער ניאַנטשעט זיך אַליין
מיטן קינד.

— אָט אַ מאַנספּאַרשוין, ער אַליין, דאַכט זיך, איז אַ בעלן צו גע-
בוירן אַ קינד, — האָבן זיי אָפּגעלאַכט פון אים.

— דאָס איז נאָך אַ האַלבע צרה, — האָט שטאָלפּע געבורטשעט. —
אָבער ער וועט אינגיכן ווערן אַ פולער אידיאָט, און דאָס איז אַ סך ער-
גער. און מיר איז זייער נישט אָנגענעם, אָבער כ׳מוז זאָגן, אַז שולדיק
איז ס׳מיידל. אַ גאַנץ לעבן, דאַכט זיך, האָט זי געהערט, וואָס עס איז
גוט און ריכטיק, אָבער פרויען זענען פונקט ווי די קעץ · קיין זאַך
קלעפּט זיך נישט צו צו זיי.

פּעללע האָט זיך אויסגעלאַכט פון זייער אָפּהוזקן; ער איז געווען
אויסערגעוויינלעך גליקלעך. און איצט האָט זיי לאַססע גענומען אָפּצו באַ-
זוכן. ווי נאָר ער האָט דערהערט די נייעס, איז ער אַוועק צו זיי ווי אַזוי
ער גייט און שטייט. ער איז געוואָרן אַנטשלאָסן. ער האָט אַ וואָרף גע-
טון זיין היטל אויף דר׳ערד און זיך אַ וואָרף געטון אין טיר פון שלאָפ-
צימער, ריכטיק ווי עמעצער האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן.

— אַך, קליינינקע באַשעפעניש! האָט דען ווער געזעען אַמאָל
אַזאַ מאַכלדיקס! — האָט ער אויסגערופן און זיך אַזוי שטאַרק גענומען
אַנטציקן מיטן קינד, אַז עללען איז אינגאַנצן רויט געוואָרן פון מוי-
טער-שטאָלץ. ער איז אומענדלעך געווען צופרידן פון דעם, וואָס ער איז
געוואָרן אַ זיידע.

— ענדלעך, ענדלעך אַמאָל! — האָט ער כסדר איבערגעחזרט. —
און איך האָב אַלץ מורא געהאַט, אַז כ׳וועל מוזן גיין אין קבר, נישט
אָפּשטעלנדיק קיין אייניקל. אָך, סאַראַ קאָמיש שדל. ער וועט זיכער
דעריגרייכן אַן אָנגעזעען אָרט אין לעבן. זע נאָר סאַראַ גראָבינקער ער
איז! ער וועט זיין אַ סוחר אָדער אַ פאַבריקאַנט אָדער עפּעס ענלעכס,
אָבער דער פאָטער לאַססע וועט שוין דערצו נישט דערלעבן.

לאַססע האָט אָפּגעזיפצט:

— יאָ, יאָ, אָט איז ער דאָ. און ווי גוט ער זעט אויס. דאָס יינגל
קוקט זיכער אויף מיר און טראַכט זיך: וואָסער געמאַרשטשעטער
אַלטער אין טראַנטעס באַטראַכט מיך דאָס? דאָס איז דער פאָטער לאַס-

סע! קוק אויף אים, קוק! ער האָט דערגרייכט זיין לאַגע אויף אַן ערלעכן וועג...

לאַססע איז צוגעגאַנגען צו פעללען און אים אָנגענומען בא דער האַנט.

— כ'האָב גאָרנישט געהאַט די העזה אפילו טראַכטן וועגן דעם, ווי שיין עס איז, דאָס קינדעלע; ווי וועט איר אים אַ נאָמען געבן?

לאַססען איז שוין נישט איינמאָל געקומען אין קאָפּ דידאַזיקע פראַגע, און ער האָט שרעקעוודיק אַ קוק געטון אויפן זון, זיין אַלטער קאָפּ האָט זיך אַ ביסל געטרייסלט פון אויפרעגונג.

— מען וועט אים רופן לאַססע-פּרעדעריק, — האָט פעללע גע-זאָגט, לכבוד זיינע ביידע זיידעס.

דער אַלטער האָט זיך שטאַרק דערפרייט. ער האָט אפילו געמאַכט אַ קליינע כוסה פאַר פרייד. איצט פלעגט ער קומען טאָג-טעגלעך. אין די זונטיקן פלעגט ער זיך גלייך פון פרימאָרגן זאָרגעוודיק אָנטון, זיך אַרומפּוצן, כדי צו זיין וואָס אָנזעעוודיקער. קומענדיק אַהיים פון דער אַרבעט פלעגט ער זיך צריינכאַפּן צו זיי דערוויסן זיך, צי דער קליינינ-קער לאַססע איז גוט געשלאָפן. ער פלעגט נישט אויפהערן צו לויבן פעללען, וועלכע האָט באַוויזן צו געבוירן אַזאַ פּרעכטיק קינד; און זי האָט זיך ממש פאַרליבט אין אַלטן פאַר זיין ליבע צום קינד, זי האָט אים אפילו אָנגעטרויט צו האַלטן דאָס קינד, און לאַססע איז געווען אומענדלעך גליקלעך, ווען זיי פלעגן שיקן נאָך אים, ער זאָל זיצן באַם קינד, ווען זיי גייען אַוועק אין שטאָט. אַזוי אַרום האָט דער קליינינקער לאַססע, ווי נאָר ער איז געבוירן געוואָרן, אויסגעהויבעלט אַלע פאַמיליע-שאָרסטקייטן און פעללע האָט אים דערפאַר געבענטשט.

פעללע האָט נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון קליינעם ווען און זיין אַריינמאַרש אין דער וועלט טריט נאָך טריט. ער האָט באַמערקט דעם ערשטן פונק באַוווסטזיין באַם קינד, ווען עס האָט גענומען נאָכפאָלגן מיט די אויגן קעגנשטאַנדן, ער האָט אויך געזען, ווי זיין הענטל האָט צום ערשטן מאָל געוואָלט נעמען אַ קעגנשטאַנד, וועלכן עס האָט געזען.

— אַי, אַי, אַי! — האָט פעללע אויסגערופן אַן אַנטציקטער. — ביסט אַ מבין, אויך ער וויל האָבן אַ חלק אין אייגנטום!

און דאָס קינד האָט געוואָלט כאַפּן דעם פאָטערס בלאָנדע וואָנסעס, — יאָ, עס איז געווען אויסערגעוויינלעך אַנטוויקלט! דאָס קליינע הענטל

האָט פעסט געהאַלטן די וואָנסעס און מען האָט עס מיט גרויס מי געקאָנט צונעמען. עס איז אינגאַנצן געווען מיט גריבעלעך און טיפע קנייטשעלעך. אַזוי גוט האָט געווירקט אויף אים עללענס מילך.

מאַרטען איז מער נישט געקומען. צוערשט פלעגט ער אַריינקומען צו זיי. דערנאָך איז ער אינגאַנצן פאַרשוואונדן. זיי זענען דאַן געווען אויסשליסלעך פאַרנומען איינער מיטן צווייטן און, ס'קאָן זיין, אַז עללען האָט אים אָפּגעשראָקן מיט איר קאַלטקייט. ער האָט דאָך נישט געוווּסט, אַז אַזוי האָבן זיי זיך באַצויגן צו אַלעמען. פעללע האָט בשום אופן נישט געקאָנט כאַפּן קיין פרייע מינוט, כדי זיך אַריינצוכאַפּן צו אים, אָבער ער פלעגט וועגן אים אָפט טראַכטן.

— ווי מיינסטו, וואָס איז געשען מיט אים? — פלעגט ער פרעגן עללען. — מיר האָבן דאָך מיט אים אַזוי פיל געמיינזאַמס. אפשר זאָל איך אַריבערגיין צו אים?

עללען פלעגט גאָרנישט ענטפערן, נאָר שטום קושן פעללען. זי האָט אים געוואָלט באַזיצן בלויז פאַר זיך אַליין און זי האָט זיין גאַנץ וועזן אַרומגענומען מיט איר ליבע; איר הייס געפיל האָט אים געמאַכט גליקלעך. זי האָט אים אַרומגעצוימט ווי מיט אַ שטיינערנער וואַנט. טייל־ווייז האָט ער דאָס געשפּירט, אָבער ער האָט גאָרנישט אונטערגענומען קעגן דעם, אים איז געווען גוט. מיטן געבורט פון קינד זענען די הוצאות גרעסער געוואָרן, עללען האָט געהאַט אַ סך וואָס צו טון; זי האָט כמעט ווי נישט געהאַט קיין צייט אים צו העלפן. ער האָט תמיד געמוזט זיצן ביי דער אַרבעט, כדי ווי נישט איז אויסצוקומען. זיי האָבן קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן וועגן זייטיקע זאַכן. עס האָט קוים געקלעקט צייט אויף איינצואָרדנען די שטוב־ענינים.

זיינע געדאַנקען האָבן מער נישט געוואַנדערט דאָרט, אין דער ברייטער וועלט, און דאָס איז געווען מער נישט ווי די געוווינהייט, ווען ער פלעגט בעת אַ הפסקה אין בעקס וואַרשטאַט ווענדן די אויגן אויפן געדרוקטן בלעטל — אויפן אַלטן בלעטל פון דער אַרבעטער־צייטונג, אין וועלכער עס איז געווען איינגעוויקלט זיין פרישטיק. און אַמאָל פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז איבער זיין קאָפּ טראָגט זיך דורך עפּעס אַ ווינט־הויך, ער פלעגט אויפהייבן דעם קאָפּ און זיך איינהערן. עללען האָט געקאָנט דעמדאָזיקן פרעמדן גלאַנץ פון זיינע אויגן און זי פלעגט אים צעטרייבן מיט אירע צערטלעכקייטן.

איינמאָל האָט ער אויף דער גאַס געכאַפּט מאַרטענען. פעללע

האָט זיך דערפרייט, אָבער מאַרטען האָט אויף אים אַ קוק געטאָן
סקעפּטיש.

— פאַרוואָס קומסטו קיינמאָל נישט אַריין צו מיר? — האָט פעללע
געפרעגט.

— איך בענק שטאַרק נאָך דיר, אָבער מיר איז זייער שווער זיך
אַרויסצוקלויבן פון שטוב. — איך האָב אַ כּלה און דאָס נעמט אָפּ בּאַ
מיר מיין גאַנצע צייט...

— אַ כּלה? דו? כ'בעט דיך, דערצייל מיר וועגן דעם.

— אַך, דאָ איז נישטאָ וואָס צו דערציילן, — האָט מאַרטען טרוי־
ריק געענטפערט. — זי האָט אַזאַ נעבעכדיק אויסזעען, אַז קיינער האָט
זי נישט געוואָלט, — האָב איך זי גענומען.

— דאָס איז אויף דיר צו גלייבן! — פעללע האָט זיך פונאַנ־
דערגעלאַכט. — אָבער געלעכטערס אין אַ זייט, ווער איז דאָס אַזיקע
מיידל און ווו וווינט זי?

— ווו וווינט זי? — מאַרטען האָט אַ קוק געטון געפּלעפט. —
אָ, ביסט באמת גערעכט. ווען דו ווייסט דאָס ווו־אָרט, איז שוין פאַר
דיר אַלץ קלאָר. די פּאָליציי שטעלט אויך איצט תּמיד די דאָזיקע
פראַגע.

פעללע האָט נישט געקאָנט פונאַנדערקלויבן, צי רעדט מאַרטען
איראָניש אָדער פון גאַנצן האַרץ; היינט האָט ער פון אים גאָרנישט גע־
קאָנט אַרויסבאַקומען. מאַרטענס בלייך פּנים האָט אויסגעזעען זייער שטאַרק
מיד. אין זיינע אויגן האָט געלויכטן אַ מאָדנער גלאַנץ.

— ערגעץ־ווו מוז מען דאָך לעבן אין אַזאַ קעלט, — האָט ער
געזאָגט.

— יאָ, דו ביסט גערעכט. זי לעבט אונטער דער בריק, אויב די
פּאָליציי־לייט האָבן זי נאָך פון דאָרט נישט אַרויסגעיאָגט, דו ווייסט דאָך,
אַז פאַר די אָרימעלייט איז די פּאָליציי אַ מין באַלעבאָס. נישט לאַנג
צוריק איז פאָרגעקומען אַ פּאָלקס־ציילונג. האָסטו באַמערקט, ווי אַזוי מען
איז זיך נוהג געווען? עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז אַלע
זאָלן מודיע זיין וועגן דעם, ווו האָבן זיי זיך געפונען אין דער נאַכט
אויף אַ באַשטימטער דאַטע. אָבער צי דען האָט מען די היימלאָזע צו־
געשטעלט אַנקעטע־בויגנס פאַר דער פּאָלקס־ציילונג? ניין, די אַלע, וועל־
כע האָבן געלעבט אין שטעלער און מיסט־הויפן, די אַלע וועלכע האָבן
נישט געהאַט קיין היים, זענען נישט גענומען געוואָרן אין חשבון. ווייסט

דאָס איז זייער כיטרע צוגעטראַכט. ריכטיק ווי זיי וואָלטן גאָרנישט עקזיסטירט. אַנישט וואָלט זיך באַקומען אַן אומאָנגענעמע רובריק פון הימלאָזע. בלויז איינער אין דער גאַנצער שטאָט ווייסט דאָס. דאָס איז דער גאַסן-פּראָפּאַגאַנדיסט. מיט אים האָב איך אַרומגעבלאָנקעט עטלעכע נעכט. וואָסערע שוידערלעכע זאַכן איך האָב דאָרט אַלץ געזען! אומעטום, ווו עס איז נאָר געווען כאָטש דאָס קלענסטע שפּעלטעלע, האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן, זוכנדיק שוץ. זיי האָבן געגעכטיקט אונטער אייזערנע שטיגן און זענען געפרוירן געוואָרן. מיר האָבן איינעם אַן אַלטן געפונען אַ טויטן און גערופן אַ פּאָליציאַנט. ער האָט אַריינגערוקט זיין רויטע נאָז גלייך דעם טויטן אין מויל אַריין און געזאָגט: „זיך איבערגעשיכורט". און אַנשטאָט אַ נאָטיץ „טויט פון הונגער", איז אין דער צייטונג געשטאַנען: „טויט פון שיכרות". פאַרשטייסט. אין אונזער לאַנד טאָר קיינער נישט ליידן קיין נויט, דאָ ווערט קיינער נישט פאַרפרוירן, ווער עס קאָן זיך נאָר באַמיִען, און אויב עמעץ הונגערט, איז דאָס צוליב זיין אייגענער שולד, ווי עס פירט זיך אין אַלע געבילדעטע לענדער פון דער וועלט. די קולטור דערלויבט נישט דער נויט אַרומצוגיין פריי איבער דער שטאָט. דאָס קאָן אַניאַגן אַ שלעכטע שטימונג און שטערן די נאַכט-רו, די פּאָליציי האָט אַ שאַרף אויג אויף אַזעלכע זאַכן. זי פאַריאָגט די נויט אין די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלען. גיי צו צו די גראָבנס אין פּאָרט, דאָס איז נאָענט פון דיר, און הער וואָס מען רעדט דאָרט; אַן אומגליקספאַל. נישט אמת? דער שליוז איז זייער גליטשיק און מענטשן זענען נישט פאָרזיכטיק! נעכטן אינאָוונט האָט אייגע אַ פרוי געבוירן אַ קינד אין אַ טויער בײַ צען גראַד פראָסט. די מענטשן, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען, זענען געווען אויסער זיך. סאַראַ סקאַנדאַל, וואָס זי איז אין אַזאַ לאַגע אַרויס פון שטוב. זיי איז גאָרנישט געקומען אויפן רעיון, אַז זי האָט גאָר קיין שטוב נישט געהאַט. פאַרוואָס-זשע האָט זי זיך נישט געווענדט צו דער פּאָליציי? מען וואָלט איר אָנגעוויזן אַ פּאַסיק אָרט; זי האָט געהאַנדלט פונקט פאַרקערט. ווען מיר האָבן זי אַוועקגעלייגט אויף אַ דראָזשקע, האָט זי מיט שרעק געגומען שרייען: „נאָר נישט אין הויז פאַר געווינערינס!" זי איז שוין דאָרט איינמאָל געווען. מסתמא האָט זי געהאַט אַ גרונד אויסצוקלויבן בעסער דעם טויט איידער דאָס געווינערין-הויז, פונקט ווי אַנדערע האָבן בעסער אויסגעקליבן די קאַנאַלן איידער די הקדשים.

און מאָרטען האָט גערעדט אַלץ מער און מער, ווי ער זאָל זיך

דורכדעם באַפרייען פון די אינערלעכע מאַטערנישן. פעללע האָט מיט אַ הרבה-געפיל געהערט מאַרטענס ליידנשאַפטלעכע רייד, פילנדיק, אַז בּאַ אים אַליין איז דאָס האַרץ אויך פאַרשלאָפן געוואָרן מיט פעטס. די אָרימקייט איז ווידער אויפגעשווומען פאַר אים אין איר שוידערלעכער נאַקעטקייט.

— צוואָס דערציילסטו מיר דאָס אַלץ? צי דען געהער איך צו די העכערע קלאַסן? איך ווייס דאָס פונקט אַזוי גוט, ווי דו.

— און דערצו האָבן מיר נישט צו טון מיט אַן אויסנאַם-יאָר, — האָט מאַרטען ווייטער געזאָגט, — דאָס איז די נאָרמאַלע לאַגע. נעכטן האָט עפּעס אַן אָרימאַן אַראָפּגעגנבעט בּאַ אונז פון טובאַנק אַ ברויט און איז אַנטלאָפן. און איצט איז ער אַ געשטעמפּלטער אויף זיין גאַנצן לעבן. „צוליב אַזעלכע קלייניקייטן באַקומען אַ שם פון אַ גנב, — האָט געזאָגט אונזער מייסטערס פרוי, — צוליב פינף-און-דרייסיק ער געשטעמפּלט ווערן אויפן גאַנצן לעבן אַלס גנב צוליב אַ ווייס ברויט; אומבאַגרייפלעך!“

— ער איז דאָך געווען הונגעריק, — האָט פעללע פאַרשטיקט געזאָגט.

— הונגעריק? יאָ, געוויס, ער האָט געהונגערט, אָבער פאַר מיר איז דאָס אַ משוגעת, זאָג איך דיר; איך באַגרייף דאָס נישט, און יעדער אַנדערער זאָגט, אַז דאָס איז אַ זעלבּסטפאַרשטענדלעכקייט. דו פרעגסט, פאַרוואָס איך דערצייל דאָס דיר. — דו ווייסט עס אַליין גאַנץ גוט? ניין, זאָג איך דיר: דו ווייסט עס נישט גענוג גוט. אַנישט וואָלסטו בין משוגעת זיך באַמיט צו באַגרייפן די קאָשמאַרע פאַרבינדונג פון דידאָזיקע ביידע ווערטער: ברויט און פאַרברעכן. צי דען איז נישט קיין קאָשמאַר, וואָס דידאָזיקע צוויי שפּיצן שליסן זיך צונויף אין איין רינג, אין וועלכן עס דאַרף זיך באַוועגן דאָס מענטשלעכע לעבן? גנבענען ברויט! ברויט, דו פאַרשטייסט?! ... מען קאָן דאָך דאָס נישט גנבענען. וואָסער שייכות האָט עס דען צו גנבה. עס דאַרף דאָך אָנזעטיקן דעם מענטש. אינדערפרי, אַ זייגער זעקס, קלויבן זיך בּאַ אונז צונויף אָרימעלייט, כדי צו קויפן פאַרטריקנט ברויט, וועלכעס מען פאַרקויפט בחצי חנם; די פּאָליציי שטעלט זיי אויס אין אַ ריי, ווי פאַר אַ טעאַטער-קאַסע. אַנדערע קומען שוין אַ זייגער פיר און שטייען אויפן פראָסט, כדי צו פאַרכאַפּן אַן אָרט. אָבער אַ חוץ די וואָס קאָנען קויפן, זענען דאָ נאָך אָרימע, זיי האָבן לחלוטין נישט קיין געלט. זיי שטייען און קוקן, ריכטיק ווי עס איז זי-

אינטערעסאַנט צו זעען, ווי מען פאַרקויפט ביליק ברויט. זיי שטייען און וואַרטן אויף אַ נס אין דער געשטאַלט פון אַ ברעקל ברויט. דאָס איז צו זעען דערפון, ווי אַזוי זיי פאָלגן נאָך מיט די אויגן יעדע באַוועגונג מיט דער זעלבער האָפנונג פון יאוש, מיט וועלכער אַ הונט וואַרט אָפּ, אַז דער קצב זאָל פאַרלירן פון דער וואָג אַ שטיקל פלייש. זיי וואַרטן אפילו נישט, אַז עמעץ זאָל רחמנות האָבן אויף זיי. זיי האָפן אויף אַ ציפאַל; ווען דו זאָלסט זעען זייער פאַרוווּנדערונג, ווען עמעצער גיט זיי אַ נדבה. אָבער ברויט איז דאָך אַזוי ביליק: עס איז ביליקער פאַר אַלץ; און פונדעסטוועגן קאָנען זיי עס נישט האָבן צו זעט. היינט האָב איך אַריינגעשטופּט עפּעס אַן אַלטיטשקער אַ ברייטל, זי האָט עס אַ קוש געטון און זיך פונאַנדערגעוויינט פון פרייד, ווי מיינסטו — דאָס קאָן מען איבערטראָגן? ...

ער האָט זיך איינגעגעסן אין פעללען מיט די אויגן. עס האָט געברענט אין זיי אַ שגעון.

— ביכט אומגערעכט לגבי מיר, אויב דו מיינסט, אַז כ'פיל דאָס נישט, — האָט פעללע שטיל געזאָגט, — אָבער ווו איז דער שנעלער אויסגאַנג פון אַזאַ לאַגע? מיר דאַרפן זיך אָרגאַניזירן און האָפן אויף דער צייט. מיר טויגן נישט אויף דעם, צו פאָדערן אונזער רעכט, ווי דאָס ווערט געטון אין אַנדערע לענדער.

— יאָ, געוויס. גערעכטיקייט קאָן נישט בליען, ווייל מיר טויגן נישט דערצו. דאָס פאָלק באַקומט דאָס, וואָס אים קומט, בלויז דאַן, ווען די הערשער ווייסן, אַז אין לעצטן פאַל וועט דאָס פאָלק אַליין קאָנען נעמען דאָס, וואָס איז אים נייטיק.

— איך גלייב נישט, אַז אַ רעוואָלוציע זאָל קאָנען דערפירן צו עפּעס גוטס, — האָט פעללע געזאָגט מיט זיכערקייט. ער האָט דערפילט אין זיך די אַמאָליקע גרייטקייט צו קעמפן.

— דו קאָנסט עס נישט פאַרשטיין, אויב דו האָסט עס אַליין נישט דורכגעפילט. רעוואָלוציע — דאָס איז אַ רוף פון גורל, וואָס שאַפט רעכט און גערעכטיקייט, און מען קאָן זיך מיט אים נישט אַמפּערן. ווען די אָרימע זאָלן אויפשטיין, כדי עקשנותדיק צו פאָדערן זייערע רעכט, וואָלט עס געווען אומפאַרמיידלעך. די צייט האָט רעכט צו דעריאָגן זיך אַליין, אויב זי איז אָפּגעשטאַנען אין אַזאַ ערנסטער זאַך. און אָניאָגן קאָן מען זי בלויז דאַן, ווען מען וועט מאַכן אַ שפּרונג פאָרויס. אָבער דאָס פאָלק הייבט זיך נישט אויף. עס איז ווי אונטערגענעצטער פולווער. ביסט דאָך

אמאָל געווען אין קעלער פון אייזן-הענדלער, דאָרט אונטער דער „תּיבה". און האָט געזען דידאַזיקע אַלע שמאַטעס, ביינער און אַלטן אייזן. מענטשן האָבן דאָס אַלץ בשעתו אויסגענוצט און אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסט. ער האָט דאָס ווידער צונויפגעזאַמלט, און איצט האָבן די קבצנים געקאָנט קויפן בײַ אים. ער קויפט אויך ברויט בײַ די זעלנער און וואַרפט עס אין הויפן פון זיין מיסט. מען זאָגט, אַז „דאָס איז שפּייז פאַר די פערד", אָבער די אָרימע קויפן עס און עסן. דער מיסטגרוב איז דאָס קאַמערל פון די אָרימע מענטשן נאָך דעם, ווי די חזירים האָבן שוין גענומען פון דאָרט אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט נעמען. די אונטערשטאָטישע פויערים פּאַשען אויף די מיסטקאַסטנס זייערע חזירים; דאָס געזונט-מיניסטעריום וויל דאָס פאַרווערן, אָבער וועגן די אָרימעלייט פון קאָפּענהאַגען זאָרגט זיך קיינער נישט.

אין מאַרטענס שרעקלעכער באַהאַוונטקייט איז געווען עפּעס שווינדערלעכס, דעמאַנישעס — ער האָט געוווּסט מער פאַר פעללען, וואָס ס'האָט זיך געטון אין „תּיבה".

— צי דען ביסטו געווען אין דאָזיקן שרעקלעכן קעלער? — האָט ער געפרעגט. — פונוואַנעט ווייסטו דאָס אַלץ?

— כ'בין נישט געווען. אָבער איך ווייס אַלץ, — אין דעם איז מיין קללה, פרעג אַליין, צי דען קאָנען זיי נישט קיין זופּ פון פאַרפוילטע ביינער? — און דידאָזיקע גיפטיקע אָפּפאַלן פון מיסטקאַסטן שאַדן זיי אפילו נישט. זיי פרעסן זיי אויף און ווילן נאָך און נאָך. אויב דאָס וועט זיך נישט ענדערן, וועל איך מער נישט זיין בכוח דאָס איבערצוטראָגן. אָט ביסטו איצט אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט, און אַזוי איז מיט יעדן איינעם, ווער עס האָט געגעבן גרויס האָפענונגען, איינע גייען אַוועק, ווייל זיי פילן זיך צופרידן, די אַנדערע פאַרפאַלגן פערזענלעכע אינטערעסן. מיט איין וואָרט, יעדער איינער, וואָס טיילט זיך אויס פון דער אַלגעמיינער מאַסע, פאַרשווינדט; עס בלייבן איבער בלויז די שלימזלניקעס.

— איך האָב אייך נישט פאַרלאָזט, — האָט פעללע וואַרעם געזאָגט. — וועסט זען, אַז דאָס איז נישט אַזוי...

— און ס'איז גאָר קיין ווונדער נישט, וואָס זיי גייען אַוועק, — האָט מאַרטען ווייטער גערעדט. — גאָט אַליין וואָלט פאַרלוירן דאָס געדולד מיט דידאָזיקע מענטשן, וואָס דערלויבן מ'זאָל זיי אַריינדרעפּטשען אין בלאָטע. מיר האָט זיך געחלומט, אַז איך בין איינער פון די הונגעריקע. אַ נידערגעשלאָגענער פון מיין צושטאַנד האָב איך טרויעריק גע-

וואַנדערט איבער דער גאַס. פּלוצלינג האָב איך באַגעגנט גאָט. ער האָט געטראָגן קאָזאַקישע קליידונג, באַ דער זייט איז געהאָנגען אַ נאַהייקע. „העלף מיר, גאָט“, — האָב איך געבעטן, זיך וואַרפנדיק פאַר אים אויף די קני. — „מיינע ברידער ווילן מיר נישט העלפן“. — „וואָס איז מיט דיר?“ — האָט ער געפרעגט, — „ווער ביסטו?“ — „איך בין איינער פון דיינע אויסדערוויילטע, איך בין אַן אָרימאַן“, — האָב איך געענטפערט. — „און איך הונגער“. — „דו הונגערסט און קלאָגסט זיך אויף דיינע ברידער, וועלכע האָבן פונאַנדערגעלייגט פאַר דיר אַ שפע פון כלערליי עסנוואַרגן?“ — האָט ער געזאָגט, אינגאַנצן אַן אויפגעבראַכטער, און האָט אָנגעוויזן אויף די שיינע קראָמען. — „דו געהערסט נישט צו מיינע אויסדערוויילטע. טראָג זיך אָפּ פון מיינע אויגן!“ — און ער האָט מיר אַ צי געטון איבער דער פּלייצע מיט זיין נאַהייקע.

מאָרטען איז פינצטער אַוועק ווייטער, נישט אַרויסרעדנדיק מער קיין וואָרט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט גאָרנישט געזען און נישט געהערט, ער איז געווען אינגאַנצן נידערגעשלאָגן.

אומגעריכט האָט ער זיך פאַרנומען אויפן ראָג, נישט געזעגענענדיק זיך אַפילו. פעללע איז אַוועק אַהיים. מאָרטענס אויסברוך האָט אים געערגערט; ער האָט געפילט, אַז מאָרטען פאַראורטיילט אים. פעללע אָבער האָט זיך נישט געפילט שולדיק, קיינער האָט נישט געקאָנט שטערן זיין פאַמיליען־גליק. ער איז געווען אויפגעבראַכט, וואָס דאָס האָט שוין מיט אים לאַנג נישט געטראָפן. זיי האָבן אים געמאַכט פאָרווורפן, — אים, וועלכער האָט געטון פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג מער פאַר אַ סך, דערפאַר, וואָס ער האָט זיך דערלויבט אויף אַ קורצער ווײַלע פאַרנעמען זיך מיט זיין אייגענעם לעבן.

עס האָט אויפגעברויזט אין אים עפּעס אומגעצוימטס, ער האָט געדאַרפט האַנדלען, אַריינטרעטן אין אַ שווערן קאַמף, אַראָפוואַרפן די נעמיטלעכקייט פון דער היימישקייט.

אויף די קאַנאַלן האָט מען שוין אָנגעהויבן צו האַקן דאָס אייז, כדי צוצולאָזן די לופט. ס'האָט זיך געפילט אין דעם דער אַריינפאָר צום פרילינג. די אייז־שטיקער זענען מיט אומגעוויינלעכער פאַמעלעכקייט געשווומען צום ים. „אָט די אַרבעט וואָלט זיך געפאַסט פאַר מיר“, — איז פעללען דורכגעלאָפן דורכן קאָפּ, אָבער ער האָט זיך נישט דערלויבט צו קאָנצענטרירן זיך אויפן דאָזיקן געדאַנק.

קומענדיק אַהיים, האָט ער זיך אינגאַנצן באַרייקט. באַם אייוועלע

איז געזעסן עלעלען, אויף אירע קני, מיטן בייכל אַראָפּ, האָט זיך געוואָרפן דער קליינינקער לאססע.

— זע נאָר, סאַראַ דיקינקער ער איז און סאַ. אַ אַטלאַסן הייטעלע ־ער האָט

XVII

פון זיין אָרט באַם פענצטער האָט פעללע געזעען דעם קאַנאַל און דעם תּפיסה־בריק; די אַרעסטאַנטן זענען געלעגן אויף די הילצערנע בריקלעך און געוואַשן וואַל. ער האָט דערקענט פערדינאַנדס גרויסע פיגור. אינגיכן נאָך ווייַנאַכטן האָט מען אים אָפּגעזוכט אין אַ קבר־געוועלב, אויפן בית־עולם, דאָרט האָט ער געפונען אַ מקום־מקלט, אָבער די שפּורן אויפן שניי האָבן אים אויסגעגעבן. און איצט האָט ער זיך געפונען דאָ, אַזוי נאָענט פון דער „תּיבה" און דער מוטער. פון צייט־צו־צייט פלעגט ער אויפהייבן זיין קורץ־געשוירענעם קאָפּ און קוקן אויף יענער זייט קאַנאַל. דאָרט, אין דער ריכטונג צום מאַרק, האָט דער טעפּער צעלייגט זיינע כּלים; אַרום אים האָבן זיך געזאַמלט פרויען פון דער כריסטיאַנער גאַס, און פון הינטן האָט זיך געהויבן די גרויע מאַסע פון דער „תּיבה". נישט געקוקט אויף זיין ריזיקן פאַרנעם, איז דאָסדאַזיקע הויז להלוטין נישט ענלעך געווען אויף אַ קאַזאַרמע, עס איז געלעגן אויף אים עפּעס אַ דאָרפישער שטעמפּל, ווי מען וואָלט אָנגעוואָרפן איינס אויפן צווייטן הונדערט דערפער.

צוערשט איז דאָס געווען אַן איין־עטאַזשיקער באַראַק פאַר אַרבעטער, ביסלעכווייז האָט ער גענומען וואַקסן, פון אַלע זייטן זענען אַרויס־געוואַקסן שפּראָצונגען, סיי פון די זייטן סיי פונדערהייך, און די גאַנצע געביידע, ווי געשאַפן דורך דער באַוועגונג פון אַ קאַליידאָסקאָפּ, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומבאַשטימטער ריזיקער מאַסע, מיט כלערליי אַרויסשפּרונגען, ביי־בנינים, קאַנטן און שאַרפע ליניעס פון די דעכער, וואָס זענען דורכגעפלאָנטערט אין כאַאָטישער אומאָרדנונג. אינמיטן האָט דאָס הויז געהאַט פינף שטאָק.

און פון מיטן דאַך האָט זיך געשלענגלט אַ בלוילעך רויכל — דאָס האָט אַרויסגעשטראָמט דער אָטעם פון דער „תּיבה" דורך אַן אַלגע־

מיינעם אָטעמונגס־אַפּאַראַט. ער האָט געקאָנט אונטערשיידן די אָפּיציאַטקעס פֿון פרוי פראַנדסען, און נידעריקער, אין אַ טיפער ניעע. וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער איבעריקער טייל בנין, האָט מען געזעען גאַנגאַס פענצטער. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט פֿונאַנדערקלויבן אין דידאָזיקע אַלע קליינינקע פענצטערס, וואָס האָבן געקוקט אויף אים ווי אויסגעלאָשענע אויגן. אפילו דער קוילנהענדלער גופא, דער פאַרוואַלטער פֿון הויז, האָט נישט גוט געקאָנט אַלע דורכגענג און ווינקעלעך פֿון דער „תיבה".

ער האָט געזעען, ווי די איינוווינער פֿון דער „תיבה" זענען זאָרגלאָז געלאָפֿן הין און צוריק איבער דער בריק, זיך ווידער אומגעקערט און ווידער אַוועקגעגאַנגען, און אין זייער שכחה, וואָס איז געקומען פֿון נויט, איז געווען עפּעס רירנדיקס. און אין דער „תיבה" האָט מען ערשט דאַן געגומען זאָרגן וועגן שפּייז, ווען מען פֿלעגט שוין זיצן באַם טיש און דערזעען, אַז ער איז פּוסט.

צווישן די דורכגייער איבער דער בריק האָט מען אויך געזעען קליינע גרופּעס אַרבעטער מיט זייער זיכערן גאַנג; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער ריטם פֿון צפון וויל דעראָבערן אויך יענע טייל שטאָט.

די ווילדע יוירונג פֿון די מאַסן איז שטיל געוואָרן; עס האָט זיך אָנגעצייכנט אַן אייזערנער ווילן; אין דער כאַאָטישער פאַרפֿלאָנטערטקייט און כלערליי בלאָנדזשענישן האָבן זיך אָנגעמערקט גלייכע ליניעס, האָט זיך אויסגעבילדעט אין אַלגעמיינער באַוווסטזיין, אַ זיכערער און מיט אַלץ אָנפּירנדיקער, וואָס ווייזט דעם וועג.

די מאַסן האָבן זיך מאָדנע באַרויקט און האָבן זיך באַוועגט פּאַמעלעך און פאָרזיכטיק, דורכגעדרונגען מיט אַן אַלגעמיינעם געדאַנק, ווי איין וועזן. דעם אויבערפֿלעכלעכן באַאָבאַכטער האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז אַלץ האָט זיך באַרויקט, אַז די אַרבעטער האָבן שלום געמאַכט מיט זייער גורל. פּעללע האָט אָבער געוווּסט, אַז דאָס איז נישט אַזוי. ער האָט פֿריער געגומען אַן אָנטייל אין זייער לעבן און אויך איצט האָט ער זיך געפֿילט איינס מיט זיי, הגם ער האָט עס נישט אַרויסגעוויזן.

ער האָט מיט פֿרייד אָנגענומען עללענס פאַרטאָפּלטע ליבע און האָט געזאָרגט אויסשליסלעך וועגן איר און דעם קינד. אָבער די געהערטע טריט האָבן נישט אויפֿגעהערט צו קלינגען אין זיינע אויערן, ער האָט זיי נישט געקאָנט פאַרגעסן, זיי זענען אַריינגעדרונגען אין אים טיפֿער, ווי ער אַליין האָט דאָס דערוואַרט. ריכטיק ווי עס וואָלט צעבראָכן גע־

וואָרן עפּעס אַן אַפּאַראַט, וואָס פֿאַרניכטעט קלאַנגען, און ער האָט געהערט יעדן טריט, וואָס הילכט אָפּ דאָרט, הינטער די ווענט פֿון זיין הויז, אומאָפּהענגיק דערפֿון, צי ער האָט אים געוואָלט הערן צי נישט.

די שווערע צייטן האָבן געצווּנגען די אונטערדריקטע גוּט אויסצוּבאַהאַלטן זייער אָנגעהויבענע אַרבעט, אָבער זי איז נישט איבערגעריסן געוואָרן. די נייע אידעען האָבן זיך גענומען שטאַרקער פֿאַרשפּרייטן, די צייטוּנג האָט זיי פֿונאַנדערגעטראָגן צווישן די פֿאַמיליעס, זיי האָבן זיך געלאָזט הערן פֿון עסטראַדעס, מען האָט גערעדט וועגן זיי צווישן די אַרבעטער בעת די מיטאָג־הפסקות.

די מגפֿה איז אַריינגעדרוּנגען אין יעדער טיר, זי האָט זיך געטראָגן איבער שטיגן און קאָרידאָרן. אָרגאַניזאַציעס, וועלכע מען האָט אַמאָל איינגעאָרדנט און זיי זענען דערנאָך צעפֿאַלן געוואָרן, זענען אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים, אָבער שוין שטאַרקערע און ווידערשטאַנדספֿעיקערע. די אַרבעטס־געבער האָבן זיך באַמיט זיי צו פֿאַרניכטן, אָבער דאָס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. דאָסמאָל זענען זיי געווען ווי אַ אינערלעך געזעץ, לויט וועלכן די מאַסן האָבן געמוזט בויען זייער לעבן. די אַרבעטער האָבן זיך אַליין באַשטייערט, אָפּרייסנדיק פֿון מויל דעם לעצטן ביסן, כּדי אָנצופֿילן די אַלגעמיינע קאַסע, מיט דער בלינדער זיכערקייט, אַז זיי וועלן דערגרייכן עפּעס ווּנדערלעכס. דורך הוּנגער,ליידן און טרערן האָבן די פֿאַרפֿראַצעוועטע געשאַפֿן זייערע אָרגאַניזאַציעס. אַלס מיטגלידער פֿון דיזאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיי זיך געפֿילט רייך און זענען דאַנקבאַר געווען שוין דערפֿאַר אַליין. דאָס געפֿיל פֿון באַפֿרידיקטקייט האָט זיי דערהויבן איבער די נישט־אָרגאַניזירטע, און דאָס אַריינטרעטן אין פֿאַריין האָט איצט באַדייט געווינען אין די אויגן פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג. די אַרבעטער, וועלכע האָבן געלעבט אין גרויסע געמיינשאַפֿטן, זענען גיך דורכגעדרוּנגען געוואָרן מיט די אידעען פֿון סאָציאַליזם. און די קעגנער פֿלעגט מען אַרויסשטויסן; מען פֿלעגט זיך באַציִען צו זיי מיט פֿאַראַכטוּנג און זיי האָבן זיך געקאָנט איינהאַלטן בלויז אין איינציקע קוואַרטאַלן.

איצט וואָלט מען שוין געקאָנט איינפֿירן אין די אָרגאַניזאַציעס אַ ביסל אָרדנוּנג און פֿאַרבעסערן אַ ביסל די לאַגע פֿון די אַרבעטער, ווען עס זאָל זיך געפֿונען אַ טיכטיקער מענטש, וואָס זאָל זיך שטעלן אין דער שפּיץ. מען האָט ווייטער נישט געקאָנט באַהאַלטן, אַז אַ סך האָבן גענומען אַרבעט אויפֿן שטיק, די אַרבעטער־באַוועגוּנג האָט אומעטום געהאַט

אויגן און אויערן. פעללע האָט זיך געכאַפּט אויף דעם, אַז ער איז אינ־גאַנצן פאַרנומען מיט פלענער וועגן ווייטער אַנטוויקלען די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג.

ער האָט זיך באַמיט אָפּצוּוואַרפן פון זיי און גענומען טראַכטן וועגן עללען און דעם קינד. וואָס גייט אים אָן פּרעמדע נויט? ער דאַרף אָנשטרענגען זיינע אַלע כוחות און פעיקייטן, כדי צו באַזאָרגן זיינע נאָענטע מיטן כאָמע נייטיקסטן. ער האָט זיך שוין גענוג געקווענלט. און צוואָס האָט דאָס געפירט? איצט אפשר וועט ער פריי אָפּעטעמען, מען דאַרף נאָר פלייסיק אַרבעטן. צוואָס־זשע דידאַזיקע אינערלעכע אויפּפּאָ־דערונגען, ריכטיק ווי ער באַגייט אַ פאַרברעכן קעגן זיין חוב? ער האָט געצוואונגען דעמדאָזיקן אינערלעכן קול שטילער צו ווערן. ער האָט אים גובר געווען דורכן געפיל פון ליבע צום ווייב און קינד, אָבער דאָסדאָ־זיקע קול פלעגט זיך ווידער אַריינקלויבן צו אים אין דער נשמה, ווי אַ גייסט, און האָט אים נישט געלאָזט רוען.

צייטנווייז, ווען פעללע פלעגט רויק זיצן בּאַ דער אַרבעט, פלעגט ער פלוצלינג הערן אַ רוף: „פעללע, פעללע!" אָדער עמעץ פלעגט קלאַפּן אין דער טיפער נאַכט. ער פלעגט אויפשטיין און זיך איינהערן. עללען מיטן קינד זענען פעסט געשלאָפן. ער האָט געהערט דעם רויקן אָטעם פון קינד. פעללע פלעגט צוגיין צו דער טיר, זי עפענען און אַליין שאָק־לען אויף זיך מיטן קאָפּ. דאָס איז זיכער געווען אַ וואָרנונג: עמעץ, וואָס איז אים נאָענט, מוז ליידן נויט!

און מיט דער גאַנצער ליידנשאַפטלעכקייט, וואָס איז אייגן געווען זיין נאַטור, האָט ער זיך אַריינגעטון אין פאַמיליע־לעבן. פעללע האָט זיך מיט די גאַנצע כוחות געקלאַמערט אין זיינע אייגענע, ריכטיק ווי גלייך מאָרגן וועט מען זיי צונעמען בּאַ אים אויף אייביק.

זיי האָבן געקויפט אויף ראַטעס אַ קינדער־וועגעלע. יעדן זונטיק פלעגן זיי מיטנעמען מיט זיך שפייז און אַוועקגיין אין שטאָטישן גאָרטן אָדער הינטער דער שטאָט, אין אַ רעסטאָראַנטשיק, ווו זיי פלעגן באַשטעלן קאַווע און אויפעסן די מיטגעבראַכטע פוטערברייטלעך. אַמאָל פלעגן זיי שפּאַצירן איבערן וועג, וואָס פירט איבערן שטראַנד און פלעגן דערגיין ביזן סאַמע וואַלד. לאַססע־פרעדעריק, ווי עללען פלעגט אים אָנרופן, איז געזעסן אין וויגעלע, אַרומגערינגלט מיט אַלע זיינע שפּילצייג, ווי אַ קליי־נער געטשקע, און טאַטע־מאַמע פלעגן לויט דער ריי נאָר פירן דאָס וועגעלע.

— פֿאַר אַ מאַנסבאַרשוין איז נישט שיין צו פֿירן אַ װעגעלע, — פֿלעגט עללען זאָגן. — אדרבה, גיב אַ קוק, װי װעסטו דאָס זעען? די מענער לאָזן דאָס פֿאַר די פֿרויען.

— װאָס גייען מיך אָן די אַנדערע? — פֿלעגט פֿעללע ענטפֿערן. — איך האַלט דאָך נישט קיין פֿערד.

זי פֿלעגט אים ענטפֿערן מיט אַ דאַנקבאַרן בליק, אָבער פֿונדעסט־װעגן האָט זי נישט ליב געהאַט, ער זאָל פֿירן דאָס װעגעלע.

זיי פֿלעגן פֿאַרברענגען װוּנדערלעכע שעהן אויפֿן שויס פֿון דער נאַטור. דער קליינער לאַססע האָט זיך געקאָנט שפּילן װיפֿיל זײַן האַרץ האָט נאָר געגלוסט, ער האָט נישט איבערגעהערט צו באַװעגן זיך, װי אַ קליין בערעלע.

— מיר דאַכט זיך, אַז ער פֿרייט זיך מיט דער ערד, — האָט פֿעללע געזאָגט, דערפֿילנדיק אין קינד זײַן אייגן געפֿיל. — סאַראַ שאָד, װאָס מען מוז לעבן אין דידאָזיקע קאַזאַרמעס!

עללען האָט געװאָרפֿן אויף פֿעללען אַ בליק, לויט װעלכן ער האָט געזעען, אַז זי פֿאַרשטייט אים.

זיי פֿלעגן בלייבן אויף איין אָרט, זיי איז אָנגענעם געװען צו ליגן און פֿרייען זיך מיטן זון. מיטאַמאָל האָט זיך דאָס קינד אַ זעץ געטון און אַ קוק געטון אויף זיי מיט אַזאַ דערשטוינטקייט, ריכטיק װי ער װאָלט זיי ערשט איצט דערקענט.

— ער הייבט אָן צו טראַכטן, — האָט פֿעללע געזאָגט מיט אַ געלעכטער, — ער איז זיכער הונגעריק, נאַ, זע! — און באמת, דער קליינינקער לאַססע האָט גענומען קריכן צו דער מוטער, איר אַ קלאַפּ געטון מיטן פֿויסטל איבער דער ברוסט און געשריגן:

— מאַם, מאַם!...

פֿעללע האָט זיי געמוזט פֿאַרשטעלן מיטן װעגעלע, ביז עס האָט זיך נישט געענדיקט דאָס אָנזויגן.

אַהיים פֿלעגן זיי קומען אַרום אָװנטצייט. אויב דאָס טרעטערל פֿאַר דער טיר פֿלעגט זײַן אָפּגערוקט, הייסט עס, אַז עמעץ איז געקומען צו זיי אין זייער אָפּװעזנהייט, דערבײַ פֿלעגט עללען תּמיד קאָנען באַשטימען לויט דער לאַגע פֿון טרעטערל, װער עס איז געװען. איינמאָל האָט דאָס טרעטערל געשטאַרטשעט לעבן דער װאַנט װערטיקאַל.

— דאָס איז דײַן פֿעטער דער טשעסלער, — האָט פֿעללע שטיל

געזאָגט. דער קליינינקער לאַסקע איז איינגעשלאָפן בײַ אים אויף די הענט, צוועקלייגנדיק דאָס קעפּעלע אויף זיין אַקסל.

— ניין, דאָס איז געווען אַניאַ, מיין קוזינע. ווי גוט, וואָס מיר זענען אינדערהיים נישט געווען, אַנישט וואָלט זיך אינאָוונט אַראָפּגעלאָזט צו אונז די גאַנצע קאָמפּאַניע. אין די זונטיקס עסן זיי נישט אין שטוב, זיי טרינקען בלויז קאַווע און גייען אַרומעסן זייערע קרובים.

XVIII.

פעללע פלעגט אָפט זיך באַומרויקן וועגן די דריי יתומים. זיי האָבן גאָרנישט געלערנט, וואָס זאָל זיי קאָנען זיכערן די צוקונפט; זיי זענען אינגאַנצן פאַרזונקען געווען אין די טאָג-טעגלעכע זאָרגן, כדי ווי-נישט-איז אויסצוקומען.

די שווערע צייטן האָבן פאַרכאַפּט אויך זיי. באַזונדערס האָט געליטן קאָרלס פאַרדינסט: זיינע „טרינק-געלטער" זענען שטאַרק איינגעשרומפּן געוואָרן. זיי האָבן איצט געהאַט אַ זאַפּאַס בלויז אויף אַ טאָג צייט, און דער קלענסטער דורכפאַל וואָלט זיך זיי איצט געלאָזט שטאַרק שפּירן. זיי האָבן דאָס אָבער אַלץ ווי נישט באַמערקט, זיי זענען נאָר געוואָרן ערנסטער און קאָנצענטרירטער. פעללע האָט אין אַ סך ערטער זיך באַמיט פאַר זיי, אָבער מען האָט זיי נישט געקאָנט העלפן, נישט צעשיידנדיק זיי. אַלע, וועלכע זענען גרייט געווען זיי צו העלפן, וואָלטן זיכער געווען קעגן דעם געמיינזאַמען זעלבשטענדיקן לעבן, אָבער זיך אָפּזאָגן פון אים איז פאַר די קינדער געווען שווערער פאַר אַלץ אויף דער וועלט.

ווען ער פלעגט קומען צו זיי, פלעגט מאַריאַ תמיד האָבן אַ סך דערציילונגען און פראַגעס. ער איז נאָך ווי פריער געווען איר איינציקער אָנגעטרויטער, און זי פלעגט אים דערציילן וועגן אַלע אירע זאָרגן און אים פרעגן אַן עצה. זי איז באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן און געהאַט אַ פרישערן אויסזען, און פון פעללעס אָנוועזנהייט האָבן אירע אויגן פריידיק געגלאַנצט און די באַקן פלעגן זיך באַדעקן מיט פאַרב. זי פלעגט יירנדיק לויבן דעם אַלטן לאַססע, ריכטיק ווי ער וואָלט געווען אַ קליין

הילפלאָז קינד. ווען זי פלעגט זיך אָבער נאָכפרעגן אויף עללען, פלעגט אין אירע אויגן אויפבליצן שאָנדפרייד.

איינמאָל איז פעללע געזעסן אין שטוב און געאַרבעט, עללען מיטן קינד איז ערגעץ-ווּהין אַנטלאָפן. מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ קלונג. ער איז אַרויס עפענען די טיר. אין דעם קליינעם פּאָסט-קעסטעלע איז געלעגן אַ נומער „אַרבעטער!"

ער האָט שנעל כּוּנאַנדערגעוויקלט די צייטונג, זעצנדיק זיך חוי-דער צום אַרבעטס-טיש, עפּעס אַן אומבאַזיגבאַרע קראַפט האָט אים גע-צווּנגען תּיכּף איבערצוקוקן די ידיעות וועגן די אומגליקס פאַלן.

זיין האַרץ איז אָפּגעשטאָרבן. אין דער צייטונג איז געווען אָפּגע-צייכנט אַ צופאַל מיט אַ פערצניעריק פאַבריק-יינגל, באַ וועלכן די מאַשין האָט אָפּגעשניטן אַלע פינף פינגער פון דער רעכטער האַנט. אַ פאַרגע-פיל האָט געזאָגט פעללען, אַז דאָס אומגליק האָט געטראָפן מיט דער קליינער פאַמיליע; ער האָט שנעל אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דאָס רעקל און אַרויסגעלאָפן צו דער „תּיבה". מאַריאַ איז אים אַקעגנגעקומען מיט אַ פאַרזאָרגטן אויסזעען.

— ווי מיינסטו, וואָס האָט געקאָנט געשען מיט פעטערן? ער איז היינט נישט געקומען אַהיים נעכטיקן, — האָט זי טרויעריק אַרויסגע-רעדט. — אמת, אַ סך יינגלעך דרייען זיך אַרום אין די נעכט איבער די גאַסן, אָבער מיט פעטערן איז דאָס נאָך קיינמאָל נישט געשען. כ'האָב געוואַרעמט פאַר אים דאָס מיטאָג-עסן ביז סאַמע נאַכט. אפשר איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שלעכטער געזעלשאַפט?

פעללע האָט איר געוויזן די צייטונג. די איינוווינער פון דער „תּיבה" וועלן סיי-ווי קומען צו לויפן צו איר, ווען זיי וועלן איבערליי-נען וועגן אומגליק, איז שוין בעסער ער אַליין זאָל זי צוגרייטן דערצו.

— דאָס איז נאָך אָבער נישט אויף זיכער, — האָט ער זי גע-טרייסט. — ס'קאָן זיין, אַז דאָס איז גאָרנישט ער. — מאַריאַ האָט זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט.

— דאָס איז ער, געוויס ער! כ'האָב זיך אַזוי אָפט געשראָקן, ווען ער פלעגט דערציילן וועגן די שאַרפע מעסערס, מיט וועלכע ער האָט תּמיד צו טון, און באַגיין זיך מיט זיי פאַרזיכטיק — איז קיין צייט נישטאָ, מען דאַרף אַרבעטן וואָס שנעלער, אַנישט וועט מען ווייזן דעם דרך. אַך, ליבער, אָרימער פעטער — און זיצנדיק אויף דער שטול,

האָט זי אינגאַנצן נאָכגעגעבן אויף פּאַרנט און זיך געהיטן פֿון ברוגז, ווי אַן אומגליקלעכע מוטער.

— פֿאַרליר נישט דעם קאָפּ, — האָט פּעללע געזאָגט, אַרויפֿלייגנדיק אויף איר אַקסל זיין האַנט, — ס'קאָן זיין, אַז ס'איז גאָר נישט אַזוי שלעכט, די צייטונגען טרייבן תמיד איבער. כ'וועל אַ לויף טון אים אָפּזוכן.

— גיי קודם כּל אין דער פֿאַבריק, — האָט מאַריאַ אויסגערופֿן, אָנשלאָסן זיך אויפֿהייבנדיק. — דאָרט ווייסן זיי, געוויס, בעסער פֿאַר אַלעמען. אָבער זאָלסט פֿאַר קיין פֿאַל נישט זאָגן, וווּ מיר וווינען, דו הערסט? פֿאַרגעס נישט, אַז מיר זענען נישט געגאַנגען אין שולע, און וועגן אים האָט מען דעם פּאַסטאָר נישט דערלאַנגט קיין מעלדונג וועגן קאָנפֿירמאַציע. אויב מען וועט זיך וועגן דעם דערוויסן, וועט מען אונז באַשטראָפֿן.

— גוט, גוט, — האָט פּעללע געזאָגט און איז שנעל אַוועק.

אין דער פֿאַבריק האָט מען אים געזאָגט, אַז פּעטער געפֿינט זיך אין שפּיטאָל. ער איז געלאָפֿן אַהין און געקומען פּונקט צו דער צייט; די צייט פֿון די באַזוכן איז נאָך נישט געווען אַריבערגעגאַנגען. פּעטער איז געזעסן אויף דעם בעט, זיין האַנט איז געווען באַנדאַזשירט און האָט אויסגעזען פֿאַרקריפּלט. דאָס אומגליק האָט שוין אַרויפֿגעדריקט אויפֿן ייִנגלס פּנים יענע טיפֿע, אומפֿאַרווישבאַרע שפּורן, וועלכע זעגן כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די אינוואַלידן פֿון אַרבעט. די שרעקלעכע באַדייטונג פֿון דעם, אַז ער איז פֿון היינט אָן אַ בעל-מום, איז אָנגעשריבן געווען אין ייִנגלס פֿאַרפּייניקטן בליק. ער האָט זיך מיט פּעללען דערפֿרייט און ער האָט געמאַכט מיט דער רעכטער האַנט אַ נישט-קערנדיקע באַוועגונג, אָבער ער האָט זיך דערמאַנט און אים דערלאַנגט די לינקע האַנט.

— נ..יאָ... איצט דאַרף מען זיך צוגעוווינען צו טון מיט דער לינקער, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ביטערן שמייכל. — ס'וועט זיין שווער, אויב איך וועל בכלל נאָך עפּעס קאָנען טון. ווייסט וואָס כ'וועל דיר זאָגן, כ'וויל נישט פֿאַלן דאָס גאַנצע לעבן אַלס לאַסט אויף מאַריען און קאַרלען. ווי מיינסטו, כ'וועל נאָך אַמאָל עפּעס קאָנען אַרבעטן?

— מיר וועלן שוין עפּעס צוטראַכטן, — האָט פּעללע געזאָגט, — עס זענען נאָך דאָ אויף דער וועלט גוטע מענטשן. אפֿשר וועט דיר עמעצער העלפֿן, דו זאָלסט זיך קאָנען פֿאַרנעמען מיט דיין בילדונג.

פּעללע האָט אַליין נישט געוווּסט, פֿאַרוואָס דאָס איז אים געקומען

אין קאָפּ אריין, אין לעבן טרעפט דאָך דאָס נישט, אָבער זיינע קינדע־רישע טרוימען, וועלכע זענען אין אים געבוירן געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון די דורכגעלייענטע קינדערשע מעשהלעך, האָבן אים אַרויס־געבראַכט אויפן דאַזיקן געדאַנק. ער איז געשטאַנען פאַר עפּעס אומ־מעגלעכס, אָבער אויך פאַר דעם האָט ער נישט געוואָלט אָפּטרעטן. פּעטער אָבער האָט נישט געהאַט געלייענט קיין שום ביכער.

— גוטע מענטשן! — האָט ער איראָניש אויסגערופן. — זיי האָבן אַליין קיינמאָל גאָרנישט. כ׳קאָן אפילו נישט לייענען; ווי קומט דאָ בילדונג? קאַרל קאָן לייענען. ער האָט זיך אויסגעלערנט, קוקנדיק אויף די שילדן; ער קאָן אפילו שרייבן! מאַריאַ האָט זיך אויסגעלערנט בײַ גאַננאַן. איך אָבער האָב מיין גאַנץ לעבן פאַרברענגט אין דער פאַבריק, — האָט ער מיט ביטערקייט געזאָגט.

ס׳איז שווער געווען צו קוקן אין זיין אויסגעפּייניקט פּנימל.

— כ׳בעט דיך, באַאומרויק זיך נאָר נישט, — האָט פּעללע געזאָגט מיט אַן אויפמונטערנדיקן טאָן. — ס׳וועט זיך שוין ווי נישט איז איינ־אָרדנען.

— אָבער באַפריי מיך נאָר פון די פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן. כ׳בעט דיך, לויף נישט און בעטל נישט פאַר מיר — האָט דאָס ייִנגל געענטפערט געדייצט. — דאָ איז אומהיימלעך. באַנאַכט איז אויף אַ שכנותדיק בעטל געשטאָרבן עפּעס אַן אַלטער. ער איז געשטאָרבן פון קרעבס און קיינער האָט זיך אפילו נישט באַמיט צו פאַרשטעלן זיין בעט. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געקוקט אויף מיר מיט זיינע טויטע אויגן. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך זיך אויסשרייבן. און דאַן וועט מען דאַרפן באַצאָלן, אַנישט וועלן וועגן מיר דערשמעקן די פילאַנטראָ־פּישע געזעלשאַפטן. פּעללע, אפשר קאָנסטו מיר צורעכטהעלפן? מאַריאַ האָט געלט, וועלכעס זי האָט אָפּגעלייגט פאַר דער דירה, אָט דאָס געלט נעם.

פּעללע האָט צוגעזאָגט און איז אַוועק אַהיים אַרבעטן. עללען איז געווען אין שטוב. זי האָט זיך געוווּנדערט, ווו איז אַהינגעקומען פּעללע, ער האָט איר דערציילט די גאַנצע מעשה.

— סאַראַ וווּנדערבאַר ייִנגל, — האָט זי געזאָגט מיט מיטלייד, שיער נישט וויינענדיק. — ער איז פון דערדאָזיקער אַרבעט געוואָרן צו ערנסט, און איצט איז ער אַ בעל־מום! אַ קינד נאָך און שוין אַן אינוואַליד. שרעקלעך!

עלען איז צוגעגאַנגען צו אים און צוגעדריקט צו זיך זיין קאָפּ; זי האָט געגלעט זיינע האָר, באַמיענדיק זיך אים צו באַרויקן.

— מיר דאַרפן עפּעס טון פאַר אים, — האָט ער פאַרשטיקט געזאָגט.

— סאַראַ גוטער דו ביסט, פעללע! ביסט גרייט צו העלפן מיט אַלץ. אָבער מיט וואָס קאָנען מיר העלפן? מיר האָבן אונזערע אַלע אָפּשפּאָרונגען אויסגעגעבן אויפן קינפּעט.

— מיר דאַרפן פאַרקויפן עפּעס פון אונזערע זאַכן, אָדער עס פאַרזעצן.

זי האָט מיט שרעק אַ קוק געטון אויף אים.

— ווי, צערייבן אונזער נעסטעלע? מיר האָבן דאָך דאָס סאַמע צייטיקע. און דו האָסט דאָך אַזוי ליב אונזערע זאַכן! אָבער אויב דו ווילסט אַזוי, איז פאַרשטייט זיך... דו טוסט דאָך שוין פאַר אים אַזוי אויך גאַנץ געבוג, האָסט געפּטרט צוליב אים אַזוי פיל צייט.

פעללע איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט עטלעכע מאָל באַנייט דעם שמועס, זאָגנדיק, אַז מען דאַרף עפּעס צוטראַכטן, ער האָט אָבער נישט געענטפערט. איר פלוידעריי האָט אים געררייצט: אָדער מען האָט געדאַרפט עפּעס טון, אָדער שוין בעסער שווייגן.

נאָך מיטאָג איז ער אַוועק אין שטאָט און אַריין אין פאַבריק. ער האָט זיך געווענדט אין קאַנטאָר און אים איז געלונגען צו רעדן מיטן פאַבריקאַנט אַליין. ער איז געווען אומאָנגענעם דערשטוינט פון פאַרפאַל, ער האָט אָבער זיך באַמיט איבערצייגן פעללען, אַז דער אומגליקספאַל איז פאָרגעקומען אויסשליסלעך צוליבן יינגלס אומפאָרזיכטיקייט. ער האָט פעללען געעצהט איינצוּאָרדנען פאַר פעטערן אַ זאַמלונג צווישן די אַרבעטער און ער אַליין האָט אָנגעהויבן דידאָזיקע זאַמלונג, מנדב-זייענדיק צוואָנציק קראָן. חוצדעם האָט ער צוגעזאָגט צו געבן פעטערן אַ פּאָסטן פון אַ שיק-יינגל, ווי נאָר ער וועט קומען צו זיך.

די חברים האָבן שטאַרק ליב געהאַט פעטערן, עס האָט זיך צונויפגעקליבן אַ נישקשהדיקע סומע. פעללע האָט באַצאָלט אין שפּיטאָל, און ס'איז נאָך געבליבן געבוג געלט. אַזוי אַז דאָס יינגל האָט געקאָנט רויק לעבן אינדערהיים, ביז ער וועט קומען אינגאַנצן צו זיך און וועט נישט באַקומען דעם פּאָסטן פון אַ שיק-יינגל. דער קליינער אינוואַליד האָט זיך געפונען אין אַ גוטער שטימונג, ער האָט געוווסט, אַז ער וועט נישט פאַרליִרן דאָס פאַרדינסט; דערווייל האָט ער זיך צרומגעדרייט איבער דער

שטאָט, אויסזוכנדיק אַזעלכע ערטער, וווּ מען האָט געקאָנט הערן מוזיק און אויסלערנען זיך נייע לידלעך.

— דאָס זענען מײַנע ערשטע פעריען, פון דער צייט זינט איך אַרבעט אין דער פאַבריק, — האָט ער געזאָגט צו פעללען.

דאָס אָרט פון אַ שיק־ייִנגל האָט ער נישט באַקומען, — מען האָט צוגענומען אַ צווייטן, וועלכער איז געקומען פריער, מען האָט אים אָבער דערלויבט צו פאַרנעמען דעם פריערדיקן אַרבעטס־פּלאַץ, מיט די רעשט־לעך פון דער רעכטער האַנט האָט ער געקאָנט אונטערהאַלטן די מעטאַל־פּלאַטן, און מיט דער לינקער האָט ער זיך געדאַרפט אויסלערנען שנעל זיך באַוועגן צווישן די מעסער־שאַרפן. דערצו האָט מען נייטיק געהאַט בלויז צייט און אַ ביסל מער אויפמערקזאַמקייט.

* *

דער אומגליקס־פאַל מיטן ייִנגל האָט שטאַרק געווירקט אויף פעללען; ער האָט ווידער אויפגעוועקט אין אים זיין אײַנגעדרימלטן מיטלייד.

ער האָט זיך באַצויגן צו די יתומים ווי צו קרובים, און פעטערס אומגליק האָט אים דערדריקט נישט ווינציקער, ווי ווען דאָס וואָלט גע־שען מיט אים אַליין. דאָס איז דאָך אַן אמתע שאַנדע, וואָס קינדער פאַרדינען אויף חיונה מיט אַזאַ געפערלעכער אַרבעט. אַבי נישט צו געניסן די ווילטעטיקייטן פון די פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן. וואָס איז דאָס פאַר אַ געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג? פעללע האָט געשפּירט אַן אומ־באַוויגבאַרן דראַנג צו קעמפן מיט דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג.

דועס גורל, באַלאַסטעט מיטן דאָזיקן נייעם אומגליק, האָט זיך ווידער געלייגט אויף זיין פּנים ווי אַ פינצטערער שאָטן, און עלענס צאַרטע האַנט האָט נישט געקאָנט אויסגלעטן זיינע קנייטשן.

— פאַרוואָס האָסטו שטענדיק אַזאַ ווילד' אויסזעען? די שרעקסט דאָס קינד! — האָט זי געזאָגט, אים איבערגעבנדיק דעם קליינינקן לאַססע. פעללע האָט זיך באַמיט צו שמייכלען, דאָס פלעגט אָבער שלעכט אַרויסקומען.

ער האָט נישט געפילט קיין פאַרלאַנג צו טיילן מיט עללען דאָס, וואָס האָט געריסן זיין נשמה, און ער פלעגט רעדן מיט איר וועגן גלייכ־

גילטיקע זאַכן, אָדער ער פּלעגט זיצן. קוקנדיק ערגעץ־ווו אין דער ווייט, גרייט זיך לאָזן אין וועג אויפן מינדסטן רוף. ער האָט ווידער זיך געפילט אַלס אויסדערוויילטער און ער איז זיכער געווען, אַז די שלוחים געפינען זיך שוין אויפן וועג צו אים. אין יענער צייט איז געשטאָרבן פּעטערסען, און פעללען האָט מען ווידער פאָרגעלייגט איבערצונעמען דעם פאָרזיץ אין פאַריין.

— וואָס טראַכסטו וועגן דעם? — האָט ער זיך געווענדט צו עללען, הגם ער האָט שוין געהאַט אָנגענומען אַ באַשלוס.

— טראַכט אַליין, — האָט זי געזאָגט איינגעהאַלטן. — אויב דו געפינסט אין דעם אַ פאַרגעניגן, איז געוויס!

— איך טו דאָס נישט פאַר זיך, — האָט פעללע פינצטער געענטפערט. — איך בין דאָך נישט קיין ווייב.

ער האָט אָבער תיכף חרטה געהאַט אויף זיינע ווערטער און אַ קוש געטון דעם ווייב. זי האָט פאַרוואונדערט געקוקט אויף אים, אין אירע אויגן זענען געשטאַנען טרער

XIX.

אַרבעט איז געווען זייער אַ סך. די אָפּגעפּאַלענע פון די אָרגאַניזאַציעס האָט מען ווידער געדאַרפט צוציען, מיט גוטן און אַמאָל אויך מיט צוואַנג; צוערשט האָט פעללע צוגענומען די, ווער ס'האָט אַליין געשטרעבט דערצו, און אַזוי אַרום האָט די אַלץ־וואַקסנדיקע מאַסע שוין מיט דער צאָל אַליין געווירקט אויף די איבעריקע. די קעגנער האָט ער דערוויילן געלאָזט צורו, אויב זיי וועלן שטיין אין אַ זייט, וועלן זיי נישט ברענגען קיין שאָדן.

ער האָט זיך גוט אויסגערוט פאַר דערדאָזיקער צייט און ער איז מעטאָדיש צוגעטרעטן צו דער אַרבעט. דער באַוווסטזיין, אַז ער וועט האָבן געניג כוח ביזן סוף, האָט אים געמאַכט מונטער, און דאָס האָט אַרויסגערופן צוטרוי. ער האָט זיך נישט געאיילט און אין אַלץ זיך גוט פונאַנדערגעקליבן. די עיקרדיקע פראַגע האָט ער געלאָזט נישט געלייזט, ביז עס וועלן נישט געשאַפן ווערן געהעריקע באַדינגונגען. ער האָט שוין

געוווסט פון דערפאַרונג, אַז אָן פעסט-פּאַרייניקטע רייען וועט מען גאָר-נישט דערגרייכן.

אַזוי איז אַדורך דער סוף זומער. די אָרגאַניזאַציע איז שטאַרקער געוואָרן; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי קאָן שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם ערשטן אָנגריף, די ערשטע פראַגע איז באַשטאַנען אין קלאָר מאַכן דעם טאַריף, וואָס איז פאַרעלטערט געוואָרן אין אַלע הינזיכטן און וואָס האָט נישט אַנטשפּראָכן דער אַלגעמיינער פּאַרטייערונג. פעללע איז אָבער צו אַלץ צוגעטרעטן פּראַקטיש. די צייט איז נישט געווען גינסטיק פאַר הייבן די פּרייזן. די אָרגאַניזאַציע האָט דאָס נישט געקאָנט פעסט פאָדערן, דעריבער האָט מען זיך געמוזט באַפרידיקן מיט ריכטיק אָפּהיטן דעם פריערדיקן טאַריף.

אַ סך גרויסע מייסטערס האָבן זיך לחלוטין מיט אים נישט גע-רעכנט. הגם בשעתו האָבן זיי זיך אַליין באַטייליקט אין שאַפן אים. באַזונדערס שטאַרק האָט קעגן אים געזינדיקט מייער. מיט דער הילף פון אַלערליי שפּיצלעך האָט ער זיך געקליגט עובר צו זיין אויף זיינע בולטסטע פּונקטן. מיט אים פלעגן פאַרקומען כסדרדיקע קאָמפּליקאַציעס, און איינמאָל איז פעללע אַוועק צו אים, כדי קלאָר מאַכן די פראַגע. פעללע איז גרייט געווען אָנצוהייבן דעם קאַמף פאַר דער אומבאַריר-לעכקייט פון טאַריף. ער האָט דערוואַרט, אַז מייער וועט אים ווייזן די טיר. דאָס איז אָבער נישט געשען, מייער האָט מיט אים גערעדט אין טאָן פון העפלעכער חוצפּה. די שנאה צום פריערדיקן שונא האָט זיך ווידער אויפגעוועקט אין פעללען און ער האָט זיך מיט מי איינגע-האַלטן.

— אויב איר וועט זיך אין משך פון אַ וואָך נישט צופרידנשטעלן מיט אייערע געזעלנס, וועט דערקלערט ווערן אַ שטרייק, — האָט ער דראָענדיק געזאָגט.

מייער האָט מיט חוזק זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— וואָס איר רעדט! מיר ווייסן אייערע שטרייקן! און דער מייסטער-פאַריין וועט אייך דערקלערן אַ לאַקאַוט. וואָס וועט איר זאָגן אויף דעם? דאַן וועט מען זיך שוין נישט דאַרפן אַמפּערן וועגן פּרייז.

פעללע האָט געשוויגן. בלויז אויף אַזאַ אופן האָט ער געקאָנט בלייבן קאַלטבלוטיק. אַלץ וואָס מען האָט באַדאַרפט זאָגן האָט ער געזאָגט.

אָבער רויק שמייכלען, ווען אינעווייניק געמט דער רוח, דאָס האָט ער נישט געקאָנט. אזא פלינקער דיפּלאָמאַט איז ער נישט געווען.

מייער האָט אים העפלעך באַגלייט ביז דער טיר.

— אפשר קאָן איך אייך מיט וואָס דינען? אפשר נייטיקט איר זיך אין אַרבעט? איך דאַרף זייער בייטיק אַ מענטש פאַר קינדער-שוכוואַרג.

אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, האָט פעללע פריי אָפּגעאָטעמט.

„אוך, ווי שווער! פאַר זיין חוצפה האָט מען אים געדאַרפט זאָגן אַ פּאָר ריכטיק-דורכגעפילטע ווערטער און אים פאַרפאָרן אין מאָרדע!" אָבער פעללען האָט זיך איינגעגעבן באַהערשן זיך. נאָך דעמדאָזיקן נסיון וועט ער שוין תמיד קאָנען זיך באַהערשן.

הייסט עס, אַז מיר וועלן אים איינאָרדנען אַ שטרייק! און ער וועט דאַן ענטפערן מיט אַ לאָקאַוט! צי זענען מיר אימשטאַנד אים אויסצו-האַלטן? אָבער פון דער צווייטער זייט וועלן אויך די מייסטערס נישט קאָנען אויסהאַלטן קיין לאַנגן שטרייק, זיי וועלן רוינירט ווערן אין אַ קורצער צייט. זיי וועלן אָבער מסתמא אויסשרייבן אַרבעטער פון אויס-לאַנד, און אויב דאָס וועט זיך זיי נישט איינגעבן, וועט די אַרבעט גע-מאַכט ווערן אויף אַן אַנדער אָרט, אָדער מען וועט איינפירן אַ מאַשין-פּראָדוקציע, וואָס האָט זיך שוין טיילווייז אָנגעהויבן.

פעללע איז געבליבן שטיין אינמיטן גאַס. דער טייוול וועט זיך דאָ נישט פונאַנדערקלויבן! ווי אַזוי-זשע מאַכט מען? ער האָט מורא געהאַט, אַז פון דעם אַלעם זאָל נישט אַרויסקומען קיין פּלאָנטער. אויב עס וועט זיין אַזוי ווי ער טראַכט, וועט אַ גאַנצע מחנה אַרבעטער בלייבן אָן אַ שטיקל ברויט. ער האָט אָבער פאַר יעדן פּרייז געוואָלט אָנלערנען מייערן. געבן דעמדאָזיקן שווייספּרעסער אַזאַ כמאַל, אַז זיין בייטל זאָל אַ טרעשטשע טון.

אויפן צווייטן פרימאָרגן איז ער לויט זיין געוווינהייט אַוועק צו בעקן. בעק האָט פונדערווייטנס אַ קוק געטון אויף אים איבער די ברילן.

— איר זענט מיר מער נישט נייטיק, — האָט ער שטיל געזאָגט.

— אַזוי גאָר! — האָט פעללע דערשראָקן אויסגערופן. — מיר האָבן דאָך נאָך אַ סך אַרבעט?

— יאָ, אָבער איך קאָן מער נישט האָבן מיט אייך צו טון. דאָס געגט נישט אָפּ פון מיר, איך בין מיט אייך תמיד געווען צופרידן.

אָבער אַזוי איז די לאַגע. מען דאַרף נעמען אין אַכט זייער אַ סך, מען קאָן נישט אַרבעטן אָן מאַטעריאַל. און נעמען אויף קרעדיט איז נישט יעדעס מאָל מעגלעך.

מער האָט ער גאָרנישט געוואָלט דערקלערן. אָבער פעללע האָט שוין סיי־ווי גענוג פאַרשטאַנען. מייער, אַלס פאַרשטייער פונם מייסטער־פאַריין, האָט אים געצווונגען אָפּצוזאָגן פעללען אונטער דער דראָונג צו פאַרמאַכן בעקן דעם נייטיקן קרעדיט. מען האָט אויסגעלאָזט דעם כּעס צו פעללען, ווייל ער איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער אָרגאַניזאַציע, הגם זי איז איצט געווען אָנערקענט. דאָס איז שוין געווען אַן אָנגריף אויף די רעכט פון די אַרבעטער־פאַרייניקונגען, און פונדעסטוועגן האָט מען גאָרנישט געקאָנט מאַכן, יעדער איינער האָט געהאַט דאָס רעכט אָפּצוזאָגן אַן אַרבעטער, אויב ער האָט נישט געהאַט קיין אַרבעט פאַר אים.

מייער איז נישט געווען קיין נאַר!

פעללע האָט אַ צעטראָגענער אַרומגעוואַנדערט איבער די גאַסן. אים האָט זיך שטאַרק נישט געגלוסט קומען צו עללען מיט דערדאָזיקער טרויעריקער ידיעה. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער פאַרשידענע וואַרשטאַטן, זוכנדיק אַרבעט, אָבער ווי נאָר מען פלעגט זיך דערוויסן, מיט וועמען מען האָט צו טון, פלעגט זיך תּיכף אַרויסשטעלן, אַז אין וואַרשטאַט איז נישטאָ קיין איבעריקע אַרבעט. פעללע האָט געזען, אַז אויף זיין נאָמען איז געמאַכט געוואָרן אַ קרייץ.

אַזוי אַרום האָט ער זיך געמוזט באַנוגענען מיט שטוב־אַרבעט און זיך באַמיען צו קריגן באַשטעלערס דורך באַקאַנטע, ווי אויך זיין תּמיד גרייט צו נעמען דעם עודף אַרבעט בא אַ קליינעם מייסטער. עללען האָט אויפגענומען די באַדינגונגען אַזוי ווי זיי זענען געווען און זיך נישט באַקלאָגט. אָבער עס האָט זיך געפילט אין איר אַ שטומער פּראָטעסט קעגן דער עיקרדיקער סיבה. פעללע האָט אין איר נישט געפונען קיין שום שטיצע. ער האָט געמוזט האַנדלען לחלוטין זעלבשטענדיק אין אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום קאַמף, דאָס האָט אָבער נישט געענדערט די ליניע פון זיין ריכטונג, אדרבה, דאָס האָט נאָך גיכער פאַרשטאַרקט זיין עקשנות. עללענס עקשנות האָט נישט געקאָנט ווירקן אויף אים אין דערדאָזיקער ריכטונג, זי איז דאָך נאָר געווען אַ פרוי, צו וועלכער מען דאַרף זיך באַציען מיט רחמנות. ער איז תּמיד געווען צו איר זייער גוט און זי ליב געהאַט נישט ווינציקער פאַרן זון.

זיי האָבן נישט געליטן קיין נויט, הייל פעלדע האָט באַקומען אַ קליינעם געהאַלט, אַלס פאָרזיצער פון פאַריין. פעללען איז דאָס נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן און ער האָט שטאַרק חשק געהאַט זיך אָפּצוזאָגן פון דידאַזיקע עטלעכע הונדערט קראָנען. פאַרוואָס נעמען געלט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַלגעמיינעם נוצן? אָבער דאָס געלט איז געקומען צו דער ריכטיקער צייט, און וויכטיקע זאַכן האָבן אים אָפּגעריסן פון דער דאָזיקער פראַגע. פון געדאַנק וועגן שטרייק האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער טאָג ווי נאַכט געבויט פאַרשידענע פּלענער, ווי אַזוי צו דערגרייכן די יאָרן מייערן.

ער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין דער טאַקטיק פון מייערן גופא. ער האָט אָפּגענומען בא פעללען די אַרבעט אָן דער מינדסטער שולד פון זיין זייט, זאָל ער אפשר פונקט אַזוי האַנדלען לגבי מייערן, צונעמענדיק בא אים די אָנגעשטעלטע?

מייער איז געווען דער בייזער גייסט פון פאַך. ער איז געווען אַ טיראַן און האָט אַלעמען און אַלץ אונטערדריקט. פעללע וועט זיך באַמיען צו שטעלן אַ קרייץ אויך אויף זיין נאָמען. דאָס וואָלט אפשר מעגלעך געווען. ער איז געגאַנגען צו זיין שווער, וועלכער האָט ווידער באַקומען צו אים צוטרוי.

שטאָלפּע איז געווען אַ געניטער דיפּלאָמאַט און האָט געעצה'ט פעללען בשום אופן נישט צונויפצורופן קיין פאַרזאַמלונג, נאָר דורכרעדן מיט די מיטגלידער פון פאַריין באַזונדער אונטער פיר אויגן, כדי מען זאָל זיך נישט קאָנען טשעפּען צום פאַריין.

— צייט האָסטו גענוג. גיי צוערשט צו די זיכערסטע פּערזאָנען און גיב זיי צו פאַרשטיין, וואָס מייער שטעלט פאַר מיט זיך; נעם צו בא אים די בעסטע אַרבעטער; שלעכטע אַרבעטער וועלן אים קנאַפּ וואָס העלפן. דו קאָנסט אים גוט אָנזאָלצן. זע אַזוי איינצואָרדנען, אַז קיינער זאָל נישט גיין אויפן אָרט פון די אַוועקגעגאַנגענע. סוף-כל-סוף וועט יעדער פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ טיפּ דאָס איז.

פעללע האָט זיך נישט געשאַנעוועט; ער האָט מיט היץ גערעדט מיט די חברים. און דאָס, וואָס מ'האָט נישט געקאָנט דערגרייכן מיט דריי יאָר צוריק, האָט זיך גענומען פאַרווירקלעכן. די אויפגעבראַכטקייט קעגן דער אומגערעכטיקייט האָט זיך שטאַרק איינגעשניטן אין די קעפּ פון די אַרבעטער.

מייער האָט געהאַט אַ געוווינהייט לאָזן אומזיסט לויפן זיינע אַרבע-

טער נאָך אַרבעט — „זי איז נאָך נישט אינגאַנצן צוגעגרייט, קומט אַריין אַ צווייט מאָל"... דערפאַר, ווען ער פלעגט שוין, ענדלעך, געבן אַרבעט, פלעגט ער באַשטימען דעם קורצסטן טערמין. אין דעם האָט געשטעקט אַ באַשטימטע טאַקטיק. ער האָט געקאָנט פלעכטן שטריק פון זיינע אָנגעשטעלטע.

איצט האָט זיך די שאַרף געווענדט קעגן אים. די אַרבעטער זענען נישט געקומען און נישט אָפּגעגעבן צום טערמין די אייליקע אַרבעטן. ער האָט געמוזט שיקן צו זיי און פלעגט באַקומען אַלס ענטפער זיינע אייגענע ווערטער: „די אַרבעט איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרטיק". און די אַרבעט פלעגן מוזן אייליק אַרויספאַרטיקן די אַרבעטער פון זיין וואַרשטאַט, כדי נישט פאַרלירן די גוטע קונדן. די ערשטע מאָלן פלעגט ער פשוט אָפּזאָגן די אַרבעטער. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפן. אין זיינע שטילסטע געזעלנס האָט זיך באַזעצט דער טייוול פון גאווה! עס האָבן זיך באַ זיי איבערגעקערט מיט די פיס אַרויף צוויי באַגריפן — דער באַלעבאָס און דער אַרבעטער, ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די טאַקטיק פון שטרענגקייט און פּרובירן מיט גוטן. ער פלעגט באַקומען באַשטעלונגען פון די העכסטע קרייזן און דעריבער האָט ער געמוזט האָבן די פיינסטע אַרבעטער. אָבער די ווייכקייט האָט אויך נישט געהאָלפן. ווי נאָר עס פלעגט אָנקומען צו אים אַ גוטער אַרבעטער, פלעגט ער תיכּף אַוועקגיין; ווען מייער פלעגט זיך נאָכפרעגן די סיבה, פלעגט ער באַקומען תּמיד איין-און-דעמזעלבן ענטפער: אים גלוסט זיך נישט אַרבעטן. מייער האָט גוט געצאָלט און מיט גרויסע פאַרלוסטן אויסגעשריבן אַרבעטער. אָבער בעלע פלעגט גלייך זיין אינפאָרמירט און פלעגט אַריבערגיין צו די ניי-געקומענע. און אין עטלעכע טעג אַרום פלעגן זיי אָדער צוריק אַוועקפאָרן, אָדער איבערגיין אויף אַן אַנדער אָרט; צוליב דעם, וואָס מייערס געשעפט האָט זיך אַ וואַקל געטון, האָבן אַנדערע באַקומען מער אַרבעט. ווען מייערן האָט מען דערציילט, אַז ער ווילדעוועט, ער זידלט זיינע גאָט-די-נשמה-שולדיקע אָנגעשטעלטע און יאָגט זיי אַרויס.

מייער האָט געפילט, אַז עמעץ פירט אָן מיט דער דאָזיקער גאַנצער באַוועגונג, און ער האָט געפאָדערט, דער כּאַריין פון די מייסטערס זאָל דערקלערן אַ לאָקאַוט. זיי האָבן אָבער געזען אין דעם אַ כיטרע שפּיצל פון זיין זייט — זיין געשעפט איז געגאַנגען באַרג-אַראָפּ, ווייל ער קאַליע מאַכן די געשעפטן פון די איבעריקע. באַ זיך האָבן זיי אפשר גאָרנישט

געהאַט קעגן דער געשאַפֿענער לאַגע. זיי האָבן נישט געזעען קיין שום סיבות פֿאַר אַ לאָקאַוט. דאַן האָט מייער באַשלאָסן אָנצושרייבן פּעללען, פֿאָדערנדיק צונויפֿצורופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג, כּדי צו באַרויקן דעם פֿאַריין. פּעללע, וועלכער איז נאָך געווען גאָר ווינציק דערפֿאַרן אין אַזעלכע ענינים, האָט אים אָפּגעענטפֿערט מיט אַ שאַרפֿן אָפּזאָג.

ער האָט אָבער געוויזן זיין שווער דעם ענטפֿער, איידער ער האָט אים אָפּגעשיקט.

— ניין, דאָס טויג אויפֿן פֿייער, — האָט שטאָלפּע געזאָגט. — פֿאַרשטייסט, מיין פֿריינט, זייער אַ סך הענגט אָפּ פֿון טאָן, מיט וועלכן דו וועסט פֿירן אונטערהאַנדלונגען. אויף דעם ווערט געלייגט גרויס אַכט. אין דער יוגנט פֿלעג איך אויך אַזוי האַנדלען: אַריינזאָגן דעם ג.מת גלייך אין די אויגן, דאָס טויג אָבער נישט. אַ סך בעסער ווירקט אַ קליינע דאָזע ליגנט. יאָ, אויב דו ווילסט זיין אַ דיפּלאָמאַט. טאָ זיי וויסן, אַז אַ פּוסט קאָן מען כאַפּן נאָר מיט כיטרעקייט. שרייב דאָס, וואָס איך וועל דיר זאָגן. אָט האָסטו אַ מוסטער. אַלזאָ...

שטאָלפּע האָט זיך עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַצירט איבערן צימער אַהין און אַהער מיט אַ פֿאַרטראַכטן בליק. ער האָט געטראָגן אַ וועסט מיט שטעקשיך, די ווייזפֿינגער פֿון ביידע הענט האָט ער פֿאַרשטעקט אין די קעשענעס פֿון וועסט.

— שוין אָנגעשריבן? נו, ווי?

„דעם פֿאָרזיצער פֿון פֿאַריין
פֿון די שיך־מייסטערס
דעם הויף־מייסטער מייער.

דערמיט בין איך מודיע, אַז איך האָב באַקומען אייער חשובן בריוו פֿון געכטן און כ׳מעלדע אייך, אַז אין פֿאַריין הערשט איצט די גרעסטע רויקייט און די פֿולסטע אָרדנונג און קיין סיבות אויף צונויפֿצורופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג זענען נישטאָ.

אין נאָמען פֿון פֿאַריין
מיט אַכטונג — פּעללע״.

— אָט דאָס איז גוט. אונטער אַזאַ בריוו וואָלט זיך אָן וואַקלעניש אונטערגעשריבן נאַפּאָלעאָן אַליין. און גלייכצייטיק געניג בייז, — האָט

שטאָלפּע געזאָגט מיט צופרידנקייט. — שרייב איצט איבער וואָס שענער און לייג אַריין אין אַ גרויסן קאָנווערט.

פעללע האָט איבערגעשריבן זיין בריוו אויף אַ גרויסן בויגן באַפּיר; ער איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט געהאַט זייער אַ חשובן אויסזעען. ער האָט נאָר געספּקט, צי איז ער גענוג גיפּטיק. אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך מיטאָג, איז ער געזעסן אין שטוב בײַ דער אַרבעט. דידאָזיקע טעג האָט ער געמוזט נעמען אַרבעט אין פאָרט, און אָט איז ער געזעסן און אונטערגענייט זוילן אַ מאַטראָס פון אַ שיף, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט קוילן. אויף דער צווייטער זייט טיש איז געזעסן דער קליינינקער לאַססע, האָט געפּלוידערט און נאָכגעמאַכט אַלע זיינע באַוועגונגען, און יעדעס מאָל, ווען דער פאָטער פלעגט אַריינקלאַפּן אַ טשוועקל, פלעגט דאָס יינגל קלאַפּן אויפן קאַנט פון טיש. פעללע האָט געלאַכט, קוקנדיק אויפן זונעלע. עללען פלעגט אַריינקומען און ווידער פאַרשווינדן אין קיך. זי איז געווען ערנסט און שווייגנדיק.

מען האָט אָנגעקלונגען, זי האָט זיך אַ וואָרף געטון צום אויוון, אַראָפּגעריסן פון דאָרט עטלעכע שטיקלעך קינדער-וועש, וואָס האָבן זיך דאָרט געטריקנט, און איז געגאַנגען עפענען.

ס'איז אַריינגעקומען אַ דיקער הער אין אַ פוטער, האַלטנדיק אין די הענט דעם הוט, הענטשקעס און אַ שטעקן; ער האָט זיך פריינטלעך באַגריסט. פעללע האָט נישט געוואָלט גלייבן זיינע אייגענע אויגן — דאָס איז געווען דער הויף-שוסטער בכבודו ובעצמו. ער איז געקומען, כדי זיך אָפּצורעכענען מיט מיר, האָט פעללע אַ טראַכט געטון און זיך גענומען גרייטן צו דער שלאַכט. זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּן און אין אים האָט זיך עפּעס-וואָס אָפּגעריסן, — זיינע אַלע טריי-אונטערטעניקע געפילן האָבן זיך פּלוצלינג צעפּאַליעט אין אים און האָבן אים שיער-שיער נישט פאַרכאַפּט. דאָס האָט אָבער געדויערט נישט מער ווי איין מאָמענט: ער האָט זיך ווידער באַהערשט. רויק האָט ער מייערן פאַרגעלייגט זיך זעצן.

מייער האָט באַטראַכט דאָס פשוטע, אָבער שייניקע צימערל, געגנויאַכשאַצנדיק די כוחות פון שונא און פאַרגלייכנדיק זיי מיט זיינע אייגענע.

פעלע האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון זיין בלאָנדזשענדיקן בליק. „ער באַקוקט, צי האָב איך נישט פאַרזעצט וואָס-נישט-איז פאַר דער צייט“, — האָט ער אויפגעבראַכט אַ טראַכט געטון.

— הם... איך האָב באַקומען אייער חשובן בריוו, — האָט ענדלעך געזאָגט מייער. — איר האַלט, הייסט עס, אַז עס זענען נישטאָ קיין שום סיבות כדי צונויפצורופן אַ פאַרזאַמלונג, אָבער איך... געפין איין פונ־דעכטווענן...

— ניין, איך געפין דאָס נישט אײַן, — האָט פעללע געענטפערט; ער האָט באַשלאָסן זיך האַלטן אין יענעם טאָן, אין וועלכן ער האָט געשריבן. — באַ דעם איצטיקן מאָמענט הערשט באַ אונז אַ פולשטענדיקע אָרדנונג. מיר דאַכט זיך בכלל, אַז איצט וועט אַלץ גיין כשורה, ווײַל מיר האָבן אונזער פאַריין, איר — אײַערן, און יעדער אײנער דאַרף באַטראַכטן די פראַגעס אָנפּניותדיק. — ער האָט אַ קוק געטון אויף מייערן מיט אַן אומשולדיקן בליק...

— יאַ, אַזוי איז אייער מיינונג? אייך איז אָבער נישט אומבאַקאַנט, אַז מיינע אַרבעטער גייען אַוועק פון מיר איינער נאָכן צווייטן, אָדער ריכטיקער, מען נעמט זיי אַוועק פון מיר. באַ מיין גאַנצן גוטן ווילן קאָן איך דאָס נישט אָנרופן — אָרדנונג.

פעללען האָט פאַרדראָסן מייערס חניפהדיקער טאָן. צו וואָס, צו אַלדע רוחות, רעדט ער מיט רמזים, און שרייט נישט און שטורעמט נישט ווי אַן אמתער מאַנסביל? אָבער, מילא, אויב ער וויל אומגיין דעליקאַט, איז מהיכי־תיתי.

— אַך, אייערע אָנגעשטעלטע גייען אַוועק פון אייך? ווער זאָגט דאָס? — האָט פעללע געפרעגט, ווי דאָס זאָל אים פאַראינטערעסירן.

— יאָ, אַזוי איז דאָס, — האָט מייער געענטפערט, אַ געפּלעפּטער. פעללעס טאָן האָט אים אינגאַנצן אַראָפּגעשלאָגן פון וועג. — זיי הערן מיך נישט, זיי האַלטן נישט זייערע אָפּמאַכן, מיינע שליחים לויפן צו זיי אומזיסט־אומנישט. פריער פלעגט יעדער איינער נעמען זיין אַרבעט און זי אַליין אָפּברענגען, איצט מוז איך האַלטן אויף דעם ספּעציעלע שליחים. די אונטערנעמונג קאָן נישט אַרבעטן באַ אַזאַ לאַגע.

— די געזעלנס פלעגן אויך אָפּט מוזן גיין צו אייך אומזיסט־אומנישט; איך האָב דאָך געדינט באַ אייך, און כ'האָב דאָס אַליין איבערגעלעבט אויף זיך, — האָט פעללע דערווידערט. — אָבער איר האַלט, מסתמא, אַז ווען מיר פאַרלירן צייט איז דאָס נישט אַזוי וויכטיק?

מייער האָט אַ צי געטון מיט די באַרקעס.

— כ'מיין, אַז דאָס פלעגט זיך דעקן דורכן אַרבעטס־לוין; יעדנ־

פאַלס האָט אַזאַ סדר תמיד עקזיסטירט. יעדנפאַלס איז פאַר מיר דער עיקר צו זיין פאַרזאָרגט מיט מענטשן. אַזוי קאָן דאָס ווייטער נישט דויערן, מיין ליבער! — האָט מייער פלוצלינג אויסגעשריגן. — דאָס איז דאָך עקלהאַפט, צו אַלדי רוחות, דאָס איז דאָך געוויסנלאָז!

דער קליינינקער לאַססע איז אויפגעשפּרונגען און גענומען וויינען. עללען איז איילי̇ק אַריין אין צימער און אַוועקגעטראָגן דאָס קינד אין שלאָפצימער. אַרום פעללעס ליפּן האָט זיך צעלייגט אַ שאַרפער קנייטש.

— אויב אייערע אַרבעטער גייען אַוועק פון אייך, האָבן זיי, מסתמא, אַ גרונט דערצו, — האָט ער געענטפערט, — אינדערזאמתן האָט זיך אים געוואָלט אָפּזידלען מייערן. — דער פאַריין קאָן נישט צווינגען זיינע מיטגלידער צו אַרבעטן בײַ אַזאַ באַלעבאָס, מיט וועלכן זיי קאָנען נישט אויסקומען. אויך מיך האָט מען נישט לאַנג צוריק אָפּגעזאָגט אין איין וואַרשטאַט. מען קאָן דאָך אָבער נישט אויפהייבן קיין טומל צוליב דעם אין צוויי פאַריינען.

פעללע האָט שאַרף געקוקט מייערן אין די אויגן, דערלאַנגענדיק אים צוריק דעמדאָזיקן קלאַפּ; פעללעס פנים האָט זיך לייכט אויסגעקרומט.

— אהא, — האָט מייער געענטפערט און גענומען רייבן די הענט מיט אַזאַ אויסזעען, ווי ער וואָלט פלוצלינג דערפילט אונטער זיך אַ פעסטן באָדן. — אָט אַזוי, ענדלעך האָט איר זיך אַרויסגעזאָגט. איר זענט אויך אַ דיפּלאָמאַט, אַן אויסגעצייכנטער דיפּלאָמאַט. אייער מאַן איז אַ חכם אַ מענטש, ליבסטע באַלעבאָסטע, — האָט ער זיך געווענדט צו עללען, וואָס האָט עפּעס געטון בײַם בופעט. — הערט מיך אויס, הער פעללע, איר זענט פונקט דער מענטש, וועלכן איך דאַרף האָבן, און מיר דאַרפן זיך צונויפרעדן. ווען צוויי טיכטיקע מענטשן נעמען זיך צו עפּעס, וועט דערפון באַשטימט עפּעס אַרויסקומען. אַנדערש קאָן גאָרנישט זיין. איך דאַרף האָבן אַן אינטעליגענטן און טיכטיקן מענטש, וועלכער זאָל קאָנען פאַרוואַלטן מיט דער מאָס־און צושניידער־אָפּטיילונג. די שטעלע וועט גוט באַצאָלט און איר קאָנט תיכף שליסן אַ קאָנטראַקט אויף אַ פּאָר יאָר. וואָס וועט איר זאָגן דערצו?

פעללע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. עללענס אויגן האָבן באַגייסטערט געפינקלט, זיי זענען טונקעלער געוואָרן און האָבן שאַרף געקוקט אויף אים, ווי זיי וואָלטן וועלן אַרויספּצווינגען אויף אים איר ווילן. אויף

איין אויגנבליק האָט זיך פעללע פאַרלוירן! דאָס איז געווען אַזאַ אויסטערלישער, אומגעריכטער פאָרשלאַג! ער האָט אים איינגאַנצן געפּלעפּט; דערנאָך האָט ער אַ שמייכל געטון. אַי, אַי! מען לייגט אים פאָר זיך פאַרקויפן דעמדאָזיקן בלוטזויגער! ווערן זיין געהילף!

— ניין, דאָס איז נישט פּאַסיק פאַר מיר, — האָט ער געענפערט.

— באַטראַכט זיך נאָר וועגן מיין פאָרשלאַג, — האָט מייער געזאָגט. — לאָמיר אָפּרעדן, אַז איר וועט מיר מעלדן אייער באַשלוס, לאָמיר זאָגן, אין דריי טעג אַרום.

ווען מייער איז אַוועקגעגאַנגען, איז עללען פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו פעללען און אַוועקגעלייגט איר האַנט אויף זיין אַקסל.

— סאַראַ קלוגער און טיכטיקער דו ביסט, — האָט זי שטיל געזאָגט, גלעטנדיק זיינע האָר.

איר גאַנץ וועזן, האָט זיך געדאַכט, דריקט אויס עפּעס אַ בקשה. וועגן מייערס פאָרשלאַג האָט זי קיין וואָרט נישט גערעדט, נאָר פריילעך געזונגען באַ דער אַרבעט. פעללע האָט שוין לאַנג נישט געהערט איר געזאַנג, און עס האָט אים היינטיקס מאָל ווי פאָרויסגעזאָגט אַ נצחון.

XX.

פעללע האָט געפירט אַן אומדערמידלעכן קאַמף; אים איז אויסגעקומען אַ סך צו קעמפן מיט אומגינסטיקע באַדינגונגען, כּסדר איינטענהן מיט חברים, וועלכע זענען אָפּגעשטאַנען פון דער באַוועגונג. ער איז אָבער דרייסט געגאַנגען ווייטער, אַ סך מאָל פלעגט ער זיך אומקערן צום פריערדיקן אויסגאַנגס־פּונקט.

מייער האָט אויסגעשריבן פון אויסלאַנד אַ נייע פּאַרטיע אַרבעטער: פעללע האָט זיך געמוזט פאַרנעמען מיט זיי, מען האָט געדאַרפט פּועלן, זיי זאָלן אָפּפאָרן, אַנדערע מיטן גוטן ווילן, און די איבעריקע אונטערן דרוק פון דער פיינטלעכער באַציונג פון די אָרגאַניזירטע איינוווינער פון יענע אַרבעטער־קאָמונעס, וווּ זיי האָבן זיך באַזעצט. דער קאַלטער ווינטער האָט מייערן פּראָטעזשירט. ער האָט וועריבירט אַ גרופּע נישט אָרגאַניזירטע אַרבעטער און זיי געצאָלט זייער גוט: איין צייט האָט זיך געדאַכט,

אַז זיין געשעפט נעמט גיין אַזוי גוט ווי פריער. פעללע אָבער האָט געלאָזט צורו די נישט-אָרגאַניזירטע אַרבעטער בלויז ביז אַ באַשטימטער צייט; איצט האָט ער זיך גענומען צו זיי נאָך מיט מער עקשנות, ווי פריער. די פעסטקייט פון זיין ווילן איז שוין געווען באַקאַנט און אַ סך זענען שוין רעכטצייטיק אַריבער אויף זיין זייט.

— קיין שום שד קאָן זיך אים נישט אַקעגנשטעלן, — האָבן זיי גערעדט צווישן זיך.

פעללע האָט קיין איין מינוט נישט געספקט אין נצחון און ער איז דרייסט צוגעטרעטן צו דער אַרבעט; ער האָט נישט פילאָזאָפירט, נאָר אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כּוחות, כּדי צו האָבן דערפאָלג. עס זענען אויפגעשטיגן אין אים מעכטיקע כּוחות און אים געפירט אויפן גלייכן וועג. די אָרגאַניזירטע אַרבעטער זענען גערן געגאַנגען נאָך אים, נעמענדיק פאַר ליב די קוועלערייען, וואָס מאַכן אויס די נאַטירלעכע פּועל-יוצאס פון אַרבעטסלאָזיקייט. ער האָט גענאָסן זייער פולן צוטרוי און די אַרבעטער איז געפעלן געווען דערדאָזיקער שיינער שפיל „פון איבערקערן דעם שפיץ אויף דער צווייטער זייט", דערביי איז די גאַנצע קראַפט פון קלאַפּ געפאַלן אויפן אויסגאַנגס-פונקט. זיי האָבן געחוסט פון ביטערער דערפאַרונג, וואָס עס הייסט אומזיסט-אומגישט לויפן נאָך אַרבעט, בעטן רחמים וועגן דעם נעבעכדיקן פאַרדינסט, זיין נישטיקע, אומבאַמערקבאַרע מענטשעלעך. ס'איז געווען זייער קאָמיש צו בייטן די ראָלעס. איצט האָט דאָס מייזל געשפּילט מיט דער קאַץ, הגם דידאָזיקע פלעגט נאָך צייטנווייז אַרויסלאָזן אירע נעגל.

פעללע האָט געפילט צו די אַרבעטער צוטרוי, ער האָט געזעען די גרייטקייט, מיט וועלכער זיי זענען געגאַנגען נאָך אים, ריכטיק ווי ער וואָלט געווען דער אויסדריקער פון זייער אייגענער שטימונג. און ווען ער פלעגט זיך פאַרנעמען מיט אַגיטאַציע-אַרבעט און רעפערירן אויף פילקעפיקע מיטינגען, פלעגט ער באַגעגענען די צושטימונג פון די חברים. זיי האָבן געשפּירט אין אים מעכטיקע כּוחות.

געוויס, ער איז באַרופן געווען צו זיין אַ פירער. דערדאָזיקער פעללע, דערדאָזיקער קלוגער און רויקער פעללע, וועלכער האָט געקאָנט אַנלערנען מייערן, נישט זאָגנדיק אים קיין איין גראָב וואָרט, דאָס איז געווען עפּעס אַ באַזונדערער פעללע, אַן אויסערגעוויינלעכער. אין אים איז געלעגן באַהאַלטן אַ צווייט, העכער ווען, אַ מער אחריותדיקס, ווי

ער אַליין האָט דאָס חושד געווען. ער האָט זיך אַליין אויספּרובירט און זיך איבערצייגט אין זיינע מעכטיקע כּוחות.

דאָסדאָזיקע העכערע איז געהיימנישפוּל פאַרבונדן געווען מיט זיין פריסטער קינדהייט; דאַן נאָך האָט זיך אַ סך אויסגעוויזן, אַז ער איז באַרופן צו עפּעס אויסערגעוויינלעכס, דאַן האָט ער זיי געהערט מיט פאַרווונדערונג, איצט האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזן אַלס פאַרזאָגונג.

ער האָט גענומען לייגן מער אַכט אויף די ווערטער, וועלכע זענען געזאָגט געוואָרן וועגן אים; ער האָט דערזעען ווי אומענדלעך עס דויערט, ביז זיי פאַרווירקלעכן זיך, אָבער בּאַ דער אַגיטאַציע האָט ער אָפּערירט מיט די שטאַרקסטע און נאַטירלעכסטע אויסדרוקן. זיי האָבן געקלונגען אין אים ווי אַ ווידערקול פון די ווערטער, וועלכע האָבן זיך דערטראָגן איבער אָן-סופיקע פּוסטקייטן פון רוים פון עפּעס, וואָס האָט זיך געפונען הינטער פעלן גופא. ער האָט זיך איצט פאַרנומען מיט זיין אייגענער פערזאָן, אַלדאָס פרייע און נישט-באַאַרבעטע אין אים האָט געמוזט קולטיווירט ווערן, כּדי צו דינען אַ באַשטימטן ציל. ער האָט אַנאַליזירט אויך זיין באַציונג צו עללען, ער האָט זיך באַמיט זי אַנטשולדיקן און פאַרשטיין איר פאָדערונג נאָך גליק. ער האָט זיך ב. צויגן צו איר ווייך און פריינטלעך — אָבער אין גרויסע זאַכן איז ער געווען נישט צו בייגן.

ער האָט נישט געפילט קיין שום געוויסנסביסן בנוגע מייערן. מייער האָט געבראַכט צו פיל שאָדן מיט זיין גרויסער אונטערנעמונג; פעללע האָט געקירעוועט די באַדינגונגען לויט זיין שטייגער און איצט האָבן זיי געשלאָגן מייערן מיט זיין אייגן געווער. ס'איז געווען זומער, דער סעזאָן פאַר די אַרבעטער, און מייערס אונטערנעמונג האָט זיך באַדייטנדיק אַ טרייסל געטון. פעללע האָט דאָס פאָרויסגעזען און זיך געפילט אַלס גערעכטער נקמה-נעמער.

דער קאַמף, וואָס האָט געדויערט יאָרנלאַנג האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט. ער איז תמיד ערגעץ-וווהין געלאָפן, פלעגט קומען צו לויכן ווי אַ וויכער אַהיים און זיך וואַרפן אויף דער אַרבעט מיט ווילדער ליידנשאַפט, און ענדיקנדיק זי — ווידער אַנטלויפן. עללען מיטן קליינינקן לאַססע האָט ער כּמעט ווי נישט געזעען, און זיי האָבן געלעבט מיט זייער אייגענעם לעבן.

ער האָט זיך נישט געוואָלט באַרויקן מיטן פאַקט, וואָס די פאַריי-ביקונג איז געווען אַ פעסטע. ער איז תמיד ערגעץ-וווהין געגאַנגען, כּדי

נאָך ערגעץ־ווו אונטערצושפּאַרן, ערגעץ־ווו צוצובויען, ער האָט מורא געהאַט צו פאַלן אַ קרבן פון אייגענער אומפּאָרזיכטיקייט. זיין אומדער־מידלעכקייט האָט אָנגעשטעקט די חברים, זיי זענען געוואָרן אַלץ ענער־גישער און ענערגישער. וואָס לענגער עס האָט זיך פאַרצויגן דער קאַמף, ער איז געוואַקסן אין זייערע אויגן אַ דאַנק די קרבנות, וועלכע ער האָט געפאָדערט פון זיי און ווידער אַ דאַנק זייער ווידערשטאַנד איז מייער געוואָרן פאַר זיי אַ גיגאַנט, וואָס כּדי אים צו צעשמעטערן איז יעדער גרייט געווען מקריב צו זיין מיט זיין גאַנצן וויל. פאַמיליעס זענען אומגעקומען, אָבער וואָס מער קרבנות דער קאַמף האָט פאַרשלונגען, אַלץ פאַרביסענער איז ער געוואָרן, און זיי האָבן פאָרויס טריומפירט, פאָרויס־זעענדיק דעם טאָג, ווען דער גיגאַנט וועט פאַלן, מעג ער אפילו באַגראָבן אונטער זיך אַ סך פון זיי...

פעללע וועט זיכער מנצח זיין! דער נישטיקער געזעלן וועט אומ־ברענגען דעם גרעסטן באַלעבאָס. זיי האָבן נישט געפרעגט וואָסער פּרייז ער באַצאָלט פאַרן דאַזיקן נצחון, אָבער זיין נצחונדיקער נאָמען איז געווען בא אַלעמען אויף די ליפּן.

ווי נאָר ער פלעגט זיך באַווייזן אָדער ווען עמעצער פלעגט דער־מאָנען זיין נאָמען — פלעגט אָפּקלינגען אַ הויכער הוראַ. פריער וואָלט דאָס אים פאַרדרייט דעם קאָפּ, איצט אָבער האָט ער דאָס געהאַלטן פאַר גאַנץ נאַטירלעך, אַלס רעזולטאַט פון העכסטן ווילן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער ער האָט פאָרגעלייגט אויסצואַרבעטן אַ נייעם טאַריף, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די פּרייזן.

— קיין בעסערע געלעגנהייט וועט זיך שוין קיינמאָל נישט מאַכן, — האָט ער געזאָגט. — זיי האָבן איצט געזען, אויף וואָס מיר זענען פעיק! מיט דערדאָזיקער טאַריף־פראַגע האָבן מיר אומגעבראַכט מייערן, און איצט דאַרף מען שמידן דאָס אייזן, כּל זמן עס איז הייס.

ער האָט אויסגערעכנט אויף דעם, אַז די חברים האָבן נאָך נישט פאַרלוירן די קריגערישע שטימונג, נישט געקוקט אויף אַלע ליידן, וואָס זיי האָבן איבערגעטראָגן — און ער האָט קיין טעות נישט געהאַט. זיין פאָרשלאָג איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

קיין קאַמף פאַרן טאַריף איז נישט אויסגעקומען צו פירן. מייער האָט שוין קיין השבעה נישט געהאַט; ער איז אַרומגעלאָפן מיט מוסטערן פון אַ לעדער־פאַבריק, כּדי זיי צו פאַרשפּרייטן צווישן די מייסטערס.

ס'איז א רחמנות געווען צו קוקן אויפן דאָזיקן, אמאָל אזוי מעכטיקן מענטש. דער מייסטער-פאַריין האָט אויסגעווײלט עטלעכע מענטשן פון צווישן זיך, כדי צו פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן העכערן דעם פרייז.

XXI.

אַמאָל פלעגט פעללע בענקען נאָכן פריערדיקן — שטילן, געמיינזאַמען לעבן מיט עללען און דעם קליינינקן לאַססע; ער האָט מיט טרויער געזען, אַז זיי ווערן גליקלעך און האָבן זיך כמעט ווי צוגעווינט צו באַגיין זיך אָן אים.

— זאָל איך נאָר פאַרענדיקן מיטן דאָזיקן ענין, וועל איך ווידער געמיטלעך און פריידיק לעבן מיט זיי! — פלעגט ער טראַכטן.

אָבער איין פראַגע איז ענג פאַרבונדן געווען מיט דער צווייטער. די צווייטע מיט נאָך איינער — די וועלט פון אָרימען האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ קאָמפּליצירטע קייט פון רינגען. דער שם וועגן זיין לייכטער האַנט, אַלס אָרגאַניזאַטאָר, האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט; אומעטום האָט מען גערעדט וועגן פאַרייניקן זיך און מען האָט מיט דערוואַרטונג אויסגעקוקט אויף פעללען.

אָפט פלעגן צו אים קומען אַרבעטער מיט אַ בקשה צו העלפן זיי גרינדן אַן אָרגאַניזאַציע, — קיינער האָט נישט געהאַט אַזאַ לייכטע האַנט. זיי פלעגן צונויפרופן אַ פאַרזאַמלונג און פעללע פלעגט זיי אויפקלערן דעם ענין. ער פלעגט רעדן מיט גרויס פּאַטאָס, אָבער פונדעסטוועגן פלעגן זיי אים גוט פאַרשטיין.

— ער רעדט אַזוי, אַז ס'קלינגט ממש אין די אויערן, — פלעגן זיי זאָגן איינע צו די אַנדערע. מען פלעגט אויסקלויבן זיכערע מענטשן און פעללע פלעגט זיי אויסלערנען די פּראַקטישע זייט פון דער זאַך.

— איר וועט אָבער מוזן מקריב זיין אַ געוויסע סומע געלט, כדי צו גרינדן אַ קאַסע, — פלעגט ער כסדר זאָגן. — אָן געלט זענען מיר הילפלאָז. מיר קעמפן דאָך מיטן קאַפּיטאַל, פאַרגעסט דאָס נישט.

— סאָ מיט וועלכן געווער וועלן מיר קעמפן ? — האָט אים איינ־מאָל געפרעגט אַ נאַיווער אַרבעטער.

— מיטן געלט־געווער, — האָט פעללע שנעל געענטפערט.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט און האָבן אויסגעקערט זייערע קעשע־נעס. אָבער פאַרן אָפּגעבן דאָס געלט האָבן זיי אַ ביסל אָפּגעוואַרט.

— דאָס האָט דאָך אָבער קיין באַדייט נישט, — האָבן זיי גע־זאָגט.

— ס׳וועט קומען אַ טאָג, ווען דאָס וועט באַדייטן אַ סך, אויב מיר וועלן נאָר היטן אונזער אחדות, — האָט פעללע איבערצייגט געזאָגט. ער האָט זיי געלאָזט בלויז ברויט, צונעמענדיק בײַ זיי דעם שפּעק, ער האָט דאָס גאַנץ גוט געוווסט, אָבער מען האָט זיך נישט געקאָנט העלפן. בײַ אים אַליין איז די לאַגע נישט געווען בעסער ווי בײַ די אַנדערע.

זיין טעטיקייט האָט אים מיטגעריסן אַלץ ווייטער און ווייטער, אַלץ אין ברייטערע קרייזן און, לסוף, האָט ער זיך דערזעען צווישן צאָלרייכע מאַסן. ער האָט זיך נישט פאַרוווּנדערט, ווייל ער האָט דאָס פאָרויסגעפילט. ער איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן צאָל־וווּקס פון די מאַסן און צוליב דעם געמאָסטן די באַוועגונג און זיך אַליין אַלץ מיט אַ גרעסערער מאָס.

אין יענער צייט איז מיט אים פאָרגעקומען אַ ווונדערלעכע ענדע־רונג, אויף זיין שטערן זענען נאָך אַלץ געלעגן טיפע קנייטשן, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר יונגע מענטשן מיט אַ פינצטערער קינדהייט. זיי זענען געווען די איינציקע ביטערע עדות פון דעם, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, און האָבן דערמאַנט אין אַ שטורעם־וואָלקן. בכלל אָבער האָט ער געהאַט זייער אַ געזונטן אויסזעען, דאָס אַרבעטס־לעבן האָט נישט געלאָזט קיין סימנים אויף אים, דאָס געפיל פון סאָלידאַריש־קייט האָט אים אונטערגעהאַלטן און ער איז תמיד געווען פריילעך. ער האָט באַקומען קיילעכיקע באַקן ווי בײַ אַ טרומייט־בלאָזער און די צי־טערנדנדיקע נאָזלעכער האָבן עדות געזאָגט וועגן זיין פלאַמיקן כאַראַק־טער : ער האָט זיך געניטיקט אין אַ סך לופט און ער האָט געטראָגן צעעפנט דאָס העמד, לאָזנדיק פריי די ברוסט. דער גלייכער און עלאַס־טישער גאַנג האָט צוגעגעבן זיין גאַנצער פיגור עפּעס אַרויספאָדערנדיקס. ווען ער פלעגט רעדן אויף פאַרזאַמלונגען, פלעגט מען אין זיינע רייד שפּירן קראַפט, ער פלעגט ווערן טונקל־רויט און שוויצן ; די פאַרב

פלעגט לאַנג נישט אַראָפּנעמען פון זיין פּנים און באַקן און בכלל פלעגט פון זיין גאַנצן קערפּער שלאָגן אַ היץ. פעלדע איז געווען ווי אַ פּאַרויס־גייענדיקער טרומייט־בלאָזער פון דער מאַרש־אָפּטיילונג. ער האָט זיך געפילט צווישן עולם, ווי אַ פיש אין וואַסער. מען האָט געדאַרפט אַריינ־ברענגען איינהייטלעכקייט אין דער אַלגעמיינער צעריסנקייט.

די מערהייט האָט נאָך נישט געהאַט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג, צייטנווייז פלעגט אויפפלאַקערן דער פריערדיקער אומצוטרוי, צווישן די מאַסן פלעגן אויפקומען ספקות. איינע האָבן אים בלינד געגלייבט, די אַנדערע פלעגן אָבער זאָגן: „איז דען נישט אַלץ איינס, צי ס'וועט אונז אַרומצופן דער אָדער יענער!” עס איז נישט פאַרגעקומען קיין שום בולט־גרויסעס, אַנטאַפּנדיקס, וואָס זאָל זיך וואַרפן יעדן אין די אויגן; מען האָט ווידער געמוזט זיך פאַרלאָזן אויף אַ מענטש, ווי דער בלינדער אויף זיין פירער, און כסדר צוהערן זיך צו זיין קול. פעלדע איז געוואָרן זייער באַליבטער רעדנער. ער האָט געפילט, ווי שטאַרק עס מונטערט אים זייער בלינדער צוטרוי און ער האָט געקוקט אין האַרמאָנישן מאָרגן דורכן כאַאָטישן היינט. פעלדע האָט כסדר געהאַט צו טון מיט גליק. ער האָט עס קלאָר געזעען — דאָרט, אויף זיין וועג, און ער פלעגט אָנשטעקן די אַרומיקע מיט זיין אומבאַזיגלעכער באַגייסטערונג.

איינמאָל אינאָוונט האָט מען אים גערופן צו באַגייסטערן די אי־נערטישע אַסעניזאַציע־אַרבעטער. כדי צו הייבן אין זיי דאָס געפיל פון אייגענער חשיבות, האָט ער זיי געוויזן, סאַראַ גרויסע באַדייטונג עס האָט זייער כלומרשט מבוזהדיקע אַרבעט. ער האָט זיך באַמיט אויסצומאָלן פאַר זיי אַ בילד וועגן דעם, וואָס עס וואָלט געשען, ווען זיי זאָלן וואַרפן די אַרבעט; מיט אַ לעבעדיקן הומאָר האָט ער זיי אָנגעוויזן אויף די רעזולטאַטן פון זייער שטרייק פאַר די העכערע קלאַסן. דאָס האָט געמאַכט אַ ריזיקן איינדרוק. די אַרבעטער האָבן זיך איבערגעקוקט, ריכטיק ווי ערשט איצט האָבן זיי זיך אַליין דערזעען, און אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער.

אויסנוצנדיק די געלונגענע ווירקונג פון זיינע רייד, האָט ער זיי גענומען אויפווייזן, ווי איין מלאכה דאַרף אונטערשטיצן די צווייטע, ביז דער אַלגעמיינער שטרייק וועט אַרויפלייגן זיין אַלמעכטיקע האַנט אויף דער גאַנצער שטאָט. דאָס איז געווען אַ פאַנטאַזיע. פעלדע איז טעאָרע־טיש נישט געווען באַקאַנט מיט דער אַנטוויקלונג פון דער באַוועגונג, אָבער דער דרוק פון אינערלעכער קראַפט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז

ער האָט צעריסן פאַר זיינע אויגן דעם פאָרהאַנג פון דער צוקונפט. די אַרבעטער זענען זיך צעגאַנגען, געמוּנטערט און אפילו דערשראָקן פון זייער מאַכט. עס איז אָבער געווען אַזוינס, וואָס האָט אים נישט באַפרידיקט. פעללעס נאַטור איז געווען אַ שעפערישע, און נישט קיין צעשטערערישע! „די אָרימע דאַרפן נאָר וועלן, און זיי וועלן צוריקבאַקומען זייער פאַרמעגן״, — האָט מאַרטען אַמאָל געזאָגט, און דידאַזיקע ווערטער האָבן נישט אויפגעהערט צו קלינגען אין פעללעס אויערן. ער האָט אָבער נישט געוואָלט קיין געוואַלט-איבערקערענישן און ער האָט געפונען אַ גוטן אויסוועג. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אחדות קאָן ברענגען צו אַ פרידלעכער איבערקערעניש. די מיטגלידער פון זיין אייגענעם פאַריין האָט ער צונויפגעשמידט פעסט; דאָס איז נאָך געווען זייער ווינציק, אָבער אויב ס׳איז באַשערט עס זאָלן פאָקומען גרויסע געשעענישן, מוזן די אָרטיקע פאַריינען קומען אין פאַרבינדונג מיט די פאַריינען פון אַנדערע שטעט; אויך דאָס איז שוין טיילווייז געווען צוגעגרייט; אָבער דידאָזיקע אַלע אָרטיקע פאַריינען מוזן זיך צוזאַמענגיסן אין איין גאַנצעס, כדי איין איינציקער געדאַנק זאָל אַרומכאַפּן דאָס גאַנצע לאַנד. אין אַנדערע לענדער איז פאָרגעקומען דאָס זעלבע, טאָ פאַרוואָס-זשע זאָל מען סוף-כל-סוף נישט פאַרייניקן אין איין גאַנצעס די פאַריינען פון אַלע לענדער. און פריער פאַר אַלץ האָט פעללע געזעען, ווי די גאַנצע וועלט ווערט אַרומגעכאַפּט פון אַלגעמיינער סאָלידאַרישקייט. ער האָט געוווּסט, אַז די נויט איז אינטערנאַציאָנאַל און ער איז געווען איבערצייגט, אַז דער אָרימאַן טראַכט און פילט איינאַרטיק אויף דער גאַנצער וועלט.

די דערהויבנקייט פון דאָזיקן געדאַנק האָט אים נישט איבערראַשט. ער איז אַרויסגעפלאָסן פון די געדאַנקען וועגן זיין אייגענער אָרגאַניזאַציע. דער אונטערשיד איז געווען נישט קיין איכותדיקער נאָר אַ כמותדיקער. פעללע איז צוגעטרעטן באַאַרבעטן זיינע אידעען און, לסוף, ווען זיי האָבן אָנגענומען אַ מער קאָנקרעטע פאָרם, איז ער אַוועק צו זיין שווער, איינעם פון די אָנפירער פון דער פּאַרטיי, וועלכער האָט אים פאָרגעלייגט צו האַלטן וועגן דעם אַ פאָרטראַג אין אויספיר-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. פעללע איז געוווינט געווען צו האַלטן רעדעס, אָבער דאָ, אין האַרץ פון דער באַוועגונג, האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ פיבער. זיינע ווערטער וואָלטן געקאָנט מיטרייסן אַ סך, ווען אים זאָל געלונגען פאַראינטערעסירן דידאָזיקע דערפאַרענע מענטשן, וועלכע האָבן פּאַקטיש

אָנגעפירט מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן, בעת די אַנדערע האָבן זיך פרידי־לעך באַשעפטיקט מיט זייער אַרבעט. ער האָט געפילט, אַז דערדאָזיקער טאָג איז דער באַדייטנדיקסטער אין זיין גאַנצן לעבן. זיינע צוהערער זענען לויט זייער טעמפּעראַמענט געווען רויקער פאַר אים. זיי זענען געזעסן אומבאַוועגלעך און געהערט מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן; זיינע שטאַרקע אויסדרוקן האָבן אַרויסגערופן בא זיי אַ לייכטן שמייכל; זיי האָבן שוין לאַנג אַריבערגעשפּרייזט איבער זיי! דידאָזיקע באַלמעלאָכעס און אַרבעטער האָבן זיך געמאַטערט, פּונקט ווי ער, פאַר אַ ביסן ברויט, אָבער אַ סך פון זיי זענען געווען זייער געבילדעט און האָבן געקאָנט גילטן אַלס געלערנטע. אין די אָוונטן און זונטיקן פלעגן זיי אויסאַרבעטן פּאָליטישע פּלענער און זענען געווען פאַרזונקען אין אַלערליי חשבונות און דעטאַלן פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. זיי זענען געוואָרן שווערבאַוועגלעך — דערפאַר, וואָס זיי האָבן איינגעזויגן אין זיך אַזויפיל אומגעווײנלעכס, וואָס איז ביז איצט אייגן געווען נאָר דעם אַנדערן קלאַס, דערביי איז זיי אויסגעקומען אָנצוהייבן פון אַלף־בית; זייערע קעפּ זענען נרוי געוואָרן, די פּנימער האָבן זיך באַדעקט מיט קנייטשן. פּעללע האָט זיך געפילט אַלס „גרינער״. אין קרייז פון דידאָזיקע מענטשן האָט ער זיך געפילט אַזוי, ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אויף אַ זיצונג פון אַ מעכאַניקן געהיימען ראַט; דאָרט, מחוץ דערדאָזיקער שטוב, זענען זיי געווען, פּונקט ווי אַלע אַנדערע, אָבער דאָ, באַם גרינעם טיש, זענען זיי געזעסן אַלס פירער פון גרויסע אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע ער האָט בלויז צוגעצויגן די מאַסן, אָבער דאָ איז געמאַכט געוואָרן ערנסטע פּאָליטיק; דידאָזיקע פּאָליטיק האָט אַזויווי אָפּגעלייקנט די קראַפט פון דער גאָטהייט, דאָס איז דאָך געווען פּינקט דאָס זעלבע, ווי צווינגען די מוראַשקעס־צוצוטראַכטן פּלענער וועגן דעם, ווי אַזוי אָפּצורוקן פון אָרט דעם שכנותדיקן באַרג. און אויב פּעללע האָט געוואָלט דערגרייכן עפּעס באמתווירקלעכס, האָט ער געדאַרפט זיין צווישן זיי. אָבער דאָ איז נייטיק געווען עפּעס אַנדערש, אַ חוץ די הויכע ווערטער. ער האָט נישט ווילנדיק אַראָפּגעדריקט דעם טאָן און זיך באַמיט רעדן אין תוך פון דער זאַך. ווען ער האָט געענדיקט רעדן, האָבן זיך נישט געהערט קיין שום צושטימונגס־אויסרופן, אַלע זענען געבליבן זיצן, פאַרזונקען אין געדאַנקען. — די שטילקייט האָט געווירקט אויף אים, ווי אַן אומענדלעכער תהום — ס׳האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ. זיין גאַנץ וועזן איז, אַזוי צו זאָגן, איבערגעקערט געווען אויף דער לינקער זייט. עס האָט תמיד געוואָרט

אויף צושטימונגען פון אויסנווייניק און האָט געשעפּט זיין קראַפט פון דידאָזיקע אומצאָליקע, וועלכע האָבן אים געשאַפן. און דאָ, אין אנטשיידענעם מאָמענט, האָט אַלץ געשוויגן; ער איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויפן אייגענעם באַראָט. ס'איז נישט געווען אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן.

איז דען זיין גאַנצער פּלאַן וועגן אַ געמיינזאַמער טעטיקייט געווען אַ נאַרישקייט? צי אפשר האָט פּעללע אים נישט געקאָנט אויסלייגן? קיינער האָט נישט געענטפערט. פּעללען האָט מען רויק אויסגעפרעגט וועגן אייניקע דעטאַלן פון זיין פּלאַן און אים שווייגנדיק אויסגעהערט. פּעללע איז געווען שרעקלעך אויפגערעגט. ער האָט געפילט, אַז ער האָט באַרירט אַ פראַגע פון אומגעהייערער וויכטיקייט, און ער האָט זיך גענייטיקט מען זאָל זי אים באַשטעטיקן. דאַן האָט ער זיך געווענדט צו זיך אַליין. דאָס איז, אמת, נישט געלעגן אין זיין כאַראַקטער, אָבער קיינער האָט נישט געגעבן קיין ענטפער. ער האָט געמוזט זוכן אָנערקענונג בא זיך אַליין. דאָס האָט מיט פּעללען געטראָפן צום ערשטן מאָל. און ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין אנטשיידענעם מאָמענט קאָן ער זיך אָנשפּאַרן אויף זיך אַליין. אין דעם האָט ער געפונען אַ געוויסע באַפרידיקונג. אים איז אָבער פונדעסטוועגן נישט געפעלן געוואָרן אַזאַ איינזאַמקייט און ער האָט זיך געווענדט צו דערדאָזיקער זעלבסטבאַשטעטיקונג בלויז אין גאָר נייטיקע פאַלן. זיין האַרץ האָט מעכטיק גענומען קלאַפּן, ווען ער האָט באַקומען די ידיעה, אַז זיין פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ קאָמיטעט אויף דורכצופירן דעם פּלאַן אין לעבן. פּעללע איז אין אים אַריין אַלס מיטגליד.

* *

*

דער צוזאַמענשלוס מיטן דאָרף האָט געשאַפן אַ ריזיקע אַרמיי, וועלכע האָט דערדריקט שוין מיט איר בלויזער צאָלרייכקייט, אָבער עס האָט זיך נאָך געפאָדערט אַ גרויסע אָנגעשטרענגטע אַרבעט, כדי צו אָרגאַניזירן דידאָזיקע צעשטויבטע מאַסן, און זיי זענען אַלץ מער און מער צוגעקומען, ווי דאָס וואַסער פליסט צום ים אין קראַפט פון אַ נאַטורגעזעץ. און ס'איז נייטיק געווען אַ גרויסער טאַלאַנט פון אַ הויפּט-אָנפירער, כדי זיי צוצוגרייטן צום קאַמף און אַרויספירן אויפן שלאַכט-פעלד,

פעללע האָט פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן, זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, כּדי דורכצופֿירן אַ וועג פאַרויס און אַגיטירן; ער האָט פאַרמאָגט די פעיקייט צו באַהערשן די אויפמערקזאַמ־קייט פון עולם. אין יענער צייט האָט פעללע באַקומען אַ שטענדיקע אַרבעט בײַ איינעם פון די גרויסע מייסטערס, דאָס האָט באַדייט, אַז מען האָט אָנערקענט די אָרגאַניזאַציעס; דער אַרבעטס־לוין איז געהעכערט געוואָרן, אַזוי אַז אים איז געלונגען עפּעס וואָס צו פאַרדינען. פעללע האָט גאָרנישט געהאַט דאַקעגן צו אַרבעטן מחוץ דער שטוב. זיין שטוב האָט פאַרלוירן פאַר אים איר צויבער. עללען האָט ווי פריער אים אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט דאָס געטון מיט אַ כּיוון, און ער האָט מער נישט געוואָלט דערלויבן מען זאָל אים בינדן! און ס'איז אויסגעקומען אַזוי, אַז ער פלעגט זיך אומקערן אַהיים בלויז צוליב דעם, כּדי אָפּצועסן, זיך איבערטון און ווידער אַנטלויפן.

אין די אָוונטן פלעגט קומען דער פאָטער לאַססע און מיט שטויסנונג צוזעען, ווי פעללע לאָזט איבער דאָס ווייב מיטן קינד; ער האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען, אָבער זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן עפּעס צו זאָגן, ער האָט געפילט גרויס אַכטונג צו זיין זונס אונטערנעמונגען. דער אַלטער און עללען זענען געווען ווי צוויי אָקסן אונטער איין יאָך, און אין דעם איז געווען פאַר זיי אַ גרויסע טרייסט.

פעללע איז פאַרשכורט געווען דורך זיין מאַכט. וועלכע עס האָבן געבילדעט די אַלץ מער און מער צושטראָמענדיקע מאַסן. ער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון דידאַזיקע מאַסן, און זייערע טריט האָבן אָפּגעקלונגען אין זיינע. ער איז געווען דער פּראָדוקט פון דער אַלטער קולטור, ריכטיקער פון יענער טייל אַלטער קולטור, וועלכע ליגט אין שאָטן און איז געבויט אויף שווערע באַגרענעצנדיקע געזעצן. יעדער איינער האָט איבערגעלעבט איר ביטערקייט אין זיין לעבנס־דערפאַרונג. די באַדערפעניש אין זון און ליכט איז תּמיד אונטערדריקט געוואָרן, זי איז געוואַקסן פון לאַנג־לאַנג און דערגרייכט אַן אומגלויבלעכע שפּאַנונג. און איצט האָבן זי נישט געקאָנט אָפּהאַלטן קיין שום צוימען. פעללע האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַ קאָפּשווינדלענדיקער הייך — דאָרט אַהין, צום בלענדנדיקן ליכט!

אָבער אין תּוך גענומען איז ער געווען אַן עכטער רעאַליסט, ער האָט ליב געהאַט מיט ביידע פיס זיך אָנשפּאַרן אויף אַ פעסטן באָדן. די פאַריקע דורות האָבן אים צוגעווינט זיך באַפרידיקן מיט דעם נויטווענ־

דיקסטן. די געשעענישן אין זיין וועלט האָבן געווירקט אוממיטלבאַר. אַלערליי סוביעקטיווע איבערלעבונגען האָבן נישט געהאַט קיין באַדייטונג די ווירקונג פלעגט אַרויספליסן דירעקט פון דער סיבה. אָבער אָפט פלעגט זי פאַרקומען באַדייטנדיקער פאַר דער סיבה, פונקט אַזוי ווי אַ שרפה איז באַדייטנדיקער פאַר דעם שוועבעלע, וואָס האָט זי אַרויסגערופן. אין דעם איז באַשטאַנען פעללעס קראַפט און דעריבער, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז געווען אַזוי חיים פון די ליכטיקע זייטן פון דער קולטור, האָט ער געקאָנט דערגרייכן אַזוי פיל. ער האָט נישט מורא געהאַט פאַרן גורל פון די מאַסן און דאָרט, ווו ער האָט נישט געקאָנט פאָרויסזעען די צוקונפט, האָט ער זיך געשטיצט אויפן אַלטן פעטישיזם.

זיינע ווערטער זענען געווען פלאַמיק און האָבן אונטערגעהאַלטן די האָפנונג אין יענע, וועלכע האָבן נישט געקאָנט באַגרייפן דעם זינען פון דער גאַנצער באַוועגונג און האָבן געטראַכט, אַז נישט געקוקט אויפן וווּקס פון די ציפערן, האָט זיך אין תוך גענומען גאָרנישט נישט געענ-דערט. דאָרט, ווו ער אַליין האָט נישט געזען, איז ער געווען ווי אַ לינז, וואָס פאַרוואַנדלט דעם האַלבטונקל אין אַ העל ליכט.

ער האָט זיך באַמיט נישט צו טרעפן מאַרטענען. פעללע האָט גוט אויפגענומען די טעאָריעס פון דער אַרבעטער-באַוועגונג. ער האָט זיך געפילט אַלס ווידערקול פון גאַנצן. צו וואָס זשע מער האָט מען געקאָנט שטרעבן? מאַרטען האָט געהאַט נישט קיין צוועקמעסיקע שטרעבונג צו שטערן די גייסטיקע גלייכגעוויכט. מאַרטען האָט באַזירט זיינע געדאַנקען אויף דעם, וואָס איז געלעגן מחוץ דעם רעאַלן לעבן, למשל, אויף דער ביבל, לויט וועלכער די מענטשן האָבן תמיד געדאַרפט האַנדלען. ער האָט געשפּירט אַכטונג צו דעם אייגנאַרטיקן געשטאַלט פון מאַרטענען, וועלכער איז געגאַנגען אומאָפּהענגיק פון המון, אָבער פעללען איז דאָס אַלץ געווען פרעמד. און פונדעסטוועגן פלעגט ער אָפט טראַכטן וועגן אים. מאַרטען איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַר אים באַלויכטן דעם כאַאָס פון דער וועלט פון די אָרימע, און אויב פעללע האָט זיך געפונען פאַר אַן אַחריותדיקן באַשלוס, פלעגט ער זיך נישט-ווילנדיק פרעגן, ווי וואָלט מאַרטען געהאַנדלט אין אַזאַ פאַל.

אַמאָל פלעגן זיי זיך טרעפן אויף אַרבעטער-מיטינגען, אויף וועלכע זיי פלעגן ביידע אַרויסטרעטן. מאַרטען האָט נישט געהאַט קיין אַכטונג צו די עקזיסטירנדיקע געזעצן. ער האָט נישט געוואָלט נישט זיי און נישט וועלכע ס'איז נייע געזעצן, ער האָט נישט גענומען קיין לעבעדיקן

ענטייל אין פּאַרטיי־זאַכן; ער האָט אויסגעמיטן פירער, אָבער איז געווען געקומען אין באַרירונג מיט איינפאַכע אַרבעטער; ער האָט געהאַנדלט אויף זיין אייגענער אחריות; אָבער זעלטן ווער עס האָט זיך געקאָנט פונאַנדערקלייבן ווי ער אין אינדיווידועלע פאַלן פון נויט און אומגע־רעכטיקייט, און מאַרטען האָט אַ סך געאַרבעט אויף דעם, אויסצולערנען די מענטשן דענקען. און מען האָט אים ליב געהאַט. פּעללען און די אַנדערע פלעגן זיי מיט פרייד אָפּטרעטן דאָס אָרט, אָבער באַגעגענענדיק מאַרטענען פלעגן זיי שמייכלען און אומבאַדינגט אים וועלן דריקן די האַנט. ער פלעגט זיך קוים קאָנען דורכשלאָגן צו דער רעדנער־טריבונע. אַלע פלעגן זיך פרייען, דערזעענדיק זיין בלייך פּנים, פרויען און קינדער פלעגן אים באַגלייטן מיט די בליקן. ווען ער פלעגט אין זיינע פּשוטע בגדים דורכגיין דורך די גאַסן פון אָרימקייט־קוואַרטאַל, פלעגן די אָנגע־טראָפענע פרויען שמייכלען צו אים.

— אָט גייט אַ חבר, ער איז אויסערגעוויינלעך גוט. סאַראַ סך ביכער ער האָט דורכגעלייענט! און איצט האָט ער פאַרקויפט אַלע זיינע ביכער, כּדי צו העלפן אַן אָרים קינד!

און זיי פלעגן אונטערשטופּן זייער קליינוואַרג, זיי זאָלן מאַרטע־נען דערלאַנגען די האַנט און אים באַגלייטן ביז סוף גאַס.

XXII.

ווען פּעללע פלעגט קומען אין דער „תּיבה“ באַזוכן די דריי יתומים, פלעגט די ידיעה וועגן זיין קומען תּיכּף פאַרשפּרייט ווערן איבערן גאַנצן בנין.

— פּעללע איז דאָ, פּעללע איז געקומען, — פלעגט זיך טראָגן פון גאַלעריע צו גאַלעריע, און די איינוווינער פון דער „תּיבה“ פלעגן איילִיק לויפן איבער די שטיגן, כּדי אים צו זעען און פּרובירן אים אָנ־צולאָקן מיט אַ טעצל קאַווע.

די אַלטע פראַנדסען האָט דאָרט מער נישט געלעבט, זי איז פאַר־שוונדן, ווי נאָר פערדינאַנד איז אַרויס פון תּפיסה, און וווּ זי איז אַהינ־געקומען האָט קיינער נישט געוווּסט. בכלל אָבער האָט זיך דאָ גאָרנישט

געענדערט, א חוץ וואָס געוויסע פאַבריק-אַרבעטערינס זענען פאַרביטן געוואָרן דורך אַנדערע, און פון צייט-צו-צייט פלעגט מען פון די פינצ־טערע קאָרידאָרן אַרויסטראָגן אַ טויטן קערפּער פון אַ מענטש, וואָס האָט געענדיקט זיין לעבנס־וועג; מען פלעגט אים אַוועקפירן אויפן בית־עולם און דאָס לעבן פלעגט זיך ווייטער גיין אָן ענדערונגען.

אַמאָל פלעגט ער קומען צו דער אלמנה יאַנסען. זי איז טרויעריק געזעסן אין איר צימער, פאַרנומען מיט איבערניטשעווען זעלנערשע הויזן, און האָט געניאַנטשעט גאַננאַס טאָכטער, וועלכע האָט פאַרשפּראָכן צו ווערן אַ שיין מיידעלע. די אַלטע יאַנסען איז שוין שטאַרק געעלטערט געוואָרן, זי איז כסדר געזעסן און געזידלט דאָס קינד. פּעללע פלעגט אַריינטראָגן אַ נייעם לעבנס־שטראָם אין איר פריידלאָזער עקזיסטענץ. זי פלעגט זיך דערמאָנען דעם שפּאַציר אין וואַלד אַריין, די געמיטלעכע אָוונטן באַם לאָמפּן־שיין — און פלעגט אָפּזיפצן. גאַננאַ פלעגט לגמרי נישט לייגן קיין אַכט אויף פּעללען. ווען זי פלעגט קומען צו לויפן פון פאַבריק, פלעגט זי נאָר קוקן אויף איר טאָכטער, וועלכע פלעגט זיך וואַרפן צו איר אַנטקעגן און תיכף וועלן זיך שפּילן. דעם מיידעלעס אויגן פלעגן דערציילן וועגן פּוסטן, אומעטיק פאַרבראַכטן טאָג; די מוטער פלעגט זי נעמען פאַר די הענט און זיי פלעגן צוזאַמען מיט דער ליאַלקע טאַנצן און זינגען. „כ'הייב זיך אויף צום העכסטן באַרג־שפּיץ" — פלעגט גאַננאַ זינגען און דאָס מיידעלע פלעגט איבערחזרן, עס האָט שוין גע־קענט דאָס ליד! גאַננאַ פלעגט מיט אַ רויקער פרייד קוקן אויף דער טאָכטער, ריכטיק ווי דאָס מאָל האָט זי באמת געפונען גליק.

זי איז ענלעך געווען אויף אַ יונגער אַלמנה, וועלכע האָט בשעתּה אָפּגענומען איר חלק גליק; אין דער „תיבה" האָבן זי אַלע גערופן „די אלמנה", אלמנה גאַננאַ. דערמיט האָבן זיי איר אויסגעדריקט זייער אַכטונג. זיי האָבן אַרויפגעוואָרפן אָן אלמנה־קרעפּ אויף איר גורל, ווייל גאַננאַ איז געווען אומפאַרענדערלעך שיין אויך אין איר שווערער לאַגע. זי האָט פון לעבן דערוואַרט אַזוי פיל, און זי האָט געפונען אַ פולע באַפרידיקונג אינם קינד. ריכטיק ווי יענץ פרעמדע לאַנד, וועלכעס האָט איר צוגעזאָגט גליק, האָט איר נישט געקאָנט געבן קיין בעסערע מתנה!

דאָס אומגליק מיט פּעטערן האָט שטאַרק געווירקט אויפן לעבן פון די קינדער; צוליב זיין פאַרקריפּלטער האַנט האָט ער נישט געקאָנט פאַרדינען ווי פריער. קאַרל האָט געוואָלט גיין העכער און זיך לערנען, —

דערצו איז נייטיק געווען אַ גוטע הלבשה און געלט. זיי האָבן געדעקט דעם מאַנגל פון פעטערס פּאַרדינסט דורכדעם, וואָס זיי האָבן פּאַרדונגען פּעלץ צימער, און לאַססע האָט זיך באַזעצט צוזאַמען מיט זיי אין זייער צימער. אָבער אַלע זענען זיי אויסגעוואַקסן און זיי האָבן נייטיק געהאַט מער געלט אויף דערנערונג און בגדים...

פעטערס כאַראַקטער האָט זיך געענדערט, ער איז מער נישט געווען אַזוי פריילעך בײַ דער אַרבעט, ווי פריער; ער פלעגט זי אָפט אויסמיידן און בלאָנדזשען איבער די גאַסן אָנשטאָט צו גיין אין פאַבריק. אָפט פלעגט אָנקומען מיט מי אַרויסצושלעפּן אים פון בעט, ער פלעגט פאַרקריכן אונטער דער פערינע און זיך אויסבאַהאַלטן.

— איך קאָן נישט אַרבעטן מיט אַ קראַנקער האַנט, — פלעגט ער זאָגן, ווײַנענדיק, צו מאַריאַן, ווען זי פלעגט אים צווינגען אויפצושטיין. — די שערן קאָנען מיך יעדע מינוט איינשניידן.

— טאָ בלײַב אינדערהיים, — פלעגט מאַריאַ פאַרלייגן. — די באַלעבאַטעטע, און איך וועל פרוּוון פאַרדינען. דאָרט אויף דער האַנדלס-גאַס, אין גרויסן נייעם הויז, וועל איך קריגן אַרבעט צוצורוימען.

דאַן פלעגט ער אויפשטיין און אַוועקגיין, ער האָט נישט געוואָלט לעבן פון געלט, וואָס אַ פרוי האָט פאַרדינט.

קאַרל איז געווען אַ פריילעך, געזונט בחורל, אויף וועמען קיין זאַך פלעגט נישט מאַכן קיין באַזונדערן איינדרוק. ער איז דערצויגן געוואָרן דורך דער גאַס, און אויף זיין גאַנצער אויסטערלישקייט איז געלעגן איר גרויער אָטעם, און אין די אויגן זענען קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן געוואָרן די פונקען, וועלכע זי האָט אָנגעצונדן. ער איז ענלעך געווען אויף די וואָראָבייטשיקעס, וועלכע לעבן אין דער גרויסער שטאָט, אַלע דורכגעקאָפּטשעטע דורכן שוואַרצן רויך, שפּרינגען זיי וואָרגלאָז ממש אונטער די רעדער, האָבן פאַר קיין זאַך קיין מורא נישט און ווייסן אַלץ. יעדן טאָג פלעגן זיך טרעפן מיט אים פאַרלויפעניש, ער פלעגט זיך אָבער גוט אַרויסדרייען פון זיי. ער האָט נישט געקאָנט זיצן רויק און פלעגט שטענדיק ערגעץ-וווהין זיך איילן. ער האָט געהאַט אַ סך מעגלעכקייטן זיך איינצואָרדנען בעסטער; די פאַמיליע האָט דער עיקר געלעבט מיט זיין פאַרדינסט, אָבער לסוף איז אים דערעסן געוואָרן צו זוכן זיין חיונה אויף דער גאַס, ער האָט געוואָלט שטייגן העכער, ער האָט געוואָלט ווערן אַ סוחר. דאָס איינציקע, וואָס האָט אים דערפון אָפּגעהאַלטן, איז געווען זיין פאַמיליע.

פעללע האָט געזעען, אַז די קליינע פאַמיליע מוז צעפאַלן ווערן. מאַריאַ האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט און זי האָט געמוזט פאַרלאָזן די „תיבה". און אויב קאַרל וועט נישט נאָכגעבן זיין פאַרלאַנג, וועט ער, סוף־כל־סוף, ווערן אַ כוליגאַן. נישט טראַכטנדיק קיין סך איז פעללע צוגעטרעטן איינצואָרדנען די קינדער זעלבשטענדיק, נישט פרעגנדיק בײַ קיינעם. ער האָט באַקומען פאַר קאַרלען די נייטיקע בגדים דורך אַ הילפס־פאַריין און ע׳ האָט געהאָפט אים איינצואָרדנען בײַ אַ סוחר אַלס אַנגע־שטעלטן.

איינמאָל, אין אַ זונטיק, איז פעללע אַוועק אין דער „תיבה"; ער האָט געטראָגן אַ גרויסן פּאַק, דער קליינינקער לאַססע איז געלאָפן לעבן אים; דער קליינער פלעגט זיך כסדר אָפּשטעלן, אויפהייבן אַ שטיין און שלעפּן דעם פאָטער צום ברעג, כדי אַריינצוּוואַרפן דעם שטיין אין וואַסער. ער האָט אָן אויפהער געפּלוידערט. פעללע פלעגט מעכאַניש דערפילן זיינע פאַרלאַנגען און אים ענטפערן, נישט טראַכטנדיק וועגן דעם, וואָס ער רעדט. ער איז אינגאַנצן פאַרזונקען געווען אין געדאַנק וועגן דער־דאַזיקער ליבער משפחה, וועלכע האָט אים בשעתו אַזוי גאַסטפריינטלעך אויפגענומען. איצט צעפאַלט זיך די פאַמיליע. ס׳קאָן זיין, אַז דאָס איז אַ רעטונג פאַר מאַריאַן און קאַרלען; זיי ביידע זענען פול געווען מיט געזונט און מוט. און דער פאָטער האָט זיך געקאָנט אַריבערקלייבן צו אים, אויף באַטאָג האָט מען געקאָנט אַרויסטראָגן זיין בעט פון דעם אַלגעמיינעם צימער. עללען וואָלט שוין איצט גאַרנישט געהאַט דאַקעגן, אָבער וואָס טוט מען מיט פעטערן? נאָר אַ היים האָט אים געקאָנט אונטערשטיצן.

ווען דער קליינינקער לאַססע האָט דערזעען פון טויער דעם פינצ־טערן הויף פון דער „תיבה", האָט ער פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט גיין. פעללע האָט אים געמוזט נעמען אויף די הענט.

— לאַססע וויל נישט אַהין. דאָרט איז שרעקלעך, — האָט אַרויס־גערעדט דאָס יינגעלע, באַהאַלטנדיק זיך אויפן פאָטערס אַקסל.

— דיר געפעלט נישט די „תיבה"? — האָט פעללע געפרעגט מיט אַ שמייכל? — דעם פּאַפּאַ געפעלט דאָרט זייער.

— פאַרוואָס? — האָט דאָס קינד איינגעשפּאַרט געפרעגט.

פאַרוואָס? — דאָס האָט ער אַליין אויך נישט געוווּסט גאַנץ גוט.

— דערפאַר, ווייל איך האָב פריער דאָרט געוווינט, — האָט פּעללע געזאָגט.

— ווו־זשע איז דאַן געווען דער קליינינקער לאַסעע?

— ביסט געזעסן אין דער מאַמעס אויגן און געקוקט אויפן פּאַפּאַ.

און דאָס קינד האָט פאַרגעסן זיין שרעק פאַרן דאַזיקן פינצטערן בנין. ער האָט צוגעדריקט זיין פאַרריסן נעזל צו דער נאָז פון פּאָטער און אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. דער קליינער איז אַריינגעפאַלן אין התפעלות, דערזעענדיק דאָרט זיך אַליין.

— און ווער זיצט איצט אין דער מאַמעס אויגן? — האָט ער געפרעגט.

— איצט זיצט אין זיי אַ קליין שוועסטערל, וועלכע וויל זייער שפּילן זיך מיט לאַססע־פּרעדעריקן. נו, גיין אַליין, פאַר אַ מאַנסביל פּאַסט נישט צו זיצן אויף די הענט.

די דריי יתומים האָבן זיי אָפּגעוואָרט מיט אומגעדולד. דערזעענ־דיק דעם פּאַק, איז קאַרל אונטערגעשפּרונגען אין דער לופטן.

— ווו איז דער פּאָטער? — האָט פּעללע געפרעגט.

— ער איז אַוועקגעפאָרן מיט דעם וועגעלע פון דער בגדים־הענד־לערקע, כדי צו ברענגען אַ דיוואַן, — האָט געענטפערט די קליינע מאַריאַ. זי האָט אויפגעהויבן דעם קליינינקן לאַססע און אים געקושט ביז ווילדקייט.

קאַרל האָט אָנגעטון די נייע בגדים; ער האָט ממש געלויכטן פון פרייד, די הויזן זענען געווען צו לאַנג, מען האָט זיי אָבער געקאָנט פאַרבייגן; אין אַלגעמיין איז אַלץ געווען גוט.

— איצט זעסטו אויס ווי אַן אמתער סוחר, — האָט פּעללע גע־זאָגט מיט געלעכטער.

קאַרל איז אַוועקגעלאָפן אין קאָרידאָר און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט נאַסע האָר און אַ שרונט אינמיטן קאָפּ.

— אוך, ווי נישט גוט, — האָט מאַריאַ אויסגעשריגן און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים. זיי האָבן זיך גענומען אַמפּערן. פּעטער איז געזעסן אין ווינקל און האָט טרויעריק געקוקט אין פענצטער.

— נו, פּעטער, דאגה נישט, — האָט פּעללע געזאָגט, אַ קלאַפּ טוענדיק אים אין פּלייצע. — ווי נאָר אונזער גרויסע אָרגאַניזאַציע וועט זיך אויספּיקן, וועל איך דיך איינאָרדנען, דו קאָנסט זיין אַ שיק־ייִנגל?

פעטער האָט נישט געענטפערט, ער האָט נאָר אָפּגעדרייט דעם קאָפּ.

— אַט אַזאַ איז ער איצט תּמיד. וואָלסט געמעגט זיין אַ ביסל העפלעכער, פעטער. — האָט אים מאַריאַ איינגענומען. דאַן האָט ער גענומען זיין היטל און איז אַוועקגעגאַנגען.

— איצט וועט ער גיין צו זיין כּלה און וועט פאַרשווונדן ווערן אויף עטלעכע טעג. דאָס איז אַ פאַבריק־אַרבעטערין, זי האָט אַ קינד און דער פאָטער האָט זיי אַוועקגעוואָרפן.

— וואָס, ער האָט שוין אַ כּלה ?...

— יאָ, ער איז דאָך שוין אַלט זיבעצן יאָר. זי טויג אָבער אויף נאָרנישט.

— זי האָט געלע האָר און איין פוס שלעפּט זי נאָך, ווי זי וואָלט וועלן אַ שליידער טון אַ שטיינדל אויפן טראָטואַר. — האָט קאַרל געזאָגט. — זי וואָלט אים געפּאַסט פאַר אַ מאַמע.

— איר דאַרפט נישט אָפּלאַכן פון אים, — האָט פעללע ערנסט באַמערקט.

— מיר לאַכן גאָרנישט, — האָט מאַריאַ געענטפערט. — ווען מיר זענען אָבער גוט מיט אים, לייגט ער סיי־ווי קיין שום אַכט נישט אויף אונז. ער פאַרטראָגט נישט, ווען מיר געפינען זיך אין אַ גוטער שטימונג. לאַססע זאָגט, אַז ער איז באַשטימט פאַרכּישופט.

— מאַריאַ, כ'האָב געפונען פאַר דיר אַן אָרט. דאָס איז דאָרט, וווּ עללען האָט געדינט פאַר איר חתונה. דאָרט וועט דיר זיין זייער גוט, וועסט דאָרט אָנקומען דעם 1־טן אָקטאָבער.

— אַך, חי גוט! קאַרל און איך וועלן מיר אָנקומען אין איין־און־דעמזעלבן טאָג! — זי האָט אַ פּאַטש געטון אין די הענט. — אָבער פעטער? — האָט זי פּלוצלינג געזאָגט. — ווער־זשע וועט זיך דאַן זאָרגן וועגן אים? ניין, פעללע, דאָס טויג נישט.

— מיר וועלן געפינען פאַר אים אַ פּאַסיק אָרט. און דו, מאַריאַ, דאַרפסט דאָ מער נישט בלייבן, דו מוזסט אָנקומען אויף דער שטעלע.

פון קאָרידאָר האָבן זיך דערטראָגן צו זיי עפּעס מאָדנע קלאַנגען, ספּק דאָס געזאַנג פון קאַפּיטלעך תּהילים, ספק אַ געוויין. דער קליינער לאַססע איז געשטאַנען אין טיר און געזאָגט: „טסס... מ'זינגט, טסס...“

— יאָ, דאָס איז די אַרבעטערין פון דער פּאַפּיר פאַבריק מיט איר

פריינט דעם יוטלאַנדער, — האָט געזאָגט מאַריאַ. — היינט האָבן זיי אַ לויה. דאָס קינד איז, ענדלעך, געשטאָרבן און גאָט צו דאַנקען.

— דאָס זענען נייע שכנים?

— ניין, זיי האָבן זיך דאָ אַריינגעצויגן פרילינג־צייט. ער האָט דאָ נישט געוווינט, נאָר פלעגט קומען יעדן שבת און זי פלעגט אים אָפּגעבן איר גאַנץ פאַרדינסט. מיר פלעגן איר זאָגן, אַז זי טוט זייער נאַריש, אים אָפּצוגעבנדיק איר געלט: „ער לעבט דאָך אפילו נישט מיט דיר", — האָבן מיר איר געזאָגט. — „ער דאַרף האָבן אַ גוטן שטעקן, אָבער נישט קיין געלט". „ער איז דער פאָטער פון מיין קינד", — פלעגט זי זאָגן און אים אָפּגעבן דאָס געלט. אין די זונטיקן פלעגט ער שיכורן, און ווען ער פלעגט אַלץ פאַרטרינקען, פלעגט ער זיך אָנהייבן כעסן, קומען צו איר און שלאָגן זי דערפאַר, וואָס זי האָט אים געגעבן געלט. זי וואָלט זיך געדאַרפט אויסבאַהאַלטן פון אים, ווען ער פלעגט קומען, זי האָט אים ליב געהאַט און נישט געלייגט קיין אַכט אויף די קלעפּ. בלויז דאָס קינד פלעגט זי אויף דערדאָזיקער צייט אַריינברענגען צו אונז. זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט גענוג שפּייז פאַר אים און אָט איז עס געשטאָרבן.

דאָרט אונטן האָט זיך געעפנט די טיר און דער לאַנגער יוטלאַנדער איז אַרויסגעקומען מיט אַ קליין קעסטעלע אונטערן אָרעם. ער האָט געזונגען מיט אַ וויינענדיק קול קאַפּיטלעך תהילים און געוואָרט אויף עמעצן, ערגעץ־ווו הינטער אַ ווענטל האָט אַ ייִנגלש קול אָפּגעשפּעט זיין געזאַנג. זיין פּנים איז געוואָרן רויט און געשוואָלן פון טרערן; די אויסגעלאַסענע נאַכט האָט זיך נאָך געלאָזט מערקן אויף אים.

די מוטער איז אַרויסגעקומען און גענומען גיין נאָך אים; מיט פּאַמעלעכע, פייערלעכע טריט האָבן זיי זיך באַוועגט איבערן קאָרידאָר; איר דינינקער שוואַרצער שאַרף איז טרויעריק געהאַנגען אויף איר. זי האָט געהאַלטן באַם מויל אַ נאָזטיכל און שטיל געוויינט. איר בלייך פּנים האָט אויסגעזעען גרוי.

פּעללע און דער קלייניקער לאַססע האָבן זיך גענומען קלויבן אַהיים.

— איצט איילסטו זיך תּמיד, — האָט געזאָגט די קליינע מאַריאַ מיט אַן אומצופרידן קול. — כ'האָב געוואָלט צוגרייטן קאַווע.

— איך האָב נאָך היינט צו דערליידיקן פאַרשידענע ענינים, ווען נישט דאָס וואָלטן מיר זיכער געבליבן.

— ווייסטו כאָטש, אַז דו ווערסט אַ באַרימטע פּערזאָן, — האָט מאַריאַ געזאָגט, קוקנדיק אויף אים באַגייסטערט. — מען רעדט וועגן דיר אַ סך. מען דערציילט, אַז דו האָסט באַזיגט איינעם פון די חשובסטע לייט אין שטאָט!

— יאָ, איך האָב אונטערגעגראָבן זיין געשעפט, — האָט פעלע געענטפערט מיט אַ שמייכל. — ווי־זשע איז אָהינגעקומען אונזער סוחר?

— ער איז זיכער אויף דער גאַס, ער איז אַרויס זיך אויס־פיינען!

אַזוי איז טאַקע געווען. ער איז געווען אונטן, אַרומגערינגלט מיט יינגלעך און מיידלעך.

— עי, חבר, מיר וועלן קומען צו דיר אין קראָם, ווען דער באַלעבאָס וועט נישט זיין און דו וועסט אונז מיט עפּעס־וואָס מכבד זיין, — האָט פעלע דערהערט איינעמס אַ ווונטש.

— וואָס רעדסטו, פּרוּביר נאָר. איך וועל דיך גוט מכבד זיין, — האָט געזאָגט קאַרל. — דו מיינסט, אַז איך וועל דערלאָזן, איר זאָלט זיך דאָרט אַריינוואַליען מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע?

דאָרט, פונדערווייטנס, איז געגאַנגען דער לאַנגער יוטלאַנדער מיט דעם טרומנעלע אונטערן אָרעם, דאָס מיידל איז געגאַנגען נאָך אים; זיי האָבן זיך געהאַלטן אין מיטן גאַס, ווי דאָס וואָלט געווען אַ לוויה. דאָס איז געווען אַ טרויעריק בילד. די פּוסטע גרויע גאַס איז ענלעך געווען אויף אַ תפיסה. אַלע קרעמלעך זענען געווען פאַרמאַכט. בלויז די בעקעריי איז נאָך געווען אָפן, פאַר איר האָט זיך צונויפגעקליבן אַ כאָפּטע שמוציקע קינדער, עמעץ פון זיי פלעגט אָן אויפהער אַראָפּלויפן און קויפן פאַר איין ער נאַשוואַרג. אַ קליין מיידעלע, יום־טובדיק אויס־געפוצט, מיט אַ קורץ אָפּשטייענדיק צעפּל, איז געגאַנגען אויפן סאַמע קאַנט טראָטואַר און וואַקלענדיק זיך, האָט זי זיך באַמיט איינצוהאַלטן די גלייכגעוויכט, אין די הענט האָט זי געהאַלטן אַ קריגל מיט פלוימען; אין טויער זענען געשטאַנען אייניקע יינגלעך, וועלכע האָבן, ווייזט אויס, פאַרטראַכט עפּעס אַ שטיפעריי.

— וואָס, מיר וועלן היינט גיין שפּאַצירן? — האָט עללען גע־פרעגט, ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט. — דער זומער וועט שוין לאַנג נישט אָנהאַלטן.

— איך מוז גיין אויף אַ מיטינג, — האָט פעללע אומזיכער גע־

ענטפערט. אים איז אַ רחמנות געווען אויף עללען. זי איז געווען טראַ־געדיק, און זי האָט געהאַט אַ נידערגעשלאָגענעם און פאַרלאָזטן אויסזעען.

— ווי מיינסטו, ווען וועסטו צוריקקומען?

— כ'ווייס נישט, מעגלעך, אַז שפּעט.

זי האָט מער גאָרנישט געזאָגט און דערלאַנגט דאָס מיטאָג.

XXIII.

דאָסדאָזיקע יאָר איז געווען נאָך ערגער פאַרן פאַריקן, אויב דאָס איז נאָר מעגלעך. שוין אין סעפּטעמבער זענען די אַרבעטסלאָזע געשטאַ־נען אין לאַנגע רייען לעבן די קאַנאַלן און אויף די האַנדלס-פּלעצער, דורכגעפרוירענע און דורכגענעצטע, מיט הענט געשוואָלענע און בלוי־געוואָרענע פון קעלט. די אַלטע האָבן שוין פון לאַנג געקאָנט פאַרויסזאָגן דעם אָנקום פון קעלטן — זייערע מאַזאָליעס האָבן קיינמאָל נישט אָפּגענאַרט.

— עס קומט אָן אַ שטרענגער ווינטער, זאָלן זיך שוין מיט אים ענדיקן אונזערע צרות און זאָלן אָנקומען גוטע צייטן, — האָבן גערעדט די אַלטע.

אין אָקטאָבער האָבן זיך אָנגעהויבן פרעסט און האָבן געשמידט אַלץ, וואָס איז נאָך נישט געשמידט געווען דורך נויט. פאַ די אָרימע ווערט דאָס לעבן אונטערגעהאַלטן אוממיטלבאַר: אויב דו פאַרדינסט נישט מיט די הענט, איז נישטאָ וואָס צו נעמען אין מויל אַריין; אויב דאָס פאַרדינסט האָט זיך היינט נישט איינגעגעבן, וועט דאָס זיין קענטיק מאָרגן אויף די ליידיקע טעלערס. אויפגעדרייט אין אַ קנייל עכל ליגט דער דלות אונטער די טישן פון צען טויזנט פאַמיליעס; ווי אַ בער, וואָס איז פאַרזונקען אין ווינטער-שלאָף, דרימלט ער אין זומער; אָן אָפּגעצערטער, אָן אויסגעשעפּטער ליגט ער, בורטשענדיק צייטנווייז, און עס חלומען זיך אים שלעכטע חלומות... אָבער די אָרימע זענען געוווינט צו זיין געזעלשאַפט און טראָגן אים איבער, ביז ער לייגט נישט אַרויף

אויפֿן טיש זיין שווערע לאַפּע. איין טאָג קראַנקייט אָדער שלימזל — און ער איז שוין דאָ.

דאָס לעבן איז געוואָרן אומדערטרעגלעך שווער. זומער פֿלעגט די שטאָט ליידיק ווערן, איצט אָבער איז זי אַלץ געדיכטער און געדיכטער געוואָרן: עס האָבן זיך צוריקגעקערט די היימלאָזע, וועלכע פֿלעגן זומער באַקומען אַ מקום־מקלט ערגעץ־ווו אויפֿן לאַנד, עס האָבן פֿאַרנומען זייערע פּרעכטיקע ווינטער־פּאַלאַצן די גרויסע ערד־אייגנטימער. אין דער מאַנסאַרדע פֿון פֿרוי ראַסמוסען האָט זיך פֿלוצלינג באַוויזן עפּעס אַ נייער איינוווינער, וועלכן דער פֿראָסט האָט געוואָרפֿן אין אירע אָרעמס.

די ערשטע פֿרילינגס־בשורה וועט אים ווידער אַוועקיאָגן צו זיין זומערדיקער געליבטער, דער פֿרוי גרעסמייער. אָבער דערווייל איז ער דאָ געווען. אַ גאַנצן טאָג פֿלעגט ער שטיין אויפֿן וועג, קראַנצנדיק זיין צעשויבערטע פּאַטילניצע, אויף זיין ברייטער פֿלאַכער פּלייצע האָבן זיך געזעען שטרויעלעך פֿון אַ שעניק. אָבער זייגע שיך האָבן געגלאַנצט, וועגן דעם האָט נישט פֿאַרגעסן צו זאָרגן די פֿרוי ראַסמוסען, איידער זי פֿלעגט גיין צו דער אַרבעט. זי האָט געאַרבעט דאָפּלט ווי פֿריער, אַבי איר ליידיקגייער, דער גראַף, זאָל האָבן גענוג צייט זיך אויסצוקראַצן.

מיט יעדער וואָך איז דער פֿראָסט אַלץ שטאַרקער געוואָרן, ער האָט געשמידט די ערד אַזוי, אַז ס׳איז אוממעגלעך געווען דורכצופֿירן די ערד־גראָבונגען. דער ווינטער האָט אויך געשמידט דעם נישטיקן קרעדיט פֿון די אָרימע. די פֿאָרטן זענען אומעטום געשלאָסן געוואָרן; דער אויסערלעכער האַנדל איז כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטאָרבן, די אַרבעטער פֿון פּאָרט האָבן געקאָנט גיין אַהיים. פֿון פֿראָסט האָט זיך אַלץ ווי צוזאַמענגעשרומפּן, פּונקט ווי די טייסטערס, וואָס האָבן אומעטום געגעבן דעם טאָן. אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען האָבן פֿאַרקלענערט די צאָל אַרבעטס־שעהן, און די ווינציקער ווידערשטאַנדס־פֿעיקע האָבן זיך אינגאַנצן צוגעמאַכט. די אונטערנעמונגס־פֿעיקייט איז פֿאַרטעמפּט געוואָרן, עס זענען נישט געמאַכט געוואָרן קיין שום נייע אָנהייבן, אַלץ האָט זיך אין שרעק צוזאַמענגעשרומפּט. אַלע נערוון, וועלכע האָבן זיך פֿריער פֿונאַנדערגעוויקלט, האָבן זיך איינגעצויגן, פּונקט ווי אויך זיי זענען פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון פֿראָסט. די ערד האָט אַריינגעצויגן אין זיך אירע זאַפֿטן, פֿאַרדעקט פֿון אויסנווייניק מיט אַן אייז־צודעק, און מיט די מענטשן איז געשעען דאָס זעלבע. די אָרימעלייט האָבן צונויפֿגעקליבן זייערע לעצטע בלוט־

טראַפּנס אַרום זייער האַרץ, כדי אויפצוהיטן דאָס לעבנס־קערנדל גופא, און זייערע ענדגלידער זענען בלויז געוואָרן פון קעלט, און די הויט איז געוואָרן גרוי. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין זיך גופא און ענג זיך גע־טוליעט איינער צום צווייטן אין פינצטערע ווינקלען. זיי האָבן פון קיין שום זאַך נישט געוואָסן. אפילו די־יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט אַ מעג־לעכקייט צו דערנערן זיך, האָבן כמעט ווי נישט געגעסן, דער פראָסט האָט פּאַראַליזירט זייער באַדערפעניש צום עסן, פריי מאַכנדיק דאָס אָרט פאַר דער שרעק, וואָס האָט זיי אַרומגעכאַפּט.

דער טערמאָמעטער איז מער נישט געווען קיין קריטעריום. „לויט אים איז דער פראָסט נישט גרעסער געוואָרן, אדרבה, נאָך קלענער געוואָרן“, — פלעגן זיי זאָגן פאַרוווּנדערטע, אָבער זיך געפילט נישט ווינציקער אומגליקלעך. וואָס קאָן דער טערמאָמעטער זאָגן וועגן אַ שווערן ווינטער? ער איז נישט מער ווי אַ באַגלייטער פון שווערע צייטן, — ער קאָן ווייזן מער אָדער ווינציקער, דאָס וועט אָבער נישט ענדערן די לאַגע.

אין די אָרימע קוואַרטאַלן איז די שטאָט ווי אָפּגעשטאָרבן. בלויז דער געדיכט־אַרויסגעפּאַלענער שניי פלעגט אַרויסלאָקן אויף דער גאַס די אויסבאַהאַלטענע מענטשן; ער פלעגט מילדער מאַכן די לופט און פלעגט פאַרשאַפן עטלעכע קראָן פאַר רייניקן די גאַסן פון שניי. אָבער דערנאָך פלעגן זיי זיך ווידער אויסבאַהאַלטן און וועגעטירן אין זייערע ווינקלען, לעבנדיק מיט אומגעוויינלעך ווינציק, — מיט גאָרנישט! בלויז אין די פרימאָרגנס פלעגט אויף די גאַסן דערוואַכן דאָס לעבן — די מענער פלעגן נאָך אין דער פינצטער אַרויסגיין זוכן אַרבעט. אומעטום, ווו עס האָט נאָר געקאָנט נייטיק זיין אַ מענטש, זענען זיי געקומען אין די הונדערטער און פאָרגעלייגט זייער דינסט. מיטן באַגינען פלעגן זיי זיך שוין שלעפּן צוריק אַהיים, דערדריקטע און נידערגעשלאָגענע, און די איבעריקע צייט פלעגן זיי אָדער דרימלען, אָדער שווייגנדיק געזעסן מיט אומבאַוועגלעכע בליקן, מיט די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויפן טיש.

די קעלט, וואָס שמידט אַזוי אומברחמנותדיק אַלדאָס לעבעדיקע, האָט אויפן מענטשנס האַרץ אַ פאַרקערטע ווירקונג; דער מיטלייד איז געוואַקסן. באַ אַ סך האָט דער שכל אויף אַזוי ווייט זיך אָפּגעזאָגט צו אַרבעטן, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט צוטרעטן צו באַקומען מיטלען צום לעבן, אָבער דאָס האַרץ האָט נישט געליטן קיין שום שעדיקונגען, און

זיי האָבן באַנוצט די לעצטע רעסורסן צו העלפן אנדערע. מענטשן מיט גוטע הערצער פלעגן רופן אָרימע, זיך באַמיען זיי אויפצוזוכן, און דאָס איז נישט געווען אַזוי לייכט. אָבער די וועלט פאַרמאָגט פאַרשידענע באַשעפענישן, איינע לעבן אויף דער יבשה, די צווייטע אין דער לופט, די וואַסערן זענען פאַרפולט מיט ספּעציפישע וואַסער-ברואים, — אין פייער לעבן אויך באַשעפענישן. די קעלט האָט אויך באַשאַפן גאַנצע טשאַטעס באַשעפענישן, וועלכע זענען פּאַראַזיטן פון אָרבעט, פאַר זיי זענען גוטע צייטן — שלעכטע און זיי קומען אום. אָבער ווי נאָר קעלט און נויט באַקומען די אויבערהאַנט איבערן לעבן, קריכן זיי אַרויס פון זייערע שפּאַלטן; זיי פאָדערן אויף צו פילאַנטראָפּיע און באַקומען דאָס בעסטע חלק. פאַרויספילנדיק שווערע צייטן, פאַרפלייצן זיי די פאַרמעג-לעכע טייל שטאָט.

— וויפיל אָרימע האָבן אָפּגעקלאַפּט היינטיקס יאָר אונזערע שוועלן, — האָבן געזאָגט די מענטשן און געעפנט זייערע טייסטערס. — סאַראַ שווערע צייטן פאַר די אָרימע.

* *

*

האַרבסט-צייט האָט זיך פּעללע אַריבערגעצויגן באַ דער צפון-בריק אין צוויי קליינינקע צימערלעך. זיין אַרבעט האָט זיך איצט קאָנצענט-רירט אין דאָזיקן ראַיאָן, און ער האָט געוואָלט, אַז עללען זאָל בעת דער קימפּעט זיין נעענטער צו אירע עלטערן. לאַססע האָט נישט געוואָלט אַריבערפאָרן, ער האָט ליבערשט געוואָלט בלייבן אין דער „תיבה", ער האָט זיך איינגעזעגנט מיט אירע איינוווינער און ער האָט געפונען געענוג צופעליקע אַרבעט אין קוואַרטאַל, כדי צו דערנערן זיך.

פּעללע האָט מוזיק געקעמפּט, כדי צו פאַרזאָרגן זיין פאַמיליע אויף ווינטער. אין וואַרשטאַט איז נישט געווען קיין אַרבעט, און ער האָט זי געדאַרפט זוכן פון פרי ביז שפּעט. אומעטום, וו עס איז נאָר געווען די קלענסטע מעגלעכקייט, איז ער געקומען און זיך דורכגעשטופּט דורך הונדערטער אַנדערע. זיינע קונדן האָבן זיך געניייטיקט אין שיך מער ווי יעדעס מאָל, זיי האָבן אָבער נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן. ער מיט עללען האָבן פאַר דערדאָזיקער צייט דערקענט איינער דעם צווייטן פון גאָר אַ זייט. די שווערע צייט האָט זיי פאַרייניקט און ער האָט געהאַט

אַ מעגלעכקייט צו באַוואונדערן די פעסטקייט פון איר כאַראַקטער. זי האָט זיך מיט אַן אויסטערלישער ענערגיע צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען, און פון ווינציק געקאָנט שאַפן גרויסעס. בלויז מיטן אייוועלע האָט זי זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן.

— עס פרעסט אויף אַלץ, וואָס אונז גיט זיך איין צונויפצוזאַמלען, — פלעגט זי טרויעריק זאָגן. — אַלץ פליט אַרויס אין קוימען, און עס וואַרעמט גאָרנישט. היינט האָב איך אַריינגעשטופּט אין אים אַ גאַנצע מאָס קוילן, און דאָ איז נאָך אַלץ קאַלט. דאָרט, ווו איך האָב געדינט, פלעגן מיר מיט איין עמער קוילן באַהייצן צוויי גרויסע צימערן. כ'קאָן זיך מיט אים קיין עצה נישט געבן. אפשר וועסטו מיר העלפן! זי איז גרייט געווען זיך פונאַנדערצוּווײנען.

— נעם זיך נישט אַזוי שטאַרק צום האַרץ, — האָט פעללע פּינצטער געזאָגט. — אַזוי זענען תמיד די אייוונס בײַ די אָרימע. די הויזווירטן קויפן איין דידאָזיקע דורכגעברענטע אייוונס אַלס איינברוכוואַרג און שטעלן זיי אַריין אין די וווינונגען פון די אַרבעטער. אַזוי פירט זיך שוין! מיר, די אָרימע, באַקומען דאָס ערגסטע, און עס קאָסט טייער, — הגם מיר פּראָדוצירן אַליין דידאָזיקע זאַכן. אָרימקייט איז פונקט ווי אַ רעשעטע!

— יאָ, דאָס איז שרעקלעך, — האָט געענטפערט עללען, קוקנדיק אויף אים מיט מיטלייד. — איצט הייב איך דיך אָן צו פאַרשטיין, פעללע.

די נויט, וואָס האָט זיי געדראָט, האָט עללען אונטערגעוואָרפן זיין מאַכט, זי האָט זיך נישט דערוועגט אפילו אַליין צו טראַכטן און זי האָט זיך אין אַלץ פאַרלאָזט אויף אים.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָכן געבוירט פון קינד, האָט זי געבעטן פעללען אַריבערצוגיין צו לאָססען און זיך דערוויסן, וואָס ער מאַכט.

— באַמי זיך אים אָהערצוברענגען! — האָט זי געזאָגט. — ער וועט דאָ גוט קאָנען לעבן, אויב מיר וועלן אַ ביסל שפּאָרן. איך האָב מורא, אַז ער ליידט נויט.

פעללע האָט זיך דערפרייט מיט איר פאָרשלאַג און איז גלייך געגאַנגען. דאָס איז געווען איידל מצד עללען, — צו זאָרגן וועגן אַלטן גראַד איצט, ווען זי האָט געוווּסט, אַז זיי האָבן גאָרנישט.

אין דער „תּיבה" איז געווען אַ וויסטעניש. די פאָרהאַנגען פון די פענצטער זענען אומעטום פאַרשוווּנדן, אַ חוץ פון אַלסענס צימער, —

פאַר אַ פאַרגילדטע רעם אויף גאַרדינען האָט מען שטענדיק באַקומען 50 ער, — די בלומען אויף די פענצטער זענען פאַרפרוירן געוואָרן, מען האָט גלייך געקאָנט זען, וואָס עס טוט זיך אין צימער, און דאָרט איז געווען פונקט אַזוי ליידיק, ווי אויף די פענצטער.

דער ווינטער האָט אומפאַרשעמט אויסגעסון און צוגערויבט די לעצטע פאַרהילונגען. אין די קלאָזעטן האָבן געפעלט טירן און דעקלעך. פעללע האָט געמוזט גיין אויף זיינע צרכים אין דער מאַנסאַרדע. די גרעסטע טייל פאַרענטשעס איז פאַרשוואונדן, עס איז אויך פאַרשוואונדן אַ טייל טרעפלעך, — די „תיבה" האָט זיך באַמיט צו העלפן, ווי זי האָט געקאָנט. פרוי יאָנסען האָט שוין מער נישט געהאַט דאָס דעמבענע פעסל, וועלכעס איז תמיד געשטאַנען אין ווינקל אויף דער גאַלעריע, ווען זי פלעגט עס נישט נוצן. אין דער „תיבה" איז דאָס געווען דאָס איין־איינציקע פעסל, און איצט האָט מען עס אָדער פאַרברענט אָדער פאַרקויפט. פעללע האָט קיין מוט נישט געהאַט אָנצוקלאַפן באַ זיי, ווייל ער האָט געוווסט, אַז גאַננאַ איז אַרבעטסלאָז. פון דריטן שטאָק האָט זיך דורכגעגנבעט אַ פרוי און אָפגעבראָכן אַ פיצל פון ביי־בנין.

— דאָס איז אויף איין זופ קאַווע, — האָט זי געזאָגט און אַ שאָקל געטון צו אים מיטן קאָפ. — סאַראַ חיות דאָס איז דידאָזיקע קאַווע, מען קאָן זי קאָכן שיטער־שיטער, אָבער אַבי זי איז הייס, איז דאָס אַלץ, וואָס מען דאַרף.

דאָס צימער איז געווען פוסט. לאַססע איז דאָרט נישט געווען. פעללע האָט זיך דערוווסט, אַז ער געפינט זיך אונטן, אין קעלער, באַ דער קליידער.העדנלערין. אין די טירן פלעגן זיך אויף אַ ווילע באַווייזן מאָגערע, גרויע פנימער און, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, פאַרשווינדן. דער קעלער איז פול געווען מיט פאַרשיד'ענע זאַכן. דער ווינטער האָט דאָ צונויפגעקערט דאָס פאַרמעגן פון די אָרימע. לאַססע איז געזעסן אין ווינקל און פאַרריכט אַ מאַטראַץ. ער איז געווען אייגער אַליין.

— זי איז אַרויס, כדי עפעס צו דערליידיקן, — האָט ער געזאָגט. — איצט פאַרדינט זי אַ סך פאַר איר געלט! ניין, איך וויל נישט גיין מיט דיר און עסן דיין ברויט. דאָ עס איך און כ'טרינק, דערפאַר העלף איך איר; צי קאָנען דען אַ סך זאָגן, אַז זייער לאַגע איז פעסטע דעמדאָזיקן ווינטער? און אַ ווינקל צום שלאָפן האָב איך אויך. זאָג מיר אָבער, כ'בעט דיך, וואָס איז געוואָרן מיט פעטערן? איינמאָל איז

ער אוועק פון שטוב, און זינט דאַן האָב איך אים שוין מער נישט געזעען.

— ער איז געוויס באַ זיין כלה. כ׳וועל זיך באַמיען דער־וויסן זיך.

— כ׳בעט דיך, טו דאָס. דאָס זענען געווען אַזעלכע גוטע קינ־דער, ס׳וואָלט געווען אַ שאָד, ווען מיט עמעצן פון זיי זאָל עפּעס טרעפן.

פעללע האָט נישט געוואָלט צונעמען באַם פאָטער זיין זיכער פאַרדינסט.

— מיר ווייסן דאָך אַליין אויך נישט, וואָס מיר קאָנען דיר פאַרלייגן, אָבער פאַרגעס נישט, אַז מיר וועלן דיך תמיד אויפנעמען מיט פרייד. עללען אַליין האָט מ׳יך געשיקט צו דיר.

— יאָ, יאָ. דאַנק איר דערפאַר, און איצט גיי, כל זמן די אַלטע איז נישט צוריקגעקומען. זי האָט נישט ליב עמעץ זאָל קומען אַהער, זי האָט מורא פאַר איר געלט.

דאָס ערשטע, וואָס פעללע האָט באַשלאָסן צו פאַרזעצן, איז גע־ווען זיין פוטער. ער האָט עס אַוועקגעטראָגן, נישט זאָגנדיק קיין וואָרט וועגן דעם עללען. קומענדיק אַהיים האָט ער זי דערפרייט מיט אומגע־ריכטן געלט, וועלכעס ער האָט געוואָרפן אויפן טיש, אַ קראָן נאָך אַ קראָן.

— הער נאָר, ווי זיי קלינגען, — האָט ער געזאָגט צום קליינינקן לאַססע, וועלכער האָט נישט אַנדערש נאָר געוואָלט נעמען דאָס געלט, צו שפּילן זיך דערמיט.

— צו וואָס דאַרף איך אַ פוטער ? — האָט פעללע געענטפערט אויף עללענס מילדע פאַרווורפן. — מיר איז נישט קאַלט, עס האָט בלויז געהאָנגען און פאַרנומען אָרט.

— אָט ווי אַזוי עס וואַרעמט גוט, — האָט ער זיך געווענדט צום קליינינקן לאַססע, — סאַראַ גוט פוטער דער פּאַפּאַ האָט, עס וואַרעמט אַלעמען פאַראַמאָל : דער מאַמען, דער שוועסטער און דעם קליינינקן לאַססע.

דאָס יינגל האָט צונויפגעלייגט די הענט אויף די קני און ער האָט געקוקט אין פייער אויפן פּאַפּאַס פוטער. דאָס פייער האָט באַלויכטן זיינע רויטע בעקלעך און אָפּגעשיינט אין זיינע קיילעכדיקע אויגן.

— סאַראַ גוט פוטער דו האָסט געהאַט, — האָט ער געזאָגט און

פריילעך זיך פונאַנדערגעלאַכט. זיי האָבן זיך כמעט ווי נישט געזען נישט מיט די שכנים, נישט מיט די קרובים, און על־פּי־רוב געזעסן אין שטוב. אין די זונטיקן פלעגן זיי גיין אין שטאָט אַריין און דאָרט שטיין און פרירן באַ דער טיר פון עפּעס אַ קאָנצערט־זאַל, כדי צו הערן די מוזיק, און דערנאָך פלעגן זיי זיך אומקערן אַהיים און זיצן, נישט אָנ־צינדנדיק דעם לאָמפּ, בלויז באַם שיין פון געהייצטן אויוון. אין איינעם אַ זונטיק איז זיי געווען באַזונדערס שלעכט.

— קוילן וועט קלעקן בלויז ביז מיטאָג, — האָט עללען געזאָגט. — קום אין שטאָט אַריין. מיר האָבן לחלוטין נישט וואָס צו עסן. אויב מיר וועלן אַריינגיין צו מיינע עלטערן, וועלן זיי אונז זיכער איינלאַדן צום מיטאָג.

ווען זיי האָבן זיך געקליבן אַוועקצוגיין, איז צו זיי געקומען אָטטאָ, עללענס ברודער, מיט דעם ווייב און די צוויי קינדער. עללען האָט גע־וואָרפן אויפן מאַן אַ פאַרצווייפלטן בליק. דער ווינטער האָט אויך אויף זיי געלייגט זיין שטעמפּל, זיי זענען געווען זייער אָפּגעמאָגערט און ערנסט. אָבער אָנגעטון זענען זיי געווען וואַרעם.

— טוט זיך נישט אויס, איך האָב נישט קיין קוילן, — האָט עללען געזאָגט. — איך האָב זיך נעכטן שטאַרק געאיילט און פאַר־געסן צו קויפן, און ווען איך בין געגאַנגען, איז שוין געווען צו־געמאַכט.

— וואָלט כאָטש די קינדער נישט געווען קאַלט, פאַר אונז אַרט אונז נישט.

— נ...יאָ, ביז עס וועלן זיי נישט הענגען אונטער דער נאָז קיין אייז־ליכטלעך, איז נאָך קיין בייז נישט, — האָט אָטטאָ געזאָגט מיט אַ רמז אויף זיין פריערדיקן שאַרפזין.

זיי זענען אומרויק אַרומגעגאַנגען איבערן צימער. אַהין און צוריק, און גערעדט וועגן די שווערע צייטן און וועגן דער אַלץ וואַקסנדיקער נויט.

— יאָ, דאָס איז שרעקלעך, וואָס נישט אַלע קאָנען אָנשטענדיק זיך דורכלעבן, — האָט געזאָגט אָטטאָס פרוי. — אָבער איינגיכן וועט דער שטרענגער ווינטער אַ סוף מאַכן צו דער נויט און אַלץ וועט ווידער זיין גוט.

— דו מיינסט, אַז דער ווינטער וועט קודם כל אַ סוף מאַכן צו

אונז? — האָט אַטשאָ זיך פונאַנדערגעלאַכט, אָבער אין זיין געלעכטער האָבן אָפּגעקלונגען יאוש־טענער.

— ניין, נישט מיט אונז, נאָר מיט דער אָרימקייט, פאַרשטייט זיך. יאָ, דו פאַרשטייסט גאַנץ גוט, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן. אָט, תמיד איז ער אַזאַ, — האָט זי זיך געווענדט צו פעללען.

— מאָדנע, וואָס איר, פרויען, זענט נאָך אַלץ אַזעלכע נאַיווע און איר מיינט, אַז עפּעס פעלט, — האָט פעללע אָפּגעענטפערט. — דער פאָרט איז פול מיט קוילן, און די קראָמען — מיט לעבנסמיטלען; פאַרקערט, אַלץ איז נאָך געוואָרן מער, ווייל ווייניקע קויפן; גיט נאָר אַ קוק, ווי אַלץ איז ביליקער געוואָרן. אָבער וואָס איז די פעולה, אַז ס'איז קיין געלט נישטאָ. ס'איז שלעכט מיטן פאַרטייל.

— יאָ, דו ביסט גערעכט, -- האָט אַטשאָ געענטפערט. — סאַראַ שאָד, וואָס קיינער אַנטשליסט זיך נישט צו פאַרנעמען זיך דערמיט.

פעללע האָט געהערט, ווי עללען איז אַרויסגעגאַנגען פון דער קיך־טיר, אינגיכן האָט זי זיך אומגעקערט מיט קוילן אין פאַרטוך, — זי האָט גענומען אויף באַרג.

— מיר איז געלונגען צונויפצושאַרן אַ ביסל, — האָט זי געזאָגט און זיך געשטעלט אויף די קני פאַרן אייוועלע. — יעדנפאַלס וועט דאָס גענוג זיין אויף אָנצוּוואַרעמען קאַווע.

דער ברודער מיט זיין ווייב האָבן זי שטאַרק געבעטן נישט באַאומרויקן זיך, זיי האָבן פאַרן אַרויסגיין אין גאַס זיך אָנגעטרונקען, נאָך אַ כדבעידיקן פרישטיק.

— זונטיק מאַכן מיר תמיד אַ גוט פרישטיק, — האָט געזאָגט די די יונגע שטאָלפּע. — דאָס איז אַזוי אָנגענעם! — און רעדנדיק אַזוי האָט זי אויפמערקזאַם נאָכגעקוקט עללענס אַלע באַוועגונגען, ווי זי וואָלט זיך משער געווען, צי וועט גיך פאַרטיק ווערן די קאַווע.

בעת עללען האָט אײַנגעהייצט אין אויוון, האָט זי די גאַנצע צייט גערעדט מיט זיי.

— גוּ, געוויס, אָבער קאַווע פונדעסטוועגן קאָן נישט שאַדן, — זי וועט זיי פאַר קיין פאַל נישט אַפּלאָזן אָן כיבוד.

פעללע האָט מיט פאַרוווּנדערונג און טרויער געהערט זייער אומשולדיקע באַרימעריי, וועלכע האָט געמאַכט די אָרימקייט נאָך שרעקלעכער. ער האָט גוט פאַרשטאַנען עללענס לאַגע און ער איז אַריין נאָך איר אין קיך.

— פעללע, פעללע, זיי האָבן געהאַפּט צו עסן אָונטערברויט בא אונז, און איך האָב קיין ביסן נישט, וואָס טוט מען?
— פשוט זאָגן דעם אמת.
— וואָס רעדסטו! דאָס איז אוממעגלעך. און חוצדעם, צי דען זעסטו נישט, אַז זיי האָבן היינט גאָרנישט געגעסן? — און זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט.
— נו, וואַרט, איך וועל דאָס אַליין אַלץ איינאָרדנען, — האָט זי פעללע געמונטערט. — און וואָס ווילסטו אונז געבן צו דער קאַווע?
— כ'ווייס נישט... איך האָב בלויז שוואַרץ ברויט און אַ ביסל פוטער.
— טאָ וואָס איז דאָ דער מער! נאַרישע! — האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער, און אָנגענומען איר קאָפּ מיטביידע הענט. — טאָ וואָס־זשע זאָרגסטו זיך? מאַך אונז בעסער פוטער־ברייטלעך.
עללען האָט זיך מיט ספקות גענומען צו דער אַרבעט. אָבער פריער, איידער זי האָט געבראַכט דעם כיבוד, האָבן זיי געהערט אַ קלאַפּ מיט דער פאָדער־טיר און טריט אונטן אויף די שטיגן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי זיך צוריקגעקערט.
— עס גייט מיר נישט, דער בעקער האָט פאַרקויפט דאָס גאַנצע ווייסע געבעקס, כ'וועל אייך מוזן געבן פשוט ראַזאָווע ברויט מיט פוטער.
— דאָס איז דאָך אויסגעצייכנט, — האָבן זיי געזאָגט. — צו דער קאַווע זענען אַזוינע פוטער־ברייטלעך דאָס בעסטע צובייסעכץ. אונז איז אָבער זייער אומבאַקוועם, וואָס מיר האָבן אייך פאַרשאַפט אַזוי פיל טרחה.
— פאָלגט מיך, — האָט ענדלעך פעללע געזאָגט. — ס'קאָן זיין, אַז אייך פאַרשאַפט פאַרגעניגן צו שפילן אין באַהעלטעניש? מיר — קיין האָר נישט. איך וויל בעסער זאָגן אָפן: מיר האָבן גאָרנישט, בא אייך, וואָרשיינלעך, איז נישט בעסער. ווי גייט די אַלטע?
— זיי לעבן נישקשה. זיי האָבן תמיד קרעדיט, און חוצדעם האָבן זיי, מסתמא, אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט.
— טאָ לאָמיר זיך לאָזן מיט דער גאַנצער קאָמפּאַניע צו זיי. אַנישט וועט בא אונז גאָרנישט אַרויסקומען.
— יאָ, בנאמנות! אמת, מיר זענען בא זיי ערשט אייערנעכטן

געווען, אָבער גאָרנישט, וואָס קאָן מען טון; יעדנפאַלס וועט דאָס בלייבן צווישן אייגענע.

*   *

*

די קעלט האָט אויף פעללען נישט געהאַט די מינדסטע ווירקונג. דאָס בלוט איז נאָך אַלץ אַזוי מונטער געפלאָסן אין זיינע אָדערן. אים איז תמיד געווען וואַרעם. די נויט האָט ער באַטראַכט, ווי אַ דערמאַנונג, ער האָט זיך געשפּירט שטאַרקער ווי פריער און ער האָט אויסגענוצט די אומווילנדיקע פרייהייט, כּדי צו אַרבעטן פאַר דער אָרגאַניזאַציע.

איצט איז קיין צייט נישט געווען פאַר מיטינגען, אַ סך האָבן אפילו נישט געהאַט קיין געהעריקע הלבשה, כּדי אַרויסצוגיין אין גאַס. איצט האָט זיך אין דער אַרבעטער־באַוועגונג נישט געשפּירט דער פריערדיקער שוואונג און מען האָט געדאַרפט זאָרגן בלויז וועגן דעם, כּדי נישט אָפּצושוואַכן דאָס געשאַפענע. פעללע האָט באַטראַכט פאַר זיין אויפגאַבע אונטערצוהאַלטן די האָפנונג אין די אָפּגעשוואַכטע; אים איז אויסגעקומען אַ סך צו גיין און האָבן צו טון מיט אַ סך מענטשן. די אָרימקייט האָט בלויז פאַרגרעסערט זיין מענטשן־קענטעניש. אומעטום, וווּ די נויט האָט געדראָט צו האָבן אַ דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג, פלעגט ער קומען צו הילף מיט זיינע חברים. ער האָט געזעען, ווי די נויט האָט זיך פאַרשפּרייט ווי אַ פּעסט, און כּסדר פאַרכאַפּט אַלץ נייע קרבנות, באַדראָענדיק אין אַ גלייכער מאָס אַלעמען.

די נויט איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז די אַרבעטסלאָזיקייט פלעגט אין איין אָדער צוויי וואָכן צעשטערן פאַמיליעס, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן דורך יאָרנלאַנגע באַמיִונגען און קוועלערייען. אַזאַ לאַגע האָט יעדן געצווינגען זיך צו פאַרטראַכטן און האָט געשאַפן אַ געהעריקן באָדן פאַר אַגיטאַציע. יעדער, ווער עס איז נאָר ענדגילטיק נישט פאַרטעמפּט געוואָרן, האָט געקאָנט זעען, דורך וואָס זי ווערט אַרויסגערופן. דאָ פלעגן זיך נאָך טרעפן אַזעלכע, וועלכע האָבן נישט געענדערט זייער דאָרפיש אויסזעען, די נויט האָט זיי נאָך געמאַכט הכנעהדיקער. זיי האָבן באַטראַכט ווי אַ ווילטאַט די בלויזע מעגלעכקייט אַרומצוגיין איבער דער ערד און הונגערן. מיט זיי האָט מען גאָרנישט געקאָנט מאַכן. זיי זענען

געווען געבוירענע קנעכט און די קנעכטשאַפט איז טיף אַריינגעדרונגען אין זיי, ווי עפּעס אַ מין נעבעכדיק הינטיש געפיל.

זיי האָבן שוין געהאַט אַריבערגעטראָטן אַ באַשטימטע עלטער און זענען געווען עלטער פאַר פעללען. די יוגנט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט מער פעסטקייט און שטרענגקייט, און ער האָט אָפּט באַוווּנדערט די שטאַנדהאַפטיקייט פון זייערע געדאַנקען. זיי זענען גרייט געווען צו ריזיקירן און קעמפן אויג פאַר אויג. פעללע האָט זיי געמוזט איינהאַלטן, זיי זאָלן נישט שאַדן ברענגען דער אַרבעטער-באַוועגונג דורך זייער איילקייט.

זיין מוח איז געווען פריש און געזונט און ער האָט גוט געאַרבעט, נישט געקוקט אויפן כּראָסט. ער איז אַריינגעדרונגען אין אַלץ און האָט אונטערגעפירט סך-הכּלען פון אַלץ, מיט וואָס אים פלעגט אויסקומען זיך צונויפצוטרעפן. ווי ס'ווייזט אויס האָט זיך יעדער באַזונדער געדרוקט אַ ביסל פאַרויס, און די עיקרדיקע אַגיטאַציע איז באַשטאַנען אין דעם, אויפצוּוועקן אין יעדן איינעם דאָס, וואָס ער האָט שוין אַמאָל פאַרמאָגט. בכלל האָט מען קיין סך נישט געקאָנט דערוואַרטן פון זיי; אַ סך מער האָט געדאַרפט געבן דער קומענדיקער דור; טראַכטנדיק וועגן דעם איז פעללע געקומען צום אויספיר, אַז די אַנטוויקלונג איז פאַרגעקומען נישט בהדרגהדיק, נאָר זי האָט פּראָגרעסירט ערגעץ אין פוסטן רוים צווישן ביידע דורות, אַזוי אַז די אַנטוויקלונגס-מדרגה פון די יונגע איז געווען אַ סך העכער פאַר דער, אויף וועלכער עס זענען געבליבן שטיין די אַלטע.

דידאָזיקע נשמה-באַוועגונג, וועלכע ער האָט נאָכגעפאָלגט, האָט געווירקט אויף אים פּונקט אַזוי מיסטיש, ווי דאָס קול פון בלוט אין זיין קינדהייט, און ער האָט גענומען פאַרשטיין, וואָס מאַרטען האָט געמיינט, זאָגנדיק, אַז דער מענטש איז הייליק. און ווי שרעקלעך עס איז איינגע-אָרדנט, וואָס דער מענטש דאַרף אַזוי פיל ליידן; און פעללעס אויפגע-בראַכטקייט איז נאָך טיפער געוואָרן.

אַ דאַנק אַ סך פאַרבינדונגען האָט זיך פעללע דערוווּסט, אַז מאַרטען האָט געהאַט חברים לדעה. אַ סך האָבן געפילט די ועלבע אומגעדולדיקייט און נישט פאַרשטאַנען, אַז די הונגעריקע קאָנען זיך באַפרידיקן און באַרויקן דערמיט, וואָס מען וועט זיי אָרגאַניזירן. עס האָט אין זיי געלעבט אַ דורשט צו אַן איבערקערעניש. זייער אויסזעען האָט געוועקט אומרויקייט; פאַרמעגלעכע מענטשן פלעגן, טרעפנדיק זיי, מאַכן אַ גרויסן

מוועג, און די אַלטע לײט האָבן גענומען רעדן וועגן סוף פון דער װעלט. קיינמאָל האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז אָרימע זאָלן רעדן מיט אַזאַ טאָן. איינמאָל איז פעללע געשטאַנען מיט עטלעכע יונגע מענטשן אין אַ טויער און מיט היץ אַרומגערעדט די לאַגע; זיי האָבן אויסגעװיילט פאַר אַ צוזאַמענטרעף אַ גאַנץ קיל אָרט, ווייל זיי האָבן קיין מיטלען נישט געהאַט צו דינגען אַ לאָקאַל. זיי האָבן גערעדט אין פליסטער־טאָן, אין זייערע שטימען האָט זיך געהערט אַ פאַרביטערונג. ס׳איז פאַרבייגעגאַנגען אַ גוט־געקליידטער הער.

— גיט נאָר אַ קוק, סאַראַ גוט פוטער, — האָט איינער פון זיי אויסגערופן. — אויך איך וואָלט געװען אַ בעלן צו האָבן אַזאַ קליידונג! לאָמיר אים פאַרנאַרן אין טויער און אַראָפּשלעפּן... — ער האָט דאָס געזאָגט הויך און שוין געוואָלט אַרויסגיין אויף דער גאַס.

— אָן נאַרישקייטן, — האָט פעללע פינצטער געזאָגט און אים איינגעהאַלטן בײַ דער האַנט. — מיר ברענגען זיך אַליין שאָדן. די אַדמיניסטראַציע לאָזט דאָך פון אונז קיין אויג נישט אַראָפּ.

— אַ גרויסע זאַך אונטערצוזיצן אַ פּאָר וואָכן, ס׳וועט, לכל הפחות, זיין עסן און אַ דירה, — האָט געענטפערט דער חבר, און אין זיינע אויגן, תמיד רויקע און קלוגע, האָט אַ בליץ געטון אַ נישט־גוט פייערל.

XXIV.

עס האָבן זיך פאַרשפרייט קלאַנגען, אַז די רעגירונג וויל קעמפן מיט דער אַרבעטסלאָזיקייט, און פאַר ווייַנאַכטן האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע גראָב־אַרבעטן. אַ טייל פון אַלטן פעסטונגס־וואַל האָט געדאַרפט פאַרוואַנדלט ווערן אין פאַרקן און בולוואַרן. פעללע, ווי טויזנטער אַנדערע, האָט געבעטן אַרבעט; אים האָט אָפּגעגליקט זי צו באַקומען. דער אונטערנעמער האָט צוגענומען על־פי־רוב יונגע.

יעדן פרימאָרגן איז געווען אַ גרויסער צושטראָם פון אַרבעטער. פון זיי פלעגט מען אויסקלויבן די פאַסיקע, די איבעריקע פלעגט מען אָפּלאָזן, און אין שטוב האָבן געװאַרט פרויען מיט קינדער און זיך באַ־

ציטנס געפרייט... דעריבער האָבן אַלע אָפּגעזאָגטע נישט אויפגעהערט צו פאַרפּלייצן דעם פּלאַץ. זיי האָט זיך נישט געגלוסט גיין אַהיים מיט אַזאַ טרויעריקער בשורה. זיי פּלעגן זיך אויסשטעלן אין לאַנגע רייעס מיטן באַגינען, הגם זיי האָבן אַליין געפילט, אַז ס'זענען דאָ ווינ-ציק האָפענונגען אויף דערפאָלג. אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי געהאַט אַן אויסרייד צו פאַרלאָזן די שטוב. דאָס פוסט-און-פּאַסט-גיין האָט זיי אומדערטרעגלעך געפּייניקט. ווען עס פלעגן קומען די אויפזעער, פלעגן זיי זיך שווייגנדיק דורכשטופּן, אָבער קוקן מיט תּחנונים. אָט איז געקו-מען אַ פרוי מיט איר מאַן; ער איז באַשיידן איר נאָכגעגאַנגען און נישט אראָפּגענומען די אויגן פון איר, איבערחזרנדיק אַלע אירע באַוועגונגען. דאָס איז געווען אַ גרויסער און שטאַרקער מאַנסביל, ער האָט אָבער נישט געהאַט די מינדסטע איניציאַטיוו, — ער האָט אַפילו די נאָז נישט געשנייצט, איידער זי פּלעגט אים נישט אונטערשטופּן.

— קום אַהער, — האָט זי געזאָגט און אים אַזוי שטאַרק אַ שטויס געטון, אַז ער האָט געשפּירט אַ ווייטיק. — שטיי בענטער צו מיר! — זי האָט גערעדט מיט אַ גראָב קול, נישט וועגנדיק זיך ספּעציעל צו קיינעם נישט, אָבער ווי ווילנדיק דערקלערן די אַרומיקע, פאַרוואָס זי שטופּט זיך דורך פאָרויס. — ער וועט נישט קאָנען זאָגן ווי ס'געהער צו זיין, — האָט זי דערקלערט אומבאַוווסט וועמען.

איר שאַרף קול האָט פעלטן געצוווּנגען אויפצוציטערן. זי איז געווען פון באַרנהאַלם. אַך, דידאָזיקע אַנטשלאָסענע פרויען, זיי זענען אַ רעטונג פאַר זייערע מענער!

— מען מוז דאָך ווי-נישט-איז געבן חיונה די קינדער, און מיר האָבן גאַנצע אַכט, יאָ, אַכט!

— טויג ער דאָך יאָ צו עפּעס, — האָט באַמערקט אַ דורכגעפרוי-ענער אַרבעטער, וואָס איז געשטאַנען אין דער נאָענט.

די פרוי האָט בשלום אַדורכגעשטופּט דעם מאַן וווּהין מען דאַרף.

— הער נאָר גוט אַלץ, וואָס מען וועט דיר זאָגן, און מאַך נישט קיין נאַרישקייטן. — זי האָט אים נאָך אַמאָל אַ שטויס געטון און, אומ-אָפּהענגיק אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט זי אַ קוק געטון אויף די אַרומיקע, וועלכע האָבן געלאַכט פון זיי.

דער פּלאַץ האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מאַרק פון לעבע-דיקער סחורה; די אויפזעער פּלעגן אויסקלייבן די שטאַרקסטע, זיי פּלעגן אויפמערקזאַם באַטראַכטן די אַרבעטסלאָזע און טאַפּן זייערע מוסקולן.

דער אונטערנעמער פלעגט אַרויסגעבן באַפעלן, די אַרבעטער פלעגן אים זידלען.

— דאָ האָבן זיך אויסגעשטעלט די אַרבעטער פון דער גאַנצער שטאָט, ער קאָן אויסקלויבן וועמען ער וויל, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט אַראָפּגעדריקט דעם טאָג-לוין אויף 50 ער. פריער איז ער אַליין געווען אַ שוואַרצאַרבעטער, און איצט באַקומט ער הונדערט טויזנט אַ יאָר. פאַרשאָלטענער בלוטזויגער!

אַזוי פלעגן זיי אָפּשטיין גאַנצע טעג מיט דער האָפענונג, אַז עמעצער, קאָן זיין, וועט קראַנק ווערן אָדער צוליב אַ וועלכן נישט איז אַנדערן צופאַל וועט זיין אַ פרייע וואַקאַנסיע. זיי זענען נישט געווען בכוח אַוועקצוגיין פון דאָזיקן אָרט, די אָנגעהויבענע אַרבעטן האָבן זיי צוגעשמידט צו זיך. זיי זענען געשטאַנען אַרום און גרייט געווען יעדע מינוט וואַרפן זיך און פאַרנעמען מיט שטורעם אַן אַרבעטס-פּלאַץ; די פּאָליציי איז געשטאַנען גרייט. זיי האָבן זיך דורכגעשטופּט פאָרויס, באַוועגט פון דאָרשט נאָך אַרבעט, אין זייערע אויגן האָט געברענט אַ פאַרלאַנג. ווען זיי פלעגן צו-שטאַרק זיך שטופּן, פלעגט מען זיי מיט געוואַלט אָפּשטויסן צוריק. אַמאָל פלעגט די קייט דורכגעריסן ווערן: עמעץ פון די שטייענדיקע פלעגט אַרויסלויפן פאָרויס און כאַפּן אַ רידעל. די פּאָליציאַנטן פלעגן אים אַרויסרייסן פון זיינע הענט און פאַרטרייבן דעם שולדיקן. די אומצופרידנקייט און די אויפגעבראַכטקייט קעגן דער נויט און זייער גאַנצער דערנידעריקטער לאַגע זענען כסדר געוואַקסן, — דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ פאַרשטיקטער צאָרן-מורמלעריי. זיי האָבן באַגלייט דעם אונטערנעמער מיט אַ באַזונדערן אויסדרוק, ריכטיק ווי זיי האָבן געזוכט אין אים עפּעס, אַליין נישט ווייסנדיק וואָס. זעענדיק אַזאַ גרויסן אָנבאָט פון אַרבעטס-הענט האָט דער אונטערנעמער באַשלאָסן צו פאַרלענגערן דעם אַרבעטס-טאָג נאָך אויף אַ שעה. ווען די אַרבעטער האָבן זיך געשטעלט דעם ערשטן טאָג צו דער אַרבעט, האָט מען זיי געמאָלדן וועגן דעם אין דער פאָרם פון אַ באַפעל. אין איין מאָמענט האָבן פירהונדערט מענטשן געוואָרפן די אינסטרומענטן און זיך פאַראייניקט צו זייערע חברים. אויפן אַרבעטס-פּלאַץ זענען פאַרבליבן בלויז צוויי אַרבעטער. מען האָט אַרויסגערופן נייע, אָבער קיינער איז נישט אַרויסגעגאַנגען. אַלע זענען געשטאַנען אויף אַן אָרט און, טיף אויפגעבראַכטע, באַהאַנדלט די לאַגע. דער אונטערנעמער האָט געוואָלט אַרויסציען אַנוצן

פאַר זיך פון זייער שרעקלעכער לאַגע און באַקומען איבעריקע הונדערט־טויזנט קראָן.

— לאָמיר גיין צום שטאָט־ראַט! — האָבן זיי געשריגן. — אָדער ניין, בעסער צו דער רעדאַקציע פון דער צייטונג. אין דער רעדאַקציע דאָס איז ריכטיקער.

— ס׳איז לחלוטין אומנוציק יך ווענדן צום שטאָט־ראַט, כּל זמן מיר האָבן דאָרט נישט קיין איינציקן חבר, — האָט זיך פעללע געווענדט צו זיי. — פאַרגעסט נישט וועגן דעם פאַר די וואַלן, חברים. אונזערע חברים מוזן אויסגעוויילט ווערן אומעטום, אַנישט וועט קיין סוף נישט נעמען צו די נגישות. דערווייל דאַרפן מיר זיך פאַרייניקן און זיין וואַך, און אויב מיר וועלן גאָרנישט אויספועלן, איז בעסער גלייך שטאַרבן איידער זיך מאַטערן אָן אַ סוף.

זיי האָבן אים שווייגנדיק אַרומגערינגלט און אויסגעהערט מיט אַ פינצטערן און פייערלעכן אויסזעען. נישט געקוקט אויף דער דערדריקנדיקער נויט פון דאָזיקן ווינטער, האָבן זיי דערקלערט אַ שטרייק, האַלטנדיק אים פאַרן איינציקן אויסוועג פאַר זיך. וועגן וואָס־זשע האָבן זיי איצט געטראַכט? פעללע האָט אַ קוק געטון אויף די אַרבעטער, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט: ער איז דערשטוינט געוועזן פון פאַריאושטן מוט, וועלכן מען האָט געקאָנט אַראָפּלייענען פון זייערע שטרענגע פּנימער; זייער דראָענדיק שווייגן האָט זיך געקאָנט אויסגיסן אין עפּעס לחלוטין נישט פאָרויסגעזעענס, אויסברעכן אין עפּעס דערשיטערנדיקס, וואָס מען וועט נישט קאָנען באַהערשן. פעללע האָט אַ שפּרונג געטון אויף אַ אַ הויפן־שטיינער.

— חברים, — האָט ער אויסגערופן מיט אַ מעכטיק קול, — דאָס איז נישט מער ווי אַן איבערגאַנג, ווי ס׳האָט געזאָגט דער פוקס, ווען מען האָט פון אים געוואָלט אַראָפּשינדן די פעל. מען האָט שוין אָפּגענומען בײַ אונז די בגדים, דאָס עסן אָדער די היים; ס׳איז בלויז געבליבן אַראָפּצושינדן די הויט. איצט איז געקומען דער מאָמענט צו גיין פאָרויס אָדער צוריק. ס׳קאָן זיין, אַז ס׳איז געקומען די צייט פון גרויסע פּרוּוונגען. איצט מוזן מיר קעמפן פאַר אונזערע רעכט! האַלט זיך פעסטער, חברים! פאַרלאָזט נישט די חברים און גיט זיך נישט אונטער, ווי שווער דאָס זאָל נישט זיין. דער ווינטער ווילדעוועט איצט, ווי נאָך קיינמאָל נישט. הייסט עס, אַז זיין סוף איז נאָענט. די נאַכט איז צום פינצטערסטן פאַרן זון־אויפגאַנג. צי דען וועלן מיר מורא האָבן פאַר נייע ליידן? מיר,

וועלכע ליידן און מאַטערן זיך שוין הונדערטער יאָרן, אינדערהיים וואַרטן אויף אונז די פרויען און באַומרויקן זיך. ס׳קאָן זיין, אַז זיי וועלן אונז אפילו באַגעגענען מיט קללות. מיר קאָנען שוין אָבער מער נישט צוזעען, ווי עס וועלקן אונזערע נאָענטע, נישט געקוקט אויף אונזער אָנגעשטרענגטער אַרבעט. ביז איצט איז דעם אָרימאַנס אַרבעט געווען ווי אַ צוועקלאָזע תפילה צום הימל: „באַשיץ אונז פון הונגער און שמוץ, פון אָרימקייט און קעלט, גיב אונז ברויט! באַשיץ אונזערע קינדער פון אונזער גורל, זאָלן נישט וועלקן זייערע גלידער און היט אָפּ זייער פאַרשטאַנד פון משוגעת!“ אָט ווי עס האָט אויסגעזעען אונזער תפילה ביז איצט.

— אָבער די תפילה דאַרף זיין אַן אַנדערע. מיר זענען אויסדערווילטע, און דעריבער זאָגן מיר — גענוג! מיר ווילן מער נישט אַרבעטן פאַר אונזערע פרויען און קינדער, און פאַר די קינדס-קינדער! באמת, וואָס גייען אונז אָן די אָפּשטאַמיקע? דווקא אונז? צי דען זענען אונזערע עלטערן ענגלעך געווען אויף אונז? ניין, זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין שמוץ און אָרימקייט און זענען הכנעהדיק געקראָכן פאַר דער מאַכט און די מעכטיקע. טאָ פינוואַנען נעמט זיך אין אונז דאָס, וואָס מאַכט אונז שטאַרק און שטויסט אונז זיך צו פאַרייניקן? די צייט איז געבליבן שטיין אויף איין פונקט, חברים. זי האָט אַוועקגעלייגט איר האַנט אויף אונזער ברוסט, זאָגנדיק „אָט וואָס איר דאַרפט טון“, אויף דעם אָרט, אויף וועלכן איר שטייט, ענדיקט זיך דאָס אַלטע און ס׳הייבט זיך אָן דאָס נייע, און דעריבער האָבן מיר אַוועקגעוואָרפן אונזערע אינסטרומענטן, הגם די נויט שטייט פאַר אונז, — אַזוי פלעגט מען אַמאָל נישט האַנדלען. מיר ווילן איבערקערן דאָס לעבן און מאַכן עס פריידיק אויף תמיד פאַר די אָרימע! איר, וועלכע האָבן אָפּט איינגעשטעלט דאָס לעבן און דאָס געזונט פאַר צוויי קראָן, — איצט איז די צוקונפט אין אייערע הענט. טאָ זייט-זשע רויק און מיושבדיק! און כל-זמן אויף דער וועלט וועלן עקזיסטירן אַרבעטער, וועט מען אייך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. אויב מיר וועלן אויסהאַלטן, וועט דערדאָזיקער ווינטער זיין דער לעצטער, און דאָרט, נאָך אים, ליגט יענץ לאַנד, צו וועלכן מיר שטרעבן.

— חברים ' איניגיכן וועט קומען דער פרימאָרגן, אונזער פרימאָרגן.

פעללע האָט אַרויסגערעדט ווערטער, כמעט אַליין נישט באַגרייפנ-

דיק זייער באַדייטונג. ער האָט געפילט, אַז עס רעדט אין אים עפּעס מעכטיקס, וואָס האָט קיינמאָל נישט אָפּגענאַרט. זיין באַגייסטערט קול האָט אַלעמען פאַרכאַפּט. זיינע אויגן האָבן געברענט. פון דאָזיקן דער־דריקנדיקן ווינטער איז אויפגעשטאַנען אין ליכטיקן גלאַנץ אַ געשטאַלט, אַ געשטאַלט פון יעדן פון זיי און גלייכצייטיק דאָס געשטאַלט פון אַ נייעם, יונגן גאָט. ער איז געבוירן געוואָרן פון אָרימקייט און האָט אָפּ־געוואָרפן דעם אַלטן גלויבן אין השגחה און גורל, ער האָט געשאַפן אַ נייעם גלויבן, אַ ליכטיקן גלויבן אין דער קראַפט פון יעדן איינעם. אַלץ אַרום האָט געשריגן, צוערשט האָבן זיך געהערט איינצלנע שטימען, דערנאָך האָט זיך אַלץ צוזאַמענגעגאָסן אין אַ מעכטיקן הימן פאַר דער נייער צייט...

זיי פלעגן קומען יעדן טאָג, אָבער נישט צו דער אַרבעט, נאָר כּדי אויסצודריקן זייער שטומען פּראָטעסט. ווען די אויפזעער פלעגן אַרויסרופן די אַרבעטער, פלעגן זיי שטיין אין שטומע גרופּעס, מוראדיקע, ווי פינצ־טערע פעלזן. צייטנווייז פלעגן זיך הערן קללות. דער שטאָט־ראַט האָט גאָרנישט אונטערגענומען, ער האָט זיי אויסגעשטרעקט אַ האַנט מיט הילף, זיי האָבן זי אָפּגעשטויסן, טאָ זאָלן זיי אַליין טראָגן די אחריות. דעם אונטערנעמער איז דערלויבט געוואָרן אָפּשטעלן די אַרבעטן, ער האָט ווי אָבער ווייטער געפירט, באַנוצנדיק עטלעכע צענדליק שטרייקבּרעכער, כּדי צו צערייצן די איבעריקע.

אויפן גרויסן שטח, אויף וועלכן עס האָט געאַרבעט אַ קליין הייפל מענטשן, האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. זיי האָבן געאַרבעט, ווי אַרעסטאַנטן, געהיטן פון פּאָליציי. די טאַטשקעס זענען געלעגן איבער־געקערט מיט די רעדלעך אַרויף און ס'האָט אויסגעזען, ווי איבערן דאָזיקן אָרט איז דורכגעגאַנגען אַ שונא. די שטרייקבּרעכער האָט מען וועררבירט פון די פאַרשידנסטע שיכטן; אייניקע אַרבעטסלאָזע האָבן פאַר־שריבן זייערע נעמען און אַדרעסן, כּדי אָפּצודרוקן אין „אַרבעטער". איינער פון די שטרייקבּרעכער האָט געהערט צו שטאָלפּעס פאַריין. דאָס איז געווען אַ באַוווסטזיניקער פאַמיליען־פאָטער, וועלכער האָט אָנטייל־גענומען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון די ערשטע טעג פון איר אנטשטיין.

— סאַראַ רחמנות ס'איז אויף אים, — האָט שטאָלפּע געזאָגט, — ער איז מיין אַלטער חבר לויט ז'ער אַרבעט און ער איז תמיד געווען אַ גוטער חבר. איצט וועט מען אים גוט דורכלופטערן אין די צייטונגען, —

דאָס איז אונזער חוב. וואָס קאָן מען מאַכן, ווען איינער פון אונזערע מערט פלוצלינג א בוגד...

פרוי שטאַלפּע האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרץ.

— דאָס איז אזא חוילע פאַמיליע, — האָט זי געזאָגט. — מיר זענען פון לאַנג באַקאַנט מיט זיי. איך ווייס, אז זיי האָבן לאַנג געהונגערט... הער נאָר, פּאָטער, ער האָט דאָך א יונג ווייב, גיי אריין אין זיין שווערער לאַגע.

— מיר אליין איז דאָס זייער שווער, — האָט שטאַלפּע געענטפערט. — מיר זענען אָבער מחויב אזוי צו האַנדלען, אַנישט וועט מען אונז באַשולדיקן אין פּניותדיקייט. — דער אַלטער שטאַלפּע איז תמיד געווען אַן א פלעק...

— כ׳וועל זעען דורכרעדן מיט אים, אפשר וועט ער חרטה האָבן, — האָט פעללע פאַרגעלייגט.

ער איז אַוועק לויטן אדרעס, וועלכן שטאַלפּע האָט אים אָנגעוויזן. דער מויערער האָט געוווינט אין אַ שטיבל מיט הוילע ווענט און מיט פיר קינדער. א מאַן פון מיטעלע יאָרן, אָבער נאָך אַ פעסטער, איז געזעסן באַם טיש און געגעסן מיט א נידערגעשלאָגענעם אויסזעען ; די קינדער, אָנגעשפּאַרט מיט די גאָמבעס אָן ברעג טיש, האָבן אויפמערקזאַם נאָכגעקוקט יעדן ביסן, וועלכן ער האָט געלייגט אין מויל. אַ יונגע פרוי איז געגאַנגען אהין און צוריק איבערן צימער ; זי האָט אים דערלאַנגט זיין באַשיידן עסן מיט באַוועגונגען, וואָס זענען פול געווען מיט ליבע. פעללען איז שווער געווען אָנצוהייבן דעם שמועס מיטן דאָזיקן אַלטן וועטעראַן. אָבער ס׳האָט גאַרנישט געהאָלפן.

— איך פאַרשטיי דאָס אַלץ זייער גוט, — האָט געזאָגט דער מויערער, אַ שאָקל טוענדיק מיטן קאָפּ. — כ׳בעט דיך, גיי נישט אַרויס מיט דיין מוסר. כ׳בין דאָך געווען איינער פון די ערשטע און ביז איצט האָב איך זיך גוט געהאַלטן, אָבער איצט איז געענדיקט. וואָס דאַרפסטו דאָ האָבן ? אויב דו האָסט אין שטוב א ווייב מיט קינדער, וואָס שרייען און בעטן ברויט, טאָ טראַכט וועגן דייגע.

— מיר שרייען נישט, האַנס, — האָט דאָס ווייב שטיל אַרויסגערעדט.

— ריכטיק, אָבער דאָס איז נאָך ערגער. איר מיינט, אז איך קאָן גלייכגילטיק צוזעען, ווי איר הונגערט און פרירט ? כאַפּט דער טייוול דידאָזיקע אַלע חברים מיט זייערע הויכע ווערטער. פריער פלעגן מיר

הונגערן בלויז זעלטן, איצט הונגערן מיר אָן אויפהער — אין דעם איז דער גאַנצער חילוק. לאָזט מיך צורו. כ'בעט אייך. כאַפּט אייך דער רוח, פאַרוואָס ווילט איר מיך נישט לאָזן צורו?

און ער האָט אַ שלוק געטין פון פלעשל אַ זופּ בראָנפן. דאָס ווייב האָט אים צוגערוקט אַ גלאָז, ער האָט עס אָבער גראָב אָפּגע-שטופּט.

— זיי ווילן וועגן דיר אָפּדרוקן מאָרגן אין דער צייטונג, איך האָב דיך געוואָלט וואָרענען, — האָט פעללע געזאָגט אומ-אַנטשלאָסן.

— שרייבן וועגן מיר, אַז איך בין אַ חזיר און אַ שלעכטער חבר, אַזוי? אפשר אויך, אַז איך שלאָג מיין ווייב? איר ווייסט דאָך אָבער אַליין, אַז דאָס איז אַ ליגנט. אגב, וואָס גייט מיך דאָס אָן? טרינק אויס, חבר!

ניין, פעללע האָט בשום אופן נישט געוואָלט.

— נו, וועל איך אַליין אויסטרינקען, — האָט דער מויערער זיך צעלאַכט מיט נישט קיין גוט געלעכטער. — איצט קאָנסטו אַליין עדות זאָגן, אַז איך בין אַ חזיר און כ'טרינק פון פלאַש. קום צו גיין אַ צווייט מאָל און קוק אריין דורכן שליסל-לאָך, — אפשר וועסטו זעען, אַז איך שלאָג דאָס ווייב.

די יונגע פרוי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט.

— נו, כאַפּט אייך אַלע דער טייוול, לאָזט מיך צורו, — האָט ער פאַרעקשנט געזאָגט.

פעללע איז אַוועקגעגאַנגען, נישט דערגרייכנדיק קיין שום רע-זולטאטן

XXV.

דער צפון-ווינט האָט דורכגעדרונגען די „תיבה" דורך און דורך, דאָס גאַנצע לעבן אין איר איז אָפּגעשטאָרבן. דאָס געררויש, וואָס האָט זיך זומער געהערט אויפן ענגן הויף, איז שטיל געוואָרן. דאָס וואַסער, וואָס האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו רינען פון אומצייליקע רינעס און וועלכעס פלעגט פאַרוואַנדלען דעם הויף אין אַ שמאָלן גרינלעכן ברונעם מיט גליטשיקע ווענט, איז פאַרפרוירן געוואָרן.

דאָרט, ווו עס זענען געזעסן די זשאַבעס אין זייערע פאַנטאַסטישע גראַטעס פון גרינעם מאָך און גליטשיקע פעדעם, איז איצט אויסגעוואַקסן אַן אייז-קאָרע, אַ שמוציקער גלעטשער, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פון דער מאַנסאַרדע ביז דער סאַמער ערד. ווו-זשע האָבן זיך אַהינגעטון די שמוציקע, פריילעכע קינדער; און ווו איז דער פאַקל-טרעגער. פון וועלכן דאָס ווייב פלעגט אין די אָוונטן אַרויסמקלען זיין שכרות? און פאַרוואָס הערט מען איצט נישט די פרויען-שטימע, וואָס פלעגט קיינמאָל נישט שטיל ווערן, וואָס פלעגט דורכדרינגען דעם גאַנצן הויף מיט שאַרפע — ווי אַ גאָלמעסער — טענער?

דער פראָסט איז אַלץ שטאַרקער געוואָרן. ער האָט אַלץ געשמידט. דער קאַטאַרינקע-טשיק איז געלעגן אין זיין קעלער און אים האָט באַזוכט דער געטרייער פריינט פון צפון-ווינט דער רעמאַטיזם. און דאָרט אונטן, אויפן ליידיק-געוואָרענעם הויף, האָט אַרומגעבלאָנדזשעט דער ווינט און זיך געשלאָגן אין די פייכטע ווענט. יעדעס מאָל, ווען עמעץ פלעגט דורכגיין דורכן טויער, פלעגט ער זיך איינקלאַמערן מיט זיינע אייזיקע זויגערס אין יענעמס קני און דורכדרינגען מיט ווייטיק ביזן זאַמע הארץ.

דאָס אַלטע הויז האָט געקוקט אַהין, אין דער פוסטקייט, מיט זיינע פינצטערע פענצטער. דער פראָסט האָט אַראָפּגעריסן די לעצטע געבלומטע פאַרהאַנגען פון די פענצטער און זיי — פאַרזעצט. ער האָט אויסגעביטן דעם קאַנאַריק אויף אַ בינטל האָלץ, און דאָסדאָזיקע אייביקע, איינזאַמע געוויין פון די קליינע קינדער — דערדאָזיקער הימן צו דער פראַצע.

װעלכער פלעגט פריער שטיל װערן בלויז אין די אָװנטן, װען די מוטערס פלעגן צוריקקערן אהיים, האָט דער פראָסט פאַרשפּאַרט אין די פאַרשלאָסענע צימערן; איצט האָט די מוטער דעם גאַנצן טאָג פאַרבראַכט מיט איר קינד, און אויך דאָס האָט געטון נישט קיין אַנדערער װי דער פראָסט. צוזאַמען מיט זיין ברודער, דעם הונגער, פלעגט ער נישט פאַרגעסן באַזוכן זיי יעדן טאָג. אין אַ צימערל אויפן דריטן שטאָק, װאָס איז אַרויסגעגאַנגען צום הויף, איז געזעסן אין װינקל באַם אויװן די אַלטיטשקע יאַנסען. גאַנגאַס קליינע מיידעלע האָט זיך צוגעטוליעט אויף אַ שטיקל דעקע פון שמאַטקעס, אויפן דיל. אין די נאַקעטע פענצטער האָט מען געזעען בלויז אייז, — ריכטיק װי אין דער גאַנצער װעלט איז קיין אַנדערע זאַך נישט געװען. װען דאָס מיידעלע פלעגט װעלן אַ קוק טון אין פענצטער, פלעגן זיך אויף די שויבן באַװייזן קליינע אַפּגעגאַנגענע קייקעלעך. װעלכע פלעגן אויך תיכף פאַרצויגן װערן מיט אייז. די אַלטע האָט געקוקט פאַר זיך מיט אירע גרויסע קיילעכדיקע אויגן; איר קאָפּ האָט זיך די גאַנצע צייט געטרייסלט. און זי האָט דערמאַנט מיט איר אויסזעען אַ פויגל, װאָס זאָגט װאָר אומגליק און װעלכער װייסט אַ סך מער, װיפיל אַ מענטש איז בכוח איבערצוטראָגן.

— באָבע, מיר איז װידער קאַלט, — האָט דאָס מיידעלע זיך געקלאָגט.

— זע, זאָלסט נישט אויפהערן צו ציטערן, װעסטו זיך אָנװאַרעמען.

— און דו ציטערסט דען?

— ניין, מיינע גלידער זענען פון אַלטקייט פאַרשטייפט געװאָרן, כ׳קאָן מער נישט ציטערן. אָבער די קעלט טוט מיינע גלידער, כ׳שפיר זיי נישט מער. אַלץ װאָלט נישט געשאַדט, װען נישט די פּלייצע...

— צװואָס־זשע שפּאַרסטו זיך אָן אין קאַלטן אויװן?

— אַך, מיין אָרימער פּלייצע איז אַזוי שרעקלעך קאַלט!

— דאָס איז דאָך אָבער נאַריש, דער אויװן איז נישט געהייצט.

— אָבער װאָס זאָל איך טון, אז מיין פּלייצע איז אַזוי אומדערטרעגלעך קאַלט. — האָט די אַלטע אַרויסגערעדט מיט תחנונים.

דאָס קינד איז שטיל געװאָרן און גענומען קוקן אין אַ צװייטער זייט אויף אַלע װענט האָבן געבלישטשעט קליינינקע קריסטאַליקעס. אין די טאַפּעטן האָט עפּעס געשורשעט.

— באָבע, וואָס רוישט דאָס? — האָט דאָס מיידעלע געפרעגט.

— דאָס זענען די וואַנצן, זיי קלייבן זיך אַריבער אונטן. דאָ, אינ־דערהייך, איז געוואָרן צו קאַלט און זיי גייען אַוועק, זיי קריכן, זיכער, צו די אַלסענס מיט זייער וואַרעמער וואַנט.

דאָס מיידעלע האָט אַ מינוט געשוויגן, דרייענדיק פּאַמעלעך דעם קאָפּ אין אַלע זייטן. איר פּנימל האָט אויסגעדריקט אַ גרויסע אומצו־פרידנקייט.

— מיר איז קאַלט, — האָט זי זיך ווידער געקלאָגט.

— זע, הער נישט אויף צו ציטערן.

— איז נישט בעסער איך זאָל אַ ביסל אונטערשפּרינגען?

— ניין, דו וועסט זיך מער נישט אָנשלינגען מיט קאַלטער לופט, און זי וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אייז. זיץ רויק. באַלד וועט קומען די מאַמע און זי וועט אונז עפּעס ברענגען.

— זי וועט גאָרנישט קריגן. ווען זי וועט קומען, וועט שוין גאָרנישט נישט זיין.

— נישט ריכטיק, — האָט האַרט געזאָגט פרוי יאַנסען. אין קעסל וועט קלעקן פאַר אַלעמען, מען דאַרף זיך נאָר טויגן צום עסק. אַך אָרימער דאַרף פאַרגעסן וועגן חרפה, היינט וועט זי אומבאַדינגט עפּעס ברענגען.

דאָס מיידעלע האָט דורכגעוואַרעמט אויף דער שויב אַ לעכעלע.

— גיב אַ קוק, קלייבט זיך נישט אַמאָל אַ שניי, ער וועט געבן דעם אָרימאַן אַ קליין פאַרדינסט. — האָט געזאָגט די אַלטע.

ניין, דער ווינט האָט כסדר געבלאָזן פון צפון; געוויינלעך האָט ער זיך געטראָגן לענגויס די קאַנאַלן, אָבער איצט איז שוין אַ גאַנצער חודש ווי ער האָט זיך אַריינגעקליבן אין גלאָקן־טורעם און שפּילט אויף אַ פייפיאַל, וואָס איז געמאַכט פון פוסטע ביינער פון די אָרימעלייט. די קאַנאַלן זענען באַדעקט געוועזן מיט אייז, די ערד איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך האַרט. אויף דער בריק האָט דער פראָסט אונ־טערגעיאָגט מענטשן, ווי דער ווינט טרייבט טרוקענע בלעטער, ס׳האָט זיך געהערט דאָס טרוקענע טרעשטשען פון זייערע טריט.

איבער דער בריק איז דורכגעפאָרן אַ געלע פור, די שווערע תפיסה־טויערן האָבן זיך אויפגעעפנט און זי איינגעשלונגען. דאָס האָט מען געבראַכט פלייש פאַר די אַרעסטירטע. דאָס מיידעלע האָט נאָכגע־פאָלגט די פור מיט אַ פאַרלוירענעם בליק.

— די מאַמע קומט נישט, — האָט זי געזאָגט מיט פאַרדראָס. — כ'וויל אַזוי עסן.

— וואַרט אַ ביסל, זי וועט קומען, און שטיי נישט דאָרט, אין ליכט, קום אַהער אין ווינקל. די ליכטיקייט מאַכט נאָך קעלטער.

— און מיר דאַכט זיך, אַז אין דער פינצטערניש איז קעלטער.

— דאָס איז דערפאַר, וואָס דו פאַרשטייסט נאָך גאָרנישט. איך האַלט איצט אין איין טרוימען וועגן דער גרויסער פינצטערניש.

— און איך טרוים וועגן דער זון, — האָט דאָס מיידעלע עקשנות־דיק געענטפערט.

אויפן הויף האָט עפּעס אַ טראַסק געטאָן. דאָס מיידעלע איז אַרויס־געלאָפן עפענען די טיר אין באַלקאָן. האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פאַר זייער דירה האָט עמעץ געהאַלטן אין אָפּברעכן אַ טרעפּל. אָבער אָט איז געקומען די מוטער מיט אַ בלעכן קענדעלע און אַ פּעקל אונטערן אָרעם. דאָס קענדעלע איז, וואַרשיינלעך, געווען פול, זי האָט עס גע־טראָגן מיט מי. טראַ־לאַ־לאַ! און דאָס פּעקעלע? וואָס האָט דאָרט גע־קאָנט זיין?

— מאַמע, מאַמע! — האָט פריידיק אַ קלונג געטאָן אינדערלופטן, און דאָס מיידעלע האָט זיך איבערגעבויגן איבער דעם וואַקלענדיקן פּאָרענטש. גאַננאַ האָט זיך שנעל אויפגעהויבן איבער די שטיגן, מיט אַ האַלב־אָפן מויל און ברענענדיקע באַקן, פון יעדן פענצטערל האָט עמעץ אַרויסגעקוקט.

— די אַלמנה גאַננאַ האָט איצט דורכגעמאַכט דעם שווערסטן וועג, — האָבן זיי גערעדט.

זיי האָבן געוווּסט, ווי זי האָט זיך באַמיט צו דערגרייכן איר מוטער און די טאָכטער. זי איז געווען אַ ווויל מיידל, און גאַנגאַ האָט אַלעמען באַגריסט מיט קאָפּ־באַוועגונגען, ווי זי זאָל זאָגן: איצט איז דאָס שוין, גאָט צו דאַנקען, געענדיקט. זי איז געשטאַנען באַם טיש און אַראָפּגענומען פון קענדעלע דאָס דעקל.

— גיט נאָר אַ קוק, — האָט זי געזאָגט, מישנדיק די זופּ, אַ זופּ מיט גרויפּן און גרינס. — ווען מיר זאָלן האָבן אַ ביסל האָלץ, כדי דאָס אָנצוּוואַרעמען.

— איך מיין, אַז מיר מעגן אָפּברעכן אַ ברעטל, אַלץ טוען דאָך דאָס, — האָט באַמערקט די מוטער.

— געוויס, — האָט גאַננאַ געזאָגט באַלעבאָס. — פאַרוואָס נישט? אויב שוין בעטן אַ נדבה, איז...

זי איז צרויסגעגאַנגען און האָט אָפּגעבראָכן פון הויז עטלעכע ברעטלעך, איבערן גאַנצן הויז האָט זיך געהערט אַ טראַסק. די אלמנה גאַננאַ האָט צעבראָכן איר שטאָלץ. גאָר אינגיכן זענען זיי שוין געזעסן באַ דער זופּ, די באָבע מיטן אייניקל.

— עסט, — האָט גאַננאַ געזאָגט, קוקנדיק אויף זיי מיט ברענענדיקע אויגן. אירע באַקן האָבן געפלאַקערט. היינט איז זי געווען ווונדער שיין.

— ביסט ווי אַ בלימל, וואָס האָט זיך צעבליט אויפן פראָסט, — האָט די מוטער געזאָגט. — פאַרוואָס עסטו נישט אַליין?

ניין, גאַננאַ האָט נישט געוואָלט.

— איך פיל אין זיך אַזאַ לייכטקייט, איך נייטיק זיך נישט אין קיין שום שפּייז. — זי האָט נערוועז געדרייט דאָס פּעקעלע, זי איז אינגאַנצן אַרומגעכאַפּט געווען מיט עפּעס אַן אומרויקייט, אירע ליפּן האָבן עפּעס־וואָס געשעפּטשעט, ווי אין פיבער.

— וואָס האָסטו דאָרט? — האָט די מוטער געפרעגט.

— זאַכן פאַר דיר און מאַריאַן, איר פרירט אַזוי שטאַרק, כ'האָב זיי געקויפט באַ דער הענדלערקע פאַר זייער אַ ביליקן פּרייז.

— געקויפט?

— יאָ, מען האָט מיר דערוויילן געגעבן אָן געלט.

— יאָ, יאָ, דו נעמסט אָבער אויף זיך עפּעס צו פיל... ס'וועט זיין זייער אָנגענעם אָנצוואַרעמען מיין פּלייצע.

גאַננאַ האָט גענומען אויפבינדן דאָס פּעקל. זיי האָבן אויפמערקזאַם געקוקט אויף איר. זי האָט אַרויסגענומען אַ דינינק זומער־קליידעלע אין פאַלבן און מיט אַ גרויסן אויסשניט, אַ בלויס, ווי די אויגן פון דער קליינינקער מאַריאַ. עטלעכע פּאָר דינע פרויען־וועש און שיינינקע לעדערנע לאַטשן. דאָס מיידעלע און די אַלטע האָבן מיט פאַרווונדערונג געקוקט אויף דידאָזיקע זאַכן.

— סאַראַ פּראַכט! — האָבן זיי געזאָגט, דערשטוינטע פון די פּרעכטיקע זאַכן, אָבער גאַננאַ איז אָפּגעשטאַרבן פון שרעק... דערנאָך האָט זי אינגאַנצן גענומען ציטערן פון שלוכצן...

— נו, וואָס טוט זיך מיט דיר, הער אויף, — האָט זי די מוטער איינגענומען. אַ קלאַפּ טוענדיק איר אין דער פּלייצע. — וואָס־זשע איז

דאָס אומגליק, וואָס דו האָסט כאַטש איין מאָל אין לעבן געקויפט פאַר זיך? די יוגנט פאָדערט דאָך דאָס איריקע.

— ניין, ניין, מוטער, וואָס רעדסטו! כ'האָב דאָס גאָרנישט געקויפט. כ'האָב געזען, אַז אייך איז קאַלט. בין איך אַריין אין עפּעס אַ רייכער שטוב און געבעטן אַלטוואַרג. און אַ יונג מיידעלע, אַזאַ שיינינקע און ווילע, האָט מיר אַרויסגעטראָגן דאָס דאָזיקע פּעקעלע. כ'האָב נישט געוווסט, וואָס עס געפינט זיך דערין. כ'האָב לגמרי נישט געוווסט!

— פּרעכטיקע זאַכן, — האָט די מוטער רויק געזאָגט, צעלייגנדיק זיי אויפן טיש. אָבער גאַננאַ האָט זיי אַ כאַפּ געטון און אַוועקגעוואָרפן אין ווינקל אַריין, צום אייוועלע.

— ביסט קראַנק, — האָט די מוטער געזאָגט, — שאַרף אָנקוקנדיק גאַננאַן. — דיינע אויגן ברענען ווי די קוילן.

ס'איז טונקל געוואָרן, און זיי האָבן זיך געלייגט אין בעט, אַזוי אַז מען האָט זיך געקאָנט באַגיין אָן פייער; אין בעט איז געווען בעסער פאַר אַלץ. זיי האָבן די דעקע געלייגט אין דער ברייט, אַזוי אַז זי האָט געקלעקט פאַר דרייען, און די פיס האָבן זיי צוגעדעקט מיט בגדים. מאַריאַ איז געלעגן אינמיטן, איר איז געווען גוט. זיי האָבן גלייכגילטיק געפּלוידערט, ליגנדיק אין דער פינצטער, וועגן פאַרשידענע נאַרישקייטן, אָבער גאַננאַס קול, אַ קלינגענדיקס און זיכערס, האָט זיך דערטראָגן צו זיי ריכטיק ווי פון עפּעס אַן אַנדערער ליכטיקער וועלט.

— ביסט אַזוי אויפגערודערט. באַמי זיך איינצושלאָפן. איך פיל אויף מיין אָרט ווי הייס דו ביסט.

— מיר איז אַזוי לייכט! — האָט גאַננאַ געזאָגט. — איך קאָן נישט ליגן אומבאַוועגלעך.

זי איז אָבער געלעגן רויק, קוקנדיק פאַר זיך און זי האָט עפּעס אומהערבאַר אונטערגעזונגען, זי האָט אינגאַנצן געפלאַקערט אין פיבער. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זיך די אַלטע אויפגעכאַפּט פון קעלט. גאַננאַ איז געשטאַנען אויפן דיל און אָנגעטון אויף זיך די פיינע וועש באַ דער שיין פון אַ קליין ליכט-פּיצל. פון איר מויל איז געפלויגן אַ דאַמף אין דער פאָרם פון אַ ווייס וואָלקנדל.

— וואָס טוסטו? ביסט דאָך אינגאַנצן אַ נאַקעטע, אויף אַזאַ קעלט! — האָט די מוטער אויסגעשריגן. — ווי דו היטסט זיך נישט!

— אָך, מיר איז גאַנץ וואַרעם. ס'איז דאָך איצט זומער.

— וואָס טוסטו?

— כ׳וויל זיך אַ ביסעלע אָנטון, מאַמע.

— יאָ, טאַנק, מיין ליאַלקעלע. די בעסטע צייט פון דיין יוגנט איז שוין אַוועק, מיין אָרימע! פאַרוואָס האָסטו נישט געזען קריגן אַ מאַן, ווען דו האָסט באַקומען אַ קינד...

גאַננאַ האָט עפּעס אונטערגעזונגען, אָנטוענדיק דאָס העל-בלויע זומער-קלייד. פון פאָרנט איז עס געווען אויף איר אַ ביסל ברייט, אָבער דאָס האָט נאָך שענער אָנגעמערקט איר ברוסט. אַרום גאַננאַן איז ווי געשטאַנען אַ ליכטיק וואָלקנדל. די מוטער האָט איר צוגעשפּילעט דאָס קלייד אויף דער פּלייצע מיט אַ שפּילקע.

— זע, וועק נישט אויף מאַריאַן. — האָט זי געשעפּטשעט, אינגאַנצן פאַרכאַפּט מיטן אָנטון די טאָכטער. — די שפּיצן פון דעם העמד קאָן מען אַ ביסל אויסציען, מען זאָל זיי אַרויסזען. אַזוי איז זייער שיין. איצט ביסטו אַן אמתע כלה.

— כ׳וועל אַראָפּלויפן זיך ווייזן דער פרוי אָלסען! — האָט גאַננאַ געזאָגט, צודריקנדיק די הענט צו די ברענענדיקע באַקן.

— אויסגעצייכנט, פאַרשאַף זיך כאָטש אַ קליין פאַרגעניגן, — האָט די מוטער געזאָגט, זיך אומדרייענדיק צו דער וואַנט.

גאַננאַ איז אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ, דורכן הויף אַרויס אויף דער גאַס. די פאַרפרוינע ערד האָט הילכיק געקלאַפּט און זי געבערענט דורך די דינענקע זוילן. זי איז געלאָפן אַלץ ווייטער. איבערן האַנדלס-פּלאַץ, איבער דער בריק, צו דער בעסערער טייל שטאָט, און זי האָט זיך צונויפגעשטויסן מיט פּעללען, וועלכער איז אַרויס באַזוכן לאַססען.

ער איז אויסגעשעפּט געווען דורכן שווערן קאַמף מיט דער האַרטער הירקלעכקייט. דער אין-סופיקער תהום פון אָרימקייט האָט אים אַריינגעבראַכט אין יאוש, — האָט דען געלוינט צו קעמפן? דאָס לעבן איז בלויז געוואָרן פּיינלעכער. אָבער אין דאָזיקן מאָמענט האָט פּעללע אויף אַלץ געקוקט ליכטיק, עס האָט אים אַרומגעכאַפּט ווי אַ מין שכרות, דאָס פלעגט זיך אָפט טרעפן מיט אים פאַר דער לעצטער צייט. זיין נשמה פלעגט זיך אָפּטיילן פון אים און אויסמאָלן פאַר אים אַ נייע צייט פון גליק; אָנשטאָט אומענדלעכע קוועלענישן פלעגט ער אַריינפאַלן אין אַ לאַנד פון שפע און פּראַכט. אין אַזאַ צושטאַנד האָט ער זיך געפונען אויך איצט. פּעללע האָט נישט באַמערקט די קעלט, די נויט האָט מער נישט עקזיסטירט פאַר אים; אַ דאַנק אַ שטאַרקער גייסטיקער אָנשטרענגונג און אין פאַרבינדונג מיט דער שלעכטער דערנערונג, האָט זיין בלוט געקלונגען אין

די אויערן מיט אַן אומאויפהערלעך ליד. דאָס איז געווען אַ הימן פון גליק פון אַן אַנדערער ליכטיקער וועלט. און ער האָט זיך לחלוטין נישט געוווּנדערט, ווען ער האָט געטראָפן גאַנגאַן אין אַ העל קלייד, אָנגעטוי ווי צו אַ באַל.

— פעללע, מיין ליבער, — האָט זי געזאָגט, נעמענדיק אים פאַר אַ האַנט. — קום טאַנצן, ווילסט ?

„אָט איז ווידער די אַמאַליקע גאַנגאַ", — האָט פעללע אַ טראַכט געטון מיט פרייד, — „די זאָרגלאָזע פרינצעסין" פון דער „תיבה", זי האָט פיבער, ווי דאָן.

ער אַליין האָט אויך געהאַט פיבער. ווען זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן, האָט ער פאַרגעסן אי וועגן פאָטער, אי וועגן זיין זאַך און איז נעגאַנגען נאָך איר.

דער אַריינגאַנג צום „זיבעטן הימל" האָט אינגאַנצן געברענט מיט פייערן, אומברחמנותדיק אָפּדעקנדיק די קעלט פון דער גאַס. און דאָרט, אין דאָזיקן ים ליכט, האָבן זיך געקנוילט און געשטיקט די קינדער פון דעם גרויסן ווינטער, דורכגעפרוירענע, צעשטיקלטע... זיי זענען געשטאַנען און געקוקט אין די זייטן, האָבן געגנישטערט אין די קעשענעס, כדי צו געפינען פינף ער, און אַז זיי פלעגן געפינען אין קעשענע געלט, פלעגן זיי זיך אַדורכגליטשן דורכן בלוטיק-רויטן אַריינגאַנג אין טאַנץ-זאַל.

אָבער דאָרט אינעווייניק אין שטוב איז אויך געווען קאַלט, דער זאַל איז פול געווען מיט ווייסן דאַמף, אויפן דיל האָבן געבלישטשעט אייז-קריסטאַלן. וועמען וועט איינפאַלן צו באַהייצן יענעם לאָקאַל, אין וועלכן די פרייד פון לעבן ברענט מיט טויזנטער פייערן ? די זאָרגלאָזי-קייט האָט דאָ געלאָזט צעשמעלצן איר איבערפלוס און האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן רוים מיט נעפל ; די מוזיקאַנטן האָבן זיך באַדעקט מיט שווייס.

איצט האָט די קעלט זיך געמוזט אונטערגעבן. אַרום די טישלעך זענען געזעסן אַרבעטסלאָזע. אפילו זיי האָבן זיך אָנגעשטעקט מיט לייכט-זין. דער צערבער אָלסען איז אַרומגעגאַנגען מיט זיינע צעשפּרייטע ריזיקע הענט און האָט אַראָפּגעיאָגט צוויי—דריי פּאָר טאַנצנדיקע. מיט זייערע פינף ער, אויפן אָרט צו די טענץ. זיי האָבן געשוועבט איבער די ברעטער בלויז צוליב דעם, כדי צו האָבן אַ מעגלעכקייט דאָ צו בלייבן. מיין גאָט ! אייניקע פון זיי האָבן געהאַט זייגערס און גאָלדענע

רינגען, און באַם צערבבער האָט געקלונגען געלס. וואָס־ושע איז דאָס פאַר אַ נויט? אין זאַל איז געווען אַ פולאַפ מיט פּלאַסטישע פיגורן און באַ־גילדטע שפּיגלען, מענער האָבן געטרונקען ביר און געלאָזט מיידלעך פרירן. אפילו עלווירא האָט געמוזט רויק זיצן אויף איר אָרט.

— אַ מאַזורקע! — האָט אַ ריטש געטון צערבבער און דראָענדיק אדורכגעגאַנגען אַרום די טישלעך.

די זיצנדיקע זענען אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער און, ווי געשלאָגענע הינט, גענומען אַריינגיין אין זאַל; דורכטאַנצנדיק איין קרייז, פלעגן זיי מיט אַ זויערער מינע צאַלן.

אָבער וואָס איז דאָס? צי האָט נישט אַמאָל דער הייסער זומער גופא באַלויכטן דעם זאַל? אין דורכזיכטיקן קלייד פון נישט־פאַרגעס־מיך־פאַרב, מיט אַ רויז אין די בלאָנדע האָר. אַ זומערדיקע היץ שלאָגט פון אירע אָפּגעדעקטע אַקסלען, הגם זי איז געקומען גלייך פון דאָרטן, פון גרויסן ווינטער; זי באַוועגט העזהדיק מיט אירע פיס, ווי אַ פאַר־געניגן־מיידל. ווי שטאָלץ זי טראָגט איר ביוסט, ווי זי זאָל זיין די כלה פונם גליק אַליין, און ווי זי בריט אָלעמען אָפּ! אָבער ווער איז דאָס? ווער קען זי דאָ? אַך, דאָס איז די אַלמנה גאַננאַ, דאַסדאָזיקע שטילע מיידל, וועלכע איז זיבן יאָר געגאַנגען אין דער פאַבריק מיט איר הכנעהדיקן גאַנג, כדי צו פאַרדינען פאַר איר מוטער אין טאָכטער.

אָבער ווי איז עס געשעען, וואָס זי גייט געאָרעמט מיט פעללען? מיטן דאָזיקן בעל־שכל פעללע, וועלכער האָט פאַרקויפט דעם טייוול זיינע יונגע יאָרן, כדי צו פאַרלייכטערן די אָרימקייט פון אַנדערע? וואָס זוכט ער דאָ, אין דאָזיקן פאַרגעניגן־אַנשטאַלט? און פונוואַנעט האָט גאַננאַ אַזאַ פוץ? זי איז דאָך אַרבעטסלאָז! און ווי שיין זי איז! זיי גייען, און הינטער איר ערט זיך אַ מורמלעריי. אינמיטן זאַל בלייבט זי שטיין און שמייכלט. אירע אויגן ברענען.

אַ יונגער מענטש וואַרפט זיך צו איר און נעמט זי אַרום. איין טאַנץ מיט גאַננאַן. איין טאַנץ מיט איר! גאַננאַ טאַנצט, און ס'דאַכט זיך, אַז די פרייד קומט צו איר פון ערגעץ ווייט. ווי אַ שווערע זיסע משא ליגט זי אין די אָרעמס פון איר קאַוואַלער, פון איר נאַקעטער ברוסט שטראַלט אַרויס אַ וואַרעמקייט, וועלכע פאַרניכטעט די קעלט פון גרויסן ווינטער. זי איז הייס. ווער וויל זיך אָנוואַרעמען? איצט איז אין זאַל געוואָרן וואַרעם. גאַננאַ איז ווי אַ פייערדיקער קויק, ער צינדט אַלץ אָן מיט זיין פייער. וו זי זאָל נישט דורכגיין, צינדט זיך אַלץ אָן, זידט אויף

דאָס בלוט. די שטולן זענען איבערגעקערט, אבי שנעלער קומען צו איר. טאַנצן מיט גאַנגאַן.

— העי, טאַנצמייסטער, פינף קראָן פאַר מיין זייגער!

— אַך, גאַנגאַ, נאָך אַ טאַנץ! געדענקסטו דען נישט, אז מיר זענען געווען צוזאַמען אין דער פאַבריק?

— מיר זענען דאָך צוזאַמען געגאַנגען אין שולע!

גאַנגאַ ענטפערט נישט, זי לאָזט איבער פעללען און לייגט איר נאַקעטע האַנט אויפן אַקסל פון צוגעקומענעם. און ווען זי רירט זיך צו מיט דער באַק, לויפט דורך אַ פייער איבערן קערפער. ווי ווילן זי נישט אָפּלאָזן. אַוועקפירנדיק זי אַהין, צום טאַנץ-קרייז. זי רעדט קיין וואָרט נישט, אָבער די שרפה, וואָס פלאַקערט אין איר, רעדט געוואַלטיקער ווי דער געגאַרטסטער צוואָג...

— דערלויב מיר דיך היינט באַגלייטן אַהיים? — הערט זיך אַ געמורמל. אָבער עס עפענען זיך נישט אירע שטומע ליפּן.

אָבער מיט פעללען רעדט זי, דרייענדיק זיך אין ווירבער פון טאַנץ.

— פעללע, סאַראַ שטאַרקער דו ביסט, פאַרוואָס האָסטו מיך נישט גענומען? האָסטו מיך ליב? — זי האָט מיט קראַמפּ איינגעקלאַמערט די פינגער אין זיין אַקסל און טראָגט זיך מיט אים ווייטער. איר אָטעם בריט אים אָפּ דאָס אויער.

— כ'ווייס נישט, — רעדט ער דערשראָקן, — אָבער שטעל זיך אָפּ, ביסט קראַנק.

— טאָ האַלט מיך אָפּ. פאַרוואָס ביסטו נישט געווען שטאַרקער פאַר מיר, פעללע? פעללע, נעם מיך. כ'וויל געהערן צו דיר! — פעללע שאָקלט מיטן קאָפּ.

— ניין, איצט האָב איך דיך ליב, ווי אַ שוועסטער.

— און איך האָב דיך איצטער ליב. ביסט אַזאַ וווּנדערלעכער, — כ'פאַרשטיי דיך נישט. און דיין האַנט איז אַ האַרטע, ווי דו וואָלטסט קומען פון אַן אַנדערער וועלט. סאַראַ שווערער דו ביסט, פעללע! פונוואַנען האָסטו געבראַכט פאַר זיך גליק? פון אַ פרעמד לאַנד?

— גאַנגאַ, ביסט קראַנק. הער אויף. לאָז, כ'וועל דיך באַגלייטן אַהיים.

— פעללע, ביסט פונדעסטוועגן נישט געווען דער ריכטיקער. ווי-

וזשע איז בײַ דיר — יענק נײַע? האָסט גאָרנישט. טאָ לאָז מיך צורו, כ'וויל טאַנצן אויך מיט אַנדערע!

גאַננאַ האָט געטאַנצט אָן אויפהער, די מענער זענען געשטאַנען און געהאַרט. קוים פלעגט זי ענדיקן מיט אײנעם, פלעגן צוקומען צען אַנדערע: גאַננאַ וויל הײַנט טאַנצן מיט אַלעמען, זאָל זיך יעדער אײנער אָנוואַרעמען לעבן איר. אירע אויגן ברענען, ווי פונקען אין דער פינצטער, זי רעגט זײַ אויף, זײַ דרײען זיך מיט איר אַלץ אין אַ ווילדערן, אַלץ אין אַ שטורמישערן טאַנץ. ווער עס קאָן נישט טאַנצן מיט איר, יענער פאַרגיסט מיט ווײַן דאָס פײַער, וואָס צעגיסט זיך אין אים. דער גרויסער ווינטער איז פאַרשוווּנדן; דאָ איז הייס, ווי אין גיהנום, מיט בלוט גיסן זיך אָן די אויגן. דאָס בלוט שלאָגט צום קאָפּ, אַלע זענען אַרומגעכאַפּט מיט ווילדן וויכער. „גאַננאַ איז הײַנט מטורף, זי לעבט דורך אַ צווייטע יוגנט", — האָבן עלווירא און די איבעריקע מיידלעך בייז געלאַכט.

קיין וואָרט נישט! קײנער האָט נישט די עצה צו באַפלעקן גאַנגאַן! ס'איז אַזוי מאָדנע דאָס צורירן זיך צו איר; זי איז נישט קיין פלייש און בלוט, נאָר פײַער, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל, דאָס צורירן זיך צו איר האָט פאַרשאַפט ווייטיק! מען זאָגט, אַז שוין אַכט טעג, ווי זי האָט גאָרנישט געגעסן. זי האָט אָפּגעגעבן דער מוטער און דער טאָכטער אַלץ, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. און פונדעסטוועגן פלאַקערט זי אַזוי. זעט, זי טאַנצט שוין צוויי שעה אָן אַ הפסק. ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? גאַננאַ טאַנצט, ווי אַ געשפּענסט פון יענער וועלט, וווּ נאַרונג איז פײַער, און נישט קעלט, ווי דאָ. דעריבער, ווי נאָר גאַננאַ ווערט פריי, וואַרפט יעדער אײנער אַוועק זײַן דאַמע און אײַלט צו איר. ווי לײַכט עס זענען אירע באַוועגונגען! זי טראָגט אַוועק יעדן אײנעם ווײַט פון דערדאָזיקער קעלט. אין אירע אָרעמס פאַרגעסט יעדער אײנער אַלע זײַנע זאָרגן.

זי ווערט אָבער אַלץ בלײכער און בלײכער, איר שׂרפה גיט זי אָפּ אַנדערע. אָט איז זי אינגאַנצן בלייך געוואָרן. עלווירא אָלסען גייט צו צו איר און ציט זי פאַרן קלייד, קוקנדיק אויף איר מיט שרעק.

— גאַננאַ, גאַננאַ, הער נאָר! — אָבער זי קוקט נישט, זי דורשט אַלץ נאָך נײַע אומאַרמונגען — מיט פאַרמאַכטע אויגן. די גאַנצע צײַט איז זי געווען אַזוי באַשיידן. און צי דען איז זי אַזוי ריין? זי באַמערקט אפילו נישט, אַז זי נעמט אָפּ בײַ אַנדערע זייער פאַרגעניגן, אפשר האָט

זי באַקומען אַן אָנפאַל פון טאַנץ פון הייליקן וויט ? דידאָזיקע יונגינקע אלמנה ?

קיין וואָרט נישט ! ווי שיין זי איז ! אָט איז זי ווידער רויט געוואָרן און האָט געעפנט די אויגן. עס בלישטשען אין זיי פונקען. זי האָט אַרויסגעשלעפּט פעללען פון זיין ווינקל און, רויט ווערנדיק, שעפּטשעט זי אים עפּעס, — אפשר איז דאָס יענער געגאַרטער צוזאָג. וועלכן קיינער האָט זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן באַ איר ? פעללע האָט תמיד גליק.

— פּעללע, פאַרוואָס ווילסטו מער נישט טאַנצן מיט מיר ? פאַרוואָס זיצסטו אין ווינקל ? ביסט בייז אויף מיר, ווי אַמאָל ? פאַרוואָס ביסטו אַזאַ שטרענגער און קאַלטער ? דו טראָגסט אַזאַ האַרטע הלבשה.

— כ'בין געקומען אַהער פון גרויסן ווינטער, גאַנגאַ ! קינדער וויינען און בעטן עסן, פּרויען שטאַרבן פון הונגער. מענער גייען אַרום אָן אַרבעט און קאָנען נישט אויפהייבן די אויגן פון חרפּה. זיי שעמען זיך פאַר זייער אומעטיקייט.

— אָבער פאַרוואָס־זשע ? איצט איז דאָך גאַר זומער. גיב אַ קוק, פעללע, ווי אַלע פרייען זיך ! פעללע, נעם מיך !

גאַנגאַס פּנים פלאַקערט, עס ווערט רויטער פאַר בלוט, זי לייגט דעם קאָפּ אויף זיין אַקסל. גיט אַ קוק, ווי זי גיט זיך אים אָפּ, פאַרגייענדיק אין תענוג אין איר אומפאַרשעמטער שכרות. זי לאָזט זיך אַראָפּ צו אים אויף די הענט, און רויזן, רויטע ווי בלוט, פאַרגיסן איר בלוי קלייד פון פאַרגעס־מיך־נישט־פאַרב...

פעללע שטייט אומבאַוועגלעך, אַרומגעכאַפּט פון שרעק, ער דערוועגט זיך נישט צו רירן, און ער האַלט זיין שווערע משא, קוקנדיק דערשראָקן אויף גאַנגאַן. עס גייט צו דער צערבער, נעמט זי אויף זיינע ריזיקע הענט און טראָגט זי צרויס פון זאַל. זי איז זייער לייכט, אין איר זומערדיקן פוץ, זי איז — ווי אַ פעדערל !

— אַ מאַזורקע ! — רעוועט ער, ווען ער קערט זיך אום, און דראָענדיק גייט ער דורך די רייען.

XXVI.

סוף יאַנואַר האָט פעלע באַקומען אַן אָרט אויף דער מאַשין-פאַבריק „דענעמאַרק״ מען האָט געצאָלט שלעכט, אָבער עלען איז געווען צופרידן, ס'איז פאָרט בעסער ווי גאָרנישט. נאָך דער קימפּעט איז זי נאָך געווען אַ ביסל בלייך. זי האָט זיך אָבער מוטיק גענומען איינאָרדנען די געשעפטן. קוים האָט עלען דערהערט, אַז פעלע האָט אָנגעהויבן פאַרדינען, האָט זי גלייך גענומען באַטראַכטן ווייטערדיקע פּלענער, — ווי אַזוי אויסצוקויפן די זאַכן און ביסלעכווייז אָנהייבן אויסצאָלן די חובות. זי האָט אויסגעאַרבעט אַ באַשטימטן פּלאַן און פאַר קיין פאַל נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון אים.

דער קליינינקער לאַססע האָט זיך געפרייט, וואָס ער האָט באַקומען אַ שוועסטערל. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז זי עקזיסטירט נאָר צוליב דעם, זי זאָל אים פאַרווייַלן אין זיין איינזאַמקייט. ווען דער באָטשאַן איז געקומען צו פליען, כדי צו ברענגען דאָס קליינינקע שוועסטערל, האָט מען אים אָפּגעשיקט צו דער באָבען, כדי דער באָטשאַן זאָל אים נישט אַוועקטראָגן מיט זיך. אינדערהיים האָט ער געפונען זיין שוועסטערל אין וויגעלע; זי איז געלעגן און געשלאָפן. ער האָט גלייך גענומען אויפרייסן אירע אייגעלעך מיטן פינגערל, כדי אַ קוק צו טון, צי זי האָט די זעלבע אויגן, ווי ער. ער האָט אָבער באַקומען איבער די הענט. און דעם קליינינקן לאַססע האָט זיך אין יענעם טאָג נישט איינגעגעבן צו לייזן דידאָזיקע צאַפּלדיקע פראַגע.

און דאָס שוועסטערל האָט געהאַט גרויסע טונקעלע אויגן, וועלכע האָבן אים אויפמערקזאַם נאָכגעקוקט אומעטום, ווו ער זאָל זיך נישט באַוועגן איבערן צימער. די קיילעכדיקע בעקעלעך האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזט, און דער קליינינקער לאַססע האָט אויסגעצייכנט געוווסט, אַז ער דאַרף זי מיט וואָס נישט איז פאַרנעמען. ער איז שוין געווען אַן עכט מענטשעלע און ער האָט געוואָלט ווייזן וואָס ער קאָן; ער פלעגט זיך שטעלן אינמיטן צימער, מאַכן קאָזעלקעס, ווי אַ קלאָון, און דאָס שוועסטערל האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף אים, נישט ענדערנדיק דעם

אויסדרוק פון פנים. ער האָט איינגעפונען, אַז זי האָט אים געמעגט אַרויסווייזן דאַנקבאַרקייט פאַר אַזעלכע גרויסע אָנשטרענגונגען פון זיין צד.

איינמאָל האָט ער געמאַכט פון פאַפיר אַ זעקעלע און אַ קלאַפּ געטון דערמיט גלייך פאַר איר פנים. דאָס האָט געהאָלפן. זי האָט בּוגד געווען אין איר גלייכגילטיקייט, אונטערגעשפּרונגען און גענומען שרייען אויף וואָס די וועלט שטייט. מען האָט אים דערפאַר אָפּגעשמיסן, אָבער ער האָט דערגרייכט דאָס זייניקע, ווי נאָר ער פלעגט צוגיין צו איר, פלעגט איר פנימל זיך פאַרקרימען, און זי פלעגט שרייען נאָך פריער, איידער ער פלעגט איר נעמען ווייזן זיינע קונצן.

— גיי אַוועק פון קינד, לאַססע-פרעדעריק, — פלעגט זאָגן די מוטער, — דו שרעקסט זי נאָר.

אָבער אין אַ מאָמענט אַרום האָבן זיך זייערע באַציִונגען געענדערט. קיינער האָט אַזוי נישט געקאָנט אָפּשאַצן זיינע שטיק, ווי דאָס מיידעלע. זי האָט געפּלוידערט) ווי אַ שטיגליץ, ווי נאָר ער פלעגט זיך נעמען רודערן אָדער אַרויסגעבן עפּעס אַ קלאַנג.

עללענס פאַרשטיינערטער אויסדרוק איז איצט פאַרשוווּנדן, ווען זי האָט געהאַט ווי אָנצווּווענדן איר ענערגיע. זי האָט אין אַ סך הינזיכטן איצט געשטעלט ווינציקער פאָדערונגען, די קעלט האָט זי פון אַ סך אָפּגעווּוינט, און חוצדעם האָבן זי אַ סך באַשעפטיקט די קינדער. זי האָט זיך שוין נישט געניייפיקט אַזוי שטאַרק אין פעללען. זי איז געוווינט געוואָרן, ער זאָל קיינמאָל אין שטוב נישט זיין, און זי איז אויף איר שטייגער גייסטיק געקומען מיט אים אין באַרירונג. בעת דער אַרבעט פלעגט זי רעדן מיט אים אין זיך, און ווען ער פלעגט קומען, פלעגט איר זיין אָנגענעם צו פאַרשאַפן אים פאַרגעניגן אין יענער קורצער צייט, וועלכע ער פלעגט פאַרברענגען אינדערהיים.

פעללע האָט ליב געהאַט זיין קליין, געמיטלעך וועלטל, ווי ער האָט תמיד געקאָנט געפינען אָפּרו, ווען ער איז געווען מיד און אויסגעשעפּט. די געהיימנישפולקייט אין עללענס אויגן, וועלכע האָט אים אַמאָל אַזוי שטאַרק געצויגן צו איר, איז רעאַליזירט געוואָרן אין דעם געשטאַלט פון צוויי קליינינקע וועזנס, וועלכע האָבן איר פאַרשאַפט אַ מאַסע טרחה, — און איצט איז זי אַליין געגאַנגען אים אַנטקעגן. איר טרייע איבערגעגעבנקייט האָט אים טיף גערירט, זי האָט זיך קיינמאָל

נישט געקלאָגט פאַר אים אויף זיין קליינעם פאַרדינסט און די אונטער־סעניקע לאַגע.

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער פאָרשטייערשאַפט אין פאַריין, ווייל דאָס האָט געפאָדערט צו פיל צייט. אויף דעם איז אפילו נישט געווען די קלענסטע האָפנונג אין דער נאָענטסטער צייט, און ער האָט זיך צוגעפּאַסט צו דער שווערער פיזישער אַרבעט.

כדי צוצופּאַרדינען, פלעגט ער זיך אין די אָוונטן פאַרנעמען מיט פאַרריכטן שיך. עללען פלעגט אים העלפן און זיי פלעגן פלוידערן צווישן זיך. וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג פלעגן זיי גאָרנישט רעדן; עללען האָט זיך נישט אינטערעסירט דערמיט, און ער האָט אויך גאָרנישט געהאַט דאַקעגן, אָפּצושטיין אויף אַ קורצער צייט פון דעם אַלעם, דער קליינינקער לאַססע איז געזעסן דאָ לעבן זיי, פאַרנומען מיט צייכענען. אָפט, ווען פעללע פלעגט אַרויסנעמען די אַרבעט, פלעגט זי שוין זיין כמעט פאַרטיק. עללען פלעגט זי אויספאַרטיקן אַליין באַטאָג, איבער־לאָזנדיק בלויז דאָס שווערסטע. און ער פלעגט זיך דערפאַר באַמיען צו פאַרשאַפן איר פרייד מיט כלערליי קלייניקייטן. אין נייעם יאָר איז דער ווינטער נישט געווען אַזוי שווער. שוין אין פעברואַר האָט מען געשפּירט דעם פרילינג. דאָס איז קענטיק געווען אויך אויף עללען.

— זאָלן מיר אפשר מיטנעמען פּראָדוקטן און אַרויספאָרן הינטער דער שטאָט? פאַר די קינדער איז אַזוי געזונט צו אָטעמען מיט פרישער לופט, — פלעגט זי זאָגן.

פעללע האָט דאָס אַליין אויך געוואָלט. אָבער זונטיק איז געווען אַ פאַרזאַמלונג אין דער פאַרטיי און אַ באַראַטונג אין דער פאַבריק, — ער האָט געמוזט זיין אין ביידע ערטער. אין אָוונט האָט ער צוגעזאָגט צו לייענען אַ פאָרטראַג.

— אויב אַזוי, וועלן מיר פאָרן אַליין, — פלעגט עללען רויק ענטפערן.

זיי פלעגן צוריקקומען אַהיים שטאַרק צופרידענע. פעללעס אָנוועזנ־הייט איז שוין נישט געווען אַזוי נייטיק.

*

*

דער שווערער ווינטער איז. ענדלעך, פאַריבער. אמת, באַנאַכט פלעגן זיין פרעסטלעך, אָבער די מענטשן האָבן געוווּסט, אַז דער ווינטער איז פאַרענדיקט. אויך דאָס אייז אויף די קאַנאַלן האָט דאָס געוווּסט. עס זענען דורך איבער אים שפּאַלטן, וואָס האָבן זיך ביסלעכווייז גענומען באַוועגן. די הייזער האָבן אויך דערשפּירט די דערנענטערונג פון פרילינג און זענען געוואָרן אַ ביסל ליכטיקער, די זון האָט גענומען וואַרעמען; אַז מען גיט אַ קוק אינדערהייך, זעט מען אויף די דעכער איר אָפּשיין. דאָרט אונטן, אין די געסלעך און הויפן-ברונעמס, האָבן זיך קינדער געפּלעסקעט אין שניי-קאַשע און געזונגען וועגן דער ליכטיקער זון, וועלכע זיי האָבן פון אונטן נישט געזעען. די מענטשן זענען ביסלעכווייז געקומען צו זיך נאָכן ווינטער-שלאָף. די קעלטן האָבן זיך נאָך געקאָנט אומקערן, אָבער אַלע האָבן שוין געגלייבט אין דער נאָענטקייט פון פרילינג.

די שטיגליצן האָבן זיך גענומען איינאָרדנען אין זייער'ע נעסטן, די זאַפּטן פון דער ערד האָבן זיך געהויבן צו דער אויבערפלאַך און געבילדעט אויף דער האַרטער קאָרע טונקעלע פייכטע שטעלן.

אין אַלץ האָט מען געזעען אַן איינהייטלעכן ווילן — אונטן, אין דער ערד, איז בעת דעם ווינטער און דער קעלט געבוירן געוואָרן אַ יונג לעבן, ווי עס וואָלט געבוירן געוואַרן טאַקע דורך דער פראָסט אַליין. אין אַלץ, וואָס דער ווינטער האָט געשמידט, האָט מען שוין געשפּירט דעם אָנזאָג פון דעם צוקונפטיקן. די אַרבעטער פון קוואַרטאַל האָבן אויפגעלעבט. איצט האָט מען ווידער געקאָנט נעמען זוכן אַרבעט.

ווי אָנגענעם עס איז געווען אַרויסצוגיין אויף דער ליכטיקער שיין! ס'איז אויך גוט אָנצופילן יעדן טאָג דעם בויך און גיין אויסקויפן די פאַרזעצטע זאַכן; מען קאָן זיי באַווייזן אויסצולופטערן, ביז מען וועט ווידער דאַרפן טראָגן פאַרזעצן. דאָס אַלץ איז אָבער נישט געטון געוואָרן אַזוי לייכט און פשוט. די ווינטער-קעלט, האָט זיך געדאַכט, האָט צוגערויבט בא די מענטשן זייער אונטערנעמונגס-גייסט. דער פרילינג האָט זיך דערנענטערט, די זון האָט זיך געוויזן יעדן טאָג און געוואַרעמט אַלץ שטאַרקער. אָבער די געשעפטן האָבן זיך נישט אַזוי לייכט איינגעאָרדנט, ס'האָט געפעלט דער פריערדיקער שווונג. דאָס, וואָס פלעגט

לוירן גיין בעתן ווינטער, פלעגט מען געוויינלעך אָניאָגן אין פרילינג מיט אַ פּאַרטאָפּלסן אייפער.

טאָ פאַרוואָס היינט נישט ? פאַרוואָס גייט נישט דאָס לעבן אין זיינע ראַמען ? „דער אַרבעטער" האָט נישט געגעבן קיין באַשטימטע ענטפערן, ער האָט אָבער אָנגעוויזן די־יעניקע, וועמען דאָס איז אָנגעגאַנגען, אַז מען טאָר נישט באַנוצן די נויט אַלס פאַרבינדעטן.

ביסלעכוויז האָט דידאָזיקע אומבאַשטימטקייט גענומען קלאָר ווערן: די אַרבעטס־געבער האָבן עפּעס צוגעגרייט, דעריבער האָבן זיי געאַרבעט אַזוי פויל.

נישט געקוקט אויף דער ווינטער־נויט איז די אַרבעטער געלונגען דורכצופירן אין פּאַרלאַמענט זייערע קאַנדידאַטן, און זיי האָבן זיך געגרייט צום קאַמף בײַ די פאַרשטייענדיקע וואַלן צום שטאָט־ראַט. אָט אין וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט ! אָבער איצט האָט געדאַרפט שפּילן אַ גרויסע ראָלע די כּסדר־וואַקסנדיקע אָרגאַניזאַציע; ווי איין גאַנצס האָט זי אַרומגעכאַפּט אַלע פאַכן און אינדוסטריע־צווייגן און האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. דער אָרימער האָט געדאַרפט דערפילן, ווי אומבאַהאָלפן ער איז אָן די־יעניקע, וועלכע האָבן אַלץ געהאַלטן אין זייערע הענט. עס האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז עס ווערט געפּלאַנט אָפּצושטעלן די אַרבעטן אויף די פאַבריקן, כּדי מיט איין קלאַפּ צו צעשטערן די אָרגאַניזאַציעס; דאָס איז אָבער געווען אומפאַרשטענדלעך !

ביז איצט פלעגט די אַרבעט אָפּגעשטעלט ווערן בלויז צוליב קאָנקרעטע סכסוכים.

צי דען האָט ווער־עס־איז געקאָנט וועלן אויסברייטערן די ווינטערדיקע נויט אין סתירה צו אַלע נאַטור־געזעצן, ווען יעדער איינער האָט זיך נאַטירלעך געריסן צו אַרבעט ? ניין, אוממעגלעך ! דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ מין טייוולאָנישער פּלאַן !

און פונדעסטוועגן האָט אויסגעזען, אַז אַזוי וועט טאַקע זיין. די־יעניקע, וועלכע האָבן גענומען אַ מער ענערגישן אָנטייל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז שווערער געווען צו באַקומען אַרבעט, ווי די נייטראַלע. מען פלעגט זיי נישט אַריינלאָזן אַדער מען פלעגט זיי פּשוט פאַרבייטן מיט אַנדערע, ווען זיי פלעגן קומען נאָך דער ווינטערדיקער אַרבעטסלאָזיקייט. אין יענע אינדוסטריע־צווייגן, אין וועלכע די אַרבעטער זענען געווען צום בעסטן אָרגאַניזירט, איז די לאַגע גראָד געווען צום

וואַקלדיקסטן. מען האָט דאָס נישט געקאָנט באַטראַכטן אַנדערש, ווי אַ פאַרפאָלגונג. דערפון איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע אומזיכערקייט. יעדער איינער האָט געפילט, אַז די לאַגע איז וואַקלדיק און ער האָט דערוואַרט אַלערליי צרות. אין דער מעטאַל-אינדוסטרי האָט זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט די לאַגע. די מעטאַל-אַרבעטער האָבן געהאַט האַרטע הענט, און דאָרט איז בולטער ווי אומעטום געקומען צום אויסדרוק די ווייטערדיקע כוונות פון די אונטערנעמער.

פעללע האָט מיט זאָרג נאָכגעפאָלגט די געשעענישן. אין איצטיקן מאָמענט וואָלט דער קאַמף באַדייט פאַר די אַרבעטער אַ מפלה. איצט, ווען זיי זענען נאָך נישט געקומען צו די כוחות פון ווינטער. דער ווינטער האָט אויסגעגליכן מיט דער ערד זייער קליינינקע פעסטונג, און באַם קלענסטן אָנגריף וועט זייער אחדות צעשפּרונגען ווערן אויף פּיק-פּיצלעך. ער האָט זיי אָבער נישט דערציילט וועגן זיינע חששים. זיי זענען דאָך געווען ווי קליינע קינדער? צוואָס זיי שרעקן? דאָס וואָלט קיין שום נוצן נישט געבראַכט. פעללע האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף אָננעמען אַלע מיטלען, אפשר גיין אויך אויף הנחות, אַבי כּאַר יעדן פּרייז אויסצומיידן דעם קאַמף. צום ערשטן מאָל האָט פעללע פאַרגעלייגט צו באַוועגן זיך נישט פאָרויס, — נאָר צוריק!

איין וואָך איז געגאַנגען נאָך דער צווייטער, די שפּאַנונג איז געוואַקסן, אָבער קיין געשעענישן זענען נישט פאָרגעקומען. די אַרבעטס-געבער האָבן מורא געהאַט אַרויסצוטרעטן קעגן דער עפנטלעכער מיינונג.

דער ווינטער האָט געמאַכט אַ סך וווּנדן און זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אַנטשליסן צו נעמען אויף זיך די אחריות פאַר דער דערקלערונג פון קאַמף.

אויף דער מאַשין-פאַבריק „דענעמאַרק" האָט זיך שוין פון לאַנג געשפּירט אַן אָנגעשטרענגטער צושטאַנד.

אין פאַרבינדונג מיט דער לאַגע אויפן וועלט-מאַרק, האָט דאָס לאַנד געמוזט איבערגיין פון ערד-אַרבעט צו מילך-ווירטשאַפט; דעריבער האָבן די פאַבריק-פאַרוואַלטערס באַשלאָסן איינצופירן די פּראָדוקציע פון אַנטשפּרעכנדיקע מאַשינען. זיי האָט זיך איינגעגעבן צו פּראָדוצירן אַ זייער געלונגענע קאָנסטרואירטן טיפּ סעפּאַראַטאָרן און פאַרן דאַזיקן נייעם פּראָ-

דוקציע-צווייג האָט זיך געפֿאָדערט אַלץ אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער. מען פֿלעגט אויסקלויבן די פֿעיקסטע מענטשן. זיי פֿלעגן כּסדר פֿאַרבעסערן דעם פֿאַבריקאַט, און דער אָפּזאַץ איז געוואַקסן סיי אין לאַנד, סיי אין אויסלאַנד. די אַרבעטער האָבן זיך ביסלעכווייז אַזוי צוגעפּאַסט צו דער נייער ספּעציאַליטעט, אַז די פֿאַבריק האָט זיך געזען געצוווּנגען צו פֿאַרקלענערן דעם אַרבעטס-לוין, — די אַרבעטער פֿלעגן באַקומען צו פֿיל. דאָס איז געשען צוויי מאָל אין משך פֿון יאָר און דאָס איז מאָטיווירט געוואָרן מיט דער קאָנקורענץ אויפֿן וועלט-מאַרק. גלייכצייטיק האָט די פֿאַבריק כּסדר געהעכערט די פּרייזן אויף סעפּאַראַטאָרן, צוליב דער גרויסער פֿאָדערונג אויף זיי. די אַרבעטער האָבן שלום געמאַכט מיט דער פּרייז-אַראָפּדריקונג, ווי מיט עפּעס אומפֿאַרמיידלעכס, און האָבן זיך באַמיט צו דערגרייכן נאָך אַ גרעסערע מייסטערשאַפֿט, אַזוי אַז זיי האָבן זיך ווידער דערשלאָגן צו אַ גוט פֿאַרדינסט. איצט, נאָכן ווינטער-שלאָף, האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן דעם, אַז די פֿאַבריק וויל ווידער פֿאַרקלענערן דעם טאַריף. אָבער די אַרבעטער האָבן איצט נישט געהאַט בדעה שלום צו מאַכן דערמיט. די אַרבעטער זענען אויפֿגעבראַכט געוואָרן פֿון דער דאָזיקער ידיעה; זיי זענען גרייט געווען צו מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע אַפֿילו אויפֿן גרונט פֿון בלויזע קלאַנגען. פֿעללען האָט זיך איינגעגעבן צו באַרויקן זיי, זיי איבערצייגן, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ נאַרישע פּלוידערײַ, פֿאַר וועלכער קיינער טראָגט נישט קיין אחריות. אין אַ קורצער צייט אַרום, ווען אַלץ האָט זיך איינגערויקט און דאָס לעבן איז אַרויף אויף די געוויינלעכע רעלסן, זענען די אַרבעטער געקומען אים דאַנקען.

אָבער אין נאָענטסטן אויסצאָל-טאָג האָט מען אין קאַנטאָר מודיע געווען, אַז די טאַריפֿן אַנטשפּרעכן נישט דער צייט און מען מוז זיי אויסבעסערן. די דאָזיקע ווערטער האָבן געקלונגען זייער אומשולדיק, אָבער יעדער איינער האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס האָט זיך אונטער דעם באַהאַלטן.

ס'איז געשטאַנען איינער פֿון די ערשטע פֿרילינגס-טעג, די זון האָט העל באַלויכטן דעם גרויסן פֿאַבריק-בנין, מען האָט געזען גאַנצע זיילן ליכט, און דאָרט, אין בלוילעכן זונען-נעפּל האָבן זיך לייכט אָפּגעצייכנט די געוועלבן און ראַמען. ס'האָט זיך געהערט דאָס גערויש פֿון רעדער און דאָס געזאַנג פֿון מעטאַל. דאָס דאָזיקע גערויש האָט פֿאַרטויבט אַלע אַנדערע קלאַנגען, אָבער לויט די פּנימער פֿון די אַרבעטער האָט

מען געזעצן, אַז זיי פייפן און זינגען. זיי זענען ענלעך געווען צו אַ מחנה פייגל, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט מעבר לים אין די היימישע קאַנטן, כדי צו באַגריסן דעם ערשטן פרילינגס־טאָג.

פעללע האָט געטראָגן רוי־מאַטעריאַל, ווען עס איז געקומען די ידיעה, וואָס האָט צעשטערט יעדע פרייד. דאָס קליינע צעטעלע איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט, אַ קורצס און פיל־באַדייטנדיקס. די פאַר־וואַלטונג פון דער פאַבריק האָט אינגאַנצן פאַרשוויגן די אָרגאַניזאַציע. יעדער איינער האָט געקאָנט אין משך פון צוויי וואָכן זיך מישב זיין, צי זאָל ער אונטערשרייבן דעם נייעם טאַריף אָדער נישט. „קיין שום אונטערהאַנדלונגען, — בלויז אַן אונטערשריפט“. ווען דאָס צעטעלע איז דערגאַנגען צו פעללען, האָבן זיך אַלע בליקן געווענדט צו אים. ווי דער־וואַרטנדיק פון אים אַ סיגנאַל; די אינסטרומענטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, די מאַשינען האָבן זיך אַ געוויסע צייט באַוועגט מיט דער אינערציע.

פעללע האָט איבערגעלייענט דאָס צעטעלע און זיך אַריבערבויגן איבער דער אַרבעט.

בעת דער מיטאָג־הפסקה האָבן אים אַלע אַרומגערינגלט.

— וואָס־זשע זאָל מען איצט טון? — האָבן זיי זיך געווענדט צו אים, זייערע הענט האָבן זיך געקראַמפּט אין פויסטן.

— זאָלן מיר אפשר פאַרלאָזן די פאַבריק?

אָדער:

— ווי נאָר עס וואַקסט אונז אָפּ אַ ביסל וואָל, נעמען זיי אונז גלייך אַרומשערן. דאָס ווערט אומדערטרעגלעך.

— לאָמיר אויסוואַרטן, — האָט פעללע געענטפערט. — לאָמיר אונטערוואַרטן, זאָלן זיי האַנדלען ווי, זיי ווילן, לאָמיר זען, צו וואָס דאָס וועט דערפירן. אַרבעטס ווייטער, ריכטיק ווי קיין זאַך וואָלט נישט געשען, איך טראָג די אחריות פאַר אייערע ווייבער און קינדער.

זיי זענען מיט אומצופרידנקייט צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט.

ער האָט זיך לחלוטין נישט געוווּנדערט אויף זייער אויפפירונג; ער פלעגט בשעתו אויך גלייך פאַרלאָזן די אַרבעט, ווען מען פלעגט אים צו שטאַרק אָנרירן, זאָל אַלץ כאַפּן דער רוח! איצט אָבער האָט ער גע־טראָגן די אחריות פאַר אַנדערע און דאָס האָט געשטאַרקט זיין מיושבדי־קייט און באַרעכנטקייט.

— לאָמיר צוואַרטן, — האָט ער זיך ווידער געווענדט צו זיי. —

מיר וועלן זיך אויסשלאָפֿן, וועלן מיר קלוגער ווערן. מען דאַרף האַנדלען מיט קאָפּ.

און זיי זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט. ווי ס'וואָלט גאָרנישט פֿאָרגעקומען. די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער פֿאַבריק האָט באַשלאָסן, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג און די דירעקטאָרן זענען געווען אין אַן אויסגעצייכנטער שטימונג.

פֿעללע האָט באַוווּנדערט די זעלבסטבאַהערשונג פֿון זײַנע חברים; אין עטלעכע טעג אַרום זענען זיי אַרײַנגעפֿאַלן אין זייער געוויינלעכער שטימונג, האָבן געדערשט און זיך געחכמהט בעתן מיטאָג.

ווי נאָר עס פֿלעגט זיך דערהערן דער פֿײַף, פֿלעגן די מאַשינען בלײַבן שטיין און די אַרבעטער פֿלעגן וואַרפֿן די אַרבעט. אײנע פֿלעגן שנעל אַרויפֿכאַפּן אויף זיך די רעקלעך, אײַלנדיק ויך אַהיים, כּדי אָפּצועסן דאָרט אַ לעפֿל הייס געקעכטס, אַנדערע פֿלעגן גיין אין די נאָענטסטע שענקען און עפּעס צובײַסן. און אַנדערע ווידער, וועלכע האָבן געוווינט ווײַט פֿון דער פֿאַבריק, פֿלעגן דאָ אויפֿן אָרט אויפֿעסן דאָס מיטגעבראַכטע.

ענדיקנדיק מיטן עסן, פֿלעגן זיי זיך צונויפֿקלײַבן אין גרופּעס, פּלוידערן, לאַכן און שפּאַסן פֿון דעם אָדער יענעם חבר. פֿעללע פֿלעגט אויסנוצן דידאָזיקע צײַט, כּדי אַרײַנצוכאַפּן זיך אין דער „תּיבה" באַזוכן לאַססען; ער האָט באַקומען אַרבעט אין אַ קאָרן-שפּײַכלער און האָט גאַנץ נישקשהדיק געלעבט.

אײנמאָל האָט פֿעללע אָנגעצייכנט מיט קרייט אויף אַן אײַזערנעם טאָוול אַ קאַריקאַטור פֿון אַ פּעט-געוואָרענעם מייסטער. די צייכנונג האָט אַלעמען אַרײַנגעבראַכט אין אַ פֿריילעכער שטימונג. עטלעכע אַרבעטער, וועלכע זענען געשטאַנען דערלעבן, האָבן זיך געשפּאַרט וועגן דעם בוי פֿון אַן אונטערוואַסער-שיף. פֿעללע האָט אָפּגעמעקט זײַן קאַריקאַטור און נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט אָנגעצייכנט דעם פּלאַן פֿון אַזאַ שיף; אים איז אָפּט אויסגעקומען זי צו זעען בײַ זיך אינדערהיים, ווען זי פֿלעגט זיך געפֿינען אין פּאָרט. ער האָט אָנגעצייכנט ריכטיק און די אַמפּעריי איז איבערגעריסן געוואָרן.

מיטאַמאָל איז געוואָרן טויט-שטיל — אײנער פֿון די יונגע אינזשיניערן איז דורכגעגאַנגען די אָפּטײלונג. דערזעענדיק די צייכנונג, האָט ער געפֿרעגט, ווער עס האָט זי געמאַכט.

פֿעללע האָט געמוזט גיין מיט אים צוזאַמען אין קאַנטאָר. דער

אינזשיניער האָט אים אויסגעפרעגט און זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט, וואָס פּעללע האָט זיך קיינמאָל נישט געלערנט צייכענען.

— ס'קאָן זיין, אַז איר וועט אונז זיין נייטיק דאָ אינדערהיים. איר ווילט פּרוּבירן ? — האָט ער געפרעגט פּעללען.

פּעללעס האַרץ האָט גענומען שטאַרק שלאָגן. אָט איז דאָס גליק, דאָס אמתע, גרויסע גליק, וועלכעס ער האָט אַרויסגעלאָזט פון די הענט, זיך אָפּגעבנדיק אינגאַנצן דער אַרבעט ; עס האָט אים אָבער פּאַרט גע־פונען און אָוועקגעטראָגן אין לאַנד פון ליכט.

— גוט, כ'דאַנק אייך. — די צערודערונג האָט אים געשטיקט.

— טאָ קומט מאָרגן זיבן אַ זייגער אין צייכן־צימער, — האָט גע־זאָגט דער אינזשיניער. — אָדער ניין, וואָס האָבן מיר היינט ? שבת ? אויב אַזוי איז מאָנטיק פרי. — און דער ענין איז דערליידיקט געוואָרן אָן ווייטערדיקע שמועסן. אָט דערדאָזיקער מענטש איז פּעללען געפעלן געוואָרן !

ווען ער איז אַראָפּ אונטן, האָבן אים די חברים אַרומגערינגלט, כדי צו דערוויסן זיך אַלע פרטים.

— ס'איז באַשערט אַ גליק ! — האָבן זיי געזאָגט. — וועסט איצט צייכענען פּלענער און אויב דו קענסט די אַרבעט, וועט מען דיר געבן זעלבשטענדיקע אַרבעט און מען וועט דיך מאַכן פאַר אַ קאָנסטרוקטאָר. דירעקטאָר יענסען האָט אויך אָנגעהויבן דאָ זיין קאַריערע, און איצט איז ער אַ קיניג אין דער אינדוסטרי. — זייערע פּנימער האָבן געלויכטן, זיי האָבן זיך אויפריכטיק געפרייט מיט זיין גליק. ער האָט געזען, אַז זיי זענען זיכער אין זיינע פעיקייטן.

די רעשט פון טאָג האָט ער פאַרבראַכט ווי אין חלום און ווי נאָר ער איז פריי געוואָרן, האָט ער געאיילט צו עללען איר אָנזאָגן דידאָזי־קע נייעס. ער איז אינגאַנצן געווען צערודערט, אין די אויערן האָט אים געקלונגען, ווי דאָס פלעגט טרעפן מיט אים אין דער קינדהייט, ווען דאָס לעבן פלעגט אויפדעקן פאַר אים זיינע וווּנדער. עללען האָט אים אַרומגענומען און נישט געוואָלט אָפּלאָזן, זי האָט אים פעסט געהאַלטן אין די אָרעמס און מיט אַנטציקונג געקוקט אויף אים, ווי אין די ערשטע צייטן פון זייער ליבע.

— איך האָב תמיד געוווּסט, אַז דו ביסט באַשטימט פאַר עפּעס גרויסעס, — האָט זי געזאָגט, קוקנדיק אויף אים מיט שטאָלץ. — ביסט צו קיינעם נישט ענלעך. און איצט זע באַ מיר ! אָבער אונזערע קינדער

דאַרפן זוּיך היסן וועגן דעם — און זי האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס קליינע מיידעלע פון בעטעלע, אין וועלכן עס איז פעסט געשלאָפן. און גענומען איר דערציילן וועגן דעם פאָטערס אויפטוען, דאָס מיידעלע האָט זיך צעוויינט.

— האָסט עס איבערגעשראָקן מיט דיין פרייד, — האָט פעללע געזאָגט, פריילעך לאַכנדיק.

— אונז וועט דאַך, מסתמא, אויסקומען האָבן צו טון מיט די העכערע קלאַסן ? — האָט עללען פלוצלינג געזאָגט, גרייטנדיק צום טיש. — וואָלט איך זיך כאָטש געטויגט דערצו, און דער זון וועט מוזן לערנען אין אַ מיטלשול.

נאָכן אָוונטברויט האָט פעללע געוואָלט נעמען פאַרריכטן שיך.

— ניין, — האָט עללען דערקלערט און אָפּגענומען בא אים די אַרבעט. — דידאָזיקע באַשעפטיקונג איז נישט מער פאַר דיר.

— מען מוז דאַך אָבער ענדיקן. מען קאָן דאַך נישט אָפּגעבן נישט קיין פאַרענדיקטע זאַך ?

— איך וועל דאָס אַליין ענדיקן. און דו טו אָן דיין גוטן אַנצוג, האָסט אַן אויסזעען ווי אַן...

— אַרבעטער ? וואָס, נישט ? — האָט פעללע פאַרענדיקט מיט געלעכטער.

פעללע האָט זיך איבערגעטון און איז אַוועק אין דער „תּיבה" מודיע זיין די נייעס דעם פאָטער. דערנאָך האָט ער זיך געדאַרפט טרעפן מיט זיין משפּחה בא עללענס עלטערן. לאַססע איז געווען אינדערהיים. ער האָט געגעסן אָוונטברויט. ער האָט אין אייוועלע געמאַכט פאַר זיך אַ פיינקוכן, אויפן טיש איז געווען בראָנפן און ביר. ער האָט זיך געדונגען אַ קליין צימערל אין לאַנגן קאָרידאָר, לעבן האָלב-מטורפן ווינצלעוו ; עס האָט נישט געהאַט קיין פענצטער, בלויז איבער דער טיר איז געווען אַריינגעשטעלט אַ ראַם, וואָס איז אַרויסגעקומען אין לאַנגן קאָרידאָר. דער טינק איז אָפּגעפאַלן און ערטערווייז האָט מען אַרויסגעזעען דאָס לײם.

— אַך, אַך, אַך, אָט דאָס איז גוט ! — האָט לאַססע אויסגעשריגן אַן אַנטציקטער, — איז זי פונדעסטוועגן פאָרט צונויף געקומען. כ'האָב אָפט געטראַכט וועגן דעם, צו וואָס טויג דיר דידאָזיקע פעיקייט, אויב זי דינט נאָר אויף צו פאַרשמירן די ווענט און פּאַפּיר, — דאָס דאַרף דאָך טויגן פאַר עפּעס, — פלעג איך טראַכטן. ווער ווייסט, אפשר וועט אים

דערדאָזיקער טאַלאַנט אַרויספירן אויף אַ וועג. און ס׳האָט זיך טאַקע אויסגעלאָזט אַזוי!

— ס׳איז נישט געמיטלעך באַ דיר, — האָט פעללע באַמערקט. — אָבער אינגיכן וועל איך דיך אַרויסנעמען פונדאַנען. צי דו ווילסט אָדער נישט. ווי נאָר מיר וועלן זיך אַ ביסל אַרומצאָלן מיט אונזערע ווינטער־דיקע חובות, וועלן מיר דינגען אַ דירה פון דריי צימערן, און דאַן וועט איין צימער זיין אינגאַנצן אין דיין רשות; דו וועסט שוין אָבער נישט דאַרפן אַרבעטן, דו דאַרפסט שלום מאַכן מיטן דאָזיקן געדאַנק...

— גוט, גוט, כ׳האָב גאָרנישט קעגן דעם, איך זאָל לעבן באַ אייך, אויב איך נעם נישט אָפּ דערמיט באַ אייך דעם ביסן ברויט. מיר וועט אפילו זיין זייער לייכט זיך אָפּצוזאָגן פון דער אַרבעט: איך אַרבעט שיער נישט זינט כ׳בין אַרויס פון די ווינדעלעך; כ׳האָב דאָך פאַרדינט מיין שטיקל ברויט כמעט זיבעציק יאָר, און איצט בין איך זייער מיד, אַ שיינעם דאַנק אייך פאַר אייער איינלאַדונג. כ׳וועל פאַרברענגען די צייט מיט די קינדער, גיב מיר צו וויסן, ווען דו וועסט וועלן.

די נייעס האָט שוין באַוויזן אַרומצולויפן די גאַנצע „תיבה“; ווען פעללע איז אַוועקגעגאַנגען, האָבן אים אַלע געווונטשן גליק.

— וועסט זיך איצט פאַרנעמען מיט דיין נייער אַרבעט און דו וועסט שוין מער נישט קומען צו אונז און נישט פלוידערן מיט אונז, מיר וועלן דיר מער נישט ליגן אין קאָפּ. אָבער פאַרגעס אונז נישט אינגאַנצן, דערפאַר וואָס מיר זענען אָרימע פייגל!...

— אָך, ניין! פעללע האָט אַזוי לאַנג געהונגערט צוזאַמען מיט אונז, ער איז נישט פון יענע, וואָס בייטן איבער אַלטע פריינט אויף נייע, — האָבן זיי זיך אַליין געענטפערט.

און ערשט דאַן, ווען ער איז אַוועק פון דער „תיבה“, האָט ער אַ טראַכט געטון, אַז ער דאַרף זיך געזעגענען מיט זיי; דאָרט האָט ער געפונען די האַרציקסטע באַציִונג צו זיך. אַ ליכטיקן גלויבן אין זיך און זיין אייגענעם גלויבן אין דעם, אַז ער איז זיי נייטיק; ער האָט איבער־געלעבט אַן אייגנאַרטיקע פרייד פון זייער טיילווייז טרויעריקער זאָרגי־לאָזיקייט, פון זייער געזעלשאַפט און פון אָנטייל אין אַלגעמיי־נעם קאַמף.

צי דען איז ער נישט געווען קיין פרינץ פון אָרימקייט, אויף וועמען אַלע האָבן געקוקט מיט דערוואַרטונג, אַז ער וועט טון פאַר זיי אוממעגלעכס? און צי דען האָט ער געטאָרט זיך אָפּזאָגן פון זיי צוליב

זיין אייגן גליק ? ווער ווייסט, ס'קאָן זיין, אַז ער איז באמת אויסדערווילט געווען צו דערפירן די אַרבעטער־באַוועגונג צום גליקלעכן סוף, — ס'קאָן זיין, אַז דווקא ער, ער אַליין איז דאָס בכוח געווען צו טון. דערדאָזיקער געדאַנק, אַן אומקלאָרער און נישט קיין בולטער, האָט אים די גאַנצע צייט נישט פאַרלאָזט. ס'קאָן זיין, אַז דערמיט האָבן זיך דערקלערט סיי זיין אומדערמידלעכקייט אין קאַמף, סיי יענע פריידיקע רויקייט, מיט וועלכער ער האָט פאַרטראָגן אַלע קוועלענישן.

איצט, ווען ער איז געוואָרן מער באַוווּסטזיניק, האָט ער דעמדאָזיקן געדאַנק אָפּגעוואָרפן אַלס גאווהדיקן ; יאָ, איצט איז ער שוין נישט געווען אַזוי זעלבסטזיכער. עס זענען געווען אַ סך אַנדערע, וועלכע האָבן אָן אים געקאָנט אויספירן די זעלבע אויפגאַבן, און דאָס גליק האָט אָנגעקלאַפּט צו אים.

„גיי פאָרויס, פּעלליע!“ — האָט עס גערעדט צו אים. — „וועגן וואָס נאָך זאָלסטו טראַכטן ? — האָסט נישט קיין רעכט אָפּצושטויסן פון זיך דאָס גליק. אָדער אפשר ווילסטו דיין אייגענעם אומקום, נישט ברענגענדיק דערמיט קיין נוצן די אַנדערע ? ביסט געווען אַ גוטער חבר, אָבער דאָ גייען זיך אייערע וועגן פונאַנדער. האָסט נאָך קינדווייז אַנטוויקלט דיין טאַלאַנט, קיינער וועט דערפון קיין נוצן נישט האָבן, וואָס דו וועסט ווייטער לעבן אין אָרימקייט. קלויב איצט אויס דיין אייגענעם וועג“.

און פּעלליע האָט אויסגעקליבן. ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט אָנגענומען דאָס גליק, וואָס מען זאָל נישט רעדן. און פונדעסטוועגן איז אים געווען שווער איבערצולאָזן די אַנדערע. ער האָט זיך אַזוי צונויפגעלעבט מיט דער אָרימקייט, ער האָט אַזוי געפילט זיין סאָלידאַרישקייט מיט איר, אַז אים איז שווער געווען זיך אָפּצורייסן פון איר. די אַלגעמיינע זאָרגן האָבן אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און דער קאַמף האָט אין אים אַנטוויקלט זיין קראַפט, וואָס איז אָנגעפילט געווען מיט גליק.

ער איז מער נישט געגאַנגען אויף די פאַרזאַמלונגען ! אים איז געווען אַזוי מאָדנע צו טראַכטן, אַז ער האָט דאָרט מער נישט געהאַט וואָס צו טון און אַז ער איז געשטאַנען אויף דער צווייטער זייט — ער, פּעלליע, וועלכער איז פאַר זיי געווען אַזאַ העלער פלאַם ! ער וועט זיי אָבער קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, דאָס האָט ער געוווּסט. אויב ער וועט אפילו דערגרייכן אַ הויכע לאַגע — און אין דעם האָט ער נישט גע־

ספקט — וועט ער זיי אַלץ מיטפּילן און זיך באַמיען אויסצוקעמפן אַ בעסערע לאַגע פאַר די אַרבעטער.

עלעלן האָט באַמערקט זיין ערנסטע שטימונג; ס'קאָן זיין, אַז זי האָט זיך אָנגעשטויסן וועגן זיין געוויסנפּיין, אין זי האָט געוואָלט אים העלפן עס איבערצוטראָגן.

— זאָלן מיר אפשר נאָך מאָרגן אַריבערנעמען צו זיך דיין פאָטער? — האָט זי געזאָגט. — ער קאָן שלאָפן אין עסצימער אויף דער קאַנאַפּע, ביז מיר וועלן נישט קריגן קיין נייע דירה. ס'איז נישט גוט אים איבערצולאָזן דאָרטן, בפרט נאָך — אין דיין לאַגע!...

XXVII.

די אומרוען צווישן די אַרבעטער האָבן זיך כסדר פאַרשטאַרקט; יעדער איינער, וועלכער האָט געהאַט די מינדסטע שייכות צו דער אָרגאַניזאַציע, האָט געשפּירט די אומזיכערקייט פון זיין לאַגע. ווי ס'שיינט, האָט מען געוואָלט דערפירן דערצו, אַז די אַרבעטער זאָלן די ערשטע איבעררייסן דעם שלום.

— זיי ווילן צעשטערן אונזערע פּראָפאַראיינען, כדי מיר זאָלן בלייבן באַם שטיקל טרוקענעם שוואַרצן ברויט, — האָבן געזאָגט די אַרבעטער.

— זיי האַלטן, אַז איצט איז דאָס גרינגער אויסצופירן, ווייל דער ווינטער האָט אונז צוגעוווינט צו דאַרע שטיקלעך ברויט. דאָס וועט זיך זיי אָבער נישט איינגעבן!

די אויפרעגונג באַ די מאַסן איז אַלץ געוואַקסן; אַלע זענען געווען גרייט און האָבן געטרוימט וואָס שנעלער אָנצוהייבן דעם קאַמף. די פרויען האָבן געוויינט, זיי איז געווען שרעקלעך; די מערהייט פון זיי האָט פאַרשטאַנען בלויז דאָס, אַז די נויט, וועלכע זיי האָבן געליטן ווינטער, וועט זיך איצט אָנהייבן פונסניי. זיי האָבן אָנגענומען פאַרצווייפלטע מיטלען — אַרויפוואַרפנדיק אויף זיך אַ טיכל, פלעגן זיי לויפן אין קאָנטאָר אַריין, צום פאַבריקאַנט, און האָבן אים געבעטן רחמים רחמנות האָבן. פון צענטער האָט מען כסדר גערופן צו רויקייט און פאָרזיכטיקייט,

אַלץ איז געווען אָפּהענגיק דערפון, וועלכער צד וועט נישט עובר זיין דאָס געזעץ.

פעללען איז לייכט געווען נאָכצופאָלגן די געשעענישן, הגם בכלל האָט ער זיך געפונען מחוץ פון דעם אַלעמען. ער איז געגאַנגען צו דער אַרבעט אין זיין גוטן אַנצוג און אין שטיפלעטן מיט גומע, ער פלעגט קימען זיבן אַ זייגער, בעת אַלע אַנדערע האָבן זיך געדאַרפט צונויפקומען אַרום זעקס — דאָס אַלץ האָט תּיכף געענדערט דעם שטאַנדפונקט.

ער האָט זיך אויסגעלערנט צו באַהערשן מיט פולקאָמענהייט די ליבייקע און דעם צירקל; שעהנווייז פלעגט ער קאָפּירן פּלענער אָדער אַנוואַרפן נייע. ער האָט זיך געפונען אין אַ מאָדנעם, געהויבענעם צו־שטאַנד פון לייכטער שכרות; דאָס ערשטע מאָל אין לעבן איז אים אויס־געקומען צו באַשעפטיקן זיך מיט אַ ריינער אַרבעט, וואָס האָט אים דער־לויבט צו טראָגן אָנשטענדיקע בגדים. בכלל האָט זיך דאָס לעבן גענומען מאָלן פאַר אים אין אַ גאַנץ אַנדער געשטאַלט; עס האָבן זיך געעפנט פאַר אים נייע פּערספּעקטיוון. פריער האָט זיך אים די עלטער פאַר־געשטעלט אין זייער אַ טרויעריק געשטאַלט, איצט האָט זי זיך אים גע־נומען אויסמאָלן אין גאַנץ אַנדערע פאַרבן. דאָ האָט ער געקאָנט דער־גרייכן אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט, אַפילו אַ היכלע לאַגע! און אויב ער וועט דערגרייכן מיט דער צייט די העכסטע שפּיצן און ער וועט איינ־פירן אַן אַכט־שעהדיקן אַרבעטסטאָג און אַ גוטן אַרבעטס־לוין? דאַן וועט ער זיי באַווייזן, אַז מען קאָן אַרויסקומען פון סאַמע דעק, נישט פאַר־געסנדיק וועגן דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט און נישט ווערנדיק קיין בלוטזויגער. און זיי וועלן שרייען „הורראַ" צו פעללען, צום אַלטן חבר, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט פאַרלאָזט זייערע רייען. איז שטוב איז געווען אַ סך וואָס צו טון. ווי נאָר ער פלעגט אַריבערטרעטן די שוועל, פלעגט ער מוזן אויספירן דאָס, וואָס עללען האָט געהאַלטן פאַר נייטיק. ער האָט געמוזט באַשטעלן אַ נייעם גרויען אַנצוג פאַר דער קאַנטאָר, אויפנייען אַ ביסל מער וועש, צום ווינציקסטן צוויי מאָל אַ וואָך זיך ראַזירן אין ראַזורע. און נישט אין שטוב, — וואָס איז דאָס פאַר אַ ראַזירן, ווען ער צעדראַפּעט זיך כּסדר דאָס פּנים מיט אַן אַלט אויסגעשטירבעט גאָל־מעסער? פעללע האָט געפילט, אַז ס'איז נישט אַזוי לייכט צו זיין אַ „הויכקלאַסיקער", ווי ער האָט דאָס גערופן.

און אויף דעם אַלעם האָט מען געדאַרפט האָבן געלט. ס'האָט זיך

נשע׳אַפן פּונקט אַזאַ לאַגע, ווי ווינטער -- מען האָט געדאַרפט צוטראַכטן ווי צו נעמען געלט, -- דאָס איז אָבער נישט געווען פיינלעך, נאָר אדרבה — זייער אָנגענעם, ווייל דער ציל איז געווען אַ גאַנץ אַנדערער.

לאַססע האָט אויך געהאַט אַ גוטן אויסזעען; ער האָט געטראָגן פעללעס אַ וואָכעדיק אַנצוג, וועלכעס עללען האָט אָפּגעפרישט, אַ ווייס גומען קעלנערל און גוט-אויסגעפוצטע שטוביקע פאַנטאָפל; זיי זענען געמאַכט געווען פון פעללעס אַלטע יוכטענע שטיוול. די שטיוול האָט מען אונטערגעשניטן און די כאָלעוועס האָט מען צוגענייט צו הילצערנע שיך.

ער האָט ליב געהאַט צו זיין מיט די קינדער און איז געווען אַן אמתער אַלטער זיידע מיט אַ פאַרוועלקט פנים, מיט אַ גוטן בליק פון זיינע קורצזיכטיקע אויגן. ווען דער קליינינקער לאַססע פלעגט זיך אויסבאַהאַלטן אין קעגנאיבערדיקן ווינקל פון צימער, פלעגט אים דער זיידע לאַססע נישט קאָנען אויפזוכן, און דאָס יינגל פלעגט זיך שטאַרק וווּנדערן, ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז אויגן זאָלן נישט זעען די קעגנאיבערדיקע וואַנט און ער פלעגט תמיד פרעגן, פאַרוואָס איז דאָס אַזוי.

— דאָס איז דערפאַר, ווייל כ׳האָב אין מיין לעבן געזעען צו פיל אָרימקייט, — פלעגט לאַססע תמיד ענטפערן.

בכלל איז ער געווען זייער גליקלעך און זיין אַלטער אויסגעדאַרטער גוף האָט אָנגעהויבן פולער ווערן; די באַקן זיינע זענען שוין דיקער געוואָרן. ער איז זייער גוט אַרומגעגאַנגען אַרום די קינדער, און עללען מיט פעללען האָבן געקאָנט אינגאַנצן איבערלאָזן אויף אים די קינדער און אַליין זיך פאַרנעמען מיט די געשעפטן. כדי זיך איינצואָרדנען לויטן נייעם שטייגער, האָט מען געמוזט זייער אַ סך אַרבעטן. זיי האָבן געטראַכט, צי זאָלן זיי נישט אַנטלייען עטלעכע הונדערט קראָן.

— דער פאָטער וועט ערוב זיין פאַר אונז, — האָט עללען געזאָגט.

— דאַן וועל איך האָבן די מעגלעכקייט צו נעמען רייס-שעהן. מיר איז דאָס זייער נייטיק, ווייל מיר פעלן די עלעמענטאַרע ידיעות...

*   *

*

פון שבת האָט מען איינגעפירט דעם נייעם טאַריף. די שטימונג צווישן די אַרבעטער איז געווען זייער אַן אָנגעשטרענגטע, זיי האָבן אָבער אָנגענומען אַן אָפּוואַרטנדיקע שטעלונג און נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן. בעת דער מיטאָג־הפסקה האָט דער עלטסטער מייסטער געפּאָדערט אַן ענטפער באַ יעדן באַזונדער. זיי האָבן נישט געגעבן קיין ענטפער, לויט ווי זיי האָבן אָפּגערעדט; נאָכן מיטאָג זענען דריי אַרבעטער אַוועק אין קאַנטאָר אַריין און געבעטן אַ דערלויבעניש צו רעדן מיטן דירעקטאָר.

ווען ער איז געקומען, איז אַרויסגעטרעטן דער אַרבעטער מיונק, און דערקלערט:

— מיר זענען געקומען אין נאָמען פון די חברים...

מער האָט ער גאָרנישט באַוויזן צו זאָגן, דער דירעקטאָר האָט אָנגעשריגן אויף אים, אָנווייזנדיק אים אויף די שטיגן:

— איך פיר נישט קיין אונטערהאַנדלונגען מיט מיינע אָנגעשטעלטע!

זיי זענען אַראָפּ אונטן. די אַרבעטער האָבן מיט שטוינונג אַ קוק געטון אויף זיי. פאַרוואָס אַזוי שנעל? דער דיקער מיונק האָט באַוועגט די ליפּן, רעדנדיק עפּעס, אָבער מען האָט קיין איינציק וואָרט נישט געהערט צוליבן רויש פון די מאַשינען.

מיט אַ פעסטן טריט איז ער אַדורך דעם רוים, האָט גענומען דעם האַמער און מיט אים דריי מאָל אַ קלאַפּ געטון אין שטאָלענעם באַראַבאַן. איבער דער גאַנצער פאַבריק האָט עס אָפּגעקלונגען. גלייכצייטיק האָבן זיך אויפגעהויבן אינדערהייך נאַקעטע, שוואַרצע הענט און האָבן אַראָפּגעריסן פון די רעדער די פּאַסן; די באַוועגונג פון די מאַשינען האָט זיך אָפּגעשטעלט, דאָס גערויש איז פּלוצלינג שטיל געוואָרן און ס׳איז אַנטשטאַנען אַ טויטע שטילקייט. די גאַנצע נעץ פון אומענדלעכע רימענס, וואָס האָט דורכגעקרייצט דאָס צימער אין דער לענג און אין דער ברייט, האָט נאָך לייכט געציטערט. די שטילקייט האָט געקוקט פון דער פּוסטקייט מיט אַ שטומער שרעק. די אויפזעער זענען אַרומגעלאָפן פון וואַרשטאַט צו וואַרשטאַט, נישט וויסנדיק וואָס צו טון. מען האָט געשיקט

נאָך דעם פּאַרוואַלטער פון דער פאַבריק, און די אַרבעטער זענען צוגע-
גאַנגען צו זייערע עמערס און זיך גענומען אַרומוואַשן, פּאַמעלעך און פּייערלעך, ריכטיק ווי זיי וואָלטן נאָר-וואָס געהאַט עמעצן באַגלייט אויף זיין לעצטן וועג. אויף זייערע פּנימער האָט מען גאָרנישט געקאָנט איבער-לייענען. האָבן זיי פאַרויסגעשפּירט, אַז דידאָזיקע דריי קלאַפּ זענען געווען סיגנאַלן צו אַ שרעקלעכן קאַמף? אָדער זיי האָבן נאָכגעגעבן דעם געפיל פון אויפרעגונג? יעדנפאַלס האָבן זיי געוווסט גענוג. זייערע פּנימער האָבן דערציילט וועגן דעם, אַז דאָס איז געווען אַן אומפאַר-מיידלעכער גורל. מען האָט זיי געצוווּנגען ווידער אַראָפּצובערענגען דעם ווינטער און ער וועט זיך אומקערן, כדי ווידער פּייניקן זיינע קרבנות.

און אַט האָבן זיי זיך ווידער באַוויזן, ריין-אויסגעוואַשענע, מיט פּעקעלעך אונטער די אָרעמס און זיי זענען געשטאַנען, דערוואַרטנדיק, ביז עס וועט קומען זייער ריי אָפּגעזאָגט צו ווערן. די אויפזעער זענען אויפגערעגטע אַרומגעלאָפן צווישן די אַרבעטער.

דער פאַבריק-פּאַרוואַלטער איז אַרויסגעקומען פון קאַנטאָר און איז אַראָפּ פון די שטיגן; אַ הויכער און שטאָלצער איז ער אַדורך דעם רוים. די אַרבעטער האָבן זיך אָפּגערוקט פון אים אין אַ זייט. ער האָט מיט פאַראַכטונג אַ קוק געטון אויף זיי, ריכטיק ווי ער זאָל וועלן געדענ-קען יעדן פון זיי, ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דעם אַקסל פון איינעם פון די אויפזעער און ער האָט געזאָגט הויך און דייטלעך, כדי אַלע זאָלן הערן:

— איילט זיך צו, יאַטקאָבסען, און פּראָוועט אַרויס וואָס גיכער דידאָזיקע מענטשן!

די אַרבעטער האָבן פּאַמעלעך אויפגעהויבן צו אים זייערע ערנסטע פּנימער, און נישט איין אַראָפּגעלאָזטע פויסט האָט אַ ציטער געטון. איינער נאָכן צווייטן זענען זיי אַוועק פון פאַבריק, באַקומענדיק די אָפּ-רעכענונג.

אויף די גאַסן זענען זיי געשטאַנען גרופּעסווייז, עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען:

— האָט איר אים געזען? ווי בייז ער איז! אַזוי גיך, ווייזט אויס, וועלן מיר דאָ צוריק נישט אַריינפאַלן!

פּעללע האָט זיך געפילט מאָדנע; ער האָט געוווּסט, אַז די מלחמה

איז דערקלערט געוואָרן, די וואַנט איז געווען דורכגעבראָכן און דאָס וועט ציען נאָך זיך רעזולטאַטן.

דער קליינינקער לאַססע, וועלכער האָט דערקענט די טריט פון פאָטער, וועלכער איז געגאַנגען איבער די שטיגן, איז געלאָפן צו אים אנטקעגן. פעללע האָט אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט.

— ווי ערנסט דו ביסט? ס'איז עפּעס געשען?

ער האָט איר רויק דערציילט.

— גאָט מיינער! — האָט זי אויסגערופן, אַ שוידער טוענדיק, — צי דען וועט זיך ווידער אָנהייבן די אַרבעטסלאָזיקייט? סאַראַ גליק, וואָס דאָס גייט אונז נישט אָן!...

פעללע האָט נישט געענטפערט, ער האָט שווייגנדיק גענומען עסן. דערנאָך האָט ער נידעריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער זאָל זיך שעמען פאַר עפּעס.

XXVIII.

ס'איז אָנגעקומען זייער אַן אומרויקע צייט. אין משך פון אַ גאַנצער ריי יאָרן איז דער קאַמף צוגעגרייט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, פון זיך אַליין; זיי האָבן זיך געגרייט צו אים, אים געוואָלט און זיך באַמיט אים אַרויסצורופן, כדי, לסוף, צו באַשליסן, צי זיי וועלן בלייבן קנעכט אויף דור דורות אָדער אויף פאַר זיי עקזיסטירט אַ צוקונפט. איצט איז די מלחמה דערקלערט געוואָרן, דאָס איז אָבער געשען עפּעס פּלוצלינג, און זיי וואָלטן טייער באַצאָלט, כדי אָנשטאָט דעם זאָל געשלאָסן ווערן אַ שלום.

אָבער ס'איז נישט געווען קיין שום אויסזיכטן אויף אַ פרידלעכן אויסגאַנג.

די אַרבעטסגעבער האָבן געהאַלטן די צייט פאַר גינסטיק, זאָלן זיך פונאַנדערשפּילן די געשעענישן. אין די לעצטע יאָרן האָבן די אָרגאַניזאַציעס אַ סך געשטערט; דאָס איז באַזונדערס אונטערגעשטראָכן געוואָרן. און איצט, זייט מוחל און דרייט אויס די אַגלאָבלעס צוריק! יעדן פרימאָרגן האָט מען געהערט וועגן אַ פרישער פּאַרטיע אַר-

בעטער. וועלכע זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס אָדער וועלכע האָבן לויט זייער אייגענעם ווילן געוואָרפן די אַרבעט. איינס האָט נאָך זיך געשלעפּט, דאָס צווייטע. די אָנפירער פון דער מעטאַל־אינדוסטריע זענען געקומען צו אַ הסכם מיט דער פאַבריק „דענעמאַרק" און האָבן אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס די שמידן; נאָך זיי איז גע־קומען די ריי אויף די פאָרם־אַרבעטער, אויף די מאָדעל־אַרבעטער; די אַנדערע אינדוסטריע־צווייגן האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט — אַלץ האָט זיך געפונען אין ענגער פאַרבינדונג צווישן זיך. פעללע האָט דאָס אַלץ גוט געקאָנט באַאָבאַכטן פון זיין אָרט. ס'האָבן זיך אויפגעוועקט אין אים די פריערדיקע דערינערונגען, זיין בלוט פלעגט אויפזידן און ער האָט זיך געכאַפּט אויף דעם, אַז ויצנדיק אין זיין רייס־צימער האָט ער באַ־טראַכט אַ פּלאַן פון די אַרבעטערס קריגס־צוג. ער האָט געקאָנט די קריגס־טאַקטיק און געזען זייַנע פעלערן: זייער אָנגריף איז געווען צו שוואַך. זיי האָבן זיך נאָך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין קלאָרן דין־וחשבון וועגן דעם, אַז זיי וועלן באמת בלייבן אָן אַרבעט; דעריבער איז זייער טאַקטיק געווען צו פּאַסיוו.

די אַרבעטסגעבער, וועלכע האָבן ענערגיש געהאַנדלט, געפירט דורך די אָנפירער פון דער מעטאַל־אינדוסטרי, האָבן תיכף באַקומען אַן איבער־מאַכט. די פאַבריק „דענעמאַרק" האָט ווייטער געאַרבעט. זי האָט זיך אָבער געפונען באַם לעצטן אָטעם־צוג. זי איז געהאַלטן געוואָרן אין גאַנג דורך עטלעכע שטרייקברעכערס, און אויך דורך יענע באַאַמטע, וועלכע האָבן געהאַט אַ וועלכע־נישט־איז ידיעה אין דער פּראָדוקציע; אפילו דער פאַבריק־דירעקטאָר אַליין האָט אָנגעטון אַ בלוזע און זיך געשטעלט באַם וואַרשטאַט. מען האָט געדאַרפט אַראָפּשלאָגן באַ די אַרבעטער דעם מוט, ווייזנדיק זיי, אַז מ'קאָן זיך אויסגעצייכנט באַגיין אויך אָן זיי.

אין רייס־צימער און אין קאַנטאָר האָט געהערשט אַ צערודערונג. די שטרייקברעכער האָט מען זיך געגרייט צו פאַרבייטן מיט אויסלענדישע אַרבעטער, אַנדערע זענען אַליין אַוועק.

אין דערדאָזיקער שווערער צייט האָט זיך פעללע פאַרנומען מיט זיין אייגענער אַרבעט; דאָס איז אים געווען זייער שווער; ביז צום סוף איז נאָך געווען ווייט, און אויסלערנען זיך אין אַ קורצער צייט האָט ער נישט געקאָנט.

איינמאָל באַטאָג האָט ער באַקומען אַ באַפעל אַראָפּגיין אונטן און אַרבעטן אין דער סעפּאַראַטאָרן־אָפּטיילונג. דערדאָזיקער באַפעל האָט אים געטראָפן אינמיטן פון זיינע פאַרביקסטע טרוימען. ער איז גלייך וואַך געוואָרן.

— כ׳בין נישט קיין שטרייקברעכער, — האָט פעללע באַליידיקט געענטפערט.

דערנאָך איז געקומען דער אינזשיניער גופא.

— פאַרשטייט איר דען נישט, אַז איר זאָגט זיך אָפּ אויסצופירן אייערע פליכטן ? — האָט ער געזאָגט.

— כ׳קאָן נישט נעמען אויף זיך די אַרבעט פון מיינע חברים, — האָט פעללע שטיל געענטפערט.

— דאָס איז זייער שיין, אָבער די, וועלכע אַרבעטן אונטן, זענען כלל נישט אייערע חברים. דאָס זענען אַנגעשטעלטע, און אַלס אַזעלכער מוזט איר דינען דער פירמע דאָרט, ווו מען דאַרף אייך האָבן.

— איך קאָן דאָס אָבער נישט. כ׳קאָן נישט צונעמען בײַ אַנדערע דאָס שטיקל ברויט.

— איר שטעלט אין קאָן אייער גאַנצע צוקונפט. גיט אַ טראַכט וועגן דעם. מיר איז אייך אַ שאָד. איר זענט אַ טאַלענטירטער מענטש, און פון אייך וואָלט עפּעס געקאָנט אַרויסקומען. איך קאָן אייך אָבער נישט באַשיצן פון אייער אייגענער עקשנות. און מיר פאָדערן אומבאַדינגטע געהאָרכזאַמקייט.

דער אינזשיניער איז געשטאַנען אַ ווײַלע, וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער. אָבער פעללע האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן.

— הערט, איך דערלויב אייך צו טראַכטן ביז מאָרגן, הגם דאָס איז קעגן אונזערע אַלע כללים. באַטראַכט זיך גוט און וואַרפט אַוועק דידאָזיקע אַלע נאַרישע סענטימענטאַליטעטן. פריער פאַר אַלץ דאַרף מען טראַכטן וועגן דעם, וואָס עס איז אייך צום נאָענטסטן. נו — ביז מאָרגן.

פעללע האָט זיך נישט געוואָלט אומקערן אַהיים פריער ווי געוויינלעך, כדי נישט אַרויסצורופן פריציייטיקע פראַגעס. ער האָט געבלאָנדזשעט איבער די מערק. אויפן ברעג און באַטראַכט די שיפן.

הייסט עס, אַז זיין גליקלעכער חלום איז צעפלויגן געוואָרן, ווי קורצדויערנדיק ער איז געווען ! ער האָט געזעען עללענס אַנטוישונג, און ס׳איז אים געוואָרן שווער אויף דער נשמה. מער פאַר אַלץ האָט

ער געהאַט רחמנות אויף איר, פאַר אים איז דאָס אַלץ געווען גאַנץ אַנדערש — אַזוי וויל דער גורל! אים איז אפילו נישט איינגעפאַלן צו וואַקלען זיך צווישן חברישן געפיל און זיין אייגענער צוקונפט; ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דער אינזשינער האָט אים געגעבן צייט צו באַטראַכטן זיך.

אין דער געוויינלעכער צייט איז ער אַוועק אַהיים. עללען האָט אים פריידיק באַגעגנט, זי איז געווען זייער פריילעך, אירע באַמיונגען צוצופאַסן זיך צו אַן אַנדערן קלאַס זענען געווען זייער רייִנדיק. זי האָט געפּאַנגען דורך איר גראַציע, און אירע ליפּן האָבן אויסגעדריקט חשיבות. דאָס איז איר אויסערגעוויינלעך געשטאַנען; פעללען האָט זיך געוואָלט אַ קוש טון דידאָזיקע ליפּן און צעשטערן דידאָזיקע גאַנצע פייערלעכקייט. אָבער היינט האָט ער זיך שווייגנדיק געזעצט צום אָונטבערויט, עללען האָט אים צוגעוואַרעמט דאָס עסן; מיטאָג פלעגט ער געוויינלעך עסן אין קאַנטאָר.

— ווען באַ אונז וועט אַלץ ווערן אין אָרדנונג, וועלן מיר עסן מיטאָג זעקס אַ זייגער, דאָס איז אַ סך אַנגענעמער.

— אַזוי פירט זיך, דערציילט מען, אין פאַרמעגלעכע הייזער, — האָט לאַססע געזאָגט, — קומט, לאָמיר פּרובירן, דאָס וועט זיין זייער אינטערעסאַנט.

לאַססע האָט געהאַלטן דאָס אייניקל אויף די קני און דערציילט קאָמישע געשיכטעס. און ווען דער קליינינקער לאַססע האָט פריילעך געלאַכט, פלעגט דאָס שוועסטערל פריידיק אַ קוויטש טון אין ווינקעלע, ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— וואָס־זשע זאָל איך דיר נאָך דערציילן? וועגן דער אַלטיטשקער? גוט, נאָר זיצט רויק און הערט, אַנישט וועלן באַ אייך די אויערן נישט אויסוואַקסן!

— אַן אַלטיטשקע... — האָט לאַססע געזאָגט.

— אַן אַלטיטשקע... — האָט דער קליינער איבערגעחזרט מיט דער זעלבער אינטאָנאַציע.

— יאָ, די אַלטיטשקע... — און אַלע דריי האָבן פריילעך געלאַכט. — „וואָס זאָל איך צוערשט טון!“ — האָט געזאָגט די פרוי, קומענדיק אויף דער אַרבעט. — „עסן אָדער שלאָפן? איך מיין, אַז כ׳וועל צוערשט אָפּעסן. — וואָס זאָל איך צוערשט טון, האָט געזאָגט די פרוי, ענדיקנדיק דאָס עסן, שלאָפן אָדער אַרבעטן? כ׳מיין, אַז כ׳וועל

צוערשט שלאָפן". און זי האָט זיך געלייגט שלאָפן און געשלאָפן ביזן אָוונט, און דערנאָך איז זי אַוועק אַהיים און זיך געלייגט אין בעט.

עללען איז צוגעגאַנגען צו פעללען און אים אַוועקגעלייגט די האַנט אויף זיין אַקסל.

— איך בין געווען בײַ מיין פריערדיקער באַלעבאָסטע און זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט מיר איבערמאַכן מיין חופּה־קלייד. זי זאָגט, אַז ס׳וועט אַרויסקומען פון דעם אַ שיין וויזיטן־קלייד. דאַן וועלן מיר דאַרפן קויפן בלויז אַ פראַק־אַנצוג.

פעללע האָט אַ קוק געטון אויף איר. זיין פּנים האָט אַ ציטער געטון. די אָרימע, זי טראַכט וועגן פּאַרוויילונגען!

— טומל זיך נישט, — האָט ער געזאָגט פּאַרשטיקט. — מיט דער קאַנטאָר איז אַלץ פאַרענדיקט. זיי פאָדערן, איך זאָל ווערן אַ שטרייק־ברעכער — כ׳האָב געמוזט אַוועקגיין.

— אָך, אָך, — האָט לאַססע אויסגערופן.

ער האָט שיער נישט אַראָפּגעוואָרפן דאָס אייניקל, זיינע הענט האָבן געציטערט. עללען האָט זיך איינגעגעסן אין פעללען מיט אַ פאַר־שטיינערטן בליק; זי איז כסדר און כסדר בלייכער געוואָרן, נישט אַרויס־ברענגענדיק קיין איין קלאַנג. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט גלייך כאַלן טויט.

XXIX.

פעללע האָט זיך ווידער געפונען צווישן אייגענע; ער האָט נישט באַדויערט, וואָס דאָס גליק האָט נישט געהאַלטן זיין צוזאָג, אין דער טיף פון זיין נשמה איז ער אפילו געווען גליקלעך. דאָס האָט ער זיך נעפילט אינדערהיים! ער האָט גענומען אַזאַ הייסן אָנטייל אין דער צו־גרייטונגס־באַוועגונג, צי דען דאַרף ער זיין אויסגעשלאָסן פון איר, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער קאַמף. די פירער האָבן אים באַגעגנט מיט פרייד. קיינער האָט נישט געהאַט אַזאַ ווירקונג אויף די מאַסן, ווי פעללע, ער האָט אַריינגעגעבן אין די הערצער אַ ליכטיק גלויבן; ער האָט געקאָנט

איינהאַלטן און באַגייסטערן. פּעללע פלעגט געשיקט צונויפשטעלן פּלענער.

גאַנץ פרי פלעגט ער אַוועקגיין אין אָרגאַניזיר־ביוראָ, פונוואַנען מען האָט אָנגעפירט מיטן גאַנצן קאַמף. דאָ איז געווען דער צענטער פון דער באַוועגונג. די לאַגע איז קלאָר געוואָרן; מען האָט צונויפגערופן די אַלע, ווער ס׳איז געווען גאָר גוט באַקאַנט מיט דער לאַגע פון שונא, און עס איז אָנגעצייכנט געוואָרן דער פּלאַן פון ווייטערדיקן קאַמף. אויף געהיימע פאַרזאַמלונגען, צו וועלכע עס זענען צוגעצויגן געוואָרן זיכערע חברים פון אַנדערע אינדוסטרי־צווייגן, איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן אַ פאַרשידנאַרטיקער מאַטעריאַל, וואָס קאָמפּראָמיטירט די פאַבריקאַנטן; מען האָט אים געקאָנט אויסנוצן אויך אין דער צייטונגס־פּאָלעמיק. די אַרבעט איז אין אייניקע אינדוסטרי־צווייגן געווען אין פולן גאַנג, די פאַבריקאַנטן האָבן זי נישט אָפּגעשטעלט צוליב אָרטיקע טעמים; מען האָט געדאַרפט זען אָפּשטעלן די אַרבעטן אויך אין דידאָזיקע פּראָדוקציע־צווייגן, הגם דאָס זאָל אפילו ברענגען צו אַ פאַרשטאַרקטער אַרבעטסלאָזיקייט. זיי האָבן זיך ענערגיש באַוואָפנט, נישט בראַקירנדיק קיין שום געווער. איצט איז נישט געווען די צייט דערצו. פעללע האָט זיך געפילט, ווי אַ פיש אין וואַסער. דאָס איז געווען עפּעס גאַנץ אַנדערש, ווי רויִנירן איין שוסטער, זאָל זיין אַז דעם גרעסטן אין שטאָט. ער האָט נישט געפילט קיין מאַנגל אין אידעען און ער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט זיי אויסצופירן; „אויף אַ מלחמה, איז ווי אויף אַ מלחמה!“

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף, אָבער פעללע האָט גאַנץ גענוי געקענט די פּראָפּאָרץ פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות, כדי איינצוזעען, אַז דער אָנגריף אַליין וועט נישט גענוגן, אַז מען דאַרף טראַכטן אויך וועגן פאַרטיידיקונג. מען האָט זיך געניטיקט אין אַ גענוי אויסגעאַרבעטער טאַקטיק, וואָס זעט פאָראויס אַלערליי דעטאַלן, כדי די מאַסן זאָלן קאָנען זיגן; סוף־כל־סוף איז די גאַנצע פראַגע באַשטאַנען אין דער אויסגעהאַלטקייט! די אויסלענדישע שטרייקברעכער האָט מען זיך באַמיט אָפּצוטרייבן מיט שנעלע ידיעות וועגן זיי אין די אויסלענדישע צייטונגען; חוצדעם האָט מען אַוועקגעשטעלט פּאָסטנס אויף די אייזנבאַנען און דאַמפּערס. די אַרבעטער האָבן פאַרכאַפּט דעם טעלעגראַף — דאָס איז געשען דאָס ערשטע מאָל. די צאָל אָרטיקע שטרייקברעכערס האָט מען זיך באַמיט אָפּצודריקן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען; קודם כל האָט

מען געמוזט אָנזאַמלען זאַפּאַסן, כדי די אַרבעטסלאָזע זאָלן נישט ליידן קיין נויט.

פּעללע האָט אַמאָל אין די טרוימען זיך פֿאָרגעשטעלט די נאַטירלעכע סאָלידאַריטעט פֿון די אַרבעטער. אַ סאָלידאַריטעט, וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד, איצט איז דאָס אים צונויץ געקומען.

די פירער האָבן אַרויסגעלאָזט אַ וואַרעמען אויפרוף צו די אַרבעטער פֿון „דענעמאַרק", אָנווייזנדיק נאָכאַמאָל אויף יענעם תהום, פֿון וועלכן זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, און אויף יענע ליכטיקע הויכן, צו וועלכע זיי האָבן געשטרעבט, און אין פֿאַרכאַפּנדיקע ווערטער האָבן זיי גערופן צו אייניקייט. עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ גענויער באַריכט וועגן די סיבות און צילן פֿון לאָקאַוט, ער איז צעטיילט געוואָרן צווישן דער באַפעלקערונג מיט אויפפאָדערונגען צו שטיצן די אַרבעט אין נאָמען פֿון פרייהייט. די אויפרופן צו די אַרבעטער-פּאַרטייען פֿון אַלע לענדער האָבן גערופן צו אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט. אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן אַ ריזיקער אַפּאַראַט. די באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן פֿון אַ קליינינקן באַלמעלאָכע-פאַריין, האָט זיך איבערגעוואָרפן אויף דער גאַנצער מלוכה און איצט האָט זי געדאַרפט אַרומכאַפּן די אַרבעטער-באַפעלקערונג פֿון דער גאַנצער וועלט. דערצו האָבן געטויגט יענע מענטשן, וועלכע האָבן זיך טאַקע אויסגעטיילט פֿון די מאַסן. אָבער פֿינדעסטוועגן זיך געפונען אין דיזעלבע באַדינגונגען. זיי זענען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג און געוואַקסן צוזאַמען מיט איר.

דאָס באַוווסטזיין פֿון גוטער צוגעגרייטקייט האָט געשטאַרקט זייער מוט און האָט באַגײַסטיקט דעם העלן בליק אויף די געשעענישן. פֿון די דערפער פֿלעגן טאָג-טעגלעך אַריינפליסן אין דער אָרגאַניזיר-ביוראָ אַרבעטס-אָנבאָטן פֿאַר די שטרייקנדיקע, און אויך געלט און לעבנסמיטלען; אַ סך פֿאַמיליעס האָבן פֿאָרגעלייגט נעמען צו זיך קינדער. פֿון אויסלאַנד זענען אָנגעקומען געלט-שיקונגען און אין די ליבעראַלע קרייזן פֿון דער הויפּט-שטאָט האָט מען סימפּאַטיזירט מיט די אַרבעטער; די הענדלער און רעסטאָראַן-אייגנטימער האָבן דורכגעפירט זאַמלונגען לטובת די אַרבעטער.

די אַרבעטער האָבן אַרויסגעוויזן אַן אומגעוויינלעכע גרייטקייט צו קרבנות, און אויף אַלע אַרבעטס-פּלעצער האָבן צירקולירט קוויטאַנציע-

ביכלעך, כוויזנטער אַרבעטער האָבן זיך באַשטייערט אין דער דויך פון אַ פערטל פון זייער וואָכנטלעכע הכנסה. די שטרייקנדיקע האָבן זיך מוטיק באַצויגן צו זייער לאַגע; דאָס באַוווּסטזיין, אַז זיי בילדן איין גאַנצעס, האָט זיי געמאַכט פאַר העלדן. נאָך נישט געקומען צו זיך נאָכן ווינטער, האָבן זיי פונדעסטוועגן זיך אָפּגעזאָגט אין משך פון די ערשטע צוויי וואָכן פון יעדער אונטערשטיצונג. אַ סך פון זיי האָבן זיך נישט באַנוצט מיט דער הילף פון דער קאַסע און זענען זיך באַגאַנגען מיט אייגענע מיטלען, האָבן זיך טיילווייז פאַרנומען מיט צופעליקער פּריוואַטער אַרבעט אָדער האָבן פאַרלאָזט די שטאָט.

די משפחהלאָזע יוגנט איז געפאָרן קיין אויסלאַנד.

די אַרבעטסגעבער האָבן זיך באַמיט צו שטערן זיי מיט אַלע כוחות. זיי האָבן פאַרווערט די הענדלער צו פאַרקויפן פּריוואַטע פּערזאָנען פּראָדוציר־מאַטעריאַלן.

איבער דער גאַנצער מלוכה זענען אַרומגעלאָפן שוואַרצע אַגענטן, וועלכע האָבן אויפגערייצט די קליינע מייסטערלעך און די פויערים קעגן די שטרייקנדיקע; אין אויסלאַנד האָט מען זיי פאַרפאָלגט מיט דראָונגס־בריוו.

דער ציל איז געווען קלאָר; מען האָט זיך באַמיט איינצושליסן די אַרבעטער אין אייזערנעם רינג, אין וועלכן זיי זאָלן נישט האָבן מיט וואָס אויפצוהאַלטן זייער עקזיסטענץ. זיי האָבן דאָס פאַרשטאַנען און זייער ווידערשטאַנד איז געוואַקסן דורכדעם. דידאָזיקע אומענדלעכע וואַנדערונג איבער דער וויסטע האָט זיי אויסגעפייניקט, פונדעסטוועגן זענען זיי גרייט געווען צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

אין תּוך גענומען האָבן זיי גאַנץ ווייניק פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס קומט פאָר אַלס גאַנצעס; די שטרעבונגען פון דער נייער צייט זענען אין זיי געווען אומקלאָר און כאַאָטיש — זיי זענען געווען אַן אויסדרוק פון דער אומבאַשטימטער עמפּינדונג, אַז דאָס לאַנד פון גליק איז שוין נאָענט. אַמאָל פלעגט עס זיין נישט מער ווי אַן איינצלוואָרט, וואָס פלעגט זיך איינקריצן אין זיי און עס האָט געדאַרפט אויסדריקן דאָס גאַנצע. אָבער ווען עמעצער זאָל זיי נעמען אויפווייזן די אומבאַגרינדעטקייט פון זייערע געדאַנקען, וואָלטן זיי אים גאָרנישט געהאַט וואָס צו ענטפערן אויף דעם. פונדעסטוועגן איז אין זייערע טיפענישן געבליבן אומבאַרירט דאָס באַוווּסטזיין און דער גלויבן אין דעם, אַז זיי וועלן פאָרט דערגרייכן דאָס לאַנד פון גליק.

און ביסלעכווייז איז פאַר זיי אַלץ קלאָר געוואָרן: דערדאָזיקער קאַמף האָט געוואָרפן אַ העל ליכט סיי פאָרויס סיי אויף צוריק. ער האָט אָפּגעדעקט זייער גאַנצע עקזיסטענץ אין איר פולער אכזריות. דאָס איז געווען דאָס זעלבע, פאַרוואָס זיי האָבן תמיד געקעמפט, מער נישט, איצט איז עס אויסגעדריקט געוואָרן אין שאַרפערע און בולטערע ליניעס. פון אַ סך איינצלנע קליינע בייטשן איז אויסגעפלאָכטן געוואָרן איינע — די בייטש פון הונגער, מיט וועלכער מען האָט זיי געטריבן אין שרעקלעכסטן דלות! מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין נויט און איר מוראדיקסטער פאָרם! דאָס איז געווען דאָס ראַדיקאַלסטע מיטל, דאָס האָט זיי אָבער נאָך מער איבערצייגט, אַז זיי זענען נאָענט געווען צום ציל. די נאַכט איז צום פינצטערסטן פאַרן באַגינען!

ערשט איצט האָבן די אַרבעטער פאַרשטאַנען דעם זין פון אַ סך זאַכן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך צוגעהערט פאַרנעכטן. ווי אָפט האָט מען זיי געזאָגט, אַז דער דייטש איז אונזער ערגסטער שונא, אַז דאָס פאָטערלאַנד איז פריער פאַר אַלץ, און איצט האָבן די פאַבריקאַנטן גאַנץ רויִק אויסגעשריבן דייטשע אַרבעטער, כדי מיט זייער הילף אַריינצוטרייבן זייערע לאַנדסלייט אין גרעסטער נויט. דידאָזיקע אַלע פאַטריאָטישע געפילן זענען געווען נישט מער ווי שיינע ווערטער. עס האָבן עקזיסטירט בלויז צוויי נאַציעס: אונטערדריקער און אונטערדריקטע.

יאָ, אַזוי איז געווען די לאַגע באַ אַ נענטערער באַטראַכטונג. מען האָט נישט געדאַרפט אָננעמען פאַר אַ כשרער מטבע דאָס, וואָס איז געקומען פונדערהייך, — אָבער די בילדונג איז פאָרט געלעגן אין די הענט פון די העכערע קלאַסן. וואָס שייך דער גייסטלעכקייט, איז זי געווען מיושבדיק און האָט געוווּסט וועלכן האַר צו דינען! ניין, מען האָט געמוזט אויפבויען אייגענע שולן, וווּ אַנשטאָט רעליגיע און פאַטריאָטיזם האָט מען געדאַרפט לערנען די קינדער דעם גייסט פון דער נייער צייט. דאַן וואָלט שוין פון לאַנג פאַרשווונדן פון דער וועלט דידאָזיקע פלאָג — די אָרימקייט! — אין אַזעלכע מחשבות האָבן זיי פאַרבראַכט זייער געצווונגענע פוסט-און-פּאַסטקייט בעתן קאַמף.

דער געשפּענסט פון הונגער האָט געקלאַפּט פון שטוב צו שטוב, ער האָט אָבער אַרויסגערופן אַ גאַנץ אומגעריכטע ווירקונג: ער האָט אַרויסגערופן אין זיי בלויז האַס און עקשנות. און אין דעם טאָקע איז געווען זייער אומבאַזיגבאַרקייט. פאַר דער גאַנצער צייט האָבן זיי זיך אויסגעלערנט נישט מער ווי ליידן, און איצט איז זיי דאָס צונוץ געקומען.

זיי האָבן געהאַט אַן אומאויסשעפּלעכן אוצר, פון וועלכן זיי האָבן געשעפּט ווידערשטאַנד־כּוחות, מען האָט זיי נישט געקאָנט אומברענגען.

צי דען וועלן זיי זיך אַזוי גיך נישט אונטערגעבן ? טאָ לאָמיר ארויסוואַרפן אויף דער גאַס נאָך טויזנט מענטשן ! אָבער דערפון, האָט זיך געדאַכט, איז די אָרימקייט נישט געוואָרן גרעסער ; זיי האָבן געקענט באַהאַלטן זייערע קוועלענישן — אין דעם איז געקומען צום אויסדרוק זייער אַנטייל אין דער וואַקסנדיקער קולטור. די גויט איז נישט געקומען צום אויסדרוק אָפן — זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די ווינקלען, און זיי האָבן נישט אָנגעווירן זייער מוטיקן אויסזעען. דאָס האָט אָפּגעשוואַכט דעם גלויבן פון זייערע קעגנער אין דער ריכטיקייט פון זייערע מעטאָדן. און זיי האָבן אַליין גענומען דעם הונגער אַלס פאַרבינדעטן, האָבן באַיקאָטירט די פאַבריקאַנטן און זייערע פאַרבינדעטע, און האָבן געשלאָגן דעם שונא אומעטום, ווו ס'איז נאָר מעגלעך געווען. נישט ווינציק טירן האָט די אומצאָליקע אַרבעטס־אַרמיי באַצייכנט מיט אַ קרייץ און פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען הינטער זיי.

דער מוט, האָט זיך געדאַכט, איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער נויט. קיינער האָט נישט געוווסט, וויפיל צייט דאָס וועט דויערן, און דערווייל „גענים פון לעבן — דו לעבעדיקער“. די בגדים זענען נאָך געווען גאַנץ און זיי פלעגן מיט געזאַנג און פענער אָוועקמאַרשירן הינטער דער שטאָט, און מיט געזאַנג און פענער קומען צוריק אַהיים. זיי זענען דאָך דאָס ערשטע מאָל געווען פריי — פריי, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַרבעט איז געווען אַ סך — זיי האָבן געיומטובט זייערע ערשטע פעריען ! ווי די קיניגן פון האַנדל האָבן זיי באַיקאָטירט אַלע אונטערנעמונגען פון זייער קוואַרטאַל, וועלכע זענען נישט געווען אויף דער זייט פון די אַרבעטער.

דער האַס האָט אויפגעוואַכט און געפאָדערט, אַז יעדער איינער זאָל זיין — פאַר אָדער קעגן. די הענדלער האָבן אויסבאַהאַלטן זייער באַציונג, אויב זיי האָבן בכלל געהאַט אַ וועלכע נישט איז מיינונג אין דאָזיקן פּרט, און האָבן קאָקעטירט מיט די אַרבעטער.

אויף די טובענקס זענען געלעגן קוויטאַנציע־ביכלעך פאַר נדבות, אייניקע האָבן אָראָפּגערעכנט אַ באַשטימטן פּראָצענט לטובת די אַרבעטער.

ס'איז געווען גענוג צייט, כּדי פונאַנדערצוקלויבן זיך אין דעם

אַרום, דער אויפגעוואַכטער האָט איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. די פירער האָבן געצווימט די ליידנשאַפטן און גערופן צו רויקייט. אָבער אין דאָזיקן קאַמף פאַר עקזיסטענץ און גליק איז געווען עפּעס פאַר-שכורנדיקס. ער האָט פאַרשכורט דעם מענטש און אים געטריבן אַריינצו-וואַרפן זיך אין קאַמף, נישט קוקנדיק נישט אויף רעכטס, נישט אויף לינקס.

די פירער האָבן אויפמערקזאַם אַכטונג געגעבן, מען זאָל באַגרעניצן די צאָל, וואָס אַרבעטן נישט — ס'איז שווער געווען צו באַקומען גענוג מיטלען אויף אויסצוהאַלטן זיי. אָבער די אַרבעטער, וועלכע האָבן נאָך פאַרדינט, פלעגן וואַרפן די אַרבעט, כּדי אינגאַנצן צוזאַמענצוגיסן זיך מיט זייערע חברים. זיי האָבן געמיינט, אַז אַזוי דאַרף זיין; אין איינעם פון די פאַלגנדיקע טעג האָבן די מויערער גאַנץ אומדערוואַרט אויפגע-הויבן די פראַגע וועגן קירצן דעם אַרבעטס-טאָג אויף איין שעה. זיי האָבן באַקומען אַן אָפּזאָג. אָבער אינאָווונט האָבן זיי געענדיקט די אַרבעט אַנשטאָט זיבן אַ זייגער — זעקס אַ זייגער.

די בירגער זענען אויפגעבראַכט געוואָרן — נאָך דער ווינטערדי-קער סטאַגנאַציע אין דער אַרבעט האָבן די מויערער פּלוצלינג איינגעפּו-נען פאַר פּאַסיק צו פאָדערן אַ פאַרקירצטן אַרבעטס-טאָג!

דידאָזיקע בעשעעניש האָט אינגאַנצן איבערראַשט די פירער. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דידאָזיקע פאָדערונג װעט פאַרניכטן די אַלגעמיינע סימפּאַטיעס צו די אַרבעטער, און זיי האָבן זיך געוווּנדערט, וואָס שטאָל-פּע, וועלכער איז אַזוי דערפאַרן אין אַזעלכע ענינים, איז נישט געווען קעגן. אַלס פאָרזיצער פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַרנומען זיין פּאָסטן שוין אַ סך יאָרן, האָט ער געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די חברים. ער האָט זיי געקאָנט צווינגען צו אַרבעטן ווי פריער. פעללע איז אַריינגעטרעטן מיט אים אין אונטערהאַנדלונגען.

— דאָס איז נישט מיין זאַך, — האָט שטאָלפּע געענטפערט.

— איך האָב נישט פאַרגעלייגט צו וואַרפן די אַרבעט, אָבער אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָט דערפאַר געשטימט די מערהייט — און דערמיט איז דער ענין געווען דערליידיקט. איך קאָן נישט גיין קעגן די חברים.

— איר טוט דאָך אָבער פאַרקערט ווי מען דאַרף, — האָט פעללע געזאָגט. — דו טראָגסט דאָך די אחריות דערפאַר; אייער פאַך געפינט

זיך אין די בעסטע באַדינגונגען. — און איר דאַרפט טראַכטן וועגן יענעם קאַמף, וועלכן מיר פירן.

— יאָ, אַ קאַמף! געוויס האָבן מיר געטראַכט וועגן דעם. ביסט גערעכט. איך האָב אַ גוט איינגעאָרדנטע ווירטשאַפט. מיר, מויערער, האָבן זיך אויסגעקעמפט פאַר זיך גוטע באַדינגונגען און מיר פאַרדינען גענוג. און דו מיינסט, אַז מיר וועלן גוטמוטיק צוקוקן, ווי די אַנדערע שלאָגן זיך פאַר אַ קרישל ברויט? ניין, אויך אונזער אָרט איז צווישן אייך.

— אָבער אייער אונטערשטיצונג מאַכט אויס צען טויזנט קראָן אַ וואָך. און איצט וועלן מיר זי פאַרלירן! און אייער האַנדלינג וועט זיכער ברענגען אומאָנגענעמע רעזולטאַטן פאַר אונז. הער נאָר, שוער, באַמי זיך אומבאַדינגט צו אַנולירן דידאָזיקע אָפּשטימונג.

— וואָס איז דאָס אַזוינס, דיפּלאָמאַטיע? לאָז זי פאַר אונזערע שונאים. די אָפּשטימונג איז פאַר אונז דער העכסטער אויטאָריטעט, דורך איר ווילן מיר דאָך אַלץ רעפאָרמירן. אויב מיר זאָלן אָבער נעמען מאַכן פאַרשידענע פאָקוסן מיט דער אָפּשטימונג, איז...

— דאָס דאַרף מען גאָרנישט. די מענטשן גיבן זיך פּשוט נישט אָפּ קיין קלאָרן דין-וחשבון וועגן דעם, וואָס זיי טוען. פיר נאָך אַמאָל דורך אַן אָפּשטימונג, אָבער פריער לאָז מיך זיך דורכרעדן מיט זיי.

— און דו מיינסט, אַז מיר ווייסן נישט וואָס מיר טוען? — האָט שטאָלפּע, אַ באַלייידיקטער, געענטפערט. — ניין, מיר וועלן נעמען אויף זיך אויך די רעזולטאַטן. דו מיינסט, אַז דורכרעדנדיק מיט זיי, קאָנסטו זיי ברענגען דערצו, זיי זאָלן שטימען פאַרקערט, ווי זיי האָבן נאָר-וואָס געשטימט? ניין. האָסט אַ טעות! זיי האָבן געשטימט לויט דער איבערצייגונג — און די זאַך איז דערלייידיקט. צי ריכטיק אָדער נישט — אָבער די זאַך איז דערלייידיקט.

בעללע האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זיין כוונה. שטאָלפּע איז געווען האַרט ווי שטיין. און די מויערער האָבן פאַרגרעסערט די צאָל אַרבעטס-לאָזע נאָך אויף טויזנט מענטשן.

די קעגנער האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן דידאָזיקע געשעעניש, וועלכע האָט געדאַרפט אַרויספירן די עפנטלעכע מיינונג אין אַ ריכטונג, וואָס איז גינסטיק פאַר זיי; מען האָט זיך געגרייט צו אַן אַנטשיידענער שלאַכט, מען האָט דערקלערט אַן אַלגעמיינעם לאָקאַוט.

XXX.

פעלליס מאטעריעלע לאגע איזן געווארן אלץ ערגער; זיי האבן נאך נישט באוויזן צו זיך קומען צו זיך פון ווינטער, ווען ער איז אריינגעצויגן געווארן אין קאמף; און חוצדעם האבן זיי שוין געמאכט א סך הוצאות צוליב זיין נייער לאגע.

פעללע האט באקומען פונקט אזא געלט-אונטערשטיצונג, ווי אלע שטרייקנדיקע: צען—צוועלף קראן א וואך. מיט דעם געלט האט עללען געדארפט אויסהאלטן א פאמיליע, אריינרעכנענדיק אלץ, כיי עסן, סיי באהייצונג. זי האט געהאלטן, אז ער, אלס אזא, וואס פארנעמט א מער אחריותדיקע לאגע, וואלט געדארפט באקומען מער, אבער פעללע האט נישט געוואלט זיין קיין יוצא מן הכלל.

ווען ער פלעגט זיך אומקערן אהיים, אויסגעשעפט גייסטיק און פיזיש פארן גאנצן טאג, — פלעגט ער תמיד טרעפן איר פרעגנדיקן בליק. זי האט געשוויגן, אבער אירע אויגן האבן אים נאכגעפאלגט טאג-טעגלעך מיט אן עקשנותדיקער פראגע: צי האט ער געפונען ארבעט, האבן זיי געפרעגט. דאס פלעגט אים דענערווירן. עללען דאט זייער גוט געוווסט, אז ער האט נישט געזוכט קיין ארבעט. און מען האט זי גארנישט בעקאנט געפינען. זי האט געוווסט די לאגע פונקט אזוי גוט, ווי ער, זי האט זיך אבער געמאכט, ריכטיק ווי זי וואלט קיין אנונג נישט געהאט וועגן דעם, וואס עס קומט פאר. אין יען ער פלעגט נעמען רעדן וועגן דעם, פלעגט זי שווייגן. נישט וועלנדיק הערן וועגן קיין שום ענלעכע זאכן.

פעללע איז אינגאנצן פארכאפט געווען מיטן קאמף, און אים וואלט אנגענעמער געווען צו טיילן זיך דווקא מיט איר. און נישט מיט עמעצן אנדערש, מיט זיינע געדאנקען, מיט זיינע פלענער. אין אנדערע הינזיכטן פלעגט אים עללען תמיד באגייסטערן און פארטאפלען זיין ענערגיע, און ער פלעגט שפירן א גרויסע זיכערקייט אין זיך א דאנק איר אנטיילנעמען, אבער אין דאזיקן פאל האט זי עקשנותדיק געשוויגן.

זי האט פארמאגט אים, איר שטוב, אירע קינדער — אלדאס

איבעריקע איז איר לחלוטין גאָרנישט אָנגעגאַנגען. זי האָט געוויסנהאַפט געטיילט מיט אים די ווינטערדיקע נויט, נישט פאַרלירנדיק די מונטערקייט פון גייסט; דאָן איז דאָס נישט געווען צו פאַרהענגיק פון אים. איצט אָבער האָט ער געקאָנט פאַרדינען, און ער האָט דאָס פשוט נישט געוואָלט. און זי האָט ווידער אָנגעווענדט די פאָרם פון שווייגנדיקן פראָטעסט; דאָס האָט שטאַרק צעפגעקילט זיין היציקייט און צעפגעשוואַכט זיין פרייד פון די דערפאָלגן אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט.

ווען ער פלעגט קומען אַהיים און דערציילן וועגן דעם, וואָס עס איז געשען אין משך פון טאָג, פלעגט ער זיך ווענדן אויסשליסלעך צו לאַססען. זי פלעגט אַרומגיין איבערן צימער, פאַרנומען מיט איר אַרבעט, נישט הערנדיק קיין וואָרט פון דעם, וואָס ער פלעגט דערציילן. פון צייט-צו-צייט פלעגט זי אים איבעררייסן מיט באַמערקונגען, אַז זיי פעלט דאָס און יענץ.

ביסלעכווייז איז ער געוואָרן מער פאַרשלאָסן אין זיך און ער האָט קאָנצענטרירט זיין אַרבעט אויסער דער היים. ווען ער פלעגט עפּעס דאַרפן שרייבן אָדער דורכרעדן זיך מיט עמעצן, פלעגט ער גיין אין שענק, כדי זיך פילן פריי. ער פלעגט אויסמיידן אָנצורופן פאַר איר יענע ערטער, ווו ער פלעגט זיין געשעפטלעך, און הגם זי האָט, זיכער, עפּעס געהערט וועגן דעם, פלעגט זי שווייגן, ריכטיק ווי זי וואָלט גאָרנישט וויסן וועגן דעם.

פאַר איר איז ער, אָן ספק, געווען בלויז אַ חיונה-ברענגער, וועלכער זאָרגט ווינציק פאַר זיין פאַמיליע. אַזאַ ענגקייט פון קוק האָט אים פאַרשאַפט ליידן; דערנערווירט דורך זיינע שטוב-ענינים, פלעגט ער דעריבער מער כוחות אַריינלייגן אין זיין קאַמף און האַנדלען קלאָר און האַרט.

לאַססע האָט זיך מיט אומצופרידנקייט צוגעקוקט צו זייערע באַציונגען. ער האָט זיי זייער שטאַרק געוואָלט העלפן, אָבער נישט געוווּסט ווי אַזוי זאָל ער זיך נעמען דערצו. ער האָט זיך געפילט ווי אַן איבעריקער. יעדן טאָג פלעגט ער אָנטאָן זיינע צעריסענע בגדים און גיין זוכן צופעליקע אַרבעט, אָבער אַרבעטסזוכער זענען געווען אַ סך און דערביי יונגע; חוצדעם האָט ער מורא געהאַט אָפּצושלאָגן אַרבעט בײַ אַנדערע. ער האָט קיין צבונג נישט געהאַט וועגן קאַמף און אים איז שווער געווען צו באַשליסן, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט; אָבער צו פעללען האָט ער געפילט אַן אומצווייפלהאַפטע אַכטונג, ווען בעללע פלעגט עפּעס

זאָגן, האָט דאָס שוין געמוזט זיין ריכטיק. אפילו דאַן, ווען מען פלעגט זיך הונגערן. פעללע איז דאָך נישט דאָס, וואָס אַנדערע.

איינמאָל איז לאַססע אומבאַמערקט אַוועקגעגאַנגען פון שטוב. פעללע האָט דאָס קוים באַמערקט, ווייל ער איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט זיינע געדאַנקען. „ער איז זיכער אַוועק אין דער „תיבה" צו דער הענד־לערקע, ס'איז נישט איבעריק פריילעך באַ אונז".

פעללע האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין קאַמף, אָבער זיך פאָרען מיט רעכנונגען און פאַרשידענע פאַפירן האָט ער נישט ליב געהאַט, ער האָט בעסער געוואָלט האָבן צו טון מיט לעבעדיקע מענטשן.

שוין פון זיין אַכטיעריקן עלטער האָט ער זיך געמוזט דורכשלאָגן אַ וועג אין לעבן מיט אייגענע כוחות. און איצט איז אים דאָס שטאַרק צונוץ געקומען. ער האָט געהאַסן דעם צוטרוי פון די מאַסן; זיינע חברי־טער פלעגן תמיד געפינען באַ זיי אַ ווידערקול, און זיי האָבן אים געגלייבט אפילו דאַן, ווען זיי פלעגן אים נישט פאַרשטיין. ער האָט געהאַלטן, אַז יעדער איינער, אויב ער האַלט אפילו מער פון אַנדערע וועגן, מוז גיין מיט אים. דאָ איז קיין צייט נישט געווען אויף לאַנגע שמועסן; אין אַ פאַל פון נויט האָט ער געקאָנט זיין שטרענג און האַרט ווי שטאָל.

דער קאַמף איז דער עיקר באַשטאַנען אין איינהאַלטן די מאַסן, און פעללע איז כסדר געווען אויף דער גאַס. ווען עס פלעגט ערגעץ אויסברעכן אַ טומל פלעגט פעללע גלייך דאָרט זיין. ער האָט איינגע־אָרדנט עפּעס אַ מין סיסטעמאַטישע באַראַדן; אַלע אַרבעטסלאָזע פלעגן דאַרפן קומען אין באַשטימטע פונקטן, לויט זייערע אָרגאַניזאַציעס, אויף אַ קאָנטראָל. מיט דער הילף פון דידאָזיקע טאָג־טעגלעכע קאָנטראָלן איז לייכט געווען צו זעען, ווער פון דידאָזיקע 40.000 מענטשן איז געוואָרן אַ שטרייקברעכער. תמיד פלעגט עמעצער פעלן, און מען פלעגט דאַרפן אָנגעבן אַ גענוגנדיקן גרונט פאַרן פעלן, כדי נישט צו פאַרלירן דאָס רעכט אויף אונטערשטיצונג. פעללע פלעגט זיך אומגעריכט באַווייזן דאָ און דאָרט, ווייל ער פלעגט האַנדלען אימפּולסיוו. צוליב דערדאָזיקער פלוצימדיקייט האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „בליץ". ער האָט געהאַנדלט נישט אויפן גרונט פון לאַנגע באַטראַכטונגען, אָבער פונדעסטוועגן פלעגט ער טיף אַריינדרינגען אין וואָרצל פון יעדער זאַך: איינס פלעגט נאַטיר־לעך אַרויסוואַקסן פון דעם צווייטן און פלעגט אָננעמען אַזוינע פאָרמען,

וועלכע מען האָט נישט געקאָנט פאָרויסזעען אויפן גרונט פון דער בלינדער לאָגיק.

אַרבעט איז געווען איבערגענוג. בײַ דער קאָנטראָל פלעגט מען מוזן פאַרשרייבן די, וואָס פעלן, און יעדער איינער, וואָס האָט עפּעס וועגן זיי געוווּסט, האָט געמוזט מודיע זיין וועגן דעם. אַנדערע זענען אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד אָדער אַוועק אין דאָרף אַריין עפּעס פאַרדינען — דאָס איז געווען דערלאָזבאַר. אויב עמעץ פלעגט אָבער ווערן אַ שטרייקברעכער, פלעגט דאָס שטרענג אויסגעפאָרשט ווערן און דעם שולדיקן האָט דערוואַרט אַ שטראָף. אויף אַזאַ אופן האָט פּעללע געקאָנט אויפהאַלטן די געשלאָסנקייט פון די רייען. צווישן די דאָזיקע אָרגאַניזירטע מאַסן פלעגן זיך טרעפן לגמרי אומוויסנדיקע פערזאָנען. אָבער די שטרענגע קאָנטראָל פלעגט זיי צווינגען צו גיין מיטן אַלגעמיינעם וועג. צוזאַמען מיט שטאָלפּען האָט ער אָרגאַניזירט פון די בעסטע מענטשן אַ וואַך קעגן שטרייקברעכער. דאָס זענען געווען די קנאישסטע פון פאַרשידענע פאַריינען; זיי זענען געווען אָרגאַניזאַטאָרן אין זייערע פאַכן און דעריבער האָבן זיי געקענט יעדן איינעם. זיי פלעגן אַוועקגיין פון פרימאָרגן אויפן קאָנטראָל-פּלאַץ, פאַרשרייבן די-יעניקע ווער עס איז געגאַנגען אַרבעטן, און פלעגן זיך באַמיען זיי אָפּצורעדן דערפון. זיי איז אויסגעקומען צו פירן מיט דער פּאָליציי אַן אומאויפהערלעכן קאַמף, ווייל זי האָט זיי מיט אַלץ געוואָלט שטערן.

פּעללען איז אָפט אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט מאָרטענען. די נויט האָט אים אַרויסגעטריבן פון זיין איינזאַמקייט. ער האָט נישט געגלייבט אין גליקלעכן אויסגאַנג פון קאַמף און דעריבער נישט גענומען אין אים קיין אָנטייל. מיט דער נויט אָבער איז ער געווען באַקאַנט ווי קיין צווייטער נישט. ער האָט געהאַט וועגן דעם אַ גרויס וויסן; ס'איז אוממעגלעך געווען צו געפינען אַ בעסערן פאַרטיילער פון שפּייז-פּראָדוקטן. מען האָט אים איבערגעגעבן די אַלגעמיינע אָנפירערשאַפט בײַם פאַרטיילן די שפּייז-פּראָדוקטן, ער האָט אָבער בעסער געוואָלט אַליין פאַרטיילן מיט חזיר-פלייש די פאַמיליעס פון די שטרייקנדיקע. די פּאָרציעס זענען געווען גענוי אָפּגעוווויגן, אָבער די פרויען האָבן פונדעסטוועגן זיך באַמיט אַריינצופאַלן דווקא צו אים. ער האָט אַזוי פריינטלעך געקוקט אויף זיי, שמייכלענדיק מיט זיין בלייכן שמייכל, אַז די פרויען האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע פּאָרציעס זענען געווען די גרעסטע.

מאַרטען און פּעללע זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען כמעט אין אַלץ

פונקטן. אפילו דאָ, ווו אַלץ איז אָפּגעהאַנגען פון אומדערשיטערלעכער געשלאָסנקייט, איז מאַרטען אויך געווען קעגן שטרענגע מיטלען.

— פאַרגעס נישט, אַז זיי זענען מינדעריעריקע, — האָט ער נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן.

און, באמת, מען האָט נישט געקאָנט לייקענען, אַז צווישן זיי זענען געווען אַ סך, וואָס זיי איז פרעמד געווען אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען, און וואָס האָבן קיין זאַך נישט פאַרשטאַנען, בעת אין אַלע אַנדערע באַציונגען זענען זיי געווען קלוגע, מיושבדיקע מענטשן. צו דידאַזיקע האָבן על־פּי־רוב געהערט די־יעניקע, וועלכע זענען געקומען צו פאָרן פון דאָרף אין די מיטעלע יאָרן, — דאָרט אינדערהיים זענען זיי געווען קליינע בעלי־נחלה. אויפן פּאַריין האָבן זיי געקוקט ווי אויף אַ מין זעלבסט־געריכט. אין זייער תּמימות האָבן זיי אויסגענוצט דעם שטרייק, כּדי וואָס בעסער צו פאַרדינען. פלעגט מען זיי זידלען, אָנרופנדיק זיי „שטרייק־ברעכער", פלעגן זיי לאַכן, ווי קליינינקע קינדער, וועלכע מען דראָט מיט אַ רעוואָלווער. זיי האָבן געהאַט גרויס עגמת נפש, וואָס מען האָט זיי פאַרפאָלגט, אָבער דעם גוף הענין האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען. זיי זענען אָבער אונטערגעכאַפּט געוואָרן מיטן שטראָם.

די מעטאַל־אינדוסטריע האָט אָנגעשטרענגט אירע אַלע כּוחות, כּדי ווייטער צו פירן די אַרבעט אויף יענע פאַבריקן, ווו די אַרבעטער זענען אָנגענומען געוואָרן לויט אַ קאָנטראַקט, ווי אויך אין יענע פּראָדוקציע־צווייגן, ווו ס'איז געווען אַ סכּנה איבערצוגעבן דעם מאַרק אין די הענט פון אויסלענדער. מען האָט אַזוי צי אַנדערש געדאַרפט אונטעררייסן דידאָזיקע פאַבריקן; די מענטשן, וועלכע פלעגן שטיין אַלס וואַך, האָבן ענערגיש געאַרבעט. דער „אַרבעטער" פלעגט מודיע זיין די נעמען און אַדרעסן פון די שטרייקברעכער. ווען זיי פלעגן אַרויסגיין פון פאַבריק פלעגט זיי באַגעגענען אַ המון מיט געשרייען און אַ פייפעריי; זיי פלעגן מוזן אָנקומען צו דער הילף פון דער פּאָליציי, וועלכע פלעגט זיי באַגלייטן אַהיים. אָבער אויך אינדערהיים איז נישט געווען בעסער. די פרויען און קינדער פון די שטרייקנדיקע פלעגן אָנפאַלן אויף זייערע פאַמיליעס, אַזוי אַז זיי פלעגן געצוווּנגען זיין צו אַנטלויפן. אונטער דער שוץ פון דער פינצטערער נאַכט פלעגן זיי אַרויספאָרן אויף אַ פור מיט זייער גאַנצן גוטס, זוכנדיק אַ מקום מקלט אין אַ צווייט אָרט. אָבער דער טאָג פלעגט אָנטפּלעקן זייער ניי וווין־אָרט און זיי פלעגן זיך ווידער

אויסבאַהאַלטן, ביז די פּאָליציי גופא פלעגט זיי נישט אָנווייזן קיין געהעריקן מקום מקלט.

אויף איינער פון די מאַשין־פאַבריקן האָט זיך איינגעגעבן מיט דער הילף פון שטרייקברעכער צו פירן נאָרמאַל די פּראָדוקציע. פעללע האָט זיך באַמיט איינצוואָרדנען אַ חברישן קבלת פּנים פאַר די אַרבעטער באַם גיין אַהיים. אָבער באַטאָג האָט ער באַקומען אַ ידיעה פון איינעם אַ פּאָליציסט, וואָס איז אין געהיים געווען אויף דער זייט פון די אַרבעטער, אַז צוויי הונדערט פּאָליציאַנטן זיצן אין אַ לויערונג, אין איינער פון די שכנותדיקע שולן.

נאָכמיטאָג האָט זיך צונויפגעקליבן אַ מחנה אַרבעטסלאָזע, פרויען און קינדער. זיי זענען געקומען פרי, ווייל די אַרבעטער האָט מען דאָך אומישנע געקאָנט אָפּלאָזן מיט אַ שעה פריער, כדי אויסצומיידן אַ צוזאַמענשטויס, און זיי האָבן געקאָנט אונטערוואַרטן, סיי־ווי האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן, פאַר די טויערן פון דער פאַבריק האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע טויזנט מענטשן. די פּאָליציי האָט אינגיכן אָפּגעשטעלט אירע פרווון פונאַנדערצוטרייבן דעם המון. די גאַסן־ייִנגלעך האָבן אויפגעהויבן אַ מוראדיקן טומל און האָבן צוגעגעבן חשק די דערוואַקסענע אַ ביסל אָנצוואַרעמען זיך, אַזוי אַז ביסלעכווייז איז די פּאָליציאַנטן געוואָרן הייס.

— חברים! — האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ יונג, מעכטיק קול; — דאָרט אין שולע זיצן עטלעכע הונדערט פּאָליציאַנטן, כדי אונז אָנצוברעכן די ביינער. זאָלן זיי וואַרטן אויף אונז וואָס לענגער. כ׳מיין, אַז ס׳איז גאַנץ נוצלעך פאַר זיי צו פאַרבלייבן אַ ביסל אין שולע.

— הוראַ! — האָט זיך דערהערט אין המון. — הוראַ! זאָל לעבן „בליץ“ — דאָס איז פעללע, — האָט איינער צום צווייטן געשעפּטשעט; די פרויען האָבן זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, כדי אים צו זען.

פעללע און שטאָלפּע זענען געשטאַנען אויף דער וואַנט, אַרומגערינגלט מיט עטלעכע צענדליק וואַך־לייט, די פּאָליציאַנטן האָבן דעפּילירט פאַרביי זיי, אַכטונג געבנדיק אויף זיי. מען האָט באַפוילן צו צעטרייבן די אַרבעטער־באַטרולן, אָבער קריגן זיך מיט פעללען האָט זיך די פּאָליציאַנטן נישט געוואָלט. זיי האָבן געלעבט אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן און פעללעס איין וואָרט איז גענוג געווען צו מאַכן זיי דאָס לעבן פאַר אַ גיהנום. די צייט, ווען מען לאָזט געוויינלעך אָפּ די אַרבעטער, איז

שוין פאַריבער, איז מען האָט זיי נאָך אַלץ נישט אַרויסגעלאָזט פון פאַבריק.

דער המון האָט זיך געוויילט מיט שאַרפזיניקע שפּיצלעך. מען האָט געהערט כּסדרדיקע וויצן אויפן חשבון פון די קאַפּיטאַליסטן און די שטרייקבּרעכערס. אָבער דער המון האָט זיך פּלוצלינג אַ רודער געטון, די גאַסן־יינגלעך — דידאָזיקע ערשטע אָנזאָגער פון אַלערליי געשעענישן, האָבּן גענומען פייפן און לויפן אין די זייטיקע געסלעך.

אין המון האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג און די פּאָליציי האָט מיט פעסטע טריט גענומען שפּאַנען איבער דער גאַס. די שטרייקבּרעכער האָט מען אַרויסגעלאָזט פון דער פאַבריק דורך די הינטערשטע טויערן. זיי זענען אייליק געגאַנגען אַהיים, נישט אויפגעלייגט, נישט אַרומקוקנדיק זיך, אין דער באַגלייטונג פון אַ פּאָליציי־גרופּע. מען האָט זיי שנעל אָנגעיאָגט און זיי איינגעאָרדנט אַן אומגעוויינלעכן קאָנצערט, וועלכער פלעגט פון צייט־צו־צייט איבערגעריסן ווערן דורך אויסגעשרייען:

— זאָלן לעבן די ערלעכע לייט!

— הוראַ!

די אַרבעטער־וואַך איז געגאַנגען פון ביידע זייטן פון דער פּאָליציי־שמירה, באַמיענדיק זיך צו דערקענען יעדן איינעם, און פעללע איז געגאַנגען צווישן זיי, באַמיענדיק זיך אויסצומיידן מעגלעכע עקסצעסן. מען האָט באַדאַרפט זיין זייער פאָרזיכטיק. עטלעכע פערזאָן זענען געווען אַרעסטירט דערפאַר, וואָס זיי האָבן נאָך ווינטער געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיט די שטרייקבּרעכער, און די פּאָליציי האָט באַקומען געהעריקע אָנווייזונגען פון אויבן. די פּרעסע פון הערשנדיקן קלאַס האָט טאָג־טעגלעך געשריבן וועגן דער נייטיקייט פון שטרענגע מיטלען און זי האָט געפאָדערט, אַז יעדער פאַרזאַמלונג אויף דער גאַס, און באַזונדערס פאַר די פאַבריקן, זאָל צעטריבן ווערן דורך באַוואָפנטער מאַכט.

פון צייט־צו־צייט פלעגט דער אָדער יענער שטרייקבּרעכער זיך אָפּטיילן פון המון, כּדי אַריינצוגנבענען זיך אין טויער פון זיין הויז, פאַרפאָלגט דורך פאַרהילכנדיקע פייפערייען.

צווישן די שטרייקבּרעכער האָט זיך געהאַלטן איינזאַם נאָך אַ גאַנץ פעסטער, מיטליעריקער מענטש; פעללע האָט אים געקענט. ער איז געגאַנגען אין אַ זייט, ריכטיק ווי ער זאָל זיך שעמען צו געפינען זיך אונטער דער שוץ פון דער פּאָליציי; ער איז געגאַנגען, אַ נידערגעשלאָגענער און פינצטערער, איבערן טראָטואַר האַרט לעבן די הייזער,

זיינע האָר זענען שטאַרק גרוי געוואָרן, די באַוועגונגען זענען געווען געבונדן; דאָס איז געווען דער מויערער גאַנזען, שטאָלפּעס אַן אַלטער חבר לויט דער אַרבעט און לויט דער פּאַרטיי, בײַ וועלכן פּעלליע איז ווינטער געווען, כּדי אים איינצורעדן ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון שטרייק־ברעכעריי. „ער געפינט זיך קיין אָרט נישט“, — האָט פּעלליע אַ טראַכט געטון און נישט ווילנדיק געגומען נאָכפאָלגן אים מיט די אויגן.

אויפן פּרשת דרכים האָט ער זיך פּאַרנומען הינטערן ראָג, זיך אָפּווענדנדיק מיט דער האַנט פון אַ פּאָליציאַנט, וועלכער האָט אים געוואָלט באַגלייטן. און איז אַוועק ווייטער, נישט אומקוקנדיק זיך, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

יעדעס מאָל, ווען עס פלעגט זיך הערן אַ קינדיש קול, פלעגט ער אַ ציטער טון. אַראָפּ־גאַס האָט ער זיך געשטעלט ווי אַ דערשלאָגענער פון אַ דונער, — פאַר זיין טיר לעבן דער רינע איז געלעגן זיין גאַנץ באַלעבאַטישקייט, די גאַסן־יינגלעך האָבן געקוקט מיט נייגיריקייט אויף דעם, וואָס דאָ קומט פאָר, און דערלעבן איז געשטאַנען נאָך אַ יונגע פרוי און פיר קינדער, זיי האָבן געהיטן זייערע זאַכן; די פרוי און די קינדער האָבן געוויינט. דער מויערער האָט זיך דורכגעשלאָגן דורכן המון און גערעדט מיט דער פרוי עטלעכע ווערטער; ער האָט צונויפגעביילט די פויסטן און געדראָט מיט זיי אין דער ריכטונג פון דעם הויז.

פּעלליע איז צוגעגאַנגען צו אים.

— דיר איז שלעכט, חבר? — האָט פּעלליע געזאָגט, אַרויפלייגנדיק אים אויפן אַקסל זיין האַנט. — דאָ איז פאַר דיר קיין אָרט נישט. אפשר וואָלסטו ווידער זיך אָנגעשלאָסן אין דער אָרגאַניזאַציע?

דער מויערער האָט פאַמעלעך אומגעדרייט דעם קאָפּ.

— אַך, דאָס ביסטו! — האָט ער געזאָגט און אָפּגעטרייסלט פון אַקסל פּעלליעס האַנט. — דו, ווי איך זע, בליסט און האָסט העזה ווי פריער. די נויט, זעט אויס, האָט דיך נישט אָנגערירט. ווייזט אויס, אַז ס'איז נישט שלעכט צו לעבן אויפן חשבון פון די אַרבעטער?

פּעלליע איז רויט געוואָרן פון צאָרן, ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן.

— דיינע באַליידיקונגען רירן מיך נישט אָן. איך האָב געהינגערט דאַן, ווען דו ביסט געווען זאַט. דאָס וועט אָבער פאַרגעסן ווערן, אויב דו וועסט גיין מיט אונז!

דער מויערער האָט זיך ביטער פונאַנדערגעלאַכט, אָנווייזנדיק אויף די קאַזאַרמעס.

— גיי בעסער צו זיי, דאָרט וועט מען דיר געבן אַ מעדאַל... אין משך פון דריי חדשים האָבן זיי מיך פאַרפאָלגט, און די קינדער האָבן זיי געמאַכט אַן אמתן גהינום, כדי אונדז אַרויסצוטרייבן פון שטוב. און אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָבן זיי זיך געווענדט צום באַלעבאָס און אים געצוווּנגען ער זאָל מיר אָפּזאָגן די דירה. אָבער גאַנזען איז פעסט, ער וועט נישט דערלויבן מען זאָל אים אַרויסשטויסן הינטער דער טיר. איצט וואַרפט מען מיך אַרויס געזעצלעך, — ער האָט זיך קלאַנגלאָז פונאַנדערגעלאַכט. — מיר קאָנען דאָך אָבער ווידער אַריבערשלעפן אונזער ביסל גוטס, וואָס נישט, מוטער?

— איך וועל מיט פאַרגעניגן איבעררעדן מיטן באַלעבאָס. פאַרגעס נישט, אַז דו ביסט אַן אַלטער מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע...

— אַן אַלטער? יאָ. איך האָב אָנטיילגענומען אין איר פון אָנהייב אָן. — דער מויערער האָט זיך שטאָלץ אויסגעגלייכט. — אָבער צוליב דעם וויל איך פונדעסטוועגן נישט פייניקן מיט הונגער דאָס ווייב און די קינדער. דו ווילסט זיך דערנידעריקן צוליב מיר? גיי בעסער אַוועק, כלומן ביסט גאַנץ. גיי צו אַלדי רוחות אָדער איך וועל דיר צעפּלעטן דעם קאָפּ אָט דערמיט! — און ער האָט געכאַפּט אַ פיסל פון אַ טיש; זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. זיין יונג ווייב האָט אים אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— האַנס, — האָט זי שטיל געזאָגט. דאָס געווער איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט.

פעללע האָט געפאָלגט דעם תחנינומדיקן בליק פון דער יונגער פרוי און איז אַוועקגעגאַנגען.

XXXI.

וועןפעלע פלעגט זיך אַוונטצייט אומקערן אַהיים אַ טויט-מידער, פלעגט אים דאָס געפיל פון אומבאַזיגבאַרקייט פאַרלאָזן און זיינע געדאַנקען פלעגן זיך אומקערן צו עללען. בײַטאָג פלעגט ער נישט וויסן פון קיין ספקות און וואַקלעענישן. באַם האַנדלען, פלעגט ער פילן הינטער זיך טויזנטער. אָבער צו עללען פלעגט ער זיך אומקערן איינער אַליין, און ער האָט זיך אויף קיינעם נישט געקאָנט שטיצן, אַ חוץ אויף זיך אַליין. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן איר. ווי שטאַרק עס האָט אים נישט געצויגן אַהין, אין דער ברייטער וועלט אַריין, האָט זי דאָך געהאַלטן דעם סוד פון זיין לעבן אין אירע הענט. זי איז געווען שטאַרק. — מען האָט זי נישט געקאָנט באַזייטיקן. ער האָט געמוזט אַריינדרינגען אין איר וועזן, באַמיען זיך צו געפינען אַ שליסל צו איר.

פעללען איז אויסגעקומען האָבן צו טון מיט אַ גרויסער צאָל פאַמיליעס, און זעלטן איז געווען אַ פאַמיליע, וואו אַלץ איז געווען גוט. די היים איז געווען אַ באַגריף, וועלכן מען האָט נאָך נישט פאַראייגנט; מען האָט אים ערשט נישט לאַנג צוריק איבערגענומען פון די מיטעלע קלאַסן, און די פרויען האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן צוצופאַסן צו אים. דער מאַן האָט געקאָנט זיין ריין און גוט אָנגעטון, ווען ער פלעגט אַרויסגיין פון שטוב, אָבער אין שטוב איז אומעטום געווען דאָס זעלבע — שמוץ, פינצטערניש, אַן אָפּגעלאָזטע פרוי, אַ טשאַטע אָפּגעריסענע קינדער. דאָס פאַרדינסט האָט נישט דערלויבט צו לעבן ווי געהעריק. דער מאַן איז געווען די איינציק-וויכטיקע פערזאָן אין דער פאַמיליע; ער פלעגט מיטנעמען מיט זיך אַ פיינעם בוטערברויט צו דער אַרבעט, עפעס בעסערס פלעגט זיך געפונען פאַר אים אויך בעת די שטוב-מאָלצייטן. פאַר די איבעריקע איז גענוג געווען אַ ביסל קאַווע און ברויט. וועגן האַרציקע פאַמיליע-מאָלצייטן דאָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין; פונקט אַזוי האָט נאָר דער מאַן געדאַרפט זיין אָנשטענדיק געקליידט, ער איז געווען אַ מין פאַסאַד, אין אים איז געווען אַלץ. די פרויען זענען געווען זייער באַגרענעצט; זיי האָבן זיך אינטערעסירט בלויז מיט דער אַרבעטסלאָזי-

קיט און מיטן געלט נאָגל. און ווען דער מאַן פלעגט זיך באַווייזן אין שטוב, פלעגט מען אים צוריקטרייבן פון דאָרט מיט זייער מענה־לשון.

— דו מישסט זיך אַריין אין אַלץ, וואָס האָט צו דיר קיין שייכות נישט; פּאָליטיק און הויכע ווערטער זענען פאַר אונז נישט קיין פּאַסיק אַרטיקל. בעסער נעם זיך גוט פאַר דער אַרבעט און לאָז די נאַראָנים זיי זאָלן דורכברעכן מיטן קאָפּ די וואַנט, אויב זיי ווילט זיך דאָס.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די אַרבעטער האָבן אַריבערגעטראָגן זייער געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט אין די שענקען. מיט אַ סך פון זיי האָט פעללע געהאַט געמיינזאַמע ענינים, זיי פלעגן קומען אין שענק אַריין אין אַ שלעכטער שטימונג און זיי פלעגן זיך צוערשט מוזן צעשטרייען.

פעללע פלעגט אויך זיי איינגעבן פריידיקע האָפנונגען; ווען זיי פלעגן זיך באַקלאָגן אויף אומאָנגענעמלעכקייטן, פלעגט ער אָנווייזן אויף די גרויסע מעגלעכקייטן פון דער צוקונפט.

— אונזערע פרויען וועלן אונז אָפּשאַצן. אינגיכן וועט קומען דער טאָג, ווען אונזער געוויינלעך פאַרדינסט וועט זיין גענוג פאַר אַ פאַמיליע.

— און אויב דאָס וועט נישט געשען? — פלעגן זיי פרעגן.

— דאָס וועט באַשטימט זיין, אויב מיר וועלן זיין עקשנותדיק! — פלעגט פעללע אויסרופן, אַ קלאַפּ טוענדיק מיט דער פויסט איבערן טיש.

נו, געוויס, אים איז לייכט צו זען אַלץ אין אַ העלער שיין. ער האָט דאָך גענומען אַ פרוי פון אַ בכבודער פאַמיליע, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אין צענטער פון דער באַוועגונג, אַ טאָכטער פון אַן אַלטן געזעלשאַפטלעכן אַרבעטער; זי האָט געוווסט ווי צו האַלטן די שטוב ריין און אין אָרדנונג, און צוזאַמען דערמיט נאָכפאָלגן מיט אַ קלוגן בליק דעם מאַנס טעטיקייט. יאָ, אים איז גוט צו רעדן. אויף דעם האָט פעללע גאָרנישט געהאַט וואָס צו ענטפערן.

אין דעראָזיקער הינזיכט האָט עללען גאָרנישט געירשנט און זיך גאָרנישט אויסגעלערנט, זי איז געבליבן אַזאַ, ווי זי איז געווען. קיין שום זאַך אויף דער וועלט האָט זי נישט געקאָנט ענדערן. פעללע האָט מקריב געווען זיין פרוי און זיינע קינדער צוליב אַן אידעע, כדי אונטערצושטיצן עפּעס אומבאַקאַנטע חברים. וואָס שייך דעם שטרייק פון דער

שטרענגער פּאַראורטיילונג פון די שטרייקברעכערס, — איז דאָס אַלץ נישט מער ווי אַ שיכּורע פּלוידעריי. אַזוי האָבן אויסגעזעען אירע געדאַנקען; זי האָט געליטן דערפון, וואָס ער האָט אָפּגעשטופּט זי מיט די קינדער צוליב זייטיקע; דידאָזיקע ליידן האָבן זי געמאַכט שיין און זי פריי־געשבראָכן.

זי האָט זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט און געמון אין שטוב אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך. ער האָט געפונען אַלץ אין אָרדנונג און פאַרשטאַנען, סאַראַ אָנשטרענגונגען זי האָט געמוזט מאַכן, כּדי מיט אַזעלכע נישטיקע מיטלען דערגרייכן אַזעלכע רעזולטאַטן. זי האָט אים נישט געמאַכט קיין שום פאָרווורפן, און דערפון איז געווען נאָך שווערער; ער האָט זיך לחלוטין נישט געהאַט צו וואָס צוצוטשעפּען, עס איז נישט געווען קיין שום באַוועגונג, — עס איז אוממעגלעך געווען זיך קריגן און דערנאָך — זיך איבערבעטן.

ער פלעגט אַמאָל ממש וועלן, אַז עללען זאָל ווערן אָפּגעלאָזט, ווי די אַנדערע, זי פלעגט עס אָבער נישט ווערן. וואָס ערגער עס זענען געגאַנגען זיינע געשעפטן, וואָס מער סיבות זי האָט געהאַט אים צו פאַרשעלטן, אַלץ קאָרעקטער פלעגט זי ווערן. ווען ער זאָל קאָנען דערקלערן די ענגקייט פון אירע באַגריפן מיט באַגרעניצטקייט און עגאָיזם, דאַן וואָלט אַלץ געווען פאַרשטענדלעך, אָבער נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איר אומזיסנהייט איז געווען פּשוט און קלאָר, האָט איר וועזן פאַרגעשטעלט פאַר אים אַ תּמידע רעטעניש. אמת, זי האָט נישט צו שטאַרק מיטגעפילט אַנדערע, אָבער גלייכצייטיק האָט זי געזאָרגט נישט פאַר זיך, נאָר וועגן אים און די קינדער. ער האָט געמוזט מודה זיין, אַז זי האָט אָן לאַנגע טראַכטענישן מקריב געווען פאַר אים מיט אַלץ, מיט דער אייגענער היים, מיט אַ גאַנצער וועלט. סוף־כּל־סוף האָט זי געהאַט רעכט אויך פון אים צו פאָדערן עפּעס. זי איז תּמיד געווען די זעלבע. צו זיך אַליין איז זי געווען גלייכגילטיק; אַבי די קינדער און דער מאַן זאָל האָבן אַלדאָס נייטיקע; דאָס פלעגט זי אינגאַנצן באַפרידיקן; זי אַליין האָט אַזוי ווינציק געדאַרפט האָבן; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז זאַט געוועזן שוין פון דעם אַליין, וואָס זי האָט געזעען, ווי זיי עסן. פעללע פלעגט זיך אָפט ווונדערן אויף איר בליענדיקן אויסזעען בײַ אַזאַ שלעכטער דערנערונג. אפשר עסט זי באַזונדער? אָבער ער פלעגט פאַרשעמט אָפּיאָגן פון זיך דעמדאָזיקן געדאַנק. צו עסן איז זי תּמיד געווען גלייכגילטיק, דאָס בעסטע פלעגט זי לאָזן פאַר זיי, און טאַקע דווקא — פאַר אים.

אַזוי איז אויך איצט געווען. קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט און קיינעם וואָלט נישט איינגעפאַלן לויט איר רויקן אויסזעען, אַז זי ליידט הונגער־פּיין. אויב זיי פלעגן עפּעס איבערלאָזן פון עסן, פלעגט זי זיי איינבעטן אויפצועסן אַלץ.

— איך האָב שוין געענדיקט, — פלעגט זי זאָגן מיט אַזאַ רויק קול, אַז זי פלעגט זיי אָפּנאַרן.

אָך, ווי שרעקלעך שווער דאָס איז אַלץ געווען פאַר פעללען! זי האָט מקריב געווען פאַר אים דאָס לעצטע און גלייכצייטיק פאַרשאַלטן זיין טעטיקייט. זי האָט אַ סך בעסער פאַר אים געקאָנט שטעלן אַ ווי־דערשטאַנד דעם הונגער, נישט באַגרייפנדיק אין דער זעלבער צייט, צו וואָס דאַרף מען דאָס האָבן.

און פון דידאָזיקע אַלע פּיינלעכע איבערלעבונגען פלעגט זי אַרויס נאָך אַ שטאַרקערע און שענערע אין איר סודותדיקייט. און ער פלעגט הייס טרוימען וועגן איר, ער איז איר געווען איבערגעגעבן מיט זיין גאַנצער נשמה. מיט אַ ליידנשאַפטלעכער האָפנונג פלעגט ער לויפן אַהיים, טראַכטנדיק, אַז היינטיקס מאָל וועט זי אים אפשר באַגעגענען מיט פרייד, איר פּנים וועט רויט ווערן פון ליבע און זי וועט באַהאַלטן איר פּנים באַ אים אויפן אַקסל, שעמענדיק אַראָפּלאָזנדיק די אויגן.

אָבער די ווירקלעכקייט פלעגט זיך אָפּזאָגן צו גיין אין די שפּורן פון זיינע טרוימען. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז פעללע פלעגט אַלץ טיפער פאַרזונקען אין קאַמף. די אומבאַפרידיקטע באַדערפעניש אין האַר־ציקע צערטלעכקייטן פלעגט מאַכן זיין האַנט נאָך פעסטער און האַרטער.

* *

*

פעללע האָט צוגעטראַכט אַלערליי מיטלען צו באַקומען געלט. אָבער אַזוי ווי מען האָט גאָרנישט געקאָנט צומראַכטן, און חוצדעם האָט דער קאַמף כסדר באַשעפטיקט זיינע געדאַנקען, האָט ער, סוף־כל־סוף, אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם. דערדאָזיקער פאַרלאַנג איז פאַר־בליבן ערגעץ אין אונטערבאַוואוסטזיין און האָט געשאַפן אַ געהעריקע שטימונג. זיין טאַלאַנט האָט אָנגענומען אַן אייגנאַרטיקע ריכטונג: ער האָט געצייכנט געלט.

איינמאָל, קומענדיק אַהיים, האָט ער דאָרט געטראָפן די אלמנה

ר׳כמוסען, וועלכע איז געזעסן מיט זיינע קינדער; זי האָט געגייט פּאַנכאַפּל פון שמאַטקעס. איר פריינט איז שוין פאַרשוווּנדן אין וואַלד, ווי נאָר עס איז אָנגעקומען דער פרילינג. עללען איז אַוועק אַרבעטן. ער האָט אַ ציטער געטון. זי האָט אים וועגן דעם קיין וואָרט נישט געזאָגט. דאָס האָט אים איבערראַשט און טיף באַליידיקט, פעללע איז ווילד געוואָרן פון גרימצאָרן. ער האָט אָבער געפילט, אַז זי האָט געהאַט רעכט אַזוי צו טון, און פעללע האָט זיך אויפגעהערט צו כעסן, דערפאַר אָבער האָט ער זיך געפונען אין אַ געפערלעכער שטימונג. גלייך איז אויסגעקומען קאַפּויער: ווייזט אויס, אַז איך דאַרף זיצן אינדערהיים מיט די קינדער, — האָט ער אַ טראַכט געטון מיט ביטערקייט.

— איצט וועל איך אונטערזיצן אַ ביסל מיט די קינדער, פרוי ראַסמוסען, — האָט ער געזאָגט.

זי האָט צונויפגעקליבן איר אַרבעט.

— נו, אַ וועלט, — האָט זי געזאָגט, בלייבנדיק שטיין באַ דער טיר. — כ׳הייב נישט אָן צו פאַרשטיין. אָבער פונדעסטוועגן — פאַרויס אָן מורא! דאָס איז מיין שפּרוכוואָרט. אַלץ איינס, ערגער, ווי ס׳איז איצט, וועט שוין נישט זיין. אַ מאַנסביל איז כמעט נישט בכוח צו דערנערן זיך אַליין אויף דער דאָזיקער פאַרשאָלטענער וועלט, שוין אָפּגערעדט פון זיין פאַמיליע. איך האָב געאַרבעט דאָס גאַנצע לעבן, נישט געוווּסט פון גליק, פון פרייד, כ׳האָב פאַרלוירן דאָס געזונט, און וואָס? צי דען קאָן איך פאַרדינען אַזוי פיל, וויפיל עס קאָסטן די דאָזיקע אַלע שמאַטקעס? ס׳הייבט זיך נישט אָן. כ׳האָב זיי אויסגעבעטלט באַ די הערן, פאַר וועלכע איך וואַש גרעט. יאָ, מען שינדט אַראָפּ באַם מענטש די לעצטע הויט, דאָס האָב איך שוין געשפּירט אויף דער אייגענער הויט. דעריבער טאַקע זאָג איך: — מוטיק פאָרויס! היינט קומט צו גיין אַהיים מיין בחורל און זאָגט: „מאַמע, האָלץ איז טייערער געוואָרן, צוויי צענדליק שייטלעך קאָסטן מיט אַ קראָן מער". — „וואָס גייט אונז דאָס אָן?" — זאָג איך צו אים. — „צי דען זענען מיר ביכולת צו קויפן פאַראַמאָל אַזוי פיל האָלץ?" — „אָבער, מאַמע. דאַן וועלן מיר דאָך איבערצאָלן אַ גאַנצן קראָן פאַר איין צענדליק". און אייער? זיי קאָסטן איין קראָן מיט צוואָנציק ער פאַר צוויי צענדליק דאָרט, וווּ עס קויפן פאַרמעגלעכע מענטשן. און דאָ? „ניין, מאַדאַמעלע, אויב איר ווילט קויפן אַ פּאָר אייער, טאָ זייט אַזוי גוט און באַצאָלט 15 ער, אָדער 8 ער פאַר אַ שטיק". און אַזוי ווי די הכנסות אונזערע זענען קליינע, מוזן מיר אַלץ קויפן

ביסלעכווייז. ווי שווער עס איז צו זיין אָרים! אויב דאָסדאָזיקע פאַרשאָלטענע לעבן וועט נישט ווערן לייכטער, טאָ זאָל אַלץ כאַפּן דער רוח!

אָבער די קללה פון די אָרימע איז טאַקע באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַ סך אָרימע האָבן רעזאָנירט פּונקט אַזוי, ווי פּרוי ראַסמוסען.

פעליע האָט זיך געשפּילט מיטן קליינינקן לאַססע. ראַסמוסענס ווערטער האָבן ווידער אויפגעריסן זיינע וווּנדן. תּמיד די זעלבע קלאָגרייד. אייביק, יעדעס מאָל ווען ער הערט זיי, שטעלט ער זיך קלאָר פאָר די גאַנצע וועלט פון אָרימאַן, וועלכע ער קען אויף אויסנווייניק. דאָס איז געווען אַ שרעקלעכער תּהום, אַ תּהום אָן אַ סוף; קיינמאָל וועט מען זיין דעק נישט דערגרייכן. און ער איז געווען גערעכט, טויזנט מאָל גערעכט.

ער האָט געצייכנט פאַרן יינגל, טראַכטנדיק וועגן אַנדערע זאַכן; נישט ווילנדיק האָט די צייכנונג אָפּגעשפּיגלט זיינע געדאַנקען.

— דאָס איז דאָך געלט, געלט! — האָט אויסגערופן דער קליינינקער לאַססע און געפּאַטשט מיט די הענטלעך.

פעללע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין פאַרטראַכטקייט און אַ קוק געטון אויף דער צייכנונג, — ריכטיק, דאָס איז געווען די צייכנונג פון אַ צען-קראָן-פּאַפּירל. זיין פּאָטערלעך האַרץ איז שטאַלץ געווען, וואָס דאָס קינד האָט זי דערקענט. ס'האָט זיך אים געוואָלט אַ קוק טון, אויף ווי ווייט זי איז ענלעך אויף אַן אמתן. אָבער ווי באַקומט מען אַ בלויען באַנקנאָט? פעללע האָט צונויפגעקליבן און פאַרטיילט מיליאָנען, אָבער קיין צען קראָן האָט ער נישט געהאַט. די פּייקע! די פּייקע! אָט פונוואַנען דאָס יינגל האָט געהאַט אַ פאָרשטעלונג וועגן דאָזיקן פּאַפּירל, אויף זיין פּייקע, וועלכע מען האָט אים געשענקט צו ווייַנאַכטן, איז אויסגעמאָלט געווען צען קראָן.

ער האָט זי אַרויסגענומען און פאַרגליכן מיט דער צייכנונג. זי איז שוין לאַנג געלעגן אָן נוצן, ווייל ער האָט קיין מיטלען נ"ע"ט געהאַט צו רייכערן. ער האָט גענומען באַאַרבעטן די צייכנונג, און דאָס יינגל האָט נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון זיין בליישטיפט.

— ווי קלוג דער טאַטע איז, ווי גוט ער צייכנט! — האָט אויסגעשריגן דאָס יינגל און געוואָלט אויפוועקן דאָס שוועסטערל, כּדי אויך זי זאָל אַ קוק טון.

ניין. דער רעזולטאַט איז נישט געווען קיין באַפרידיקנדער. ער האָט באַשלאָסן דאָס אויסצושניידן אויף האַלץ און צופאַרבן, כּדי עס זאָל

זיין נאַר ענלעך. אָבער עללען איז געקומען און פעללע האָט באַהאַלטן די צייכנונג.

— הער נאַר, גיי נישט אַרבעטן. איך וועל זיך באַמיען צו באַקומען דאָס נייטיקסטע!

— פאַרוואָס? — האָט זי געפרעגט איינגעהאַלטן, — צי דען טויג איך אויף גאָרנישט?

מער האָט ער גאָרנישט געקאָנט דערגיין פון איר און מיט אַן אומאָנגענעם געפיל איז ער אַוועק אויף דער פאַרזאַמלונג. איצט, ווען עללען האָט געאַרבעט אויסער דער שטוב, האָט ער זיך באַמיט, אויף וויווייט די צייט האָט דאָס דערלויבט, צו זיין מיט די קינדער. ער האָט געקריגן אַ שטיקל האַרט האָלץ און אַ צען-קראָן-פאַפירל. מיט גרויס פלייס האָט ער אָפּגעקאָפּירט די צייכנונג אויפן האָלץ און זי גענומען אויסשניידן, פלוידערנדיק מיט די קינדער. דידאָזיקע באַשעפטיקונג האָט אַנטפלעקט אין אים נייע פעיקייטן, וועלכע האָבן פון תמיד אָן געדרימלט אין אים. די אַרבעט האָט אָנגעפילט זיין נשמה מיט אַן אייגנאַרטיקער שיינקייט; פון דאָזיקן צען-קראָן-פאַפירל האָט געקוקט אויף אים אַ וועלט פול מיט גליק, זי איז אַלץ רעליעפער אַרויסגעטרעטן פון חושך און פאַרטריבן אַלע קוועלענישן, ער האָט פ׳יידיק געקוקט אין דער צוקונפט און אין געדאַנק געגעבן עללען טויזנטער הבטחות.

אינדעראמתן איז אַלץ געווען זייער פשוט, דאָס איז געווען בלויז אַ מיספאַרשטענדעניש. מען האָט געדאַרפט בלויז איבעררעדן מיט איר, און זי וואָלט גלייך דער׳זען, צו וואָסער גליקלעכער עקזיסטענץ זיי זענען געגאַנגען, מען דאַרף בלויז האָבן אַ ביסל געדולד. די סיבה פון איר צאָרן איז געווען זיין שווייגן. דאָס גליק איז איצט געווען נענטער צו זיי, דערהויבענער און שענער, ווי ווען נישט איז פריער. פאַרוואָס און ווי אַזוי, דאָס האָט ער זיך קלאָר נישט פאָרגעשטעלט.

אָבער ווען ער פלעגט דערהערן אויף די שטיגן אירע טריט, פלעגן זיינע טרוימען בלייך ווערן. ער פלעגט דערוואַכן און אויסבאַהאַלטן זיין קונסט-ווערק, שעמענדיק זיך, וואָס עללען, קומענדיק פון דער אַרבעט, מעג אים דערווישן בײַ אַ שפּיל.

אַמאָל פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז זייערע באַציונגען וועלן זיך נישט לאָזן פאַרבעסערן. און דאָסדאָזיקע געפיל פלעגט אים זיין פיינלעך. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערקלערן די קעגנזייטיקע סתירה צווישן זיינע דערפאָלגן אין קאַמף אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט און זיין הילפ-

[illegible] מיט זיינצוהאַלטן דאָס פאַרשווינדנדיקע גליק אין זיין היים. ער איז אויסגעשעפּט געוואָרן פון דידאַזיקע געדאַנקען, און ער איז אַריינגעפאַלן אין גלייכגילטיקייט. ער האָט נישט געהאַט קיין נייגונג צו אַלקאָהאָל, אָבער עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן אין אים. אַ געוויסע גלייכגילטיקייט צו זיין אייגענעם ווילשטאַנד האָט אים אַלץ מער און מער באַהערשט און אים פאַרלאָקט צו פוסטע צייטפאַרטרייבן, וועלכע האָבן אים געקאָנט שאַטן. אָבער גראָד דאַן, ווען זיין שווערע מאַטעריעלע לאַגע האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, האָט ער דערהערט אין זיך אַ הויכע שטימע.

— דאָס איז מיין אַלטע קראַנקהייט, — האָט ער אַ טראַכט געטון, קאָנצענטרירנדיק זיך.

אין דער קינדהייט האָט ער געהאַט עפּעס ענלעכס ווי אָנפאַלן, איצט האָט ער אָנשטאָט דעם געהערט שטימען.

XXXII.

אין פריען מאָרגן איז פעללע געגאַנגען איבער דער שטאָט. ער איז אויפגעשטאַנען פריער פאַר עללען, כדי אויסצומיידן דעם שווערן פרישטיק. זי פלעגט זיך באַמיען מיט אַלע כוחות אים גוט אָנצוזעטיקן, און זיין הונגעריקן מאָגן פלעגט זיין שווער ביי־צושטיין דעם נסיון, אָבער דערנאָך פלעגט ער זיך שעמען, וואָס ער לעבט אויף יענעמס חשבון. און ווי ער פלעגט זיך נישט קליגן פלעגט ער דאָס קאָנען אויסמיידן נאָר דורך אַוועקגיין פון שטוב פריער, ווי זי האָט זיך אויפגעכאַפּט. אים, מיט זיין הונגעריקן מאָגן, האָט זיך דאָס גאַנצע שטאָטישע לעבן פאָרגעשטעלט אין אַן אייגנאַרטיקן געשפּענסטיקן ליכט. היינט איז אים פאָרגעשטאַנען אַ סך אַרבעט, נעכטן האָט ער אָפּגעהאַלטן נאָך אַ נצחון. די אָנפירער פון דער מעטאַל־אינדוסטרי איז געקומען אַ כיטרער געדאַנק צו גרינדן אַ נייעם, ענגערן פאַריין פון שמידעריי און בוי־מאַשין־פּראָדוקציע, כדי דעם נייעם פאַריין צו געבן אַ נאָמען, וואָס איז שטאַרק ענלעך אויפן נאָמען פון פּראָפאַריין פון די אַרבעטער פון די זעלבע ספּעציאַליטעטן. נאָכדעם האָבן זיי צעשיקט די אַרבעטער אַ מעלדונג, אַז די נאָענטסטע טעג ווערט באַנייט די אַרבעט. אַ סך אַרבעטער זענען גע־

ווען אַנאַלפאַבעטן און זיי האָבן דאָס אָנגענומען פאַר אַ מעלדונג פון זייער אייגענעם פּראָפּאַריין, אַנדערע ווידער האָבן זיך געלאָזט אָנזאָגן דורך די פּריווילעגיעס, וועלכע דער נייער פאַריין האָט זיי צוגעזאָגט. צווישן די אַרבעטער איז אַנטשטאַנען אַ פולשטענדיקער כאַאָס. ווי נאָר די זאַך איז אויפגעקלערט געוואָרן, האָבן זיך אַלע ערלעכע מענטשן תיכף צוריקגעצויגן. פעללע איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט פון דאָזיקן קריגס-שפּיצל, וועלכעס האָט אָנגערירט אים, אַלס אַנפירער פון די אַרבעטער, און ער האָט געוואָלט זיך נוקם זיין. נישט געקוקט אויף אַלע באַמיִונגען פון דער אַרבעטער-שמירה, האָט מען נישט געקאָנט פעסטשטעלן די נעמען פון אַלע שטרייקברעכערס. ער פלעגט אַריינפאַלן אין גרימצאָרן פון זיין הילפלאָזיקייט, און ער איז דאָך געווען באַרימט דערמיט, אַז ער דערפירט ביזן סוף אַלץ, וואָס ער נעמט אונטער. ער האָט באַשלאָסן צו ענטפערן פון זיין זייט מיט אַ כיטרע שפּיצל. ער האָט געשטעלט פאַר זיינע קעגנער אַ פאַסטקע, אַזוי אַז זיי אַליין האָבן אַרויסגעגעבן זייערע שטרייקברעכער.

איינמאָל האָט זיך אין „אַרבעטער“ באַוויזן אַ פייערלעכע מעלדונג „די כוחות פון קעגנער שעפּן זיך אויס, די פאַבריקן וועלן זיך אינגיכן אָפּשטעלן צוליבן פולשטענדיקן מאַנגל פון אַרבעטער“.

דידאָזיקע נאָטיץ האָט געדאַרפט אָפּשטעלן דעם ווייטערדיקן צופלוס פון שטרייקברעכער. כדי דאָס אויסצומיידן, האָבן די אינדוסטריעלער אין נאָענסטן נומער פון זייער צייטונג פּראָטעסטירט קעגן דער נאָטיץ און מודיע געווען די צאָל און די נעמען פון די שטרייקברעכער.

ענדלעך איז געלונגען אָפּצוצאָלן די אונטערנעמער. די פּנימער פון די אַרבעטער זענען העלער געוואָרן. אָט דאָס איז גוט — אויף אַ שפּיצל ענטפערן מיט אַ שפּיצל. דערדאָזיקער פעללע איז טייוולאָניש געשיקט. הוראַ „בליץ“! זאָל לעבן דער „בליץ“!

יאָ, פעללע איז געווען אַ פלינקער בחור; ער איז געגאַנגען, אַ מונטערער און פול מיט מוט, און דאָס ווידערקול פון די געסלעך און פון די אַרבעטער-קאַזאַרמעס האָבן הילכיק אָפּגעענטפערט זיינע טריט.

די קאַלטע נאַכט האָט באַדעקט מיט פראָסט די גאַסן און שטיבער און איבער דער שטאָט איז דער הימל געווען ליכטיק פון אומצייליקע שטערן. ער האָט פאַרגעסן זיינע אַלע פאַמיליע-אומאָנגענעמלעכקייטן, חברים האָבן אים אַרומגערינגלט און באַגריסט, און אויף זייער-

באגריסונג האט ער אויך געענטפערט מיט א באגריסונג, וואס האט געקלונגען ווי אן אויפמונטערנדיק ליד. ער האט זיי נישט געקענט, אבער זיי האבן אים געקענט. זאל זיין, אז זיין ארבעט ווערט געטון אין זייער שווערע באדינגונגען, — די דאנקבארקייט פון די ארבעטער האט אים געמונטערט און דערהויבן.

אין שטאט איז נישט געווען צו באמערקן קיין פרימארגן-באלעבאסקייט. דער לאקאוט האט אויף אלץ ארויפגעלייגט זיין שווערע האנט. דער האנדל איז געגאנגען שלעכט, דער מיטל-קלאס האט איבערגעלעבט א שווערע צייט. ס איז נישט געווען קיין האפנונג אויף א פרידלעכער לייזונג פון קאנפליקט. ביידע צדדים זענען געווען פארביסן. די ארבעטער האבן גארנישט פארלוירן דורכדעם, וואס די מויערער האבן לייכטזיניק אפגעשטעלט די ארבעט. די סימפאטיע צו די נידעריקערע קלאסן האט געהאט פאליטישע ווארצלען; די שטיצע פון די דערפער איז ווייטער אריינגעפלאסן. פון אויסלאנד פלעגן אויך אנקומען באדייטנדיקע סומעס. דער קאמף האט איצט אפגעקאסט די ארבעטער א האלבן מיליאן א וואך. די הילף פון אויסן איז געווען א טראפן אין ים, אבער אלס מאראלישע שטיצע האט זי געווירקט אויפמונטערנדיק אויפן זעלבסט-געפיל, און דערפון איז אלץ געווען אפהענגיק. צענדליקער טויזנטער ארימע פאמיליעס האבן מקריב געווען זייערע לעצטע ברעקלעך, כדי צו פירן ווייטער דעם קאמף. זיי האבן געהאפט אויף אן אנטשיידענעם איבערברוך אין דער נאענטער צוקונפט. די ארבעטסגעבער האבן זיך באמיט צו פארווערן די שטיצע פון די דערפער פאר די ארבעטער, צנוייענדיק אויף אלטע געזעצן, וועלכע פארווערן בעטלעריי, דאס האט אבער ארויסגערופן נישט מער ווי געלעכטער. ס'איז, אגב, געווען די געהעריקע צייט א ביסל זיך אנצולאכן.

די ארבעטער האבן זיך צוגעוווינט צום הונגער, זיי פלעגן מער נישט גיין שפאצירן הינטער דער שטאט, נאר פאמעלעך און מיושבדיק שפאצירן איבער די גאסן, ווי מענטשן, וועלכע האבן נישט ווו זיך צו איילן. זייערע פאמעלעכע טריט האט מען כמעט ווי נישט געזען. אין די שטיבער האט געהערשט שטילקייט; רוישיקע, תמיד-הונגעריקע קינדער, זענען צעשיקט געווען איבער די דערפער, ווו זיי זענען, לכל הכחות, געווען זאט. אבער דערפאר, ווי פוסט איז געווען אן זיי!

פעללע האט אנגעטראפן ארבעטער-גרופעס, וועלכע פלעגן גיין צו די פארשידענע קאנטראלן. זיי פלעגן אויפהייבן דעם קאפ, דערזעענדיק

אים. זיינע טריט פלעגן אָפּהילכן אין יעדן פון זיי. פעללע איז געווען די האָפנונג און דער ווילן פון פערציק טויזנט מענטשן. פעללע איז געווען דער סימבאָל פון דער גאַנצער באַוועגונג. זיי פלעגן זיך איינקוקן אין זיין זיגערישער פיגור און פריילעך זאָגן איינער צום צווייטן: צו אַלדי רוחות, אָט דאָס איז אַ כוואַט אַ בחור! ער זעט אויס אַזוי, ווי קיין זאַך זאָל אים נישט פאַרשאַפן קיין זאָרגן. גיט נאָר אַ קוק, ער טרעט כמעט נישט אָפּ פאַרן וואָגן. זאָל לעבן דער חבר פעללע! די שענקערס זענען געשטאַנען אויף די שוועלן פון זייערע קעלערס און באַטראַכט דעם פרימאָרגן-הימל, — אויך זייערע געשעפטן זענען געווען אויף צרות. אויף די שענק-פענצטערס האָט מען געזעען מעלדונגען מיט דער אויפשריפט: „דאָ ווערן אָנגענומען נדבות פאַר די געליאַענע פון לאָקאַוט".

אויף דער בריק פון דער קעניגין לויזע האָט פעללע אָנגעטראָפן אַן אָנגעגאָסענעם מענטש מיט אַ גרויסער רויטער נאָז און פאַרוועלקטע נעזיכט-שטריכן.

— אַ גוטן מאָרגן, הער גענעראַל! — האָט פעללע פריילעך אויס-געשריגן. יענער האָט געמאַכט אַ לייכטע באַוועגונג מיט דער האַנט.

דאָס איז געווען אַן אונטערגעשטעלטע פערזאָן פאַרן „ארבעטער", אַ געוועזענער קאַפּיטאַליסט, וועלכער איז פאַר אַ קליינינקן געהאַלט געווען דער אָפיציעלער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. אין פאַל, ווען ער פלעגט דאַרפן זיצן אין תפיסה פאַר די חטאים פונם בלאַט, פלעגט ער באַקומען מיט 5 קראָן אַ וואָך מער, ווען ער פלעגט נישט זיצן אין תפיסה, פלעגט ער שכורן. ער האָט געהאַט אַ גרויסקייט-מאַניע, ער האָט געמיינט, אַז ער איז דער פירער פון דער ארבעטער-באַוועגונג, דעריבער האָט ער נישט געקאָנט פאַרמאָגן פעללען.

אויף איינעם פון די גרויסע הויפן פון אַן אַרבעטער-הויז האָבן זיך צונויפגעקליבן די אַרבעטער פון פּאָרט אויף אַ קאָנטראָל. זייער פאַר-שטייער האָט באַגעגנט פעללען אין טויער. דאָס איז געווען יענער אַרבעטער, מיט וועלכן פעללע און פעטער-בלאַקסע האָבן זיך באַשעפטיקט אַמאָל אין פּאָרט. איצט איז ער, ווייזט אויס, געגאַנגען אויף אַן אַנדערן וועג.

— נו, ווי גייט עפּעס? — האָט אים פעללע געפרעגט און געדריקט די האַנט.

— אויסגעצייכנט. פון טויזנט פערזאָן פעלן בלויז זיבן.

— ווי־זשע איז דער פריילעכער יאַקאָה ? צי דען איז ער קראַנק געוואָרן ?

— מען האָט אים אַרעסטירט, — האָט דער אַרבעטער פינצטער געענטפערט. — ער האָט מער נישט געקאָנט צוזעען, ווי זיינע עלטערן הונגערן, און ער האָט צוזאַמען מיט זיין ברודער באַגנבעט אַ קרעמל. איצט זיצן זיי ביידע.

פעללעס געזיכט איז גרוי געוואָרן ; די קנייטשן אויפן שטערן האָבן זיך טיף איינגעשניטן און דער מונטערער אויסדרוק איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, פאַרביטן דורך פינצטערן יאוש. ער האָט שווייגנדיק געקוקט אין איין פונקט אַריין, ווי פאַרשטיינערט. די אַרבעטער האָבן געקוקט אויף אים : וואָס טוט זיך מיט אים ? צי איז ער נישט איינגעשלאָפן שטייענדיק אויף איין אָרט ?

פעללע האָט אויפגעוואַכט.

— וואָס, חברים, לאַנג ציט זיך איצט די צייט ? — האָט ער פריילעך געפרעגט.

— ס'הייבט זיך נישט אָן. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָבן מיר דאָך אַזוי פיל פרייע צייט, אַז מיר קאָנען גוט דערקענען אונזערע ווייבער און קינדער, — האָבן זיי געענטפערט. — אָבער געוויס ; ס'וואָלט געוועןזייער אָנגענעם זיך ווידער נעמען צו דער אַרבעט.

ס'איז געווען קלאָר, דאָס ליידיק גיין האָט זיי גענומען פייניקן ; אויף זייערע פאַרגליווערטע געזיכט־שטריכן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ פּסדרדיקע אַרבעט פון געדאַנק. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט אַ שטרענגער פראַגע. זיי האָבן געוואָלט, אַז פעללעס אונטערנעמונג זאָל זיך שוין אַזוי אָדער אַנדערש ענדיקן. זיי האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן, נאָר געוואָלט גיין פאָרויס.

די דויערהאַפטיקייט פון קאַמף האָט זיי גענעבן האָפנונגען און זיי האָבן זיך אויפמערקזאַם איינגעקוקט אין פעללעס פנים, האָפנדיק איבערצולייענען אין אים אַ באַשטעטיקונג פון דעם, אַז דאָס גליק איז שוין נאָענט.

ער האָט געהאַט צו ענטפערן אויף אַ סך ווילדע פראַגן, די נויט האָט געבוירן ווילדע פאָרשטעלונגען.

— צי וועלן מיר אָפּנעמען בײַ די העכערע קלאַסן זייער גאַנץ פאַרמעגן און רייכטום ? — האָט בײַ פעללען געפרעגט איינער אַן אַרבעטער נאָכדעם, ווי ער האָט לאַנג געקוקט אויף אים אַ פאַרטראַכטער. דער

קאַמף האָט שטאַרק געווירקט אויף זיין אויסערלעכקייט און אַנגעצונדן אַ פייער אין זיינע אויגן.

— יאָ, איצט וועלן מיר פאַרווירקלעכן אונזערע מענטשלעכע רעכט און מיר וועלן פאָדערן אַכטונג פאַר דעם אַרבעטערס פערזענלעכקייט, — האָט פעללע געענטפערט. — ס'וועט שוין מער נישט זיין קיין חילוק צווישן באַלעבאָס און דעם אַרבעטער.

— און אויב זיי וועלן אונז ווידער וועלן אונטערדריקן? מען דאַרף פאַרענדיקן מיט איין מאָל, כדי צוצונעמען בײַ זיי די מעגלעכקייט נאָכאַמאָל צו רייטן אויף אונז.

— וואָס-זשע, דו ווילסט זיי אַלע אויסשיסן? דאָס איז איבעריק,— האָט געזאָגט דער שכן. — נאָך די איצטיקע געשעענישן, אויב מיר וועלן אויסהאַלטן ביזן סוף, וועט זיך שוין קיינער נישט דערוועגן אָפּצונעמען בײַ אונז דאָס שטיקל ברויט.

— און דאַן וועט שוין גאָר קיין אָרימקייט נישט זיין? — האָט דער ערשטער זיך ווידער געווענדט צו פעללען.

— ניין, אויב מיר וועלן נאָר ווי געהעריק פירן אונזער ענין, וועט אין יעדן הויז זיין גענוג. צי דען האָסטו נישט געלייענט דיין פראָקלאַמאַציע.

הגם ער האָט זי געהאַט געלייענט, פונדעסטוועגן האָט זיך אים געוואָלט, אַז פעללע אַליין זאָל באַשטעטיקן זייערע גרויסע האָפנונגען. פעללע האָט דאָס זייער גוט געקאָנט טון; ער האָט דאָך קיינמאָל נישט געטפקט. פאַר די מאַסן איז שווער געווען דורכצודרינגען זיך מיט נייע אָנשויונגען, אַזוי שווער, ווי זיי וואָלטן איבערגעקערט די גאַנצע ערד. דעריבער האָט דאָס געמוזט באַגלייט ווערן דורך עפּעס גרויסעס.

אייניקע פון זיי האָבן בעתן שמועס אַרויסגענומען זייערע פרישטיקן.

— אַ גוטן אַפּעטיט, — האָט זיי פעללע געזאָגט בײַם זעגעגנען זיך.

דאָס שפּייעכץ האָט זיך געזאַמלט אין מויל בײַ אים; ער האָט היינט נאָך גאָרנישט געהאַט געגעסן און געטרונקען. ער האָט אָבער קיין צייט נישט געהאַט צו טראַכטן וועגן דעם. ער האָט געמוזט זען שטאָלפּען, כדי דורכצורעדן מיט אים וועגן דעם, ווו מען זאָל באַשטימען די אַרבעטער-וואַכן. אָט איז געשטאַנען מאַריאַ אין אַ ווייס היטעלע און מיט אַ קיישעלע אין די הענט; רויט-ווערנדיק, האָט זי אים באַגריסט מיט אַ

זאָפּ באַוועגונג. די ענדערונג פון לעבנס־שטייגער האָט שטאַרק מיטגע־
האָלפן איר אַנטוויקלונג; יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זי זען, פלעגט
זי זיין אַלץ שלאַנקער און שענער.

עלטערנס עלטערן איז אויך געווען שלעכט, זייער געמיטלעך שטי־
בעלע איז פּוסט געוואָרן, אָבער די שטימונג איז בײַ אַלעמען געווען
זייער אַ מונטערע. שטאָלפּע האָט געוואַרט אויפן פרישטיק, ער איז שוין
אָבער געהאַט געווען אין גאַס געשעפטלעך.

— וואָס טוט עפּעס אונזער מיידעלע? מיר זעען זי איצטער קיינ־
מאָל נישט.

— זי איז זייער שטאַרק פאַרנומען, — האָט פּעללע געזאָגט, באַ־
מיענדיק זיך צו פאַרענטפערן עללען. — איצט גייט זי נאָך חוצדעם אויף
אַרבעט.

— מיר ווייסן זייער גוט ווי דאָס קומט פאָר, זי טוט שטענדיק
אויף צו להכעיס. אַזאַ נאַטור שוין בײַ איר. סאַראַ גליק, וואָס זי איז
נישט געבוירן געוואָרן קיין מאַנסביל, אַנישט וואָלט זי אָנגעמאַכט
צרות.

צום פרישטיק האָט מען אים געגעבן אַ האָבער־גריץ און קאַווע
מיט פּוטער־ברויטן. פרוי שטאָלפּע האָט נישט געקאָנט געפינען איר זיל־
בערנעם סערוויז, וועלכן די קינדער האָבן איר געשענקט צו דער זיל־
בערנער חתונה.

— כ'האָב אים, מסתמא, ערגעץ פאַרשטעקט! — האָט זי גע־
זאָגט.

— נישט קיין אומגליק, מוטער, ער וועט זיך אָפּגעפונען, — האָט
שטאָלפּע געזאָגט. — אינגיכן וועלן אָנקומען בעסערע צייטן, און דאַן
וועלן זיך ווידער באַווייזן פאַרשידענע גוטע זאַכן, אָט וועסטו זען!

— שווער, ביסט היינט געווען בײַ דער מאַשין־פאַבריק? — האָט
פּעללע געפרעגט.

— יאָ, אָבער די וואָך האָט דאָרט מער נישט וואָס צו טון. די
אַרבעטסגעבער האָבן באַזעצט די שטרייקברעכער אין דער פאַבריק, דאָרט
שפּייזן זיי זיי; מען זאָגט, אַז צווישן זיי געפינט זיך אַ גרויסע צאָל
אויסלענדישע אַרבעטער. די אַרבעט איז אין פולן גאַנג.

דאָס איז געווען אַ דערשיטערנדיקע נייעס.

די מעטאַל־פאַבריקאַנטן האָבן אָפּגעהאַלטן זייער ערשטן נצחון.

אויב די אַרבעטער וועלן זעען, אַז מען באַגייט זיך אָן זיי, וועט דאָס אויף זיי מאַכן אַ צעשמעטערנדיקן איינדרוק.

— מען טאָר דאָס נישט דערלאָזן — האָט פּעללע געזאָגט. — אַנישט וועט אַלץ גיין צום גרונד.

— אָבער וואָס-זשע קאָנען מיר מאַכן, ווען די אַרבעטער זיצן דאָרט פאַרשלאָסן, און פאַר די טויערן שטייט טאָג ווי נאַכט פּאָליציי. מיר האָבן אפילו קיין מעגלעכקייט נישט אַדורכצורעדן זיך מיט זיי. — שטאָלפּע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט יאוש.

— אויב אַזוי, מוז מען זעען, אַז עמעץ פון אונזערע זאָל זיך דערקלייבן צו זיי אַלס אַרבעטער. — שטאָלפּע האָט אַ ציטער געטון.

— אַלס שטרייקברעכער? אויף דעם וועט נישט איינגיין קיין איין אָרנטלעכער מענטש, אויב דאָס וועט אפילו געמאַכט ווערן אין שפּאַס. אַ שטרייקברעכער איז אַ שטרייקברעכער, ווי דו זאָלסט זיך נישט דרייען.

— אַ שטרייקברעכער, האַלט איך, איז אַזאַ מענטש, וואָס ברענגט שאָדן זיינע חברים. דער, וואָס ריזיקירט צוליב זיי מיט זיין לעבן, פאַרדינט, לויט מיין מיינונג, אַן אַנדערן צונאָמען.

— וועגן דעם וועל איך נישט דיסקוטירן, — האָט שטאָלפּע געענטפערט. — דאָס איז צו דערהויבן פאַר מיר. כ'וועל זיך היטן אַריינגיין מיט דיר אין דעבאַטן. אָבער אין מיין לעקסיקאָן שטייט פאָלגנדיקס: אַ שטרייקברעכער איז אַזאַ אַרבעטער, וואָס נעמט אָן אַרבעט דאָרט, ווו דאָס איז פאַרווערט, און באַסטאַ.

פּעללע האָט זיך געקאָנט רעדן וויפיל ער וויל; מען האָט שטאָלפּען נישט געקאָנט איבעררעדן.

— אויב דו ווילסט דאָס אַליין נעמען אויף זיך — דאַן איז גאָר עפּעס אַנדערש, — האָט שטאָלפּע געזאָגט. — דו דאַרפסט קיינעם נישט אָפּגעבן קיין דין-וחשבון. דו טוסט אַזוי, ווי דיר געפעלט.

— איך דאַרף אָפּגעבן אַ דין-וחשבון פאַר מיינע מעשים דער פּראָפּאַריינבאַוועגונג, — האָט פּעללע שאַרף געזאָגט. און דעריבער טאַקע נעם איך דאָס אויף זיך.

שטאָלפּע האָט כסדר צונויפגעלייגט און אויסגעצויגן די הענט.

— אַך, ס'וואָלט גוט געווען ווידער צוצוטרעטן צו דער אַרבעט! — האָט ער אומגעריכט אויסגערופן. — ליידיקגיין ווירקט אויפן מענטש ווי גיפט. און די טעג דאַרפן מיר צאָלן פאַר דער דירה, פונוואַנען, מוטער,

וועלן מיר נעמען געלט? דער באַלעבאָס האָט געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן נישט באַצאָלן ביז שבת, וועט ער אונז אַרויסיאָגן.

— נישקשה, פאָטער, ס'וועט זיך שוין געפינען געלט, — האָט געזאָגט פרוי שטאָלפּע. — פאַרליר נאָר נישט דעם מוט...

שטאָלפּע האָט זיך אַרומגעקוקט:

— יאָ, עפּעס איז נאָך פאַרבליבן... הער נאָר, פעללע, הגם איך בין דיין שווער, איז נאָך פונדעסטוועגן דיין ווייב ווייט צו מיינער...

— איך בין צופרידן מיט עללען אַזאַ ווי זי איז, — האָט פעללע אָפּגעענטפערט.

מען האָט אָנגעקלונגען. ס'איז געקומען שטאָלפּעס ברודער, אַ טישעסליאַר. ער האָט געהאַט אַ נעבעכדיק אויסזען. אַ דאַרער, אַן אָפּגעריסענער. די אויגן זענען געווען רויט. ער האָט זיך באַגריסט, נישט קוקנדיק אויף קיינעם.

— זעץ דיך, ברודער, — האָט שטאָלפּע געזאָגט, צורוקנדיק אים אַ שטול.

— אַ דאַנק. איך גיי גלייך צוועק. כ'האָב געוואָלט... כ'האָב דיר געדאַרפט עפּעס זאָגן, — האָט ער געזאָגט, צעטראָגן אַרויסקוקנדיק דורכן פענצטער.

— ס'איז עפּעס געשען באַ דיר אינדערהיים?

— ניין, ניין! כ'האָב דיר נאָר געוואָלט זאָגן... איך גיי היינט צו דער אַרבעט! — האָט ער פלוצלינג אויסגעשריגן.

שטאָלפּע איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, בלייך ווערנדיק ווי לייוונט.

— באַטראַכט זיך נאָר, וואָס דו טוסט! — האָט ער דראָענדיק געזאָגט.

— כ'האָב זיך שוין גענוג באַטראַכט. זיי הונגערן, און מער קאָן איך נישט ליידן. כ'האָב דיר דאָס געוואָלט זאָגן אַליין, זאָלסט דאָס נישט דערגיין דורך זייטיקע. ביסט דאָך מיר אַ ברודער.

— דיין ברודער? ניין, ביסט מיר מער נישט קיין ברודער. אויב דו וועסט דאָס טון, וועט צווישן אונז אַלץ זיין געענדיקט אויף אייביק! — האָט שטאָלפּע אויסגעשריגן, אַ זעץ טוענדיק אין טיש. — וועסט עס אָבער נישט טון, ניין. צי דען וועל איך מוזן איבערטראָגן אַזאַ שאַנדע, צי דען וועלן מיינע חברים משפּטן אַלס שטרייקברעכער מיין לייבלעכן ברודער? אויך איך וועל זיין מיט זיי צוזאַמען אַז איך וועל דיר דער

נרשטער אַ קאָפּע טון מיט דעם פֿוס, ווייל דו ביסט מיין ברודער ! – צר איז געווען אויסער זיך.

— מיר וועלן נאָך באַווייזן דורכצורעדן זיך וועגן דעם, — האָט דער טשעסליאַר געזאָגט קוים צו הערן. — אָבער איצט ווייסטו, כ׳האָב נישט געוואָלט האַנדלען הינטער דיין פּלייצע... — און ער איז אַוועקעגאַנגען.

שטאָלפּע איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער אַהין און צוריק, פֿון איין קעגנשטאַנד צום צווייטן. ער פֿלעגט זיי נעמען אין דער האַנט, איבערשטעלן זיי, ווידער אַוועקשטעלן אויף זייערע ערטער. זיינע הענט האָבן געציטערט. ער איז אַוועק אין אַ צווייט צימער און זיך פֿאַרשלאָסן. אין עטלעכע מינוט אַרום איז אַריינגעקומען זיין ווייב.

— גיי בעסער אַוועק, פּעללע. כ׳מיין גישט, אַז דער פֿאָטער זאָל זיין ביכולת צו רעדן היינט מיט עמעצן, ער ליגט. ער האָט אַ שרעקלעך אויסזעען, זיין פּנים איז עפּעס מאָדנע גרוי. סאַראַ שאָד, וואָס ער קאָן נישט וויינען ! ווי חברים זיי האָבן תּמיד געלעבט צווישן זיך. זיי האָבן תּמיד געהאַט וועגן אַלץ די זעלבע מיינונג.

פּעללע איז אַוועקגעגאַנגען. אים איז געווען שווער. פּעללע האָט געוווסט, אַז שטאָלפּע וועט פֿאַרפֿאָלגן זיין ברודער שטרענגער, ווי אַלע איבעריקע, נישט געקוקט אויף זיין הייסער ליבע צו אים. און ער וועט אפֿשר אַליין שטיין אויף דער שמירה אין יענעם אָרט, וווּ זיין ברודער וועט גיין צו דער אַרבעט.

לעבן די אָ׳יערעס האָט ער באַגעגנט אַ גרופּע וואַך־אַרבעטער, ער איז מיט זיי געגאַנגען אַ שטיק וועג, כּדי דורכצורעדן זיך וועגן אַלע ענינים. אויף דער צווייטער זייט איז פֿון אַ טויער אַרויסגעלאָפֿן אַ בחור און האָט זיך פֿאַרנומען אין ראָג אַריין.

— עי, שטיי ! — האָט עמעץ פֿון די חברים אַ געשריי געטון. — אָט איז ער, האַלט אים ! — און עטלעכע מענטשן האָבן זיך אַ לאָז געטון נאָך אים איבער דער גאַס. אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיי זיך צוריקגעקערט, פֿירנדיק אים מיט זיך. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט, צו זיי זענען צוגעשטאַנען פֿרויען און קינדער.

— טוט אים קיין שלעכטס נישט, — האָט פּעללע באַפֿעלעריש געזאָגט.

— קיינער וועט אים נישט טשעפּען, — האָבן זיי אָפּגעענטפֿערט. זיי האָבן שווייגנדיק געקוקט אויף אים, ווי זיי וואָלטן גוט געוואָלט

אָפּשאַצן זיין טאַט: דערנאָך האָט יעדער פון זיי אַ שפּיי געטון אים אין פּנים אַריין, דערנאָך האָבן זיי אים איבערגעלאָזט. דער בחור איז שווייגנ־דיק אַריין אין טויער און גענומען אָפּווישן דאָס פּנים מיטן אַרבל.

פעללע איז צוגעגאַנגען צו אים, מיט דער כוונה אים אויפצומונ־טערן מיט אַ פריינטלעך וואָרט און ווידער צוציען אים צו דער אָרגאַ־ניזאַציע. ווען פעללע איז צוגעגאַנגען, האָט זיך דער בחור שנעל אויסגעגלייכט.

— ביסט אויך געקומען מיר שפּייען אין פּנים אַריין? — האָט ער איראָניש געזאָגט. — האָסט, מסתמא, פאַרגעסן דאָס צו טון. פאַרוואָס האָסטו פריער נישט אַ שפּיי געטון אויף מיר?

— איך שפּיי אויף קיינעם נישט. אָבער דיינע חברים זענען גערעכט, פאַראַכטנדיק דיך. פאַרוואָס האָסטו זיי אָוועקגעוואָרפן? קער זיך אום, און איך וועל דיך ווידער אַריינגעמען אין דער אָרגאַניזאַציע און קיינער וועט דיר קיין שום שלעכטס נישט טון.

— און מען וועט מיך האַלטן פאַר אַ זינדיקן, פון וועלכן אַלע וועלן חוזק מאַכן? ניין, אַ דאַנק פאַר דעם טובה!

— דו ווילסט בעסער ברענגען שאָדן דיינע חברים?

— איך וויל, מען זאָל מיר דערלויבן צו זאָרגן זיך וועגן מיין עלטער מוטער. און איר מעגט זיך אָפּגיין מיט בלוט. מיין מוטער דאַרף נישט גיין איבער די הייף, נישטערן אין די מיסטקאַסטנס און זינגען, בעטנדיק נדבות, בעת איך וועל שפּילן די ראָל פון אַ העלד. איך לאָז דאָס פאַר אַנדערע.

פעללע איז רויט געוואָרן פון גרימצאָרן, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ ווונק אויף זיין פאָטער. בכלל, אין דער טיפעניש פון זיין נשמה האָט ער זיך כסדר געפייניקט וועגן פאָטער. איצט האָט ער נישט אויסגעהאַלטן.

— דערוועג זיך נאָר איבערצוחזרן דיינע ווערטער! — האָט ער געזאָגט, צוגייענדיק צום בחור.

— און ווען איך זאָל האָבן אַ ווייב, וואָלט איך נישט דערלאָזט, דאָס ווייב זאָל פאַרדינען פאַר מיר. כ'בין נישט קיין אַלפאָנס!

דאָס איז שוין געווען נידערטרעכטיק — פאַרשפּרייטן וועגן פירער אַלערליי רכילותן און אַזוי אַרום באַמיען זיך צו פאַרשוואַרצן זיין נאָ־מען. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן פאַרשפּרייט וועגן אים אַלערליי נישט־בעשטויגענע, נישט־געפלויגענע קלאַנגען, וועגן אים, — וועלכער האָט

צוליב זיי מקריב געווען דאָס לעצטע. פעללע איז אַרויס פון די כלים און אים דערלאַנגט עטלעכע פעטש.

— וועסט שווייגן? — אָדער דו ווילסט נאָך?

מאַרטען האָט זיך באַוויזן אין טויער. ער האָט געאַרבעט גראָד אין דאָזיקן הויז.

— דאָס טויג נישט. — האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט, מיטשלעבנ-דיק מיט זיך פעללען.

פעללע האָט גאָרנישט געענטפערט און זיך אַ וואָרף געטון אויף מאַרטענס בעט. זיינע אויגן האָבן נאָך געברענט מיט ווילדן צאָרן צוליב דער דורכגעלעבטער באַליידיקונג, און ער האָט שווער געאָטעמט.

— אַ שווערע צייט, — האָט מאַרטען געזאָגט, שמייכלענדיק מיט זיין באַזונדערן שמייכל.

— יאָ, איך ווייס, אַז דו אָנערקענסט דאָס נישט, זיי מוזן אָבער זיין געאייניקט.

— און אויב עס פעלט זיי דערצו פאַרשטאַנד?

— וועלן זיי דאַן מוזן טייער באַצאָלן דערפאַר. יעדנפאַלס איז דאָס נאַטירלעכער, איידער אַלע זאָלן אומקומען.

— איז אין דעם באַשטייט דאָס דאָס נייע לעבן? מיר דאַכט זיך, אַז מינדיעריקע פלעגן תמיד טייער באַצאָלן. און ס'איז נישט געווען קיין מאַנגל אין מענטשן, וואָס זאָלן זיי באַשפייען, — האָט מאַרטען טרויעריק געזאָגט.

— טאָ הער-זשע, — האָט פעללע אויסגעשריגן, אויפשפּרינגענדיק פון בעט. — אפשר ווילסטו מיך באַשולדיקן אין דעם, אַז איך האָב גע-שפּיגן אויף אים? כ'האָב דאָס נישט געטון. די אַנדערע — יאָ.

ער איז ווידער גרייט געווען אַריינצופאַלן אין גרימצאָרן, אָבער מאַרטען האָט געווירקט אויף אים באַרויקנדיק מיט זיין שטילער נאַטור.

— אַנדערע? — דאָס איז נישט ריכטיק! דו, דווקא דו האָסט געשפּיגן דעם אומגליקלעכן זיבן מאָל אין פּנים אַריין. כ'בין געשטאַנען אין פענצטער און כ'האָב אַלץ געזען.

פעללע האָט דערשטוינט געקוקט אויף אים, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. תמיד אַ מענטש פון אמת, האָט מאַרטען אים אין די אויגן אַריין געזאָגט ליגנט.

— די זאַגסט, אַז די האָסט געזען, ווי איך האָב געשפּיגן אויף אים ? — האָט ער לסוף געזאָגט.

מאַרטען האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ :

— די טראַכסט נאָר וועגן דערפאָלגן. די ווילסט נעמען מיט געוואַלט, נישט קוקנדיק אויף די ליידן און דעם אומקום פון די, וואָס גייען נאָך דיר. פעללע, האָסט גענומען אויף זיך אַ גרויסע אחריות. זע, ווי זיי גייען נאָך דיר בלינד. איך בין אָבער נישט אינגאַנצן זיכער, צי דו ביסט מיט זיי נישט ווינציקער צוזאַמען. אויף דיינע הענט האָסטו בלוט, צי איז דאָ אָבער דאָ אויך דיין אייגן בלוט ?

פעללע איז פאַרזונקען אין שווערע מחשבות. אַ דאַנק מאַרטענס רייד פלעגן זיינע געדאַנקען תמיד אָננעמען אַ נייע ריכטונג. איצט האָט ער אים פאַרשטאַנען ; איבער זיין פנים איז דורכגעלאָפן אַ פינצטערער שאָטן.

— כ'האָב מקריב געווען פאַר זיי מיין פאַמיליע, — האָט ער שטיל געזאָגט. — עללען האָט מיך מער נישט ליב, און די קינדער זענען פאַרוואָרלאָזט, און איך פיל, ווי זיי גליטשן זיך אַרויס פון מיר. כ'האָב זיך אָפּגעזאָגט פון אַ גלענצנדיקער לאַגע, כ'הונגער יעדן טאָג און צוליב מיר בעטלט מיין אָרימער אַלטער פאָטער. איך מיין, אַז קיינער פילט זיך נישט אַזוי פאַרלאָזט, איינזאַם און היימלאָז, ווי איך. אויב עס גייט וועגן דעם, טאָ בין אויך איך עפּעס מקריב ; דאַרפסט נישט ספקן דערין.

ער האָט אַ קוק געטון אויף מאַרטענען מיט אַ געלעכטער, אָבער אין זיינע אויגן זענען געשטאַנען טרערן.

— זיי מיר מוחל, מיין פריינט, — האָט מאַרטען געזאָגט. — איך האָב מורא געהאַט, אַז דו באַגרייפסט נישט גוט, וואָס דו טוסט. ס'זענען דאָ צופיל קרבנות, און ס'איז פיינלעך צו זען דאָס אַלץ, אויב דאָס וועט צו קיין זאַך נישט פירן.

— צי דען פאַראורטיילסטו ? איך קאָן דיך קיינמאָל נישט גוט פאַרשטיין.

— ניין, ניין, אויב מ'קאָן נאָר דערגרייכן דערמיט דעם ציל. איך אַליין האָב געטרוימט פירן זיי אויף די וועגן פון גליק — אָבער אויף אַן אַנדערן אופן ; אָבער מען קאָן זיי נישט ברענגען דערצו. דו האָסט אויף זיי אַ ריזיקע השפּעה, זיי גייען דיר נאָך בלינד. טאָ פיר זיי ווייטער, אָבער יעדע וווּנד, וועלכע זיי באַקומען אין קאַמף, מוזסטו אויך

איבערלעבן. אַנדערש ביסטו נישט קיין עכטער קעמפער. ביסטו זיכער אין ציל?

יאָ, דערין איז פעללע געווען גאַנץ זיכער.

— און מיר וועלן אים דערגרייכן! — האָט ער פלוצלינג אויסגעשריגן מיט באַגייסטערונג. — גיב נאָר אַ קוק, מיט וואָסער פרייד זיי זענען גרייט אויף אַלץ.

— אָבער פעללע, — האָט מאַרטען געזאָגט מיט אַ פילבאַדייטנדיקן שמייכל, אַרויפליגנדיק זיין האַנט אויף פעללעס אַקסל. — אַ פּירער איז נישט קיין ריכטער. חוצדעם איז די פּאַרטיי קעגן קערפּערלעכע שטראָפן...

— אַך, גאָט וועגן וואָס דו רעדסט! — האָט פעללע געזאָגט. — דאָס האָט נישט קיין שום שייכות צו דער באַוועגונג. ער האָט געזאָגט, אַז מיין פאָטער גייט אַרום איבער די גאַסן, קלויבנדיק אָפּפאַל, — האָב איך אים געגעבן אַ פּאַטש. איך האָב דאָך די זעלבע רעכט, ווי יעדער אַנדערער, ווען מען באַליידיקט מיך פערזענלעך...

דאָס, וואָס דער בחור האָט געזאָגט וועגן עללען, האָט ער זיך נישט דערוועגט איבערצוחזרן.

— דאָס איז דאָך אָבער ריכטיק, — האָט מאַרטען שטיל געזאָגט.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו מיר וועגן דעם נישט געזאָגט? — האָט פעללע געפרעגט, בלייך ווערנדיק.

— כ'האָב געמיינט, אַז דו ווייסט. האָסט דאָך אָן דעם אויך אַ סך אַרבעט, דאַרפסט נישט האָבן דערפון קיין עגמת נפש.

— אפשר ווייסטו ווו ער געפינט זיך? — האָט פעללע שטיל געפרעגט.

— ער גייט געוויינלעך אַרום איבערן דאָזיקן קוואַרטאַל...

פעללע איז אַוועק. אים איז געווען זייער שווער. פון סאַמע פרימאָרגן האָבן זיך אויף אים געשאָטן אַלץ נייע ליידן, ער האָט געדאַרפט טראָגן אויף זיך אַזאַ משא, אַזאַ אחריות. וואָס איז צו שווער פאַר איין מענטש. צי דען דאַרף ער טראָגן די אחריות פאַר אַלץ, וואָס די באַוועגונג פאַרניכטעט אויף איר וועג? און בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט אָפּגעגעבן אַלע זיינע כוחות, זיין גאַנץ גליק? דער פאָטער לאָססע קלויבט צונויף אָפּפאַל. ער איז רויט געוואָרן פון חרפּה. און פונדעסטוועגן האָט ער גאָרנישט געקאָנט טאָן דערצו. צי דען האָט ער געקאָנט זיין פאָרזאָנט־

וואָרטלעך פֿאַר דער געשאַפֿענער לאַגע? און איצט, — אויס דאַנקבאַרקייט, — באַשפּייען זיי עללען!...

ער האָט נישט געוווּסט, ווו ער זאָל זוכן דעם פֿאָטער. ער איז נעגאַנגען איבער די הייף סתּם אין דער וועלט אַריין.

צופּעליק האָט זיך פֿעללע אָנגעשטויסן אויף זיינס אַ לאַנדסמאַן פֿון באַרנהאָלם.

— כ'האָב באַגעגנט דיין פֿאָטער אויף דער „שטיין-גאַס" מיט אַ וואָך הינטער דער פּלייצע. ער האָט נישט געהאַט קיין איבעריק גליקלעכן אויסזעען, — האָט אים דער באַרנהאָלמער געזאָגט.

פֿעללע האָט גאָרנישט נישט געענטפֿערט. ער איז אין איין אָטעם נעלאָפֿן זוכן לאַססען, צונויפֿפּיילנדיק די פֿויסטן אין אָנמעכטיקן כּעס. אָט פֿאַראורטיילן זיי אים אַלע ווי איינער. אָבער נישט געקוקט אויף זיין קראַפֿט און יוגנט און פֿעיקייטן איז ער נישט געווען בכּוח צו דערנערן זיין פֿאַמיליע. יאָ, די לאַגע איז געווען אַזוי עקלהאַפֿט, אַז דער מענטש האָט נישט געקאָנט נאָכגיין זיין נאַטירלעכן דראַנג און בויען אַ פֿאַמיליע נישט פֿאַראורטיילנדיק זי אויף הונגער.

זאָל דער רוח כאַפּן דעמדאָזיקן אידיאָטישן סיסטעם! אויב ער איז דאָס נישט געווען בכּוח, דאַרף ער האָבן דאָס רעכט אים צו ווענדן צו בעסערן. אויף דער „שטיין-גאַס" האָט ער דערהערט אַ הייזעריק, ציטערנדיק קול, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון אַ הויף. דאָס איז געווען דער פֿאָטער לאַססע. דער זאַק איז געשטאַנען לעבן אים, און אין אים איז געווען אַריינגעשטעקט אַ האַטשיק, מיט וועלכן ער פֿלעגט אויסקלויבן דעם אָפּפֿאַל. מיט איין האַנט האָט ער געהאַלטן דעם זאַק און מיט דער צווייטער האָט ער זשעסטיקולירט, קוקנדיק אַרויף צו די פֿענצטער בעתן זינגען. זיין ליד האָט געווילט די צוקוקער און ער האָט זיך באַמיט זי מאַכן נאָך קאָמישער, מיט דער הילף פֿון פֿאַרשידענע קאָמישע מינעס, וואָס האָבן נאָך שרעקלעכער בולט געמאַכט זיין נעבעכדיקע פֿיגור. בא פֿעללען איז אָפּגעשטאָרבן דאָס האַרץ, ווען ער האָט דערזעען דעם פֿאָטער אין אַזאַ לאַגע. ער האָט זיך באַהאַלטן אין טויער, כּדי איבערצוּוואַרטן, ווען דער פֿאָטער וועט ענדיקן זינגען. אין איינציקע ערטער פֿון ליד פֿלעגט ער זיך שלאָגן מיטן שטעקן איבערן קאָפּ און גלייכצייטיק אויפֿהייבן איין פֿוס. ער האָט אַ לאַדע מינוט געקאָנט פֿאַרלירן די גלייכגעוויכט, און די גאַסן-יינגלעך, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, האָבן אים געצופּט פֿאַר די שמאַטעס און שיער נישט אומגעוואָרפֿן.

דאַן פלעגט ער בלייבן שטיל. פלעגט זיי איינגעמען מיט זיין ציטערנדיק קול און דערנאָך ווייטער זינגען:

„הערט אויס אַ זקן, איר מענטשן גוטע!
הערט מיין ביטערן גורל דעם שווערן!
מיין געבוירט האָט געשענדעט מיין לייבלעכע מוטער
און זי האָט די ברוסט מיר געגעבן מיט טרערן!
אָן אַ פאָטער געוואַקסן, ווייס איך נישט זיין יחוס,
אָבער חרפּה און שאַנד זענען לאַנג שוין פאַרגעסן.
בלויז איצט אין געזאַנג דערמאָן איך עס,
כ'בין הונגעריק, כ'לייד, גיט עפּעס צום עסן.

ערלעך, אָן חכמות געלעבט אויף דער וועלט,
גיי איך אין טראַנטעס, מיט באָרוועסע פיס.
אין משפחה בא אונז זענען דאָ אויך מוצלחים,
מיין ברודער, למשל, איר קענט אים געוויס.
אָבער אונזערע וועגן — זיי זענען פאַרשידן,
זיין שטוב איז פול אוצרות און איך בין צופרידן
ווען קרופּניק מיט נישט שמאַלץ אָן מיין מאָגן;
אָך, קינדער, איך וועל אייך קיין ליגנט נישט זאָגן.

מיין ברודער דער רייכער. ער וווינט אין פּאַלאַצן:
אין זילבער געצירט איז זיין פערדס געשפּאַן;
ער האָט בלויז תענוגים, ער פרעסט ביז צום פּלאַצן
און שאַרט אָן געלט, מען ווייסט נישט פון וואַן.
זיין גאָלד און זילבער און איידעלע שטיינער
זיי וואַקסן אליין — ער דאַרף גאָרנישט טון.
איך וועל אים ירשענען, איך און נישט קיינער,
דערווייל אָבער הונגער איך, זעטיקט מיך אָן.

עס האָט מיך אמאָל שיער געטראָפן א נס;
גאָט האָט זיך אָן אונז, קבצנים, דערמאָנט;
מיט מן האָט דער הימל גערעגנט — נעם עס,
האָב איך ס'לעפל פארלוירן און גסן נישט געקאָנט.
מיין ברודער דער גביר האָט גענומען פאַר זיך
אַלץ, וואָס פאַר מיר איז באַשטימט געווען;
געפרעסן אזוי, ווי נישט אין זיך
און איך, א הונגעריקער, האָב צוגעזען.

נעם וואָס דו קאָנסט נאָר מיט יעדן עבר!
טרעפט דיך א צרה, — וויין נישט מיין פריינט!
גלייב, אז אויף יענער זייט קבר
באַקומסטו אַלץ, וואָס דו האָסט נישט היינט.
גיט אויף תכריכים, גיט א נדבה.
כ'בין בלינד כמעט און די אויגן טרערן.
איך טו אָבער אייערע שטימעס הערן;
כ'וועל טון תפילה פאַר אייך, גיט א נדבה.

דעם אָרימענס רייכטום דאָס זענען די קינדער,
און איך בין אַן עושר: איך האָב א זון.
מיט פרייד שפּיר איך נאָך — איך, דער בלינדער
יעדן טריט פון זיין לעבן — צי ווייסט ער דערפון?
נישט לאַנג וועט לאַססע דער אַלטער נאָך לעבן;
שוין מיד איז ער קלויבן די שמאַטעס אין מיסט;
אָ, גיט א נדבה אַן אַלטן און קראַנקן,
א בלינדן בעל־מום — לאָזט נישט בעטן אומזיסט.

וועו לאַססע איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט עמעץ אין א פענצטער
[...]נפּאַטשט בראַוואָ און אויפן הויף האָבן גענומען פאַלן מטבעות, פאַר־
[...]יקלטע אין פּאַפּירלעך. ער האָט זיך געדרייט אין אַלע זייטן, זיי צו־
[...]יפקלויבנדיק. דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן דעם זאַק אויף דער פּלייצע
[...]ן שטאַרק איינגעבויגן אויף פאָרנט — אַרויס פון הויף.

— פאַטער! — האָט פעללע אויסגערופן אין פאַרצווייפלונג. — פאַטער!...

לאַססע האָט זיך תיכף אויסגעגלייכט און פאַרזשמורעט זיינע קורצ־זיכטיקע אויגן, באַמיענדיק זיך צו זעען פעללען, וועלכער איז געשטאַנען אין טויער.

— ביסט דאָ, מיין יינגל? אָך, דיין קול האָט מיך איצט דערמאַנט יענע צייט, ווען דו, נאָך אַ קליין קינד, פלעגסט מיך רופן צו הילף, ווען עמעצער פלעגט דיך באַליידיקן. — דער אַלטער האָט געציטערט מיטן גאַנצן קערפער. — האָסט זיכער אַלץ געהערט. און איצט שעמסטו זיך פאַר דיין אַלטן פאַטער? — ער האָט זיך נישט דערוועגט צו קוקן דעם זון אין די אויגן אריין.

— פאַטער, איצט וועסטו גיין מיט מיר אַהיים, הערסט? — האָט אים פעללע געזאָגט, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס.

— ניין, פאַר קיין פאַל נישט. האָסט נישט פאַר דיינע אייגענע; ניין, ניין. לאָז מיך צורו. כ'וועל זיך אַליין אַן עצה געבן. כ'בין דאָך וואָס און געזונט, מיר איז גוט.

— וועסט גיין מיט מיר אַהיים — די קינדער בענקען נאָך דיר, עללען פרעגט זיך נאָך אויף דיר יעדן טאָג.

— יאָ, גוט. אָבער איך וויים אויסגעצייכנט, וואָס זי וועט טראַכטן, ווען איך וועל אָפּנעמען בא דיינע קינדער דאָס לעצטע שטיקל ברויט, און חוצדעם בין איך איצט אַ שמאַטע־קליובער. ניין, ניין, בעסער שטעל מיך נישט פאַר קיין נסיון.

— קום מיט מיר. זאָל זיין, וואָס עס וויל זיך. פאַטער, איך קאָן דאָס מער נישט אַריבערטראָגן!

— נו, אויב אַזוי, וועל איך דיר שוין מוזן דערציילן מיין חרפה, קינד מיינס. ווייסט, כ'וווין מיט אַ פרוי. כ'האָב זי געטראָפן דאָרט, וווּ מען וואַרפט אָפּ דאָס מיכט, זי האָט דאָרט געקליבן אָפּפאַל פּונקט ווי איך. כ'האָב דאָרט איינגעאָרדנט פאַר זיך אַ ווינקל און דאָרט גענעכ־טיקט, ביז איך וואָלט צוגעזוכט עפּעס בעסערס. זי האָט מיר פאָרגעלייגט צו גיין מיט איר, זאַלבעצוויים וועט פאָרט זיין וואַרעמער. זייט דאַן זע־נען מיר צוזאַמען. אפשר וועכטו אַריבערגיין צו אונז, אַז מיר האָבן זיך שוין יאָ געטראָפן? וועסט אַליין זעען אונזער גאַנצע ווירטשאַפט. דאָס איז גאַר נאָענט.

זיי האָבן זיך פאַרנומען אין אַ שמאָל געסעלע און זענען אריין

אין אַ טויער. אין הינטערשטן הויף איז געשטאַנען אַ חרוב שטיגל ענגלעך אויף די רעשטלעך פון אַ דאָרפישער כאַטקע. דאָס איז געווען לאַססעס דירה; דער דיל איז געווען אַן ערדענער, און עטלעכע צעפּאָרענע ברעטלעך האָבן געדאַרפט פאַרבייטן אַ פּילאָפּ. אונטערן פּולאָפּ זענען געהאָנגען שטריק, און אויף זיי האָבן זיך געטרוקנט שמאַטקעס. פּאַפּיר און עטלעכע פּאַסקודסטוואָ, וואָס איז אַרויסגעצויגן געוואָרן פון מיסט. אין אַ ווינקל פון צימער, אויף זייער אַ נידעריק אייזערן אייוועלע האָט זיך געקאָכט קאַווע, פאַרשפּרייטנדיק אַן אָנגענעמען גערוך, וועלכער האָט אַ ביסל פאַרשלאָגן דעם עקלהאַפטן געשטאַנק, וואָס דערדאָזיקער גאַנצער אָפּפאַל האָט פאַרשפּרייט. לאַססעס גאַנצע פיגור האָט אויסגעדריקט צופרידנהייט.

— די הענט זענען בײַ מיר עפּעס ווי אָפּגעהלשט, — האָט ער געזאָגט, — כ׳בין אַ ביסל דורכגעפרוירן. אָט איז מיין מאַמעלע, און דאָס איז מיין זון, פעללע! — און ער האָט מיט פאַרגעניגן אַ גלעט געטון די באַק פון זיין נייער לעבנס־באַגלייטערין.

דאָס איז געווען אַ גאָר אַלטע פרוי, אַ שמוציקע און אָפּגעריסענע; איר פּנים איז באַשאָטן געווען מיט אַ רויטן אויסשלאַק, זי האָט אים, ווייזט אויס, אַריינגעכאַפּט נישטערנדיק אין מיסט. אָבער דער גוטער אויסדרוק פון אירע אויגן האָט געצוווּנגען צו פאַרגעסן וועגן איר שרעקלעכער אויסערלעכקייט.

— אָט דאָס איז פעללע? — האָט זי געזאָגט, אַ קוק טוענדיק אויף אים. — אָט סאַראַ ער איז! זיין נאָמען הערט מען כסדר; ער ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, הגם ער האָט נישט קיין געלע האָר.

פעללע האָט אומבאַדינגט געמוזט אויסטרינקען מיט זיי קאַווע.

— מיר וועלן דיך נאָך מכבד זיין מיט אַ פּוטערברייטל, ווייל קיין בעסער אָוונטברויט דערלויבן מיר זיך נישט, — האָט לאַססע געזאָגט. — מיר לייגן זיך פרי שלאָפן, און מיט אַ פולן מאָגן שלאָפט מען שלעכט... וואָס זאָגסטו עפּעס וועגן אונזער דירה? — לאַססע האָט זיך מיט שטאָלץ אַרומגעקוקט. — מיר צאָלן פאַר איר נישט מער ווי פיר קראָן אַ חודש, און אַלץ וואָס אינעווייניק האָבן מיר זיך איינגעשאַפט אומזיסט. מיר האָבן אַלץ געבראַכט צו שלעפּן פון דעם מיסט־גרוב, אפילו דאָסדאָזיקע אייזערנע אייוועלע. און גיב נאָר אַ קוק אויפן דאָזיקן שעניק. באמנות, ער איז גאָרנישט שלעכט. ס׳האָבן זיך געפונען אַזעלכע גוטע מענטשן, וואָס האָבן אים אַרויסגעוואָרפן. דאָס אייזערנע בעטל האָבן מיר אויך אויסגע

גראָבן טאַקע דאָרט, דאָס איבערגעבראָכענע פּיסל האָב איך אונטערגע־
בונדן. נעכטן האָט די מוטער געבערענגט צו שלעפּן די פּאַרהאַנגען, און
אָט איצט הענגען זיי שוין אויף די פענצטער. ווי גוט, וואָס זיי האָבן
אַזוי פיל, אַז זיי מוזן אַרויסוואַרפן דעם איבערפלוס.

לאַססע האָט געהאַט זייער אַ צופרידענעם אויסזעען; די אַלטע
האָט געזאָרגט פאַר אים, ריכטיק, ווי ער וואָלט געווען דער געליבטער פון
איר יוגנט. זי האָט אַראָפּגעצויגן פון אים די שטיוול און אָנגעטון אים
אויף די פיס שטעקשיך פון שמאַטקעס, דערנאָך האָט זי גענומען פון
ווינקל אַ לאַנגע פייקע און זי אים צוגעטראָגן צום מויל; ער האָט זיך
גוטמוטיק פונאַנדער־געלאַכט.

— זעסט דידאָזיקע פייקע, פעללע? נישט אמת, כ׳זע אויס מיט
איר ווי אַ באַגדיכאָן. דאָס האָט די מוטער אָפּגעשפּאָרט, כ׳האָב אפילו
קיין חשד נישט געהאַט, זי האָט געקויפט אַזאַ לאַנגע, אַז כ׳קאָן זי אַליין
נישט אָנצינדן.

לאַססע האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער שטול, בעת זי האָט אָנ־
געצונדן די פייקע. דערנאָך האָט ער באַגלייט פעללען איבערן הויף.

— ווי געפינסטו אונזער לעבן?

— כ׳בין זייער צופרידן, וואָס דיר איז גוט, — האָט פעללע הכנעה־
דיק געענטפערט.

לאַססע האָט אים געדריקט די האַנט.

— אַ דאַנק דיר. כ׳האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט מיך פאַראור־
טיילן. פריער ביסטו געווען זייער שטרענג אין דאָזיקן פרט. ווייסט, מיר
וואָלטן, פאַרשטייט זיך, געקאָנט אויך חתונה האָבן — עס זענען קיין
שום שטערונגען נישטאָ. דער גאַנצער אָפּהאַלט איז אין דעם געלט. ווייסט
אַליין, סאַראַ שווערע צייט היינט איז. און טאָמער וועלן קומען קינדער,
וואָס וועלן פּרעטענדירן אויף געזעצלעכקייט, — פאַר דעם האָבן מיר
נישט וואָס מורא צו האָבן.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פעללען איז געווען זייער שווער
אויפן האַרץ, האָט ער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון געלעכטער.

— קום אַריין צו אונז, מיר וועלן תמיד זיין צופרידן מיט דיין
באַזוך, — האָט לאַססע געזאָגט. — אָבער דערצייל גאָרנישט עללען, זי
איז זייער שטרענג אין דאָזיקן פרט.

XXXIII.

פעלע האָט גאַרנישט געהאַט בדעה צו דערציילן וועגן דעם עללען. ער האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו רעדן מיט איר וועגן וואָס דאָס זאָל נישט זיין. זי איז געווען ווי אַ ווינטערדיקע זון. פעלע האָט זיך שוין פון לאַנג אָפגעזאָגט פון נאָענטקייט מיט איר. ער האָט זיך שוין פון לאַנג איבערצייגט, אַז זי האָט זיך באַצויגן גלייכגילטיק צו דעם, וואָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע אין זיין וועזן. ער האָט זיך צוגעוווינט צו זיין פולשטענדיקער איינזאַמקייט. זיין כאַראַקטער איז דערפון געוואָרן האַרטער און מוטיקער.

דער קליינינקער האָט גענומען צוקרענקען פון מאַנגל אין דערנערונג, און דאָס מיידעלע איז געווען אומרויִק דורך די נעכט. די קינדער האָבן אַ סך געוויינט און געהיסט. אין שטוב איז געווען אומהיימלעך. עללען האָט געשוויגן, זי האָט געהאַט עפּעס אַ געהיימנישפולן אויסזען. איר אויסדרוקפולער בליק האָט זיך שוין מער קיינמאָל נישט אָנגעטראָפן מיט זיין בליק, אָבער פעללע פלעגט אָפט פילן אויף זיך איר שאַרפן בליק. פאַר דער לעצטער צייט איז זי שטאַרק מאָגער געוואָרן, און דאָס האָט איר צוגעגעבן אַ פאַנאַטישן אויסדרוק, מיט אַ צומיש פון עפּעס גיפטיקס, ווי פעללען פלעגט זיך אַמאָל אויסדאַכטן. צייטנווייז איז ער גרייט געווען אָפּצוגעבן זיין לעבן, כדי צו הערן אַ וואָרט פון ליבע פון דערדאָזיקער פרוי.

ער האָט אַלץ ווינציקער און ווינציקער פאַרשטאַנען עללען און ער האָט זיך שטאַרק מורא געהאַט פאַר איר. דער שלעכטער געזונט־צושטאַנד פון די קינדער האָט זי געפייניקט; זי האָט זיך געמיט זיי באַרויִקן, ווען זיי פלעגן וויינען, און איר קול איז געווען אַזאַ מאָדנע, אַז פעללען פלעגט אַרומכאַפּן אַ פאַנישע שרעק. אַמאָל פלעגט זיך אים דאַכטן, אַז זי וועט עפּעס טון מיט זיך און מיט די קינדער, און ער פלעגט מיט איין אָטעם לויפן אַהיים.

איינמאָל, ווען ער איז געקומען צו לויפן אַהיים אונטער דער ווירקונג פון אַן אומבאַגרינדעטער מורא, האָט ער אומגעריכט דערזען

עללען אַ רויקע און מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. זי האָט אַוועקגעלייגט פאַר אים אויפן טיש פינף און צוואַנציק קראָן.

— וואָס איז דאָס אַזוינס? — האָט פעללע פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— כ'האָב עס געווונען אין דער לאָטעריע, — האָט עללען געענטפערט.

אָט צוליב וואָס זי האָט די לעצטע טעג געהאַט אַזאַ געהיימניש־פולן אויסזעען; זי האָט ריזיקירט מיט די לעצטע גראָשנס און זיך געשראָקן, אַז ער וועט זיך דערוויסן וועגן דעם.

— פונוואַנען־זשע האָסטו גענומען געלט? — האָט ער געפרעגט.

— אַננאַ האָט מיר געגעבן, דאָס איז מיין אַלטע חברטאָרין; איצט קאָנען מיר רופן אַ דאָקטאָר, קויפן רפואות און בכלל אַלץ, וואָס נייטיק, — האָט זי געזאָגט.

דאָס געלט האָט זיי געענדערט, און פאַרבעסערט זייערע באַציוגען. עללען איז געוואָרן צו אים צאַרטער ווי פריער, און כסדר אים געקעכלט, ס'האָט זיך געשפּירט אין איר עפּעס נייעס, ווי זי וואָלט חרטה געהאַט אויף עפּעס, און דאָסדאָזיקע געפיל האָט געמאַכט איר באַציונג צו פעללען ווייך און פול מיט ליבע; פעללע האָט זיך ווידער ליידנשאַפטלעך צוגעבונדן צו דער שטוב און זיך תמיד געאיילט צו זיינע בני־בית. דאָס איז געווען אַ מין רעאַקציע; פריער האָט זי אָן באַוואָרענישן פאַראורטיילט זיין טעטיקייט, איצט האָט זי, ביז אַ געוויסער מאָס, זיך אינטערעסירט מיט זיין אַרבעט און אוממיטלבאַר אים אונטערגעשטיצט. נישט געקוקט אויף דער כלומרשט גלייכגילטיקער באַציונג, איז זי זייער גוט אינפאַרמירט געווען וועגן אַלץ. בכלל האָט זי זיך אינגאַנצן געענדערט. אַ שטרענגע און אַנטשלאָסענע, איז עללען געוואָרן ווייך און אומאַנטשלאָסן אין אירע מיינונגען. זי האָט זיך נישט דערווייטערט פון אַלץ, ווי פריער, און אַמאָל פלעגט זי זיך הכנעהדיק אונטערגעבן. זי האָט זיך מער נישט געהאַלטן פאַר אומבאַדינגט גערעכט. איינמאָל אינאָוונט האָט זיך פעללע געגאָלט פאַרן שפּיגל; ער האָט אָפּגעגאָלט זיינע שיינע וואָנסעס און האָט איצט אונטערגעשוירן די לעצטע הערעלעך. עללען האָט זיך געוויילט מיט דעם, ווי שטאַרק דאָס האָט אים געביטן.

— איך קאָן דיך קוים דערקענען, — האָט זי געזאָגט.

ער האָט געמיינט, אַז זי וועט אויף אים אין כעס ווערן דערפאַר,

זי האָט זיך אָבער באַצויגן צו אַלץ זייער מילד. ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס זי האָט זיך אַזוי שטאַרק געענדערט. ווען ער האָט זיך געענדיקט גאָלן, איז ער צוגעגאַנגען צום קליינינקן לאַסטע. אָבער דערדאָזיקער האָט זיך דערשראָקן און אויפגעהויבן אַ שרעקלעך געשריי; פעללע האָט אָפּגעשוואַרצט דאָס פּנים און די האָר, אָנגעטון אַלטע אַרבעטס-בגדים און איז אַוועק אויף דער מאַשין-פאַבריק. די אַרבעט איז אַוועק אין פולן גאַנג. מען האָט געאַרבעט אין צוויי שיכטן, באַטאָג און באַנאַכט, מיט דער הילף פון שטרייקברעכערס, וועלכע מען האָט גערופן „אַרעסטירטע", ווייל מען האָט זיי נישט אַרויסגעלאָזט פון פאַבריק.

די מעטאַל-פאַבריקאַנטן האָבן זיך באַמיט אַוועקצולאָזן אויך אַ צווייטן אינדוסטריע-צווייג, און דערנאָך וועט ביסלעכווייז געלאָזט ווערן אין גאַנג די גאַנצע מעטאַל-אינדוסטריע, און זיי וועט מער נישט בלייבן ווי שטיין אויף דער גאַס און צוקוקן זיך. אָבער פעללע וועט זיך באַמיען דערלאַנגען זיי אַ קלאַפּ. ער איז אַוועק פון שטוב אין אַ גוטער שטימונג און דאָס וועט אים העלפן צו דערגרייכן אַ דערפאָלג.

ער האָט זיך אומבאַמערקט דורכגעגנבעט פאַרביי די אַרבעטער-שמירהס און איז צוגעגאַנגען צום טויער.

— וואָס זאָגסטו נישט צו זיי, פאָפן, די שדים! — האָט פעללע אַ טראַכט געטון אַן אויפגעבראַכטער און ער האָט זיי שיער נישט פונאַנדערגעטרייסלט, וואָס וואָלט זיכער קאַליע געמאַכט דאָס גאַנצע עסק...

ער האָט אָנגעקלאַפּט. דער שומר האָט אויפגעעפנט און אים אַוועקגעפירט צום עלטסטן מייסטער, וועלכער איז, צום גליק, געווען אַ דייטש.

פעללען האָט מען אָנגענומען אין דער גיסעריי פאַר זייער אַ הויכן לוין, חוצדעם האָט מען אים צוגעזאָגט פינף-און-צוואַנציק קראָן טרינקגעלט, אויב ער וועט אָפּאַרבעטן אַ געוויסן טערמין.

— דאָס אין יודאָס געלט, — האָט דער מייסטער געזאָגט, צעגיסנדיק זיך אין אַ שמייכל. — נאָך דערדאָזיקער גאַנצער סומאַטאָכע וועט מען אייך צונעמען פון די ערשטע. אָבער איצט וועט מען אייך פונדאַנעט נישט אַרויסלאָזן! אויב איר ווילט עפּעס שיקן אייער ווייב, גיבט מיר דאָס אויף זיך, — און פעללען האָט מען אָנגעוויזן אויף אַ שטרויען געלעגער אין אַ ווינקל: דאָס איז געווען זיין צימער און זיין בעט.

די אַרבעט איז געגאַנגען אויף חיפּיל דאָס איז מעגלעך געווען. די אַרבעטער פּלעגן זיך וואַרפן אויף איר מיט פאַרביסנקייט, און דערנאָך זיך צעהומדרייען אָן אַרבעט, זיך צוזאַמענעמען גרופּנווייז, רעדן, בכלל טון אַלץ, וואָס זיי פּלעגט געפעלן. די מייסטערס האָבן זיך נישט דערוועגט זיי אָפּצוהאַלטן; ווען זיי פּלעגן מאַכן אפילו אומשולדיקע באַמערקונגען, פּלעגן די אַרבעטער ענטפערן מיט גראָבקייטן. די אַרבעטער האָבן אויסגענוצט דאָס, וואָס מען האָט זיי טייער געהאַלטן און זיך אויפגעפירט ווי אמתע טיראַנען. ווי עפּעס, פּלעגן זיי דראָען אַוועקצוגיין און וואַרפן די אַרבעט. מיט דידאָזיקע דראָונגען האָבן זיי געהאַלטן אין האַנט די אַדמיניסטראַציע. מען האָט זיי געצאָלט זייער אַ סך און מען האָט זיי פיין אויסגעהאַלטן. די אַרבעטס-צייט איז געווען קירצער ווי געווײנלעך. זיי האָבן נישט קלאָר באַגריפן דידאָזיקע ענדערונג און זיך געבלאָזן מיט גרויס חשיבות. אָבער ערגעץ טיף אין זייערע אויגן האָט מען געזען אַן אומצוטרוי, ווי זיי וואָלטן זיך באַציִען איינע צו די צווייטע מיט חשד. אָרטיקע אַרבעטער זענען געווען ווייניק (די מערהייט איז געקומען פון אויסלאַנד), זיי האָבן זיך געהאַלטן אין אַ זייט און האָבן אָפּן פאַראַכטעט די אָנגעפּאָרענע פון אויסלאַנד, וועלכע האָבן געוואָלט כאַפּן פיש אין מוטנעם וואַסער.

מען האָט געאַרבעט אין דריי שיכטן, יעדע צו אַכט שעה.

— נישקשה, — האָט פּעללע אַ טראַכט געטון, — דאָ איז שוין איינגעפירט דער אַכט-שעהדיקער אַרבעטס-טאָג. אָט איז זי, די אָנקומענדיקע אָרדנונג.

ער איז געקומען בעת אַ שיכט-אָפּבייט. דער הויף איז געווען אַן אומבאַשרייבלעכער; מען האָט געבאָנצעט אין מעטאַלענע זאַכן, מען האָט געשריגן און געפאָדערט עסן און בראָנפן. מען האָט אַריינגעבראַכט גרויסע קעסלען מיט פלייש און קאַרטאָפל. פּעללע איז צוגעשטאַנען צו אַ גרופּע פון זעקס מענטשן.

— עס, חבר, — האַבן זיי געזאָגט, — ביסט, מסתמא, הונגעריק. ווי לאַנג ביסטו געווען אָן אַרבעט?

— דער דריטער חודש, — האָט פּעללע געענטפערט.

— הייסט עס, אַז דו ביסט הונגעריק. עי, ברענגט שנעלער פלייש! נאָך פלייש! — האָבן זיי געשריגן צו די קיך-פויערים. — די קאַרטאָפל לאָז פאַר זיך, כאַפּט דיך דער רוח. מיר עסן זיי אַזוי אויך דאָס גאַנצע לעבן. מען האָט אונז געזאָגט, אַז מיר וועלן דאָ אַ סך פאַרדינען, ווינ-

ציק אַרבעטן. און מען וועט אונז געבן איבערגענוג שפּייז און בראָנפן. גוט, וואָס מיר האָבן זיך לאַנג נישט אונטערגעגעבן, אָט גיט מען אונז. ענדלעך, ווי ס'געהער צו זיין. פאַר דיין געזונט, עי, ווי רופט מען דיך!

— קאַרלסען, — האָט פעללע געענטפערט.

— פאַר דיין געזונט, קאַרלסען. און ווי שטייען די געשעפטן באַ אייך? האָסטו אפשר געזעען מיין ווייב? מען קאָן זי לייכט דערקענען — מיר האָבן זיבן קינדער און אַלע זענען הונגעריק.

— ווי גייט באַ אייך דער קאַמף פאַר אַ העכערן לוין?

דערווייל האָבן זיי גענומען שפּילן אין קאָרטן און טרינקען בראָנפן; אין אייניקע פונקטן האָבן זיך פונאַנדערגעפלאַקערט קריגערייען, ווי אַ שד וואָלט זיך באַזעצט אין זיי, זיי פלעגן כסדר רייצן איינער דעם צווייטן.

— זעץ זיך צו שפּילן מיט אונז, חבר, און מאַך אַ כוסה, — האָבן זיי איינגעלאַדן פעללען. — מען מוז זיך דאָך מיט עפּעס-וואָס פאַרווילן אין דאָזיקן פאַרשאָלטענעם אָרט. מען קאָן דאָך נישט שלאָפן זעכצן שעה אַ מעת-לעת.

אין פאַבריק איז געשטאַנען אַן אומגעהייערער טומל. אַ הו-האַ, מען האָט געהערט זידלערייען, — ריכטיק ווי דאָס וואָלט גאָרנישט געווען קיין פאַבריק. נאָר אַ ריזיקע שענק. יעדער איינער האָט געשריגן און געדעשט, ווי ער זאָל וועלן עפּעס פאַרטויבן אין זיך. געטראַנקען האָט מען פאַרקויפט דאָ אויפן אָרט. כמעט אַלץ, וואָס די אַרבעטער פלעגן באַקומען, פלעגט דאָ תיכף פאַרטרונקען ווערן.

„עס פייניקט זיי דאָס געוויסן" — האָט פעללע געטראַכט. אין תוך גענומען זענען זיי גוטע חברים. ער האָט געהאָפט, אַז זיין דרייסטער פּלאַן וועט פאַרווירקלעכט ווערן. די גרופּע דייטשע אַרבעטער האָט נישט גענומען קיין אָנטייל אין שכורן; זיי האָבן זיך אַלע באַזעצט אין ווייטסטן עק פון פאַבריקס-לאָקאַל. די דייטשן זענען אַהערגעקומען, כדי צו פאַרדינען. אין איין אַרבעטער-גרופּע האָט זיך צעפלאַקערט אַ קריגעריי צוליב קאָרטן; זיי האָבן זיך געפערלעך געזידלט, דערביי איז דאָס שענדלעכסטע וואָרט געווען דאָס וואָרט „שטרייקברעכער". הערנדיק עס, פלעגן זיי ווערן אויפגעקאָכט, ווי עס זאָל פּלאַצן אַן אָנגעריסענער געשוויר; די חרפּה און פאַרביטערונג, וועלכע זיי האָבן איבערגעלעבט, פלעגן זיך ענדלעך אַרויסרייסן אויף דער אויבערפלאַך. זיי פלעגן זיך וואַרפן איינער

אויפן צווייטן מיט מעסערס און אינסטרומענטן. די פּאָליציי, וואָס האָט געטאָגט און גענעכטיקט אין די ווענט פון דער פאַבריק, האָט איינגעשטעלט די שטילקייט. איינעם אַ פאַרווונדעטן שמיד האָט מען באַנדאַזשירט אין דער קאַנטאָר, אַרעסטירט האָט מען קיינעם נישט.

מיטאָמאָל איז אויף אַלעמען אַרויפגעפאַלן אַ פולשטענדיקע אויסגעשעפּטקייט.

זיי זענען אַלע געגאַנגען אַרום פּעללען. ער איז געווען אַ פרישער צווישן זיי און ער איז נאָר־וואָס געהאַט געקומען פון דער פריי.

— וואָס הערט זיך דאָרטן? — האָבן זיי אים נישט אויפגעהערט פונאַנדערצופרעגן.

— גאָרנישט, דאָרט איז בעסער, ווי דאָ, — האָט פּעללע געענטפערט.

— דו זאָגסט, אַז זיי לעבן נישקשה. און אונז האָט מען געזאָגט, אַז זיי ווילן זיך שוין אונטערגעבן.

— ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט?

— די קאַנטאָר־באַאַמטע האָבן דאָס אונז געזאָגט.

— זיי נאַרן אייך אומישנע אָפּ, כדי אייך איינצוהאַלטן דאָ.

— דו זאָגסט ליגנט? וואָס הייסט, אַז אונז איז ערגער ווי זיי? ענטפער.

— מיר וועלן קיינמאָל נישט אַרבעטן ווי ס׳געהער צו זיין. אונזערע חברים וועלן מנצח זיין, און ווען זיי וועלן באַקומען די אַרבעט, וועלן זיי פאָדערן, מען זאָל אונז אַרויסיאָגן פון פאַבריק.

— דער טייוול ווייסט, וואָס דאָ טוט זיך, אַבי מען האָט אונז צוגעזאָגט צו געבן די בעסטע אַרבעט! — האָט אויסגערופן אַ הויכער און פעסטער שמיד. — דו זאָגסט אָבער ליגנט! צוואָס ביסטו דאָ געקומען, אויב איר זענט דאָרט מנצח? ענטפער! קיינער וועט נישט אַראָפּקומען אין דאָזיקן גהינום אַריין, אויב עס וועט אים נישט פאַרטרייבן אַהער די גרעסטע נויט.

— וואָס שייך דעם בוגד זיין אין חברים, רעכן איך, אַז דאָס איז באַקאַנט. און אפשר וויל איך זיך דערוויסן, ווי זיס עס איז דאָס ברויט, וועלכעס מען רייסט אַרויס פון אַ הונגעריקן.

— דאָס איז אַ ליגנט. דאָ זענען נישטאָ קיין אויסוואורפן. דו ווילסט אונז שיטן זאַמד אין די אויגן, דער רוח זאָל דיך כאַפּן!

— גיב אים איבערן האַלז, — האָט דער צווייטער געזאָגט. — דאָ

איז עפּעס נישט גלאַטיק. וואָס וואַקסטו דאָ, ביסט אַ שפּיאָן, צי וואָס ? ביסט אפשר אויך פון יענע שוטים...

פעללעס פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם, ער זאָל זיך נישט אויס־געבן פאַר דער צייט און פאַרזיכטיק אָנטאַפּן דעם באָדן, ער איז אָבער אַרויס פון די כלים.

— ווי האָסטו די העזה אָנצורופן שוטים ערלעכע מענטשן ? — האָט פעללע אויסגערופן אַן אויפגעבראַכטער. — ווייסט איר דען, ווער איר זענט ? איר זענט חזירים ! איר וואַלגערט זיך דאָ און פרעסט זיך אָן אויפן חשבון פון אייערע הונגעריקע חברים. איר זענט פאַררעטער, וואָס האָבן ביגד געווען אין דער גערעכטער זאַך. מען האָט אייך אונטערגע־קויפט מיט שמוציק געלט. וויפיל האָט איר באַקומען ? פינף־און־צוואַנציק קראָן, וואָס נישט ? און זיי הונגערן דאָרטן, הונגערן ביז צום טויט, טריי צו זייער פליכט, הונגערן צוליב אייך, יאָ, צוליב אייך אויך, כדי צו שאַפן אַ בעסערע צוקונפט.

— פאַרשטאָפּ דיין פּיסק, — האָט געענטפערט דער שמיד. — דיר איז גוט צו רעדן, האָסט נישט קיין קיין ווייב מיט קיין קינדער.

— דו ווינסט, דאַכט זיך, אויף דער יעגער־גאַס ? — איז פעללע אויף אים אַרויפגעפאַלן. — איז וואָס, שיקסט דיין פאַמיליע געלט ? טאָ פאַרוואָס־זשע הונגערן זיי אַזוי שטאַרק ? נעכטן האָט מען זיי אַרויסגע־וואָרפן אויף דער גאַס. די אָרגאַניזאַציע האָט זיי ווי־נישט־איז איינגע־אָרדנט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָס איז אַ פאַמיליע פון אַ שטרייקברעכער.

פעללע אַליין האָט זיך באמת זיי איינצואָרדנען.

— צי איך שיק זיי ? אויף מיין נאמנות, כ׳האָב זיי געוואָלט שיקן. אָבער בײַ אונזער פאַרשאָלטן לעבן קאָן מען נישט איינהאַלטן קיין ביסל געלט. און איצט היט זיך ! — און דער שמיד האָט פאַרקאַשערט די אַרבל פונם העמד, אַנטבלויזנדיק אייזערנע מוסקולן ; ער איז געווען שכור און ער האָט זיך געגרייט אַרויפצוּוואַרפן אויף פעללען ווי אַ צעיוי־שעטער אָקס.

— וואַרט נאָר אַ ווײַלע, — האָבן אים די איבעריקע אָפּגעהאַלטן. — מיר דאַכט זיך, אַז כ׳האָב דיך געזעען אַמאָל. זיי מוחל, ווי אייגנטלעך רופט מען דיך.

— ווי מען רופט מיך ? גוט, כ׳וועל אייך זאָגן. איך בין — פעללע. זיין נאָמען האָט אַ קראַך געטון ווי אַ דונער. בליצן האָבן זיך

אַנגעצונדן אין זייערע אויגן. דעם שמידס הענט האָבן זיך אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך אָפּגעקערט אַ פּאַרשעמטער. פּעללע איז געווען צווישן זיי. זיי האָבן אים פאַרלאָזט, זיי האָבן אים פאַרראַטן. און אָט איז ער דאָ, מיט זיי, ער שמייכלט צו זיי. ער האָט נישט אין זיך קיין צאָרן. ער רופט זיי „חברים“, ער פאַראַכטעט זיי אַפילו נישט.

— פּעללע איז דאָ, פּעללע איז דאָ, — האָבן זיי גערעדט מיט אַ פאַרשטיקט קול; דידאָזיקע ידיעה האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן אַלץ ווייטער און ווייטער, זיין נאָמען האָט מען איבערגעחזרט מיט עפּעס אַ פאַרלעגנהייט.

אומעטום האָט מען געהערט אַ געמורמל.

— צו אַלדי רוחות, — צי דען איז פּעללע געקומען? — פלעגן די אַרבעטער אויסרופן און זיך שטעלן אויף די פיס.

פּעללע איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ הויכער קאָוואַדלע.

— שטיל! — האָט ער אויסגערופן מיט אַ דונערנדיק קול. — שטיל!

אין זאַל איז אַנטשטאַנען אַ טויטע שטילקייט. מען האָט געקאָנט הערן זייער אָפּגעריסענעם אָטעם. עס זענען געקומען צו לויפן די מייסטערס און אים געוואָלט אַראָפּשלעפּן פון דער קאָוואַדלע.

— דאָ טאָר מען נישט האַלטן קיין רעדעס! — האָבן זיי געשריגן.

— דערוועגט זיך נישט אים צו שטערן, — האָט דער שמיד געזאָגט מיט אַ דראָונג. — איר זענט נישטיקע ברואים, צו נישטיק, איר זאָלט אים קאָנען שטערן רעדן. — דער שמיד האָט געכאַפּט אַ האַמער און זיך געשטעלט צופיסנס פון דער קאָוואַדלע.

— חברים, — האָט פּעללע פריילעך אָנגעהויבן, — מען האָט מיך געשיקט אַהער מיט גרוסן פון אייערע פאַמיליעס, פון אייערע פרויען, וועלכע גייען אַנשטאָט אייך אויף די קאַנטראָל-פּלעצער, פון אייערע פריינט און פון אייערע חברים לויט דער אַרבעט. „ווהין זענען אַהינגעקומען אונזערע פריינט?“ — האָבן זיי געזאָגט. — „מיר האָבן אַזוי פיל איבערגעלעבט צוזאַמען מיט זיי, מיר האָבן געטיילט מיט זיי פריידן און ליידן. צי דען וועלן מיר אָן זיי באַגעגענען די נייע צייט?“ אייערע ווייבער און אייערע קינדער פרעגן זיך נאָך אויף אייך. ס'איז שוין פרילינג. זיי קומט פאָר מאָדנע, וואָס זיי גייען נישט מיט אייך, מיטנעמענדיק קערב מיט שפּייז, הינטער דער שטאָט...

— ווייל זיי זענען נישטאָ, — האָט מיך דערהערט אַ פאַרשטיקט קול.

— פונקט סוינגט מענטשן מאַכן שלום מיט אַלע ליידן און באַקלאָגן זיך נישט, — האָט פעללע ערנסט געענטפערט. — זיי פרעגן זיך נאָך אויף אייך און פאַרשטייען נישט, פאַרוואָס דאַרפט איר האָבן מער פאַר זיי ? „צי דען האָט איר מער געטון פאַר דער באַוועגונג ?" — טענהן זיי. אָדער, אפשר זענט איר פירשטלעכע קינדער, פאַר וועלכע ס'איז קיין אָרט נישט אין זייערע רייען ? דרויסן איז שוין פרילינג, — האָט ער מונטער ווייטער גערעדט. — דער ווינטער איז פאַר די אָרימע פאַרשוואונדן. עס קומען אָן ליכטיקע טעג. און איר, ווו האָט איר זיך אהינגעטון ? פאַרוואָס זיצט איר אין תפיסה ? ווייסט איר דען, ווי עס רופן אייך אָן די „אויסגעשלאָסענע" פון דער אַרבעט ? זיי רופן אייך אָן „איינגעשלאָסענע ?"

אַ סך האָבן זיך איינגעהאַלטן פונאַנדערגעלאַכט.

— גוט געזאָגט, — האָבן זיי געזאָגט איינער צום צווייטן. — ער האָט דאָס זיכער אַליין צוגעטראַכט...

— זיי האָבן פאַר אונז אויך אַן אַנדערן נאָמען, — האָט מען שאַרף בעזאָגט אין המון.

— ריכטיק, — האָט פעללע געענטפערט. — דאָס איז אָבער דערפאַר, ווייל זיי הונגערן. דאַן פאַרלירן מענטשן דעם שכל, ווי איר ווייסט דאָס אַליין גאַנץ גוט, און מען איז מקנא די אַנדערע.

זיי האָבן זיך געשטופט צו אים אַלץ נענטער. זיינע ווערטער האָבן זיי געברענט, זיי האָבן זיי אָבער גיריק געשלונגען, זיי איז דורכדעם ספעס ווי לייכטער געוואָרן. קיינער האָט אויף זיי נישט געקאָנט האָבן אַזאַ ווירקונג ווי פעללע ; ער האָט תמיד געקאָנט דערהייבן אין יעדן זיין מענטשלעכע ווירדע. די דייטשע אַרבעטער זענען צוגעקומען נענטער און אָנגעשטרענגט געוואָלט פאַרשטיין, וועגן וואָס פעללע רעדט.

און פעללע האָט גענומען רעדן וועגן זייער פראַצע, וועגן זייער שוידערלעכער נויט, פון וועלכע עס קרענקען זייערע אומגליקלעכע פאַמיליעס ; און ערשט איצט האָבן זיי קלאָר באַגריפן דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן געדולדיק אַריבערגעטראָגן יאָרנלאַנג. זיי האָבן געשטוינט, ווי אַזוי זיי האָבן געהאַט כוח אַריבערצוטראָגן דידאָזיקע אומענדלעכע צרות, דאָס איז אָבער פאָרט געווען אַזוי. אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט, איז וואָרט באַ וואָרט דורך זיי איבערגעלעבט געוואָרן. זיי האָבן געשאָקלט מיטן

קאָפּ אַלס צייכן פון צושטימונג. דורך פּעללעס מויל האָבן זיי געהערט אַ וויי-געשריי, וואָס איז טיף אַריינגעדרונגען אין זיי, וואָס האָט גערעדט וועגן זייער ליידן, אָבער גלייכצייטיק איז אין זיינע רייד געווען אַ מעכטיקער רוף צו אַן אַנטשלאָסענעם, יאושדיקן קאַמף.

אַ פעסטער און אומדערשיטערלעכער איז ער געשטאַנען הויך איבער זיי, דער זיגערישער און שטראַלנדיקער פּעללע. זיינע ווערטער זענען אַלץ געוואָרן שאַרפער און שטאַרקער. ער האָט זיי פאַרגעוואָרפן פאַרראַט; ער האָט זיי דערמאַנט, פאַר וואָסער טייערן פּרייז די אַרבעטער האָבן אויסגעקעמפט זייער אחדות און ווי זי איז געוואָרן זייער געווער. אין קורצע און געניטע אויסדרוקן האָט ער אָנגעוויזן אויפן מונטערנדיקן ריטם פון דער באַוועגונג, וועלכן יעדער פון זיי הערט אין זיינע אויערן, דאָס זענען געווען ליבע באַקאַנטע קלאַנגען, היימישע לידער פון פאַמיליען-קרייז און פון דער מונטערער אַרבעט. פּעללע האָט זיי צוגעגעבן אַ נייעם ניואַנס. זיי האָבן פאַרגעסן, ווי היימלאָזע, די שטים פון זייערע מוטערס — דעריבער האָבן זיי נישט געקאָנט געפינען זייער היים; איצט האָט דידאָזיקע שטים זיי גערופן צוריק צו די אַלטע טרוימען אין אַ גליקלעך לאַנד. ער האָט דאָס דורכגעלייענט אויף זייערע פּנימער און מיט איין שפּרונג זיך דערנענטערט צו זיי:

— איז דען דאָ עפּעס שענדלעכערס ווי פאַרראַטן דאָס פאָטערלאַנד? דאָס האָט איר געטון, — נאָך פריער, איידער איר זענט געקומען אַהער, — איר האָט פאַרקויפט אייערע ברידער, אייערע פרויען און אייערע קינדער. איר האָט זיך אָפּגעוואָרפן פון אייער גלויבן — דעם גלויבן אין דער גרויסער באַוועגונג, איר האָט אָפּגעוואָרפן די געבאָטן פון אייער תורה און זיך פאַרקויפט פאַר יודאָס געלט און אַ פלאַש בראָנפן.

ער איז געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט מיט דער לינקער האַנט אין דעם אַקסל פון ריזיקן שמיד, און מיט דער רעכטער, צונויפגעבײלט אין אַ פויסט, האָט ער געפאָכעט איבער זיי אינדערלופטן. אין דערדאָזיקער האַנט האָט ער זיי אַלע געהאַלטן. ער האָט דאָס קלאָר געפילט און ער האָט זי נישט אַראָפּגעלאָזט, נאָר זי געהאַלטן אויסגעצויגן איבער זיי. אַ כוואַליע איז דורכגעלאָפן איבער די רייען פון די אַרבעטער און פאַרכאַפּט אויך די פרעמדע. אויך זיי האָבן זיך אָנגעשטעקט מיטן אַלגעמיינעם שוואונג, הגם זיי האָבן נישט גוט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון די ווערטער. זיי האָבן צושטימענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און אונטער-

געשטויסן איינער דעם צווייטן. איצט זענען זיי געשטאַנען אומבאַוועגלעך, ווי שטיינערנע סטאַטועס, אויף זייערע פּנימער איז געווען אָנגעשריבן דערוואַרטונג. זיי זענען אינגאַנצן געווען אונטער זיין מאַכט. דאָס איז געווען אַן אמתע סאָלידאַרישקייט, אַ מעכטיקע קראַפט, וואָס כאַפּט אַרום די גאַנצע ערד. פעללע האָט געפילט איר מאַכט, זי איז מיט שווידער-כוואַליעס געלאָפן איבער זיין פּלייצע. אַלע ביז איינעם האָט ער געהאַלטן אין זיין האַנט און איצט האָט געשלאָגן די שעה. תיכּף ומיד, כּל זמן זיי זענען נאָך נישט געקומען צו זיך! תיכּף!

— חברים! — האָט אַ דונער געטון זיין רוף. — איך האָב געזאָגט אייערע פריינט, אַז איר זענט — ערלעכע מענטשן, אַז בלויז אויף אַ ווײַלע האָט די נויט פאַרטונקלט אייער שכל און אייך אַוועקגעטריבן אין דאָזיקן פאַרשאָלטענעם אָרט. „איך גיי צו זיי", — האָב איך געזאָגט — „און איך וועל ברענגען אייערע מענער און פריינט, — זיי רייסן זיך אומצוקערן זיך צו אייך און צום אָנגעקומענעם פרילינג!" האָב איך דען געזאָגט אַ ליגנט, ווען איך האָב זיי דאָס צוגעזאָגט אין אייער נאָמען?

— האָסט נישט געזאָגט קיין ליגנט! — האָבן זיי אויסגערופן ווי איין מענטש. — זאָל לעבן פעללע. זאָל לעבן דער „בליץ"!

— טאָ קומט!

מיט אַ שנעלן שפּרונג איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קאָוואַדלע און מיט אַ פעסטן טריט אַוועק צום אַרויסגאַנג, נאָך מער באַגייסטערנדיק אַלעמען מיט די הויכע קלאַנגען פון פּראָלעטאַרישן נצחון-הימן.

זיי זענען געגאַנגען נאָך אים אָן ספקות, אָן טראַכטעניש, מיט-געריסן מיטן שטורעמדיקן טעמפּ פון יובל. די בליענדיקע נאַטור האָט זיי מעכטיק אַרויסגעשלעפּט פון דידאָזיקע ווענט. די טויערן האָבן זיך צעעפנט, די פאַבריק-אָנגעשטעלטע זענען אָפּגעשטויסן געוואָרן. מיט הויכן געזאַנג, לייכט אויסשלאָגנדיק דעם ריטם, גאָכן לאַנגן זיין אין תּפיסה, זענען זיי ווי אַ מוראדיקע פּראָצעסיע אַוועק צו דער צפון-גאַס, צום פאָלקס-הויז. פעללע איז געגאַנגען בראש פון דער פּראָצעסיע.

XXXIV.

פעללעס העלדנטאַט האָט אַלעמען איבערראַשט. די אַרבעטסגעבער האָבן אָוועקגעלייגט אין אַ זייט יעדע באַמיונג וועגן אַוועקלאָזן אין גאַנג די פאַבריקן און באַטריבן, אויסמיידנדיק די אָרגאַניזאַציעס. די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן נאָך פאַרפולשטענדיקט דעם נצחון דורכדעם, וואָס זיי האָבן די אויסלענדישע אַרבעטער נישט געלאָזט קומען צו זיך, תיכּף באַזאָרגט מיט געלט אויף דער צוריקרייזע. זיי האָבן זיי באַגלייט אויפן דאַמפער, און אונטער הויכע „הוראַ"-געשרייען זענען זיי אָפּגעשוווימען אַהיים. פעללע איז געווען דער העלד פון טאָג. זיין העלדנטאַט האָט מען אומעטום געריימט און אפילו די קעגנער האָבן פאַר אים געלייגט דאָס געווער. ער אַליין האָט אין דעם נישט געזען קיין שום אויסערגעוויינלעכס און מיט דער גאַנצער ענערגיע, וועלכע ער האָט פאַרמאָגט, איז ער צוגעטרעטן צו אַרבעטן איבער ניי-געשטעלטע אויפגאַבעס. עס זענען נישט געווען קיין שום סיבות צו פרייען זיך, דער לאָקאַוט האָט ווייטער שווער געשטיקט די אַרבעטער. די אַרבעטער זענען אַרומגעגאַנגען ליידיק, און ס'איז נישט געזען די מינדסטע האָפנונג, אַז די פראַגע וועט איינגיכן געלייזט ווערן. אָבער די קוואַלן פון עקזיסטענץ וועלן זיך דאָך סוף-כּל-סוף אויסנעמען. וואָס-זשע וועט דאַן זיין? ער האָט צו טיף געוווּסט דעם פּראָצעס פון קאַמף און דאָס שכרות פון צופעליקן דערפאָלג האָט אים נישט געקאָנט באַרוישן. די באַגייסטערונג פון המון האָט אויף אים אַרויפגעלייגט נאָך אַ גרעסערע אחריות. ער וועט זיין דער שולדיקער, אויב זיי וועלן ליידן אַ מפלה. און ער האָט אָנגעשטרענגט זיין מאַרך, כּדי צו געפינען מיטלען צו ברעכן דעם שונא... די מאַסן טראָגן נאָך אַריבער געדולדיק זייער הונגער, אָבער צי וועט דאָס נאָך לאַנג דויערן? עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן אומרויקע קלאַנגען — איינער פון די פירער, וואָס האָט די קאַסע, — האָט פאַרשווענדט... אַ צווייטער האָט דערציילט, אַז אַלע אַרבעטער האָבן זיך פאַרקויפט צו זייערע קעגנער... עפּעס האָט געהאַלטן אין אָנוואַקסן, אָבער וואָס?

איינמאָל האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים נאָך מיטאָג אינמיטן טאָג,

ס׳האָט זיך אים געוואָלט זיין מיט זיינע אייגענע, איידער ער וועט גיין אויף דער פאַרזאַמלונג. די קינדער זענען געווען אַליין.

— ווו איז די מאַמע? — האָט ער געפרעגט דעם קליינינקן לאַסטע, אַוועקזעצנדיק אים צו זיך אויף די קני. דאָס שוועסטערל איז געזעסן אין בעטעלע און האָט זיך געשפּילט.

— די מאַמע האָט זיך אויסגעפּוצט און איז אַוועק אין שטאָט. די מאַמע איז געווען אַזוי שיין.

— אָט וואָס!

פעללע איז אַריין אין שלאָפצימער און אויפגעעפנט די שאַפע. פעללענס חופּה-קלייד האָט געפעלט.

— ווי מאָדנע, — האָט פעללע אַ טראַכט געטון און איז אַריין צו די קינדער.

ער האָט זיך ווייטער געשפּילט מיט די קינדער, אַוועקזעצנדיק יעדן פון זיי אויף אַ קני. די קליינטשיקע האָט זיך געצויגן צו פעללעס אייבער־שטע ליפּ, ווי וועלנדיק עפּעס זאָגן.

— יאָ, שוועסטערל, דעם פּאַפּאַס וואָנסעס האָבן זיך אָפּגעריסן, — האָט געזאָגט דער קליינינקער לאַסטע, דערקלערנדיק איר, וואָס עס איז געשען מיטן פאָטער.

— יאָ, זיי זענען אַוועקפלויגן. אַ ווינט האָט אַ בלאָז געטון און זיי אַוועקגעבלאָזן... פיויט!... — פעללע האָט אַ קוק געטון אין שפּיגל און געמאַכט אַ מינעלע. די באָרד און די וואָנסעס זענען געווען זיין שטאָלץ, אָבער ער האָט זיך ווידער אויסגעדרייט צו די קינדער, שמייכלענדיק.

עללען איז געקומען אַהיים אַ פאַרסאָפּעטע, ריכטיק ווי זי וואָלט דעם גאַנצן וועג געלאָפן. איר פּנים און האַלז זענען צאַרט פאַררויטלט געווען. זי איז אַריין אין שלאָפצימער, נישט אויסטוענדיק דאָס מאַנטל. פעללע איז איר נאָכגעגאַנגען.

— דו טראָגסט דיין חופּה-קלייד, — האָט ער אויסגערופן מיט פאַרוואונדערונג.

— יאָ, כ׳האָב עס געוואָלט אַ ביסל איבערמאַכן און עס אָנגעטון, בדי די שניידערין זאָל עס זען אויף מיר. גיי, איך קום באַלד. כ׳וועל זיך נאָר איבערטון.

פעללע האָט געוואָלט בלייבן, זי האָט אים אָבער אַרויסגעשטויסן הינטער דער טיר.

— גיי, גיי, — האָט זי געזאָגט, צודעקנדיק די ברוסט.

איר ברוסט איז באַדעקט געווען מיט צאַרטן רויט, זי איז שיין געווען אין איר שעמעוודיקייט.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי צוריק אַריינגעקומען אין צימער אַריין און זי האָט אָנגעלייגט אויפן טיש עטלעכע באַנקנאָטן.

— וואָס איז ווידער? — האָט ער אויסגערופן, דערשטוינט פון אַזאַ גרויסער סומע.

— צי דען בין איך נישט קיין בריה? כ'האָב ווידער געוווּנען. צי דען בין איך נישט קיין גוט ווייב? — זי איז געשטאַנען הינטער אים, אַוועקלייגנדיק אירע הענט אויף זיין פּלייצע.

פעלע איז געזעסן, אויסגעבויגן פאָרויס, ריכטיק ווי עמעץ זאָל אים האָבן אַ קלאַפּ געטון איבערן קאָפּ, ער האָט אָפּגערוקט איר האַנט און זיך אומגעדרייט.

— דו זאָגסט, אַז דו האָסט ווידער געוווּנען? צום צווייטן מאָל? אין דער זעלבער סעריע? — ער האָט גערעדט פּאַמעלעך, באַטאָנענדיק יעדעס וואָרט.

— יאָ, צי דען האָלמסטו נישט, אַז כ'בין זייער פלינק? — זי האָט אומזיכער געקוקט אויף אים, באַמיענדיק זיך צו שמייכלען.

— דאָס קאָן דאָך אָבער נישט זיין, — האָט ער געזאָגט אַ בידער-געשלאָגענער, — דאָס איז אוממעגלעך. — פּלוצלינג איז ער אויפגע-שפּרונגען און זי אָנגעכאַפּט פאַרן האַלז.

— דאָס אַלץ איז אַ ליגנט! דו לייקנסט! — האָט ער אויסגעשריגן אין ווילדן צאָרן. — זאָג מיר גלייך דעם גאַנצן אמת. תיכף ומיד! — ער האָט זי צוגעדריקט צום טיש, ווי ער זאָל זי וועלן דערשטיקן. דער קליינינקער לאַסטע האָט געגומען שרייען.

זי האָט אַ קוק געטון אויף אים מיט אַ פאַרוווּנדערטן בליק, איר פּנים האָט אויסגעדריקט אַלץ אַ גרעסערע און גרעסערע שרעק. ער האָט זי אומגעוואָרפן און זיך אָפּגעקערט, כדי נישט צו זעען איר, מיט טויט געשטעמפּלטן בליק; זי האָט זיך נישט אויפגעהויבן, אָבער אומאויפהער-לעך אים נאָכגעפאָלגט מיטן בליק, ווי אַ חיה, וועלכע וואַרט אויפן טויט און פאַרשטייט גאָרנישט. פעלע האָט זי אויפגעהויבן און איז אַוועק באַרויקן דאָס וויינענדיקע יינגל. אין זיינע הענט איז פאַרבליבן אַן אומ-אָנגענעם געפיל. דאָס זעלבע איז געשעען מיט אים אַמאָל אין דער קינדהייט, ווען ער האָט דערשטיקט אַ פייגעלע. מער האָט ער גאָרנישט

ניסט געפילט; אַלץ איז געווען דערווידער. איז דאָס טאַקע אַלץ גע־שען, הייסט עס; איצט האָט ער געוואָלט וואָס גיכער אַוועקגיין.

ווען ער האָט צונויפגענומען זיינע זאַכן, האָט ער באַמערקט, אַז זי האָט שטיל געוויינט, שטייענדיק בּאַם טיש. ער האָט עס פּלוצלינג דערהערט. דאָס איז אים אָבער מער נישט אָנגעגאַנגען. פעללע האָט צונויפגענומען זיינע זאַכן און אַ קוש געטון די קינדער. זי האָט אַ צי־טער געטון. עללען האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג מיט איר פּריער־דיקער ענערגישער מאַניער.

— גיי נישט אַוועק פון מיר... דו טאָרסט נישט אַוועקגיין !... — האָט זי גענומען כליפּען. — איך האָב דאָך פאַר אייך געוואָלט מאַכן בעסער. דו האָסט זיך ווענן קיין זאַך נישט געזאָרגט. אָך, ניין, דאָס איז נישט קיין פאָרוואורף... אָבער, ווי אַזוי זאָל מען זיך דערנערן, פעללע ? די קינדער און דו. כ׳האָב קיין כוח נישט געהאַט צוצוזעען, ווי איר קוועלט זיך, — באַזונדערס דו, פעללע, איך האָב דיך דאָך ליב... צוליב דיר... דער עיקר צוליב דיר...

ווי די קלאַנגען פון אַ ליד, פון אַ ווייט, וווּנדערבאַר ליד האָבן געקלונגען זיינע אויערן, די ווערטער האָט ער נישט געהערט. ער האָט זי ווייך אָפּגעשטופּט, איז ווידער צוגעגאַנגען צום יינגל, אים געקושט און געהאַלזט. זי איז געשטאַנען, ווי אַ טויטע, נאָכפאָלגנדיק זיינע באַווע־גונגען מיט ברייט־געעפנטע, מיט שרעק אָנגעפולטע אויגן. ווען ער איז אַרויס פון דער טיר, איז זי געפאַלן אָן באַוווסטזיין.

פעללע האָט אָפּגעשטעלט זיינע זאַכן בּאַ אַ באַקאַנטער אַרבעטערין און מעכאַניש געגאַנגען צום צענטער. מען האָט קיין קלאַנג נישט גע־הערט. ער איז געגאַנגען און געשלאָפן. די פיס האָבן אים געבראַכט צום פאָלקס־הויז, ער האָט זיך דערזעען אינדערהייך, אין יענעם צימער, פונוואַנען מען פלעגט אָפּגעבן באַפעלן. ער האָט אומבאַוווסטזיניק פאַר־נומען זיין אָרט און איז געזעסן, איינבויערנדיק דעם בליק אויף דעם גרינעם טוך פון טיש.

אַלע האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער שטימונג. די קאַסעס זענען שוין פון לאַנג געווען כמעט פוסט. די זעלבסטבאַשטייערונג האָט איינגע־בראַכט אַלץ ווינציקער און ווינציקער אין דער מאָס, אויף וויפיל מען פלעגט אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס נאָך מענטשן. די שפיצע פון דאָרף

איז אויך שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דידאָזיקע געשיכטע האָט זיך שוין אַלעמען צוגעגעסן. פופציק טויזנט מענטשן זענען געווען אַרבעטסלאָז, די נויט האָט אַלץ העכער געהויבן אינדערלויטן איר טויטן-געזיכט. עס האָט זיך דערנענטערט די מינוט, אויף וועלכער עס האָט אויסגערעכנט דער קאַפּיטאַל, ווען דאָס הונגעריקע געוויין פון די קינדער וועט צווינגען די אַרבעטער איינצוגיין אויף הנחות, פאַרגעסנדיק אַלץ, אי די ערע, אי דעם געוויסן, אַבי אָנצוקאָרמענען די הונגעריקע עופהלעך. דער קעגנער האָט דערווייל נישט אַרויסגעוויזן קיין שום סימנים פון פאַרלאַנג צו פאַרשטענדיקן זיך.

דאָס האָט געווירקט דערדריקנדיק אויף די פאַרזאַמלטע, דער גורל פון טויזנטער מענטשן איז געלעגן אויף זיי ווי אַ שווערער שטיין. קיינער האָט זיך נישט דערוועגט פאָרצולייגן דעם אָדער יענעם אַנטשידענעם שריט, יעדער האָט מורא געהאַט צו נעמען אויף זיך די אחריות. אין אַ צוויי וואָכן אַרום וועט מען זיך מוזן אונטערגעבן. הייסט עס, אַז קרוב אַ פערטל מיליאָן מענטשן האָבן אומזיסט געליטן דידאָזיקע אַלע צרות. דאָס וועט ברענגען מיט זיך די טיפסטע אַפּאַטיע, פון וועלכער מען וועט זיך נישט דערהאָלן אין משך פון עטלעכע יאָר. פון דער צווייטער זייט אָבער וועלן אפשר די אַרבעטסגעבער נישט קאָנען אויסהאַלטן די פינאַנסיעלע לאַגע, וואָס דריקט זיי איצט, און ס׳וואָלט געווען אַ משוגעת זיך אונטערצוגעבן, פאַרלירנדיק אַזוי אַרום די מעגלעכקייט פון נצחון.

ס׳איז אוממעגלעך געווען עפּעס געניי אויסצורעכנען. אַלץ איז דאָ אָפּהענגיק געווען פון גורל גופא. ווער וואָלט געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט אויפגעהויבן דעם פאָרהאַנג פון דער צוקונפט? קיינער נישט. און פעללע, יענער פייערדיקער פעללע, וועלכער פלעגט זיי תמיד מיטרייסן פאָרויס, — דער זעלבער פעללע איז געזעסן און האָט געטראַכט, ריכטיק ווי קיין זאַך וואָלט אים נישט אָנגעגאַנגען, די אומגעהייערע אַרבעט האָט אים צעבראָכן!

ס׳איז אַריינגעקומען דער סעקרעטאַר און האָט דערלאַנגט דעם פאָרזיצער אַ צייטונג מיט רויט-אונטערגעשטראָכענע שורות; ער האָט לייכט אַ קוק געטון אויף די אונטערגעשטראָכענע שטעלן, זיך אויפגעשטעלט און גענומען לייענען אינדערהייך; די צייטונג האָט געציטערט אין זיין האַנט.

„יונגע און שיינע אַרבעטער-פּרויען קאָנען גוט פאַרדינען בעתן

לאָקאַוט. עס זענען נייטיק דרייסיק פרויען צו איינזאַמע. אַ גוטע באַ-האַנדלונג איז גאַראַנטירט. פּרטים אין דער רעדאַקציע פון דער צייטונג״.

פעללע האָט תיכּף דערוואַכט פון זיין דרימלען, זיין שרעקלעך אומגליק האָט זיך געשטעלט פאַר אים מיט בלענדנדיקער קלאָרקייט.

— יאָ, אַזוי מוז מען טון! — האָט ער אויסגערופן. — איצט ווילן די קאַפּיטאַליסטן שענדן אונזערע פרויען. טאָ לאָמיר זיי דערלאַנגען דעם לעצטן, שטאַרקן, שרעקלעכן קלאַפּ!

— אָבער ווי אַזוי? — האָבן זיי געפרעגט.

פעללע האָט זיך באַמיט איינצוהאַלטן; ער איז אינגאַנצן בלייך געוואָרן. קיינמאָל נאָך איז זיין פאַרשטאַנד נישט געווען אַזוי קלאָר. ער וועט זיך נוקם זיין אין זיי פאַר זיין עללען, אין זיי, וועלכע נעמען צו באַם אָרימאַן זיין איינציק שעפּסעלע!

— ערשטנס מוזן מיר נאָך היינט אָפּדרוקן אַן אָפּטימיסטישע נאָטיץ. די קאַסע אונזערע איז כּמעט ווי פּוסט? גוט, וועלן מיר שרייבן, אַז די אַרבעטער האָבן גענוג מיטלען, כּדי ווייטער פירן דעם קאַמף אין משך פון אַ גאַנץ יאָר, אויב דאָס וועט נייטיק זיין. און דערנאָך וועלן מיר מאַכן אַן אָנגריף אויף זיי...

ער האָט זיך דערמאַנט די שוין לאַנג פאַרגעסענע פאַנטאַזיע, דער כּעס, וואָס האָט געבושעוועט אין אים האָט פעללען אַרויפגעפירט אויפן אַמאָליקן געדאַנק.

— ביז איצט האָבן מיר געקעמפט פּאַסיוו, — האָט ער ווייטער גערעדט. — אונזער הויפּט-געווער איז געווען געדולד. מיר האָבן אַרויס-געשטעלט אונזערע באַשיידענע פאָדערונגען אַקעגן זייער לוקסוס. מיר האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן פאַר זיי, און מער נישט. און דאָס דאַן, ווען זיי האָבן אונז געמאַרעט מיט הונגער און צוגענומען בא אונז אונזערע זאַכן. טאָ לאָמיר איצט פּרוּוון אָנרירן זייערע לעבנס-פאָדערונגען, לאָמיר זיי שלאָגן דאָרט, אין זעלבן אָרט, ווו זיי האָבן געצילט אין אונז! וועלן זיי אפשר דאַן ווערן ווייכער. מיר האָבן ביז איצט געלאָזט צורו, נישט צוציענדיק צום קאַמף די וויכטיקסטע קאַטעגאָריעס פון יענע אַרבעטער פון וועלכע עס הענגט אָפּ זייער געזונט און וווּל. צוואָס זאָלן מיר פאַר זיי באַקן ברויט? מיר, וועלכע האָבן נישט קיין מיטלען עס צו עסן? צוואָס זאָלן מיר פאַר זיי היטן די ריינקייט, מיר, וועלכע האָבן קיין מעגלעכקייט נישט צו לעבן אין ריינקייט? לאָמיר מיטרייסן מיט זיך

אין קאַמף די אָסעניזאַציע-אַרבעטער און די מיסט-קערער! אויב דאָס וועט ד ך אַרויסווייזן פאַר נישט גענוג, לאָמיר זיי פאַרמאַכן דאָס וואַסער און עם גאַז. לאָמיר ריזיקירן ביזן סוף — דערדאָזיקער קאַמף מוז זיין דער עצטער!

פעללעס פאָרשלאָג איז אָנגענומען געוואָרן, און ער איז תיכּף וועק אין מערב-טייל פון שטאָט, צום פאָרזיצער פון פאַריין פון די סעניזאַציע-אַרבעטער. יענער איז נאָר-וואָס געהאַט אויפגעשטאַנען און ער איז געזעסן באַם מיטאָג. דאָס איז געווען אַ קליינינקער, גוטמוטיקער מענטש, מיט כיטרע פונקעלעך אין די אויגן. פעללע האָט אים אַמאָל עהאָלפן גרינדן זייער אָרגאַניזאַציע און איצט האָט ער געקאָנט אויסרע-ענען אויף אים און אויף זיינע מענטשן.

— צי געדענקסטו, לאַרס גאַנזען, אַז איך האָב אייך איינמאָל אויפ-וויזן, אַז איר זענט די פאַראַנטוואָרטלעכסטע אַרבעטער אין דער גאַנצער שטאָט? — האָט ער געפרעגט.

דער פאָרזיצער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— כ'וואָלט פשוט געווען אַן אייזל, ווען איך זאָל דאָס נישט גע-דענקען. כ'וועל מיין לעבן לאַנג נישט פאַרגעסן די ווירקונג, וועלכע עס האָבן געמאַכט אויף אונז, פון אַלעמען פאַראַכטעטע אַרבעטער, דיינע ווערטער. דו האָסט פאַרזעצט אין אונז דעם גלויבן אין אונז אַליין און האָסט אונז געגעבן אַן אָרגאַניזאַציע. און אויב מיר זענען אפילו נישט די פאַראַנטוואָרטלעכסטע אַרבעטער, איז...

— ניין, איר זענט טאַקע די וויכטיקסטע, און איצט איז געקומען אייער ריי דאָס צו דערווייזן. צי קאָנט איר נישט נאָך היינט באַנאַכט וואַרפן די אַרבעט?

לאַרס גאַנזען האָט פאַרטראַכט געקייט, גלאָצנדיק שאַרף אין לאָמפּ אַריין.

— מיר זענען דאָך געבונדן מיט אַ מין קאָנטראַקט מיט דער שטאָט-פאַרוואַלטונג, — האָט ער ענדלעך פאַמעלעך געזאָגט. — זיי קאָנען אונז באַשטראָפן דערפאַר, און ווידער צווינגען צו אַרבעטן. אָבער אויב דו ווילסט עס אומבאַדינגט, וועלן מיר דאָס, זיכער, טון. וועגן דעם קאָן בײַ די חברים זיין בלויז איין מיינונג, וואָס דו ווילסט דערגרייכן דער-מיט — דאָס איז שוין דיין זאַך.

— אַ דאַנק דיר, — האָט פעללע געזאָגט, דערלאַנגענדיק אים די האַנט. — איז די זאַך, חייסט עס, דערליידיקט, — קיין איינער פון אייך

וועט נישט גיין צו דער אַרבעט, די מיסט-קערער דאַרפן אויך אָנטייל-נעמען אין שטרייק.

— דאַן וועלן די באַלעגאָלעס רופן אַנדערע, אויף דערדאָזיקער אַרבעט וועלן זיך געפינען אָן אַ שיער בעלנים.

— זיי וועלן דאָס נישט טון; מיט זיי וועלן מיר זיך שוין צונויפ-מענרעדן.

— איז גוט. יעדנפאַלס וועלן זיך אונזערע קעגנער געפינען אין אַ ביטערער לאַגע. פאַר די אָרימע איז דאָס גאַנץ גלייכגילטיק, סיי-ווי האָבן זיי נישט וואָס צו עסן. אָבער וואָס וועט זיין, אַז מען וועט דער-צו שיקן זעלנער! אַנישט קאָן דאָך אין שטאָט אויסברעכן די פעסט?...

פעללעס אויגן האָבן גענומען פינקלען:

— הער נאָר, פריינט! ווען איר וועט אויפהערן צו אַרבעטן, גיט תיכף איבער אַלע שליסלען, כדי די אַדמיניסטראַציע זאָל צו אייך נישט קאָנען האָבן קיין טענה. לייגט זיי אַריין אין זעקלעך און לייגט זיי אָן איינע אויף די אַנדערע...

לאַרס גאַנזען האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

מיר וועלן זיי אויפשפילן אַ פיינע חתונה, — האָט ער געקרעכצט דורך געלעכטער און זיך געכאַפּט פאַר די זייטן. — דאַן וועלן זיי מוזן אָנקומען צו אונז, כדי אין דעם אַלעם זיך פונאַנדערצוקלייבן. איך אַליין וועל זיי אָפּפירן די שליסלען און וועל שפּילן פאַר זיי די ראָל פון אַ שוטה...

פעללע האָט אים נאָכאַמאָל געדאַנקט.

— איר ראַטעוועט די גאַנצע זאַך, — האָט ער שטיל געזאָגט. — אין אייערע הענט ליגט דאָס ברויט פון טויזנטער מענטשן און דאָס קו-מענדיקע גליק.

ער האָט פריילעך אַ שמייכל געטאָן און זיך אָפּגעזעגנט. אָבער ווי נאָר ער איז געבליבן אַליין, איז דער שמייכל פאַרשוואונדן פון זיין פּנים און עס האָט אויסגעדריקט אַ מידקייט ביז צום טויט.

*

*

פעללע האָט אָן אַ ציל געבלאָנדזשעט איבער די גאַסן; אַלץ איז געוועזן איינגעאָרדנט, איילן זיך האָט ער נישט געהאַט וואוהין. אַלץ האָט

זיך אין אים אויסגעלאָשן. פּעלע האָט אפילו נישט געהאַט קיין ענער־גיע צו באַשליסן, וואָס זאָל ער טון מיט זיך. ער איז געגאַנגען אַלץ ווייטער. ער איז אַרויס אויף דער הויפּט־גאַס, דערנאָך זיך פאַרנומען אין אַ געסל. אין אַ קאָלאָניאַל־געשעפט הינטערן טובאַנק האָט ער דערזען דעם שמייכלענדיקן קאַרל. ער האָט גערעדט מיט די קונים.

„אייגנטלעך וואָלט מען געדאַרפט אַרייַנגיין און זיך דערוויסן, ווי גייט אים“, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אָבער געגאַנגען ווייטער. פאַר אַ גרויס הויז איז ער געבליבן שטיין. דאָ האָט געוווינט דער פּאָרזיצער פון די קאַנאַל־רוימער. אָבער ניין, ער האָט דערליידיקט אַלע זיינע ענינים און איצט איז שוין צייט פאַר אים צו גיין אַהיים, צו עללען און צו די קינדער!

אַ היים? ער האָט מער נישט געהאַט קיין היים. ער איז געווען איינזאַם, אינגאַנצן איינזאַם. פונדעסטוועגן איז ער געגאַנגען צו דער צפון־בריק.

מיט וועלכן וועג ער איז געגאַנגען, האָט ער אַליין נישט געוווּסט, אָבער ער האָט זיך פּלוצלינג דערזען פאַר זיין שטוב און געקוקט אויפן פאַרזשאַווערטן בריוו־קעסטל, וואָס איז צוגעשלאָגן געווען צו זיין טיר. אין צימער האָט מען געהערט אַ געוויין; עללען איז אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק; זי האָט געלייגט די קינדער שלאָפן. ער איז אַפּגעגאַנגען פון דער טיר און אייליק זיך דערווייטערט; ערשט ווען ער האָט זיך שוין געהאַט נישקשהדיק דערווייטערט, האָט ער פריי אָפּגעאָטעמט.

ער האָט אָן אַ שיער געוואָנדערט איבער די געסלעך; ער האָט געהאַט אַ מאָדנע געפיל, — בײַ יעדן טריט האָט עפּעס געפּלאַצט אין קאָפּ בײַ אים. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט הינטער זיך עללענס באַקאַנטע טריט! ער האָט זיך אומגעדרייט; קיינער איז נישט געווען. דאָס איז, וואָרשיינלעך, געווען אַן אילוזיע! אָבער ווי נאָר ער האָט גענומען גיין, האָט ער ווידער דערהערט די טריט, און אין דידאָזיקע טריט איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים צוגעצויגן צו זיך, ריכטיק ווי זיי וואָלטן אים וועלן זאָגן וועגן עפּעס. ער איז גלייך שטיין געבליבן — קיינער נישט! מען האָט קיינעם נישט געזען אויך אין פינצטערן געסל. צי איז דאָס נישט געווען אַמאָל אין אים אינעווייניק? פּעללע האָט געפילט די אומדערקלערלעכקייט פון דערדאָזיקער דערשיינונג, און זיין האַרץ האָט גענומען שטאַרק שלאָגן. אַ פולשטענדיקע אויסשעפּונג האָט געשמידט זיינע גלידער.

און עלנען? וואָס איז געווען מיט איר? אין זיינע אויערן האָט געקלונגען איר געוויין, פול מיט פאַרוואורפן.

פאַרשטיין? וואָס האָט ער געקאָנט פאַרשטיין? זי האָט דאָס געטון פון ליבע, — האָט זי געזאָגט. אַך, אַוועק, אַוועק מיט דידאַזיקע אַלע געדאַנקען!...

ער איז געווען צו שטאַרק אויסגעמאַטערט, כדי זי צו פאַרטיידיקן. אָבער ווער איז אים נאָכגעגאַנגען?

אין זיין יעדן טריט איז געווען עפּעס אַ טאָפּלטער קלאַנג, ריכטיק ווי נאָך עמעצנס טריט זאָלן צונויפפאַלן מיט זיינע אייגענע. און ווען ער האָט געטראַכט, האָט עפּעס אַ צווייטער געראַדט פון דער טיפעניש. ער האָט דורכגעלעבט עפּעס ענלעכס דערצו, וואָס ער פלעגט איבערלעבן אונטער מאַרטענס השפּעה. עמעץ האָט אים נישט געוואָלט פאַרלאָזן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פעללע האָט געצוואונגען צו שווייגן דאָס־דאָזיקע קול. וואָס האָט ער געוואָלט פון פעללען? צי דען האָט ער געאַרבעט נישט פון גאַנצן האַרץ? צי דען איז דאָס געווען נישט יענער פעללע, וועלכער האָט דורכגעטראָגן אויף זיינע פלייצעס דעם שווערן קאַמף, פעללע, אויף וועלכן אַלע האָבן געקוקט מיט דערוואַרטונג?

ער האָט אָבער מער נישט געשפּירט קיין פרייד, די טריט פון פּופּציק טויזנט אָרימע זענען מער נישט צונויפגעפאַלן מיט זיינע אייגענע. ער איז געווען פאַרלאָזט. ער איז געווען אַליין, מיטן דאָזיקן פאַרשאָלטענעם „עפּעס", צווישן דידאָזיקע פוסטע גאַסן. אַ פולשטענדיקע איינזאַמקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט. „האָסט זיך דערשראָקן פאַר זיך אַליין", — האָט פעללע אַ טראַכט געטון מיט אַ ביטערן שמייכל.

ער האָט אָבער נישט געוואָלט זיין איינזאַם; ער האָט זיך צוגעהערט צום אַרום. אַלץ, אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט אָפּגענומען בײַ אים דער קאַמף. אָבער, דעם אמת געזאָגט, איז זיין גורל ענלעך געווען אויפן גורל פון די אַנדערע אָרימע. דער קאַמף האָט אָפּגענומען בײַ זיי אַלץ. טאָ אויף וואָס־זשע האָט ער זיך צו באַקלאָגן? די שטאָט פון די אָרימע איז געווען שרעקלעך! רויִנירט דורך אַרבעטסלאָזיקייט, באַגאָסן מיט ביטערע טרערן, אינגאַנצן דורכגעפרוירן פון נאַכטיקער קעלט, אַ נעבעכדיקע שטאָט!

פון די הינטערשטע הייף האָט זיך דערטראָגן קינדעריש געוויין — זיי האָבן געוויינט פון הונגער. עו האָט דאָס געהוסט; שיכורע מענער

האָבן זיך געשלעפּט. זיך קלאַמערנדיק באַ די ראָגאָס, פּרויען האָבן געשריגן. אַך, סאַראַ פּיין, סאַראַ גיהנום!

ס'איז גוט, וואָס דער נצחון איז נאָענט!

ער האָט דעריהערט שטימען: קינדער האָבן געוויינט און אַ פרוי איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, פאַרוויגנדיק אַן עופּהלע. ער האָט קלאָר געהערט דידאַזיקע אַלע קלאַנגען. פעללע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. די פענצטער זענען געווען אָן שויבן. „דער ווינט האָט זיי זיכער אויסגעשלאָגן“, — האָט פעללע אַ טראַכט געטון מיט צופרידנקייט און געגומען לויפן אַרויף איבער די שטיגן; ער איז געווונטשן געווען צו באַשיצן אומגליקלעכע.

אין צימער איז אַהין און צוריק אַרומגעגאַנגען אַ פרוי, פאַרוויגנדיק אַ קינד. די ליכט פון שטאָט האָט זי אַ ביסל באַלויכטן. זי האָט אויפגעהויבן אינדערהייך איר קלייד, כּדי כאָטש אַ ביסל צוצודעקן מיט איר דאָס קינד, די אונטערשטע טייל פון איר קערפּער איז געווען נאַקעט. אין צימער איז געווען פּוסט. אין ווינקל אויף דער הוילער פּאָדלאָגע זענען געלעגן קינדער, צוגעדעקט מיט נעבעכדיקע שמאַטעס — זייערע אַלע בגדים.

— דער באַלעבאָס האָט אַרויסגענומען די טירן און פענצטער, ער האָט אונז געוואָלט אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס, אָבער מיר גייען נישט אוועק. וווּהין זאָלן מיר זיך אַהינטון? איצט וויל ער אונז אַרויסטרייבן דורך אַ צוג-ווינט, ווי די וואַנצן. מיין מאַן האָבן זיי שוין דערהרגעט צום טויט...

פלוצלינג האָט זי דערקענט פעללען.

— דאָס ביסטו, פאַרשאָלטענער? דאָס האָסטו דער ערשטער אים אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן. דו געדענקסט, ווי ער האָט געטרונקען פון פלעשל? פריער פלעגט ער קיינמאָל נישט זיין שיכּור. דו האָסט אויך געזען, ווי מען האָט אונז אַרויסגעוואָרפן פון דער פריערדיקער דירה? די שכנים האָבן אונז גוגש געווען. צי דען איז דאָס נישט אמת? אַך, איר פאַרשאָלטענע תּלינים! איר האָט אים אומעטום פאַרפאָלגט, אים געיאָגט, ווי אַ חיה, און צום סוף אַריינגעיאָגט אין טויט. ווען ער פלעגט קומען אין שענק אַריין, פלעגן די אַנדערע גלייך אויפשטיין און אַוועקגיין, אַזוי אַז דער באַלעבאָס פלעגט אים מוזן בעטן אַרויסגיין. אָבער דאָס געפיל פון ערע איז באַ אים געווען שטאַרקער ווי באַ אייך... „מען קוקט אויף מיר ווי אויף אַ פאַרפעסטעטן!“ — האָט ער געזאָגט, און

אין איינעם י פרימאָרגן זיך אויפגעהאָנגען. ווען איך זאָל כאָטש קאָנען בעטן גאָט, ער זאָל דיך באַשטראָפן !...

אירע אויגן זענען געווען טרוקן און דאָס קול — טרוקן און הייזעריק.

— דו דאַרפסט נישט בעטן וועגן דעם. איך בין שוין באַשטראָפט. אָבער דיין מאַן האָב איך נישט געוואונטשן קיין שלעכטס ; ביידע מאָל, ווען איך האָב זיך געטראָפן מיט אים, האָב איך אים געוואָלט העלפן. מיר אַלע דאַרפן ליידן צוליבן אַלגעמיינעם וויל. מיין אייגן גליק איז צעשמעטערט געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך ! — און הייסע, באַזאָנפטיקנדיקע טרערן האָבן זיך גענומען גיסן פון זיינע אויגן.

— אַ שאָד, וואָס די אַרבעטער זעען נישט, ווי פּעללע וויינט ; זיי וואָלטן דאַן נישט געשריגן צו אים „הוראַ", — האָט די פרוי איראָניש באַמערקט.

— איך האָב נאָך צען קראָן, געם זיי, — און ער האָט איר אויסגעשטרעקט דאָס געלט.

זי האָט עס גענומען מיט אומזיכערקייט.

— דו דאַרפסט עס האָבן פאַר דיין ווייב און קינדער, דאָס איז דאָך דיין שטיצע פון דער פאַראיינס-קאַסע...

— כ'האָב נישט מער קיין פרוי און קיין קינדער...

— גאָט דערבאַרעמדיקער ! ווי, אויב דיין פאַמיליע איז אונטערגעגאַנגען ?

— אפילו פּעללע האָט נישט געקאָנט אויפהיטן די פאַמיליע ? יאָ, יאָ, געווים, אַזוי איז עס... וואָס מען זייט, דאָס שנייט מען!...

פּעללע איז אַרויסגעגאַנגען פון איר, נישט ענטפערנדיק קיין וואָרט. די אומגערעכטע פאַרוווּרפן פון דערדאָזיקער פרוי האָבן פאַרטונקלט די גאַנצע פרייד, וועלכע ער פלעגט שפּירן בײַ די צושטימענדיקע אויסרופן פון המון. זיי האָבן אָבער אויפגעוועקט אין אים אַ געפיל פון פּראָטעסט. זי האָט אים נישט ריכטיק פאַראורטיילט ; ער האָט נישט געזאָרגט וועגן זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן, נאָר ערלעך געדינט דער גרויסער זאַך און זי דערפירט צום זיגרייכן סוף. די, וואָס זענען געפאַלן און פאַרוווּנדעט געוואָרן אויפן שלאַכט־פעלד, האָבן נישט געהאַט קיין רעכט צו פאַראורטיילן אים. ער האָט פאַרלוירן מער, ווי ווער נישט איז — פּעללע האָט פאַרלוירן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט.

מאָדנע רויק אין זיין טיפן אומגליק, איז ער צוועק צו דער צפון־זייט און דאָרט געדונגען פאַר זיך אַ דירה אין ביליקע מעבלירטע צימערן.

XXXV.

דאָס לעצטע שפּיצל פון די אַרבעטער האָט אַריינגעבראַכט די שטאָט אין גרויס אויפרעגונג. די עפנטלעכע מיינונג איז אַרויסגעטרעטן, קעגן זיי. די פּרעסע האָט געשטורעמט און געשיט פעך און שוועבל. אפילו פריידענקערישע צייטונגען האָבן געשריבן וועגן דעם, אַז זיי האָבן גע־טרעטן מיט די פיס די מענטשלעכע הומאַניטאַרישקייט. אָבער דער „אַרבעטער“ האָט גאַנץ קאַלטבלוטיק געענטפערט, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן לעבן און טויט פון די נידעריקע קלאַסן. זיי זענען גרייט צו דער־גיין ביז דאָס לעצטע, זיי האָבן נאָך דערווייל נישט אָנגערירט דאָס וואַסער און דעם גאַז, ווי אויך די פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך.

דאַן האָט זיך דער דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג גע־ווענדט קעגן די אַרבעטסגעבער — אַזוי צי אַנדערש האָט מען געדאַרפט געפינען אַן אויסוועג. צוליב וואָס, אייגנטלעך, האָט מען געקעמפט? נישט מער ווי צוליב מאַכט! די אַרבעטסגעבער האָבן געוואָלט זיין די אומבאַגרענעצטע הערשער איבער זייערע אַרבעטער. די פינאַנסיסטן, וואָס שטיצן אונטער די אונטערנעמונגען, האָט די דאָזיקע געשיכטע שוין דערעסן ביז צום טויט, און דער עיקר — דער קאַמף האָט טייער גע־קאָסט, און דער נוצן, וואָס האָט געקאָנט דערגרייכט ווערן דורכן זיג איבער די אַרבעטער, איז נישט געווען גרויס, אויב די גאַנצע אינדוסטריע איז דערביי רויִנירט געוואָרן.

פעללע האָט געזען, ווי דער ענין רוקט זיך פאַרויס, ווען ער איז געגאַנגען איבער דער שטאָט, זוכנדיק דעם פאָטער. איצט וועט שוין דער ענין פאַרענדיקט ווערן פון זיך אַליין, פעללע האָט זיך געקאָנט אָפּרוען. אַן אומענדלעכע משא איז אַראָפּגעפאַלן פון זיינע אַקסלען, און איצט האָט ער געהאָפט, אַז מען וועט אים דערלויבן צונויפצוקלייבן די רעשטלעך פון זיין אייגענעם גליק און עפּעס טון פאַר דעם. וואָס האָט

גגר מקריב געווען אַלץ צוליב אים. ער וועט איצט דינגען אַ דירה, כדי צו לעבן ווי פריער צוזאַמען מיטן פאָטער. ווי שטאַרק פעללע האָט זיך געפרייט באַם דאָזיקן געדאַנק! לאַססעס נשמה איז געווען דאָס איינציקע אין דער וועלט, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט פאַרענדערן, וואָס וועט בלייבן לעבעדיק, נישט געקוקט אויף קיין זאַך, ווי די מוטער־ליבע.

פעללע האָט נישט געפונען דעם פאָטער אין זיין אַלטער הייזקע. די פרוי, מיט וועלכער ער האָט געלעבט, איז נישט לאַנג צוריק אָפּגעשטאָרבן, און לאַססע איז פאַרשווונדן געוואָרן.

פעללע האָט גוט געקענט די אָרימע איינוווינער פון קוואַרטאַל. דעריבער איז אים לייכט געווען צו געפינען זיינע שפורן, וועלכע האָבן געפירט צום כריסטיאַנער פאָרט. בעת זיינע זוכענישן, פלעגט ער זיך אָנשטויסן אויף דער ביטערסטער נויט און אומעטום זיך באַמיען, ווי ווייט מעגלעך, צו העלפן.

אין דער „תיבה" גופא האָט מען לאַססען נישט געזען, אָבער עמעץ האָט אים געכאַפּט אויף דער גאַס אין אַ שרעקלעכן אויסזען; ווו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן האָט קיינער נישט געוווסט.

— האַססע שוין דורכגעזעען די קעלערן פון „האַנדלס־הויז", — האָט דער אַלטער שומר געפרעגט. — אין היינטיקע שווערע צייטן האָבן זיך דאָרט באַזעצט נישט ווייניק אָרימעלייט. יעדן פרימאָרגן אַ זייגער זעקס עפן איך אויף דעם קעלער און כ'רוף אויס, אַז די פּאָליציי זאָל זיי נישט פאַרכאַפּן. ווען איך גיי אַוועק, קלויבן זיי זיך אַרויס פון דאָרטן. מיר דאַכט זיך, אַז כ'האָב עפּעס געהערט וועגן איינעם אַן אַלטן, וועלכער ליגט דאָרט אַ קראַנקער. אָבער אויף זיכער ווייס איך קיין שום זאַך נישט, ווייל מיינע אויערן זענען פאַרשטאָפּט מיט וואַטע; פאַר מיין פּראַפעסיע איז דאָס נויטווענדיק — כדי נישט הערן צו פיל און נישט פּלוידערן קיין איבעריקס...

ער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט פעללען.

דאָס „האַנדלס־הויז", וואָס איז אין אַכצנטן יאָרהונדערט געווען אַ פּאַלאַץ פון איינעם פון כריסטיאַניעס רייכסטע סוחרים, איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שפּייכלער. ער איז געשטאַנען מיטן פראָנט צו די קאַנאַלן. די טיפע קעלערן האָבן זיך געצויגן אונטערן סאַמע דעק פון קאַנאַל. מען האָט זיי נישט באַנוצט. דאָרט איז געווען פינצטער, ווי אין אַ קבר; די פייכטע לופט האָט צוגענומען באַם קול זיין נאַטירלעכן קלאַנג. זיי האָבן ווי נישט איז באַלויכטן דעם וועג צווישן די זיילן, דאָ

דאָ, דאָ דאָרט פלעגט מען זיך אָנשטויסן אויף פאַרלאָזטע געלעגערס פון שטרוי.

— דאַ איז קיינער נישטאָ, — האָט דער שומר געזאָגט.

פעללע האָט אַ געשריי געטון, ס׳האָט זיך דערהערט אַ הייזעריקער קרעכץ. אין אַ נישע פון איינער פון די ווענט איז אויף אַ מאַטראַץ געלעגן לאַססע.

— כ׳בין דאָ, — האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט, — כ׳דערוואַרט דעם טויט. איצט איז שוין נישט לאַנג. די שטשורעס נעמען שוין קריכן אויף מיר, — די פייכטע לופט האָט אים אָפּגעהאַקט די שטים.

ער האָט זיך געפונען אין אַ שרעקלעכער לאַגע. אָבער דערזעענדיק פעללען, האָט ער אויף אַזוי פיל אויפגעלעבט, אַז ער האָט זיך געקאָנט האַלטן אויף די פיס. זיי האָבן אים אַוועקגעטראָגן אין דער „תיבה״. דער אַלטער שומר האָט אים אָפּגעטרעטן זיין צימער, און אַליין איז ער אַריבער צו דער אלמנה יאָנסען. אַזוי ווי ער פלעגט שלאָפן נאָר בײַטאָג און בײַנאַכט היטן, האָט זיך דאָס אַלץ זייער גוט געלאָזט איינאָרדנען, הגם זי האָט געהאַט בלויז איין בעט.

לאַססען האָט מען אַריינגעלייגט אין אַ וואַרעם בעט. ער האָט זיך אָבער געטרייסלט פון קעלט. זיינע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט. פעללע האָט גענומען וואַרעמען פאַר אים ביר — דער אַלטער האָט געדאַרפט גאָר גוט דורכשוויצן זיך; דערווייל האָט ער זיך צוגעזעצט צו אים אויף דעם בעט און טרויעריק געקוקט אויפן פאָטער. לאַססע איז געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן; ער פלעגט פרוון רעדן, ער האָט דאָס אָבער נישט געקאָנט.

דאָס הייסע געטראַנק האָט אים אַ ביסל געהאָלפן. זיינע אייזיקע הענט האָבן זיך אַ ביסל אָנגעוואַרעמט, און ער האָט געקאָנט אַרויסרעדן עטלעכע ווערטער.

— ווי מיינסטו, עס דערוואַרט אונז אַ שטרענגער ווינטער! — האָט ער פּלוצלינג געפרעגט און זיך איבערגעדרייט אויף אַ זייט.

— איצט איז פרילינג, מיין טייערער, — האָט פעללע געענטפערט. — אָבער ליג נישט מיט קיין אָפּגעדעקטער פּלייצע...

— מיר איז שרעקלעך קאַלט. ווי אין פאַרגאַנגענעם ווינטער! כ׳האָב אַזוי שמאַרק געפרווירן היינטיקן ווינטער. כ׳וואָלט דאָס נישט וועלן איבערלעבן נאָכאַמאָל. אַך, ווי קאַלט עס איז דאָרט, ווו דער חוט־השדרה, די אומגליקלעכע, וואָס אויפן ים...

— זאָרג נישט וועגן זיי. ווער גיכער געזונט. היינט איז אַ וואַ־רעמע זון, אויפן ים איז וואַרעם...

— טאַ זע, אַז אויך דאַ זאָל פּאַרקומען די זון. אַ ביסעלע כאָטש!— האָט לאַסמע צערודערט געזאָגט.

— די וואַנט שטערט, — האָט פּעללע געענטפערט און זיך אַרי־בערגעבויגן איבערן קראַנקן.

— נו, גוט, כ׳וועל שוין ווי נישט איז דורכלעבן, מיר איז דאָך שוין נישט לאַנג פּאַרבליבן, און דעם שומר א״ז דאָס אַלציינס. ער היט דאָך באַגנאַכט און זעט סיי־ווי נישט קיין זון. סאַראַ מאָדנע באַשעפּטי־קונג! ס׳איז אָבער גוט, וואָס עמעץ היט אונז, בעת מיר שלאָפן. — לאַסמע האָט אומגעדולדיק אומגעדרייט דעם קאָפּ. — אַנישט וואָלט נאָך עמעץ אין דער פינצטער...

— נו, געוויס, אַנישט, די שעה זאָל קיין שעה נישט זיין, וואָלט מען אין דער פינצטערניש געקאָנט צולקחנען אונזער געלט, — האָט פּעללע געזאָגט אין שפּאַס.

— געוויס און זייער פּשוט. — לאַסמע האָט פּרובירט שמייכלען.— ווי גייען דיינע געשעפטן, זון מיינער?...

— מען פירט אונטערהאַנדלונגען. נעכטן איז געווען די ערשטע פּאַרזאַמלונג.

לאַסמע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און אין זיין ברוסט האָט עפּעס געגנומען העשען.

— הייסט עס, אַז די הערן האָבן זיך אַליין נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן גאַנצן שמוץ? יאָ, יאָ. הגם איך בין געלעגן דאָרט, אין קעלער, האָב איך פונדעסטוועגן געוווסט, ווי מיר האַלטן אין דער וועלט, ווען די שלאָפער פלעגן דאָרט קומען, פלעגן זיי מיר דערציילן וועגן אַלץ. האָבן מיר דאָס געלאַכט אַ ביסל, דערוויסנדיק זיך וועגן דיין קאָמיש שפּיצל! צי דען דאַרפסטו נישט בייזיין אויף די אונטער־האַנדלונגען?...

— ניין, איך האָב זיך אָפּגעזאָגט דערפון. כ׳האָב נישט דעם מינדסטן חשק פונאַנדערצוקלויבן זיך אין דידאַזיקע אַלע פּאַראַגראַפן. כ׳וויל זיין מיט דיר, אונז איז דאָך גוט צוזאַמען.

— כ׳האָב מורא, אַז מיר וועלן נישט פּאַרשאַפן איינער דעם צווייטן קיין סך פרייד, מיין ליבער!

— דיר איז אַ סך בעסער. כ׳האָף, אַז מאָרגן...

— אָ, ניין, דער טויט נאַרט נישט אָפּ! דער קעלער האָט מיך שוין אינגאַנצן אָפּגעקעלטגט...

— פאַרוואָס האָסטו דאָס געטון, פאָטער? האָסט דאָך געוווסט, אַז אין מיין שטוב איז תּמיד דאָ אַן אָרט פאַר דיר. מיר האָבן די גאַנצע צייט געוואַרט אויף דיר.

— זיי מיר מוחל מיין עקשנות, פעללע. כ'בין אָבער געווען צו אַלט, איך זאָל דיר העלפן אין קאַמף, האָב איך, לכל הפחות, באַשלאָסן נישט פאַלן דיר צו לאַסט. און אַזוי אַרום האָב איך אויך אַריינגעטראָגן מיין חלק אין קאַמף. און ווי מיינסטו, עס וועט עפּעס דערפון אַרויסקומען?

— יאָ, מיר זעגען מנצח, און פאַר די אָרימע קומט אַן אַ נייע צייט. . .

— מיר אָבער וועט דאָס שוין נישט אויסקומען צו זעען. דאָס איז געלעגן אויף דער דינסט באַ אַ שלעכטן מכשף, אויף וועמענס טיר עס איז אָנגעשריבן: היינט אַרבעטן, מאָרגן עסן. און דער „מאָרגן" קומט קיינמאָל נישט אָן. אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט גוטס אין לעבן, האָבן געטון פאַר מיר מיינע נאָענטע; אַן אָרים פייגעלע צופּט דאָך אויס זיינע פעדערלעך, כדי אָנצווואַרעמען אַ צווייטס. כ'האָב זיך נישט וואָס צו באַקלאָגן, כ'האָב געהאַט שווערע טעג, אָבער אַנדערע איז, אפשר, געווען נאָך שווערער. און פרויען האָבן זיך שטענדיק זייער גוט באַצויגן צו מיר. כ'בין דאָך אַמאָל געווען אַ פאַרמעגלעכער פויער, אין די לעצטע יאָרן פון נויט האָט מען דאָס אינגאַנצן פאַרגעסן. און די אַלטינקע ליזע! די בעטלערקע ליזע, ווי מען האָט זי אומעטום גערופן, זי האָט מיט מיר געטיילט איר בעט און איר לעצט שטיקל ברויט. זי איז געשטאָרבן פון הונגער, גיב נאָר אַ טראַכט, וואָס זי האָט געטון: „עס", — פלעגט זי זאָגן, „מיר האָבן אַ סך!" און איך, דער אַלטער נאַר, פלעג אַלץ אויפעסן, ביזן לעצטן ברעקל און זיך נישט כאַפּן, אינדערפרי איז זי שוין געלעגן לעבן מיר אַ טויטע און אַן אָפּגעקילטע; זי איז געווען הויט און ביינער. זי איז אָבער געווען אַזאַ גוטע! יענץ ליד, דו געדענקסט, האָבן מיר פאַרפאַסט צוזאַמען מיט איר. אָך, יאָ, די אָרימע נעמען צו איינער באַם צווייטן דאָס ברויט.

לאַססע איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט, ווייזט אויס, זיך דערמאַנט. דערנאָך האָט ער גענומען זינגען און מאַכן העוויות ווי דאַן אויף דער גאַס. פעלע האָט זיך באַמיט אים באַרויקן. דער אַלטער האָט אָבער

געמיינט, אז גאסן-יינגלעך רינגלען אים ארום. ווען ער איז דערגאנגען ביזן פערד, ווי לאססע רעדט וועגן זיין זון, האט ער גענומען זויגן.

— ווייִן נישט, כאַטער, — האט פעללע געזאגט אויסער זיך, איינ-בייגנדיק זיך איבער אים און צודריקנדיק זיין שווערן שטערן צום פלטנס. — כ'בין דאך ווידער מיט דיר.

לאססע איז געלעגן דא עפענענדיק, דא צומאכנדיק די אויגן. ער האט זיך באַניט אַנצוטאפן מיט דער האַנט דעם זונס קאפ.

— יא, ביסט מיט מיר, — האט ער קוים צו הערן ארויסגערעדט מיט א מיד קול.

— און איך האב געמיינט, אז דו ביסט ווידער אוועק. ווייסט וואס, פעללע? דאס גאנצע לעבן בסטו דאך געווען מיין פרייד. מיינע בעסטע יארן זענען דאך שוין געווען הינטער מיר, ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן. און דאן איז פאר מיר ווידער ווי אויפגעגאַנגען די זון. „וואס וועט ער אונז ברענגען?" — האב איך א טראכט געטון און דיך אויפגעהויבן אינדערהייך. ביסט געווען נישט לענגער ווי א בראנפן-פלאש. — „ווער ווייסט, אפשר וועט ער זיין גליקלעך, דאן וועל איך אויך א ביסל געניסן פונם גליק!" אזוי האב איך געטראכט, כ'בין זוכער געווען דערין, איצט מוז איך זיך אפזאגן דערפון. אבער איך האב פארט דערלעבט צו זען, ווי דו האסט דערגרייכט א הויכע לאגע. רייך ביסטו, וואס אַן אמת, נישט געוואָרן... אבער אַלץ איינס... די אָרימע האבן דיך ליב. צוליב זיי האסטו איבערגעטראגן א שווערן קאמף, אַן דעם מינדסטן נוצן פאר זיך. איצט האב איך דאס באגריפן. מיין אַלט האַרץ פרייט זיך, וואס דו ביסט — מיין זון...

לאססע איז אַנטשוויגן געוואָרן. פעללע האט זיך ציגעזעצט אויף דער סאפע. אבער רוען האט ער נישט געקאנט. דער אלטער האט געדרימלט ווי א פייגעלע. ער פלעגט יעדע מינוט אויפעפענען די אויגן. ווען ער פלעגט נישט זען פעללען לעבן זיך, פלעגט ער ווערן אומרויק, זיך ווארפן און רעדן פון היץ. באנאכט האט לאססע אויפגעהויבן דעם קאפ און זיך גענומען איינהערן...

פעללע האט זיך אויפגעכאפט.

— וואס איז מיט דיר, טאטע? — האט פעללע געפרעגט, אויס-שפרינגענדיק אויף די פיס.

— אך, איך הער ווי עפעס רוישט דאָרט, ווייט אויפן ים! ווי א

וואָסערפֿאַל זאָל פֿליען אין תּהום. אָבער דאַרפֿסטו דען נישט גיין צו עללען? כ'וועל זיין אַליין די נאַכט. זי איז אפשר אומרויק, זי ווייסט נישט ווו דו ביסט.

— כ'האָב איר שוין געשיקט זאָגן, אַז כ'וועל היינט נישט קומען, — האָט אים פֿעללע באַרויקט.

דער אַלטער איז געלעגן און שאַרף אָנגעקוקט דעם זון.

— ביסטו גליקלעך, פֿעללע? מיר דאַכט זיך אַמאָל, אַז עפּעס קומט פֿאַר צווישן אייך?

— ניין, פֿאָטער. אַלץ איז גוט, — האָט פֿעללע שטיל געענטפֿערט.

— נו, אַ לויב צו גאָט, אויב אַזוי. עללען איז אַ גוט ווייב, און זי האָט דיר געבוירן שיינע קינדער. וואָס מאַכט דער קליינינקער לאַססע? מיר וואָלט זיך שטאַרק וועלן אַ קוק טון אויף אים פֿאַרן טויט.

— כ'וועל דיר אים ברענגען מאָרגן אינדערפֿרי. און איצט שלאָף, ס'איז נאָך טיפֿע נאַכט.

לאַססע האָט זיך אומגעדרייט צו דער וואַנט. אין אַ מינוט אַרום האָט ער פֿאָרזיכטיק אומגעדרייט דעם קאָפּ, כּדי אַ קוק צו טון, צי פֿעללע שלאָפֿט. ער האָט אים נישט געקאָנט זען אין דער צווייטער זייט צימער און ער האָט זיך באַמיט אויפֿצוהייבן, אָבער איז מיט אַ קרעכץ ווידער געפֿאַלן אויפֿן בעט.

— וואָס איז דיר, פֿאָטער? — האָט פֿעללע אומרויק געפֿרעגט, און איז תּיכּף צוגעגאַנגען צו אים.

— כ'האָב נאָר געוואָלט זען צי דו ביסט צוגעדעקט, מיין זון, ס'איז שרעקלעך קאַלט. אָבער מיינע אבֿרים פֿאָלגן מיך נישט, — האָט ער פֿאַרשעמט געזאָגט.

אַרום פֿרימאָרגן איז ער רויק איינגעשלאָפֿן, און פֿעללע האָט געבעטן פֿרוי יאָנסען אונטערצוזיצן מיט אים, ביז ער וועט קומען מיטן קינד. פֿאַר פֿעללען איז דאָס געווען זייער שווער, אָבער ער האָט זיך נישט געקווענקלט צו דערפֿילן דעם פֿאָטערס לעצטן ווילן. ער האָט געוווסט, אַז עללען וועט קיינעם נישט אָנטרויען דאָס קינד.

עללענס פֿאַרשטיינערט פּנים האָט אויפֿגעלויכטן, ווען זי האָט דערזען פֿעללען, פֿון איר מויל האָבן זיך שיער נישט אַרויסגעריסן פֿרייד־ווערטער, אָבער דער אויסדרוק פֿון זיין געזיכט האָט זי צעטומלט.

— מיין פֿאָטער שטאַרבט און ער וויל זען דאָס יינגל.

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ און איז אַהעק אַנטון לאָפסען. פעללע איז געשטאַנען לעבן פענצטער. ער איז דאָ ווידער געווען... פעללען איז געווען אַזוי מאָדנע דאָס צו פילן. ס'זענען אויפגעשטיגן אין אים טייערע דערינערונגען, און ער איז צעמישט געוואָרן. ער האָט געוואָלט אַ קוק טון אויפן מיידעלע. עללען האָט אים שווייגדיק אַריינגעפירט אין שלאָפצימער; די קליינע איז געשלאָפן אין איר בעטעלע; איר קיילעכדיק פנימל האָט געאָטעמט מיט זאָרגלאָזער רו. עללען איז צוגעגאַנגען נענטער. ער האָט געשפּירט אויף זיך איר שאַרפן בליק. ער האָט זיך שטרענג אָפּגעקערט און איז אַרויסגעגאַנגען. ער האָט דאָ גאַרנישט געהאַט וואָס צו טון. דאָסדאָזיקע הויז איז פאַר אים געווען פרעמד. איין געדאַנק האָט אים געעגבערט: צי פירט זי זיך ווייטער אויף „אַזוי"? זי איז נישט געווען אין צימער און ער האָט זי נישט געקאָנט פרעגן. ער האָט גענוי באַטראַכט דאָס צימער, וועלנדיק געפינען עפּעס אַ סימן, וואָס זאָגט עדות וועגן איר אויפפירונג. אין צימער איז געווען אָרים; אַלע איבעריקע זאַכן זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן. עס האָט זיך אָבער דערנומען אַ ניי־מאַשין און אויף אים איז געלעגן אַרבעט.

אַ „שטרייקברעכער". — האָט ער אומווילנדיק אַ טראַכט געטון. אָבער זיך ערשטע מאָל אין לעבן איז ער צופרידן געווען מיט דעמדאָזיקן „שטרייקברעכער". זי האָט, הייסט עס, פאַרדינט דורך נייען. זי האָט געהאַט זייער אַ באַשיידענעם אויסזעען; פעללען איז געווען זייער אָנגענעם.

— דאָס יינגל איז גרייט, — האָט זי געזאָגט. פעללע האָט געוואָרפן אויפן צימער אַ לעצטן קוק.

— אפשר נייטיקסטו זיך אין עפּעס? — האָט ער געפרעגט.

— אַ דאַנק. כ'וועל זיך אַן עצה געבן, — האָט זי געענטפערט מיט שטאָלץ.

— האָסט נישט גענומען דאָס געלט, וועלכעס כ'האָב דיר געשיקט שבת...

— כ'וועל זיך אַליין אַן עצה געבן, אָבער כ'וויל זיך נישט שיידן מיטן יינגל. געדענקסט, האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ער וועט תמיד לעבן מיט מיר.

— מיר האָבן אַזאַ מוטער, וועלכע קאָן קוקן דעם זון גלייך אין די אויגן; געדענקסט, אַז דו האָסט דאָס געזאָגט, עללען?

— האָסט מיך נישט וואָס צו דערמאָנען וועגן דעם. — האָט זי אים געענטפערט פאַרביטערט.

ווען זיי זענען געקומען, איז לאָססע נישט געשלאָפן.

— דאָס איז אַן אמתער קאַרלסען, ער איז אַריינגעראָטן אין אונז! גיב נאָר אַ קוק! ער האָט פּונקט אַזעלכע אָפּגעשטאַנענע אויערן, ווי דו האָסט געהאַט אין דער קינדהייט, און אויפן שטערן האָט ער פּונקט אַזאַ גליקלעכן טשו...; ער וועט זיכער אַ סך דערגרייכן אין לעבן. כ'וועל אַ קוש טון זיינע קליינינקע הענטלעך. די הענט דאָס זענען דאָך אונזער אוצר, דאָס איז דאָס איינציקע גוטע, וואָס מיר פאַרמאָגן. מען זאָגט, אַז די אָרימע וועלן מיט די אייגענע הענט שאַפן אויף דער ערד גליק, כ'ווייס נישט, צי דאָס איז ריכטיק. סאַראַ שאָד, וואָס מיר וועט נישט אויסקומען צו דערלעבן דערצו, אויב דאָס וועט געשען!...

— געוויס, אויך דו וועסט דאָס זען, פאָטער, — האָט געזאָגט פעללע, וועלכער האָט געקויפט דעם „אַרבעטער” און אים אויפמערקזאַם געלייענט. — עס ווערן געפירט אייליקע אונטערהאַנדלונגען און דער קאַמף וועט די טעג פאַרענדיקט ווערן. און אונז וועט זיין גוט צו־זאַמען...

— ניין, איך וועל דאָס נישט דערלעבן. דער טויט איז שוין נאָענט... ווען ער זאָל אָבער אַ ביסל אונטערוואַרטן, וואָלט איך געווען צופרידן צו זען אייך אַלעמען גליקלעך. האָסט דורכגעמאַכט אַ שווערן וועג, פעללע. לאָססע איז נישט קיין נאַר. אויב דו וועסט אָבער מיט דער צייט פאַרנעמען אַ חשוב אָרט, פעללע, טאָ פאַרגעס נישט וועגן די אָרימע.

— איצט איז נאָך ווייט דערצו, פאָטער. און מיט דער צייט וועלן בכלל מער נישט זיין קיין אָרימעלייט.

— ביסט אַזוי זיכער? אָבער די אָרימקייט עקזיסטירט שוין פון גאָר לאַנג און אַזוי גיך וועט מען זי נישט פאַרניכטן. דער קליינינקער לאָססע וועט נאָך באַווייזן אויפצוואַקסן, איידער דאָס וועט געשען. נעם צו דעם קליינעם, ער דאַרף נישט קוקן אויף אַ שטאַרבנדיקן אַלטן. ער איז אַזוי בלייך. זעט ער אַן די זון?

— די רייכע האָבן דערווייל צוגענומען די זון צו זיך און האָבן פאַרגעסן זי אומצוקערן, — האָט פעללע געזאָגט מיט ביטערקייט.

לאָססע האָט געקנייטשט דעם שטערן, ווי ער זאָל זיך באַמיִען עפּעס דערמאָנען זיך.

— יאָ, יאָ... דערצו דאַרף מען האָבן גוטע אויגן, און מײַנע טויגן שוין נישט, גיי אָבער אַוועק, נעם מיט דאָס ייִנגל. מוזסט, מסתמא, האָבן אײליקע ענינים, און דעם טויט וועסטו סײ־ווי נישט איבערכיטרעווען, פעללע, ווי קלוג דו זאָלסט נישט זײַן. — ער האָט אַרויפגעלייגט זײַן פאַרוועלקטע האַנט אויפן ייִנגלס קאָפּ און ער האָט זיך אומגעדרייט צו דער וואַנט.

פעללע האָט געבעטן די פרוי יאַנסען אָפּפירן דאָס קינד אַהיים, און אַליין איז ער געבליבן מיטן פאָטער. אין דער לעצטער צייט זענען זיך זייערע וועגן פונאַנדערגעגאַנגען; ער האָט אים כסדר געמוזט פאַרלאָזן, און איצט האָט פעללע נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון פאָטער. ער האָט געמאַכט פייער, אַנגעוואַרעמט דאָס עסן און זיך באַמיט איינאָרדנען דעם פאָטער ווי מעגלעך בעסער; פעללע האָט די גאַנצע צייט צוגעהערט זיך צום פאָטערס פיבערדיקע רייד און ס׳האָט אים אַרומגעכאַפּט דאָס געפיל פון דער אַמאָליקער געמיטלעכקייט אין דער ווייטער קינדהייט.

ווען פעללע איז אַרײַן אין לעבן האָט ער געהערט זײַנע רייד אין מויל פון מענטשן, וועלכע האָבן גערעדט וועגן די צרות פון לעבן. און איצט איז ער שטיל געגאַנגען צוריק, אויפן זעלבן וועג, פון טומלדיקן עולם צו זײַן פאָטער, און פעללע האָט דערזען, סאַראַ גרויסע וועלט עס האָט געטראָגן אויף זײַנע אַקסלען דער דראָזיקער ליבערייכער אַלטער!

פעללע האָט נישט געדענקט דעם פאָטער אַלס יונגן; דאָס לעבן מאַכט שנעל אַלט די אָרימע, דערפאַר אָבער איז דויערהאַפט זייער עלטער. אָבער גראָד דאָס האָט אים צוגעגעבן דידאָזיקע איבערמענטשלעכע שטריכן — פון אַ פאָטער! ער האָט שיין אַריבערגעטראָגן זײַן אָרימקייט, ער איז נישט פאַרביטערט געוואָרן, נישט געוואָרן קיין עגאָאיסטישער, האָט נישט ענגער געמאַכט זײַן גייסטיקן האָריזאָנט; תמיד גרייט צו זעלבסטאָפּפערונג, תמיד אַ ווייכער, אַ שטאַרקער אפילו אין זײַן שוואַכקייט! מיט גרענעצלאָזער ליבע האָט ער אַרומגענומען פעללעס גאַנצע עקזיסטענץ. ווי אומדערטרעגלעך שווער עס וועט זײַן פעללען נישט הערן זײַנע ווערטער, וואָס זענען פול מיט ליבע און ווייכקייט!

זײַן אָפּפליענדיקע נשמה האָט געקרייזט איבער זײַן ערדישן לעבן, ווי עס טראָגן זיך אין הימל טויבן, אַלץ פאַרברייטערנדיק זייערע קרייזן. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אַ ביסל קומען צו די כוחות, פלעגט ער רעדן וועגן זײַן לעבן.

— ס׳איז כאָטש תמיד געווען עפּעס, מיט וואָס מען האָט זיך גע־

קאָנט פֿרייען, אָבער געווים, אַ סך אין לעבן איז געווען אַ ציללאָזער קאַמף. פֿריער, ווען איך האָב נישט געטראַכט וועגן דעם, איז אַלץ געווען גוט, אָבער מיט דיין געבורט האָט מיין רייף־געוואָרענער שכל אָנגעהויבן זעען אַ סך נייע זאַכן, און כ׳האָב שוין מער קיין רו נישט געקאָנט געפֿינען. ס׳איז געווען אין דיר עפּעס ווי אַ צוגרייטונג, און איך האָב דאָס די גאַנצע צייט געשפּירט. כ׳בין געווען אומדערמידלעך, כ׳האָב געהאַט אַזאַ געפֿיל, ריכטיק ווי עמעצער וואָלט מיר, דער נישטיקער לויז, געגעבן אַ צוזאָג פֿון אַ גרויסער שיינער עקזיסטענץ, און די דערינערונג וועגן דעם איז געבליבן לעבעדיק דאָס גאַנצע לעבן. ווערסט מיר גלויבן, מיר, דעם אָרימען אַלטן, אַז איך האָב תּמיד געטרוימט וועגן דעם, אַז איך וועל האָבן אַן אייגן הויז, פֿול מיט שפֿע, און אַז צו מיר וועט קומען מיין זון מיט דעם ווייב און קינדער און אַז איך וועל זיי קאָנען פֿון פֿולן האַרץ אויפֿנעמען. ביז דער סאַמע לעצטער צייט האָב איך זיך נישט צעשיידט מיט מיין טרוים. כ׳האָב געטרוימט וועגן דעם, אַז כ׳וועל געפֿינען אין דעם מיסט־גרוב אַן אוצר. אַך, איך האָב אַזוי שטאַרק געוואָלט עפּעס איבערלאָזן דיר בירושה! כ׳האָב אַזוי ווינציק געקאָנט טון פֿאַר דיר בעתן לעבן...

— און דאָס זאָגסטו, דו, וואָס דו ביסט מיר געווען אַ פֿאָטער מיט אַ מוטער צוזאַמען? מיין גאַנצע קינדהייט האָסטו מיך אָפּגעהיטן פֿון אַלדאָס בייז. ווען עפּעס פּלעגט מיך באַאומרויקן, פֿלעג איך טראַכטן: דער פֿאָטער לאַססע וועט שוין אַלץ איינאָרדנען, און אין דער מאָס, ווי איך בין געוואַקסן, פֿלעגסטו מיר אין אַלעם צוהעלפֿן. ווען דו זאָלסט מיר נישט האָבן איבערגעלאָזט אַזאַ אומשאַצבאַרע ירושה, וואָלט איך נישט געקאָנט דערגרייכן דאָס, וואָס איך האָב דערגרייכט...

— אַזוי מיינסטו? — האָט לאַססע שטאָלץ אויסגערופֿן. — צי דען האָב איך באמת געגומען אַן אָנטייל אין דער זאַך פֿון די אָרימע? אַך, יעדנפֿאַלס איז דאָס אַזאַ פֿרייד צו הערן! דו ביסט אָבער געווען מיין לעבן. דו ליבער. און ווי שוואַך איך בין נישט געווען, פֿלעג איך מיך וווּנדערן אויף די כּוחות, וועלכע איך האָב דיר איבערגעגעבן. דאָס, וועגן וואָס איך פֿלעג קוים זיך דערוועגן צו טרוימען, פֿלעגסטו אויספֿירן מיט אַ מעכטיקער האַנט! און איצט ליג איך דאָ און איך קאָן גאָרנישט טון פֿאַר דיר, אַפֿילו שטאַרבן פֿאַר דיר אויך נישט. דו מוזט מיר צוזאָגן, זאָלסט נישט נעמען אויף זיך צוליב מיר קיין גרויסן עול, זאָל דאָס טון די פֿילאַנטראָפּישע געזעלשאַפֿט. ביז איצט האָב איך דיך אויסגעמיטן, דאָס איז דאָך אָבער אַ נאַרישע גאווה; די אָרימע און די

פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט זענען אומפאַרמיידלעך פאַרבונדן צווישן זיך. אין דער לעצטער צייט האָב איך אויף אַ סך זאַכן גענומען קוקן מיט אַנדערע אויגן. און ס'איז גוט, וואָס כ'שטאַרב. מען קאָן נישט לעבן, ווען מען האָט פאַרלאַנגען און מען האָט קיין קראַפט נישט זיי אויסצופירן. ווען דיראָזיקע געדאַנקען וואָלטן מיך באַזוכט אין דער יוגנט, וואָלט איך אפשר עפעס אויפגעטון אין לעבן. איך האָב אָבער נישט פאַרמאָגט דיין דערפינדערישן שכל, כדי אַריינצולייגן די אייער אין אַ קאָרב מיט האָפן...

אויפן דריטן טאָג אינדערפרי איז אין לאַססען פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג, ס'איז שווער געווען צו פאַרשטיין, אין וואָס זי איז באַשטאַנען. פעללע איז געזעסן לעבן זיין בעט און געלייענט דעם „אַרבעטער". ער האָט באַמערקט, אַז זיין פאָטער קוקט אים שאַרף אָן.

— איז דאָ עפעס נייעס? — האָט ער קוים צו הערן געפרעגט.

— די אונטערהאַנדלונגען ווערן ווייטער געפירט, — האָט פעללע געענטפערט, — ס'איז אָבער שווער צו קומען צו אַן ענדגילטיקן רעזולטאַט. שוין אַ סך מאָל האָט אַלץ שיער נישט געפּלאַצט...

— ווי דאָס פאַרשלעפּט זיך, — האָט לאַססע אומצופרידן געזאָגט. — היינט וועל איך שטאַרבן, פעללע. כ'פיל אין זיך עפעס אַן אויפרעגונג, הגם אין דער זעלבער צייט וואָלט איך וועלן זיך באַרויקן. סאַראַ מאָדנע געפיל, ווען מיר דאַרפן פון איין צושטאַנד איבערגיין אין אַ צווייטן. ווען איך בין געווען אַ קליין יינגעלע האָב איך ליב געהאַט צו לויפן דאָרט, אינדערהיים, אַרום דעם פעסל מיט וואַסער; איך פלעג לויפן ווי אַ משוגענער און מיינען, אַז איך וועל זיך אַליין דעריאָגן. איצט איז דאָס געשען. כ'קאָן ווייטער נישט גיין, עפעס שטייט פאַר מיר! — און דאָס איז דער אַלטער לאַססע גופא. ער שטערט מיר צו גיין ווייטער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז כ'קאָן אים אַריבעריאָגן, אָבער מיין קוק אויף דער וועלט האָט זיך אַזוי געענדערט, אַז כ'קאָן אים נישט געפינען. אין יענעם אָוונט, ווען די חשובע הערן האָבן דערקלערט דעם לאָקאַוט, בין איך געשטאַנען צווישן דעם הייפל אָרימע און זיך צוגעהערט. זיי האָבן געשריגן „הורא" און געטרונקען שאַמפּאַניער, און אָט דעמאָלט האָב איך געענדערט מיין קוק אויף דער וועלט. ווי שרעקלעך עס איז אויף דער וועלט! דאָרט, אין קעלער, איז געלעגן אַ מויערער; בשעתו האָט ער אָנטיילגענומען אין בויען אַ רייכן הויף, און וואָס? ער אַליין האָט נישט געהאַט אפילו אַ דאַך איבערן קאָפּ...

אַרום לאַססעס מויל האָט זיך געלייגט אַ טיפער קנייטש, פריער איז ער נישט געווען. ס'איז אים שווער געווען צו רעדן, ער האָט אָבער בשום אופן נישט געקאָנט שווייגן.

— ווי דיר זאָל נישט גיין אין לעבן, גוט אָדער שלעכט, גלייב קיינמאָל נישט דער גייסטלעכקייט. — האָט ער ווייטער גערעדט, צונויפנעמענדיק די לעצטע כוחות. — דערין איז געווען מיין פעלער. כ'האָב גענומען טראַכטן וועגן דעם צו שפּעט. „מיר דאַרפן זיך נישט באַקלאָגן", — זאָגן זיי, — „און איינס פליסט אַרויס פון דעם צווייטן, דאָס גרויסע פון דעם קליינעם, און אַלץ געשעט לויט גאָטס ווילן". דאָס האָלט אונז כּל-סוף געקאָנט מאַכן לגמרי פאַר בהמות. מיר וואָלטן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גוטע פערד פאַר די הערן; און איך טראַכט, דעם אמת געזאָגט, אַז דאָס קאָן טאַקע געשעען. זיי הייבן שוין אָן אויסצוזייגן דאָס בלוט פון די אָרימע; גיב נאָר אַ קוק ווי דידראַזיקע פליען פאַר דער קאָטש! נו, און ווי מיינסטו, אין וואָס וועט באַשטיין דאָס נייע?

— אונז אַלע וועט זיין גוט, פאָטער! — האָט פּעללע טרויעריק געזאָגט. — אָבער מיר וועט זיין אַזוי ווייטיקדיק, אויב דו וועסט נישט זיין מיט אונז... איך וועל אָבער באַצירן דיין קבר! כ'וועל דיר שטעלן אַ דענקמאָל פון היימישן גראַניט. כ'וועל אים אהערברענגען פון אונזער היים און כ'וועל מאַכן אויף אים אַ שיינע אויפשריפט.

— וועסט אויפשרייבן אויף אים: „אַרבעט היינט, עס מאָרגן" — האָט לאַססע געזאָגט מיט ביטערקייט.

אַ גאַנצן טאָג איז ער געלעגן אין האַלב-דרימל. אָבער בין-השמשות-צייט האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— זינגען נישט אַמאָל מלאכים? — האָט ער קלאַנגלאָז אַרויסגעשעפּטשעט.

— ניין, דאָס זענען די קינדער פון די אַרבעטערינס. אינגיכן העלן זיך אומקערן פון די פאַבריקן זייערע מוטערס און וועלן זיי געבן די ברוסט מיט מילך, דאַן וועלן זיי אַנטשווייגן ווערן...

לאַססע האָט אַ זיפץ געטון: נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט וועלן זיי האָבן ווינציק מילך. מען זאָגט, אַז די רייכע שטאַרקן זיך מיט וויין, צאָלנדיק פאַר אַ פלאַש צו צען-פופצן קראָן; עס קומט אויס אַזוי, אַז איינע נעמען צו בייַ קינדער די מילך און פאַרוואַנדלען עס אין טייערן שפּירט...

ער האָט עפּעס ווייטער געמורמלט, אָבער אַזוי שטיל, אַז פּעללע האָט זיך געמוזט איינבייגן האַרט צו זיין אויער:

— מיר זענען געגאַנגען מיט דיר, פּעללע, האַנט בא האַנט, און פונדעסטוועגן יעדער מיט זיין וועג. דו ביסט געגאַנגען מיט דער יוגנט, און לאַססע... אָבער דו האָסט מיר געגעבן אַזוי פיל פרייד...

און עס זענען אויסגעלאָשן געוואָרן די נאָענטע אויגן, עס איז אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס פייער, וועלכעס האָט אים געלויכטן מיט אַ קלאָר ליכט אין אַלע צייטן פון זיין לעבן. ריכטיק ווי די ליבעפּוילע שטיצע פון זיין לעבן זאָל האָבן איינגעפאַלן. זיין גאַנץ וועזן האָט זיך אָפּגעריסן און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער אומבאַקאַנטער ווייטקייט... פּעללע איז איינזאַם געזעסן אויף אַ הילצערנער שטול. די גאַנצע נאַכט איז ער דורכגעזעסן אומבאַוועגלעך באַם קערפּער פון טויטן, קוקנדיק מיט פוסטע אויגן אין דעם אומבאַגרייפלעכן; זיינע געדאַנקען האָבן מיט זאָרג געשעפּטשעט דעם טויטן וועגן דעם אַלץ, וואָס עס איז געווען פאַרן זוין.

פּעללע האָט זיך נישט געריהרט. ער איז גלייך געווען ווי אַ טויטער. פרוי יאַנסען האָט אים געפונען אינדערפרי אין זעלבן צושטאַנד, ווען זי איז געקומען דערוויסן זיך וועגן לאַססעס געזונט.

דערנאָך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און איז אַוועק מאַכן די נייטיקע צוגרייטונגען.

XXXVI.

שבת באַטאָג האָט געזאָלט אונטערגעשריבן ווערן דעם שלום-אָפּמאַך. דער דוירנדיקער איבעררייס אין דער אַרבעט האָט זיך געענדיקט. דידאַזיקע בשורה האָט זיך מיט אומגלייבלעכער שנעלקייט פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט, אַריינדרינגענדיק אומעטום.

— איר האָט געהערט?

— האָט איר געהערט?

— מיר האָבן אויסגעפירט!

די אָרימע האָבן זיך גענומען רודערן; זיי האָבן אויסגעהערט צו

ליגן אין הינערפלעס און האָבן זיך אַרויסגעקליבן אויף דער ליכטיקער וועלט, זייערע אָפּגעצערטע פּנימער זענען ליכטיק געוואָרן. די פרויען האָבן אַרויסגעשלעפּט די קערב. און די קינדערלעך האָבן גענומען לויפן אין קרעמל אַריין איינקויפן אויף זונטיק. די קרעמערס האָבן איצט איינגע-וויליקט צו געבן אויף באָרג! אַלע האָבן געלאַכט, געפּלוידערט און זיך געפרייט. דער זומער איז געקומען, אַרבעט איז געווען ביז איבערן קאָפּ. אַבי זעץ זיך און אַרבעט! פון קיך צו קיך האָט מען פריידיק איבערגעגעבן די נייעס. פון אויפרעגונג איז אַלץ געפאַלן פון די הענט, אָבער זיי, נישט לייגנדיק אויף דעם קיין אַכט, זענען ווייטער געפלויגן מיט דער פריידיקער נייעס; קיין שום ספקות זענען זיי נישט געקומען אין קאָפּ אַריין. אַזוי שטאַרק האָט זיך זיי געוואָלט גלייבן דערין. נאָך מיטאָג האָט דער „אַרבעטער" גרויסגעלאָזט אַן עקסטרע ביולעטין, וואָס באַשטעטיקט די קלאַנגען; לסוף האָבן זיך דידאָזיקע פריידיקע קלאַנגען אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיקע. ס'איז באמת אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ נצחון; די רעכט פון די פאַריינען זענען באַשטעטיקט געוואָרן, און דער קאַפּיטאַל האָט דערפילט אַן אַכטונג צו די אַרבעטער, ווי צו אַ פאַקטאָר, מיט וועלכן מען מוז זיך רעכענען. דער פריערדיקער סטאַטוס קוואָ איז צוריק איינגעפירט געוואָרן אין לעבן.

— גיב נאָר אַ טראַכט, פונדעסטוועגן, סאַראַ אַכטונג זיי מוזן פילן צו אונז, זיי האָט זיך דאָך פאָרט גאָרנישט איינגעגעבן אויסצופועלן באַ אונז...

זיי האָבן הויך געלאַכט פון פרייד, וואָס דער „סטאַטוס קוואָ" איז געבליבן אומבאַרירט, הגם זיי האָבן נישט געוווּסט, אין וואָס אייגנטלעך ער באַשטייט.

די מענער זענען געווען אויף דער גאַס. זיי זענען געגאַנגען גרופּ-פּעסווייז, יעדער אין זיין אָרגאַניזאַציע, כדי דערוויסן זיך וועגן די איינצלהייטן פון נצחון. לויט זייער אויסזען האָט מען נישט געקאָנט טראַכטן, אַז די לאַגע האָט זיך געענדערט צום בעסערן; זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געפּוּנעט אונטערן עול פון נויט, אַז זיי האָבן פּאַראַמאָל זיך נישט געקאָנט דערפילן באַפרייט פון איר.

אומעטום, סיי אויף די הייף, סיי אויף די שטיגן האָט מען גע-הערט אַ פריילעך שמועסן; די אַרבעט האָט ווידער געזאָלט גיין מיטן פולן גאַנג — די שיינע, געבענטשטע אַרבעט האָט געדאַרפט געבן עסן און טרינקען און בגדים! אפילו פאַמיליען-פרידן! ס'וועט שוין מער נישט

אויסקומען צו זיצן פאַר אַ פּוסט טעפּעלע און מען וועט זיך קאָנען דער־שלאָגן, מיט דער הילף פון אַרבעט און טרערן, צו אַן אָרדנונג אין פאַמיליען־לעבן. דער פאָטער וועט געוויס היינט איגאָוונט באַקומען אַ גוטן ביסן, און מאָרגן וועלן מיר, אפשר, אַרויספאָרן הינטער דער שטאָט, מיטנעמענדיק מיט זיך אַ קיישל מיט גוטע זאַכן. אָבער יעדנפאַלס, אויב דאָס וועט נישט געלונגען מאָרגן, וועלן מיר שוין באַשטימט אַרויספאָרן הינטער דער שטאָט, ווי נאָר מיר וועלן אויסקויפן די זאַכן; מען דאַרף זיי כאָטש אַ ביסל אויסלופטערן, איידער דער ווינטער וועט אָנקומען, אַז מען וועט זיי ווידער מוזן פאַרזעצן. זיי זענען אַזוי אַנטציקט געווען פון דעם שלום, אַז זיי האָבן אפילו נישט געטראַכט צו פאָדערן עפּעס נייעס אין איצטיקן מאָמענט.

אין די לעצטע אונטערהאַנדלונגען האָט פעללע אַנטיילגענומען. נאָכדעם, ווי לאַססע איז באַגראָבן געוואָרן, איז ער ווידער געוואָרן — ער. אינאָווגט האָט ער געבלאָנדזשעט איבער די אָרימע קוואַרטאַלן און אַנגעקוואָלן פון דער אַלגעמיינער פרייד. ער האָט צוזאַמען מיט זיי גע־ליטן בעת דעם שווידערלעכן קאַמף און צוזאַמען מיט זיי האָט ער זיך געפרייט. פון צפון־בריק איז ער אַוועק פאַרביי די אָזערעס, צו דער מערב־טייל; אומעטום האָט מען באַגעגנט מחנות מענטשן. אין די געסלעך זענען אַ סך איינוווינער אַרויס פון זייערע הייזער און האָבן זיך אויסגע־זעצט אויף די בריקלעך, זיי האָבן באַלעבט געשמועסט, געררייכערט און בכלל זיך געפילט זייער אַנגענעם. דאָס איז געווען דער ערשטער וואַרעמער אָוונט; דער הימל איז געווען טונקל־בלוי; פון עק גאַסל האָט זיך אויפגעהויבן אַ פּורפּורנע טונקלקייט. אַלע האָבן זיך געפונען אין אַ פריילעכער שטימונג, דאָס איז קענטיק געווען לויט זייערע שנעלע, באַלעבטע באַוועגונגען, זיי זענען געווען אינגאַנצן אַנדערע, ווי אין די פריערדיקע וואָכן־טעג. דער נצחון האָט זיי פאַרשיכורט.

און די אַלע פאַמיליעס, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן בעת הונגער, האָבן געקאָנט פאַרלאָזן זייערע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך און זיך פאַריייניקן צו די איבעריקע; און די זעלבע טראַנטעס האָבן שוין איצט קיינעם נישט באַלעסטיקט. זיי האָבן געשטראַלט פון שטאָלץ מיטן באַ־וווסטזיין פון פאַרענדיקטן קאַמף, בעת וועלכן זיי האָבן איינגעהאַלטן זייער אומאָפּהענגיקייט. זיי האָבן פאַרגעסן אַלע זייערע ליידן, וועלכע זיי האָבן אויסגעליטן אין פינצטערניש און קעלט.

פעללע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום פאָרט; ער איז געגאַנגען צו

דער תּיבֿה באַוווּכן זיינע אַלטע פריינט. די תּיבֿה האָט אינגאַנצן געבערענט אונטער די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון, אָנצייכנענדיק זיך אויפן נאַכטיקן הימל מיט אַ ראָזן סילועט. אויפן סאַמע שפּיץ, איבערן קראַטער, האָט זיך געצויגן אַ ווייסלעך רויכל. פעללע איז געגאַנגען און געקוקט אויפן דאָזיקן רויך־באַסעק; דאָס איז געווען דער געדיכטער אָטעם פון אַלע ווענגס, וועלכע האָבן געוווינט אין זיינע טיפענישן, די אומגעזונטע אויסדאַמפונגען און דער שטיקנדיקער טשאַד. איצט האָט מען דעם נצחון געדאַרפט באַצייכענען דערמיט, וואָס מען זאָל געבן די אָרימע בעסערע וווינונגען. פעללע האָט זיך פאָרגעשטעלט קליינינקע, געמיטלעכע שטיבעלעך פאַר אַרבעטער, אַרומגערינגלט מיט גערטנדלעך מיט אויסגעקערטע שטעגעלעך. ווי גוט עס וועט זיין נאָך אַ גאַנצן טאָג שווערער פראַצע אומקערן זיך צו זיך, אין אַזאַ שטיבל!

ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס רויכל איבער דער „תּיבֿה" ווערט געדיכטערער. אָדער ער זאָל זיך האָבן אַזוי פאַרטרוימט, אַז דאָס דאַכט זיך אים בלויז? פעללע איז שטיין געבליבן און גענומען שאַרף איינקוקן זיך — פּלוצלינג האָט ער גענומען לויפן. אונטערן בלוילעכן רויכל האָט זיך פּלוצלינג באַוויזן אַ פלאַם, אין אַ מינוט אַרום איז ער פאַרשוונדן געוואָרן; עס האָט זיך גענומען קנוילן אַ נייער זייל רויך און איז געבליבן הענגען איבערן דאַך.

פעללע איז געלאָפן צו דער לאַנגער בריק. ער האָט צו גוט געקענט די „תּיבֿה"! בלויז איין אויסגאַנג איז געווען פון איר — דורכן טונעל פון טויער. און אַלע הילצערנע ביי־בנינים, וואָס האָבן פאַרייניקט די אויבערשטע שטאָקן! און די לאַנגע קאָרידאָרן! פעללע איז געלאָפן און האָט זיך באַמיט עפּעס צוצוטראַכטן, ווי צו ראַטעווען זיי.

געוויס, מען האָט תּיכּף צו וויסן געטון די פייערלעשער, אָבער ביז עס וועלן קומען צו פאָרן די פייערלעשער, וועט פאַרבייגיין אַ געוויסע צייט, און דאָ איז יעדע מינוט געווען טייער!

אויב די הילצערנע ביי־בנינים וועלן איינפאַלן, וועלן זיי פאַרשטעלן דעם אַריינגאַנג צום טונעל און אַלץ וועט זיין געענדיקט. קיינער וועט זיך נישט אַרויסקלויבן. אין דער „תּיבֿה" האָט געפעלט אפילו אַ פייערלעשער־לייטער. פאַרן הויז איז געשטאַנען אַ הייפל „תּיבֿה"־איינוווינער, וועלכע האָבן פאַרלוירן דעם קאָפּ, אַלע האָבן זיי הויך געשריגן.

— גיים פעללע! — האָט איינער פון זיי געזאָגט. אַלע זענען שטיל געוואָרן און האָבן זיך אומגעדרייט צו אים.

— ברענגט גיך אַהער די פייערלעשער־לייטער פון דער תפיסה, — האָט ער צו עמעצן אַ זאָג געטון און איז געלאָפן ווייטער.

פרויען מיט קינדער אויף די הענט זענען אַרויסגעלאָפן פון די קאָרידאָרן; עמעץ האָט געשלעפּט נאָך זיך אומנייטיקע שמאַטעס, אַלץ וואָס איז נאָר אַרונטערגעפאַלן אונטער דער האַנט. אַלץ, וואָס איז געבליבן גאַנץ נאָכן ווינטער פון די הילצערנע ביי־בנינים, איז אַרומגעכאַפּט געוועזן מיט אַ העל פייער. פעללע האָט פּרובירט אַרויפלויפן איבער די ברענענדיקע שטיגן. זיי זענען אָבער איינגעפאַלן. אַנדערע האָבן זיך אַרויסגעהאָנגען דורך די פענצטער, קוקנדיק אונטן צו מיט משוגענע אויגן; יעדע ווײַלע פלעגן זיי אַרויסלויפן אויף די שטיגן־פּלאַטפאָרמעס, און מיט אַ געשריי ווידער פאַרשווינדן.

אויפן דריטן שטאָק אין אַ פענצטערל איז געשטאַנען די אלמנה יאַנסען, האַלטנדיק פאַר די הענט דאָס אייניקל און דעם קליינינקן פּאַוולוק, דעם זון פון דער פאַבריק־אַרבעטערין. גאַנצעס קליינינקע מיידעלע האָט שטום געקוקט מיט אירע גרויסע, פאַרווונדערטע אויגן — מיט די אויגן פון איר געשטאָרבענער מוטער.

— האָט קיין מורא נישט! — האָט פעללע אַ געשריי געטון צו זיי, — מיר וועלן אייך באַלד ראַטעווען!...

ווען דער קליינינקער פּאַוולוק האָט דערזעען פעללען, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון פרוי יאַנסען און גענומען לויפן אויף דער גאַלעריי. ער האָט זיך געוואָרפן אַראָפּ און איז אומגעפאַלן; אייניקע ווײַלעס האָט ער זיך, ווי מטורף, געוואַלגערט איבערן הויף, דערנאָך איז ער אויפגעשפרונגען און ווי אַ בליץ אַרויסגעלאָפן פאַרביי פעללען אויף דער גאַס. פעללע האָט געשיקט אייניקע מענטשן באַטראַכטן די טירן אין די לאַנגע קאָרידאָרן:

— אויב די טירן זענען פאַרמאַכט, ברעכט זיי תיכף אויף, — דאָרט קאָנען זיין קינדער אָדער קראַנקע.

די איינוווינער פון די ערשטע צוויי שטאָקן האָבן זיך בשלום אַרויסגעקליבן נאָך איידער דאָס פייער האָט אינגאַנצן פאַרכאַפּט די הילצערנע ביי־בנינים.

פּעללע איז אַרויפגעלאָפן דורך די הויפּט־שטיגן, כדי דורכן בוידעם

אַריינקומען אין דער צווייטער טייל הויז. אָבער די איינוווינער פון לאַנגן קאָרידאָר האָבן אים באַגעגנט אויפן וועג.

— ווייטער קאָן מען נישט גיין, — האָט געזאָגט צו אים דער זעלנוואַרג-הענדלער, — דעם „בעל-כוסהס" גאַנצע איבערשטיבל ברענט שוין. און באַ אונז — ווייס נישט אַלץ. וואָס וועלן אָנהייבן צו סון די דאָזיקע אומגליקלעכע...

נאָך אַן אומגעלונגענעם פרווו האָט פעלע פונדעסטוועגן געפּרוווט אַריינדרינגען אין דער טיף פון דער געביידע, אָבער ניין... ס'איז אוממעגלעך געווען.

מען האָט געברענגט אַ לייטער, מען האָט זי ווי-נישט-איז איינגעשטעלט. די בעלקעס האָבן געברענט און די הילצערנע בויי-בנינים האָבן יעדע רגע געדראָט איינצופאַלן. אָבער טראַכטן איז קיין צייט נישט געווען. פון דורכגאַנג, ווי ווינצלעוו האָט געוויינט, האָט דער רויך גענומען שלאָגן זיילנווייז, אָנפילנדיק דעם הויף. מען האָט זיך געמוזט איילן.

— מכתמא האָט טאַקע דערדאָזיקער משוגענער אונטערגעצונדן דאָס הויז, — האָט מען געשמועסט צווישן דעם הייפל מענער, וועלכע האָבן איינגעשטעלט די געבראַכטע פייערלעשער-לייטער.

די לייטער האָט געגרייכט בלויז ביז צום צווייטן שטאָק. פעלע האָט אַ וואָרף געטון דער פרוי יזענסען אַ שטריק, זי האָט אים צוגעבונדן צום אושאַק פון פענצטער, אַזוי אַז ער האָט געקאָנט אַרויפקלעטערן אויף אים. מיט דער הילף פון שטריק האָט ער אַראָפּגעלאָזט צו זיינע חברים צוערשט דאָס קינד, דערנאָך די פרוי; זיי זענען געשטאַנען אויף דער אייבערשטן שטאַפּל פון לייטער און האָבן אונטערגעכאַפּט ביידע. דער רויך האָט געגעסן די אויגן, — פעלע איז שיער נישט דערשטיקט געוואָרן. ער האָט גאָרנישט געזען, אַרום אים האָט מען געהערט יאוש-געשרייען...

אַקוראַט איבער אים האָט זיך געהערט אַ פרויען-שטימע.

— פעלע, העלף! ראַטעווע מיך! — האָט געקוויטשעט אַ פרוי מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם.

דאָס איז געווען די שעמעוודיקע שניידערין, זי האָט זיך אַריבערגעקליבן אַהער. ער האָט דערקענט איר ליבלעך קול.

— זי האָט מיך דאָך ליב, — האָט ער פלוצלינג דערמאָנט זיך מיט פרייד.

— כאַפּ דעם שטריק און פּאַרפּעסטיק אים גוט צו דער פענצטער-ראַם. כ'וועל אַרויפגיין צו דיר, — האָט ער אַ געשריי געטון און פאַר-וואָרפן דעם עק שטריק צום פערסן שטאָק. אָבער אין זעלבן מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ האַרצרייסנדיקער געשריי. איבער זיין קאָפּ איז דורכגע-פלויגן אַ פינצטערע מאַסע און אַ בוך געטון אין די שטיינער, אַרויס-געבנדיק אַ דומפּן קלאַנג. פייערדיקע צונגען האָבן אויפגעפלאַקערט און אַ לעק געטון דאָס פענצטער, ווי זיי וואָלטן וועלן כאַפּן די פרוי און זעען ווידער פאַרשווינדן געוואָרן. איין מאָמענט איז ער געהאַנגען לעבן פענצ-טער, אַ פאַרטויבטער. סאַראַ פיין! אָבער צי דען קלינגט נישט ווידער אין זיין נשמה איר ליבלעך קעלעכל?

פלוצלינג האָבן די ביי-בנינים גענומען טרעשטשען, ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ גאַנצער וואָלקן הייס אַש און אַ פייער האָט אָפּגעבריט די לונגען.

— גיי אַראָפּ, די לייטער ברענט! — האָט מען אים פון אונטן צוגערופן.

מטורפדיקע גלאָקן-קלאַנגען האָבן אָנגעזאָגט, אַז ס'דערנענטערן זיך די פייערלעשער. אָבער צווישן דאָזיקן גאַנצן טומל און געקליגגערײ האָט פעללע אויסגעטיילט בלויז שוואַכע, זיך-דערווייטערנדיקע קלאַנגען. מיט איין שפרונג איז ער שוין געווען אין פרוי יאַנסענס צימער און האָט זיך צוגעהערט. דורך דער וואַנט האָט ער געהערט אַ קינדעריש געוויין, לענגאויס דעם אינערלעכן קאָרידאָר האָבן זיך אויך געפונען צימערן. וואָס טוט מען? ס'איז קיין שום צוטריט נישט געווען צו דידאָזיקע צי-מערן. צווישן זיי איז געשטאַנען אַ וואַנט.

פון אונטן האָט מען גערופן פעללען.

זאָל זיי כאַפּן דער טייוול, ער וועט קומען, ווען ער וועט וועלן. דאָס וויינענדיקע קול פונם קינד האָט אַריינגעגעבן אין אים עפּעס אַ מין ווילדע עקשנות און האָט אים איינגעהאַלטן אויף אָן אָרט. אַ ווילדער צאָרן האָט אים אַרומגעכאַפּט, מיט די גאַנצע כוחות האָט ער אַ זעץ גע-טון מיט אַן אַקסל אין דער פאַרשאָלטענער וואַנט, ווילנדיק פאַרשאַפן זיך ווייטיק. אַך, זי גיט נאָך! ער האָט אַ שפּאַר געטון אויף איר נאָכא-מאָל מיט אומממענטשלעכער קראַפט און אַ טייל וועגטל איז אָפּגעשפרונ-גען. אַ שטיקנדיקע היץ און וואָלקנס רויך האָבן זיך געריסן פון לאָך; ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט די

הענט, אריינדרינגענדיק אין שכנותדיקן רוים. א פיצעלע קינד איז געלעגן אין וויגעלע.

ער האָט זיך אַ וואָרף געטון דערצו, איז אָבער געצווונגען געווען אָפּצושפּרינגען צו דער וואַנט. דער פרישער שטראָם לופט האָט פאַר־שטאַרקט דאָס פייער און אַרומגעכאַפּט פעללען. ער איז אומגעפאַלן אויף די קני. פעללען איז פאַרגעקומען, אַז אַ חיה, וואָס ווערט געפייניקט פון דורשט, לעקט אים אָפּ מיט איר הייסער צונג. הינטער אים איז אַלץ פול געווען מיט אַ שרעקלעכן רעש און טראַסק, ווי בעת אַ שטורעם. אָבער מיטאַמאָל איז געוואָרן שטיל, ווען ער האָט אויפגעבראָכן די טיר. כמעט אַ דערשטיקטער האָט ער געפונען דאָס פענצטער און געוואָלט אַ רוף טון די, וואָס זענען געשטאַנען אונטן, אָבער די שטימע האָט זיך אָפּגע־זאָגט צו דינען, — פון האַלז האָט זיך געריסן בלויז אַ הייזעריק שעפּטשען.

פעללע איז געשטאַנען מיטן קינד אויף די הענט. אָבער וואָס איז די פעולה? ער איז אָבער פאַרט אַדורך דורך דער וואַנט. הינטער אים האָט געפּלאַקערט. ער האָט געמאַכט אין טיר אַן עפענונג. זי איז כסדר גרעסער געוואָרן, עס זענען געפאַלן פונקען און אַ טרוקענע דערשטיקנ־דיקע היץ איז אַריינגעדרונגען דורך דער עפענונג. קליינינקע, קוים באַ־מערקבאַרע פייערלעך האָבן געשפּרונגען איבערן גלאַטן שטח, אין עטלעכע רגעס אַרום וועט אַלץ אַרומגעכאַפּט ווערן מיט אַ פלאַם־פייער. זיינע בגדים האָבן געשמעקט מיט פאַרברענטס, די הענט זענען געווען אויסער־געוויינלעך טרוקן, ווי פאַרפוילט האָלץ, און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז די האָר זיינע האָבן זיך אויפגעשטעלט. און אונטן האָט מען כסדר געשריען זיין נאָמען! זאָלן זיי רופן, זיין קאָפּ איז געוואָרן שווער פון רויך און היץ. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וועט באַלד אומפאַלן, איז דאָס קינד לעבעדיק? האָט ער אַ טראַכט געטון, ער האָט זיך אָבער נישט דערוועגט אַ קוק צו טון, ער האָט עס פאַרדעקט דאָס פנימל מיט זיין רעקל און זיך אָנגעכאַפּט פאַרן אוישאַק פון פענצטער. אין זיין דיך־לעשנדיקן באַוווסטזיין איז אויפגעשווומען דאָס געשטאַלט פון עללען און פון זיינע קינדער.

פאַרוואָס איז ער נישט געווען מיט זיי?

סּאַראַ נאַרישקייט ס'איז געווען אָוועקצוגיין פון זיי! ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען פאַרוואָס איז דאָס אַזוי געשען... און ער האָט זיך אַליין נישט פאַרשטאַנען. ווען ער זאָל דאָ נישט אומקומען, וואָלט

פֿי אַוועק אַהיים און זיך גענומען שפּילן מיטן קלײנינקן לאַססע. אָבער איצט שטאַרבט ער, ער וועט דערשטיקט ווערן פֿריער, אײדער דאָס פֿײער וועט אים אַרומכאַפּן. דערין איז געווען עפּעס אַ קלײנע באַפֿרידיקונג, — ריכטיק ווי ער זאָל דורכדעם עמעצן אָפּטון.

פֿלוצלינג איז זײַן אָפּשטאַרבנדיקער בליק לעבעדיק געוואָרן. פֿאַר זײַן סאַמע פּנים, צווישן די וואָלקנס רויך האָט ער דערזען דעם שפּיץ פֿון אַ רעטונגס-לײטער און ער האָט דערזען פֿאַר זיך אַ פֿײַערלעשער, וועלכער האָט אַרויסגעכאַפּט בײַ פּעללען דאָס קינד און עס איבערגעגעבן עמעצן אונטן. פּעללע האָט פֿאַרנעפּלט געוווּסט, אַז ער דאַרף זיך רירן פֿון אָרט, גײן, אָבער ער האָט נאָך גוט נישט געקאָנט באַגרײַפֿן, ווי אַזוי דאָס צו טון; דער פֿײַערלעשער האָט אים אַ כאַפּ געטון און אַראָפּגעשלעפּט מיט זיך אונטן.

די פֿרישע לופֿט האָט אים אומגעקערט צום באַוווּסטזײַן. ער איז אױפֿגעשפּרונגען פֿון דער טראַגע, אויף וועלכער די פֿײַערלעשער האָבן אים געהאַט אַוועקגעלײגט. די אַרומיקע האָבן אויפֿגעהויבן אַ באַגײסטערטן ליאַרם. זײ האָבן געפּאַטשט בראַוואָ; פֿרוי יאָגסען האָט זיך אַ לאָז געטון צו אים, ווי אַ משוגענע.

— פּעללע, פּעללע, דו לעבסט! — האָט די אַלטע געשריגן און געווײנט.

— געוויס לעב איך. אָבער צי דאַרף מען ווײנען דעריבער?...

— מיר האָבן דאָך געמײנט, אַז ביסט דאָרטן פֿאַרברענט געוואָרן. אָבער אויף וועמען ביסטו ענלעך, דו אומגליקלעכער!

זי האָט אים אַוועקגעפֿירט נאָך זיך צו אַ פֿאַמיליע פֿון אײנעם אַן אַרבעטער און זי האָט אים געהאָלפֿן אָנצונעמען כאָטש אַ מער-ווײניקער אָנשטענדיקן אויסזען. ערשט ווען ער האָט אַ קוק געטון אויף זיך אין שפּיגל האָט ער פֿאַרשטאַנען אין וואָס דאָ גײט. ער איז געווען נישט צום דערקענען: דער רויך און דאָס אַש האָבן זיך אײַנגעגעסן אין זײַן הויט און ס'איז אוממעגלעך געווען עס אָפּצוואַשן. אויף דער רעכטער באַק איז אונטער אַ שיכט שמוץ געווען אַ שטאַרקע בראַנד-ווונד. ער האָט זיך געווענדט צום דיזשורנעם דאָקטאָר און מען האָט אים פֿאַרקלעפּט די ווונד מיט אַ פּלאַסטער.

— איר וואָלט זיך געדאַרפֿט אָנקלעבן ברעמען, — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר. — איר זענט, ווײַזט אויס, נישקשהדיק לאַנג געווען אין פֿײַער?...

— פּאַרוואָס־זשע האָט מען אַזוי לאַנג נישט פאַרגאָסן די שרפה?

— ווי לאַנג? אין צען מינוט אַרום נאָכדעם, ווי מען האָט געמאָלדן וועגן דער שרפה, זענען שוין די פייערלעשער געווען אויפן אָרט. מיר האָבן באַקומען אַ מעלדונג אַכט אַ זייגער, און איצט איז נאָך נישטאָ קיין ניין.

פעללע איז געווען איבעררראַשט, ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, אַזוי פיל איז געשעען פאַר דערדאָזיקער צייט. אַ האַלבע שעה? אין דערדאָזיקער האַלבער שעה איז אים געלונגען צו ראַטעווען עטלעכע מענטשן פון טויט... אָדער העלפן זיי... און זענען, ווי אַנדערע קומען אום אין די פלאַמען. און ער אַליין, ווי נאָענט איז ער געווען פון טויט! דאָס האָט נישט פאַרלאָזט זיין באַוווסטזיין. אויף דער הויט פלעגן זיך באַווייזן שפּאַלטן, ווען ער פלעגט צונויפבייגן די האַנט; פון זיינע בגדים האָט געשמעקט מיט רויך. די פייערלעשער האָבן געאַרבעט אין הויף אָן אויפהער. איינע זענען געשטאַנען אויפן לעצטן שטאָפּל פון לייטער און האָבן זיך באַמיט צו פאַרגיסן דעם ברויזנדיקן פייער־ים, אַנדערע האָבן זיך באַמיט אַריינצודרינגען אינעווייניק אין הויז; פון צייט־צו־צייט פלעגט זיך באַווייזן אַ פייערלעשער, טראָגנדיק אַ פאַרקוילטן גוף. דאַן פלעגט מען צונויפרופן די איינוווינער פון דער „תיבה", זיי זאָלן אים דערקענען. מיט געוויין פלעגן זיי דורכרייסן דעם המון צוקוקער. זוכנדיק איינער דעם צווייטן. דער פּאָליציי איז אוממעגלעך געווען איינצוהאַלטן זיי אויף איין אָרט, כדי פעסטצושטעלן, וויפיל פערזאָן עס פעלן. מיטאַמאָל האָבן זיך אַלעמענס אויגן געווענדט אויפן דאַך פון פאָדערשטן בנין. דאָרט איז נאָך דאָס פייער נישט געהאַט צוגעקומען ווי געהעריק. דאָרט אינדערהייך איז געשטאַנען דער משוגענער ווינצלעוו און האָט געשפּילט אויף זיין פלייט. ווען דאָס געוויש און טראַסק פון דער שרפה פלעגט אַ ביסל שטילער ווערן, פלעגט מען הערן זיין ווילדע מוזיק.

— הערט, הערט, ער שפּילט אַ מאַרש! — האָט מען געשריגן אין המון.

— יאָ, ער האָט געשפּילט אַ באַקאַנטן מאַרש, אָבער ווינצלעווס משוגענער קאָפּ האָט פאַרוואַנדלט דידאָזיקע באַקאַנטע קלאַנגען אין ווילדע און גישט־דערקענבאַרע.

די פייערלעשער האָבן צוגעשטעלט אַ לייטער און גענומען קריכן אויף איר, כדי צו ראַטעווען דעם משוגענעם. אָבער ווי נאָר ער האָט זיי

באַמערקט, האָט ער גענומען אַנטלויפן פון זיי. ווען ער האָט שוין נישט געהאַט כּוחות צו לויפן, האָט ער זיך געוואָרפן אין פייערדיקן ים אַריין.

דער האַנדלס-פּלאַץ אין די קאַנאַל-ברעגעס זענען פאַרגראָפּט געווען מיט מענטשן; די צוקוקער זענען געשטאַנען אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ, צוקוקנדיק זיך צו דער ריזיקער שרפה פון דער „תיבה“. דאָס פייער האָט פאַרצערט אויך דעם שמוץ, דאָס אַלטוואַרג און דאָס פּוילעניש, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין משך פון די צענדליקער יאָרן. די געביידע האָט געטרעשטשעט, זיך געבראָכן און איינגעפאַלן! דער המון צוקוקער האָט זיך געפונען אין אַ גלענצנדיקער שטימונג. אַ גאַנצע נאַכט האָט קיינער מיט קיין אויג נישט צוגעטון: אַלע האָבן געקוקט אויפן דאָזיקן פייערווערק, אויף דעראָזיקער ריזיקער אילומינאַציע לכּבוד דעם ז״ג פון די אָרימע. „אַך!“ — פלעגן אויסרופן די צוקוקער מיט שטוינונג, פלעגן שיפּען, נאָכמאַכנדיק די קלאַנגען פון ראַקעטעס, און פלעגן פּאַטשן בראַוואָ, ווען אַ פלאַקער פלעגט זיך אויפהייבן אָדער ווען עס פלעגט איינפאַלן אַ דאַך.

פעללע האָט צונויפגעקליבן די איבערגעשראָקענע איינוווינער פון דער „תיבה“ לעבן דעם תפיסה-בנין, כּדי אַלע זאָלן קאָנען געפינען איינער דעם צווייטן. זיי האָבן פאַריאושט געוויינט. אַך, עס האָט געברענט די ליבע „תיבה“, דער טייערער, אומפאַרגעסלעכער מקום-מקלט!...

— נעמט זיך נישט אַזוי שטאַרק צום האַרץ, — האָט זיי פעללע געטרייסט. — אויף באַנאַכט וועט אייך די שטאָט געבן אַן אָרט, און דערנאָך וועט איר זיך איינאָרדנען אין נייע ריינינקע דירות. קלאָגט נישט אויף אייערע זאַכן: כ'וועל איינאָרדנען פאַר אייך אַ זאַמלונג און איר וועט האָבן זאַכן, נאָך בעסערע פאַר די פריערדיקע...

זיי האָבן אָבער פאַריאושט געוויינט, געבלאָנדזשעט אָן אַ ציל און עפּעס געזוכט און געקלאָגט, ווי היימלאָזע חיות; ס'האָט געברענט זייער וואַלד-געדיכטעניש, זייער זיכערער מקום-מקלט. וואָס גייט זיי אָן די איבעריקע שטאָט? זי איז נישט געווען פאַר זיי; אין דער גאַנצער וועלט האָבן זיי נישט געהאַט ווו זיך אַהינצוטון. יעדע רגע פלעגן זיך פון אַלגעמיינעם הייפל אָפּטיילן עטלעכע, זיי פלעגן זיך אומקערן צו דער שרפה — ווי פערד, וועלכע לויפן אין זייערע ברענענדיקע שטאַלן. פעללעס טרייסט האָט נישט געווירקט אויף זיי, דאָס זענען געווען מענטשן פון אַ גאַנץ אַנדערן שניט. אין די אומענדלעכע, פינצטערע איינגעווייד

פון דער „תיבה" האָבן זיי געשאָטן פאַר זיך זייער אייגן וועלטל, די וועלט פון אָרימקייט און דלות, און אין זייער זאָרגלאָזיקייט האָבן זיי זי פאַרביק און העל באַצירט, ווי אַ מין רייכקייט און גליק. און פּלוצלינג האָט דאָס אַלץ אָפּגעברענט!

דאָס פייער איז געווען אומברחמנותדיק; קיין שום זאַך האָט זיך נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן זיין רייניקנדיקן פלאַקער. ער האָט אַרויס־געוואָרפן אויפן ברוק גאַנצע פלאַכטעס האַלב־פאַרברענטע טאַפּעטן. זיי זענען געפאַלן איינע אויף די אַנדערע, און זייערע פאַרבן און מוסטערן האָבן זיך איבערגעפלאָכטן אין פאַנטאַסטישע קאָמבינאַציעס. און אויף דער פאַרקערטער זייט פון דידאָזיקע טאַפּעטן־פלאַכטעס האָט זיך גע־רויטלט ווי אַ שיכט פאַרגאָסן בלוט; דאָס זענען געווען די פאַרברענטע רעשטלעך פון דער פאַרבאָרגענער וועלט פון אינטימען לעבן, די פייער־דיקע באַשעפעניש, וועלכע האָבן אַנגעשיקט אויף די קינדער פאַנטאַס־טישע חלומות און אַריינגעזאַפּט אין זייערע קליינינקע מושלאַרטיקע קער־פּערלעך דעם צעפרעסנדיקן געראָך פון חושך, וועלכער האָט אַרומגערינגלט דעם אָרימאַן.

די „תיבה" האָט זיך, ווייזט אויס, איינגאַנצן אָנגעגליט, ווייל די־שטשורעס האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסצוקלייבן פון איר. זיי האָבן זיך געצויגן אין לאַנגע רייען, זענען געקומען פון טונעל, אַרויסגעקראָכן פון קעלער פון אייזנוואַרג־הענדלער און פון דער אַלטוואַרג־הענדלערקע; פאַרויס זענען געגאַנגען די אַלטע זכרים, וועלכע פלעגן זיך באַטאָג געוויינ־לעך ראַיען אין דעם מיסטקאַסטן. די צוקוקער האָבן זיי מיט עקל צוריק־בעיאָגט אין פייער אריין.

אַרום צען אַ זייגער איז די שרפה שטיל געוואָרן; מען האָט געקאָנט צוטרעטן אויפצורוימען די חורבות. דער המון צוקוקער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, אַ ביסל אַנטוישט דערפון, וואָס די שרפה האָט זיך אַזוי שנעל פאַרענדיקט. די „תיבה" איז פשוט געווען אַ כימערע! אין דאָזיקן גאַנצן בנין איז אפילו נישט געווען קיין איין רעכט בינטל האָלץ.

פעללע האָט גענומען צו זיך די פרוי יאַנסען און איר קליין אייניקל. די אַלטע האָט זיך דעם גאַנצן וועג בעקלאָגט, זי האָט מורא געהאַט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער געזעלשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אָרימעלייט. ווען זי האָט זיך אָבער דערוווסט, אַז פעללע נעמט זי צו זיך, איז זי רויק געוואָרן.

אויף דער בריק האָבן זיי באַגעגנט דאָס ערשטע פעסל פון די אַסאָ־ציאַציע־אַרבעטער, אַ באַצירטס מיט גרינע קרענץ און קליינינקע נאַציאָ־נאַלע פענער.

XXXVI.

אויף דאָס וועטער האָט ווי געוואָלט אָנטיילנעמען אין פרייל׳עכן יום־טוב; אין דער גאַנצער נאַטור איז צעגאָסן געווען אַ פריידיקע פייער־לעכקייט. דאָס ליכט פון דער זון האָט געשיינט צו זיין באַזונדערס מונ־טער און קלאָר. דער „אַרבעטער״ האָט אין אַ גרויס לייט־אַרטיקל באַגריסט דעם רויטן מאַרגנשיין פון אָנקומענדיקן נייעם טאָג און האָט גערופן אַלע נידעריקע קלאַסן אויף אַ פייערלעכן מיטינג, וואָס איז באַשטימט געווען אויף נאָך מיטאָג אויף דער לאַנקע.

די גאַנצע פאַרמיטאָג־צייט איז אויסגעפילט געווען מיט צוגריי־טונגען — מען האָט געדאַרפט ברענגען אין אָרדנונג די בגדים, איינ־לייגן אין קאָרב דאָס עסנוואַרג, קריגן חיין! דאָס איז געווען נישט נאָר דער יום־טוב פון נצחון! ניין, דאָס איז געווען אַזאַ מין דעמאָנסטראַציע. די אָרימע האָבן געוואָלט ווייזן, ווי גוט זיי האָבן אויסגעהאַלטן דידאַזיקע לאָקאַוט־וואָכן. זיי האָבן זיך דאָרט געדאַרפט פאַרזאַמלען אַלע ביז איינעם און האָבן אויף ווי ווייט מעגלעך אַ פאַרפוצטן און יום־טובדיקן אויסזעען.

נאָך מיטאָג האָבן זיך צום פאָלקס־הויז גענומען ציען מחנות אַר־בעטער; ס׳האָט זיך געדאַכט, ריכטיק ווי די גאַנצע שטאָט האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט און טראָגט זיך אַריבער אויף דער לאַנקע. אויפן גרויסן הויף און אויף דער ברייטער גאַס, וואָס האָט זיך פאַררייניקט מיטן פראָספעקט, וואָס האָט געפירט אין שטאָט אַריין, האָבן זיך די מיט־גלידער פון די פראָפפאַריינען פאַרזאַמלט גרופּעס־ווייז אַרום זייערע פענער. דער גאַנצער פלאַן פון יום־טוב איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון פריער און אַלץ איז געגאַנגען, ווי אויף רעלסן, אין דעם האָט זיך געמערקט אַ געוווינהייט פון קאָנען אָנפירן מיט טויזנטער. קיינער האָט נישט גע־האַוועט, אַלע האָבן תיכף געפונען די באַשטימטע ערטער. פעלער און

שטאַפּע, וועלכע האָבן צונויפגעשטעלט דעם פּאַרלויף פון דער פּײַערונג, זענען געגאַנגען איבער די רייען, באַטראַכטנדיק, צי אַלץ איז אין אָרדנונג.

די מענער האָבן אָפּגעהיטן די כּללים ווי צום בעסטן, אָבער די פרויען און קינדער האָבן זיך נישט געקאָנט פונאַנדערקלויבן אין זיי זיי האָבן גלייך געדאַרפט גיין צו דער לאָנקע, און זיי זענען געבליבן שטעקן מיט זייער באַגאַזש אויפן וועג, ווען די פּראָצעסיע האָט גערירט פון אָרט, האָבן זיי זיך פאַרייניקט מיט איר פון ביידע זייטן. אויך זיי האָבן אָנטיילגענומען אין קאַמף און זייער אָרט איז געווען לעבן די מענער.

אַזאַ פייערלעכן צוג האָט נאָך די שטאָט נישט געזעען.

ווי אַ ריזיקע שלאַנג האָט ער זיך פונאַנדערגעוויקלט אַלץ ברייטער און מאַיעסטעטישער. ווען דער קאָפּ איז שוין געווען באַם עק גאַס, האָט דער גוף פון דערדאָזיקער ריזן־שלאַנג נאָך גערוט. צונויפגעוויקלט אין אַ טונקעלער מאַסע. אָבער וואָס איז פאָרגעקומען דאָרט, פאָרויס? דער קאָפּ האָט פאַרקירעוועט נישט אין דער זייט, ווו עס איז אים פאָרגעשריבן געוואָרן לויטן סדר־היום: ער האָט זיך פאַרנומען צו דער שטאָט, אָנשטאָט צו גיין צו די לאָנקעס, צו דער רחבותדיקייט. ס'האָט געקאָנט קומען צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליציי. צי דען וועט פעללע נישט באַווייזן אומצוקערן צוריק דעם פאָלקסשטראָם, איידער עס וועט געשעען דאָס אומגליק? פעללע? אָבער פעללע איז דאָך אין דער שפּיץ! ער אַליין האָט אַ טעות געהאַט אין דער ריכטונג. אויב אַזוי איז נישטאָ וואָס צו מאַכן. אָבער וואָס־זשע איז מיט אים געשעען? פעללע גייט אין דער ערשטער שורה, לעבן דער פאָן. ער באַמערקט גאָרנישט און הערט גאָרנישט – ער קוקט איבער דעם המון, זיין פּנים שיינט. זיין הויט איז נאָך שוואַרץ נאָך דער שׂרפה, די הענט שיילן זיך; די באָרד און די האָר אויפן קאָפּ האָבן פונקט אַזאַ מאָדנע אויסזעען; די ווונד אויף דער באַק האָט זיך פאַרצויגן, צוזאַמענציענדיק די הויט. אָבער ער פילט און באַגרייפט בלויז איינס — בלויז דעם ריטם פון דידאָזיקע פופציק טויזנט מענטשן. אַלס קינד נאָך האָט ער עס דורכגעלעבט אין זיינע טרוימען.

דאָס איז געווען די גרויסע פעלקער־וואַנדערונג און ער פירט זיי אין אַ ניי לאַנד. און ווו, אויב נישט דורך דער שטאַרק־באַפעלקערטער שטאָט, מוז דורכגיין זייער וועג? באַם צפון־וואַל האָט די פּאָליציי געוואָלט אָפּשליסן פאַר זיי דעם צוטריט אין דער אינערלעכער טייל

שטאָט, די רייטער האָבן זיך איינגעשניטן אין דער פאָדערשטער טייל פּראָצעסיע. אָבער דער נישט אויפהאַלטנדיקער שטראָם האָט זיך געטראָגן ווייטער, קיין שום זאַך האָט אים נישט געקאָנט אָפּשטעלן.

ער פליסט ווייטער, איבער דער שטאָט, לאַנגזאַם, אָבער פעסט שלאָגט דורך אַ וועג פאַר זיך זיין שווערע מאַסע. פרידלעכע כוחות היטן אים אָפּ. ווער וועט זיך דערוועגן צו שטערן זיין רו ? די פּאָליציי גייט אים נאָך, ווי אַ טשאַטע היט-הינט. אומעטום שטייט אַן עולם. אייניקע האָבן אַרויפגעקלעטערט אויף די ווענט און קוקן אַראָפּ פון דאָרטן ; אַנדערע באַגלייטן די פּראָצעסיע, אַנדערע באַגעגענען זי מיט חוזק-ווערטער — דאָ זענען זיך צונויפגעקומען סיי פריינט סיי פיינט. הינטער גרויסע גלעזערנע שויבן קוקן אין לאָרנעטעס אויסגעפוצטע דאַמען און הערן ; אויף זייערע פּנימער זעט זיך אַ האַלב-פאַראַכטנדיקער, אַ האַלב-אומרויקער שמייכל... וואָס פאַר אַ מאָדנע וועלט פון דידאָזיקע הונגעריקע און אָפּגעריסענע מענטשן, פאַרוואָס זענען זיי מיטאַמאָל אַרויסגעגאַנגען אין האָבן פאַרכאַפּט די שטאָט ? די פאַבריקאַנטן קוקן דורך די טיול-גאַרדינען אויף דעם, וואָס קומט פאָר. וואָס איז דאָס פאַר אַ נייע דעמאָנסטראַציע ? מען האָט זיי דאָך שוין מוחל געווען, וואָס-זשע ווילן זיי נאָך ? אַנשטאָט שטיל און הכנעהדיק זיך נעמען צו דער אַרבעט, דרייען זיי זיך אַרום איבער די גאַסן, באַרימענדיק זיך מיט זייער גרויסער צאָל ! און ווי געזונט דער הונגער האָט זיי אָפּגעטאָקט ! צוזוואָס האָבן זיי צוגעטראַכט דעמדאָזיקן פּאַראַד ? אויב זיי האָבן געוואָלט ווייזן, ווי שווער זיי איז געווען — האָבן זיי נישט געקאָנט צוטראַכטן עפּעס בעסערס — בלייכע, אויסגעצערטע, אָפּגעריסענע. אַלדאָס בעסטע געפינט זיך אין דער גרוימער געזעלשאַפטלעכער שאַפע ! אויף זיך טראָגן זיי נאָר לאַטעס. דער הונגער האָט דורכגעאַקערט זייערע פּנימער ; זייער פּראָצעסיע איז גיכער ענלעך געווען אויף בלאָנדזשענדיקע נשמות פון טויטע, ווי אויף דעראָבערער פון אַ ניי לאַנד פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער. אַ גאַנצער קריגס-צוג פון הינקענדיקע דעראָבערער. דאָס זענען באַשעפענישן מיט אָפּגעשניטענע פליגל, וועלכע ווילן פונדעסטוועגן פליען ! וווהין-זשע גייען זיי ?

— מיר פליען אַוועק אין לאַנד פון גליק ! — האָט דער כאָר בעטומען זינגען.

ווו-זשע איז דאָסדאָזיקע לאַנד ? האָט עס דען עמעץ פון אייך געזען אין וואָרן צושטאַנד ? אָדער עס האָט זיך אייך געחלומט אין

די טרוימען, וועלכע דער הונגער האָט אַרויסגערופן? עסט זיך אָן צו-זעט און דאַן וועלן מיר זיך דורכשמועסן! וואָס געפינט זיך אויף דער צווייטער זייט פון דעם אַלעם? צי הערט נישט אויף צו ווילדעווען אין אייער אויסגעהונגערטן בלוט די פוסטקייט, וואָס האָט אייך געבוירן? אָדער דאָס איז דאָס לאַנד פון לעבן? הייבט זיך דען אָן פאַר אייך אַ נייַ לעבן? אָדער דידאַזיקע קללה, וואָס האָט אייך געבוירן — פאַר-משפט אייך אויף אייביקער קנעכטשאַפט?

דער בולטער, גלייכמעסיקער טאַקט פון זייערע טריט פאַרהילכט מיט זיך אַלץ. מיר האָבן געזיגט, הגם די בגדים אונזערע זענען אָרים. מיר האָבן אויסגעגעבן אויפן קאַמף פיר מיליאָן קראָן און צוואַנציק מי-ליאָן איז אַוועק אויף דעם, כדי אונטערצוהאַלטן די אַרבעט אָן אונז. מיר גייען פון פינצטערניש צו ליכט. קיין זאַך איז נישט בכוח אונז אָפּצו-האַלטן אין וועג. הינטער אונז איז הונגער אַון אַריבקייט, עם-הארצות און קנעכטשאַפט, — פאַר אונז אַ גליקלעך לעבן, געהייליקט דורכן פרידלעכן ליכט פון דער אויפגיי־ענדיקער זון. די נייע צייט איז היינט אָנגעקומען. מיר זענען אירע יונגע כוחות און מיר פאָדערן מאַכט פאַר צען טויזנט משפחות! די ווייניקע האָבן געהערשט צו לאַנג!

און נישט געקוקט אויף די נישט-פאַרהיילטע וווּנדן, נישט געקוקט אויף די צעווייטיקטע פיס גייען זיי ווייטער, אָן וואַקלענישן, אָן ספקות.

הערסט? זיי זינגען! הייזעריקע טענער רייסן זיך אַרויס פון פופ-ציק טויזנט ברוסטן, ריכטיק ווי זיי קאָנען נאָך נישט פריי באַהערשן זייער קול, ווי אַ נייעם אינסטרומענט, וועלכן דער באַלעבאָס האָט נאָך נישט אָנגעשטעלט — די ערשטע טענער זענען דיסאָנאַנס-טענער! אָבער אַלץ האַרמאָנישער און פרייער גלייכט זיך אויס דער הימן, צעפלאַקערט זיך דאָס געפיל פון מאַכט. אַלע זענען זיי איין קערפּער. מיט פייער-ברענען די אויגן. די טענער וואַקסן, זיי ווערן הערשערישער, דאָס איז אַ געוויטער, וועלכער מאַכט ציטערן הייזער: „אינגיכן וועט קומען דער גרויסער פרימאָרגן, ברידער"...

זעט, רירט איצט נישט אָן דעם נישטיקסטן פון זיי. אַלע ביז איינעם האָט פאַרשיכורט דאָס געפיל פון מאַכט. יעדער איינער האָט איבערגעוואַקסן זיך אַליין און ער טראַכט, אַז ער קאָן שאַפן וווּנדער. אַלע כוחות האָבן זיך פאַרייניקט אין איין-איינציקער לאַווינע. נישטאָ קיין

איין אָפּגעשפּאָלטן טײלעכל. פּרוּביר נאָר באַלײדיקן אײנעם פון זײ — די קראַפט פון גאַנצן קערפּער װעט זיך איבערגיסן אין אים.

פון דאָס בלויזע אײנס-זײן מיטן המון גיט דעם מענטש קראַפט און פרייד, טאָ ווי זענען שוין פאַרשיכורט די יעניקע, וועלכע האָבן זיך פאַראייניקט אונטער איין פאָן! די פרויען און קינדער באַגלייטן דעם צוג, הגם זיי קומט אויס מערסטנטיילס צו גיין בא די עקן פון די טראָטואַרן, לעבן די רינעס. ווי פריילעך עס איז אָפּצושטיין פון דער פּראָצעסיע און זען ווי זי גייט פאַרביי און דערנאָך ווידער זי אָניאָגן און זיך פאַראייניקן צו די ערשטע רייען!

אויב מען זאָל זיך אָפּשטעלן אויפן ראָג געסעלע, קומט אויס צו וואַרטן העכער אַ שעה, ביז די גאַנצע פּראָצעסיע וועט פאַרבייגיין פאַרביי דיר. „טראַפּ, — טראַפּ, — טראַפּ, — טראַפּ“, — דער ריטם גייט אַריין אין בלוט און באַזעצט זיך פעסט אין מאַרך מיט אַן אָפּגעמאָסטענעם טאַקט, איין פראָפּאַראײן פאַרבײַט דעם צווייטן: די אַרבעטער פון דער מאַשינען-פאַבריק מיטן דיקן מיונק אין דער שפּיץ; ער טראָגט די פאָן — ער האָט דאָן אַ קלאַפּ געטון די דריי דונערנדיקע קלעפּ, דורך וועלכע ער האָט גערופן צום קאַמף פינף און פערציק טויזנט מענטשן. אַ הויכער „הוראַ“ האָט אים באַגריסט. ווייטער זענען געגאַנגען קינסטלער, טיפּאָגראַף-אַרבעטער, די לוקסוסדיקע הענטשקע-מאַכער, בלעכער, לעדער-אַרבעטער און אַ גרופּע מאַטראָסן — מיט בעטער פּלאַקסע אין דער שפּיץ, וועלכער איז איצט געוואָרן אַ העלד. קופּער-שמידן, קוילנגרעבער, טשעסליאַרעס, בעקער-אַרבעטער, סטעלמאַכערס. סאַראַ זינלאָזע פּראָצעסיע דאָס איז!

און אָט זענען די קופּערשמידן, ליימערס, טינקערס און שלאָסאַרעס. אפילו ערדגרעבער. די שניידער און שוסטער איז לייכט צו דערקענען. גאָט מיינער, און אָט דעריאָגן זיי די פאַנטאָפּלנייער, אויך זיי ווילן אָנטיילנעמען אין דער פּראָצעסיע! באַגילטערס, גאַרבערס, וועבערס און טאַבאַק-אַרבעטער.

מויערער, רייפּערס, אייזנבינדער, טשעסליאַרעס, שיף-בוי-אַרבעטער און בוי-אַרבעטער, — און ווו איז דער סוף פון דערדאָזיקער ענדלאָזער ריי אַרבעטער? יאָ, זיי קענען זייער זאַך, דידאָזיקע אַלע מייסטערס. און אָט גייען די אַרבעטער פון די גאַז-פאַבריקן, און די קאַנאַליזאַציע-אַרבעטער, און די מעבל-סטאָליאַרעס, וועלכע גייען מיט השיבות פאַר די שמידן, ריכטיק, ווי דידאָזיקע דאַרפן זיך בא זיי עפּעס לערנען. און

אָט גייען די געשיקטע טאָקאַרעס און די בערשטער מיט ברילן אויף די אויגן, און מיט האָר אין די נעזער, אויב זיי זענען אַלט.

לכוף זענען אַלע פאַרבייגעגאַנגען. די פּראָצעסיע שליסן די שטי-פּערישע מחנה ייִנגלעך.

אָבער דידאָזיקע בחורימלעך זענען מילך-פּרעגער. נאָך זיי גייען פאַבריק-אַרבעטערינס, און ווידער ציען זיך אין אַ לאַנגער שורה די אַרבע-טער — פון מוזיק-אינסטרומענטן, מילנערס, זאָטל-אַרבעטער און טאַפּעטנ-מאַכערס; אומעטום זעט מען פּענער. ווי אומענדלעך און פאַרביק עס איז די וועלט פון די אַרבעטער! וויפיל מלאכות דער מענטש האָט צוגע-טראַכט, כדי נישט צו בלייבן אָן אַרבעט. אָט זענען די מויערער בראש מיט זייערע וועטעראַנען, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער באַווע-גונג פון סאַמע אָנהייב. גיט נאָר אַ קוק, מיט וואָסער זיכערן גאַנג עס גייט דורך דער אַלטער שטאָלפּע! און די דאַכדעקער מיטן „שפּרינגער״ בראש! זיי האָבן אַזאַ אויסזעען, ווי זיי זאָל שווער זיין צו טרעטן אוי-בערן גלייכן באָדן. זעגערס, ביר-ברויערס, שטולמאַכערס. פון יאָר צו יאָר איז זייער פאַרדינסט געזונקען, אַזוי אַז פאַרן אָנהייב פון קאַמף האָבן זיי פאַרדינט צען מאָל ווינציקער ווי פריער; אָבער גיט נאָר אַ קוק, סאַראַ פריילעכן אויסזעען זיי האָבן: איצט וועט מען ווידער קאָנען עסן און אָנגרייטן שפּייז! אָט יענע בלייכע פרויען זענען וועבערינס. זיי האָבן נישט קיין פאָן, זיי האָבן נישט קיין פאַרלאַנג צו פאָכען מיט דער פאָן, באַקומענדיק בלויז אַכט ער אַ שעה. צולעצט גייען די פאַרשפּרייטערינס פון „אַרבעטער״. ווי אויסגעמאַטערט זיי זענען פון לויפן איבער די אומצאָליקע שטיגן! זיי טראָגן אַ פּעקל צייטונגען, אַלס צייכן פון זייער פּראָפעסיע.

„טראַפּ, טראַפּ!״ — גייט די פּראָצעסיע מיט אַ פּאַמעלכן מיושב-דיקן גאַנג. וווהין? אהין, וווהין פעלע וויל.

— „אינגיכן וועט אויפגיין דער פרימאָרגן, ליבע ברידער, פאָרויס!״

און ווידעראַמאָל, און ווידעראַמאָל ווערן אונטערגעכאַפּט די קלאַנ-גען פון מאַרש. די געסלעך וואַרפן אַרויס דאָס, וואָס זיי פאַרמאָגן, אַריינגיסנדיק אין דער אַלגעמיינער מאַסע אויך יענע אומגליקלעכע וועזנס, וואָס האָבן אומווילנדיק פאַרראַטן די אַלגעמיינע זאַך און קאָנען נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך... זיי גייען נאָך דעם המון, אַרומקוקנדיק זיך מיט ברייט-צעעפנטע אויגן און געבנדיק פאַנטאַסטישע דערקלערונגען דעם, וואָס קומט פאָר. אָט שטייט אַ יונגער בחור, ער באַהאַלט זיך אויס

הינטער אַ גרופּע פרויען און שטעלט זיך אויף די שפּיץ-פינגער. עס גייט דורך זיין פּאַריין, ער האָט אים פּאַראַטן אין קאַמף. אַבער די חרטה-געפילן לאָזן אים אַהער. דער ריטם האָט אויך אים פּאַרכאַפּט און מיטגעריסן, און ער האָט פּאַרגעסן אַלץ אין דער וועלט; ער זעט זיך אין די רייען פון די, וואָס פירן זייער נצחון. און מיטאַמאָל האָבן אים די חברים אונטערגעכאַפּט און מיטגעריסן אין דער פּראָצעסיע, זיי הייבן אים אויף און פירן ווייטער.

— הורראַ!

אַ שאָד, וואָס מען קאָן אים נישט אויפהייבן אויפן אַ דרענגל טראָגן, הויך אין דער לופט!

פעללע גייט כסדר בראש פון דער פּראָצעסיע לעבן מיונקן. ער גייט אַ רויקער און שמייכלענדיקער. אָבער עס בונטעווען אין אים נישט-געצוימטע כוחות. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געשפּירט אין זיך אַזאַ כוח. עס פּאַרצוימט אים דעם וועג די פּאָליציי, אַ שווייגנדיקע און פעסטע, ווי דער קאַמף אַליין. ער פירט די פּראָצעסיע אין דער קרום איבער דעם קעניגלעכן פּלאַץ, מיטאַמאָל זענען די מאַסן פּאַרציטערט געוואָרן; ער וויל אויסשטעלן זיין אַרמיי פּאַרן פּאַלאַץ פון אַמאַליענבורג. דאָס איז גאָר קיינעם אפילו אין קאָפּ נישט געקומען! אָבער די פּאָליציי איז געווען כיטרער: אַלע גאַסן פּאַרן פּאַלאַץ זענען געווען פּאַרפּלייצט מיט מיליטער. די פּראָצעסיע פּאַרפּילט ביכלעכווייז דעם גאַנצן פּלאַץ. אַנדערט-האַלבן הונדערט פּאַרשידענע פּאַריינען מיט אַ באַוועגלעכן ים פענער, סאַראַ דערהייבנדיק בילד!

יעדע פאָן האָט איר אייגענע געשיכטע. אַלע לייוונטן זענען פון רויטער, רעוואָלוציאָנערער פּאַרב, און צווישן זיי נאַציאָנאַלע פענער — בלויע, רויטע און ווייסע. זיי געהערן צו אַלטע פּאַריינען און צעכן... איבער זיי אַלע ווייעט די פאָן פון די מיל-אַרבעטער, וועלכע ציילט עטלעכע הונדערט יאָר. דאָ פעלט אָבער די אמתע פאָן מיט די רויטע אותיות פון אינטערנאַציאָנאַל, די פאָן פון די ערשטע שווערע צייטן פון דער באַוועגונג — דידאָזיקע פאָן פעלט דאָ. די אַלטע וואָלטן זי גלייך דערקענט; די יוגנט האָט געהערט וועגן איר אַזוי פיל לעגענדעס. אויב זי עקזיסטירט אפילו, ליגט זי יעדנפאַלס זייער גוט באַהאַלטן; זי וואָלט צו שטאַרק גערייצט די מאַכט, ווי די רויטע פּאַרב — דעם אָקס. און מיטאַמאָל, ווען דער המון שטייט אומבאַוועגלעך, פּלאַטערט זי אויף אין דער לופט — אַן אָפּגעריבענע און צעקנייטשטע, אָבער אומגעענדערט

אין איר פאַרב. פעללע שטייט אויף אַ קאַסט און הייבט זי פייערלעך אויף אינדערהייך. אין ערשטן מאָמענט זעגען אַלע דערשיטערט. דערנאָך באַגריסן זיי זי מיט געשרייען, וואָס ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ הוראַגאַן פון קלאַנגען. זיי באַגריסן דידאַזיקע ברידערלעכע פאָן מיט די בלוטיק רויטע צייכנס פון אינטערנאַציאָנאַל, און זייער טרייען חבר פעללע. וועלכער האָלט זי אין זיינע אָפּגעברענטע הענט, דעמדאָזיקן פעללע, וועלכער האָט געראַטעוועט אַ קינד פון פייער און וועלכער האָט אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן נצחון!

און פעללע שמייכלט צו זיי, ווי אַ גרויס קינד. דאָ וואָלט ער געדאַרפט האַלטן אַ רעדע פאַר זיי, אָבער זיין מעכטיק קול איז נאָך נישט געקומען צוריק צו די כוחות. ער בייגט איין איבער זיי די פאָן, ווי ער זאָל נעמען באַ זיי אַ שבועה, און פעללע איז אַזוי שטיל דערביי. דאָס איז זיין אַמאָליקער טרוים, איצט איז ער פאַרווירקלעכט געוואָרן!

די פּאָליציי שנאַפּט אַרום צווישן די מאַסן. אָבער די פאָן איז פאַרשוואונדן. מיונק שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזט דרענגל. אויף וועלכן ער וויל אָנהענגען די פאָן.

— זעט, דידאָזיקע מענטשן זאָלן זיך אָפּטראָגן פונדאַנען! — האָט דראָענדיק געזאָגט דער פּאָליציי-אינספּעקטאָר.

פעללע קוקט אים גלייך אין די אויגן.

„ער וואָלט מיך אַריינגעוואָרפן אין תפיסה, ווען ער זאָל האָבן געגוג מוט דערצו", — טראַכט פעללע און פירט די פּראָצעסיע ווייטער.

דאָרט, אויף די לאָנקעס האָבן די מאַסן גערעשט. פונדערווייטנס האָבן זיי אויסגעזען ווי אַ ברוינזנדיקער ים. אַרום די רעדנער האָט מען זיך צונויפגעזאַמלט גרופּעסווייז און געהערט, וואָס זיי האָבן גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון היינטיקן טאָג. אָבער די מערהייט איז נישט בענייגט געווען צו הערן רעדעס, זיי האָבן פשוט געוואָלט זיך פרייען, מאַכן קאָזשעלקעס אין גראָז, זיך מאַכן נאַריש. אויף דער גרויסער לאָנקע האָט מען געזען גרופּעס רוענדיקע, די מענער האָבן אויסגעטון די סורדוטן און זיך געראַנגלט, אָדער זיי האָבן אויסגעפירט די גימנאַסטישע איבונגען, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אַמאָל פאַרנומען אין דער יוגנט. געלאַכט האָט מען מער, ווי געשמועסט. ווען עמעצער פלעגט מאַכן אַן ערנסטע באַמערקונג, פלעגט מען אים אויסלאַכן. היינט זענען זיי אומבאַדינגט גענייגט געווען צו שטיפן. פעללען האָט הנאה געטון די אַלגעמיינע פרייד, ער האָט אָבער געזוכט די פרוי יאָנסען מיטן אייניקל, זיי האָבן

זיך געדאַרפט טרעפן מיט אים און ברענגען דעם קויש מיט שפּייז. פעללע איז געווען שטיל און שווייגנדיק, טרויעריקע געדאַנקען האָבן אים נישט געגעבן קיין רו: ווי גוט עס וואָלט געווען צו ליגן אין גראָז, צווישן דער אייגענער פאַמיליע, פאַרבייסן מיט געדיכטע אייער און ברויט מיט פוטער, אָבער שטיפן מיטן קליינינקן לאַסקע און אים אַוועקזעצן צו זיך אויף די אַקסלען! אָבער וואָס איז די פּעולה פון טראַכטן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט נישט געקאָנט אומקערן זיך צו עללען; דאָס איז געווען אוממעגלעך. שווערער איז אים געווען צו שיידן זיך מיט די געדאַנקען וועגן זון. ער האָט געוואָלט מיט פרידלעכע מיטלען אויספועלן, ער זאָל דאָס ייִנגל נעמען צו זיך; באַשטיין אויף זיינע יורידישע רעכט האָט ער נישט געוואָלט. די גאַנצע פאַמיליע שטאָלפע האָט זיך פונאַנדערגעלייגט אויפן גראָז. דאָ זענען געווען זיינע זין מיט די ווייבער און קינדער, אַלע, אַ חוץ פעללעס פאַמיליע.

— קום שנעלער צו אונז, אַנישט וועט שוין זיין שפּעט!

— אַך, — האָט פרוי שטאָלפע אַ זיפץ געטון, — ווי לאַנג מיר זענען שוין נישט געווען צוזאַמען! וואָס־זשע זענען מיר שולדיק, אַז איר קאָנט נישט אויסקומען צווישן זיך. — זי האָט נישט געוווסט די סיבה פון זייער קריגעריי, יעדנפאַלס האָט ער אַליין איר דאָס נישט געזאָגט, און זי איז געווען מיט אים צערטלעך, ווי פריער.

— איך זוך מיין קיישל מיט שפּייז, — האָט פעללע געענטפערט, זיך צוזעצנדיק.

— סאַראַ מטורפער בחור דו ביסט, — האָט שטאָלפע אויסגערופן, לאַכנדיק. — דיר איז איינגעפאַלן פאַרנייגן זיך פאַרן ברודערל כריסטיאַן? דאָס איז געווען נישט גאָר שאַרפזיניק. אָבער, בכלל, דאָס, וואָס דו האָסט היינט געטון, וואָלט קיינער נישט דערוועגט זיך איבערצוחזרן. אַלץ איז געגאַנגען ווי געשמירט. קיין שום אומאָרדנונגען און פאַרהאַקונגען. צי ווייסטו, אַז מען וויל דיך אַוועקשטעלן בראש פון צענטראַל־קאָמיטעט? דאַן וועסטו האָבן אַ געלעגנהייט פאַרנעמען זיך מיט דיינע ברייטע פּלענער וועגן אַ וועלט־פאַריין. הגם אויך באַ אונז אין לאַנד וועט זיך געפינען נישט ווינציק אַרבעט; באַ די קומענדיקע וואַלן מוזן מיר דעראָבערן די שטאָט, ווי אויך אַ טייל דערפער. דו וועסט דאָך אַרויסשטעלן דיין קאַנדידאַטור?

— אויב איך וועל צוריקבאַקומען מיין שטימע. כ׳קאָן דאָך נישט רעדן הויך.

— פּרוביר אויפעסן אויפדערנאַכט אַ רוי געלעכל, — האָט פרוי־
שטאָלפּע געזאָגט פאַרזאָרגט, — און מאָרגן פאַרבינד דעם האַלז אויף
באַנאַכט מיט דער לינקער שקאַרפּעטקע; דאָס איז אַ גלענצנדיק מיטל,
אָבער אומבאַדינגט מיט דער לינקער.

— ווי דו זעסט, געהערט די מוטער צו די רויטע. ווען איך גיי־
לעבן איר פון דער רעכטער זייט, וויל זי מיך נישט קענען.

די זון האָט גענומען פאַרגיין, דער בין־השמשות איז אָנגעקומען.
אויף דער מערב זייט האָבן זיך באַוויזן וואָלקנס. פעללען איז געווען
אומאָנגענעם. וואָס ער האָט נאָך נישט געפונען די אַלטיטשקע יאַנסען
מיטן מיידעלע. ער איז אַוועק זיי אויפזוכן; אַלע האָבן אים באַגריסט,
און אין אַלע אויגן האָט אויפגעבליצט אַ פריידיק פייערל. פעללע האָט
באַמערקט, אַז אויף אַ געוויסן מרחק גייט אים כסדר נאָך אַ פּאָליציאַנט,
איינער פון זיינע געהיימע פאַרבינדעטע. ווי ס׳שיינט, האָט ער אים עפּעס
געוואָלט זאָגן. פעללע איז אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט און זיך געלייגט אויפן
גראָז. דער פּאָליציאַנט האָט זיך פאַרזיכטיק אומגעקוקט און זיך דער־
נענטערט צו פעללען; צוקומענדיק צו אים, האָט ער זיך איינגעבויגן, ווי־
ער זאָל עפּעס אויפהייבן און ער האָט אַרויסגעשעפּטשעט:

— מען גייט דיר נאָך; אינדערהיים בא דיר איז היינט נאָך מיטאָג
געווען אַ רעוויזיע. מען האָט דיך אַרעסטירן, ווי נאָר דו וועסט אַוועק
פונדאַנען, — און ער איז אַוועק ווייטער.

ס׳זענען פאַרביי עטלעכע רגעס, איידער פעללע האָט געקאָנט
פאַרשטיין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך... אַ רעוויזיע? אָבער וואָס האָט
ער געקאָנט האָבן אומדערלויבטס? מיטאַמאָל האָט ער זיך דערמאַנט זיין
צענקראַניקע קל־שע אויף האָלץ. זיי האָבן געזוכט עפּעס פאַרדעכטיקס,
כדי אים צו פאַרכאַפּן און — האָבן געפונען זיין שפּילצייג! מיט מי־
האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און איז געגאַנגען ווייטער.
אָפּגייענדיק, האָט ער אומזיכער אַ קוק געטון אויפן דאָזיקן ברווזנדיקן
ים מענטשן. אַ סך זענען שוין אַוועקגעגאַנגען, מיטן אָנקום פון דער
פינצטערניש וועט אַלץ פוסט ווערן.

איצט איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ נצחון, און פעללע דאַרף גיין
אין תּפיסה. צוליב וואָס? צוליב אַ פוסטער פאַנטאַזיע, וועלכע זיין
הונגעריקער דמיון האָט געשאַפן. ער האָט נישט געמאַכט קיין פאַלש
געלט, ער האָט אפילו נישט געטראַכט וועגן דעם. אָבער וואָס איז די
פעולה, זיי מוזן אים נעמען. ער האָט דאָס איבערגעלייענט אין די אויגן

פון פּאָליציי־אינספּעקטאָר. תּפיסה אָדער, אין בעסטן פאַל, אויסבעסערונגס־הויז. ער האָט געוואָלט אַפּרוקן וואָס ווייטער דעם אַנטשיידנעם מאָמענט, גוט צונויפנעמען די געדאַנקען. פעלעלע איז אַוועק אין שטאָט אַריין צום בית־עולם פונם גואל. ער איז געגאַנגען מיט די געסלעך, כּדי וואָס ווינציקער צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, דאָס רוב פּאָליציאַנטן איז נאָך צום גליק געווען הינטער דער שטאָט. די שיפן אין פּאָרט האָבן געוועקט אין אים געדאַנקען וועגן דער מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. אָבער וווּהין זאָל ער לויפן? צי דען האָט ער געקאָנט פאַרלאָזן זיין לאַנד? — דאָ איז זיין אָרט! ער מוז זיך אונטערוואַרפן דעם גורל.

דאָס טויער פון בית־עולם איז געווען צוגעמאַכט. ער איז אַריבער־געקראָכן איבער דער וואַנט; עמעץ האָט אַרויפגעלייגט אויפן פּאָטערס קבר פרישע בלומען: „מאַריאַ", — האָט ער אַ טראַכט געטון. — גע־וויס זי". דאָס איז געווען גוט. מען האָט נישט געפילט די דאָזיקע דער־דריקנדיקע איינזאַמקייט. דער פאָטער לאַססע האָט אים אויך איצט באַ־רויקט.

מען דאַרף אָבער גיין ווייטער, דער אַרעסט איז געהאָנגען איבער זיין קאָפּ. פעלעלע האָט נישט געקאָנט בלייבן שטיין אויף איין אָרט. ער איז געגאַנגען איבער דער שטאָט, אויסקלויבנדיק פאַרוואָרפענע, פינצטע־רע געסעלעך. דאָס איז געווען דאָס שלאַכט־פעלד. איצט איז אַלץ געווען רויק. זיי האָבן אים נישט פאַרשאַלטן. זיי זענען געגאַנגען צום גליק, בעת ער אַליין...

פעלעלע האָט זיך פאַרזיכטיק דערנענטערט צו זיין הויז — פאַר אים זענען געגאַנגען אין ציוויל אָנגעטוענע פּאָליציאַנטן. ער האָט זיך ווידער פאַרנומען אין אַ געסעלע. ער איז אָן אַ ציל געגאַנגען איבער דער שטאָט; ער האָט געקעמפט מיט זיך. לסוף האָט ער זיך באַשלאָסן. ער האָט געוואָלט זען עללען, זאָגן איר אַ צערטלעך וואָרט, אַ קוש טון זיינע קינדער.

אָבער דאָרט איז אויך געשטאַנען אַ וואַך, פון אַלע זייטן האָט מען אים אָפּגעשטויסן פון מענטשן, וועלנדיק אַריינוואַרפן אין איינזאַמקייט, וועלכע איז אים אַזוי פרעמד געווען. דאָס איז געווען שרעקלעך. ווי קאָן ער זיין אַליין, ווען ער האָט געלעבט בלויז אין אַ סך? עללען איז געווען זיין לעבן, וואָס עס זאָל נישט האָבן געשען. אירע פרעגנדיקע אויגן האָבן סודותדיק געקוקט אויף אים, זיך צוטוליענדיק ערגעץ־ווו אין ווינקל פון זיין וועזן, זיי האָבן אים נאָכגעקוקט — אומעטום און תּמיד.

ער האָט קלאָר געפילט, אַז זי האָט די גאַנצע צייט געוואַרט אויף אים. ווי וועט זי אויפנעמען דידאַזיקע בשורה?

ער איז דורכגעגאַנגען די גאַס, ווו מאָרטען האָט געוווינט, זיינע פענצטער זענען געווען באַלויכטן. פעללע איז אַרויפגעגאַנגען. מאָרטען האָט געלייענט.

— עי, פייערלעשער, וואָס מאַכסטו? וואָס זאָל דאָס באַדייטן, וואָס דו ביסט אַריין צו מיר? — האָט ער זיך געווענדט צו פעללען מיט אַ גוטן שמייכל.

— כ'בין געקומען זעגענען זיך מיט דיר, — האָט פעללע שטיל געענטפערט.

מאָרטען האָט פאַרוואונדערט אַ קוק געטון אויף אים.

— דו פאָרסט אַוועק?

— יאָ, יאָ. כ'האָב געהאָלט... זאָג, וואָס וואָלסטו געטון, ווען די מאַכט זאָל דיך פאַרפאָלגן? — האָט ער פלוצלינג אַ פרעג געטון.

מאָרטען האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף אים, דערנאָך, אַרויסרוקנדיק דאָס טיש-קעסטל, האָט ער אַרויסגענומען פון אים אַ רעוואָלווער.

— כ'לייד נישט קיין געוואַלט, — האָט ער פינצטער געזאָגט. — אָבער פאַרוואָס פרעגסטו מיך וועגן דעם?

— אַזוי זיך, מאָרטען. ווילסט מיר טון אַ טובה? כ'האָב צוגעזאָגט איינצואָרדנען אַ זאַמלונג לטובת די אָרימע עופהלעך פון דער „תיבה", אָבער איך וועל נישט באַוויזן. קאָנסטו זיך נעמען דערצו אַנשטאָט מיר?

— געוויס, אָבער פונדעסטוועגן פאַרשטיי איך נישט...

— יאָ, איך וויל אַ ביסל אַרומרייזן, — האָט פעללע געזאָגט מיט אַ שמייכל פון אַ געהאָנגענעם. — איצט האָט זיך געמאַכט אַ גוטע געלעגנהייט.

— אויב אַזוי, סאָ האָב אַ גליקלעכע רייזע, — האָט מאָרטען געזאָגט מיט אַ צווייפל און אים געדריקט די האַנט. פעללע האָט נישט געוווּסט, אויף ווי ווייט מאָרטען האָט זיך אָנגעשטויסן.

און פעללע איז ווידער געווען אויף דער גאַס. ניין, ער האָט נישט בעקאָנט האַנדלען לויט מאָרטענס שטייגער. איצט וועט ער גיין איבער-געבן זיך אין די הענט פון דער מאַכט. ער איז אַוועק מיט דער הויפט-גאַס. ס'איז מער נישט געווען צוליב וואָס זיך אויסצובאַהאַלטן.

ביבליאָטעק און לעז צימער פון אידיש נאַציאָנאַלען אַרבייטער פערבאַנד

LIBRARY AND READING ROOM OF THE Jewish National Workers' Alliance

אונטן, אויף דער צפון-גאַס, לעבן דער טיר פון אַ געשעפט איז געשטאַנען אַ הושדער פאַרשוין. ווען פעללע איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט זיך דער מענטש צוגעדריקט צו דער טיר. פעללע איז געבליבן שטיין אויפן טראָטואַר. די פיגור איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, זיך אויסבאַהאַלטנדיק אין דער פינצטער, דערנאָך האָט זי מיט אַ פּלוצלינגן שפּרונג אַ טאַנץ געטון אויף פעללען, מיט דער בולטער כוונה אים צו טויטן. אין דעם מאָמענט האָבן זיי דערקענט איינער דעם צווייטן.

— ווי קומסטו דאָ? כ'האָב געמיינט, אַז מען האָט דיך שוין פאַרנומען.

— פונוואַנען ווייסטו דאָס? — האָט פעללע געפרעגט.

— אָך, אַזעלכע זאַכן ווייסט מען שטענדיק, דאָס געהער שוין צו מיין פּראָפעסיע. מען וועט דיך אַריינפּאַקן אויף אַ פינף—זעקס יאָר תפיסה.

פעללע האָט אַ ציטער געטון.

— דיר איז קאַלט? — האָט פערדינאַנד געזאָגט מיט מיטלייד. — הער נאָר, פעללע, ביסט געווען אַזוי גוט צו מיר און דו האָסט מיך געוואָלט ראַטעווען. נאָך דער מוטער ביסטו מיר דער נאָענטסטער מענטש. כ'קאָן דיך אויסבאַהאַלטן און קריגן פאַר דיר געלט, דו זאָלסט קאָנען אַוועקפאָרן...

— פונוואַנען וועסטו עס נעמען? — האָט פעללע אומזיכער געפרעגט.

— אָ, איך פאַרנעם זיך מיט פונאַנדערטיילן דאָס פאַרמעגן, — האָט פערדינאַנד געזאָגט מיט אַ געלעכטער. — אין ביוראָ באַם פּאָליציי-דירעקטאָר ליגן פינף הונדערט קראָן, כ'וועל זיך באַמיען אַרויסצוקריגן עס פאַר דיר.

— ניין, — האָט פעללע געענטפערט, — בעסער וועל איך זיך אונטערגעבן מיין גורל. אָבער איך דאַנק דיר פאַר דיין גוטן פאַרלאַנג. גריס פון מיר דיין מוטער, אויב דו וועסט האָבן די קלענסטע מעגלעכקייט, גיב עפּעס דער גרויסער יצנטען מיטן איינעקל. גאַננאַ איז געשטאָרבן און זי איז זייער ביטער...

אין אַלץ, הייסט עס, געענדיקט. ער איז אַוועק צו דער געביידע פון געריכט. פינצטער האָט זי זיך געשוואַרצט אויפן פּלאַץ. ער האָט זיך אַרומגעבלאָנקעט ווייטער צו די קאַנאַלן. ס'האָט זיך אים געוואָלט נאָך אַ ביסל צונויפנעמען די געדאַנקען. ער איז געגאַנגען איבערן ברעג און

געקוקט אין האַסער אריין. מען האָט דאָרט געזעען די שיפלעך און די גרויסע נעצן צום פיש-פאַנג. קומענדיק לעבן דער קירכע, האָט ער מיט-אמאָל דערפילט אין זיך כּוח. יאָ, ס'איז צייט! ער האָט דרייסט אויפגע-הויבן דעם קאָפּ און זיך געטראָפן פּנים אל פּנים מיט מאַריאַן. ווען זי האָט אים דערקענט, האָבן זיך אירע באַקן אָנגעצונדן.

— פעללע! — האָט זי אויסגערופן מיט באַגייסטערונג. — ביסט פריי! איז דאָס אַ ליגנט הייסט עס! כ'בין געווען אויף דער פאַרזאַמלונג און דאָרט האָט מען געזאָגט, אַז דו ביסט אַרעסטירט. אָך, מיר האָבן אַלע אַזוי געטרויערט!

— יאָ, מען פאַרפאָלגט מיך, כ'גיי אַהין.

— אָך, פעללע, פעללע, ליבער!...

זי האָט געקוקט אויף אים מיט אויגן פול מיט טרערן. אָך, ער איז פאַרט געווען דער, וועלכן זי האָט געפונען, וועלכער האָט זיך גע-נייטיקט אין איר זאָרג! בײַ פעללען אין די אויגן האָבן זיך אויך באַ-וויזן טרערן. אים איז געווען אי פריידיק, אי ווייטיקדיק. ס'איז, הייסט עס, פאָרט געווען אויף דער וועלט אַ מענטש, וועלכער האָט געליטן פאַר אים — ווי שיין איז מאַריאַ געווען אין איר טרויער!

זי איז געשטאַנען פאַר אים אַ שיינע און שלאַנקע, די האָר, אַמאָל שיטערע און נישט-געקעמטע, האָבן מיט געדיכטע כוואַליעס אַרומגעצוימט איר געזיכט. זי איז גרויס אַ שיינע פון איר הערלעכער הילע.

— פעללע, — האָט זי זיך געבעטן בײַ אים, האַלטנדיק אים פאַרביידע הענט און אַראָפּלאָזנדיק די אויגן. — גיי נישט אַהין ביז אינדער-פרי. וואַרט אויף. אין היינטיקער נאַכט פרייען זיך אַלע מיט דער רו, און דו!... קום צו מיר, פעללע! דיר איז אַזוי שווער!...

איר שרעק פאַר אים האָט געקעמפט מיט די טרערן. ער האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוי באַיוו-קינדיש.

— וועגן וואָס טראַכסטו? קום. צי דען בין איך נישט שיין? פאַר דיר אַליין האָב איך אַלץ אויפגעהיט. כ'האָב דיך דאָך ליב באַקומען, פעללע, פון ערשטן בליק, און כ'האָב זיך געהויבן וואַקסן, כּדי צו ווערן שיין פאַר דיר. כ'האָב קיינעם גאָרנישט צו פאַרדאַנקען, אַ חוץ דיר. און אויב דיר איז אַלץ איינס אָן מיר, וועל איך מער נישט לעבן...

יאָ, זי האָט קיינעם פאַר גאָרנישט געדאַרט צו דאַנקען, דאָסדאָזיקע קינד, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון גאָרניט, דאָס איז אינגאַנצן זייַן שאַפונג.

א שיינע און אומפארירטע איז זי געקומען צו אים אין זיין איינזאמקייט, ווי געשיקט דורך די טויזנטער גוטע קנצנים, כדי אים געבן רו. א שיינע און ריינע נשמה, איז זי געוואקסן אין ארימקייט, שיין, ווי דאס גליק גופא. און ווו אין דער גאנצער וועלט וועט ער געפינען א בעסערן מקום-מקלט, און ווו זאל ער צושפארן זיין אויסגעמאטערטן קאפ, אויב נישט אויף דער ברוסט פונם דאזיקן מיידל, וואס איז געווען פאר אים אלץ — סיי א קינד, סיי א מוטער, סיי א געליבטע?

— ווייסט, פעללע, נאך דער פארזאמלונג זענען געווען טענץ, און מיר, די מיידלעך, האבן אויסגעפלאכטן א „מאי-קראנץ". איך האב אים דיר געזאלט אנטון אויף דיין קאפ, ווען דו וועסט קומען. מיר האבן אזוי געהיינט, ווען מען האט אונז מודיע געווען וועגן דיין ארעסט! אבער דער קראנץ איז פארט אויף דיר — נישט אמת, וואס? און איצט, שלאף רויק, און טראכט נישט וועגן מארגנדיקן טאג.

און פעללע איז איינגעשלאפן, אהערקלייגנדיק דעם קאפ אויף איר מיידלשער ברוסט. זי האט געקוקט אויף אים מיט א מוטערלעכן בליק, און פעללע האט געטרוימט, אז הונדערטער טויזנטער ארבעטער פון „דענעמארק" בויען א וואונדערבארן פאלאץ, און אז ער איז זיין בוימייסטער.

ווען דער פאלאץ איז שוין געווען אויסגעבויט, האט ער געפירט, אונטער די קלאנגען פון הימן, דעם גאנצן אומצאליקן חיל פון די ארבעטער דורך לאנגע קארידארן אין לויכטנדיקע זאלן. די זאלן זענען אבער פארשוואונדן, דער פאלאץ איז פארוואנדלט געווארן אין א תפיסה, און זיי זענען געגאנגען ווייטער און ווייטער אן א סוף און האבן נישט געקאנט געפינען קיין אויסוועג.

9386 A

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

Toronto Jewish Public Library

THIS BOOK MAY BE KEPT 21 DAYS

and may be renewed once, if no application has been registered for it.

A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date ... book will be issue...

בעלעט.

נעקסע אנדערסען מארטין

פעללע דער זיגער
(דער גרויסער קאמף)

4549

4213

6086

MAR 8 '70
NOV - 4 1984
OCT 27 '70
NOV 15 '70
JUN 1 '71
APR 28 '72
MAR 18 '74
JUN 21 '76
MAY
JUL 4
AUG
DEC 25 '77
MAR 25 '77
OCT 12

ספריה עממית בטורונטו
יידישע
פאלקס ביבליאטעק
טאראנטא
JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO